STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04840

DER VEG FUN A FOLK

Yehuda Kersh

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Herbert & Dianne Newman
in memory of
Celia Lifshitz Newman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י ה ו ד ה ק ע ר ש

דער וועג פון אַ פאָלק

יהודה קערש

דער וועג פון א פאלק

עסייען

פאַרלאַג „ישראל־בוך"
תל־אביב, תשל"ח — 1978

YEHUDA KERSH

DER WEG FUN A FOLK

THE DESTINATION

OF A NATION

Publishing House "ISRAEL-BUCH" Tel-Aviv, 1978

©

Printed in Israel 1978

י ה ו ד ה ק ע ר ש

דער וועג פון אַ פֿאָלק — הדרך של העם

הוצאת „ישראל־בוך", תל־אביב 1978

דפוס „אור" בע"מ, שד' הר־ציון 104, תל־אביב, טל. 822481. ישראל

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון :
יידישער שרייבער־פּאַראיין אין ישראל ;
אליעזר פּינעס־פאָנד ;
און קרן תל־אביב לספרות ולאמנות.

דער וועג פון אַ פאָלק

„בטבע זענען מיר גלײַך ווי אַלע מענטשן און דאָך איז אונדזער פאָלק נישט גלײַך צו אַנדערע פעלקער, ווײַל אונדזער לעבן איז אַנדערש, אונדזער געשיכטע איז אַנדערש...

און עס איז ווייניק, אַז אונדזער עטיק שטייט העכער שוין טויזנטער יאָרן. מען דאַרף, אַז יעדערער פון אונדז זאָל פילן און וויסן פאַר וואָס און מיט וואָס זי שטייט העכער. עס איז ווייניק פאַר אונדז, אַז מיר בלײַבן ייִדן, ווײַל מיר זענען געבוירן אַזוי, ווײַל מיר זענען געוווינט דערצו".

(י. ל. פרץ „בילדונג")

וואָס פאַר אַ וועג האָט דורכגעמאַכט אונדזער פאָלק? הונדערטער פעלקער זענען אַרויף אויף דער וועלטבינע, אָפּגעשפּילט זייערע ראָלן — בעסערע און מער נאָך ערגערע — און אַראָפּ, איבערלאָזנדיק דאָס אָרט פאַר אַנדערע.

ווייניק פעלקער זענען עטלעכע מאָל אויפגעטרעטן אויף דער וועלט־אַרענע און נישט פאַרשוווּנדן. לרוב זענען עס געווען גרויסע צאָלרײַכע פעלקער, וואָס האָבן באַוווינט קאָמפּאַקט זייער געביט אָדער וואָס זענען צוליב נאַטירלעכער איזאָלאַציע, ווײַטקייט פון די ברייטע גרויסע וועלט־טראַקטן, ווו עס זענען פאָרגעקומען די שטרייטן און קאַמפן צווישן די פעלקער — געבליבן לעבן ווי אַ נאַציאָנאַלער אינדיווידואום מיט זייער אייגנאַרט. אַזוי איז געשען מיט כינע, יאַפּאַן, מיט די באַסקן, מיט די אויסטראַלישע אַבאָרידזשינס.

כדי אַ מין פון די איינוווינער פון אונדזער ערד זאָל איבערלעבן זײַן צײַט האָט ער געדאַרפט זײַן געאָגראַפיש, אָרטלעך, איזאָלירט. אַזוי איז געווען מיטן פּלאַטיפּוס און די קענגורוס אין אויסטראַליע, מיט די פיש אין רויטן ים.

דאָס זעלבע האָט זיך אַלס כלל באַצויגן צו אַ ריי אַלטע פעלקער, וועלכע זענען געווען אַרומגערינגלט מיט אַ „כינעזישער וואַנט", מיט

הויכע בערג אָדער אומצוטריטלעכע אָקעאַנען. די רעשטלעך פון די אַמאָ־ליקע פעלקער, אויב זיי זענען געבליבן, זענען געווען דעגענערירט, אָפּגע־שטאַנען און גײַסטיק אומפּרוכטבאַר. זיי זענען געווען אָדער פּאָסילס, אָדער זיי האָבן נישט פאַרמאָגט די קראַפט פון רעגענעראַציע.

אַן אויסנאַם איז דאָס ייִדישע פאָלק.

דוקא צעזייט און צעשפּרייט צווישן די פעלקער אין דער גאַרער וועלט, פאַרפאָלגט און געצווונגען צו אַסימילאַציע, האָט עס אײַנגעהאַל־טן זײַן נאַציאָנאַלן אייגנאַרט, אויסגעפּאָרעמט נײַע פאָרמען פון עקסיס־טענץ, און כסדר — נאָך יעדן חורבן — באַנײַט זײַן שעפערישע טעטי־קייט פאַר זיך און פאַר דער וועלט.

וואָס האָט געווירקט אויף דעם פּראָצעס פון אויסהאַלטן? וועלכער כוח?

פאַר וואָס זענען ייִדן, אײַנהאַלטנדיק זייער נאַציאָנאַלע אידענטיטעט, געווען די פאַרמיטלער צווישן אַלטן אָריענט און דער רוימיש־העלעני־שער קולטור, און שפּעטער צווישן דער לאַטײַן־גריכישער מיט דער אַראַ־בישער, און נאָך שפּעטער אַרײַנגעפירט די קולטורווערטן פון דער אַראַ־בישער עפּאָכע אין דער אייראָפּעיִשער קולטורוועלט?

פאַר וואָס שאַפן מיר פאַר פרעמדע — רעליגיעס און אידעען — און מיר בלײַבן די באַזידלטע „אײַנגעבאַקנסטע" נאַציאָנאַליסטן?

פאַר וואָס געבן מיר אַוועק אַ גרויסן טייל פון אונדזער פאָלק דער אַסימילאַציע און מיר בלײַבן תּמיד מיטן ייִדישן קענצייכן? פאַר וואָס קען מען נישט אַנטלויפן פון א.ג. ייִדישן גורל?

און פון וואַנען נעמט זיך דער באַגריף „אייביק ייִדנטום" און די באַ־צייכענונג „ייִדישער גורל"?

ביז לעצטנס איז רעליגיעזער געדאַנק געווען דער סינאָנים פאַר קול־טור. מיט וואָס אונטערשיידט זיך דאָס אונדזער רעליגיעזער געדאַנק פון אַנדערע גלויבנס?

מיר האָבן פאַרנומען אַ ספּעציפיש אָרט אין סאָציאַלן לעבן צווישן די אומות־העולם און געווען אַ וויכטיקער טייל פון דער סאָציאַל־עקאָנאָ־מישער קאָנסטעלאַציע. איז דאָס געווען לטובת אָדער לרעה פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום?

דער עיקר פון דעם פענאָמען איז פאַר וואָס וועקט אויף יעדע סכנה, יעדער חורבן, אַזעלכע כוחות, וואָס סטײַען נישט בלויז איבערצוקומען די געפאַר, נאָר זיי העלפן נאָך נײַע, שעפערישע אויפשוווּנגען, פאַר זיך און פאַר דער וועלט?

בײַם באַהאַנדלען אָט דעם פענאָמען פון דער קאָלעקטיווער אומ־שטערבלעכקייט פון ייִדישן פאָלק — אַ פּראָבלעם, וואָס אינטריגירט סײַ שונאים, סײַ פרײַנד און אויך ייִדן גופא — שווימען אויף און קרייצן זיך פאַרשידענע היפּאָטעזן, השערות, אידעען און אידעאָלאָגיעס. עס קומען אויף די פראַגן וואָס עס איז אוניווערסאַליזם, נאַציאָנאַליזם, וואָס איז וויכטיקער וועלטשמערץ אָדער פאָלקס־צער? פאַר וואָס האָבן די אוני־ווערסאַלע באַוועגונגען —קריסטנטום, איסלאַם און מאַרקסיזם, וואָס מיר האָבן געהאָלפן שאַפן — זיך געשטעלט קעגן אונדז?

עס שטייט אין דער גאַנצער שאַרף די פראַגע צי מיר זאָלן בלײַבן ספּעציפיש ייִדיש, אָדער ווערן ככל־הגוים. צי איז אַ יחיד פאַראַנטוואָרט־לעך פאַרן כלל, און וויצע־ווערסאַ?

מיר מוזן אויך זיך פאַרטראַכטן איבער דער פראַגע ווען עס דינט די געזעלשאַפט, דער שבט, די נאַציע, די מלוכה. צי איז דער מענטש פאַרפליכטעט צו דינען דער געזעלשאַפט אָדער די געזעלשאַפט איז גע־שאַפן פאַר דעם מענטש, נישט בלויז פאַר דער „מענטשהייט״?

צי איז ייִדישקייט, יהדות, אַ סינאָנים פון פּראָגרעסיוויקייט? דעצי־דירן דאָך וועגן דעם אָביעקטיווע באַדינגונגען. און וואָס וועט זײַן אין אַנ־דערע באַדינגונגען ווי די פון גלות?

ווער באַשטימט דאָס די באַצייכענונג ייִד? די גוים אָדער די ייִדן? וואָסערע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע פאַקטאָרן, פּאָליטישע און גײַסטיקע השפּעות האָבן געשאַפן די סאָציאַל־פּראָגרעסיווע טענדענצן אין אונדזער געשיכטע, הגם די ייִדן האָבן געמוזט מיטמאַכן דעם נאָרמאַלן גאַנג פון דער היסטאָריע, וואָס פון סאָציאַל־עטישן שטאַנדפּונקט איז עס ווײַט נישט קיין פּראָגרעס.

דאָס אַלץ דאַרף באַשעפטיקן יעדן דענקנדיקן מענטש.

פאַראַן אַ סך שרײַבער און אינטעלעקטואַלן, וועלכע נעמען אָן די טעאָלאָגישע קאָנצעפּציע, אַז די רעליגיע — די פאַראייניהייטלעכטע הלכה

און דער מאַנאַטעיִזם — האָט דאָס אויפגעהאַלטן ייִדן ווי אַ פאָלק, ווייניקסטן ביזן אַנטשטיין פון מדינת ישראל. די דאָזיקע קאָנצעפּציע קען למשל נישט אָנגעווענדעט ווערן לגבי די שומרונים, געטרײַע דינער פון ייִדישן דת, צוליב וועלכן זיי זענען אויסגעשטאַנען רדיפות. דאָך וועט קיינער נישט זאָגן אויף זיי, אַז זיי זענען ייִדן, ווי עס זעען אונדז סײַ שונאים, סײַ פרײַנד. און מיר אַליין וואָלטן גאָרנישט געוואָלט זײַן ענלעך צו זיי. זייער פאַרגליווערטקייט איז געקומען צוליבן האַלטן זיך בײַם גלויבן און פאָרמען פון לעבן, אויסגעאַרבעט מיט 2.000 יאָר צוריק.

דאָס ברענגט אונדז צום אויספיר, אַז דאָס רעליגיעזע דענקען איז טאַקע אַ טייל פון אויסדרוק פון דער סאָציאַלער עקסיסטענץ פון פאָלק, אָבער די דאָזיקע סאָציאַלע עקסיסטענץ האָט אַ סך פונקציעס, וואָס איינע פון זיי איז דאָס רעליגיעזע דענקען, וואָס דאַרף דורכמאַכן אַן אַנטוויקלונג צוזאַמען מיט אַנדערע פונקציעס פון נאַציאָנאַלן לעבן. אַלע, וועלכע זענען געבליבן שטיין אין מיטן וועג, אָדער נישט גענומען אין אַכט אַנדערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען — די שומרונים און די קראים — זענען פאַרגליווערט געוואָרן.

אין איין הינזיכט זענען די אָנהענגער פון דער טעאָלאָגישער קאָנצעפּציע גערעכט. זיי האַלטן, אַז אונדזער מאָנאָטעיִזם און די דערמיט פאַרבונדענע עטיש־סאָציאַלע פּרינציפּן זענען געווען און געבליבן אַן אויסנאַם. אין אָנבליק פון די היסטאָרישע פאַקטן ווערט בטל די א.ג. היסטאָריש־עוואָלוציאָנערע טעאָריע, די לערע, אַז יעדע עפּאָכע, צײַטאָפּשניט פון דער געשיכטע, יעדע דערשײַנונג, האָט אַן אַנטוויקלונג פון פּרימיטיוויטעט צו ראַפינירטקייט, לויט די סימנים און איינקלאַנג מיט דער צײַט. אַלץ גייט צו בהדרגה, אָן שפּרונגען. די פאַקטן אָבער זענען אַנדערש. אָט האָבן די גריכן דערגרײַכט אין קונסט און פילאָסאָפיע אַזאַ הויכע מדרגה אין אַ וועלט פון באַרבאַריזם. אפילו יאָרהונדערטער שפּעטער האָט די וועלט נישט געקענט דערגרײַכן זייער ניוואָ.

דאָס זעלבע איז געשען מיטן ייִדישן פאָלק. עס איז געוואָרן אַן אויסנאַם. די ייִדן האָבן געהאַט אַ מאָנאָטעיִסטישן גלויבן, פרײַ פון עקסטרעמען אַנטראָפּאָמאָרפיזם, אין אַ וועלט פון געצנדינערײַ. נאָך מער, עס האָט כמעט ווי אויסגעמיטן דעם פּאָליטעיִזם, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט

צווישן דער פּרימיטיווער דינסט צו די איבערנאַטירלעכע און נאַטור־כוחות און דעם שפּעטערדיקן מאָנאָטעיִזם.

דער מעמד הר סיני, ווען אַפילו ער איז נישט פולשטענדיק אימפּלע־מענטירט געוואָרן אין לעבן פון די אוראַלטע ייִדן, איז ער דאָך געווען דער העכערער גייַסטיקער צושטאַנד און פאַקטאָר, וואָס האָט אויספּאָר־מירט מיט דער צייַט דעם כאַראַקטער פון פאָלק.

דער סאָציאַלער פּאַטאָס פון די נביאים, זייער אידעאָלאָגיע, איז ווייַט פאַרגלאָפּן נישט בלויז זייער צייַט, נאָר אויך מיר הייַנט האַלטן נאָך ווייַט פון דעם צו רעאַליזירן זייער חלום און אידעע וועגן אַ נייַער גערעכטער וועלט.

אין אונדזער צייַט — אונטער דער ווירקונג פון מאַטעריאַליזם און מאַרקסיזם — האָט מען געפּרוווט דערקלערן די „אייביקייט" פון ייִדישן פאָלק מיט דער באַזונדערער ספּעציפישער עקאָנאָמישער ראָל פון די ייִדן. געוויס האָט דער דאָזיקער מאָמענט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל, הגם צו געוויסע פּעריאָדן פון דער געשיכטע און צו געוויסע שיכטן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג לאָזט זיך דאָס נישט צופּאַסן.

די ציוניסטישע קאָנצעפּציע האָט אַרויסגערוקט די הנחה, אַז נאָר דאָס לאַנד, די מלוכה, איז דער יסוד פון דער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ, און אויב מיר זענען דאָך אַ פאָלק עטלעכע טויזנט יאָר אָן אַ לאַנד האָבן מיר דאָס צו פאַרדאַנקען, וואָס מיר האָבן געהאַט אַן עקוויוואַלענט: די בענקשאַפט צו שיבת־ציון. די דאָזיקע ספּירוטואַליסטישע קאָנצעפּציע רופט זיך איבער מיט דער טעאָלאָגישער.

פיל סיבות האָבן געווירקט אין ייִדישן סאָציאַל־נאַציאָנאַלן לעבן גלייַכצייַטיק, אַז מען זאָל קענען געבן פּריאָריטעט אַ געוויסער קאָנצעפּ־ציע. ווען מיר וועלן געגנוי באַטראַכטן געוויסע מאָמענטן פון אונדזער פּייַנ־פולן וועג אין דער געשיכטע, וועלן מיר זען, אַז אויף געוויסע עטאַפּן האָ־בן מיר זיך אָנגעגרייט „שפּייַז", מיר זאָלן קענען אויסהאַלטן דעם גאַנג אין דעם מדבר פון די גרויזאַמע גרויזאַמע...

אַ פאָלק האַלט איין זייַן נאַציאָנאַלע אייגנאַרט, האָט אַ קיום און המ־שך, נאָר ווען עס געדענקט זייַן געשיכטע, ווען עס לעבט איבער אויף סנייַ יעדן מאָמענט פון זייַן געשיכטע, וואָס האָט זיך אויסגעווירקט אויף

זײַן ספּעציפֿישקייט, אויף זײַן אַרט טראַכטן, דענקען, אויף זײַן שטייגער לעבן.

די ווײַטערדיקע קאַפּיטלען וועלן נישט אויסשעפּן אַלע וויכטיקע מאָ־מענטן, און זיי וועלן אויך נישט אויסשעפּן אַלע קוועלן פֿון די באַהאַנדלטע טעמעס. עס איז נישט קיין קורס פֿון געשיכטע, קיין היסטאָריע־בוך, ווו מען גייט כסדר לויט געשעענישן, פֿון פֿירער צו פֿירער, פֿון קעניג צו קע־ניג. פּונקט ווי מען לערנט אין אַלגעמיין מאַטעמאַטיק נישט צוליבן קע־נען באַרעכענען — אויף דערויף האָבן מיר רעכנמאַשינען, קאָמפּיוטערס — נאָר אַדאַנק די מאַטעמאַטישע איבונגען לערנט מען זיך לאָגיש דענ־קען, אויפֿבויען אַ געדאַנקלעכע קאָנסטרוקציע. אַזוי דאַרפֿן די ווײַטער־דיקע קאַפּיטלען אָנרעגן צו באַטראַכטן פֿון אַ געוויסן קוקווינקל די גע־שיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק, דערזען אין די באַהאַנדלטע טעמעס דעם קרייצוועג, די פּרשת־הדרכים, וואָס האָבן געפֿירט צו פֿאַרשידענע וועגן און פֿאַר וואָס דער גאַנג אונדזערער איז דייקע געגאַנגען אַזוי און נישט אַנדערש.

וועלן די לייענער דאָס טאָן, אויפֿבויען אַליין אַ קאָנסטרוקציע אויפֿ־צונעמען די היסטאָרישע געשעענישן, אויסאַרבעטן אַליין אַ קאָנצעפּציע — וועט מײַן אויפֿגאַבע זײַן דערפֿילט.

כ׳שטרײַך נאָך אַ מאָל אונטער: די ווײַטערדיקע קאַפּיטלען דאַרפֿן קלאָרער מאַכן, אויפֿקלערן און אָנדײַטן אויף דעם רויטן פֿאָדעם, וואָס ציט זיך אין אונדזער געשיכטע, אָבער נישט פֿאַרענטפֿערן אַלע פֿראַגן. און דאָס, נישט בלויז דערפֿאַר וואָס עס איז נישטאָ קיין אַבסאָלוטער אמת, נאָר דער עיקר דערפֿאַר, ווײַל מיר טראַכטן סוביעקטיוו, אַפֿילו ווען מיר מיינען און באַמיען זיך צו זײַן אָביעקטיוו.

די פונדאַמענטן פון דער נאַציע

א. די אָפּשטאַמונג פון יידישן פאָלק

צי זענען מיר טאַקע „זרע אברהם, יצחק ויעקב"? צי האָבן מיר זיך נישט אויסגעמישט מיט אַנדערע פעלקער לעבנדיק אַזוי לאַנג צווישן די דאָזיקע אומות? האָט דאָך די תורה נישט געהאַלטן פון ראַסן־פּרינציפּ, טאָ ווי אַזוי איז מעגלעך געווען אײַנצוהאַלטן ראַסן־ריינקייט? זאָגן דער רוב פאָרשער, אַז די פרומע ייִדן פון תימן זענען גאָר פון אַראַבישער אָפּשטאַמונג. אַנדערע געלערנטע טענהען, אַז די ייִדן אין אונגאַרן זענען פון מאָנגאָליש־כאַזאַרישער גזע. אויך וועגן אַנדערע ייִדישע קיבוצים זענען פאַראַן השערות וועגן נישט־סעמיטישער אָפּשטאַמונג, וועגן מישונגען.

צי די ייִדן זענען אַ ריינע ראַסע איז נישט בלויז אַ וויסנשאַפטלעכער שטרייט נאָר עס האָט אויך אַ פּאָליטישן אויסקלאַנג. דער מאָדערנער אַנטיסעמיטיזם שטיצט זיך נישט אויפן רעליגיעזן אונטערשיד נאָר אויפן ביאָלאָגישן ראַסן־פּרינציפּ, אויף דער טעאָריע פון העכערע און נידעריקע ראַסן.

מען רוקט אַרויס דרײַ היפּאָטעזן וועגן דער אָפּשטאַמונג פון ייִדן.

די ערשטע איז, אַז ייִדן זענען ריינע סעמיטן, אַן אָריענטאַלישע ראַסע, דאַמאָלס זענען די צפון־אַפריקאַנער ייִדן די דירעקטע יורשים פון די אוראַלטע עברים. און די אייראָפּעיִשע ייִדן זענען אַ געמיש מיט דער א.ג. אַלפּינישער ראַסע.

די צווייטע מיינונג איז, אַז ייִדן זענען קיין מאָל נישט געווען קיין ריינע סעמיטן, ווײַל נאָך די אוראַלטע שבטים האָבן זיך, באַזעצנדיק אין כנען, געמישט מיט די נישט־סעמיטישע חתים און אַרישע פּלשתים. דאַמאָלס וואָלט מען געקענט באַטראַכטן די אייראָפּעיִשע ייִדן אַלס די דירעקטע יורשים, און די צפון־אַפריקאַנער ייִדן אַלס אַ געמיש מיט דער

לאַנגקעפּיקער מיטללענדישער ראַסע, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די אַראַבער.

פאַראַן אָבער אַ דריטע השערה, אַז סײַ די איראַפּעיִשע, סײַ די צפון־אַפריקאַנער ייִדן זענען נישט קיין ראַסעטיפּן און אונטערשיידן זיך פון אוראַלטן עברי.

הײַנט נוצט מען אָפט די נישט ריכטיקע פאַרטיילונג אויף אשכנזים און ספרדים. דערבײַ נעמט מען אָן, אַז די ספרדים זענען נעענטער צום אוראַלטן ישראלי, ווײַל זיי זענען טונקלהויטיקע, און די אשכנזים זענען אַ גרעסערער געמיש צוליב דער טיילווײַזער בלאָנדקייט און העלע אויגן. דערבײַ פאַרגעסט מען צו דיפערענצירן די ספרדים, וואָס צווישן זיי גופא זענען אָפט פאַראַן גרעסערע אונטערשיידן ווי צווישן אשכנזים און ספרדים. די איטאַליענישע, פראַנצויזישע, אַמעריקאַנער און בולגאַרישע ספרדים האָבן ווייניק געמיינזאַמעס מיט די „פרענקן" פון מאַראָקאָ און אַלזשיר.

דער געלערנטער מענדעל האָט געזאָגט, אַז אין ווײַטערדיקע דורות טרעטן אויף טייל מאָל ריינע טיפּן. און דאָס טרעפן מיר סײַ בײַ ספרדים, סײַ בײַ אשכנזים.

די וויסנשאַפט וועגן דער אָפּשטאַמונג פון מענטש, די אַנטראָפּאָלאָגיע, גיט אָן אַ ריי אַנאַטאָמישע סימנים לויט וועלכע מען טיילט די ראַסן. קודם־כל דער פאָרם פון שאַרבן. 80 פּראָצענט פון די ייִדן זענען קורצקעפּיק (בראַכיקעפאַל) און דאָס טרעפט מען אי בײַ די ספרדים, אי בײַ די אשכנזים. גאָר ברייטע קעפּ האָבן די קאַווקאַזער באַרג־ייִדן און מען וויל עס דערקלערן מיט דער היפּאָטעטישער אָפּשטאַמונג פון די כאַזאַרן.

די צפון־אַפריקאַנער ייִדן, וועלכע האָבן אַ צומיש פון בערבעריש און אַראַביש בלוט, זענען מיטלקעפּיק (מעזאָקעפאַל). לאַנגקעפּיק (דאָליכאָקעפאַל) זענען די תימנים און די בוכאַרער ייִדן, וועלכע זאָלן אָפּשטאַמען לרוב פון די יודאַיִזירטע אַראַבער.

לויט די האָר און אויגן זעען מיר די דערשײַנונג, אַז וואָס מער צום צפון עס וווינען די ייִדן אַלץ העלער זענען זיי. די תימנער האָבן טונקעלע אויגן. צום העלער מאַכן די קאָליר האָבן געווירקט קלימאַטישע סי־

בות ווי אויך די מישונג מיט די בלאָנדע און בלוי־אויגיקע פעלקער.

אין פוילן (צווישן די צוויי וועלט־מלחמות) זענען געווען נאָר 55 פּראָצענט טונקעלע אויגן, דאַקעגן וואָס שייך האָר טרעפן מיר אַזש 96,8 פּראָצענט טונקעלע, 2,6 פּראָצענט רויטע און נאָר אַ האַלבן פּראָצענט בלאָנדע.

אין דער ליטע, ווו דער פּראָצענט טונקעלע אויגן איז גרעסער, 65 פּראָצענט, טרעפן מיר אָבער 15 פּראָצענט בלאָנדע, 2,4 פּראָצענט רויטהאָריקע און 81 פּראָצענט טונקלהאָריקע.

אין דאַגעסטאַן טרעפן מיר 93 פּראָצענט טונקעלע אויגן און 97 פּראָצענט טונקעלע האָר, רויטהאָריקע 2,5 פּראָצענט און נאָר אַ האַלבן פּראָצענט בלאָנדע.

מען רעדט אַ סך און מען שרײַבט אָפט וועגן נידעריקן וווקס בײַ ייִדן. דאָס איז בכלל נישט קיין אָפּשטאַמונג־פּראָבלעם. דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דעם וואָס ייִדן זענען לאַנגע פּעריאָדן געווען אַ שטאָטישער עלעמענט, צוזאַמענגעפּרעסט אין די ענגע געטאָס און דאָס האָט זיך פאַטאַל אויסגעווירקט אויף דער פיזישער אַנטוויקלונג. אין די הײַנטיקע נײַע באַדינגונגען זעען מיר ווי דער נײַער ייִנגער דור האָט זיך אַ „הויב" געטאָן.

דאָס ייִדישע פּנים ווערט געמאָלן זייער שמאָל. אויך דאָ זענען פאַראַן אונטערשיידן. די שטאַרק צווייפלהאַפטע ייִדן (לויט דער אָפּשטאַמונג), די תּימנים האָבן אין דורכשניט 12.7 סמ. די ברייט, די אוקראַינער און באַגדאַדער ייִדן 13,4 סמ. און די קאַווקאַזער 14 סמ.

ווער געדענקט דאָס נישט די ייִדישע קאַריקאַטורעלע נאָז אין די פּוילישע אַנטיסעמיטישע צייטונגען און אין „שטירמער"? הײַנט קענט איר אַזעלכע קאַריקאַטורן געפינען אין די סאָוויעטישע „וויסנשאַפטלעכע" אויסגאַבן און אַפילו אין... די אַראַבישע צײַטונגען.

לאָמיר באַלד זאָגן, אַז די הויקערדיקע אָדלערנאָז, וואָס האָט געדינט אַלע אַנטיסעמיטן־צייכענער איז נאָר געווען אין דער קאַריקאַטור, בײַ ייִדישע מענער האָבן אַזעלכע נעז נאָר 14.25 פּראָצענט, און 57 פּראָצענט פון אַלע ייִדישע מענער האָבן די אַ.ג. קלאַסיש־גריכישע נעז, 22

פראַצענט האָבן דאָס „פוילישׁ פּאָררייסן נעזל", ד"ה אַ קורצע נאָז מיטן שפּיץ אַרויף. 6,42 פראַצענט האָבן ברייטע פלאַטשיקע נעז.

די אַרמעניער, איטאַליענער און די „ריינע אַריער" — די בייערן, האָבן אַ גרעסערן פּראָצענט הויקערנעז ווי יידן.

ביי יידישע פרויען איז נאָך מער בולט די גראָדמעסיקייט פון דער נאָז.

די נייע מאָדערנע וויסנשאַפט שטיצט זיך אַ סך אויף דער פאָרשונג פון בלוט. דאָ איז פעסטגעשטעלט, אַז די אייראָפּעיִשע גרופּע „אַ" איז ביי יידן פאַרטרעטן מיט אַ גרעסערן פּראָצענט ווי ביי אַנדערע פעלקער.

אויף דער אַנטיסעמיטישער בינע פון דער רוימישער צייט אַן האָט מען דעם ייִד פאַרגעשטעלט ווי ער „רעדט מיט די הענט", מאַכט מי־אוסע העוויות אד"גל. אויך יידן זענען נישט פריי געווען און זענען ביז היינט נישט פריי פון אַזאַ איינשטעלונג. יידישע אַקטיאָרן פלעגן ברענ־גען אויף דער בינע אַזעלכע קאַריקאַטורעלע געשטאַלטן פון יידן. מען האָט אויך אַ סך גערעדט — שוין אין דעם פּאָזיטיוון זין — וועגן דעם יידישן טרויער, באַזונדערס אין די אויגן און וועגן די קישעלעך אונטער די אויגן.

איז די מעשה אַזוי: אַלע פעלקער אַרום דעם מיטללענדישן ים רע־דן מיט די הענט. גענוג זיך צוצוקוקן צום עולם אין אַ גריכישן אָדער איטאַ־ליענישן קאַפע, שוין אָפּגערעדט פון די אַראַבישע מערק, כדי צו זען, אַז די העוויות זענען נישט קיין יידישע אייגנשאַפט. וואָס שייך דעם טרויער איז עס געווען אַ רעזולטאַט פון די שווערע באַדינגונגען. די נאָרמאַליזאַציע פון יידישן לעבן יאָגט אַוועק דעם טרויער, מאַכט זיכערער, רויִקער די באַוועגונגען, וואָס זענען געווען אַ רעזולטאַט פון דער נערוון־שפּאַנונג, אין וועלכער מיר לעבן נאָך ביזן היינטיקן טאָג.

עד כאן — אַ ביסל וויסנשאַפטלעכע באַמערקונגען וועגן אונדזער באַזונדערטקייט.

מיר שטאַמען אָפּ פון סעמיטן מיט אַ געמיש פון פרעמד בלוט און דאָס איז נאַטירלעך צוליבן לעבן צוזאַמען מיט אַנדערע פעלקער אין לויף פון אַזוי פיל יאָרן. מיר זענען אַ געמישטע ראַסע ווי אַלע נישט־דעגענע־רירטע פעלקער.

פון וועמען שטאַמט אָפּ דאָס ייִדישע פאָלק?

מיר מוזן זיך ווענדן צום תּנך, כּדי געוואָר צו ווערן אונדזער יחוס.

דער תּנך איז אַ זאַמלונג פון פאַרשידנאַרטיקע, אָפּט ווידערשפּרעכלעכע, פאָלקסשאַפונגען, לעגענדעס, געאָגראַפישע באַשרײַבונגען, געשיכטלעכע פּאַסירונגען, געזעצן און... שיינע, ווונדערשיינע ליטעראַטור.

וואָס איז ריכטיק און אמת אין די דערציילונגען פון תּנך?

די פרומע אָרטאָדאָקסישע קרײַזן נעמען אָן ווערטלעך אַלע שטעלן אין תּנך פאַר ריכטיק. אָבער שוין אין די אַלטע צײַטן (דורך פילאָ פון אַלעקסאַנדריע) און אין מיטל־עלטער (חיווי הבלכי א״א) האָבן אַ טייל געלערנטע אָנגעוויזן אויף סתּירות. דער רמבם און אַנדערע ראַציאָנאַליסטן האָבן געפּרוּווט טײַטשן געוויסע ערטער אַלס סימבאָלן און געראָטן נישט נעמען ווערטלעך אַלע אָפּט פאַרגרײַזטע שטעלן.

די ביבל־קריטיק פון פאַריקן יאָרהונדערט האָט געשטרעבט אָפּצולייקענען דעם היסטאָרישן ווערט פון תּנך. זיי האָבן געזוכט צו דערווײַזן די אומפּינקטלעכקייט. זייער נעגאַטיווע אײַנשטעלונג צום „ספר הספרים" איז געווען אַ פּועל־יוצא פון דער „גאָטלאָזער" צײַט, פון גערانגל צו ליקווידירן די רעשטלעך פון דער טעאָקראַטיע אין אייראָפּע. מען דאַרף אָבער נעמען גאַנץ פאָרזיכטיק די ביבל־קריטיק, אפשר ווייניקער גלויבן אין די ביבל־קריטיקער ווי דעם תּנך גופא.

לויט די נײַעסטע פאָרשונגען, באַזונדערס אין מדינת ישראל, באַקומט דער תּנך אַלץ מער וואָרהאַפטיקייט. אָט דערציילט ווערנער קעללער אין זיין בוך „דער תּנך אַלס היסטאָריע" וועגן אַ טשיקאַווער געשיכטע: „אַז שאול איז געווען אַ טאַקטיקער פון אַ הויכער מדרגה איז איצט נאָך דרײַ טויזנט יאָר געוואָרן פון סנײַ פעסטגעשטעלט. אין בײַשפּיל, איינציק אין זײַן מין, ווײַזט ווי פּינקטלעך דער תּנך איז געווען אַפילו אין קליינע דעטאַלן און ווי מען קען זיך פאַרלאָזן אויף זײַנע אינפאָרמאַציעס און פּרטים.

מיר פאַרדאַנקען דעם מאַיאָר וויוויען דזשילבערט, אַ בריטישן אַרמייאָפיציר, די באַשרײַבונג פון אַן אמתער אויסטערלישער פּאַסירונג. שרײַבנדיק אין זײַנע זכרונות („דער ראָמאַנס פון לעצטן קרייצצוג") זאָגט ער: „אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אַ בריגאַדע־מאַיאָר אין אַלענביס

אַרמיי אין פּאַלעסטינע בײַ אַ געוויסער געלעגנהייט געפּאַרשט זײַן תּנך בײַם שײַן פון אַ ליכט, זוכנדיק אַ געוויסן נאָמען. זײַן בריגאַדע האָט באַקומען באַפעלן אײַנצונעמען אַ דאָרף, וואָס שטייט אויף אַ שטיינערנער הויכקייט פון דער אַנדערער זײַט פון אַ טיפן טאָל. מען האָט עס גערופן מכמש און דער נאָמען האָט אים אויסגעזען עפּעס היימיש. צופעליק האָט ער עס געפונען אין שמואל א׳, קאַפּ׳ י״ג: ׳און שאול און זײַן זון יונתן, און דאָס פאָלק, וואָס האָט זיך געפונען בײַ זיי, זענען געזעסן אין גבעת־בנימין, און די פּלשתּים האָבן געלאַגערט אין מכמש.׳ ווײַטער ווערט דערציילט ווי אַזוי יונתן און זײַן וואָפנטרעגער זענען אַריבערגעגאַנגען בײַ נאַכט צום גאַרניזאָן פון די פּלשתּים אויף דער אַנדערער זײַט און ווי אַזוי זיי זענען אַריבער צוויי שאַרפע פעלדזן: ׳און צווישן די איבערפאָרן וואָס יונתן האָט געוואָלט אַריבערגיין צו דער וואַך פון די פּלשתּים איז געווען אַ שפּיץ פעלדז פון דער זײַט און אַ שפּיץ פעלדז פון דער אַנדער זײַט, און דער נאָמען פון איינעם פון איז געווען בוצץ און דער נאָמען פון אַנדערן סנה׳ (שמואל א׳, י״ד). זיי האָבן אַרויפגעקלעטערט אויפן אַראָפּהאַנג און באַזיגט דעם גאַרניזאָן ׳אין אַרום אַ האַלבער בייט פון אַן אַקער פעלד׳. דער הויפּטטייל פון שונא, אויפגעוועקט דורך דעם טומל, האָט געמיינט, אַז זיי ווערן אַרומגערינגלט דורך שאולס חייל און ׳די מחנה צעקריכט און גייט אַהין און אַהער׳ (שמואל א׳, י״ד).

נאָך דעם האָט שאול אַטאַקירט מיט זײַן גאַנצן כּוח און געשלאָגן דעם שונא. ׳און גאָט האָט געהאָלפן ישראל אין יענעם טאָג׳.

דער בריגאַדע־מאַיאָר האָט געקלערט, אַז דאָ מוז נאָך אַלץ זײַן דער שמאָלער דורכגאַנג דורך די פעלדזן, צווישן די צוויי אויפשטײַגן און בײַ זייער סוף ׳דער האַלבער אַקער פעלד׳. ער האָט אויפגעוועקט דעם קאָמאַנדיר און זיי האָבן צוזאַמען נאָך אַ מאָל דורכגעלייענט דעם פּסוק. מען האָט אַרויסגעשיקט פּאַטראָלן. זיי האָבן געפונען דעם דורכגאַנג, וואָס איז שוואַך געהיטן געוואָרן דורך די טערקן און וואָס האָט געפירט הינטער צוויי שפּיצן פון פעלדזן — וואָרשיינלעך בוצץ און סנה. אין דער הייך, בײַ מכמש, האָבן זיי געקענט זען בײַם שײַן פון דער לבנה אַ קליין פלאַך פעלד. דער בריגאַדיר האָט געענדערט זײַן פּלאַן פון אַטאַק. אַנשטאָט צו באַטייליקן די גאַנצע בריגאַדע האָט ער געשיקט איין קאָמפּאַניע דורכן דורכגאַנג, געדעקט

דורך דער פינצטערניש. די עטלעכע טערקן, וועמען זיי האָבן באַגעגנט, האָבן זיי גובר געווען אָן אַ קלאַנג, די פעלדזן זענען געוואָרן איינגענומען, און קורץ פאַרן קאַיאָר האָט די קאָמפּאַניע פאַרנומען אַ פּאָזיציע אויפן 'האַלבן אַקער פעלד.'

די טערקן האָבן זיך אויפגעוועקט און געמאַכט פליטה אין אומאָרדענונג, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז זיי זענען אַרומגערינגלט דורך דער אַרמיי פון אַלענבי. זיי זענען אַלע אויסגעהרגעט געוואָרן אָדער גענומען אין געפאַנגענשאַפט."

„און אַזוי — מאַכט אָן אויספיר מאַיאָר דזשילבערט — האָבן נאָך טויזנטער יאָרן בריטישע אָפיצירן מיט דערפאָלג נאָכקאָפּירט די טאַקטיק פון שאול און יונתן."

אין תוך — נעמענדיק דאָס אַלץ מיט אַ מאָס — איז דער תנך אַ דאָקומענט און אַ קוואַל פון דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק און פון דער דאַמאָלסדיקער וועלט. מען דאַרף אָבער נישט נעמען אַלע געשיכטן בוכשטעבלעך, נאָר לייענען קריטיש.

נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין אומנויטיקע דעטאַלן שטעלט זיך פאָר די אָפּשטאַמונג פון יידן אַזוי (גאַנץ היפּאָטעטיש):

די עברים שטאַמען פון מעסאָפּאָטאַמיע, געווען אַ נאָמאַדן־פאָלק, וואָס האָט פון צייט צו צייט געפירט אַ האַלב באַזעסן לעבן, וואָרשיינלעך האָט אַ טייל פון זיי געוווינט אין לאַנד כנען פיל יאָרן פאַר דעם, ווי יהושוע האָט דעראָבערט דאָס גאַנצע לאַנד. אברהמ'ס קומען און אַוועקגיין, דאָס זעלבע ביי יצחק און יעקב, די פריינדשאַפט מיט די אָרטיקע קעניגן, מיט אבימלך מלך גרר, דאָס וווינען פון לוט אין דער געגנט פון ים־המלח — דאָס אַלץ ווייזט, אַז אַ טייל עברים־שטאַמען האָבן זיך באַזעצט אין לאַנד כנען פיל יאָרהונדערטער פאַר יהושוע'ס דעראָבערונג.

אין 13טן יאָרהונדערט פאַר אונדזער צייטרעכענונג איז פאָרגעקומען אַ געשעעניש, וואָס האָט געלענקט דעם גורל פון די בני־ישראל אויף אַ נייעם וועג. דאָס איז געווען דער אַקט פון יציאת־מצרים.

אָפּט פלעגן די נאָמאַדן־שבטים קומען קיין מצרים נעמען — מיטן גוטן אָדער מיטן בייזן — שפּייז בעת די הונגעריאָרן. ס'איז געווען „אָנגענומען" ווען מצרים איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די סעמיטן־היקסאָסן.

פון די תנך־דערציילונגען דרינגט טאַקע אַרויס, אַז די בני־ישראל זענען געקומען צו זייערע קרובים, די היקסאָסן, קיין מצרים און באַקומען אַפילו אַ געגנט (גושן) זיך צו באַזעצן. די קורצע הערשאַפט פון די היקסאָסן האָט זיך געענדיקט און פאַר די בני־ישראל האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווער לעבן. מיט האָפענונג האָבן זיי געקוקט צו זייערע פרייַע ברידער אין דער מדבר און אַהין זענען געלאָפן די אַלע, וועלכע האָבן זיך פאַרזינדיקט קעגן דער מצרישער געוואַלט. מען קען עס פאַרגלייַכן מיטן אַנטלויפן אין 17טן י"ה צו די „ברידערלעך אין סטעפּ" אין דער צייַט פון די קאָזאַקן־אויפשטאַנדן אין אוקראַינע.

אין דער צייַט פון אומרוען (בייַם פּרעה מערנעפּטאַ 1235 ־ 1215) באַפרייַען זיך די בני־ישראל פון דער מצרישער קנעכטשאַפט און וואַנדערן אויס דורך די ביטערע אַזיערעס אין דער מדבר אַרייַן.

ב. די באַטייטונג פון יציאת־מצרים און מתן־תורה

„משה גופא איז געווען אַ גרויסער קינסטלער
און האָט פאַרמאָגט אמתע גאונות פון אַ שאַפער.
דער חילוק איז נאָר וואָס ער האָט געוואָלט שאַפן
דאָס קאָלאָסאַלע, דאָס אייביקע. ער האָט נישט
געקאָנט בויען, אַזוי ווי די עגיפּטער, מאָנומענטן
פון ציגל און גראַניט. ער האָט אויפגעשטעלט פּיראַמידן פון מענטשן, אָבעליסקן פון לעבעדיקע באַשעפענישן. ער האָט גענומען אַן אָרעמען שבט פּאַסטוכער און געמאַכט פון דעם אַ פאָלק, אַ גרויס פאָלק, גאָטס פאָלק אייביק און הייליק, אַ מוסטער פאַר אַלע פעלקער, אַ פאָרם פאַר דעם גאַנצן כלל מענטשן;
קורץ, ער האָט געשאַפן דאָס פאָלק ישראל."

(ה. היינע).

דער אַקט פון יציאת־מצרים האָט געלאָזט אַ טיפן איינדרוק אין פאָלקס־זכרון און פיל מאָל ווערט אין תנך איבערגעחזרט די ווערטער: געדענק, אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין מצרים.

צי זענען אַלע בני־ישראל געווען אין מצרים?

לויט דער מסורה — יאָ. אָבער עס שטעלט זיך די פֿראַגע: לויט דער זעלבער מסורה האָט גלות־מצרים געדויערט פֿיר הונדערט יאָר. אין אַזאַ צײַט האָבן זיך געביטן עטלעכע דורות. צי וואָלטן די „ציוויליזירטע" און דענאַטוראַליזירטע עברים געקענט לעבן אין מדבר, זיך צופּאַסן צו די נײַע באַדינגונגען? אָפּקלאַנגען פֿון דעם איבערגאַנג, וואָס איז געווען שווער, געפֿינען מיר אין תּנך אין די בונטן פֿון ערב־רב, וואָס בענקט צום טאָפּ פֿלייש אין מצרים, אין דער לעגענדע וועגן מן און משהס אַרויסבאַ־קומען וואַסער פֿון אַ שטיין. אָבער עס איז אוממעגלעך, אַז אָן דער הילף פֿון די שטענדיקע מדבר־אײַנוווינער האָבן די יוצאי־מצרים געקאָנט דורכ־האַלטן. נאָר נאָמאַדן־פֿעלקער האָבן געוווּסט ווי אַזוי צו לעבן אין די מד־בר־באַדינגונגען. פֿאַר די „ציוויליזירטע" עברים פֿון עגיפּטן איז אַלץ גע־ווען אַ נס.

גיכער פֿון אַלץ איז אָנצונעמען, אַז די יוצאי־מצרים האָבן זיך פֿאַר־אייניקט מיט זייערע שטאַמברידער, וועלכע האָבן נאָך געפֿירט אַ נאָמאַדנ־לעבן, אָדער אַ האַלב באַזעסן לעבן אין קדש־ברנעא און מיט געמיינזאַמע כּוחות באַשלאָסן צו דעראָבערן כּנען.

דער תּנך דערציילט נאָר וועגן די יוצאי־מצרים, ווײַל זיי זענען גע־ווען די געלערנטע, די שריפֿט ־ און געזעץ־קענער. זיי האָבן געהאַט אַ העכערע מאַטעריעלע און גײַסטיקע קולטור. רעליגיעז אָבער האָבן זיי אָנ־גענומען די באַגריפֿן פֿון פּרימיטיוון מדבר־גאָט, וואָס האָט פֿאַר אַלע סימ־באָליזירט די פֿרײַהייט. דער פּרוּוו צוריקצוקערן צום אַלטן רעליגיעזן באַ־נעמען (עגל־הזהב) איז דורכגעפֿאַלן.

דאָרט אין מדבר, בײַם הר־סיני, האָבן די בני־ישראל דורכגעפֿירט אַ ווײַטערדיקן אַקט, וואָס האָט צוזאַמען מיט יציאת־מצרים געהאַט אַ גרויסע דויערנדע ווירקונג אויפֿן געשטאַלטיקן דעם כאַראַקטער פֿון ייִדי־שן פֿאָלק.

דאָס אָננעמען די תּורה איז געווען אַ ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פֿון די בני־ישראל. דער דאָזיקער אַקט האָט אויסגעטיילט אַ פֿריאָרי דאָס ייִדישע פֿאָלק און אים געשטעלט העכער אין עטיש־מאָראַלישן זין פֿון אַלע אַרומיקע פֿעלקער.

איך שטרײַך אונטער, אַז דאָס הייסט נישט, אַז די עטיש־מאָראַלישע

געבאָטן זענען תּיכּף אויפֿן אָרט אימפּלעמענטירט געוואָרן, אָדער אַז אַלע האָבן די גיזעצגעבונג אויפֿגענומען פֿרײַוויליק מיטן באַקאַנטן נעשׂה ונשׁ־מע (בײַ די שומרונים אין זייער אַלטער ספֿר־תּורה שטייט נשמע ונעשׂה). נאָר דער אַקט איז געווען פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק דער אמתער לײַכטנדיקער וואָלקן, וואָס האָט זיי געפֿירט אין די פֿינצטערנישן פֿון דער דאַמאָלסדי־קער וועלט.

דער גאָט פֿון די עבֿרים איז געווען אַ נאָמאַדן־גאָט מיט אַ וואַנדערנ־דיקן משכּן. פֿאַרשידענע שטאַמען האָבן אים פֿאַרשידן אָנגערופֿן: אל, אל־הים (מערצאָלפֿאָרם), שדי (פֿון מצרישן סעט), יהוה, אדני (פֿון אַדאָניס?), אָבער פֿאָרגעשטעלט זיך אים אין זעלבן גײַסט.

דאָס האָט דערמעגלעכט צו סינקרעטיזירן דעם באַגריף, אָבער נאָך אַלץ אין די ראַמען פֿון האָנאָטעיִזם, ד״ה איין גאָט פֿאַר אַ באַשטימטער גרופּע מענטשן, אָדער פֿאַר אַ באַשטימטן ציל. ווי למשל — גאָט פֿון די פֿישער, גאָט פֿון די ערדאַרבעטער.

דער פֿאַל דאָ בײַ די בני־ישׂראל איז געווען ה׳ אל ישׂראל, דער נאַ־ציאָנאַלער גאָט און זײַן צוזאָג צו דעראָבערן אַ היים פֿאַר דעם פֿאָלק.

דער גלויבן אין זעלבן גאָט האָט געשאַפֿן די נאַציע, דערווײַל אונ־טערוועגנס. דאָס איז געווען אַ מער יסודותדיקע באַזע פֿאַר אייניקייט ווי בײַ די אַרומיקע געצנדינער, ווו דער קולט איז געווען אַ לאָקאַלער, גע־בונדן מיט אָרטשאַפֿט, מיט במות.

עטלעכע טויזנט יאָר שפּעטער האָט מחמד פֿאַראייניקט די אַראַבער מיטן צוזאָג פֿון דעראָבערן לענדער אונטער דער פֿאָן פֿון אייניציקן גאָט.

דער פּרימיטיווער נאָמאַדן־שטייגער האָט געשאַפֿן דעם באַגריף פֿון אומזעבאַרן גאָט, הגם ער האָט נאָך געהאַט אַנטראָפּאָמאָרפֿישע אייגנשאַפֿ־טן. ווײַט פֿון די שטעט און פֿון דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט פֿון די מלוכות האָט דער אומזעבאַרער גאָט אויך געטראָגן מיט זיך דאָס געבאָט פֿון יושר און פֿרײַהייט. די עשׂרת־הדברות און אַנדערע געזעצן, פֿאַר־בונדן מיט מתּן־תּורה (כאָטש נישט אַלע זענען דאַמאָלס געשאַפֿן געוואָרן אין מדבר), האָבן געטראָגן אַ דעמאָקראַטישן כאַראַקטער, געווען סאָציאַל־פּראָגרעסיוו. יהוה איז דער נאַציאָנאַלער גאָט, וועלכער זאָרגט וועגן דער פֿאַרמערונג פֿון פֿאָלק ישׂראל און פֿירט אים אין לאַנד כּנען, אָבער גלײַכ־

צײַטיק איז ער דער גאָט פון גערעכטיקייט און סאָציאַלער שוץ, דער באַ־שיצער פון יתום, אלמנות, פון גר און פון קנעכט.

געוויס זענען פאַראַן ענלעכקייטן צווישן די געזעצן פון האַמוראַבי און פון משהן. קען זײַן, אַז משה האָט זיי געקענט (אויב ער איז ווירקלעך געווען אַ פּרינץ אין פּרעהס הויף, ד"ה במילא אַ כהן), אָבער די ייִדישע געזעצן האָבן באַלד געהאַט אַן אַנדערן, אייגנאַרטיקן כאַראַקטער לויטן שטייגער לעבן פון די בני־ישראל און זייערע עטיש־מאָראַלישע פּרינציפּן.

דער באַגריף גאָט איז אַן אַנדערער. יהוה איז געווען דער גאָט פון די פאַרפאָלגטע. נישט שטאַם־ אָדער פאָלקס־אָנגעהעריקייט באַשטימט צי ער איז אַ יהוה־פאַרערער, נאָר דער סאָציאַלער גורל. די עברים זענען געווען אומעטום טאָלערירטע פרעמדע — גרים. אַזוי וואַנדערט אברהם פון אור־כשדים און בעט שוץ בײַ די כנענישע מלכים און בײַ פּרעהן. אַזוי ווערט יצחק פאַרטריבן פון גרר. אַזוי וואַנדערט יעקב אויס פון לאַנד כּנען (אפשר פון אַן אָרט אויף די ראַנדגעביטן). אַלע מאָל ווענדן זיי זיך וועגן שוץ צום גאָט פון די פאַרפאָלגטע — יהוה. אַזוי טוט שפּעטער משה. גאָט באַווײַזט זיך משהן אין פרײַען מדבר. אַלע אַנטלאָפענע זענען די „קנעכט פון יהוה". די עברים האָבן געהערט צו די כאַבירי־שבטים, וועל־כע ווערן אין די אַמאַליקע דאָקומענטן באַצייכנט אַלס סאָציאַל־אומרוי־קער עלעמענט. דער באַרג סיני איז געווען דער פּונקט, ווו אַלע פאַר־פאָלגטע האָבן געזוכט די שוץ פון יהוה. זײַן הייליקטום איז געווען אַ מקום־מקלט. דעריבער איז יהוה דער גאָט פון סאָציאַלן שוץ, דער היי־טער פון רעכט.

דער סאָציאַל־עטישער כאַראַקטער פון גלויבן דריקט זיך אויך אויס דערין, וואָס ער טוט פאַרגיטיקן די עוולה פון די כסדר פאַרפאָלגטע בני־ישראל און ער גיט זיי אַ לאַנד. דערפאַר זענען די דעראָבערונגס־מלחמות — מלחמות ה׳, גערעכטע מלחמות.

פון אַ גאָט, וועלכער שיצט דעם פאַרפאָלגטן יחיד, ווערט ער דער שיצער אויך פון אַ פאַרפאָלגט פאָלק, באַקומט אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. אָבער אין יסוד פון דעם נאַציאָנאַלן גלויבן ליגט דער עטיש־סאָציאַלער מאָטיוו, וואָס מאַכט אים אוניווערסאַל. דאָס האָט זיך אין שפּעטערדיקע צײַטן שטאַרק אויסגעווירקט אין דער גאַנצער וועלט.

דערבײַ איז דער יהוה־קולט פרײַ — באַלד פון אָנהייב — פון מאַגיע און אַבערגלויבן. קען זײַן, אַז די באַדערפעניש אין מאַגיע, פאַרשפרייט אַזוי שטאַרק אין יענער צײַט, האָט אויסגעפילט די טיילווײַזע געצנדינערײַ, וואָס איז פּראַקטיצירט געוואָרן אין נאָמען פון אַנדערע געטער, צווייטראַנגיקע און נישט וויכטיקע פאַר דער עקסיסטענץ פון פאָלק.

דער יהוה־קולט איז אויך אַריבערגעשפּרונגען דעם פּאָליטעיִזם, וואָס לויט דער עוואָלוציאָנערער טעאָריע איז עס אַ העכערער עטאַפּ פון דער פּרימיטיווער געצנדינערײַ און פון אים פירט ערשט דער וועג צום מאָנאָטעיִזם. רעשטלעך פון דער נאַטוראַליסטישער פּילגערײַ זענען געבליבן אין דער ייִדישער אמונה, ווי מחדש זיין די לבנה, תשליך א״א.

יהוה האָט געהאַט פיל נעמען, אייגנטלעך איז עס געווען אַ סינקרעטיזם פון אַ גאָט, וואָס האָט בײַ פאַרשידענע שבטים געטראָגן אַנדערע נעמען. אין „שמות״ (ו, פסוקים ב,ג) ווערט עס אַזוי אויסגעדריקט: „איך בין יהוה; און איך האָב זיך באַוויזן צו אברהמען, צו יצחקן און צו יעקבן ווי גאָט שדי, אָבער מיט מײַן נאָמען יהוה האָב איך זיך נישט געלאָזט דערקענען צו זיי.״*)

גאָטס געזעץ דאָס איז די תורה, ד״ה די עשרת־הדברות און אייניקע אַנדערע געבאָטן, וואָס זענען שפּעטער פאַרשריבן געוואָרן אין דעם פאַרלוירענעם „ספר הברית״. די תורה דאַטירט זיך פון דער צײַט, ווען דאָס פאָלק האָט זיך געגרייט אײַנצונעמען דאָס צוגעזאָגטע לאַנד כּנען און ווערן אויס געררודפטע. דאָס געזעץ, אַז אַן עבד־עברי מוז באַפרײַט ווערן, מוז זײַן פרײַ איז געווען אַ נאַציאָנאַלער אימפּעראַטיוו בײַ דער דעראָבערונג, און אַזוי ווי דאָס אײַננעמען דאָס לאַנד האָט געדויערט האָט זיך דאָס געזעץ באַפעסטיקט, באַזונדערס ווען די געאָגראַפישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען האָבן אַקטועל געמאַכט דעם דאָזיקן געבאָט.

ווען מיר פאַרגלײַכן די געזעצן פון משה און האַמוראַבי זעען מיר גלײַך, אַז משהס געזעצבוך שטרײַכט אונטער די רעכט פון שקלאַף און פון דער פרוי. האַמוראַבים געזעץ זעט פאָר שווערע שטראָפן פאַר ווי־

*) אַלע ציטאָטן פון תנך אין דער איבערזעצונג פון יהואש.

דערשפּעניקן דעם פאָטער. משהס געזעץ — פאַר ווידערשפּעניקן אויך דער מוטער.

די האַמוראַבי־געזעצן זיכערן די שוץ פון באַזיצער און קרעדיט־געבער, בעת די יידישע געזעצן שיצן די סאָציאַל־באַעוולטע און די בעלי־חובות. דאָס האַמוראַבי־געזעץ גיט טויטשטראָף פאַר אויסבאַהאַלטן אַן אַנטלאָפענעם קנעכט, און די תורה פאַרבאָט אַרויסצוגעבן אַן אַנטלאָפענעם קנעכט זיין האַר, הייסט אים שיצן.

האַמוראַבים געזעצן זענען — לויט דער מסורה — אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אַ גרויסן הערשער און אָנגעוואָרפן דעם פאָלק. משהס תורה איז אָנגענומען געוואָרן פריי־ווייליק דורך אַ בונד (ברית) צווישן פאָלק און גאָט. אָט דער פריי־וויליקער ברית ווערט עטלעכע מאָל אין תנך איבער־געחזרט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. דאָס ווייזט אויפן פריי־הייטלעכן און דעמאָקראַטישן כאַראַקטער פון די סאָציאַלע באַדינגונגען.

אויך דער באַגריף שבת איז גענומען ביי די בבלער, ביי וועמען עס איז געווען אַ פאַרשאָלטענער טאָג. ביי יידן איז עס געוואָרן אַ געבענטש־טער טאָג. „ויברך אלהים את יום השביעי ויקדש אותו״ (און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און האָט אים געהייליקט), (בראשית כ׳ פסוק ג). אויך אין די עשרת־הדברות שטייט: „זכור את יום השבת לקדשו״ (געדענק דעם טאָג פון שבת אים צו האַלטן הייליק) (שמות כ׳, ח׳). די שפּעטערדיקע טראַדיציע האָט אויסגעבריייטערט דעם דאָזיקן סאָציאַלן געזעץ, אים אַזוי קריסטאַליזירט, אַז ער איז געוואָרן אַ דאָרן אין אויג פון אַלע כוחות, אויף וועלכע עס האָט זיך געשטיצט דער שקלאַפנרעזשים.

אין לויף פון דער יידישער געשיכטע האָט דער שבת אָנגענומען רעלי־גיעז־סימבאָלישע פאָרמען, אָבער עס איז געווען און געבליבן דער ערשטער אין דער געשיכטע סאָציאַל געזעץ.

דאָס אויספאָרמירן דעם נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם אין גייסט פון פריי־הייט, עטיק און דעמאָקראַטיע האָט געלאָזט טיפע שפּורן אין נאַציאָנאַלן זכרון און מיר טרעפן שפּעטער גרופּן און סעקטן ווי די בני־יהונדב, אסיים א״א, וועלכע ווילן לעבן לויט די כללים פון דער אַמאָליקער צייט, וואָס איז עקאָנאָמיש־סאָציאַל געווען נאָענט (נישט גלייך) צו דער אור־קאָמו־ניסטישער געמיינדע.

דאָס פריע אויסבילדן דעם נאַציאָנאַלן מאָנאָטעיִזם מיט סאָציאַל־עטי־שע און נאַציאָנאַלע פאָדערונגען האָט געהאָלפן שאַפן די נאַציע, געוואָרן אַ יסוד פאַר די שפּעטערדיקע אויפשטייַגן אין דער ייִדישער געשיכטע.

לאָמיר מאַכן אַ קליינעם שפּרונג צוליב אַ פאַרגלייַך. די כּוזרים האָ־בן אָנגענומען די ייִדישע רעליגיע נישט אַרונטערצופאַלן אונטער די איינ־פלוסן פון די שכנישע קריסטלעכע און מוסולמענישע מלוכות. אין צייַט פון מתּן־תּורה איז געשען דאָס ענלעכע: אַ דאַנק דער ספּעציפישער, העכ־ערער באַזונדערער רעליגיע האָט מען געשאַפן די נאַציע, די נאַציאָנאַ־לע אייגנאַרט.

נישט אַזוי לייַכט און אַזוי שנעל איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דער ייִדישער הויך־מאָראַלישער און עטישער קאָדעקס. שוין אין יענער צייַט איז געווען אַ סאָציאַלע דיפערענצירונג און די רייַכע, די כּהנים, האָבן געשטרעבט אָפּצושאַפן דעם יהוה־קולט, אַרויסגעוויזן גרויס קעגנער־שאַפט צום ריינעם מאָנאָטעיִזם פון מדבר־גאָט, וואָס שיצט די אָרעמע. דער בונט פון רייַכן קורח און אהרנס קאָמפּראָמיס בייַם מאַכן דעם עגל־הזהב, די שטרייַטן מיט דתן און אבירם — זענען אָפּקלאַנגען פון יענעם סאָציאַלן געראַנגל.

דאָס אָננעמען די תּורה בייַם הר־סיני האָט געשטאַרקט אינערלעך די בני־ישׂראל און זיי דערמעגלעכט צו גיין דעראָבערן דאָס לאַנד כּנען. שוין יעקבֿס צוואה טיילט גאַנץ גענוי ווער וואָס פאַר אַ נחלה זאָל נעמען. אמת, דאָס איז געשריבן געוואָרן שפּעטער, נאָכן אייַננעמען דאָס לאַנד, אָבער עס באַווייַזט, אַז מען האָט זיך אַ סך פריער צוגעגרייט איידער יהו־שוע איז אַריבער דעם ירדן.

אַ שטיצפּונקט האָבן די בני־ישׂראל געהאַט בייַ די ברידער־שטאַ־מען, וועלכע האָבן דאָרט געוווינט און שווער זיך געראַנגלט קעגן די כּנע־נישע הערשער. די געשיכטע פון רחב אין יריחו ווייַזט אָן, אַז די בני־ישׂ־ראל האָבן געהאַט פאַרבינדעטע אין כּנען גופא.

דער דאָזיקער קאָלאָניזאַציע־פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די פּרוון פון אברהם־אבינו און זיך פאַרענדיקט ערשט מיט דודס אייַננעמען ירושלים.

ג. די אַנטשטייאונג פון דער מלוכה

דער קאָלאָניזאַציע־פּראָצעס פון די ייִדן אין כּנען האָט געדויערט פון אַן ערך 1215 ביז 1.000 פאַר דער אייראָפּעיִשער צײַטרעכענונג, ד״ה דודס רעגירן אין ירושלים.

אין דאָזיקן פּעריאָד האָבן די בני־ישׂראל אַדורכגעמאַכט דעם וועג פון נאָמאַדן־שבֿטים ביז אַ באַזעסן ערדאַרבעטער־פאָלק. מיט די דאָזיקע וויזנטלעכע ענדערונגען אין עקאָנאָמיש־סאָציאַלן לעבן האָבן אויך געמוזט פאָרקומען ענדערונגען אין פּאָליטיש־סאָציאַלן שטייגער, פון פרײַע שבֿטים צו אַ מאָנאַרכיע.

ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען די מענטשלעכע געזעלשאַפט?

דער מענטש איז צוליב זיין פיזישער שוואַכקייט אַ סטאַדע־באַשעפעניש. נאָר אין קאָלעקטיוו האָט ער געקענט בײַקומען די נאַטור־כּוחות, פאַרטיידיקן זיך און באַקומען שפּײַז.

די ערשטע געזעלשאַפט, די א.ג. אור־קאָמוניסטישע, איז געווען זייער פּרימיטיוו. מען איז געגאַנגען בשותפות אויף יאַגד, געמיינזאַם געקליבן די עקסיסטירנדיקע פרוכטן און וואָרצלען. יעדער האָט געקענט אַליין אויסאַרבעטן און פאַרשאַפן זיך די פּרימיטיווע געצײַג. עס איז נישט געווען קיין פונאַנדערטיילונג פון אַרבעט און פון פליכטן. במילא זענען געווען גלײַכע רעכטן. נישט געווען קיין אַנטוויקלטעווירטשאַפט — איז במילא נישט געווען קיין מערוועדט, וועלכן אַ טייל — שטאַרקערע אָדער עלטערערע — האָבן געקענט איבערלאָזן פאַר זיך. עס איז דעריבער נישט געווען קיין שום סאָציאַלע דיפערענץ.

מיט דער אַנטוויקלונג פון די געצײַג און מיטן אָנזאַמלען דערפאַרונגען גייט דער מענטש איבער צו אַ העכערער מדרגה. מען הייבט אָן פאַרהיימישן די חיות, פירן ראַציאָנעלער די יאַגד און מען נוצט אויס בײַ אַ גרעסערן אָפּשטעל די קערנער, פרוכטן און וואָרצלען.

דער סדר איז געווען, אַז די מענער פלעגן אַוועקגיין אויף יאַגד און די פרויען פלעגן בלײַבן אויפן אָרט. די פרויען זענען געוואָרן די דערפינדער פון דער פּרימיטיווער ערדאַרבעט. זיי האָבן אָנגעזאַמלט די דערפאַרונג בײַם צוזאַמענקלייבן די גרייטע פּראָדוקטן פון דער ערד.

די געזעלשאַפטלעכע פאָרם איז געווען דער מאַטריאַרכאַט. די פּראָ־דוקטן פון קלייבן און פון דער פרימיטיווער ערדאַרבעט זענען געווען אַ מער סטאַבילע הכנסה ווי דער יאַגד, וואָס איז געווען צופעליק און נישט רעגולער. רעשטלעך פון מאַטריאַרכאַט זענען געבליבן ביזן הײַנטיקן טאָג אין טיבעט און אין געוויסע מנהגים בײַ אַ ריי פעלקער.

מיט דער צײַט האָט מען אַלץ מער פאַרהיימישט די בהמות און די נויטיקייט זיי צו שפּײַזן האָט געצוווּנגען צו וואַנדערן פון אָרט צו אָרט, פירן אַ נאָמאַדנלעבן. דאָס האָט צעשטערט די פרימיטיווע ערדאַרבעט־ווירט־שאַפט פון דער פרוי און די העגעמאָניע איז אַריבער צום מאַן. עס איז אַנטשטאַנען דער פּאַטריאַרכאַט. ווי אַ שפּעטערדיקע געזעלשאַפטלעכע פאָרמאַציע האָט ער איבערגעלאָזן מער שפּורן אויף אונדזער ציוויליזאַציע ביזן הײַנטיקן טאָג.

די ערשטע צעטיילונג אין סאָציאַלן און מאַטעריעלן לעבן איז געווען צווישן מאַן און פרוי. אַנדערע פליכטן האָבן געבראַכט מיט זיך אַנדערע רעכטן.

צווישן די מענער גופא — אין די צײַטן פון נאָמאַדנלעבן — איז געווען אַ קליינע סאָציאַלע דיפערענץ, ווײַל די אַרבעטס־פאַרטיילונג איז געווען אַ מינימאַלע. אין דער סאָציאַלער היעראַרכיע זענען געשטאַנען אויבן אָן נאָר די זקנים, ווײַל מען האָט זיך גענייטיקט אין זייער דערפאַ־רונג. אַזוי איז אַנטשטאַנען די טראַדיציע.

אין שפּיץ פון שבט פלעגט שטיין דער עלטסטער זקן (דער „טשיף"). אים פלעגן העלפן די זקנים. אין גאָר וויכטיקע ענינים פלעגט מען צו־נויפרופן די פאָלקס־פאַרזאַמלונג, ד"ה אַלע קריגס־פעיִקע און אַרבעטס־פעיִקע מענער פון שבט. דאָס איז געווען די העכסטע אינסטאַנץ. אויף דער דאָזיקער אינסטיטוציע האָט זיך געשטיצט זשאַן זשאַק רוסאָ ווען ער האָט באַגרינדעט זײַן דעמאָקראַטישן סיסטעם. רעפערענדומס, פּלע־ביסציטן, זענען די הײַנטיקע פאָרמען פון דער אַמאָליקער פאָלקס־פאַר־זאַמלונג.

מיטן פאַרמירן זיך פון די נאָמאַדנפעלקער און מיטן צעטיילן זיך אַלץ מער אויף באַזונדערע שבטים, וואָס איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון דער גרעסערער פאַרמערונג, האָט זיך אויך פאַרקלענערט דער נאָ־

טירלעכער רעזערוואַר פון גראָזיקע שטחים. עס איז געווען ווייניק פּאַ־שע פּאַר אַלע סטאַדעס און די נאָמאַדנפעלקער האָבן גענומען וואַנדערן צו ווײַטערע שטחים, כּדי אויסצומײַדן הונגער. אַזוי וואַנדערן יצחק און יעקב כּסדר צווישן מעסאָפּאָטאַמיע און מצרים, האַלטנדיק זיך לרוב אין מיטן וועג — נאָענט פון לאַנד כּנען.

די צוויי גרויסע מלוכות אשור־בבל און מצרים, באַזעסענע, ערד באַ־אַרבעטנדיקע פעלקער, פירן אַ מער סטאַביל זיכער לעבן און רופן אַרויס קנאה. דערפון אָפטע אָנפאַלן און שטרײַטן. די געשיכטע אין נאָענטן מז־רח צווישן 2.000 און 1.000 פ״ק א־ז אַ געשיכטע ווי נאָמאַדן דעראָבערן די באַזעסענע לענדער, הרגענען אויס די אָרטיקע באַפעלקערונג און אין מער פאַלן מישן זיי זיך אויס.

די דעראָבערונג פאָדערט אַן אָרגאַניזאַציע, אַ מיליטערישע און פּאָליטישע. אין די ערשטע יאָרן פון דער דעראָבערונג דאָמינירן נאָך אַלץ די פריערדיקע לויזע פאָרמען פון מלוכה־לעבן, ד״ה די שבטים־אָר־גאַניזאַציע מיט אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג אַלס העכסטע אינסטאַנץ. ביס־לעכווײַז באַקומען די מיליטער־פירער, אָדער פּאָליטישע פירער, אַלץ מער השפּעה און פלאַסטערן אויס אַ וועג פאַר דער מאָנאַרכיע.

די בני־ישׂראל, וועלכע האָבן שטופּנווײַז אײַנגענומען שטחים אין כּנען און אין עבר־הירדן, האָבן גענוג לאַנג אײַנגעהאַלטן אַ לויזע, נישט־בינדנדיקע אָרגאַניזאַציע. בלויז אין מאָמענטן פון געמיינזאַמער נאַציאָ־נאַלער סכּנה האָבן זיי זיך פאַראייניקט אַרום אַ שופט. קיין מאָל האָט זיך פון די שופטים נישט אויסגעבילדעט קיין דינאַסטיע. די איינציקע פּרוּוון צו עטאַבלירן אַ רעגירנדיק הויז זענען דורכגעפאַלן.

דער פּאַרטיקולאַריזם איז געווען זייער שטאַרק בײַ די בני־ישׂראל, כאָטש זיי האָבן געפירט דעם דעראָבערונגס־קאַמף מיט געמיינזאַמע כּו־חות. יהודה און שמעון האָבן זיך סעפּאַרירט אין דרום, ראובן און גד האָ־בן זיך באַזעצט אין עבר־הירדן. אין צענטראַלן כּנען האָט דאָמינירט דער שבט אפרים.

די מלחמה מיט די כּנענים איז אַ פּערמאַנענטע. די בני־ישׂראל באַ־זעצן זיך אויף די בערג און אויף די פרײַע נישט באַאַרבעטע שטחים, קאָלאָניזירן עס. די אײַזן־תּקופה האָט דערמעגלעכט צו באַאַרבעטן די

ערד אין די באַרגגעביטן פון יהודה און אפרים (פאַרגלייכט עס מיט דער חלוצים־קאָלאָניזאַציע פון די זומפן אין פאַלעסטינע). ערדאַרבעט איז גע־וואָרן אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון זייער לעבן. דאָס האָט אויך גע־שטאַרקט און באַפעסטיקט די אָנשפּאַרפּונקטן פון די בני־ישראל און דערמעגלעכט דאָס אַרויסשטויסן די כּנענים פון די טאָלן און שטעט.

צוליב דער לויזקייט און פּאַרטיקולאַריזם נעמען נישט אַלע מאָל אָנ־טייל אין די פאַרטיידיקונגס־קאַמפן אַלע שבטים און אין תּנך זענען פאַ־ראַן פון צײַט צו צײַט טענות. אָבער אין אַלגעמיין זעט זיך אָן די סאָלי־דאַריטעט פון די בני־ישראל אין צײַט ווען עמיצער פון זיי איז באַדראָט.

די בני־ישראל האָבן געליטן פון די שכנישע מלוכות, דער עיקר פון עמון און מואב. אין דברים כג׳ ד׳ באַפעלט גאָט: „אַן עמוני און מואבי זאָל נישט קומען אין דער עדה פון גאָט; צומאָל דער צענטער דור זאָל נישט קומען פון זיי אין דער עדה פון גאָט, ביז אייביק; דערפאַר וואָס זיי זענען אייך נישט אַקעגנגעקומען מיט ברויט און מיט וואַסער אונטער־וועגנס, ווען איר זײַט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, און וואָס ער האָט גע־דונגען אויף דיר בלעם דעם זון פון בעורן פון פּתור אין ארם־נהרים דיך צו שילטן.״ דאָס איז אַן אָפּקלאַנג פון די דעראָבערונגס־מלחמות ווען די בני־ישראל האָבן געמוזט זוכן אַן אומוועג אַרײַנצוקומען קיין כּנען און די קרובישע שבטים עמון און מואב האָבן זיי געשטערט צו דערגרייכן זייער ציל דורך אַ גלייכן און נאָענטן וועג.

אויך בנוגע עמלק איז די פײַנדשאַפט גרויס, ווײַל זיי זענען באַפאַלן די בני־ישראל נאָך אין מדבר אין משהס צײַטן ד״ה אין מאָמענט פון אויס־פאָרמירן זיך ווי אַ פאָלק.

אין לאַנד כּנען איז די סטראַטעגישע לאַגע פון די שבטים נישט גע־ווען ווי אַם בעסטן. זיי זענען צעטיילט געווען אין פיר געביטן. די צוויי הויפּט־שבטים אפרים און יהודה זענען געווען אָפּגעטיילט דורך שטאַרקע כּנענישע שטעט (ירושלים, גבעון א״א). אַלע האָפנס בײַם ים זענען גע־ווען אין די הענט פון די פעניציער אין צפון, אָדער בײַ די פלשתים אין דרום.

די פלשתים זענען געווען אַן עגעישער שטאַם, געקומען אין 13טן י״ה פ״ק, וואָס האָט זיך פולשטענדיק אַסימילירט מיט דער אָרטיקער באַפעל־

קערונג. זיי האָבן אַרויסגעשטויסן דעם שבט דן און געצוווּנגען אַ טייל פון אים צו זוכן זיך אין צפון אַן אָרט. אַ באַזונדערע געפאַר זענען זיי אין אַנהייב געווען פאַרן שבט אפרים. שמשון האָט געפּרוּווט צעברעכן דעם כּוח פון די פלשתּים אָבער אָן דערפאָלג, ווײַל ער האָט נישט געקענט צו־נויפנעמען אַרום זיך די בני־ישׂראל און ער איז אַרײַן אין דער געשיכטע אַלס מוטיקער פּאַרטיזאַנער־קעמפער.

דער פּאַרטיקולאַריזם איז געווען אַזוי אײַנגעוואָרצלט, באַזונדערס די טיילונג פון אפרים (ישׂראל) און יהודה, אַז אין שמואל א׳ קאַפּיטל יא׳ גע־פינען מיר וועגן שאולס חיל אַזוי: „און די קינדער פון ישׂראל זענען גע־ווען דרײַ הונדערט טויזנט, און די מענער פון יהודה דרײַסיק טויזנט״. אָט די גוזמאות און די צעטיילונג געפינען מיר אויך אין שמואל ב׳ קאַ־פּיטל כד׳ פּסוק ט׳ וועגן דודס מיליטער: „און ישׂראל איז געווען אַכט מאָל הונדערט טויזנט קריגסלײַט וואָס ציען אַ שווערד, און די מענער פון יהודה פינף מאָל הונדערט טויזנט מאַן.״

די פלשתּים האָבן אָבער באַשיימפּערלעך געוויזן די בני־ישׂראל וואָס פאַר אַ כּוח עס קען שאַפן אַ געאייניקטע אַקציע. פינף פלשתּישע שטעט־קעניגרײַכן האָבן צוזאַמען געפירט דעם קאַמף מיט די בני־ישׂראל און דער געאייניקטער פראָנט האָט זיי געהאָלפן זיגן.

די בני־ישׂראל האָבן טאַקע פון זיי געלערנט, אַז מען דאַרף האָבן אַ פּערמאַנענטע געאייניקטע מלוכה. אָבער אַ מלוכה־אידעע האָט אָנגעטראָ־פן אויף אַ קעגנערשאַפט נישט נאָר פון די שבטים, וואָס האָבן קאָנקורירט צווישן זיך פאַר העגעמאָניע, נאָר די אידעע איז בכלל נישט געווען באַ־ליבט ביי די פרײַע קליינע ערדבאַזיצער.

דער קלאַסישער בײַשפּיל פון אַן אָרגאַניזירטער מלוכה איז געווען דאָס שכנותדיקע מצרים. דער נילוס איז געווען די ברכה פאַר דער ווירט־שאַפט אין לאַנד און אַ קללה פאַר די אָרעמע מענטשן. די ברכה, דאָס רעגו־לירן דעם וואַסער־סיסטעם, האָט געצוווּנגען צו אַ פונאַנדערטיילונג פון פונקציעס, צו צוואַנגסאַרבעט, צו שקלאַפערײַ. אָפּהענגיקייט און שקלאַ־פערײַ איז געווען דער יסוד פון דער עקאָנאָמיע און פון סאָציאַלן לעבן אין אַלטערטום. מצרים האָט אויסגעאַרבעט אַ גאַנצע היעראַרכיע פון שטאַנדן און קלאַסן, פּריווילעגיעס און פליכטן.

פון 15טן ביזן 13טן יאָרהונדערט פ״ק האָט מצרים געהאַט דעם פּראָ־טעקטאָראַט איבער די כּנענישע געביטן. ערשט די פּלשתּים האָבן פאַר־צוימט פאַר מצרים דעם וועג צו כּנען.

די בני־ישראל האָבן זיך געשראָקן פאַר דער עגיפּטישער צענטראַ־ליזאַציע מיט אירע געזעצן. זיי האָבן אויך געהאַט אין נאַציאָנאַלן זכּרון די קנעכטשאַפט אין מצרים, וואָס זיי האָבן טיילווײַז פאַרבונדן מיטן מלוכה־שן סיסטעם.

פון דער אַנדערער זײַט איז געווען אַ גרויסער דראַנג און נייטיקייט פון אַ שטענדיקן מיליטערישן כּוח, נישט געקוקט אויף דער סכּנה, וואָס אַזאַ כּוח קען באַדראָען די פרײַהייט. דער מיליטערישער מושל האָט זײַן דרוזשינע געניצט נישט בלויז צו פאַרטיידיקונגס־צוועקן נאָר אויך אײַנ־צוהאַלטן זײַן מאַכט. אָם בעסטן האָט דאָס אויסגעדריקט שמואל אין זײַן וואָרענונג, הגם עס קען זײַן, אַז מען האָט עס שפּעטער צוגעשריבן, שמו־אל האָט געוואָרנט, אַז אַ קעניג וועט צונעמען פאַר זיך אַלץ, באַוועלהען די מענטשן און אַלע וועלן זײַן קנעכט בײַ אים (שמואל א׳ קאַפּיטל ה׳).

אָבער די געפאַר פון די פּלשתּים איז געווען גרעסער ווי די געפאַר פון אַ דעספּאָטישער מאָנאַרכיע.

אין אַלטערטום איז נאָך געווען פריש אין זכּרון פון דער מענטשהייט די אוראַלטע קאָמוניסטישע געמיינדע. אָפּקלאַנגען זענען פאַראַן אין די מיטן און לעגענדן, אין די סאָציאַלע באַוועגונגען און סעקטעס.

צום גליק פון די בני־ישראל זענען די כּנענים געווען מער צעברעקלט ווי זיי. איין מאָל האָבן זיך די כּנענים פאַראייניקט צו פאַרניכטן די בני־ישראל — זענען זיי דורך ברק און דבורה הנביאה צעשלאָגן געוואָרן.

אויך די צײַט איז געווען אַ גוטע פאַרן שאַפן די ישראל־מלוכה. די צוויי גרויסע שכנים, וואָס האָבן תּמיד געדראָאַט מיט אַן אינטערווענץ, זע־נען געווען אָפּגעשוואַכט און פאָדער־אַזיע איז געווען פרײַ פון פּאָליטישע איינפלוסן און איינגערענצן. די קליינע פעלקער האָבן געקענט אַליין דער־לידיקן זייערע חשבונות.

די כּנענים זענען שוואַכער געוואָרן, ווײַל די בני־ישראל האָבן זיך אַלץ מער אײַנגעוואָרצלט אין לאַנד און ביסלעכווײַז — מיט גוטן און מיט בייזן — אַרויסגעשטויסן די כּנענים, אָדער זיך אויסגעמישט מיט זיי. דער

שונא איז לרוב געווען אַן אויסערלעכער מצד שכנים. די שופטים פירן כסדר שלאַכטן, פאַראייניקן אָפט דאָס גאַנצע פאָלק און ביסלעכווײַז שווימט אויף די נייטיקייט פון אַ צענטראַלער מלוכה. גדעונס זון אבימלך פּרווּט שאַפן אַ מלוכה. ער שטיצט זיך אָבער נאָר אויף דער מיליטערישער דרו־זשינע און אויץ דער כּנענישער אַריסטאָקראַטיע און דערפאַר לײַדט ער אַ דורכפאַל.

אַ מלוכה האָט געקענט געשאַפן ווערן נאָר ווען דאָס פאָלק, דער פּוי־ער און קריגער ווּעט דאָס געפינען פאַר נייטיק אַוועקצושטעלן עמיצן פון זײַנע רייען אין שפּיץ פון דער מלוכה צו פאַרטיידיקן זײַנע אינטע־רעסן און קענען פאַראייניקן און האַלטן צוזאַמען די שבטים.

וואָס האָט צוזאַמענגעהאַלטן די שבטים?

די דעראָבערונג איז שוין געווען כּמעט פאַרפעסטיקט. נאָר דער אוי־סערלעכער שונא האָט באַדראָאַט. דער אויסדרוק פון וועקן און אײַנהאַלטן דאָס נאַציאָנאַלע געפיל פון געמיינזאַמען גורל איז געווען דער גלויבן אין נאַציאָנאַלן גאָט, ה׳ אל ישראל. אין יעדער מלחמה האָט מען געפירט דעם ארון פאַרויס. בײַם העגעמאָנישן שבט אפרים איז געווען דער משכן. יע־דער זיג האָט געשטאַרקט דעם אָנזען פון יהוה־קולט, וואָס איז ווי אַ נאַ־ציאָנאַלע רעליגיע, געווען פרײַ פון די געצנדינערישע אַטריבוטן.

עס איז געווען זייער שווער פאַרן אוראַלטן ישראלי אײַנצוהאַלטן דעם ריינעם מאָנאָטעיִזם בעתן טרעפן זיך מיט דער קולטור פון די באַזעסענע פעלקער. אין כּנען איז געווען אַ העכערע מאַטעריעלע קולטור, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אויך אין דעם קולט פון די אָרטיקע געטער, אין בעל־קולט מיט מענטשן־קרבנות (אַן אָפּקלאַנג — עקידת־יצחק), סעקסועלע אָר־גיעס (פּנחס שטעכט זמרין), צויבער, באַשווערונגען און מתים־קולט. צו־זאַמען מיט געוויסע געווינהייטן פון דער ערדאַרבעט־קענטשאַפט נעמען די ישראלים איבער אויך זייערע רעליגיעזע באַגריפן.

פון דעם אַלעם איז אַרויסגעקומען אַ געמיש. מען האָט גענומען פאַר־ערן דעם שוצגאָט פון געגעבענעם אָרט בײַ האַנדלס־אַמאַכן, חתונות, בײַם אַקערן, זייען און שניט. מיר טרעפן אַ סך ייִדישע נעמען מיט די ענ־דונגען בעל. גדעון האָט געהייסן ירובעל. אַפילו ווען ער האָט געפירט אַ „מלחמה יהוה״ האָט ער געבויט אַ מזבח פאַר „יהוה שלום״ און ער האָט

אויסגעגאָסן אַ סטאַטוע פון יהוה אין גאָלד. אישבעל איז דער נאָמען פון צווייטן מלך פון ישראל, געענדערט אין תנך אויף אישבושת. די נצחונות איבער מואב און עמון איז אַ נצחון פון יהוה איבער כמוש. די געשיכטע פון יפתחס טאָכטער ווייַזט אָן אויף געצנדינסט, אויף דער אינסטיטוציע פון מענטשן־קרבנות.

מען דאַרף אָבער אונטערשטרייַכן, אַז די ייִדן האָבן נישט מיטגע־מאַכט די „כנענישע מיאוסקייט" פון מענטשן־קרבנות און פראָסטיטוציע אַלס כלל.

שפּעטער זעען מיר ווי אין מלכות־ישראל האָט זיך דער יהוה־קולט אויסגעדריקט אין אַ צונויפמיש מיטן אָרטיקן קולט. אין בית־אל, אין היי־ליקן אָרט נאָך פון די צייַטן פון יעקב־אבינו, זענען געשטאַנען גאָלדענע קעלבער אַלס סימן פון יהוה. אַפילו הונדערט יאָר נאָכן חורבן־שומרון האָ־בן אין אָרטיקן יהוה־קולט פאַרנומען אַן אָרט אָט די קעלבער.

באַזונדערס האָט זיך דער סינקרעטיזם אויסגעדריקט אין די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע יום־טובים. פון חג האביב (מצות פון ערשטן גערשטן) איז געוואָרן חג החירות (זכר פון יציאת־מצרים), פון חג הקצור (ערשטער ווייץ) — חג מתן־תורה. דער נאָמען שבועות קומט פון ציילן די וואָכן ווען דער ווייץ ווערט צייַטיק. פון חג האסף (אייַנזאַמלען) איז געוואָרן סוכות, אַן אָנדענק פון לעבן אין מדבר. די יום־טובים זענען געוואָרן נאַציאָנאַלי־זירט, באַקומען נעמען פון געשעענישן, וואָס האָבן אַ נאַציאָנאַלע באַטייַ־טונג.

מיטן איבערגיין צום שטאָטישן שטייגער האָט זיך פאַרשטאַרקט די טעאָקראַטיע, אָבער רעשטלעך פון פּאַטריאַרכאַט זענען געבליבן. אַ דאַנק דעם לעצטן האָט זיך אויך אויפגעהאַלטן דער פאָלקס־זכרון פון גאָט פון די פאַרפאָלגטע און גערעכטע — יהוה.

מיר זעען אַ ריי געזעצן, וואָס זענען געווען גילטיק און אפשר גע־שאַפן געוואָרן אין די צייַטן פון די שופטים: אַן עבר־עברי מוז באַפרייַט ווערן. דאָס איז געווען אַ נאַציאָנאַלער אימפּעראַטיוו. אַ בעל־חוב איז נאָר־מאָל געוואָרן אַ שקלאַף אָפּצואַרבעטן זייַן חוב. דאָס ייִדישע געזעץ האָט אים געהייסן באַפרייַען נאָך דעם ווי דער חוב איז באַצאָלט. אַזוי ווי דאָס איז געווען שווער צו מעסטן איז באַשטימט געוואָרן דאָס שמיטה־יאָר. די

געזעצן וועגן די ערי־מקלט זענען געווען געווענדעט קעגן דעם זיגלאָזן מנהג פון גואל־הדם. עס איז אויך געווען פאַרבאָטן צו נעמען נקמה אין די קינדער פון שולדיקן. די זקנים, אָדער בית־דין, האָבן געהאַט אַ רעכט צו דעצידירן אין יעדן פאַל פון שולד אָדער נישט.

אַ באַזונדערע באַטײַטונג האָט געהאַט די באַציונג צו גרים, וואָס אין דער צײַט פון די שופטים איז עס געווען אַ סינאָנים פאַר די אײַנגעזעסע־נע באַווינער. אין דברים כב׳ ח׳ ווערט געזאָגט: „זאָלסט נישט פאַראומ־ווערדיקן אַ מצרי, וואָס דו ביסט געווען אַ פרעמדער אין זײַן לאַנד״. כּסדר ווערט איבערגעחזרט מען זאָל נישט אונטערדריקן דעם גר, ווײַל די ייִדן זענען אַליין געווען גרים אין לאַנד מצרים.

אין דער שופטים־צײַט האָט זיך פאַרפעסטיקט דער דעמאָקראַטישער אופן פון פירן דאָס לאַנד. דאָס האָט שפּעטער זיך אויסגעווירקט אַזוי, אַז אַפילו אַזאַ דעספּאָט ווי אחאב האָט זיך צוגעהערט צו די נביאים. שוין נישט רעדנדיק וועגן דער ראָל פון שמואל, די שטראָפרייד פון נתן א״א בײַ די ערשטע מלכים, און די דרשות פון די גרויסע נביאים שפּעטער.

דאָס איז געווען אַ פאָרם פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע.

די כּהונה איז לרוב געווען אָפּגעטיילט פון רעגירן. געווען נאָר אײנ־צלנע פאַלן ווען דער שופט און שפּעטער דער מלך האָבן אויסגעפירט בײדע פונקציעס.

אין די צײַטן האָט מען וואָרשײַנלעך אָנגעהויבן פאַרשרײַבן די שאַ־פונגען, וואָס זענען שפּעטער נאָך אַ סך רעדאַקציעס געוואָרן דער יסוד פון תּנך.

אין קולטורעלן זין האָט די שופטים־צײַט זײער זאָרגפעליק צוגע־גרייט דעם באָדן צום שפּעטערדיקן גײַסטיקן אויפשטײַג. די עוואָלוציע צום רײנעם מאָנאָטעיזם האָט געשטעלט ווײַטערע שריט, הגם עס האָבן נאָך דאָמינירט די געצנדינערישע און אַנטראָפּאָמאָרפישע אַטריבוטן פון דער פאָלקס־רעליגיע. יהוה איז נאָך אַלץ געווען נאָר אַ גאָט פון נאַציאָ־נאַלע אויפגאַבן און צילן.

די געפאַר פון די פלשתּים פאַרגרעסערט זיך. זײ הייבן אָן באַדראָען נישט בלויז אפרים, נאָר אויך יהודה. דאָס פאַראײניקט בײדע קאָנקורירנ־

דיקע פאַר העגעמאָניע טײלן פון די בני־ישראל. אפרים האָט צוליב די מפּלות פאַרלוירן די באַטײַטונג און דערװײַל נישט געקענט פּרעטענדירן אויף העגעמאָניע. יהודה איז נאָך נישט געװען אַרײַנגעצויגן אין די אי־נערלעכע ענינים פון די בני־ישראל, נאָך געשטאַנען אַ ביסל פון דער זײַט. דער נביא און כּהן שמואל, אַ שופט בײַם שבט אפרים און בנימין, האָט דעריבער אויסגעקליבן אַלס קעניג אַ מאַן פון זײַן שבט בנימין, אַ קריגער און פויער. דערמיט האָט ער געמיינט צו מאַכן דעם קאָמפּראָמיס סײַ צווישן די שבטים, סײַ צווישן די קלאַסן, וואָס זענען שוין געווען צו יענער צײַט דיפערענצירט.

שאול האָט אין אָנהייב אָפּגעשלאָגן מיט דערפאָלג אַלע אָנפאַלן, ליק־ווידירט דעם פײַנדלעכן פּאַס, וואָס האָט אָפּגעטײלט יהודה פון די איבע־ריקע שבטים. ער איז געווען אַ מוטיקער קריגער אָבער אַ שוואַכער רעגי־רער. דער שבט יהודה, וואָס האָט דערזען אין די פּלשתּים אַ געפאַר פאַר זייער עקסיסטענץ, טרעט אַרויס אויף דער פּאָליטישער אַרענע. דוד קעמפט מיט דערפאָלג קעגן די פּלישתּים בײַ דער זײַט פון קעניג שאול. אָט דער דערפאָלג ברענגט צו אַן אָפענעם קאָנפליקט צווישן די בני־יש־ראל, וואָס הייבט זיך אָן מיטן זיג פון יהודה, אָבער ענדיקט זיך מיט דער שפּאַלטונג פון דער מלוכה.

ד. די שפּאַלטונג צעברעכט נישט די נאַציע

די כּסדרדיקע שווערע קאַמפן מיט די פּלשתּים און דאָס נישט קע־נען זיי באַזיגן שטערט שאולן צו אָרגאַניזירן די מלוכה, וואָס איז נאָך יונג און אומדערפאַרן.

מיט דער פאַרמערונג פון דער באַפעלקערונג ווערט וואָס אַ מאָל ווײ־ניקער ערד צו פאַרטײלן צווישן די יורשים. עס שאַפט זיך דעריבער אַ שיכט פון נישט־באַזיצנדיקע, וועלכע שטאַמען אָפּ פון די „גוטע" מש־פּחות. זיי זוכן און קעמפן פאַר עקסיסטענץ. אָט דער קאַמף האָט אין דער געשיכטע באַקומען דעם נאָמען „קאַמף פון די יוניאָרן". די תּנך־דערציילונ־גען וועגן יצחק — ישמעאל, יעקב — עשו צוליב דער בכורה, זענען אַ באַ־

ווייַז, אַז דאָס פּראָבלעם איז שוין געווען אַקטועל נאָך אין די צײַטן פון אַ האַלב באַזעסן לעבן. די נישט־באַזיצער זענען געווען דער עלעמענט, וואָס האָט געברויזט, אַנטייל גענומען אין אַלע איבערקערענישן. זיי האָבן אויך געזוכט צו דעראָבערן נײַע געביטן, צו שאַפן נײַע ישובים.

אַט אַזאַ דרוזשינע האָט זיך פאַרשאַפט דוד בן ישי פון שבט יהודה, און ער האָט זיך צעקריגט מיטן מלך שאול. אין שמואל א׳, קאַפּ כב׳ פּסוק ב׳ שטייט אַזוי: „און עס האָבן זיך אויפגעקליבן צו אים ווו נאָר אַ מענטש וואָס האָט אַ בעל־חוב, און ווו נאָר אַ מענטש מיט אַ ביטער געמיט; און ער איז געוואָרן פאַר אַ הויפּטמאַן איבער זיי. און עס זענען געווען מיט אים אַרום פיר הונדערט מאַן.״

געלעבט האָבן זיי פון אַנפאַלן אויף די שכנותדיקע פעלקער און פון נעמען אָפּצאָל פון די אָרטיקע אײַנוווינער, וועמען זיי האָבן געגעבן שוץ, ווי עס דערציילט דער תנך אין דער מעשה פון דוד און אביגיל.

די פאַרגרעסערטע דיפערענצן אין סאָציאַלן לעבן האָבן געשאַפן אַ געזעלשאַפטלעכן שיכט און כּוח, וואָס איז געוואָרן די מיליטערישע דרו־זשינע פון הערשער. די באַזע פאַר דער אַליינהערשאַפט פון מלך.

שאול פאַלט אין שלאַכט צוזאַמען מיט זײַנע העלדישע זין. זײַן יורש אישבעל־אישבושת איז צו שוואַך אַנצופירן מיט דער גרויסער אויפגאַבע צו שאַפן די מלוכה. דער שבט יהודה, וואָס איז דירעקט באַדראָט און דאַרף די הילף פון אַנדערע שבטים צו באַקעמפן די פלשתים, קלייבט אויס דודן אַלס מלך און נאָך זיבן יאָר הערשן באַזונדער האָבן אויך די איבעריקע שב־טים אײַנגעזען דעם נוצן פון דער פאַראייניקונג און אַנגעטרויט דעם שבט יהודה די אַנפירונג. די דינאַסטיע פון דוד האָט אָפּגעשפילט אַ גרויסע ראָל אין דער ייִדישער געשיכטע און ווײַל זי האָט זיך געהאַלטן פון 1015 ביז 586 פ״ק ד״ה איבער פיר הונדערט יאָר איז זי געוואָרן אַ סימבאָל פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ און מאַכט.

דודן געהערט אויך דאָס אײַננעמען ירושלים, וואָס איז געוואָרן די הויפּטשטאָט פון יהודה טויזנט הונדערט יאָר און דער אָביעקט פון בענ־קען נאָך דעם פאַרלאָרענעם היימלאַנד ווײַטערע טויזנט און נײַן הונדערט יאָר.

דוד האָט אויסגעברייטערט די מלוכה ביז צום רויטן ים אין דרום און

ווייַט אויף מזרח און צפון. דער מערבֿדיקער ים־ברעג איז געבליבן נישט־ייִדיש, אָבער די האַנדלסוועגן זענען דאַמאָלס לרוב געגאַנגען אויף דער יבשה און אין ישׂראל האָבן זיך געפֿונען עטלעכע אַזעלכע וועגן.

די נאַציאָנאַלע איינהייט איז געוואָרן אַ פּאָליטישע רעאַליטעט און האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז שלמהס טויט. שלמה איז געווען אַ פֿרידלעכער קעניג, הגם ער האָט אָנגעהויבן — לויטן דאַמאָלסדיקן שטייגער — מיט אַ בלוטבאָד פֿון זײַנע קאָנקורענטן צום טראָן און זייערע מיטהעלפֿער. ער האָט נישט געזוכט קיין נײַע דעראָבערונגען, נאָר פֿרײַנדשאַפֿט מיט די שכנים און גרויסמאַכטן. ער האָט פֿאַרפֿעסטיקט מיליטעריש און עקאָנאָמיש די מלוכה, פֿונאַנדערגעבויט אירע אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען, געבויט פּאַלאַצן און פֿעסטונגען, געפֿירט אַ רײַך־און לוקסוס־לעבן. צוזאַמען מיט אים האָבן גענאָסן די אַריסטאָקראַטישע האַרן און אויבערשטע שיכטן.

דער נײַער שטאַט האָט געפֿאָדערט קאָלאָסאַלע אויסגאַבן, וואָס מען האָט גענומען פֿון שטײַערן. דוד און שלמה האָבן געוואָלט פֿאַרניכטן די שבֿטים־פֿונאַנדערטיילונג. קעגן דעם זענען אויסגעבראָכן אַ ריי אויפֿשטאַנדן, וועלכע האָבן געטראָגן נישט בלויז אַ כאַראַקטער פֿון דינאַסטיע־פּרעטענזיעס נאָר האָבן זיך אויך געשטיצט אויף דעם פּאַרטיקולאַריזם און אויף דער אומצופֿרידנקייט פֿון די מאַסן.

דער עיקר איז געווען די אומצופֿרידנקייט. עס זענען געווען שווערע שטײַערלאַסטן פֿאַר אַלע חוץ פֿאַרן שבֿט יהודה. ביז שלמהן האָבן די בני־ישׂראל נישט געוווּסט פֿון קיין צוואַנגאַרבעט. מען האָט אויך געדענקט די צײַטן פֿון קנעכטשאַפֿט אין מצרים, ווען מען האָט געבויט געצוווּנגענערהייט פּתום און רעמסס. (?).

שלמהס רעזשים האָט זיך געוואָלט שטיצן אויף דער געלטווירטשאַפֿט. דאָס איז געווען אין סתירה מיט דער נאָך עקסיסטירנדיקער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פֿון לאַנד, ווו די גרויסע מערהייט האָבן געבילדעט די פֿרײַע קליינערדיקע פּויערים.

דער איבערגאַנג צו געלטווירטשאַפֿט האָט געבראַכט אַ סך דעקלאַסירטע עלעמענטן און פֿאַרשאַרפֿט די סאָציאַלע דיפֿערענצן. די רײַכע זענען געוואָרן רײַכער, אָבער די אָרעמע האָבן פֿאַרלוירן זייער באַזיץ. די עקסיסטירנדיקע מיליטערישע דרוזשינע האָט נישט געקענט אַרײַננעמען אַלע

באַזיצלאָזע יוניאָרן און דאָס איז געוואָרן די באַזע, די טרײַבקראַפט פון די מעגלעכע בונטן. די גרעסטע אומצופרידנקייט האָט אַרויסגערופן די פרײַ־ווילעגירטע לאַגע פון שבט יהודה און פון די אײַנוווינער פון ירושלים. דאָס האָט געבראַכט צו דער שפּאַלטונג אויף צוויי מלוכות: יהודה און ישׂ־ראל, שפּעטער אָנגערופן מלכות־שומרון.

דער קאַמף צווישן דער געלטווירטשאַפט און זעלבסט־קאָנסום־ווירט־שאַפט פון פרײַען פויער איז געווען די באַזע פאַר די סאָציאַלע קאָנפליק־טן. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין קאַמף צווישן די קולטן.

דער בעל־קולט, אויסגעבאָרגט פון די פעניציער, די געצנדינערײַ גע־נומען פון אשור און מצרים, האָט רעפּרעזענטירט די נײַע פאַרהעלטענישן, וואָס די געלטווירטשאַפט האָט מיט זיך געבראַכט. לוקסוס־לעבן, טעמפּל־פּראַכט, אַ פרײַ צעלאָזן רײַך טאָג־טעגלעך געניסן איז געווען דער ציל און אידעאַל פון די נײַ אויפגעקומענע שיכטן.

אַנדערש איז געווען דער קולט פון נאַציאָנאַלן גאָט יהוה, דעם גאָט פון די פאַרפאָלגטע, דעם גאָט פון גערעכטיקייט. ער האָט רעפּרעזענטירט דעם פרײַען מענטש, וועלכער האָט געזוכט זײַן נאַציאָנאַלע אייגנאַרט, גע־שטיצט אויף די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן פון דער גרויסער מערהייט פון ייִדישן פאָלק, אויסגעקעמפט און אויסגעהאָדעוועט אין משך פון לאַנגע פּעריאָדן פון שווערן נאָמאַדנלעבן און פון די דעראָבערונגס־קאַמפן.

דער אויסדרוק פון אָט די סאָציאַלע שטרעבונגען און אידעען איז גע־ווען די נבואה.

די דאָזיקע דערשײַנונג איז אייגן ייִדיש און מיר זעען עס נישט בײַ אַנדערע אַלט־אָריענטאַלע פעלקער. די נביאים און די סאָציאַלע רעפאָר־מען, אינספּירירט און אויסגעקעמפט דורך זיי, האָבן געגעבן דעם כאַראַק־טער פון פאָלק, אויסגעבילדעט די ייִדישע נאַציע, געגעבן דעם כּוח דורכ־צוהאַלטן אַלע שמעלצטעפּ פון דער וועלט־געשיכטע.

די יסודות פון נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין

א. די באַטייטונג פון די נביאים

די הויפּטבאַזע פֿאַר דער טעטיקייט און באַטײַטונג פון די נביאים איז געוועזן דער קאַמף פֿאַר אײַנהאַלטן די נאַציאָנאַלע אייגנאַרט, דאָס ספּעציפֿישע וואָס טיילט אויס דאָס ייִדישע פֿאָלק, דעם אַזוי שטאַרק קריטיקירטן און באַזידלטן „אתה בחרתנו מכל העמים״.

צי זענען מיר טאַקע געווען אַנדערש? און צי האָבן מיר זיך געדאַרפט בעסער אַסימילירן און נישט גיין קיין באַזונדערן וועג? צי האָבן מיר דאָס געקענט?

לאָמיר לאָזן רעדן דעם חומש דברים (יא׳ פסוקים י׳־יא): „וואָרום דאָס לאַנד וואָס דו קומסט אַהין עס צו אַרבן איז נישט ווי דאָס לאַנד מצרים, וואָס איר זײַט פון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען, וואָס אַז דו האָסט פֿאַרזייט דײַן זאָמען האָסטו באַוועסערט מיט דײַן פוס, אַזוי ווי אַ גאָרטן פון גרינס. נײַערט דאָס לאַנד וואָס איר גייט אַריבער עס צו אַרבן איז אַ לאַנד פון בערג און טאָלן; פון רעגן פון הימל טרינקט עס וואַסער; אַ לאַנד וואָס גאָט דײַן האַר זאָרגט זיך אום דעם; תּמיד זענען די אויגן פון גאָט דײַן האַר דערויף פון אָנהייב יאָר ביז סוף יאָר.״

מיט אַנדערע ווערטער איז עס אַ לאַנד, ווו נאָר די גרויסע מי און זאָרג פון פרײַען מענטש קען פֿאַרזיכערן אַרויסצובאַקומען פון דער אָרעמער ערד די חיונה, ווו מען איז קיין מאָל נישט זיכער מיט קענען אַרויסבאַקומען שפּײַז. אין אַזאַ לאַנד האָט געצוווּנגענע שקלאַפן־אַרבעט נאָר געקענט שאַדענען און נישט ברענגען נוצן. אין קעגנזאַץ צו די קינסטלעך־באַוואַסערטע געביטן פון מצרים און מעסאָפּאָטאַמיע, וואָס פֿאָדערן אַ צענטראַליזירטן סיסטעם, האָט דאָ געקענט לעבן אַ פרײַער מענטש.

די גאַנצע אַלטערטימלעכע וועלט האָט זיך געשטיצט אויף שקלאַ־

פעריי. אין איין לאַנד, אין ייִדישן, איז שקלאַפעריי נישט געוואָרן דער יסוד פון דער עקאָנאָמיע און במילא נישט אין סאָציאַלן לעבן. און אויב עמיצער איז געוואָרן אַלס בעל־חוב אַ שקלאַף, אין איינקלאַנג מיט די דאַמאָלסדיקע שטייגער־געזעצן, האָט אים די ייִדישע געזעצגעבונג נאָך אַ געוויסן טער־מין באַפרייט. נאָך מער, אויב דער שקלאַף האָט געוואָלט בלייבן אין זיין מעמד האָט מען אים אַלס שאַנדצייכן געלעכערט דאָס אויער און באַשפיגן. זיין אַ קנעכט איז געווען אַ שאַנדע. ווען די געפאַר פון דער בבלישער אינ־וואַזיע ערב־חורבן איז געווען ביי די טויערן פון ירושלים האָט דער מלך באַפרייט אַלע שקלאַפן. ווי די געפאַר איז צייטווייליק אַריבער האָט מען אָפגענומען צוריק די פרייהייט. ירמיהו זאָגט דערוועגן זייער ביטערע רייד.

אָט די געזעצגעבונג, געבויט אויף דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוק־טור פון אַ פריי פאָלק, פון פרייע מענטשן, האָט געגעבן אַ ספּעציפישן סימן פון אויסגעטיילטקייט, פון באַזונדערטקייט. דאָס איז געווען די טעמע פון די רייד פון די נביאים, וועלכע האָבן אויסגעטיילט די בת־ציון פון אַנדע־רע פעלקער, אַמאָל זי צו לויבן, מערער נאָך זי צו שטראָפן.

וואָס איז אַ נביא?

אַלע אַלטע פרימיטיווע פעלקער האָבן געהאַט אַ זעער, אַ פאָרויסזאָ־גער, אַ טרעפער, אין העברעיִש הייסט עס ראה, חזה, צפה. דער נביא איז אָפט געווען אויך דער באַשווערער פון רוחות, ד״ה דער שאַמאַן, דער כהן און אויך דער רופא, דער בעל־מופת.

ביי די אוראַלטע ישראלים איז די נביאים־אינסטיטוציע אויך אַרויס־געוואַקסן פון אָט די פאָרשטעלונגען. אליהו איז געווען אַ בעל־מופת און היילער, שמואל אַ זעער און אַ כהן. מיט דער צייט אָבער האָט זיך דער באַ־גריף געענדערט און דער נביא איז אויסגעוואַקסן אַלס פאָרשטייער פון אַ באַשטימטער אידעאָלאָגיע און ריכטונג. די נביאים זענען נישט בלויז גייס־טיק גרויסע איינצלנע פערזענלעכקייטן, נאָר זיי האָבן מיט זיך פאָרגע־שטעלט געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען מיט נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע צילן.

דער גלויבן אין טראַנסצעדענטאַלע כוחות איז נאַטירלעך פאַר יענער צייט, ווען די וויסנשאַפט איז געשטאַנען אויף אַ נידעריקן ניוואָ. דאָס איז געווען אַ באַגלייט־דערשיינונג פון יעטוועדן גלויבן. די יהוה־אַדעפטן, פון

די לעצטע נביאים ביזן רמבם, האָבן ווייניק אַכט געלייגט אויף נסים און מופתים. אין יהוה־קולט איז געווען ווייניק אָבערגלויבן און מאַגיע, ווײַל אין די ערשטע צײַטן פון אויסבילדן די נאַציע זענען די מאַגיע און די אָבערגלויבנס פּראַקטיצירט געוואָרן אין נאָמען פון אַנדערע געטער, נישט פון נאַציאָנאַלן גאָט יהוה.

די ערשטע א.ג. מינדלעכע נביאים זענען נאָך געווען בעלי־מופת, ווי אליהו און אלישע. אָבער די שפּעטערדיקע, די א.ג. שריפטלעכע נביאים, זענען געווען פאָלקסטריבונען, וועלכע האָבן פאַרטרעטן אידעאָלאָגיעס און אידעען.

אין תוך פון דער נביאים־טעטיקייט זענען געלעגן די סאָציאַלע פאַר־העלטענישן און די וועגן צו לייזן די סאָציאַל־נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

די ערשטע פראַגע — און די אַקטועלסטע — איז געווען די קאָנצעפּ־ציע פון באַגריף מלוכה. וואָס איז מלוכה? וועמען דינט זי? דעם פאָלק אָדער די אויבערשטע שיכטן? און אויך דאָס פּראָבלעם: וואָס איז וויכ־טיקער — פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט אָדער דער פיזישער און גײַסטי־קער קיום פון פאָלק?

די דאָזיקע פראַגן האָבן אין דער פּראַקטיק זיך אויסגעדריקט אין קאַמף צווישן די רעליגיעזע קולטן, אין טערמינען פון גלויבן. אָבער די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַזע פאַר אָט דעם „רעליגיעזן" קאַמף זענען געווען די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן.

מיט דער באַזעסנקייט אויפן לאַנד און מיט דער אַנטוויקלונג פון דער מלוכה־פאָרם איז אַלץ מער אַרײַנגעדרונגען די געלטווירטשאַפט, וואָס האָט צעטרייסלט די פּאַטריאַרכאַלע באַציונגען מיט זייער קליינער סאָציאַ־לער גראַדאַציע. די געלטווירטשאַפט האָט פאַרגרעסערט דעם אונטערשייד צווישן רײַך און אָרעם, געשאַפן אַ קויפער און פאַרקויפער פון אַרבעטס־כוח, געמאַכט מעגלעך אָנצוזאַמלען רײַכטום. די געלטווירטשאַפט האָט אויך געבראַכט צום אַנטשטיין פון אַ נײַעם קלאַס: בעלי־מלאכות און פון אַ שטאָטישן עלעמענט.

די געלטווירטשאַפט איז אויך געווען די סיבה פון דער פּראָלעטאַרי־זאַציע (אין אַלטן זין פון וואָרט ד"ה דעקלאַסירונג) און פּאַופּעריזאַציע. זי האָט פאַרגרעסערט די רייען פון די באָדנלאָזע. עס איז אַנטשטאַנען אַ

דעקלאַסירטער עלעמענט סײַ פון פאַראַרעמטע און סײַ פון ערדלאָזע יו־ניאָרן.

דערמיט זענען אויך טיילווײַז צעשטערט געוואָרן די סאָציאַל־עטישע פירעכצן. אָבער די נײַע קלאַסן זענען נישט געוואָרן קיין דאָמינירנדיקער שיכט און דעריבער נישט געקענט זײַן קיין באַזע פאַר די אַבסאָלוטיסטישע באַגערן און פאַרלאַנגען פון די מאָנאַרכן. דוד האָט טאַקע צונויפגעקליבן „ווו נאָר אַ מענטש אַ געדריקטער, און ווו נאָר אַ מענטש וואָס האָט אַ בעל־חוב, און ווו נאָר אַ מענטש מיט אַ ביטער געמיט" (שמואל א׳ כב׳, ב׳), אָבער ער האָט געמוזט אָנקומען און וואַרטן זיבן יאָר ביז די פאָלקס־פאַר־שטייער האָבן אים געגעבן דעם טראָן.

דאָס דריקט זיך אויך אויס אין דעם, וואָס די נביאים האָבן — חוץ קליינע אויסנאָמען — געהאַט די מעגלעכקייט פרײַ צו פריידיקן זייערע אי־דעען און אַרויסזאָגן זיך קעגן דער עקסיסטירנדיקער מאַכט. אַפילו אחאב האָט געמוזט טאָלערירן די נביאים. עס איז געווען זייער אָנגענומען דער געבאָט: „איר זאָלט נישט אָנרירן מײַנע געזאַלבטע, און מײַנע נביאים נישט בייז טאָן". (דברי הימים א׳ טז׳ כב׳)

די באַרגגעביטן אין ישראל, ווי בכלל די טאָפּאָגראַפיע, האָט דיק־טירט אַ ווירטשאַפט פון קליינערדיקן פויער. דעריבער איז די פּראָפּאָר־ציע צווישן די פרײַע פויערן און די אַנדערע שיכטן פון דער באַפעלקע־רונג תּמיד געווען אַזאַ, אַז דער פרײַער פויער האָט געבילדעט די מערהייט און ער האָט געלייגט דעם שטעמפל אין סאָציאַלן לעבן. אין מלכות־ישראל און אין מלכות־יהודה האָבן דעריבער זיך נישט געקענט קאָדיפיצירן פו־לע רעכטסיסטעמען פון פּריוואַט־אייגנטום, באַזונדערס פון גרויסן באַזיץ, און פון דער מלוכה־אויטאָריטעט אַלס באַשיצערין פון פּריוואַט־אייגנטום. עס זענען נאָך פאַרבליבן די משפּחה־ און שבטים־פאַרבאַנדן מיט אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג, ראשי עם, נשיאים, זקנים און בײַ גאָר וויכטיקע ענינים האָט דאָס גאַנצע פאָלק געשלאָסן דעם בונד מיט גאָט, ברית ה׳.

דער ישׂראלישער „עבד" איז נישט געווען קיין קנעכט אין אַלטער־טימלעכן זין פון וואָרט, נאָר אַ לוינאַרבעטער מיט געשיצטע רעכט, מיט אַ טערמין פון „אָפּאַרבעטן דעם חוב". דער פולשטענדיקער שקלאַף — דער עבד־כּנעני — ווערט פאַרשוואונדן מיטן באַהערשן דאָס לאַנד.

אין לעבן פון ישראל — פאַר און נאָך דער שפּאַלטונג — איז פאַראַן דער געמיש פון אויטאָקראַטישער אַדמיניסטראַציע מיט דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס. זיי זענען דער אויסדרוק פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן און גלייכצייטיק דער אָביעקט פון קאַמף צווישן די אידעאָלאָגיעס.

די אידעאָלאָגיעס ווערן אין הסכם מיט דער צייט אויסגעדריקט אין רעליגיעזע קולטן.

די געלטווירטשאַפט ווערט רעפּרעזענטירט דורך דעם בעל־קולט (אַרייַנגערעכנט די קולטן פון עשתרות, אפיס, מולך א״א). אין שופטים ב׳ י־יא׳ זאָגט זיך: „און אַן אַנדער דור איז אויפגעשטאַנען נאָך זיי, וואָס האָבן נישט געקענט גאָט, און נישט די טואונג וואָס ער האָט געטאָן פאַר ישראל. און די קינדער פון ישראל האָבן געטאָן שלעכטס אין די אויגן פון גאָט, און זיי האָבן געדינט די בעל־געטער.״

דער בעל־קולט האָט מיט זיך פאַרקערפּערט דעם לוקסוס פון די באַזיצנדיקע קלאַסן. ווען עס זענען געווען צייטן פון ווילשטאַנד און עס איז געוואַקסן דאָס רייַכטום איז אויך געוואַקסן די באַדערפעניש פון לוקסוס, פון געניסן, פון אויסגעלאַסנקייט און מען האָט גענומען דינען צו די בעל־געטער. די מלכים אסא און יהושפט זענען געווען יהוה־טרייַע קעניגן, אָבער זייער רעגירונגס־צייַט האָט שטאַרק געהויבן דעם עקאָנאָמישן מצב, דעם האַנדל, געבראַכט רייַכטום. זיי האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר עתליה׳ס בעל־קולט. דאָס זעלבע איז געשען בייַם פרומען מלך עזיהו און בייַם נאָך פרומערן יותם, וואָס נאָך זיי איז געקומען אחז, ווען די מסורה האָט אַפילו אָפּגענומען דעם טראַדיציאָנעלן יהו־צוגאָב צום נאָמען.

נאָכן יהוה־טרייַען חזקיהו איז געקומען דער געצנדינער מנשה און נאָך דעם גאָר פרומען יאשיהו — יהויקים. די יהוה־טרייַע מלכים האָבן מיט זייער באַזאָכטער און גוטער פּאָליטיק געבראַכט ווילשטאַנד און דער ווילשטאַנד האָט געבאָרן נייַע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, וואָס דער בעל־קולט איז געווען זייער אויסדרוק.

די באַזעסנקייט האָט מיט זיך געבראַכט דאָס דינען צו די אָרטיקע געטער, צום ברענגען קרבנות אויף די במות. די געלטווירטשאַפט האָט געבראַכט דאָס דינען צו די פעניצישע, בבלישע און מצרישע אָפּגעטער. פאַר דעם נאַציאָנאַלן גאָט יהוה זענען געבליבן די נאַציאָנאַלע אויפגאַבן:

צוערשט דאָס דעראָבערן דאָס לאַנד כנען, שפּעטער דאָס שיצן דאָס דעראָ־בערטע. אַזוי האָט געטראַכט אחאב, וועלכער איז אין טאָג־טעגלעכן לעבן געווען געבונדן מיטן בעל־קולט, אָבער אין זײַן מלוכהשער טעטיקייט האָט ער זיך פאַרבונדן מיטן יהוה־קולט און אַלע זײַנע קינדער, אַפילו די געצנ־דינערין עתליה, טראָגן דעם יהוה־שן צוגאָב צום נאָמען.

יהוה איז אָבער געווען חוץ אַ נאַציאָנאַלער גאָט אויך דער גאָט פון צדק און יושר, דער גאָט פון די אָרעמע און פאַרפאָלגטע. דעריבער איז פאַרשטענדלעך, אַז נישט בלויז בײַ נאַציאָנאַלע אויפברויזן שטאַרקט זיך יהוהס אײַנפלוס אין די קרײַזן פון די פרײַע פּויערים, נאָר אויך אין צײַ־טן פון סאָציאַלער נויט און קריזיס.

דבורה הנביאה, שמואל, אליהו און אלישע האָבן געשטעלט דעם טראָפ אויף נאַציאָנאַלע מאָמענטן. עמוס, ישעיה, מיכה האָבן שוין שטאַרק אונ־טערגעשטראָכן די סאָציאַלע מאָטיוון. שפּעטער קומען ירמיהו, יחזקאל, ישעיה דער צווייטער און אַקצענטירן אַלץ מער די עטיש־מאָראַלישע פּרינ־ציפּן.

אַ זײַטיקער שטראָם פון די נביאים איז געווען די באַוועגונג פון די אַסקעטן, די רכביים, גערופן אַזוי נאָכן נביא יהונדב בן רכב, אַ פירער פון אַן אויפשטאַנד קעגן אחאבס יורשים. זיי האָבן געהאַט אין זכּרון די אור־קאָמוניסטישע געמיינשאַפט. די מדבר־ראָמאַנטיק איז געווען פאַר זיי אַ מוסטער. זיי האָבן נישט געטרונקען קיין ווײַן, נישט געבויט קיין הײַזער, נישט באַאַרבעט די ערד (!!!). פון זייערע רייען פלעגן זיך אַרויסרײַסן איינִיקע נביאים און זיך אַרײַנוואַרפן אין געזעלשאַפטלעכן קאַמף, אָבער לרוב זענען זיי געבליבן מן הצד. זייער באַוועגונג האָט פון דער זײַט באַ־גלייט דעם אידעישן קאַמף אין יידישן לעבן. פון זייער באַוועגונג איז שפּע־טער, סוף בית שני, אויסגעוואַקסן די סעקטע פון די אסיים.

יעדער אויסערלעכער אָנפאַל, וואָס האָט באַדראָט די נאַציאָנאַלע עק־סיסטענץ, האָט געשטאַרקט דעם יהוה־קולט. יעדער עקאָנאָמישער אויפ־בלי האָט געבראַכט דעם בעל־קולט. די באַזעסנקייט האָט געבראַכט דאָס אָנערקענען די אָרטיקע געטער. די באַציונגען מיט די שכנים האָט מיט זיך געבראַכט דאָס איבערנעמען פרעמדע קולטן.

די קעגנזעצלעכע שטרעבונגען פון צענטראַליזאַציע און פאַרטיקולאַ־

ריזם האָבן זיך אויסגעדריקט אין קאַמף קעגן די במות. אין שטרייט פאַרן ריינעם גלויבן אין אַן איינציקן גאָט. דאָס רייַכער מאַכן דעם גאָטעסדינסט אין בית־המקדש האָט געהאַט אַ טאָפּלטן ציל. פון איין זייַט האָט מען גע־וואָלט שטאַרקן דעם אָנזען פון דער צענטראַלער מאַכט, פון דער אַנדע־רער איז עס געווען אַ נאָכמאַכונג די הערשנדיקע גרויסמאַכטן.

דאָס אַלץ האָט מיט זיך געבראַכט אַ סינקרעטיזם. רעשטלעך דערפון געפינען זיך אַפילו אין תּנך: עקידת־יצחק, יפתּחס נדר, גדעונס אָפּגיסן אַ גילדערנע סטאַטוע פון יהוה, שאולס אַרויסרופן דעם גייַסט פון שמואלן, שלמהס טאָלעראַנץ פון די פרעמדע קולטן, ירבעמס קעלבער בייַם יהוה־טעמפּל אין בית־אל א״א. אַפילו אין בית־המקדש איז געווען אַ קופּערנע שלאַנג (אַ רעשטל פון אַן אַלטן געצנדינערישן קולט), וואָס חזקיהו האָט זי באַזייַטיקט, ווען ער האָט זיך באַקערט צום ריינעם בילדלאָזן מאָנאָ־טעיִזם.

דער קעלבערקולט אין בית־אל בייַם יהוה־מזבח איז געווען יר־בעמס ווילן אָפּצוטיילן זיך פון יהודה, ירושלים און דעם בית־המקדש. דער קולט האָט געשטעקט טיף אין פאָלקס־גלויבן, ווי עס ווייַזט די מעשה מיטן עגל־הזהב. די קעמפערישע מינדלעכע נביאים מייַדן אויס צו פירן דעם קאַמף קעגן דעם קעלבערקולט, נאָר זיי קאָנצענטרירן זייער אָנ־גריף קעגן בעל־קולט, ווי אַן אייַנפלוס פון דרויסן, ווי אַ פּראָדוקט פון דער געלטווירטשאַפט, ווי אַן אויסדרוק פון לוקסוס און אויסגעלאַסנקייט. זיי רעדן וועגן יהוה, נישט דערמאָנענדיק זייַן ריינעם מאָנאָטעיִזם, נאָר אין תּוך זענען געווען סאָציאַל־נאַציאָנאַלע מאָטיוון.

אַזוי ווי דער קעלבערקולט איז געווען קרוביש מיטן בעל־קולט האָט ער געשטערט אייַנצופירן דעם ריינעם מאָנאָטעיִזם. דאָס האָט זיך פאַ־טאַל אָפּגערופן אויף גלות־אשור. עס איז נישט געווען קיין אייַנגע־וואָרצלטקייט פון יהוה־קולט און די ענלעכקייט פון בעל־קולט צום קעל־בערקולט האָט אָפּגעשוואַכט די ווידערשטאַנד־פעיִקייט אויסצוהאַלטן דעם גלות. דערבייַ דאַרפן מיר געדענקען, אַז דער סאָציאַלער קאַמף האָט זיך ערשט געהאַט אָנגעהויבן און אין דער תּורה, וואָס האָט דאַמאָלס עקסיס־טירט, האָבן נאָך געפעלט אַ ריי גרונטיקע סאָציאַלע רעפאָרמען.

דעם קאַמף קעגן דער געצנדינערישקייט, וואָס האָט אין אַ געוויסער

מאָס באַאײַנפלוסט דעם יהוה־קולט, פירט דער נביא עמוס. אין זײַן קריטיק פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן וויל ער פון יהוה־בילד אָפּמעקן אַלע סימנים פון דער אַרײַנדרינגענדיקער געלטווירטשאַפט, יעדן אויסדרוק פון לוקסוס. דער קאַמף פאַרן ריינעם מאָנאָטעיִזם איז אַ סאָציאַלער קאַמף, אַ באַגלייט־דערשײַנונג פון נאַציאָנאַל־סאָציאַלן שטרײַט מיטן אַקצענט אויף דעם סאָציאַלן.

עמוס פירט שוין נישט דעם קאַמף קעגן די פרעמדע געטער, נאָר מיט די פרעמדע פאָרמען פון אייגענעם יהוה־קולט. די פאָרמען האָבן געטראָגן אַלע סימנים פון דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט. דערפאַר טרעט ער אַרויס אויך קעגן קרבנות בכלל, ווען אליהו פריִער האָט זיך באַנוצט מיט קרבנות.

מיטן אויסאַרבעטן אַ נײַע וועלט־אַנשויונג, וואָס האָט אויסגעדריקט דעם פּראָטעסט קעגן דער שקלאַפן־געזעלשאַפט און דער געלטווירטשאַפט, און גלײַכצײַטיק אָנערקענען די רעאַליען פון דער צײַט — האָבן זיך פאַרנומען די נביאים־שולן, בעסער געזאָגט, די נביאים־פּאַרטייען. זיי האָבן זיך גערופן אין פאַרשידענע צײַטן אַנדערש. נאָך אין שמואלס צײַטן זענען געווען עקזאַלטירטע נביאים־גרופּן. אליהו און אלישע —ביידע גרויסע פּאָליטישע פירער — האָבן געהאַט אַרום זיך תלמידים. שפּעטער זענען געקומען די אנשי־חזקיהו און די בני־הנביאים, וועלכע האָבן דורכגעפירט די סאָציאַלע רעפאָרמען. אין אַלגעמיין האָבן זיי — צוזאַמען מיט די גרויסע באַקאַנטע נביאים — באַקומען דעם נאָמען נביאי־האמת — קעגן די נביאים־השקר, וועמענס פּראָגנאָזן האָבן זיך נישט באַשטעטיקט אין דער געשיכטע.

עס איז באַקאַנט דער שטרייט צווישן ירמיהו און חנניה וועגן דער אויסערן־פּאָליטיק פון מלכות־יהודה קורץ פאַרן חורבן.

פון תמיד אָן האָבן די נביאים נישט אָנערקענט די מלוכה־טרײַשאַפט. די מלוכה איז בײַ זיי געווען צווייטראַנגיק. זי דאַרף דינען דעם צדק און יושר און איז נישט קיין ציל פאַר זיך אַליין. אָט די אידעע — באַזונדערס די שטאַרקע שטראָפרייד — האָט זיי אָפּט געשטעלט אין חשד פון פאַרראַט לגבי די נאַציאָנאַלע נויטן, ספּעציעל ווען זיי באַקעמפן דעם

פראַליקן איבערגעטריבענעם אָפּטימיזם פון דער אייגענער זעלבסט־באַ־רימערישקייט.

אלישע האָט געזאַלבט דעם שונא חזאל; ישעיה טרעט אַרויס קעגן פירן די מלחמה מיט אשור. ירמיהו איז קעגן דער מלחמה מיט בבל. ווי לאַנג דער אויסערלעכער באַצווינגער רירט נישט אָן די אינערלעכע קאָנסטעלאַציע, אַזוי לאַנג טאָר מען נישט שטעלן אין סכנה די פיזישע עקסיסטענץ פון פאָלק.

די נביאים האָבן אויך נישט אָנערקענט די שפּאַלטונג, הגם זיי האָ־בן דערצו מיטגעהאָלפן. פאַר זיי איז דער עיקר געווען די אידעען־טריי־שאַפט. ירמיהו דריקט אויס זײַן וויטיק וואָס ער מוז אַרויסטרעטן קעגן די פּאַטריאָטישע געפילן פון די ייִדן, וואָרענען זיי קעגן דער אומזיניקייט פון ווידערשטאַנד. דערבײַ פילט ער אויך טיף אָפּ דעם אינערלעכן ווײ, וואָס זײַנע ברידער וואַרפן אים פאַר פאַרראַט און וואַרפן אים אין תפיסה אַרײַן. ער קלאָגט זיך: „ווײ מיר, מוטער מײַנע, וואָס דו האָסט מיך גע־באָרן אַ מענטש פון קריג, און אַ מענטש פון שטרייט קעגן גאַנצן לאַנד.״ (ירמיהו טו׳ י׳).

אָבער אָפּזאָגן זיך פון וואָרענען און שווײַגן קען ער נישט: „פאַר־וואָר, דאָס וואָרט פון גאָט איז מיר געוואָרן צו שאַנד און צו לעסטערונג אַ גאַנצן טאָג. און איך האָב געוועסט געזאָגט: איך וועל אים נישט דער־מאָנען און וועל מער נישט רעדן אין זײַן נאָמען; אָבער עס איז אין מײַן האַרצן ווי אַ ברענענדיק פײַער אײַנגעשלאָסן אין מײַנע ביינער און איך מאַטער זיך עס אײַנצוהאַלטן, אָבער איך קען עס נישט.״ (ירמיהו כ׳ ח־ט׳).

ירמיהו האָט געהאַט פאַר זיך דאָס בילד פון חורבן־שומרון און מורא געהאַט עס זאָל זיך נישט איבערחזרן די מוראדיקע שחיטה פון זײַן פאָלק, עס זאָלן נישט פאַרלוירן גיין די רעשטלעך, ווי עס איז געשען. בײַם חורבן־שומרון האָט נאָך אַ טייל געקענט זיך ראַטעווען אין מלכות־יהודה סײַ בעתן חורבן, סײַ שפּעטער. נאָר דער טייל, וואָס איז איבערקאָלאָניזירט געוואָרן, איז פאַרשוווּנדן פון ייִדישן האָריזאָנט. ירמיהו פילט נישט דעם כּוח, וואָס זאָל קענען איבערהאַלטן אַ פּאָליטיש־טעריטאָריעלע מפּלה. ער אַפּעלירט דעריבער צו די ערשטע גולי־בבל זיי זאָלן זיך אײַנפעסטיקן און האַלטן די טראַדיציע. אָבער ער ווײַזט נישט אַרויס קיין האָפערדיקייט,

קיין בטחון. דערפון אַזעלכע ביטערע רייד קעגן די אָנהענגער פון דער מלחמה. פון דער מורא צו פאַרלירן אָן נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע די גייַסטיקע ווערטן נעמט זיך אויך זייַן שטיצן גדליהו, דאָס באַווייַנען זייַן טויט און זיך קעגנשטעלן דאָס גיין פרייַוויליק אין גלות.

ירמיהוס ספיקות האָבן זיך נישט באַרעכטיקט. שוין יאָרהונדערטער האָבן די גרויסע מענער פון ישראל — און צווישן זיי אויך ער אַליין ירמיהו — אויסגעאַרבעט אַ נייַעם קאָדעקס פון שטייגער, מנהגים, אידעאַלן, פון אַן עטיק און מאָראַל, וואָס זענען געווען שטאַרקער פון אַלע אימפעריעס, פון די מעכטיקסטע מלוכות.

די געזעצן פון דער תורה, אָנהייבנדיק פון די עשרת־הדברות, די רייד פון די נביאים, די סאָציאַלע רעפאָרמען, דאָס אָפּרייניקן דעם קולט פון געצנדינערייַ, די דעמאָקראַטיזאַציע פון קולט דורך באַקאַנט מאַכן אַלעמען די געזעצן פון דער תורה, דאָס כּסדרדיקע שליסן אַ ברית מיט גאָט, די הויכע מאָראַל און עטיק — דאָס אַלץ האָט געגעבן כּוח איבערצוטראָגן דעם פּאָליטיש־טעריטאָריעלן חורבן. דער קאַמף פאַר צוגענגלעך מאַכן די געזעצגעבונג האָט אָנגעהויבן דער מלך יהושפט, דאַן האָבן עס געטאָן די אנשי־חזקיהו און די מענטשן פון מלך יאשיהו. פאַרענדיקט דאָס ווערק האָבן עזרא און די סופרים מיטן קאָדיפיצירן דעם תנך.

אין דער קאָדיפיקאַציע פון תנך זענען דאָ צוויי נוסחאות, וועלכע עזרא האָט פאַראייניקט. איינע שטאַמט פון מלכות־ישראל, די צווייטע פון יהודה.

אַלס באַווייַז פאַר דער שפּעטערדיקער אינטערפּרעטאַציע קענען דינען פאָלגנדיקע שטעלן: דאָס פאַררעכענען אין בראשית די סעמיטישע כּנענים צו די אָפּשטאַמיקע פון חם, כּדי צו באַרעכטיקן די אויסראָטונגספּאָליטיק לגבי זיי. דאַן די באַציונג צום גר (אין מדבר זענען נישט געווען קיין פרעמדע צווישן די בני־ישראל). די שטעלע ווו עס רעדט זיך וועגן מצרים: „זאָלסט נישט פאַראומווערדיקן אַ מצרי, וואָרום דו ביסט געווען אַ פרעמדער אין זייַן לאַנד" (דברים כב׳ ח׳). מצרים איז שוין דאַמאָלס נישט געווען דער דירעקטער שונא. אָדער נעמט די געשיכטע מיטן עגל־הזהב. די מעשה איז באַשריבן אַזוי שאַרף און קלאָר, אַז עס באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז נישט בלויז די רעמיניסצענצן פון אַמאָל האָבן דאָ געווירקט, נאָר זיי האָבן געהאַט אַ קלאָרן אַקטועלן פּאָליטישן אויסקלאַנג.

ווײַל מען האָט דערמיט געוואָלט שלאָגן ירבעמען מיט זײַן קעלבערקולט אין בית־אל.

די וויכטיקסטע פּאָזיציע אין מאָראַל־עטישן קאָדעקס איז דאָס ספר דברים. שוין די געשיכטע מיטן געפינען דאָס ספר ווײַזט אָן אויף זײַן נביאים־אָפּשטאַמונג, יעדנפאַלס אויף דעם אַנטשטיין און אויסטײַטשן די געזעצן אין גײַסט פון די נביאים.

דאָס ספר דברים איז „געפונען געוואָרן" אין דער צײַט פון יאשיהו. דאָס איז געווען אַן אָטעם־פּויזע אין דעם קאָנקורענץ־קאַמף צווישן די גרויסמאַכטן. נאָכן חורבן־שומרון איז יהודה געווען אויסגעשטעלט אויף גרעסערע סכנות, ווײַל זי האָט זיך געפונען איינע אַליין אויפן באַריר־פּונקט פון די אימפעריעס אשור און מצרים. הונדערט יאָר האָט געדויערט די אסירישע איבערהערשאַפט ביז בבל האָט זיך באַקרעפטיקט און אויס־געשטערקט די הענט נאָך דער ירושה פון אשור. דערווײַל האָבן די פעל־קער פון פאָדער־אַזיע אָפּגעאָטעמט.

יהודה פירט נישט בלויז אַ פּאָליטישן קאַמף קעגן אשור, נאָר אויך קעגן איר השפעה אויפן גײַסטיקן געביט. עס איז אַ קאַמף קעגן קולטור־סינקרעטיזם און אַסימילאַציע. אין דאָזיקן קאַמף, רעפּרעזענטירט דורך צוויי זיך באַקעמפנדיקע פּאַרטייען און געזעלשאַפטלעכע שיכטן, דער־הייבט זיך דער יהוה־קולט צום ריינעם מאָנאָטעיִזם.

דאָס איז געוואָרן מעגלעך, ווײַל די נביאים האָבן געוווּנען די אונ־טערשטיצונג פון פאָלק אַדאַנק די סאָציאַלע רעפאָרמען, וואָס האָבן באַ־קומען זייער אויסדרוק אין ספר דברים. דאָס איז געווען אַ גינסטיקער מאָ־מענט צווישן די אָנפאַלן פון די מאַכטגיריקע אימפעריעס. אשורס אײַנ־פלוס איז געפאַלן. יאשיהו וויל צוריקשטעלן די גאַנצקייט פון דודס מל־כות־ישראל. ער מאַכט אַ נײַעם ברית מיטן פאָלק, פאַרניכטעט דאָס גאָל־דענע קאַלב אין בית־אל און פירט אײַן די רעפאָרמען לויטן נוסח פון ספר דברים.

נאָך פאַר אים האָט זײַן עלטער־זיידע חזקיהו פּראָבירט אײַנפירן אַ ריי רעפאָרמען, דער עיקר אויפן קולטורגעביט. ער האָט באַזײַטיקט פון פּאַלאַץ און בית־המקדש די געצנדינערײַ, צעבראָכן די קופערנע שלאַנג, פאַרבאָטן דאָס ברענגען קרבנות אויף די במות אַפילו פאַר יהוה, אײַנ־

געאָרדנט אין די יום־טובים גראַנדיעזע פײַערונגען אין בית־המקדש, אָר־גאַניזירט דאָס לערנען גאָטס געבאָטן מיטן פאָלק, פאַרשריבן אַ גרויסן טייל פון תנך. די אַלע רעפאָרמען — אַ טייל פון זיי דעמאָקראַטישע — כאָטש זיי זענען געווען אויפן רעליגיעזן געביט, גערייניקט דעם קולט פון צומישן, האָבן זיי אָבער געהאַט אַ נאַציאָנאַלע באַטײַטונג.

די רעפאָרמען בימי יאשיהו זענען מער סאָציאַלע.

דער ספר דברים איז אַ רעליגיעזער קאָדעקס, ווו ס'ווערן איבערגעחזרט די געזעצן פון די פריערדיקע תורה־ביכער, ווי אויך נײַע נאָרמעס פון סאָ־ציאַלן און גײַסטיקן לעבן. אויך די אַלטע געזעצן האָבן באַקומען קלאָרערע סאָציאַלע אויסטײַטשן אין עטישן און נאַציאָנאַלן זין.

לויט דער פאָרם זענען עס רעדעס פון משהן, זײַן צוואה. אין רעליגיעז־נאַציאָנאַלן טייל ווערט אָנגעזאָגט צו פאַרניכטן די במות, געצנדינסטן, די פליכט עולה־רגל צו זײַן, קאָנצענטרירן די עבודה אין איין הייליק אָרט.

אין עטיש־מאָראַלישן טייל ווערט געפּריידיקט סאָציאַלע גלײַכהייט און אַ ריי סאָציאַלע געזעצן.

סאָציאַלע ווײַטגייענדיקע רעפאָרמען זענען נישט קיין אוניקום אין דער וועלט־געשיכטע, הגם זיי זענען זייער זעלטן. כינע, למשל, האָט דורכגעמאַכט צוויי סאָציאַלע רעוואָלוציעס מיט אַ דריי - פיר טויזנט יאָר צוריק און עס זענען אײַנגעפירט געוואָרן וויכטיקע סאָציאַלע ענדערונגען, מיט צעטיילן די ערד אאַ"וו.

דעם סאָציאַלן זין פון ספר דברים און באַזונדערס אין דעם וויכטיקסטן פּראָבלעם, אין דער קרעדיט־פראַגע, די בעלי־חובות, זעען מיר אין קאַפּיטל כד', י' - יח':

„אַז דו וועסט אַנטלייען דײַן חבר וואָסער עס איז הלוואה, זאָלסטו נישט אַרײַנ־גיין צו אים אין הויז צו נעמען זײַן משכון. דרויסן זאָלסטו שטיין, און דער מאַן וואָס דו אַנטלייסט אים, זאָל דיר אַרויסטראָגן דעם משכון דרויסן. און אויב ער איז אַן אָרעמאַן, זאָלסטו זיך נישט לייגן מיט זײַן משכון. אומקערן זאָלסטו אים אומקערן דעם משכון, ווי די זון גייט אונטער; כדי ער זאָל זיך לייגן אין זײַן צודעק, און דיך בענטשן; און פון דיר וועט עס זײַן אַ גערעכ־טיקייט פאַר גאָט דײַן האַר.

זאָלסט נישט דריקן אַן אָרעמאַן און נויטבאַדערפטיקן לוינאַרבעטער פון

דײַנע ברידער, אָדער פון דײַן פרעמדן וואָס אין דײַן לאַנד, אין דײַנע טויערן. אין דעם אייגענעם טאָג זאָלסטו אָפּגעבן זײַן לוין, און די זון זאָל נישט אונטערגיין דערויף; כּדי ער זאָל נישט רופן אויף דיר צו גאָט, און אויף דיר וועט זײַן אַ זינד.

פאָטערס זאָלן נישט געטייט ווערן פאַר קינדער, און קינדער זאָלן נישט געטייט ווערן פאַר פאָטערס; יעטוועדער פאַר זײַן זינד זאָל געטייט ווערן.

זאָלסט נישט פאַרדרייען דעם משפט פון אַ פרעמדן, פון אַ יתום; און זאָלסט נישט נעמען אין משכון דעם בגד פון אַן אלמנה. און זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין מצרים, און גאָט דײַן האַר האָט דיך אויסגעלייזט פון דאָרטן".

פאָלגנדיקע קרעדיט־געזעצן געפינען מיר אין דברים: אַ פאַרבאָט צו לייען געלט אויף פּראָצענט. אַ פאַרבאָט פון אַנטערמיניקער קנעכטשאַפט. אַ יִדישער קנעכט מוז באַפרײַט ווערן אין שמיטה־יאָר, ווײַל עס איז שווער צו באַרעכענען ווען ער האָט שוין אָפּגעאַרבעט זײַן חוב. אַלע מינים חובות ווערן געשענקט אין יובל־יאָר, ד"ה מען באַפרײַט אַלע קנעכט. פאַר פרײַוויליקער קנעכטשאַפט ווערט מען באַשטראָפט דורך לעכערן אַן אויער און באַשפּײַען.

פאַר אַנטלאָפענע קנעכט און גרים איז פאַראַן אַ פליכט פון געבן אַזיל־רעכט. מען טאָר נישט איבערגעבן אַן אַנטלאָפענעם קנעכט זײַן האַר. אַן אייגענעם קנעכט טאָר מען נישט אַוועקשיקן אָן צו באַצאָלן פאַר זײַן מי.

אין זעלבן זין זענען אויך די געזעצן וועגן סאָציאַלער הילף, דאָס איבערלאָזן אויף די פעלדער די פאַרגעסענע זאַנגען, די נישט־אָפּגעשניטענע ראַנדן אד"גל (פאה, לקט, שכחה און עוללות). מען דאַרף אויך געבן מעשר־עני, אַ ספּעציעלע באַשטײַערונג פאַר אָרעמע, יתומים און אלמנות.

דאָס האָט געדאַרפט זײַן אויך אַ בליק־אַפּליִיטער פון דער סאָציאַלער אומצופרידנקייט, אַ לינדערונג פון דער סאָציאַלער נויט.

דאָס רעגולירן די קרעדיט־ענינים און די סאָציאַלע הילף זענען נישט געווען קיין פילאַנטראָפּישע צדקה, נאָר אַ מלוכהשע רעגולירונג, רעכט און פליכט פון די פאַרמעגן־באַציונגען — און לטובת דעם אונטערדריקטן.

— ווען פקח מלך ישׂראל באַזיגט אחז מלך יהודה און נעמט געפאַנגענע —

ווירקט דער נביא אַהיימצולאָזן די געפאַנגענע, ווײַל יהוה וויל נישט קיין קנעכט.

דער גרעסטער סאָציאַלער געזעץ איז געווען דער שבת. ווי געזאָגט איז שבת אויך געווען בײַ די בבלער, אָבער עס איז געווען אַ פאַרשאָלטענער טאָג, ווען די בייזע גײַסטער האָבן געהערשט. בײַ ייִדן איז עס אַ געבענטשטער טאָג. אָבער דער עיקר — שבת איז דאָס ערשטע סאָציאַל אַרבעטסגעזעץ אין דער וועלט. רײַכע דאַרפן נישט אַזאַ געזעץ. נישט אומזיסט ברענגט ישעיה אין נאָמען פון גאָט, אַז אויב פרעמדע וועלן היטן שבת, וועלן זיי זײַן גאָטס פאָלק. די אַלטערטימלעכע שקלאַפן־באַזיצער האָבן אויסגעלאַכט דעם שבת און אין אַלע רוימישע טעאַטערן האָט מען געחוזקט פון אים.

אינטערעסאַנט, אַז אין שמות ווערט די שבת־רו מאָטיווירט מיט דעם, וואָס גאָט האָט זיך אָפּגערוט אויפן זיבעטן טאָג נאָכן באַשאַפן די וועלט. דער־קעגן אין דברים ווערט צוגעגעבן: „כּדי דײַן קנעכט און דײַן דינסט זאָלן רוען אַזוי ווי דו. און זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מצרים״. (דברים ה׳ יד־טו׳).

דער ערשטער, וועלכער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די סאָציאַלע געזעצן פון שבת, פאה און יובל, אָנגעוויזן אויף זייער אַקטועלן אויסקלאַנג, איז געווען זאב זשאַבאָטינסקי (זאב ז׳בוטינסקי — אמה וחברה, פרקים בפילוסופיה של התנ״ך, המגן הסוציאלי, ירושלים, תש״י, זז. 188—191). ער שטרײַכט אונטער די ערשטמאָליקייט פון די דאָזיקע געזעצן, דעם יורידישן כאַראַקטער פון פאה־געזעץ (נישט צדקה נאָר מלוכהשע רעגולי־רונג) און פירט אויס, אַז פאה איז דער אָנהייב פון אַ סיסטעם, ווו די לעבנס־נייטיקע באַדערפענישן פון מענטש זענען פרײַ פאַר יעדן איינעם צו געניסן און באַפרידיקן אומאָפּהענגיק פון זײַן מאַטעריעלן און סאָציאַלן שטאַנד. דאָס וועט אויך אָפּשאַפן מלחמות. זשאַבאָטינסקי באַמערקט דערבײַ, אַז דאָס זעט אויס צו זײַן אַן אוטאָפּיע הײַנט צו טאָג, אָבער עס וועט אַ מאָל זײַן אַ רעאַליטעט.

אַ גאָר גרויסן אַקצענט לייגט די ייִדישע געזעצגעבונג אויף דער סעק־סועלער מאָראַל. די א״ג אינערלעכע עליה (אין הײַנטיקן באַגריף) איז געווען אַ נאַציאָנאַלער אימפּעראַטיוו אין גײַסט פון יהוהס צוזאָג, אַז דאָס פאָלק וועט זיך פאַרמערן און זײַן אַזוי צאָלרײַך ווי זאַמד אויפן ברעג ים. דערפאַר זענען

די משפחה־דינים זייער שטרענג. אין די בראשית־געשיכטן (יהודה און תמר אד״גל) איז געווען אַ פרײַערע שטעלונג. אָבער שפּעטער, אין אַנבליק פון דער אויסגעלאַסנקייט אַרום, ווערט שטרענגער פאָרמולירט די טהרת־המשפחה.

רעליגיעזע פּראָסטיטוציע, וואָס איז געווען לעגיטים אין די אָריענטאַלישע רעליגיעס, איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. די געשיכטע וועגן שענדן די פרוי פון גבעה ווײַזט ווי שטאַרק די סעקסועלע מאָראַל איז געווען. די נביאים האָבן כסדר געוואָרנט קעגן עשתרות־קולט.

דער יהוה־קולט איז אויך געווען קעגן מענטשן־קרבנות. עס פלעגן דאָס פּראַקטיצירן די קרובישע פעניציער, וועלכע פלעגן ברענגען קינדער־קרבנות פאַרן גאָט מולך. נישט געקוקט אויף די פרײַנדלעכע באַציונגען און פעניצישן אײַנפלוס זענען די יידן נישט צוגעשטאַנען צו אָט דעם קולט, אפילו דאַן ווען זיי האָבן געדינט די געצן. דער תנך דערמאָנט די מענטשן־קרבנות אַלס „כּנענישע אומווירדיקייט״.

די באַציונג צו גרים, ד״ה נישט־יידן, וועלכע האָבן געוווינט אין יהודה און ישראל, איז געווען אַ פרײַנדלעכע און געשיצטע דורכן געזעץ: „ער טוט גערעכטיקייט דעם יתום און דער אלמנה, און האָט ליב דעם פרעמדן, אים צו געבן ברויט און אַ קלייד. און איר זאָלט ליב האָבן דעם פרעמדן, ווײַל פרעמדע זײַט איר געווען אין לאַנד מצרים״ (דברים י׳ יח־יט׳).

די סאָציאַלע געזעצן האָבן געצילט צו פאַרשיטן דעם תהום צווישן רײַך און אָרעם. אין דברים טו׳ ד׳ ווערט געזאָגט: „פון דעסטוועגן וועט נישט זײַן בײַ דיר אַן אביון״, דאָך זענען געווען אַ סך אָרעמע. אין אַנדערע ערטער שפּעטער ווערט טאַקע געזאָגט „עני חשוב כמת״. די חז״ל שפּעטער האָבן פאַרבאָטן מנדב צו זײַן מער ווי איין פינפטל פון פאַרמעגן פאַר הייליקע צוועקן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז יעדער מענטש דאַרף קענען מאַטעריעל זײַן אומאָפּהענגיק. אַ געלערנטער מענטש דאַרף טאָן די נידעריקסטע אַרבעט אַבי נישט פאַלן קיינעם צו לאַסט.

צו די סאָציאַלע געזעצן, וואָס די נביאים האָבן אײַנגעפירט, דאַרף מען אויך צורעכענען דאָס אַרויסהויבן די תּפילה איבער דעם ברענגען קרבנות.

ירמיהו טרעט אָפּילו אַרויס קעגן דער הייליקייט פון בית־המקדש, אויב עס איז נישטאָ קיין עטיש־מאָראַלישער אינהאַלט. ער טרעט אַרויס קעגן די כּהנים. ער זאָגט (ז׳ כא ־ כב׳): „לייגט צו אייערע בראַנדאָפּפער צו אייערע שלאַכטאָפּפער און עסט זיך אָן מיט פלייש. וואָרום איך האָב נישט גערעדט מיט אייערע עלטערן און האָב זיי נישט באַפוילן אין דעם טאָג וואָס איך האָב זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים וועגן אַ בראַנדאָפּ־פער אָדער אַ שלאַכטאָפּפער״. אַ קרבן עולה (בראַנדאָפּפער) ווערט אין גאַנצן נישט געגעסן, פון זבחים (שלאַכטאָפּפער) נאָר אַ טייל.

אַ ריי נביאים, באַזונדערס די סאָציאַלע, האָבן כּסדר דערמאָנט, אַז גאָט וויל נישט קיין קרבנות, נאָר אַ ריין רעכטפאַרטיק האַרץ. „דען דו ווילסט נישט קיין שלאַכטאָפּפער איך זאָל דיר ברענגען. קיין גאַנצאָפּפער פאַרלאַנגסט דו נישט. די אָפּפער, וואָס גאָט געפעלט, איז אַ צעבראָכן גע־מיט.״

נישט דער קרבן, נאָר די אויפפירונג און די תּפילה, נישט דער כּהן — נאָר די שריפט, ווײַל גלייבן אין יהוה איז נישט קיין בלינדע אמונה נאָר דערקענטניש. ער האָט נישט קיין געשטאַלט, ווײַל ער איז אַ מאָראַל און אַן אַבסטראַקטער באַגריף. דאָס איז געפּריידיקט געוואָרן מיט צוויי טויזנט און זעקס הונדערט יאָר צוריק.

דאָס אַרויסהויבן די תּפילה איז געווען אַ שריט צו דעמאָקראַטיזירן דאָס גײַסטיקע לעבן. די סאָציאַלע רעפאָרמען זענען באַגלייט געוואָרן מיט דעמאָקראַטישע אײַנפירונגען. אַזוי איז דאָס באַנײַען דאָס בית־המקדש אין די צײַטן פון יהואש (836 ־ 796 פ״ק) איבערגעגעבן געוואָרן די בוי־אַרבעטער, וועלכע האָבן אַליין פאַרוואַלטעט מיטן געלט פאַרן אויפבוי. אין די צײַטן פון יאשיהו, ווען עס האָבן געווירקט די נביאים, קומט דער קעניג פרעגן זיך אַן עצה בײַ חולדה הנביאה, וואָס פון איר איז קיין שריפט נישט געבליבן. דאָס הייסט, אַז עס איז געווען אַ טעטיקע נביאים־פּאַרטיי (און נישט דוקא אַ פּערזענלעכקייט), מיט וועלכער דער מלך האָט געמוזט זיך רעכענען.

די נביאים האָבן זיך געשטיצט אויף די ברייטע מאַסן און געשטרעבט צו פירן אַ זעלבסטשטענדיקע פּאָליטיק, כּדי אויפצוהאַלטן די נאַציאָנאַלע אייגנאַרט און די סאָציאַלע דראָבערונגען, בעת די אַריסטאָקראַטן האָבן

געזוכט אַסימילאַציע, צופּאַסן די פיזישע און גײַסטיקע עקסיסטענץ צו די נאָרמען פון די מאַכטהאָבער אין דער געגעבענער צײַט.

די נביאים האָבן נישט בלויז אויסגעדריקט די סאָציאַלע שטרעבונ־גען פון פאָלק, נאָר אויך געווירקט אויסצוקריסטאַליזירן דעם עטישן מאָ־נאָטעיִזם און אָפּוואַרפן אַלע רעליגיעזע סימביאָזן און סינקרעטיזמען.

קודם־כּל האָבן זיי אויסגעברייטערט דעם האָריזאָנט. אין ישעיה יא׳ א ־ ב׳ הייבט אָן דער נביא דאָס קאַפּיטל מיט די ווערטער: „און אַ ריטל וועט אַרויס פון דעם שטאַם פון ישי, און אַ צווײַג פון זײַנע וואָרצלען מיט שפּראָצן. און רוען וועט אויף אים דער גײַסט פון גאָט". און ער ווײַזט אָן וואָס ער וועט טאָן (פּסוקים ד ־ ו): „נאָר ער וועט משפּטן מיט גערעכטיקייט די אָרעמע און אַנטשיידן מיט יושר פאַר די געדריקטע אין לאַנד... און אַ וואָלף וועט הויזן מיט אַ שעפּס און אַ לעמפּערט מיט אַ ציי־קעלע וועט הויערן און אַ קאַלב און אַ יונגלייב און אַ פעט רינד באַנאַנד; און אַ קליין ייִנגל וועט זיי פירן" און כּדי מיר זאָלן עס קלאָר באַנעמען זאָגט ער ווײַטער (פּסוק יב): „און ער וועט אויפהויבן אַ פאָן צו די פעל־קער, און ער וועט אײַנזאַמלען די פאַרשטויסענע פון ישׂראל, און די צע־שפּרייטע פון יהודה וועט ער אויפקלייבן פון די פיר עקן פון דער ערד."

דער נביא זעט דעם סאָציאַלן פרידן און די נאַציאָנאַלע גאַנצקייט און זיכערקייט אין קאָנטעקסט פון לייזן די קאָנפליקטן צווישן אַלע פעל־קער.

דער ברייטערער האָריזאָנט פון דענקען בײַ די נביאים האָט גע־בראַכט צום קריסטאַליזירן דעם באַגריף גאָט, דעם עטישן מאָנאָטעיִזם.

פריִער איז דער באַגריף גאָט, ווען אַפילו עס האָט זיך באַצויגן צו יהוה, געווען אַ געצנדינערישער. גאָט איז צוגעשריבן געוואָרן אַנטראָפּאָ־מאָרפישע אייגנשאַפטן, וואָס זענען אגב פאַרבליבן אין די שריפטן און די שפּעטערדיקע מפרשים האָבן געהאַט אַ סך אַרבעט זיי צו טײַטשן סימ־באָליש. דער יהוה־קולט האָט איבערגענומען בײַ די געצנדינער דעם אַני־מיזם, ד"ה דעם טויטנקולט, די נעקראָמאַניע — דאָס אַרויסרופן טויטע (שאול האָט אַרויסגערופן שמואלן, דאָס הײַנטיקע גיין אויף קבר־אבות אד"גל), די קמיעות, מזוזות, מטפּות (שטערנבענדער), די מנהגים פון אבילות.

אין פאָלקסבאַגריף איז יהוה געווען נאָר אַ נאַציאָנאַלער גאָט און דאָס פאָלק האָט טאָלערירט אויך אַנדערע געטער. די נביאים האָבן געפּריידיקט די איינציקייט פון גאָט, דעם ריינעם מאָנאָטעיִזם. אין דעם געראַנגל צווישן די ביידע באַגריפן געפינען מיר די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון פאָלק און די עוואָלוציע פון דער אמונה.

די נביאים האָבן נישט געפּריידיקט קיין קולט, נאָר זיטלעכקייט. גאָט איז דער שעפער פון דער נאַטור. נישט קיין צופאַל, נאָר אַן אַקטיווע, כּסדר זיך איבערחזרנדיקע טעטיקייט. גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש אין גאָטס געשטאַלט, דערפאַר דאַרף מען שטרעבן צו העכערע באַגריפן. די וועלט האָט גאָט באַשאַפן צו אַ העכערן זין. די וועלט איז אַ מיטל צו רעאַליזירן די גערעכטע געטלעכע געזעצן.

אַרויסגייענדיק פון דער הנחה האָט דער עטישער מאָנאָטעיִזם געפּרעדיקט, אַז אַלע זענען גאָטס ברואים. אין דער דערציילונג וועגן יונה הנביא זאָגט גאָט צום נביא: „דיר איז אַ שאָד אויף דעם ריצנבוים (קקיון), וואָס נישט דו האָסט זיך אויף אים געמיט, און נישט דו האָסט אים אויפגעבראַכט; וואָס איז איבער נאַכט געוואָרן, און איבער נאַכט אונטערגעגאַנגען; און מיר זאָל נישט זײַן אַ שאָד אויף דער גרויסער שטאָט נינוה, וואָס אין איר זענען דאָ מער ווי צוועלף מאָל צען טויזנט מענטשן, וואָס ווייסן נישט צווישן זייער רעכטער האַנט און זייער לינקער, און אויך בהמות אַ סך." (יונה ה' י - יא').

אָט דער אַלטרויִסטישער צוגאַנג האָט געפירט צו אַ נײַעם באַנעמען פון דער אמונה, צו אַ באַגריף פון אַן אוניווערסאַלן גאָט פאַר אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן.

יונה הנביא, דער אָם מיינסטן אוניווערסאַליסטישער, האָט זיך אַליין פאָרגעשטעלט ווי אַן עברי, בעת משה, ווען ער איז געקומען קיין מדין, האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס מצרי. דערפאַר זאָל משה האָבן פאַרלוירן די זכיה צו קומען קיין ארץ־ישראל.

דער פּרעזידענט קאַרטער האָט בײַ זײַן אינאַוגוראַציע־רעדע ציטירט די ווערטער פון נביא מיכה (ק. ו' פ. ח'): מען האָט דיר אָנגעזאָגט מענטש, וואָס איז גוט / און וואָס יהוה פאַרלאַנגט פון דיר / נאָר בלויז טאָן גערעכטיקייט און ליב האָבן גענאָד און אומגיין שטיל פאַר דײַן גאָט.

אין די ווערטער זענען אויסגעדריקט די גרונטפּרינציפּן פון יודאַיזם.

לויטן עטישן מאָנאָטעיִזם איז גאָט נאָר אַ באַגריף, אַ מאָראַל. ער האָט נישט קיין געשטאַלט. דערפאַר איז וויכטיק די דערקענטעניש, נישט דער בלינדער גלויבן. דעריבער איז אויך נישט וויכטיק דער ריטואַל, דער כהן, נאָר די שריפט. אויך דער קרבן איז נישט אַזאַ באַטייַטנדיקע זאַך, נאָר די זיטלעכע אויפפירונג און די אינערלעכע קאָנטעמפּלאַציע, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דער תפילה.

מיר זעען ווי די נביאים פירן אַ קאַמף קעגן די מזבחות־במות, אי־בערלאָזנדיק נאָר דעם בית־המקדש צוליב נאַציאָנאַלער איינהייט.

דאָס אויסברייטערן די האָריזאָנטן האָט געפירט צום אוניווערסאַליזם. אויב מיט גוטע מעשים קען מען דינען גאָט, קענען דאָס טאָן אויך נישט־ייִדן. אויב גאָט שטראָפט ישראל און יהודה דורך אַנדערע פעלקער, הייסט עס, אַז יהוה איז דער גאָט פון אַלע פעלקער, ווי אדם איז דער פאָטער פון אַלע פעלקער. יונה הנביא גייט שטראָפן די פאַרהאַסטע דורך ייִדן הויפּטשטאָט פון אשור נינוה, ווייַל יהוה האָט זיי באַשאַפן און ער וויל זיי נישט אומברענגען, נאָר זיי זאָלן תשובה טאָן.

די שלעכטע מעשים פון דור־הפלגה מיטן בויען דעם טורעם פון בבל האָט געשטערט עס זאָל זייַן איין פאָלק און איין לשון. אין בראשית, אין ישעיה, אין יחזקאל ווערט פיל מאָל איבערגעחזרט גאָטס אחריות פאַר אַלע פעלקער. עמוס זאָגט, אַז גאָט פירט כסדר אָן מיט דער גאַנצער וועלט. „פאַרוואָר, אַזוי ווי די קינדער פון די כושים זייַט איר מיר, קינדער פון ישראל, זאָגט גאָט. פאַרוואָר, איך האָב אויפגעבראַכט ישראל פון לאַנד מצרים, און די פלשתים פון כפתור, און ארם פון קיר.״ (עמוס ט׳ ז׳). ירמיהון רופט מען נביא לגוים. ישעיה איז גרייט אויפצונעמען אַלע נישט־ייִדן, אויב זיי וועלן אָפּהיטן שבת, ד״ה גאָטס געבאָט.

צוזאַמען דערמיט איז אויפגעקומען די נייטיקייט צו באַשטימען דעם שייכות צווישן גאָט און די ייִדן, ווייַל אויב אַ גאָט פון אַלע פעלקער, טאָ צו וואָס דאָס כסדרדיקע איבערחזרן די אויסדערוויילטקייט פון ייִדישן פאָלק, דער ברית מיט גאָט.

דעם דאָזיקן שייכות האָט יאָרהונדערטער שפּעטער פאָרמולירט יהודה הלוי אַזוי: „דער נביא בייַ ייִדן, ווי ייִדן צווישן פעלקער, אור לגוים״.

ישעיה רעדט וועגן די יידן אַלס „פאָן פאַר די פעלקער". נאָך אין דברים געפינען מיר אָנדייטונגען אויף דער אידעע פון דער מיסיע, פון שליחות פון יידישן פאָלק.

דער „אתה בחרתנו" איז נישט געווען קיין אָנגעוואָרפענע זאַך, נאָר אַן אַקט פון פרייוויליקייט, וואָס איז פיל מאָל באַשטעטיקט געוואָרן אויף פאָלקס־פאַרזאַמלונגען מיטן ברית ה'.

צו דער קאָלעקטיווער שליחות האָט דאָס יידישע פאָלק געמוזט זיך גרייטן, געדאַרפט זיין דורכגעדרונגען מיט דער עטישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

די רעאַלע פּאָליטיש־סאָציאַלע באַדינגונגען האָבן זיך געענדערט. ביי די לעצטע נביאים האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן די אוממעכטיקייט פון קליינעם יהודה צו באַווירקן דעם גאַנג פון געשעעניש. באַזונדערס בולט האָט זיך עס געוויזן אין גלות־בבל און אין די צייטן פון צווייטן בית־המקדש, ווען יהודה איז געווען אָרעם און קליין, אַ טייל פון אַ פּערסישער סאַטראַפּיע און בכלל נישט געשפּילט קיין שום פּאָליטיש־שטאַטלעכע ראָל.

די לעצטע נביאים האָבן געפּריידיקט די צווייטראַנגיקייט פון די פּאָליטישע פּראָבלעמען וואָס שייך דעם קיום און המשך פון פאָלק. זיי האָבן אַקצענטירט דעם עטיש־ מאָראַליש־ רעליגיעזן מאָטיוו אַלס אימפּעראַטיוו פאַרן נאַציאָנאַלן קיום, און דאָס האָט מען געקענט דערגרייכן דורך פאַרטיפן דעם אינדיווידועלן, פּערזענלעכן באַוווסטזיין, דורך אויפהייבן די יחידישע עטישע אחריות, אַרויסהייבן דעם יחיד און זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן כלל.

אין אָנהייב איז די נבואה געווען אַ סאָציאַלע, אַ געזעלשאַפטלעכע, אַ נאַציאָנאַלע, — אַלץ כלל־פּראָבלעמען. דער קלאַסישער ביישפּיל פון יענער נבואה איז דאָס באַרימטע קאַפּיטל פון ישעיה, וואָס חזרט זיך איבער ביי מיכה „והיה באחרית הימים": „און עס וועט זיין אין סוף פון די טעג, וועט שטיין פעסט דער באַרג פון גאָטס הויז אויבן אָן פון די בערג, און דערהויבן איבער די הייכן; און אַלע פעלקער וועלן צו אים שטראָמען. און פיל אומות וועלן גיין און וועלן זאָגן: קומט, און לאָמיר אַרויפגיין צום באַרג פון יהוה, צום הויז פון דעם גאָט פון יעקב; און ער וועט אונדז לערנען פון זיינע וועגן, און מיר וועלן גיין אין זיינע שטעגן; וואָרום פון ציון וועט אַרויסגיין אַ תורה, און גאָטס וואָרט פון ירושלים. און

ער וועט משפטן צווישן די פעלקער, און אַנטשיידן איבער פיל אומות; און זיי וועלן שמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראײַזנס, און זייערע שפּיזן אויף צווײַגמעסערס; אַ פֿאָלק קעגן אַ פֿאָלק וועט נישט הייבן אַ שווערד, און מע וועט נישט מער לערנען מלחמה" (ישעיה ב׳ ב - ד׳).

און מיכה (ה׳ ד׳) חזרט דאָס איבער און גיט צו: „און זיי וועלן זיצן איטלאַכער אונטער זײַן ווײַנשטאָק און אונטער זײַן פֿײַגנבוים און קיי־נער וועט נישט שרעקן".

דאָס איז אַ גלענצנדיקע אילוסטראַציע פון אוניווערסאַליזם, פון פֿאַר־לאַנגען סאָציאַלן יושר, און דערבײַ ווערט אונטערגעשטראָכן די שליחות.

נאָך שאַרפֿער זעען מיר די ייִדישע מיסיע צווישן די פעלקער אין קאַפּיטל מט׳, פסוק ו׳, וואָס ווערט צוגעשריבן ישעיה דעם צווייטן: „קנאַפּ איז — ווײַל דו ביסט מײַן קנעכט, אויפצוריכטן די שטאַמען פון יעקב, און די צווײַגן פון ישראל אומצוקערן; נאָר איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ ליכט פון די פעלקער".

מיטן פאַרלירן די טיילווײַזע אָדער פולע פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט ווערט אויך שטאַרק פאַרמינערט די ראָל פון כּלל־ערבות און עס רוקט זיך אַרויס אין פאָדערגרונט דער פערזענלעכער מאָטיוו.

דאָס זעען מיר אויך אין אַ סך קאַפּיטלען תהילים. דער תהילים איז אַ זאַמלונג הימנען און אַנדערע פּאָעטישע שאַפֿונגען אין משך פון אַ לענ־גערער צײַט. אין תהילים הערן מיר אָפט די טענה און די ספיקות וועגן דעם צי עס איז גערעכט דאָס וואָס דעם צדיק איז שלעכט און דעם רשע לעבט זיך גוט. תהילים איז אַ מאַנאָלאָג, ווו דער מענטש, דער יחיד, טענהט זיך אויס, שמועסט זיך דורך מיט גאָט.

דער הויפּטמאָטיוו פון תהילים און די לעצטע נביאים איז די ראָל פון יחיד אין געשטאַלטיקן די געזעלשאַפט. דער נביא יחזקאל האָט געזאָגט, אַז דער אמתער טרעגער פון דער מאָראַלישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז דער יחיד. נישטאָ קיין זכות־אבות: „דער נפש וואָס זינדיקט, ער זאָל שטאַרבן. אַ זון זאָל נישט לײַדן פאַר דער זינד פונעם פאָטער, און אַ פאָטער זאָל נישט לײַדן פאַר דער זינד פון דעם זון. די גערעכטיקייט פון דעם גערעכטן זאָל זײַן אויף אים, און די שלעכטיקייט פון דעם שלעכטן זאָל זײַן אויף אים." (יחזקאל יח׳ כ׳)

ישעיה האָט געזאָגט: „מיט זײַן דערקענונג וועט מײַן קנעכט דער גערעכטער גערעכט מאַכן פיל, און זייערע זינד וועט ער טראָגן" (ישעיה נג׳ יא). דער דאָזיקער אומקלאָרער זאַץ דריקט אויס דעם געדאַנק, אַז אַ יחיד איז בכוח צו טראָגן אַפילו די זינד פון אַ רבים און זיי אויסלייזן. דאָס איז געוואָרן אַן אַרגומענט שפּעטער פון דער עקסטרעם־אינדיווידואַליסטישער רעליגיע, פון קריסטנטום. דאָס איז אויך געווען דער יסוד פאַר דער אומעטישער פּראַקטיק פון קריסטנטום, ווו אַלע גלויביקע זענען פרײַ פון זינד, אויב זיי גלויבן נאָר. זייער מאָראַלישער ניוואָ אינטערעסירט זיי נישט.

ירמיהו האָט דעם געדאַנק פון פּערזענלעכער עטישער אחריות אויסגעדריקט אין איין קלאַסישן זאַץ: „נײַערט איטלאַכער פאַר זײַן זינד וועט שטאַרבן" (לא׳ כט׳), ד"ה יעדער יחיד טראָגט אַליין די אחריות פאַר זײַן פּערזענלעכן גורל.

יחזקאל איז געווען אַ נביא אין גלות־בבל. ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט נישט געקאָנט פון קיין פּאָליטיש לעבן. ער האָט אַרײַנגעפירט דעם שאַרפן אינדיווידואַליזם אין דער רעליגיעזער פילאָסאָפיע. די אויפלעבונג פון פאָלק האָט ער געזען דורך דער האַלטונג און רעכטפאַרטיקייט פון די יחידים.

איינע פון די הויפּטמיטלען זיך צו רייניקן און דערהייבן איז תשובה און חרטה. דער דור־הפלגה האָט נישט חרטה געהאַט. נינוה האָט תשובה געטאָן און איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. בכלל האָט תשובה און חרטה אָפּגעשפּילט אין ייִדישן לעבן אַ גרויסע ראָל, ווי דאָס ספר „מלכים" דערציילט, ווען דער אַרמישער מלך בן־הדד האָט פאַרשפּילט די מלחמה און געלעגן באַהאַלטן אין אַ גרוב, האָבן זײַנע קנעכט צו אים געזאָגט: „זע נאָר, מיר האָבן געהערט, אַז די מלכים פון דעם הויז פון ישראל זענען גענאָדיקע מלכים" (מלכים א׳ כ׳ לא׳) און ער האָט צוגעזאָגט צו זײַן גוט און אָרנטלעך און געראַטעוועט זײַן קאָפּ.

די נביאים האָבן כסדר גערופן תשובה צו טאָן און ווי נאָר עס באַווײַזט זיך אַ שטראָל פון חרטה הערן זיי אויף צו שטראָפן און גייען איבער צו טרייסט. אין שפּעטערע צײַטן האָט דער תלמוד געשטעלט דעם גזלן העכער מאָראַליש ווי דעם גנב, ווײַל דער לעצטער טוט עס באַהאַלטענערהייט און

נאַרט אָפּ און קען עס פֿאַרלייקענען. בײַם ערשטן קען גיכער קומען די חרטה. דאָס ייִדישע ווערטל, אַז אויפֿן אָרט פֿון אַ בעל־תּשובה קען קיין צדיק נישט שטיין, דריקט אויס די אַלטע ייִדישע פֿילאָסאָפֿיע.

מיטן אוניווערסאַליזם פֿון גאָט־באַגריף, מיט דער מיסיע פֿון ייִדישן פֿאָלק שטייט אין אַ נאָענטער שייכות דער משיח־געדאַנק, וואָס האָט זײַן אָנהייב שוין אין דער דאַמאָלסדיקער צײַט און האָט שפּעטער פֿון די פּרושים אַן געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל בײַ ייִדן און אין דער וועלט.

דער משיח־געדאַנק איז אַנטשטאַנען וואָרשײַנלעך אין גלות־בבל. מיר געפֿינען רמזים אין די פּאָעטישע וויזיעס פֿון יחזקאל און אין די רייד פֿון ישעיה דעם צווייטן. דער זיגרײַכער כּורש, וועלכער האָט צעשטערט בבל און צוריקגעקערט די גולי־בבל קיין יהודה, איז געווען דער פּראָטאָטיפּ פֿאַר אַן אויסלייזער. אָן דעם אוניווערסאַליסטישן מאָמענט פֿון די נביאים פֿריִער וואָלט ישעיה דער צווייטער, דער נביא פֿון ווידערגעבורט, נישט געוואָגט אָנ־צורופֿן כּורשן דעם געזאַלבטן פֿון גאָט. ישעיה דער ערשטער און אַנדערע האָבן די נישט־ייִדישע מלכים תּמיד באַצייכנט „די רוט פֿון גאָט”, אָבער נישט געוואָגט אַ נישט־ייִד צו באַשענקען מיט גאָטס העכערע חסדים. אין זייערע וויזיעס פֿון נאַציאָנאַלן ווידערגעבורין זענען די נביאים אין גלות־בבל אַרויסגעגאַנגען פֿון די ראַמען פֿון נאַציאָנאַליזם און פֿאַרבונדן די אויס־לייזונג פֿון די ייִדן מיט דער אויסלייזונג פֿון דער גאַנצער וועלט. יחזקאל שילדערט מלחמות גוג ומגוג ווי די לעצטע מלחמות אין דער וועלט. נאָך דעם וועט קומען גאָטס קעניגרײַך. דערווײַל איז נאָך דער משיח — גאָט אַליין. דעם שליח זײַנעם דערמאָנט דער נביא נישט.

ישעיה דער צווייטער פּערזאָניפֿיצירט דעם אויסלייזער — דערווײַל נאָך אָן אַ נאָמען — ווי דעם מאָן פֿון לײַדן, ווײַל ליידן לייטערן, לייזן אויס פֿון זינד. (די קריסטן האָבן פֿון דעם געשעפּט מאַטעריאַל פֿאַר די „ליידן פֿון קריסטוס”). נאָר די רעליגיעז־עטישע שלימות פֿון יחיד קען דערלייזן די וועלט.

דער משיח־געדאַנק איז אַנטשטאַנען נאָך פֿאַרן פֿאָרמולירן די פֿאָרשטעל־לונג פֿון אַ יענער וועלט. דער משיח־געדאַנק באַגלייט דאָס ייִדנטום דעם גאַנצן געשיכטלעכן וועג.

פֿאַרן פֿאַרלירן די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט האָט דאָס ייִדישע פֿאָלק

באַוויזן איבערצייגיין טיילווײַז פון אַ טעריטאָריעלער באַציע צו אַ פאָלק, וואָס אין זײַן יסוד איז געלעגן די אידעע פון איינהייט און שכלדיקייט פון די היס־טאָרישע געשעענישן, אָנגעפירט דורך איין העכסטן מאָראַלישן ווילן, וואָס זײַן אויטאָריטעט איז אויף דער גאַנצער וועלט.

דאָס יידישע פאָלק, קומענדיק אין בבל, האָט אויך געדענקט די סאָ־ציאַלע געזעצגעבונג פון דער תורה, איר מאָראַל, עטיק און געבאָטן פון סאָ־ציאַלן יושר. די סאָציאַלע רעפאָרמען זענען געווען דער יסוד און פאָרבאַדינג פאַרן נאַציאָנאַלן קיום. מיט בענקשאַפט האָט מען דערמאָנט יענע צײַט און געפילט דערבײַ די העכערקייט איבערן שקלאַפערישן סיסטעם, וואָס האָט געהערשט אַרום זיי.

דאָס באַשטעטיקט דער פאַרגלײַך צווישן חורבן־שומרון און חורבן־ירושלים.

שומרון האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען — צו בלײַבן אַ פאָלק אין גלות, ווײַל צו קורץ זענען געווען די פעריאָדן פון ריינערן יהוה־קולט, צו ווייניק איז ישראל געווען פאַרבונדן מיט די נביאישע אידעאַלן. די רעפאָר־מען אין יהודה זענען דורכגעפירט געוואָרן אין 621 פ״ק (ווען מען האָט „גע־פונען" דאָס ספר דברים) און דער חורבן־שומרון איז געווען אין 725 פ״ק ד״ה הונדערט יאָר פריִער. די נביאים אין ישראל האָבן זיך אויסגעווירקט פאָ־ליטיש, אָבער נישט באַוויזן דורכצופירן סאָציאַלע רעפאָרמען.

דערצו נאָך האָט דער אשורישער מלך אָנגעווענדעט אַ טאָפּלטע קאָלאָ־ניזאַציע. די יידן האָט ער אַרויסגעפירט און אויף זייער אָרט באַזעצט אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער. עס איז פשוט נישט געווען וואָהין צו בענקען.

דערקעגן אין יהודה איז דער חורבן פאָרגעקומען פינף און דרייסיק יאָר נאָכן פראָקלאַמירן די רעפאָרמען און דאָס פאָלק האָט עס גוט געהאַט אין זכרון. דערצו איז אין יהודה געווען אַ מער איבערוויגנדיקע מערהייט פון פרײַע פויערים. אין ישראל איז די געלטווירטשאַפט געווען מער אַנט־וויקלט. נבוכדראצר האָט פאַרטריבן נאָר אַ טייל יידן און פאַר די איבערגע־בליבענע האָט ער אַפילו דערלויבט אַן אָנפירונג (גדליה).

עס האָבן געווירקט אויך אַנדערע פאַקטאָרן. אין יהודה איז געווען מער פאָליטישע סטאַביליטעט און איין דינאַסטיע פון אַנטשטיין פון דער מלוכה ביזן חורבן־ירושלים. די דויערהאַפטיקייט פון דער דינאַסטיע — קעגן די

פסדרדיקע בונטן און איבערקערענישן אין ישראל — האָט געווירקט צו געבן אַ געפיל פון נאַציאָנאַלער המשכדיקייט. אַ גרויסע ראָל האָט אויך אָפּגעשפּילט דער פאַקט, אַז דאָס בית־המקדש — דער רעליגיעזער צענטער פון יהוה־קולט — איז געווען אין ירושלים, דער הויפּטשטאָט פון יהודה.

אַ וויכטיקער מאָמענט און פאַקטאָר איז געווען די צייטווייליקייט פון גלות־בבל, הגם אַ סך גולי־בבל זענען געבליבן אין זייער נייעם היימאָרט. דער גלות־בבל האָט געדויערט גענוי פופציק יאָר, פון חורבן־ירושלים ביזן ערשטן צוריקקער. מען דאַרף אויך נעמען אין אַכט, אַז ביים ערשטן פאַרטרייבן די ייִדן מיטן קעניג יהויכין, האָבן די גולי דאָס באַטראַכט פאַר צייטווייליק. אין יהודה האָט נאָך די מלוכה עקסיסטירט, און זיי האָבן געלעבט מיט דער האָפענונג באַלד זיך צוריקצוקערן. זיי האָבן זיך מער אינטערעסירט מיט די פּאָליטישע געשעענישן און וואָס עס הערט זיך אין יהודה ווי מיטן איינאָרדענען זיך.

ווען נאָכן צעשטערן דאָס בית־המקדש זענען געקומען די גרעסערע צאָל פאַרטריבענע האָבן זיי שוין געטראָפן אַן אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט מיט נביאים, רעליגיעזע פרייהייט און מיט בענקשאַפט צו שיבת־ציון. די מאַסן נייגעקומענע האָבן זיך צוגעטוליעט צו די ערשטע גולי־בבל.

זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין בתי־תפילות לויט לאַנדסמאַנשאַפטן, די א״ג „קהל חסידים״. געלעבט האָבן זיי אָפּגעזונדערט פון דער בבלישער באַפעלקערונג, וואָס איז געווען אַ געמיש פון פעלקער. די ייִדן זענען חוץ דעם געווען אַ מער געבילדעטער עלעמענט (בבל האָט פאַרטריבן די אַריסטאָקראַטיע, כהנים, בעלי־מלאכות) און באַלד אָנגעהויבן אַ גייסטיקע טעטיקייט מיט נאַציאָנאַל־רעליגיעזע שריפטן און רעדעס, מיט שטאַרק באַגאַבטע נביאים און סופרים.

אין גלות האָט זיך אויסגעפורעמט אַ נייער טיפּ נאַציע, וואָס וועט שפּעטער אין העלעניסטישן שמעלצטאָפּ קענען בלייבן אויסגעטיילט. אין אידעיִשן געראַנגל צווישן די קולטן פון יהוה און בעל איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר אויסדויער, פאַר אָרגאַניזאַציע, וואָס אימוניזירט קעגן אַסימילאַציע, ווייל אַסימילאַציע איז קאַפּיטולאַציע פאַר אַן אַנדערער קולטור. די ייִדן האָבן דערפילט זייער העכערקייט און זיך אויסגעלערנט נישט צו קאַפּיטולירן.

ב. די רעדאַקציע פון תנך

שווער איז געווען די לאַגע פון יידישן פאָלק. יהודה איז געווען פאַר־וויסט. מיט גרויס מי האָבן די יידן זיך צוריק גענומען צו דער לאַנדווירט־שאַפט, אָפּגעבויט ירושלים, צוריקגעשטעלט דעם קולט אין בית־המקדש.

אין דעם לאַנד האָבן געהאַט אַריינגעדרונגען די שכנישע פעלקער. טייל זענען געקומען בלויז צום רויבן. אַנדערע האָבן זיך באַזעצט און גענומען מישן זיך מיט די יהודה׳ער.

דאָס באַפרייטע יהודה איז געווען אָרעם און געמוזט אָנקומען צום גלות צו באַקומען סיי מאַטעריעלע מיטלען, סיי מענטשן־ פּאָטענציאַל. דאָס פאָלק ווי אַ גאַנצס — ד״ה אין יהודה, בבל און מצרים — האָט נישט געפירט קיין זעלבשטענדיק פּאָליטיש לעבן און נישט געדאַרפט פאַרווענדן ענערגיע אויף מלחמות און מיליטער. די פּערסישע הערשאַפט איז געווען באַזירט אויפן רע־גולערן צינש־צאָלן. זיי האָבן זיך נישט געמישט אין די אינערלעכע ענינים. די פאַסיקסטע פאָרם איז דעריבער געווען די טעאָקראַטיע.

אין אָנהייב האָט פרינץ זרובבל, אַן אָפּשטאַמיקער פון בית־דוד, גע־פרווט אָפּשפּילן אַ געוויסע ראָל, אָבער ער איז באַלד פאַרשווונדן. די דאַ־מאָלסדיקע פּאָליטישע פאַרהעלטענישן זענען נישט געווען גינסטיק פאַר פּאָ־ליטישער זעלבשטענדיקער טעטיקייט. מען האָט זיך געמוזט באַגנוגענען מיט טעריטאָריעלער קאָנצענטראַציע און אינערלעכער אויטאָנאָמיע. אין יענע באַדינגונגען, ווו נאַציע, מלוכה און רעליגיע זענען געווען איין באַגריף, איז טעריטאָריעלע קאָנצענטראַציע — כאָטשבי אויף איין אָרט — געווען אַן אומ־באַדינגטע נויטווענדיקייט פאַרן נאַציאָנאַלן קיום.

וואָס שייך דער אינערלעכער אויטאָנאָמיע האָט זי געשאַפן אַ גינסטיקע סיטואַציע פאַרן נאַציאָנאַלן אויסלעבן זיך און פאַר לייטערן דעם קולט.

די גולי־בבל האָבן זיך געהאַט אָפּגעריסן פון דער באַזעסנקייט און פאַר־לוירן אויפן וועג די לאָקאַלע געטער. די ווירקונג פון חורבן און די ראָל פון די נביאים האָבן מיטגעווירקט צום לייטערן דעם מאָנאָטעיזם און אים דער־פירן צום אַבסאָלוטן אַבסטראַקטן און עטישן גלויבן. אין דער דיאַספּאָראַ —

אין בבל מער, אין מצרים ווייניקער — איז די אמונה און דאָס געטרײַע אָפּ־היטן די געבאָטן געווען דאָס איינציקע מיטל אײַנצוהאַלטן די נאַציאָנאַלע אייגנאַרט. עס איז געווען קוים פינף און דרײַסיק יאָר נאָך דער נביאים־רע־פאָרם, ווען עס איז געשען דער חורבן, און די פאַרטריבענע און אויסגעוואַנ־דערטע האָבן גוט געדענקט די פּראָגרעסיווע סאָציאַלע געזעצגעבונג, און דאָס האָט זיי געשטעלט סאָציאַל־גײַסטיק העכער פון דער אַרומיקער באַ־פעלקערונג.

גראָד אין יהודה האָט געדראָט אַ געפאַר פון אויסמישן זיך מיט דער אָנגעלאָפענער באַפעלקערונג און מיט די שומרונים, וועלכע זענען אַליין גע־ווען אַ געמיש. דער גלות־בבל, וואָס איז געווען ענג פאַרבונדן מיט יהודה סײַ דורך משפחה־באַנדן, סײַ עקאָנאָמיש, און באַזונדערס רעליגיעז מיטן בית־המקדש, האָט דערפילט די געפאַר און געשיקט אירע מענטשן.

אַזוי זענען געקומען עזרא און נחמיה און דורכגעפירט די רעסטאַוראַ־ציע. די ראָל פון די נביאים האָבן געירשנט די סופרים.

די סופרים זענען נישט געווען קיין אָפּגעשלאָסענע קאַסטע פון גײַסט־לעכע, נאָר שריפט־געלערנטע מענטשן, וועלכע האָבן געלערנט מיטן פאָלק די געזעצן אין די בתי־תפילות און אויף די פאָלקס־פאַרזאַמלונגען. דעם אײַנ־פיר האָט נאָך געמאַכט דער מלך יהושפט. די אנשי־חזקיהו האָבן עס ווײַ־טער אַנטוויקלט און אויך דער מלך יאשיהו האָט צוגעהאָלפן. אין גלות־בבל האָבן די סופרים־מגידים, וועלכע האָבן געטײַטשט די דינים אין גײַסט פון די נײַע באַדינגונגען, אָפּגעשפּילט אַ גרויסע ראָל.

זיי זענען אויך אין יהודה געווען די פאָלקסלערער, אויסגעטײַטשט די תורה אויף די עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, און אפשר האָבן זיי אויך געגרינ־דעט שולן פאַר קינדער. זייער אָפּשטויסן און דערווײַטערן די שומרונים האָט געהאַט פאַר אַ ציל קלאָרער צו פאָרמולירן די יסודות פון דער יהודהשער געמיינשאַפט און ענגער די ייִדן צוזאַמענבינדן. די שומרונים האָבן זיך גע־האַלטן בײַ די ערשטע פיר ספרים פון חומש און נישט אָנערקענט דאָס ספר דברים און די נביאים. פון יענער צײַט שטאַמט דער מנהג צו לייענען די הפטורה.

עזרא און נחמיה האָבן קודם־כל געמוזט אַדורכפירן אייניקע רעפאָרמען צו פאַרפעסטיקן די דינים פון דער תורה, צו שטאַרקן דעם עטישן און אַב־

סאָלוטן מאָנאָטעיִזם. אין דער משנה ווערט געזאָגט: „משה האָט באַקומען די תורה אויפן הר־סיני און זי איבערגעגעבן צו יהושוע. יהושוע האָט זי איי־בערגעגעבן צו די זקנים. די זקנים — צו די נביאים, און די נביאים — צו די מענער פון דער כּנסת־הגדולה".

עזרא האָט געשאַפן די כּנסת־הגדולה, וואָס איז באַשטאַנען פון כּהנים, סופרים און פאָלקס־פאָרשטייער. די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער כּנסת־הגדולה איז געווען דער סנהדרין, וואָס האָט אָפּגעשפּילט אַזאַ וויכטי־קע ראָל שפּעטער.

די אינסטיטוציע פון די סופרים האָט באַגרענעצט די טעאָקראַטיע פון די כּהנים און די היעראַרכיע (די ירושהדיקע היעראַרכיע). די סופרישע דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ האָט געמאַכט פרישער און לעבעדיקער דאָס גײַסטיקע לעבן. פון זיי, פון זייערע געזעץ־אויסטײַטשער שטאַמט שפּעטער די פּרושים־פּאַרטיי. נחמיה האָט פּרובירט, ווי יאשיהו אַמאָל, לינדערן די סאָציאַלע נויט און די קלאַסן־סתירות דורך אָפּהיטן די סאָציאַלע געזעצן פון דברים. דורך אָפּהיטן שמיטה האָט ער באַוויזן אָפּצושאַפן אויך פאָרמעל די שקלאַפערײַ, וואָס איז נישט געווען צוגעפּאַסט צו די סאָציאַל־געאָגראַפישע באַדינגונגען.

די רעפאָרמען פון עזרא און נחמיה זענען געווען זייער וויכטיק פאַר דער ווײַטערדיקער עקסיסטענץ. קודם־כּל האָבן זיי מיט דראַסטישע מיטלען באַזײַטיקט די סכּנה פון דענאַציאָנאַליזאַציע צוליב די געמישטע חתונות. זיי האָבן מיט געוואַלט צעשיידט די געמישטע פאָרפעלקער און באַזײַטיקט אַלע פרעמדע עלעמענטן, דאָס געוואַלטזאַמע דורכפירן פון דעם געזעץ דערקלערט זיך מיט דער שטאַרקער פאַרשפּרייטקייט פון די געמישטע חתונות.

דאַן האָבן די סופרים אײַנגעפירט אַ געריכטסוועזן. זיי האָבן אויך גענור־מען לערנען מיטן פאָלק, אײַנגעפירט — לויטן גלות־מנהג — בתּי־תּפילות, „קהל חסידים". צו פאַרלײַכטערן דאָס לערנען האָבן זיי פאַרוואָרפן דעם שווערן אַלט־עברישן כּתב (געבליבן בײַ די שומרונים) און אײַנגעפירט דעם אשורישן. אין זייער צײַט האָט מען גענומען אײַנפירן אַן אָרדענונג אין די תּפילות. מען האָט צוגעקליבן ספּעציעלע קאַפּיטלען תּהילים און געזאַנגען. דאַמאָלס זאָל האָבן אַנטשטאַנען דער באַרימטער „שמע ישראל" און אַ טייל פון דער שמונה־עשרה.

זיי האָבן אויך געלייגט אַכט אויף די יום־טובים אַזוי ווי די מלכים חזקיהו און יאשיהו. די סופרים האָבן געגעבן אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזן טײַטש די נאַטור־יום־טובים. אויב די שטרענגע געזעצן וועגן שבת האָבן געהאַט אַ סאָציאַלע באַזע, האָבן די יום־טובים־פײַערונגען געשטאַרקט דעם צענטראַ־ליסטישן נאַציאָנאַלן מאָמענט.

די סופרים האָבן אויך אײַנגעפירט צו לייענען שבת און יום־טוב קאַ־פיטלען פון דער תורה אין בית־המקדש. אויך אויף די מערק האָט מען אין די טעג פון די געריכטס־זיצונגען (מאָנטיק און דאָנערשטיק) געלייענט טיילן פון דער תורה.

די סופרים — באַזונדערס דער פרומער עזרא — האָבן די ערשטע גע־שאַפן פון פּאָרויס באַטראַכטע געזעצן צו מאַכן אַ צוים אַרום דער תורה. קעגן דער אַלטער טראַדיציע פון געמישטע חתונות, וואָס מיר טרעפן אין דער תו־רה און מלכים, האָבן זיי דאָס פאַרבאָטן. זיי האָבן פּרעציזירט די שבת־גע־זעצן, אײַנגעפירט שטרענגע דינים וועגן כשר און טריף א״א. נאָך פאַרן קאַ־נאָניזירן דעם תנך האָבן זיי שוין געשאַפן אַ צוגאָב־תורה.

אין יאָר 444 פ״ק האָבן זיי אויף אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג געשלאָסן אַ נײַעם ברית מיט גאָט. דאָרט האָט זיך דאָס פאָלק פאַרפליכטעט: 1. נישט חתונה־האָבן מיט געצנדינער. 2. שטרענג אָפּהיטן שבת־רו. 3. אָפּהיטן שמיטה. 4. צאָלן אַ קאָפּשטייער פאַרן אויסהאַלטן דעם בית־המקדש און 5. געבן רע־גולער מעשר־לויים. די לעצטע צוויי פאַרפליכטונגען זענען געווען, כדי אײַנ־צוהאַלטן די טעאָקראַטישע אָרדענונג און דעם קרבנות־צערעמאָניאַל. דאָס נעמט זיך דערפון וואָס די לעצטע נביאים און טייל סופרים האָבן געלעבט אין גלות אין די ערשטע יאָרן פון דער רעסטאַוראַציע און זיי האָבן דעם קר־בנות־אַקט געהאַלטן ווי אַ סימבאָל פון נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט און דעם בית־המקדש ווי דעם צענטער פון דער נאַציאָנאַלער איינקייט.

די סופרים — און עזרא פאַרשטייט זיך — האָבן געזען אין דער דע־מאָקראַטיזירונג פון קולט און אין צוגענגלעך מאַכן דאָס לערנען די מעגלעכ־קייט אויפצוהאַלטן די נאַציע. זיי האָבן דאָס געמאַכט פון יידישן פאָלק דעם עם־הספר.

אַ גאָר גרויסער אויפטו איז געווען זייער קאַנאָניזירונג פון תנך. זיי האָבן

אײַנגעזען די נייטיקייט צו געבן אַן איינהייטלעכע פעסט־באַשטימטע קאָנסטי־טוציע.

עס זענען געווען אַ סך הייליקע שריפטן און יעדע שריפט האָט געהאַט אירע נוסחאות. דער הויפּט־אונטערשייד איז געווען צווישן די שריפט־געלערנטע, וועלכע האָבן געשטיצט זיך אויף די מסורות באַזונדערע פון ישׂראל און פון יהודה. מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן אויף די פֿאַרשידענע טײַטשן און טענדענצן, פּאַרטיקולאַריסטישע און פּאָליטישע. דאָ ווילן מיר אונטערשטרײַכן דעם באַזונדערן טײַטש און אויסטײַטשונג נוסח־כּהנים און נוסח־נביאים.

עס זענען געווען וואָרשײַנלעך פינף רעדאַקציעס ביזן קאַנאָניזירן. צוויי פון זיי, ווי געזאָגט, האָבן זיך געשטיצט אויפן פּאַרטיקולאַריזם פון די צוויי מלוכות, און געשאַפן געוואָרן אין דער עפּאָכע פון דער צעטיילונג, און צוויי רעדאַקציעס זענען אַנטשטאַנען שפּעטער אין צײַט פון די נביאים און זייער שטרײַט מיט די כּהנים.

טשיקאַווע איז, אַז אין די פֿאַרשידענע נוסחאות איז איבערגעבליבן דער אונטערשייד פון אַמאָל פון די צײַטן פון דער סינקרעטיזירונג פון קולט. גאָט ווערט גערופן אין אייניקע ערטער יהוה, אין אַנדערע אלהים.

די עלטסטע טיילן פון חומש האָט מען אָנגעהויבן פֿאַרשרײַבן אין דודס און שלמהס צײַטן פֿאַר דער סעפּאַראַציע פון די נוסחאות. די נביאישע רע־דאַקציע איז זייער קענטיק אין ספר דברים. די כּהנים, האַלט מען, האָבן פּובליקירט דאָס ספר ויקרא — ווו עס זענען דאָס רוב געזעצן וועגן כּהנים און קרבנות, — אין גלות־בבל צוליב דער מורא די געזעצן, וואָס זענען פריִער געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער סוד, זאָלן נישט פֿאַרלוירן גיין, און אפשר האָבן זיי דאָס געטאָן אויס נאָסטאַלגיע. די ערשטע כּהנים־גדולים פון בית־שני, וועלכע האָבן זיכער מיטגעאַרבעט בײַם רעדאַגירן און קאַנאָניזירן דעם תּנך, האָבן דאָס אַזוי פֿאַרפולט מיט קרבן־דינים דעם גאַנצן חומש. אין זייער רעדאַקציע פעלט דער אוממיטלבאַרער וואַרעמער טאָן מיטן סאָציאַלן אונ־טערשלאַק. דערפֿאַר אָבער זענען די דינים קלאָרער פֿאָרמולירט יורידיש.

חוץ די געזעלשאַפטלעכע אונטערשיידן אין די נוסחאות זענען אויך פֿאַ־ראַן סתּם פֿאַרשידענע טעקסטן. ווײַזט אויס, אַז זיי זענען געווען אַזוי פֿאַר־

הייליקט, אַז מען האָט נישט אַכט געלייגט אויף די סתּירות און זיי אַריַינ־גענומען.

די אָפּטע איבערחזרונגען אין די טעקסטן נעמען זיך דערפון וואָס שוין אין עזראס צײַטן זענען אַ סך שריפטן געווען פאַרהייליקט.

דער אָנוואַקסנדיקער קלאַסן־אונטערשייד און די קעגנזעצלעכע אינטע־רעסן זענען געווען אַ שטערונג און אַן אָפּהאַלט צום נאַציאָנאַלן אויפבוי. אָבער די באַטײַטונג און די אויפטועו פון עזרא און נחמיה זענען געווען אַזוי גרויס און וויכטיק, אַז זיי זענען געבליבן דאָמינירנדיק און בײַ דער קאַנאָ־ניזירונג זענען זיי אַריין אַלס גרונט־יסודות.

צי האָבן די סופרים — אָדער עזרא — פאַרענדיקט צו קאַנאָניזירן תּורה און נביאים, אָדער דאָס האָבן שוין פאַרענדיקט די כּהנים־גדולים אונטער פּער־סישער הערשאַפט — איז שווער צו באַשטימען. די געלערנטע פאַרשער האַל־טן, אַז די כּתובים זענען ערשט שפּעטער אַרײַן אין דעם פריִער קאַנאָניזירטן קאָדעקס, וואָס איז באַשטאַנען פון תּורה און נביאים.

עס איז געווען אַ גענוג לאַנגע צײַט די הערשאַפט פון די כּהנים־גדולים, פון יהושוע בן צדוק (537 פ״ק) ביזן חשמונאים־אויפשטאַנד (167 פ״ק) ד״ה דרײַ הונדערט און זיבעציק יאָר, אַז זיי זאָלן קענען באַ־ווירקן די קאַנאָניזירונג אין זייער גײַסט. פון דעסטוועגן האָבן די דעמאָ־קראַטישע אײַנפירונגען און די סאָציאַל־פּראָגרעסיווע טראַדיציעס משפּיע געווען, אַז אין תּנך זאָלן זיך געפינען אויך ווערק, אָדער שטעלן, וואָס זענען נישט אין איינקלאַנג מיט דער אײַנשטעלונג פון די לעצטע קאַנאָני־זירער. דאָס איז אגב דער גרויסער צויבער פון תּנך, וואָס ער איז אָרי־גינעל און פאַרשידנאַרטיק גלײַכצײַטיק, וואָס ער שפּיגלט אָפּ דאָס גאַנצע לעבן פון יענער צײַט.

אַזוי זעען מיר דאָס וועלטלעכע ווערק „מגילת אסתּר״, ווו גאָט ווערט בכלל נישט דערמאָנט, ווו די ייִדן טראָגן דעם פּשוטן נאָמען יהו־דים. אָבער דאָרט געפינט זיך אַזאַ זאַץ, וואָס ווײַזט אָן אויפן ייִדישן מאָ־ראַל און עטיק. רעדנדיק וועגן דער נקמה פון די ייִדן זאָגט „מגילת אס־תּר״ (ט׳ י׳) „אָבער צום רויב האָבן זיי נישט אויסגעשטרעקט זייער האַנט״.

אויסערן־פּאָליטיש איז די גאַנצע טעאָקראַטישע הערשאַפט געווען אַן

וויכטיקע געשעענישן. די הערשאַפט פון פּערסיע איז אויסגעביטן געוואָרן דורך דער העלעניסטישער, אָבער ביזן חשמונאים־אויפשטאַנד איז צו מאָל קיין וויכטיקער היסטאָרישער זכר נישט געבליבן.

דערפאַר אָבער איז פאָרגעקומען אַן אינטענסיווע אינערלעכע אַרבעט און טעטיקייט.

עזרא און נחמיה, און שפּעטער די סופרים און כהנים, האָבן איינגעזען די נייטיקייט צו רעגולירן און איינפירן אַן איינהייטלעכע קאָנסטיטוציע פאַרן יידישן פאָלק. זייענדיק שטאַרק באַגרענעצט אין זייערע פּאָליטישע פולמאַכטן האָבן זיי געשטיצט זייער אויטאָריטעט אויפן פרייוויליקן ווילן פון יחיד צו אידענטיפיצירן זיך מיטן יהוה־קולט. דאָס איז אויך געווען פאַר די יידן אין גלות, סיי אין בבליש געצווונגענעם, סיי אין עגיפּטישן פרייוויליקן. אַן דעם, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זיין קאָנצענטרירט אויף איין טעריטאָריע, האָט נאָר אַן איינהייטלעך געזעץ געקענט נאַציאָנאַל פאַראייניקן די יידן אין דער וועלט.

דעריבער האָבן זיי קאַנאָניזירט די הייליקע שריפטן און אַריינגענומען אין תנך אַלע אָנגענומענע שריפטן. די סעלעקציע איז נישט אַלע מאָל געווען אין גייסט פון די רעדאַקטאָרן, אָבער זיי האָבן זיך גערעכנט מיט דער טראַדיציע. נאָר אין אייניקע ערטער האָבן זיי געבראַכט צום אויסדרוק זייערע מיינונגען. אַזוי האָבן זיי פאַרגרעסערט די ראָל פון אהרן־הכהן, פאַרגעשטעלט אַלע היסטאָרישע און נאַציאָנאַלע געשעענישן ווי רעליגיעזע ניסים. דעם געצנדינערישן מלך אחז האָבן זיי אַראָפּגענומען דעם טראַדיציאָנעלן יהו־צוגאָב צום נאָמען, אָדער שרייבנדיק איש־בושת אַנשטאָט אישבעל.

גאָר וויכטיק איז דאָס אַריינגענעמען אין תנך אַ ריי שריפטן, וואָס זענען קאָנטראַדיקט צו די פריערדיקע שוין קאַנאָניזירטע דורך דער טראַדיציע שריפטן. זעט אויס, אַז דער אידעען־פּעכער פון גייסטיקן לעבן איז געווען גאָר אַ ברייטער, אַז מען האָט געמוזט אויך אַריינגעמען אַזעלכע שריפטן, מאַכנדיק בלויז קליינע קאָרעקטן.

אַזאַ ספר איז „איוב". דער באַגריף שכר־ועונש איז געווען רעאַל אין די ערשטע צייטן. דער מענטש — אייגנטלעך דאָס פאָלק — ווערט באַלד אויף דער וועלט באַלוינט אָדער באַשטראָפט פאַר די מעשים. אָבער

ביסלעכווײַז ענדערן זיך די סאָציאַלע באַדינגונגען. עס הערט אויף צו גילטן די רעכטספּאַרטיקע אויפפירונג פון פאָלק. אָט פירן זיך די ייִדן לויט גאָטס געבאָטן און זיי זענען אונטערגעוואָרפן אַ פרעמדער מאַכט מיט שווערע שטײַערן. די וואַקסנדיקע קלאַסן־דיפערענץ ברענגט אויך צום זעלבן געדאַנק בנוגע דעם יחיד. הייסט עס, אַז דיווירקלעכקייט ווײַזט גאָר אַן, אַז צדיק ולו רע, ורשע ולו טוב.

אָט די אַנטילאָגיע, די סתירה, רופט אַרויס אַ פּראָטעסט. מיר געפינען אין תהילים נאָך די טענות. אין דער צײַט פון די סופרים ווערן די טענות נאָך שאַרפער, ווײַל די באַגריפן גוטס און שלעכטס, וואָס דער עטישער מאָנאָטעיִזם האָט אויסגעאַרבעט און דאָס פאָלק ישראל האָט אָנגענומען, שטימען לגמרי נישט מיט די פאַרגרעבטע מאָראַל־נאָרמען פון יענער צײַט.

אָט די ספיקות קומען אַרויס אין עטיש־פילאָסאָפישן טראַקטאַט „איוב”.

איוב טרעט אַרויס קעגן אָפּטימיזם פון דער תורה. ער גיט אָבער אויך נישט קיין ענטפער און קיין לייזונג צו די אַרויסגערוקטע ספיקות און טענות. דער העלד נעמט נישט אָן די ענטפערס פון זײַנע פרײַנד פאַר וואָס דער גערעכטער לײַדט: אַז די וועלט און דער מענטש זענען נישט פולקאָם, דעריבער האָט דער מענטש עפּעס געמוזט זינדיקן, אַפילו ווען ער ווייסט נישט. אויף דעם שטעלט איוב אַ האַרבערע פראַגע פאַר וואָס שטראָפט גאָט דעם מענטש פאַר זײַן אומפולקאָמענהייט, ווען ער האָט אים מיט דעם אַזוי באַשאַפן.

דאָס איז אַ פּראָטעסט און אַן אָפּלייקענונג פון האַרמאָנישן זיטלעכן פּרינציפּ אין דער וועלט־אָרדענונג, אַ נעגאַציע פון אָפּטימיזם וואָס שייך דער פולקאָמענהייט פון דער וועלטשאַפונג. אמת, בײַ איוב איז נישט פאַראַן קיין ווידערשפּעניקייט, אָבער ער שטעלט אין אַ ספק דעם פּרינציפּ פון בחירה, וואָס איז אַ יסוד פון יודאַיִזם.

די מעשה גופא וועגן איוב איז אפנים גענומען פון באַבילאָנישן פאָלקלאָר, סתם אַ מעשה וועגן אַ צדיק, — טאַבו־אוטול־בעל, וואָס נעמט אָן פאַר גוט אַלץ, מיט וואָס גאָט שטראָפט אים. עס איז אַ מעשה מיט רעליגיעזער טענדענץ. אין ייִדישן „איוב” איז אָבער פאַראַן דער עטיש־

זיטלעכער מאָמענט און דאָס פּראָבלעם פון דער אומפּולקאָמענהייט פון דער וועלט.

דאָס וואָס די געשיכטע קומט פאַר אין אַ ווײַט לאַנד און געשעט נישט מיט אַ ייִד, איז ווײַל די רעדאַקטאָרן האָבן נישט געוואָלט, אַז אַ ייִד — באַדיי נאָר אויף אַ מאָמענט — זאָל לעסטערן גאָט.

נעענטער צום טאָג־טעגלעכן לעבן און באַדערפענישן איז דאָס ספר „משלי״. עס איז אַ בוך וועגן חכמה, וואָס ווערט אַ מאָל געטײַטשט וויסן, אַ מאָל — מידות־טובות. עס רעדט זיך וועגן אמת און מוסר. מאָראַל און היגיענע פאַרן גוף און פאַר דער נשמה. דאָס בוך לויבט מעסיקייט אין תענוגים, אַרבעטזאַמקייט, פעסטקייט אין משפחה־לעבן, טרײַשאַפט, פרײַנדשאַפט, האָרכן עלטערע, ערלעכקייט אין מסחר און אין שייכות צו אַנדערע מענטשן, ליבע צום אמת, האָבן מיטלייד א״א. צו די אַלע מי־דות־טובות רעקאָמענדירן די קלוגע ווערטלעך אויך געזעלשאַפטלעכע דיסציפּלין.

דאָס אַלץ אויסגעדריקט אין פּרעכטיקע קורץ־געפּאַסטע זאַצן, וואָס גיבן איבער קלאָר דעם געדאַנק. עס זענען נישט קיין אַבסטראַקטע ספּע־קולאַציעס, נאָר אַ פּראַקטישע פילאָסאָפיע, אין וועלכער די זיטנריינקייט פאַרנעמט דאָס וויכטיקסטע אָרט.

אויך דאָס בוך — מיינען די געלערנטע — איז גענומען פון אַלט־אָריענטאַלן בשותּפותדיקן פאָלקלאָר. בײַ די אַסיריער איז געווען אַזאַ חכם אַכיקאַר, וואָס זײַנע משלים זענען געווען פּאָפּולער בײַ אַלע אָריענט־פעלקער. דער אונטערשייד אָבער איז — ווי תּמיד — אין דעם אַקצענט. דאָס ייִדישע ספר „משלי״ לייגט אַכט אויף דער זיטלעכקייט און ליבע צום אמת, בעת די אַנדערע שטרײַכן אונטער לרוב די חכמה.

די רעליגיעזע הימנען — דער תּהילים — זענען זייער אַלט. אַלע אָריענטאַלע פעלקער האָבן גענוצט הימנען בײַם גאָטעסדינסט. די לוויים האָבן אין בית־המקדש געזונגען פּרעכטיקע לויבגעזאַנגען צו גאָט און צום פאָלק ישׂראל. שפּעטער אין די צײַטן פון אַנטשטיין פון די בתּי־תּפילות האָבן גענומען דאָמינירן אינדיווידועל־רעליגיעז־פילאָסאָפישע מאָטיוון, דער שמועס מיט גאָט, פאַר וועמען מען גיסט אויס דאָס האַרץ, מען רוקט אַרויס אַלע ספקות און מען פּרוווט אַליין פאַרענטפערן די אַלע

פּראָבלעמען. די תּהילים־געזאַנגען האָבן זיך לאַנג שוין געהאַט איינגעגע־פונדעוועט אין לעבן, אָבער רעדאַגירט און אַריינגענומען אין קאַנאָן האָט מען זיי פּיל שפּעטער.

„שיר השירים" און „קהלת" זענען געשאַפן געוואָרן — ווי מען מיינט — שוין אונטער העלענישן פּראָטעקטאָראַט און מען זעט אין זיי אַ געוויסע העלעניסטישע השפּעה אין פאָרם און אינהאַלט. אָבער וועגן דעם שפּעטער ביים באַהאַנדלען די קומענדיקע תּקופה.

די טעאָקראַטישע הערשאַפט האָט זיך געצויגן אונטער דער געוועל־טיקונג פון דריי גרויסמאַכטן: פּרס, העלעניזירט עגיפּטן און העלעניזיר־טע סיריע. מיר זעען דעריבער עטלעכע פאַזן פון איינפלוסן.

די פּערסער האָבן איבערגעלאָזט אַ ברייטע אויטאָנאָמיע און זיך נישט באַמיט צו באַאיינפלוסן דאָס יידישע לעבן. אָבער אין שאַפונגס־פּראָצעס פון יענער צייט זעען מיר די השפּעה פון פּאַרסיזם, וואָס האָט נאָר גע־וואָרט אויף אַ גינסטיקן מאָמענט און ווערן איינע פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן אין דער אמונה.

דער פּאַרסיזם שטיצט זיך אויפן עטישן דואַליזם. עס קעמפן צווי־שן זיך די וועלט פון ליכט מיט דער שאָטנוועלט. דאָס איז נישט ניי אין די אַלטע רעליגיעס, אָבער דער פּאַרסיזם האָט דערפון געמאַכט אַ פול־שטענדיקן סיסטעם. די פּערסער האָבן געטיילט די כּוחות אין דער וועלט אויף דעם ווייסן האַר, אַרמוזד־אַהוראַמאַזדאַ צוזאַמען מיט זיינע געניעס, און אויף דעם שוואַרצן הערשער אַהרימאַן מיט זיינע דועוואַס, דעמאָנען פון פינצטערניש, טויט און אומפּרוכטבאַרקייט. דער קאַמף צווישן זיי דאַרף דויערן צוועלף טויזנט יאָר און לסוף וועט אַרמוזד זיגן. זיינע טרייע אָנהענגער וועלן געניסן אייביקע זעליקייט און די שלעכטע וועלן אייביק בלייבן אין דער פינצטערניש.

דאָס וויכטיקסטע אין פּאַרסיזם איז דער אַקטיווער אָנטייל פון מענטש. די מצוות און עבירות זענען די טאַטן פון מענטש צום גונסטן פון איי־נעם פון די געטער. צו זייערע מצוות האָט אויך געהערט דאָס שווערע ריי־ניקונגס־געזעץ.

אין דעם פּאַרסיזם איז אויך געווען די משיח־אידעע. זיי האָבן אויס־

געאַרבעט אויך אַ גאַנצן סיסטעם פון גיהנום און גן־עדן, פון מלאכים און שדים, וועגן אַ פמליא של מעלה.

פאַרשטייט זיך, אַז דער פּאַרסיזם איז באַשטאַנען פון אַ סך געצנדינערישע עלעמענטן, געטראָגן אויך אַ געוויסע צייט אַ צוואַנגס־כאַראַקטער, און דערמיט דערקלערן זיך די איבערבלייבענישן פון אָבערגלויבנס פון זאַראַטוסטראַ־קולט אין דער גאַנצער אַלטער וועלט און בתוכם אויך ביי יידן. מיטן ווערן אַ גרויסמאַכט און רייך ווערן פון פרס האָט דער פּאַרסיזם פאַרלוירן זיין עטישע באַטייטונג, איז דעפּאַרמירט געוואָרן און אונטערגעגאַנגען. אויף זיין אָרט איז געקומען דער קולט פון אנאַאיטאַ, דער פּערסישער אַפראָדיטע.

דער צוזאַמענטרעף פון פּאַרסיזם מיטן יידנטום איז פאָרגעקומען אין הויכפּונקט פון דער פּערסישער עקספּאַנסיע און דעריבער האָבן זיך שוין אָנגעוויזן סימנים פון דער ירידה פון דער עטיק פון פּאַרסיזם. קיין דירעקטע מאָמענטאַלע ווירקונג, חוץ אין איינציקע מנהגים, האָט דער פּאַרסיזם נישט געהאַט אויף די יידן. שפּעטער אָבער האָבן די יידן פיל איבערגענומען די פּרינציפּן און זיי אומגעענדערט, פאַראייגנט.

קודם־כל האָבן די יידן אָפּגעוואָרפן דעם דואַליזם. עס עקסיסטירט טאַקע אַ געראַנגל פון צוויי קעגנזעצלעכע כוחות, פון גוטס און שלעכטס, אָבער ביידע שטאַמען פון איין מקור, ביידע זענען אונטערגעוואָרפן איין געטלעכן כוח, זענען זיינע שליחים. דער מאָניסטישער פּרינציפּ פון יידנ־טום האָט געמאַכט פון יצר־טוב און יצר־הרע, פון מלאכים און שדים אויספירער פון גאָטס ווילן.

נאָענט צו די יידישע באַגריפן איז געווען דאָס געזעץ פון בחירה, דער אַקטיווער אָנטייל פון מענטש אין געראַנגל צווישן גוטס און שלעכטס. דאָס האָט געשטימט מיטן יידישן וועלטבאַנעם פון דער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פון מענטש פאַר זיינע מעשים. די פאָרשטעלונגען וועגן תחית־המתים, יענער וועלט און גאָטס משפט זענען געווען אַ פאַרענטפערונג פאַר וואָס דעם צדיק איז שלעכט און דעם רשע גוט.

די יידן האָבן פון פּאַרסיזם אַרויסגענומען אייניקע בילדלעכע פאָר־שטעלונגען און זיי באַפּאַרבט מיט עטישע און מאָניסטישע אייגנשאַפטן.

די פּערסישע מלוכה איז צעשטערט געוואָרן דורך אַלעקסאַנדער

מוקדון. נאָך זייַן טויט (330 פ"ק) איז פאָרגעקומען אַ מלחמה וועגן דער ירושה צווישן זייַנע פעלדהאַרן — די דיאַדאָכן. פּטאָלאָמעוס האָט באַקומען עגיפּטן, אונטער וועלכער עס איז אויך אַרונטערגעפאַלן יהודה (320—198 פ"ק). שפּעטער האָבן די סעלייקידן פון סירישן אַנטיאָכיע צוגענומען יהודה בייַ די פּטאָלאָמייער און געהערשט ביזן חשמונאים־אויפשטאַנד אין 167 פ"ק.

אין דער צייַט פון דער הערשאַפט פון די עגיפּטישע פּטאָלאָמעיִדן הייבן אָן אַרייַנדרינגען אויף אַ פרידלעכן אופן העלענישע אייַנפלוסן. אין דער צייַט פון די סעלייקידן ווילן די לעצטע סירישע הערשער אויפ־צווינגען אַ צוואַנגס־אַסימילאַציע זייערע אונטערגעוואָרפענע פעלקער.

אין יהודה האָט זיך אָנגעהויבן אַ קולטורקאַמף צווישן יודאַיִזם און העלעניזם. דער דאָזיקער קאַמף האָט אָבער געהאַט אַ ברייטע סאָציאַלע באַזע. עס איז געווען אַן ענלעכער קאַמף צווישן די עקסיסטירנדיקע קלאַסן, ווי אין די צייַטן פון די נביאים און ער האָט זיך אויך פאַרוואַנדלט אין אַ פּאָליטישן קאַמף. דער סוף פון דעם שטרייַט איז געווען אַ פּאָלי־טישער זיג פון דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי און אַ טיילווייַזער נצחון פון די נאַציאָנאַלע אידעען.

אונטער דער ווירקונג פון דעם שטרייַט און דעם גרויסן נצחון האָט זיך געשאַפן אַ רייַכע ליטעראַטור, וואָס טייל ווערק זענען נאָך אַרייַן אין קאַנאָן, אַנדערע זענען געבליבן ספרים חיצונים, אַפּאָקריפן. די דאָזיקע ווערק, צוזאַמען מיט די פּראָבלעמען פון פּאַרמעסט ווערן באַהאַנדלט שפּעטער.

די קאַטאַסטראָפע פון חורבן־ירושלים האָט נישט פאַרניכטעט דאָס פאָלק, ווייַל די נביאים האָבן מיט זייער טעטיקייט אויסגעאַרבעט דעם געדאַנק, אַז דער לעבנס־כּוח פון אַ פאָלק איז נישט אין איר אויסערלע־כער פּאָליטישער מאַכט, נאָר אין גייַסט, אין זיטלעך־מאָראַלישן לעבן פון יחיד און פון דער געזעלשאַפט, אין פאַרווירקלעכן די אידעען פון גערעכ־טיקייט. פּאָליטישע נאַציעס עקסיסטירן צייַטווייַליק; גייַסטיקע — אייביק.

די טעטיקייט פון די סופרים, צוזאַמען מיט דער הערשאַפט פון די כּהנים־גדולים, האָבן געענדערט דעם כאַראַקטער פון פאָלק. אין לויף פון די קנאַפּע פיר הונדערט יאָר האָבן זיי איבערגעשטאַלטיקט אַ טעריי־

טאָריעלע נאַציע אין אַן איבער־טעריטאָריעל פאָלק. די ייִדן זענען גע־וואָרן אַ גײַסטיקע נאַציע, וואָס האָט אויסגעאַרבעט, נײַע, לחלוטין אַנ־דערע, אַטריבוטן פון אַ פאָלק. די ייִדן האָבן זיך אונטערגעשיידט פון אַנדערע פעלקער נישט בלויז מיט זייער עטישן מאָנאָטעיִזם און סאָציאַלן פראָגרעס, נאָר האָבן אויסגעשטאָלטיקט אַ טיפּ נאַציע, וואָס איז נישט אָפּהענגיק פון טעריטאָריע און פּאָליטישער מאַכט, נאָר פון אידעע און נאַציאָנאַלן באַוווסטזײַן.

דאָס איז געווען דער כּוח זיך קעגנצושטעלן דעם מעכטיקן אָנגריף פון דער העלענישער קולטור.

דער נצחון פון יהודה המכּבי איבער די סיריער — נס חנוכּה — איז נישט געווען בלויז אַ מיליטערישער, נאָר אויך אַן אידעיִש־נאַציאָנאַלער. די ייִדן האָבן געוווּנען די ערשטע שלאַכט צווישן די צוויי וועלטבאַנעמען. עס איז נישט געווען דער סוף פון שטרײַט, נאָר דער אָנהייב פון אַ קאַמף, וואָס עקסיסטירט ביזן הײַנטיקן טאָג. דאָס צוריקשטעלן אויף אַ הונ־דערט יאָר די פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט און די קאַמפן מיטן געצנדי־נערישן און שקלאַפערישן רוים האָבן געהאָלפן פאַרשטאַרקן און פאַרפעס־טיקן די כּוחות אין פאָלק, וואָס האָבן געטראָגן די ירושה פון די נביאים און סופרים.

נס־חנוכּה, דער גרויסער חשמונאים־אויפשטאַנד האָט דערוועקט אין פאָלק נײַע שעפערישע כּוחות און עס אימוניזירט עס זאָל קענען בײַ־שטיין נײַע נסיונות און שווערע צײַטן.

דערבײַ איז אַבסאָלוט נישט וויכטיק וואָס די חשמונאישע הערשער זענען באַלד אַריבער אויפן העלעניסטישן צד. בלויז דער עצם פאַקט פון אויפשטאַנד און דער פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט האָבן געהאָלפן הייבן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזײַן, וואָס איז שוין צו יענער צײַט געווען אַ גלײַכצייכן מיט אַ נײַער אידעאָלאָגיע, מיט אַן אַנדערן וועלטבאַנעם, אַנ־דערע פון אַלע פעלקער און געוויס אַנדערש פון די דאַמאָלסדיקע באַ־הערשער פון דער וועלט.

די באַגעגעניש פון צוויי קעגנזיצלעכע וועלטן

א. דער צוזאַמענטרעף און די דיפערענצן צווישן די וועלטבאַנעמען פון יודאַיזם און העלעניזם.

זינט די וועלט עקסיסטירט, זינט מענטשן האָבן אַ באַוווסטזיַין, גאַרן זיי נאָך עפּעס העכערס, בעסערס. די וועלט וואַרט אויף אַן אויסלייזער, אויף אַ משיח. אין פאַרשידענע צייַטן ביַי פאַרשידענע פעלקער האָבן זיי געהאַט אַנדערע נעמען: זאַראַטוסטראַ, משיח בן דוד, ישו הנוצרי, זיג פון וויסנשאַפט און געדאַנק, זיג פון סאָציאַליזם. די לעצטע זענען קאָלעקטיווע משיחים. די אַמאָליקע פאַרסער האָבן געגעבן אַ פולן סיסטעם פון ריוואַליזאַציע צווישן גוטס און שלעכטס, פון אַן אויסלייזער, און זיי האָבן אויך נישט פאַרגעסן אין מענטש, אַז ער דאַרף און קען זיַין אַקטיוו, נעמען אַנטייל אין דעם קאַמף פון געשטאַלטיקן די וועלט.

וואָס די אָריענטאַלע געצנדינעריַי און דאָס שפּעטערדיקע קריסטנטום האָבן פאַרגעסן איז געווען אויסצואַרבעטן אַ סאָציאַל-עטישן קאָדעקס, וואָס זאָל דערמעגלעכן דאָס צו רעאַליזירן און פירן דעם מענטש אין דאַזיקן שטריַיט.

דאָס האָבן געטאָן די אַמאָליקע יידן.

דער קאַמף צווישן גוטס און שלעכטס איז פאַראַן אין יסוד פון אַלע אידעאָלאָגישע שטריַיטן אין דער וועלט, אויך פון אַנטאַגאָניזם צווישן יידן און דער וועלט. אַנטי-יידישקייט — אָדער ווי מען רופט עס געוויינלעך אַנטיסעמיטיזם — איז אַן „אייביק" פּראָבלעם.

פאַראַן צווישן אונדז אַזעלכע, וועלכע זעען, אַז מיר זענען די שלעכטע. אַ גאַנצע וועלט — טענהען זיי — קאָן דאָך נישט זיַין אומגערעכט. צי איז טאַקע די „מערהייט" תּמיד גערעכט? גענוג אַ קוק צו טאָן אויף דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, כּדי צו האָבן דעם ענטפער.

מיר, ייִדן, האָבן תּמיד דאָס געפיל פון דער אייגענער גערעכטיקייט — קעגן אַ גאַנצער וועלט. דאָס איז געווען דער כּוח איבערצוהאַלטן אַלע פּייַנען און רדיפות, אַלע בלוטיקע שחיטות איבער אונדזער פאָלק. צי איז דאָס דאָזיקע געפיל פון אייגענעם גערעכטזייַן, און די דערמיט פאַרבונדענע העכערקייט פון עטיק און מאָראַל — אַזוי שלעכט, אַז מיר דאַרפן זיך אָפּזאָגן דערפון כּדי צו קענען לעבן בשלום און בשלווה? איז אַזאַ „רויִקייט” ווערט דעם פּרייַז?

פאַראַן אַ מעדיצינישע היפּאָטעזע, אַז אַלע עפּידעמיעס אין לויף פון אונדזער געשיכטע שטאַמען פון איין און דעם זעלבן צעשטערערישן באַציל, נאָר צוגעפּאַסט צו דער צייַט, צו די קעגנמיטלען. אויך דער אַנטי־סעמיטיזם איז אַזאַ באַציל, אַזאַ געזעלשאַפטלעכער מיקראָב.

דער יסוד פון אַנטיסעמיטיזם ליגט אין אונטערשייד — פּאָזיטיוון אָדער נעגאַטיוון, אויב איר ווילט — צווישן ייִדישן וועלטבאַנעם און דער אויסערלעכער וועלט. עס שטרייַכן דאָס אונטער אַלע מאָל סייַ די אַנטיסעמיטן, סייַ די אַסימילאַטאָרן, און זיי זענען גערעכט. דאָס פּראָבלעם איז נאָר צי מיר דאַרפן זיך אָפּזאָגן פון די באַזונדערטקייטן, פון דעם ספּעציפיש־ייִדישן, אויב מיר קענען עס טאָן אַלס יחידים. אַלס כּלל איז עס אוממעגלעך.

די פראַגע צו באַשיידן דאַרף מען צו ערשט באַטראַכטן אין וואָס עס דריקן זיך אויס די חילוקי־דעות.

דער האָס צו ייִדן, מיט די ספּעציפישע אַטריבוטן זייַנע, איז אַזוי אַלט ווי די ייִדן זענען אַרויף אויף דער וועלטאַרענע, זיך צעשפּרייט און זיך צונויפגעטראָפן מיט די גריכישע קאָלאָניזאַטאָרן. דער העלעניזם האָט רעפּרעזענטירט אין שפּעטערדיקן אָריענט די נישט־ייִדישע קולטורוועלט. אונטער העלעניזם נעמען מיר אַרונטער סייַ די אָריגינעלע גריכישע קולטור און סייַ אירע פאַרבאַרבאַריזירטע פאָרמען פון דער קליינאַזיאַטישער העלעניסטישער קולטור און פון דער רוימישער.

אָבער קודם־כּל לאָמיר מאַכן אַ געשיכטלעכן שפּאַציר וועגן דעם דאָזיקן צוזאַמענטרעף פון די צוויי וועלטבאַנעמען, וואָס פון זייער צוזאַמענשטויס איז אַנטשטאַנען דער אייביקער אַנטיסעמיטיזם, און פון דער

צוזאַמענשמעלצונג — די קריסטלעכע ציוויליזאַציע, אויף וועלכער עס איז געבויט די אייראָפּעיִשע קולטור.

ווי אַזוי קומט דער העלעניזם קיין אַזיע?

וועגן דעם דערציילן אונדז די איליאַדע און מער נאָך די אָדיסייע. עס איז אַ געשיכטע פון קאָנקוועסט פון אָריענט. צוגלייַך מיטן אויס־פאָרמירן זיך פון די גריכישע מלוכות אויפן פעלאָפּאָנעזער האַלבאינדזל זענען אויך אַנטשטאַנען גריכישע קאָלאָניעס אין אַזיע. עס זענען פּאַ־ראַן אין קליינאַזיע צייכנס פון גריכישע ישובים, וואָס גרייַכן צו די צייַטן פון פאַרנעמען דעם באַלקאַן דורך די גריכן. דער טרוים פון די גריכן איז געווען צו באַהערשן דעם אָריענט. אַלעקסאַנדער מוקדון האָט שוין באַוווסטזיניק געשטעלט דאָס פּראָבלעם פון צוזאַמענשמעלצן די גריכישע קולטור מיטן אָריענטאַלישן שטייגער, און דאָס האָט באַקומען דעם נאָ־מען העלעניזם. ער אַליין האָט חתונה געהאַט מיט אַ פּערסישער פּרינ־צעסין און געראָטן זייַנע מיטהעלפער „איינפלאַנצן" זיך אין נייַעם באָדן. נאָך זייַן טויט האָבן די דיאַדאָכן דורכגעפירט די אויפגאַבע.

פּטאָלאָמעוס (תלמי) איז טיילוויַיז אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם עגיפּטישן איינפלוס. ער האָט געהאַט אַן אַלטע איינגעפונדעוועטע געאיי־ניקטע מלוכה און דעריבער איז ער נישט אָנגעקומען צו קיין צוואַנגס־אַסימילאַציע. אַנדערש איז געווען מיט די סעלייקידן אין סירישן אַנ־טיאָכיע. זיי האָבן געהערשט איבער אַ סך קליינע פעלקער, וואָס יעדע פון זיי איז אַמאָל געווען מער אָדער ווייניקער זעלבשטענדיק און די סי־רישע הערשער האָבן געזען אין דער העלעניזירונגס־פּאָליטיק אַ מיטל איינצוהאַלטן די מלוכה. די לעצטע הערשער האָבן אויך אָנגעווענדעט שטאַרקע צוואַנגסמיטלען.

יהודה איז געווען אונטער דער הערשאַפט פון די פּטאָלאָמעיִדן פון 320 ביז 198 פ"ק און איז אַרונטערגעפאַלן אונטער סירישער הערשאַפט פון 198 ביז 167 פ"ק, גראָד ווען דער סירישער מושל אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס האָט מיט געוואַלט געוואָלט דורכפירן די העלעניזאַציע.

יהודה איז געווען אַ טעאָקראַטישע מלוכה, געהאַט אַ ברייטע אױ־טאָנאָמיע אין אינערלעכע ענינים. סיי די פּערסישע הערשאַפט, סיי די עגיפּטישע האָבן געלאָזן שפּורן אויפן גייַסטיקן לעבן, אָבער די פּרעמ־

דע הערשער האָבן נישט אַרויסגעצוווּנגען מיט כּוח די אַסימילאַציע.

דאָס ייִדישע לאַנד איז געווען טאַקע רויִק, אָבער אויך אָרעם. די דיאַספּאָראַ איז גרעסער געוואָרן. צו די פאַרטריבענע פריִער מיט געוואַלט זענען צוגעקומען פרייַוויליקע אויסוואַנדערער פון יהודה און אין גלות האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָנקורענץ צווישן דער גריכישער און סעמיטישער באַפעלקערונג. די ייִדן אין דער העלעניסטישער דיאַספּאָראַ זענען שנעל העלעניזירט געוואָרן אויסערלעך, איבערגענומען די גריכישע שפּראַך און געגומען שפּילן אַ באַטייַטנדיקע ראָל אין האַנדל און אין דער ווירטשאַפט. זייער אייַנפלוס אויפן לעבן אין יהודה, מיט וועלכער זיי זענען געווען נאָענט פאַרבונדן דורך באַשטייַערונגען און דעם עולה־רגל־זייַן, האָט זיך פאַמעלעך געגומען פילן.

אין יהודה גופא זענען אויך געווען גריכישע אייַנפלוסן. עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ פאַרטיי פון די רייַכערע שיכטן, וועמען דער פּרימיטיוו־שטייגערישער יהוה־קולט האָט נישט אַנטשפּראָכן זייַנע לעבנס־באַדערפעגישן. זיי האָבן פון אָנהייב געזוכט אַ קאָמפּראָמיס צווישן די קולטן און קולטורן, אָבער ווען אַנטיאָכיע האָט פאַרלאַנגט פולשטענדיקע אַסימילאַציע, האָבן זיי פאַרראַטן די נאַציאָנאַלע קולטור און עס איז געוואָרן אומפאַרמייַדלעך דער צוזאַמענשטויס מיטן נאַציאָנאַלן טייל פון פאָלק. יהוה, דער גאָט פון פרייַע מענטשן, האָט נישט געקענט הויזן צוזאַמען מיט די געטער פון דער שקלאַפן־געזעלשאַפט, די געטער פון די קנעכט־באַזיצער.

דאָס ייִדנטום איז שוין געווען אויסגעאַרמירט אין אַ פולן סיסטעם, מיט די צוגאָבן פון דער פּערסישער און עגיפּטיש־העלענישער הערשאַפט, און איז שוין געווען כּמעט אין גאַנצן קאַנאָניזירט. דאָס ייִדנטום האָט שוין געקענט מיט דערפאָלג אויפנעמען דעם קאַמף מיטן זיגרייַכן העלעניזם.

עס האָט זיך געשאַפן אַ סיטואַציע ענלעך צו דער צייַט פון די נביאים. דעם אַמאָליקן בעל־קולט האָט איצט רעפּרעזענטירט דער גריכישער אָלימפּ. יהוה האָט געקעמפט קעגן די געטער פון די באַזיצנדיקע. דער שטרייַט, וואָס איז אין יסוד געווען אַ סאָציאַלער, און אויף אים האָט זיך באַזירט אויך דער רעליגיעז־עטיש־מאָראַלישער חילוק, איז צוליבן ביר־

גערקריג און ווידערשטאַנד קעגן אָקופּאַנט געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער ענין, וואָס איז איבערגעגאַנגען אין אַ פּאָליטישן קאַמף.

אין רעזולטאַט האָט די נאַציאָנאַלע פּאַרטיי געוווּנען די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט.

סײַ אונטער פּרעמדער הערשאַפט, סײַ אונטער די חשמונאים, איז יהודה נאָך אַלץ אַ פּויערים־לאַנד, כאָטש עס האָבן זיך שוין אַנטוויקלט אַנדערע קלאַסן. די חשמונאישע קעניגן, וועלכע זענען איבערגעגאַנגען פון פּאַרטיידיקונג צו דעראָבערונגס־פּאָליטיק, האָבן אַרײַנגעבראַכט אין דער פאַרגרעסערטער ייִדישער מלוכה אַ סך שטעט און געגנטן מיט אַ נישט־ייִדישער באַפעלקערונג. נאָר אַ טייל האָט מען געצוווּנגען מגיר צו זײַן זיך. דער גרעסטער טייל — באַזונדערס דער העלעניזירטער — איז געבליבן קולטורעל ווײַט פון ייִדנטום און פון אינעווייניק צוגעהאָלפן אומברענגען די מלוכה.

די העלעניסטישע פּאַרטיי האָט געהאַט אַרויסגערופן צום לעבן איר קעגנער, די חסידים. ווען אין די קאַמפן מיט סיריע האָט דער סירישער פעלדהאַר ליזיאַס גאַראַנטירט רעליגיעזע פרײַהייט, האָט גלײַך דער עקסטרעם־פרומער טייל אָפּגעריסן זיך פון קאַמף. נאָר די חשמונאים זע־נען געבליבן קעמפן, ווײַל פאַר זיי איז עס געווען קודם־כל אַ נאַציאָנאַ־לער ענין. זיי האָבן אויך די ערשטע אין דער ייִדישער געשיכטע געקעמפט אום שבת.

די ערשטע חשמונאים האָבן געהאַט קעגן זיך סײַ די העלעניסטישע אַריסטאָקראַטישע אָליגאַרכיע, סײַ די עקסטרעמע פאַנאַטיקער, אָנהענ־גער פון דער טעאָקראַטיע. די חשמונאים האָבן אויסגענוצט די אָטעם־פּויזע צווישן דער וועלטהערשאַפט פון די העלעניסטישע מלוכות און פון דער וועלט־אימפּעריע פון רוים און נאָך פיר הונדערט און פופציק יאָר פּרעמדער הערשאַפט צוריק אויפגעשטעלט די אומאָפּהענגיקייט. פון אָפּ־ווער קעגן נאַציאָנאַל־רעליגיעזן דרוק, פון פאַרטיידיקן נאָר די אויטאָנאָ־מיע — איז געבוירן געוואָרן די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט און מיט איר די דעראָבערונגס־פּאָליטיק.

קעגן דער מלוכהשער זעלבשטענדיקייט מיט אירע וועלטלעך־פּאָלי־טישע אַטריבוטן, האָבן די אָנהענגער פון פריִערדיקן, טעאָקראַטישן סדר,

אַרויסגעשטעלט דעם סיסטעם פון אינטענסיווער גײַסטיקער קולטור, אײַנגעוואָרצלט אין משך פון הונדערטער יאָרן נישט־פּאָליטישן לעבן. אונטער דער „אפּוטרופּסות" פון פרעמדע הערשער, אָבער האָבנדיק אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזע אינערלעכע אויטאָנאָמיע, איז דאָס פאָלק געווען פרײַ פון פּאָליטיש־אויסערלעכע דאגות.

די סעלייקידן האָבן צעשטערט אָט דאָס דאָזיקע „רויִק" לעבן. עס איז געווען אומפאַרמײַדלעך דער דאָזיקער צוזאַמענשטויס צוליב דער וואַקסנדיקער קאָלאָניזאַציע פון די גריכן אַרום און אויך אין יהודה. דער העלעניזם איז געגאַנגען נישט בלויז מיט פרידלעכע מיטלען.

די העכערע קלאַסן האָבן באַלד פאַרראַטן די נאַציאָנאַלע אייגנאַרט, סײַ צוליב קלאַסן־אינטערעסן, סײַ צוליב דעם העלעניסטישן פרײַען וועלטלעכן שטייגער, נישט געבונדן מיט די סאָציאַלע געזעצן פון דער תּורה. דאָס האָט געבראַכט די פאָלקסמאַסן אויסצוקעמפן די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט, פון וועלכער עס געניסן ווידער די זעלבע העכערע קלאַסן. זיי האָבן נאָר געמוזט אַ ביסל אײַנהאַלטן זייער דראַנג צום העלעניסטישן לעבנס־אופן. זיי זוכן אַ סינקרעטיזם פון זייער שטרעבונג צו אַ פרײַ געניסן פון לעבן מיט די פאַרפליכטנדיקע נאַציאָנאַל־רעליגיעזע געבאָטן, מיט די טראַדיציאָנעלע פירונגען. דאָס האָט זיי געבראַכט צו דעם, אַז זיי האָבן זיך געשטיצט נאָר אויף די קורץ־געפאַסטע, נישט אַלץ אַרומנעמענדיקע, געבאָטן פון דער תּורה שבכתב, און זיי האָבן זי אויסגעטײַטשט שטאַרק פאָרמאַליסטיש. זיי האָבן אָפּגעוואָרפן אַלע צוגאָבן, וואָס זענען נאָך אומגעגאַנגען אין אַ מינדלעכער מסורה, די תּורה שבעל־פּה, און האָבן געטראָגן אַ סאָציאַלן טײַטש. אַזוי איז אַנטשטאַנען די פּאַרטיי פון די צדוקים.

עס איז געווען אַ שווערע אויפגאַבע אין אַ וועלט פון העלעניזירטע מלוכות צו ברענגען אין אײַנקלאַנג די דעראָבערטע פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט מיט אַלע אירע מלוכהשע אַטריבוטן, מיט די טעאָקראַטישע יסודות פון פריִערדיקן לעבן. באַזונדערס ווען פאָרמעל איז יהודה ווײַטער געווען אַ טעאָקראַטישע מלוכה.

דער אינעווייניקסטער שטרײַט איז געווען וועגן דער בכורה אין

דער מלוכה: וועלטלעכקייט אָדער טעאָקראַטיע? די אַריסטאָקראַטיע אָדער די געלערנטע פירער פון דער פאָלקסמאַסע? עס איז אויפגעקומען אַ נייַע קאָנסטעלאַציע: צדוקים קעגן פּרושים, אויפן אָרט פון העלעניסטן קעגן חסידים.

דער שטרייַט וועגן פאָרם פון דער מלוכה איז אייגנטלעך געווען אַ קאָנפליקט פון צוויי סאָציאַלע שיכטן, און אויך אַ וויכוח פון צוויי קאָנ־צעפּציעס, צוויי פּירושים צו די נויטן און באַדערפעניש פון דער נאַ־ציע: דאָס נעמט אַרום אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק, קולטור, רעליגיעזער צערעמאָניאַל, די באַגריפן עטיק, מאָראַל און גלויבן, סאָציאַלע רעפאָר־מען — אַלע געביטן פון ציווילן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

מען באַשולדיקט די רעליגיעזע פאַנאַטיקער און די קנאים־פּאַרטיי, אַז זיי האָבן געבראַכט צום אונטערגאַנג פון די חשמונאים און במילא פון דער פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט. דאָס איז נישט ריכטיק. עס איז נאָר געווען אַ פאַרגיכערן דאָס אומפאַרמייַדלעכע. די פרייַע יהודה האָט עקסיסטירט קוים אַכציק יאָר (142 ־ 63 פ״ק). אָן די קאָנפליקטן פון אינעווייניק וואָלט זי עקסיסטירט אפשר עטוואָס לענגער, אָבער די קאַלי־זיע איז נישט געווען אויסצומייַדן.

אַ סך היסטאָריקער האַלטן, אַז די דעראָבערונגס־פּאָליטיק פון די חשמונאים האָט יהודה אַוועקגעשטעלט אין פאָדערגרונט פון די געשעע־נישן און ווי אַ שוואַכערער צד האָט זי געמוזט לייַדן די מפּלה. אויך דאָס אַרייַננעמען שטחים מיט אַ נישט־יידישער באַפעלקערונג, האָט אינער־לעך אָפּגעשוואַכט די ווידערשטאַנד־פעיקייט.

פאַר דער דעראָבערונגס־פּאָליטיק פון די חשמונאים, וואָס טייל האַל־טן עס פאַר אַן אומגליק און די פאָלקסמאַסן זענען אַלע מאָל געווען קעגן — פאַר דער פּאָליטיק רעדן עטלעכע מאָטיוון: קודם־כל זענען עס דע־מאָגראַפישע סיבות. די גריכישע קאָלאָניזאַטאָרן און די אַרומיקע פעל־קער זענען געווען צעשפּרייט צווישן די יידישע ישובים און מען האָט זיי נישט געקענט אויסטיילן און אָפּזונדערן זיך פון זיי. דאַן קומען ווירט־שאַפטלעכע סיבות: מיט דער באַפעסטיקונג פון רוימישן אייַנפלוס איז דער מיטללענדישער ים געוואָרן אַ גרויסער האַנדלסוועג און דאָס באַ־קומען אַ צוטריט צו אים איז געווען לעבנסוויכטיק. פאַרן פרייַען פויער

מיט זײַן פּרימיטיווער ווירטשאַפט איז דאָס נישט געווען וויכטיק, אָבער די אַנדערע קלאַסן האָבן פאַרלאַנגט דאָס באַהערשן די האַנדלסוועגן. צו לעצט קומען די פּאָליטישע אורזאַכן: אַ קליין יהודה וואָלט זיך סײַ ווי סײַ געמוזט שיצן קעגן די אַפּעטיטן פון די שכנים, און אַ גרויס יהודה האָט ווײַניקסטן זיך פאַרזיכערט די אויבערהערשאַפט און פינאַנסיעלן נוצן דערפון.

די צײַט פון דער פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט, הגם זי איז געווען קורץ און פול מיט מלחמות, האָט אַרויסגערופן אַן אינטענסיווע גײַסטיקע טעטיקייט. די פּרושים, וועלכע האָבן ווייניק געגלויבט אין קיום פון דער פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט, האָבן — ווי אַמאָל די נביאים — מער געזאָרגט וועגן גײַסטיקן פּנים פון דער נאַציע. זיי האָבן אויסגענוצט די מאָמענטן, ווען טייל חשמונאישע הערשער זענען געווען גענויגט צו זיי, און אײַנגעפירט נײַע תקנות. אָבער אַפילו בײַ נישט־גינסטיקע פּאָליטישע באַדינגונגען האָבן זיי געשאַפן, ווײַל זיי זענען געווען טיף אײַנגעוואָרצלט אין דער פאָלקסמאַסע. זיי האָבן פאַרברייטערט, פאַרטיפערט דאָס ווערק פון די סופרים. לאָמיר דאָ זיך אָפּשטעלן, דערווײַל, אויפן פאַרענדיקן די קאַנאָניזאַציע פון תנך.

די גריכן און די יידן האָבן — נישט קענענדיק זיך נאָך — דערגרייכט הויכע מדרגות פון קולטור, הגם זיי זענען געשטאַנען אויף קעגנזעצלעכע פּאָזיציעס. עזרא און נחמיה האָבן געווירקט (458 ־ 433 פ״ק) אין דער צײַט פון פּעריקלעס (490 ־ 429) און סאָקראַטעס (469 ־ 399 פ״ק).

שפּעטער אָבער רײַסן זיך דורך העלענישע השפּעות. צו ערשט דורך דער פרידלעכער באַגעגעניש מיט אַלעקסאַנדער מוקדון און די פּטאָלאָמייער (כאָטש תּלמי האָט אָנגעהויבן פון אַ מלחמה) און דאַן אין קריג מיט די סעלייקידן. די גריכיש־רעדנדיקע דיאַספּאָראַ האָט נישט ווייניק מיטגעווירקט אַרײַנצובערענגען העלענישע מאָטיוון אין דער שאַפונג. די העלעניסטישע הערשער — מיטן אויסנאַם פון אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס — האָבן נישט געפירט קיין קריג קעגן יודאַיזם, נאָר קעגן די יידן. די יידן אין דער דיאַספּאָראַ האָבן גענאָסן פון אויטאָנאָמיע אין זייערע אינערלעכע ענינים. אין אַלעקסאַנדריע האָבן די יידן געלעבט אָפּגעזונדערט פון די אָרטיקע מצרים (קאָפּטן), אָבער גערן זיך אַסימילירט מיט די געבילדעטע גריכן.

חוץ דעם וואָס ייִדן האָבן געוווינט אין העלעניזירטע געגנטן און שטעט, האָבן די גריכן געוווינט בײַם ברעג־ים פון יהודה און אין ייִדי־שע שטעט.

געווען אַזעלכע ייִדן, וואָס האָבן געוואָלט נאָכאַמען, אַסימילירן זיך. זיי זענען אַרויסגעפאַלן פון דער ייִדישער געשיכטע. מיר וועלן באַטראַכ־טן די נאַציאָנאַלע שאַפערס, וועלכע האָבן געגעבן ווערק סײַ אונטערן, סײַ קעגן העלענישן אײַנפלוס.

די העלענישע קולטור האָט געקענט העלפן סעקולאַריזירן די שאַ־פונג. בײַ ייִדן זענען דאַמאָלס געשאַפן געוואָרן אייניקע וועלטלעכע ווערק.

דאָס הויפּטפּראָבלעם פון ערשטן אידעישן שטרײַט איז אַרויסגע־דרונגען פון שטייגער לעבן: צי פאַרלאַנגט טאַקע פון מענטש די געט־לעכקייט ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַלע וועלטלעכע פאַרגעניגנס? און דער־מיט איז אויפגעשווומען די פראַגע: צי באַשעפטיקט זיך די גאָטהייט מיט דער וועלט און מיטן מענטש? דער גריכישער פילאָסאָף עפּיקור האָט געלייקנט די אינגערענץ פון גאָט. דעריבער איז אפיקורוס געבליבן אַ סימבאָל פון כפירה.

אונטערן אײַנדרוק פון דער גריכישער ליבע־פּאָעזיע פון אַנאַ־קרעאָן און דעם אידילישן ראָמאַנטיזם פון טעאָקריט זאָל זײַן אָנגעשריבן „שיר השירים". אויבנאויפיק איז עס עראָטישע פּאָעזיע אין העלעניס־טישן גייסט. פאַקטיש איז עס גאָר ייִדיש אָריגינעל. עס ווערט געשיל־דערט ייִדישער, צניעותדיקער לעבנסשטייגער, עס ווערן ציטירט פאַר־צײַטיקע חתונה־לידער. מען זעט דעם דראַנג צו דער נאַטור. וויניק ווערט אונטערגעשטראָכן די פיזישע ליבע, נאָר די ליבע באַקומט אַ געטלעכן קאָסמישן כאַראַקטער. די גאַנצע אידעאַליזאַציע פון פאַסטוכלעבן אין דער נאַטור אין ישראל, איז אָריגינעל. און דער עיקר: קעגן דער אויס־געלאַסנקייט ווערט אַקעגנגעשטעלט די זיטלעכקייט; די רויִקע שטילע ליבע פון „שיר השירים" איז ווײַט פון די רוישנדיקע ווײַן־ און ליבע־לידער פון אַנאַקרעאָן, פון לעבנסלוסט אין זײַן אויסגעלאַסענער פאָרם, וואָס איז אַזוי באַזונגען געוואָרן דורך די העלענישע פּאָעטן און וואָס אַפילו אין דער מיטאָלאָגיע זענען זיי פאַראַן.

אַזוי זעט אויס די טראַנספאָרמאַציע פון אַ העלענישן אײַנפלוס,

ווען ער קומט אויף יידישן באָדן און עס נעמט אים איבער אַ נאַציאָנאַל־יידישער דיכטער און שאַפער.

אַ טיף פילאָסאָפישן און מער באַאיינפלוסטן כאַראַקטער טראָגט „קהלת". עס ווייעט פון דעם ווערק יאוש, מעלאַנכאָליע און פילאָסאָפישער סקעפּטיציזם. הכל הבל. אין חדש תחת השמש. עס איז אַן אַנטוישונג און אַ פאַרלייקענונג פון זין פון ליידן. דער הויפּטגעדאַנק איז, אַז די צוועקמעסיקייט אין דער נאַטור און דער אייביקער זיכערער גאַנג פון די געשעענישן, דער גריכישער פאַטום — ברענגט צום זיג פון שלעכטן איבערן גוטן. דאָס איז אפשר געווען דער מעטאָד פון דערפירן אַ געדאַנק צום אַבסורד, כדי אים אָפּצולייקענען. רעדוקציאָ אַד אַבסורדום — REDUCTO AD ABSURDUM. אויב עס איז נישט פאַראַן קיין אונטערשייד צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן וויסן און אומוויסן; אויב אַ מענטש איז גלייך צו אַ בהמה, הבל הבלים, טאָ צו וואָס דאָס פילאָסאָפירן?

„קהלת" זאָגט טאַקע (יב׳ פסוק יב׳): „זיי געוואָרנט: צו מאַכן פיל ספרים איז נישטאָ קיין ענד, אָבער זיך גריבלען צו פיל מאַטערט אָפּ דאָס לייב".

צווישן „איוב" און „קהלת" זענען פאַראַן וועזנטלעכע אונטערשיידן. „איוב" האָט דעם פּעסימיזם, וואָס קומט פון צרות און פּיין, אָבער ער פאַרמאָגט עטיק. אין „קהלת" איז פאַראַן די איבערגעזעטיקטקייט מיט ערדישע תענוגים, די דערעסנקייט אין אינטעלעקטועלע ענינים. „איוב" אָנערקענט גאָט, רעליגיע, נאָר ער זעט אויך די עטישע סתירות, דערקעגן „קהלת" איגנאָרירט די רעליגיע ווי אַ זאַך פון געפיל, נישט פון שכל. ער האָט פאַרלוירן דעם גלויבן, וואָס דערקלערט, און באַרעכטיקט דערמיט די דיסהאַרמאָניע פון לעבן. אָבער אויך דער שכל קען נישט פאַרענטפערן די פראַגן. דעריבער זענען אַלע זוכענישן איבעריק און דאָס לעבן האָט קיין שום רעאַלן ווערט נישט. עס רעגירט נישט די אָפּטימיסטישע צוועקמעסיקייט פון דער תורה, גאָטס כי־טוב ביים באַשאַפן די וועלט, — נאָר דער גריכישער בלינדער צופאַל, דער פאַטום.

אין אייניקע ערטער קומט דער מחבר צום אויספיר, אַז מען דאַרף בכלל נישט קלערן וועגן די העכסטע פראָבלעמען פון זיין, נאָר דערווייל

געניסן פון לעבן, נישט פאַרסמען די קורצע רגע׳ס פון לעבן מיט צווייפל און „פאַרשאָלטענע שאלות״. „קהלת״ רעקאָמענדירט דעם גענוס ווי אַ נאַרקאָטיש מיטל צו פאַרטויבן די ספיקות. עפיקור האָט פון געניסן גע־מאַכט אַ נאָרמאַלע לעבנס־פילאָסאָפיע. דאָס גליק פון מענטש איז — לויט אים — באַפרייַען זיך פון אַלע פאָראורטיילן. די וועלט דערקענען מיר לויט אונדזערע חושים. מיר דאַרפן דעריבער אויסמייַדן די ליידן, אייַנהאַלטן די רו — אַטאַראַקסיע. עפיקור האָט געפּריידיקט אַ שכלדיק געניסן פון לעבן.

„קהלת״ איז אָן ספק אַן אַנטי־רעליגיעז ווערק. מען האָט אָבער גע־זען אין דעם ווערק אַ פאַמפלעט קעגן דער חקירה, אַ באַווייַז צו וואָס זי קען דערפירן. נאָך אַזאַ דערפירן צו אַן אומזין יעטוועדע פילאָסאָפישע חקירה קומט אַזאַ אויספיר: „אַזוי ווי דו ווייסט נישט וואָס איז דער וועג פון דעם ווינט, אָדער ווי עס ווערן ביינער אין לייַב פון דער טראָגעדי־קער, אַזוי ווייסטו נישט די טוּאונג פון גאָט וואָס טוט אַלצדינג״ (קהלת, יא׳ ה׳).

מען גלויבט, אַז דאָס איז צוגעשריבן געוואָרן. אין אַ פולשטענדיקער סתירה צום גייַסט פון ווערק איז דאָס לעצטע קאַפּיטל יב׳. עס איז אַ קאָנטראַדיקציע צום פריִער געזאָגטן. אין דאָזיקן לעצטן קאַפּיטל איז פאַראַן אַ פייַערלעכער מאַניפעסט וועגן השארת־הנפש: „און דער שטויב וועט זיך אומקערן צו דער ערד, ווי געוועזן. און דער גייַסט וועט זיך אומקערן צו גאָט, וואָס האָט אים געגעבן.״ (פסוק ז׳). צום סוף קומען פרומע וואָרענונגען נישט צו פילאָסאָפירן, נישט צו זייַן פריידענקעריש און עס ענדיקט זיך מיט: „דער סוף פון דער זאַך, נאָך דעם ווי אַלץ איז געהערט געוואָרן, איז: האָב מורא פאַר גאָט, און היט זייַנע געבאָט, וואָרום דאָס איז דער גאַנצער מענטש. ווייַל דעם גאַנצן באַשאַף וועט גאָט ברענגען פאַר אַ משפט איבער אַלעם פאַרהוילענעם, סיי גוט און סיי שלעכט. (פסוקים יג׳ יד׳).״ דאָס הייסט, אַז גאָט וועט משפטן יעדע טאָט, אַפילו יעדן פאַרבאָרגענעם געדאַנק, אַ גוטן אָדער אַ שלעכטן.

דער „פּאָזיטיווער״ טייל איז נישט אָרגאַניש אין בוך. אָבער אויך די קריטיק פון די לעבנס־פּראָצעסן, דער צווייפל אין גאָטס גערעכטי־קייט, די רייד וועגן גלייַכפאָרמיקייט פון לעבן, די אידעען פון עפיקור

און פון די סטאָיִקער, אַלץ איז דערפירט געוואָרן צום אומזין און דער־מיט איז דורכגעפאַלן די גאַנצע אַנטי־טעזע פון „קהלת" קעגן דער טע־זע פון אָפּטימיזם, צוועקמעסיקייט און יושרדיקן גאַנג פון לעבן, ד"ה קעגן דער פולקאָמענהייט פון דער וועלט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם ייִדישן וועלטבאַנעם.

ווייניקער פילאָסאָפישע גריבלענישן פאַרמאָגט דאָס בוך פון יהושע בן־סירא „חכמת (אָדער משלי) בן־סירא" וואָס איז נישט אַריין אין קאַ־נאָן. צו אונדז איז עס דערגאַנגען דורך אַ גריכישער איבערזעצונג, גע־מאַכט פון זײַנס אַן אייניקל.

עס איז אַ וועלטלעך ווערק. לויט דער פאָרם ענלעך צו „משלי של־מה", אָבער מען פילט בײַ אים דעם גײַסט פון זײַן צײַט. ער האָט גע־לעבט אין דער צײַט פון די ערשטע סעלייקידן. ער איז נישט באַגײַס־טערט פון לעבן, אָבער אויך נישט פאַרביטערט. ער פאַרמאָגט אַ ניכ־טערן אוטיליטאַריזם. ער קליגלט זיך נישט; ער באַנוצט נישט קיין האַרץ־עמאָציעס, נאָר ער איז פּראַקטיש. חכמה און יראת־שמים זענען בײַ אים איינס. די פילאָסאָפיע דינט דער רעליגיע. דאָס אומדערקענבאַרע דאַרף מען נישט פאָרשן. ער הייסט נישט שטרעבן צו דעם, וואָס קען נישט פאַרשטאַנען ווערן, נאָר בעסער אַרײַנטראַכטן זיך אין דעם, וואָס איז צוגענגלעך. ער וואָרנט קעגן די אילוזיעס און זייער ביטערן סוף. דאָס ווערק האָט עטישע מאָטיוון: דער מענטש האָט אַ פרײַען ווילן, איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זײַנע מעשׂים. ער טרעט אַרויס קעגן געצנדינער־רישן געדאַנק וועגן כאַאָס און דעטערמיניזם. ער פּרעדיקט אײַנגעהאַלטנ־קייט, געשלעכטלעכע צניעות און כיבוד־אב. ער רעקאָמענדירט אַ שטרענ־גע דערציִונג. ער איז אויך געשטימט קעגן דער נײַער געלטווירטשאַפט. ער זאָגט: „צווישן קויפן און פאַרקויפן שטויסן זיך דורך די זינד".

דאָס דאָזיקע בוך האָט באַשריבן דעם לעבנסשטייגער. עס האָט אויך שטאַרקע יחידישע מאָמענטן און ווייניק אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע מאָטיוון, אָבער עס האָט געהאַט אַ באַטײַטונג פאַר דער נאַציאָנאַלער דערציִונג צו־ליב דער הויכער מאָראַל און עטיק. פון זײַנע באַשרײַבונגען זעען מיר אויך דעם אָנזאָג פון דער גרויסער שפּאַלטונג אין ייִדישן לעבן צווישן לומדים און עם־הארצים.

אין דער צײַט פון די לעצטע סעלייקידן איז רעליגיעזע מאַרטירער־ריי דאָס ערשטע מאָל אַרײַן אין דער געשיכטע אַלס מאַסן־דערשײַנונג.

די שטימונגען פון יענער צײַט ווערן אויסגעדריקט סײַ אין תּהילים, סײַ אין אַנדערע ווערק, פון וועלכע צו אונדז איז דערגאַנגען נאָר דער ספר דניאל. עס איז אַן אַפּאָקאַליפּסישע וויזיע, זעונגען, אַלוזיעס צו אַנטיוכוס עפּיפאַנעס. דאָס אַלץ האָט געצילט אונטערצוהאַלטן די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע שטימונג. דער העלד דניאל איז אַן „אַסימילירטער" ייִד, דערצויגן אין בבלישן הויף, אַן אַלוזיע וועגן צוריקקער פון די פאַרלוירענע זין.

וואָרשײַנלעך שטאַמט אויך „מגילת אסתר" פון יענער צײַט, ווײַל אין איר ווערן פאָרמולירט די מאָטיוון פון ייִדנהאַס, ווײַל מיר זענען „אַנדערש". יעדנפאַלס שטאַמט דאָס ווערק פון אַ צײַט ווען דער צוזאַמענטרעף מיט דער העלענישער וועלט איז שוין געוואָרן אַ צוזאַמענשטויס.

דאָס ווערק איז אַ ריין וועלטלעך ספר און דער גאַנצער נס־פּורים איז דערציילט אַן גאָטס אַרײַנמישונג. זײַן נאָמען ווערט אַפילו נישט דערמאָנט. מען הייסט אויך נישט וואַרטן אויף קיין נס מן השמים. דער מלך קען נישט אָפּרופן זײַן גזרה, דערלויבט ער די ייִדן זיך צו פאַרטיידיקן.

אַזוי זעען מיר ווי דער צונויפטרעף פוןביידע קולטורן האָט אָנגענומען שאַרפע זיך באַקעמפנדיקע פאָרמען. אויב אין יהודה איז עס דערווײַל געווען נאָר אַ קאַמף קעגן פרעמדע, אויסערלעכע אײַנפלוסן — איז די סיטואַציע פון די ייִדן אין דער דיאַספּאָראַ געווען אַנדערש. דאָ איז דער צוזאַמענשטויס געווען אַ פיזישער, אַן עקאָנאָמישער, אין אַ געוויסן זין אויך אַ פּאָליטישער אָבער די אַלע חילוקי־דעות האָבן זיך אויסגעדריקט אין אַ קולטורקאַמף. כּדי בעסער צו פאַרשטיין אָט דעם קאַמף לאָמיר אים געבן ווי אַן אַלגעמיינעם איבערבליק פון די דיפערענצן און באַרירפּונקטן פון יודאַיִזם און העלעניזם, וואָס ביידע זענען געווען שוין אויסגעפורעמטע וועלטבאַנעמען.

די קאָנקורענץ צווישן די ייִדן און גריכן איז געווען אויף אַלע געביטן. אויפן עקאָנאָמישן געביט איז דער אינטערנאַציאָנאַלער האַנדל געווען די דאָמענע פון די אַנטאַגאָניזמען. פאַראַן באַווײַזן, אַז די ייִדן האָבן געהאָט אַ גרויסן חלק אין שיפוועזן און אַפילו באַווירקט די ים־פּיראַטן.

אין אַלע גרויסע האַנדלסצענטרען זענען מיר קאָנפליקטן און קאַמפן צווישן ייִדן און גריכן. די ייִדן זענען געווען די איינציקע, וועלכע האָבן זיך נישט אינטעגרירט, הגם שפּראַכלעך און אויסערלעך זענען זיי געווען פאַרהעַ־לעניזירט. גריכיש איז געווען די מוטערשפּראַך פון דער ייִדישער דיאַס־פּאָרא, חוץ בבל.

די ייִדן זענען אין דער רוימישער אימפּעריע געווען די לאָיאַליסטן, און רוים האָט זיי געגעבן פּריווילעגיעס און שוץ, כאָטש רוים האָט גלײַכ־צײַטיק פאַרביטערט געקעמפט קעגן יהודה. עס זענען געווען רוימישע באַאַמטע ייִדן. די גריכן, וועלכע האָבן געהאַט אַ פּריווילעגירט אָרט אין דער רוימישער אימפּעריע, האָבן דערזען די קאָנקורענץ און דער צוזאַ־מענשטויס איז געוואָרן אומפאַרמײַדלעך. די גריכישע שקלאַפן־פילאָסאָפן האָבן געפּריידיקט אַ שקלאַפערישע פילאָסאָפיע, בעת די ייִדן האָבן בײַ אַלע אומשטענדן אײַנגעהאַלטן די קעגנערשאַפט צום שקלאַפן־סיסטעם. דעם שטרײַט האָבן געפירט געבילדעטע גריכן קעגן געבילדעטע ייִדן. די באַזע פאַר אָט דעם קאָנפליקט און אַנטאַגאָניזם איז געווען דער צונויפ־טרעף פון צוויי ווידעראַנאַנדיקע וועלטבאַנעמען.

אין וואָס זענען באַשטאַנען די דיפערענצן, ווי אויך דאָס געמיינזאַמע, צווישן יודאַיִזם און העלעניזם? עס זענען געווען מער חילוקי־דעות ווי באַרירפּונקטן.

דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך גלײַך געוואָרפן אין די אויגן, איז גע־ווען די פאָרשטעלונג פון דעם אומזעבאַרן גאָט בײַ די בני־ישראל. בײַ ייִדן איז דער פּעריאָד פון סינקרעטיזם און פון לײַטערן דעם גלויבן פון אַנטראָפּאָמאָרפישע און געצנדינערישע באַגריפן — געווען אַ קורצער און איז אין מאָמענט פון צוזאַמענטרעף פון ביידע קולטורן געווען פאַרבײַ און געהערט דער געשיכטע.

די גריכן האָבן נאָך געשטעקט אין זייער פּאָליטעיִזם און בײַם צו־נויפטרעף מיט די פעלקער פון אָריענט האָבן זיי באַוווסטזיניק אָנגעווענ־דעט דעם סיסטעם פון סינקרעטיזם (זעוס - יופּיטער - אַפּיס, אַפּאָלאָ - אַדאָניס) עס זאָל דינען זייערע עקספּאַנסיע־צילן. דורך צופּאַסונג האָבן זיי געשטרעבט צו קולטור־העגעמאָניע אַלס מיטל צו עקאָנאָמיש־פּאָליטי־שער עקספּאַנסיע.

די ייִדן האָבן נישט געהאַט קיין עקספּאַנסיע־צילן. אין מאָמענט פון דער צעשפּרייטונג האָבן זיי געהאַט אַן אייגענע מלוכה מיט אַ פּויערישערווירטשאַפט. די געלטווירטשאַפט האָט נישט געהאַט קיין אָנשפּאַר אין זייער היימלאַנד. ערשט אין דער דיאַספּאָראַ האָבן זיי זיך צוגעפּאַסט צו דער געלטווירטשאַפט. ווען די ייִדן זענען אַרויף אויף דער וועלטאַרענע האָבן די גריכן שוין געהאַט דאָרט פאַרפעסטיקטע פּאָזיציעס. דערצו נאָך האָבן די ייִדן צוליב סיבות, וואָס מיר באַהאַנדלען שפּעטער, גראָד זיך אָפּגעזונדערט און אָפּגעשלאָסן.

די עקספּאַנסיע־פּאָליטיק פון די גריכן האָט געפירט צו קאָסמאָפּאָליטיזם, צו פנימלאָזיקייט, צו פאַרלירן די נאַציאָנאַלע אייגנאַרט.

די ייִדן האָבן געפּריידיקט אוניווערסאַליזם. גאָט הערשט איבער אַלע פעלקער, נאָר די ייִדן האָט ער אויסדערוויילט. דער אוניווערסאַליזם פון די ייִדן האָט געהאַט אַ נאַציאָנאַלן שטריך.

די העלענישע טעאָלאָגיע האָט זיך געשטיצט אויף אַ געזעלשאַפט פון קנעכט. אַפילו די אַזוי גערימטע אַטענישע דעמאָקראַטיע און דער ספּאַרטאַנישער קאָמוניזם האָבן זיך געשטיצט אויפן שקלאַפן־סיסטעם. פּלאַטאָנס אידעאַלע געזעלשאַפט איז אויך נאָר פאַר אויסדערוויילטע, ווייל עס האָט אין יסוד שקלאַפן־אַרבעט און שקלאַפן־באַדינונג.

די ייִדן האָבן אין זייער תּורה געשאַפן אַזאַ סאָציאַלע געזעצגעבונג, וואָס האָט אָפּגעשאַפט בכלל די שקלאַפערײַ. די פּראָגרעסיווע סאָציאַלע געזעצן פון דער תּורה זענען געווען דאָס שרעקבילד פון דער העלעניסטישער שקלאַפן־געזעלשאַפט. אין אַלע גריכישע און רוימישע טעאַטערן האָט מען אויף דער בינע אויסגעלאַכט דאָס שמיטה־יאָר (ווען מען מוז באַפרײַען די שקלאַפן) און דעם שבת־רו. מען האָט די ייִדן פאַרשריגן אַלס פוילענצער אד״גל. די גריכן האָבן געציטערט פאַרן קולטור־מאָנאָפּאָל און אויב אַ קולטור פון אַן אַנדער פאָלק האָט זיך נישט געלאָזט סינקרעטיזירן און אײַנשלינגען, האָבן זיי עס ביטער באַקעמפט.

די ייִדן האָבן מורא געהאַט צו „פאַרוואַסערן" די אייגענע געזעצגעבונג און מיט אַ צוים פון פאַרשידענע געבאָטן און פאַרבאָטן אָפּגעטיילט זיך פון דער אַרומיקער וועלט. שפּעטער האָבן זיי אַרויסגעוואָרפן אַלע האַלב־ייִדן און יודאַיזירטע פון דער דעראָבערונגס־פּאָליטיק פון די

חשמונאים. אין טאָג־טעגלעכן לעבן פון די ייִדן האָט דער העלעניזם גע־האָט אַ גרויסע השפעה, אָבער אין תּוך איז דער יודאַיִזם געבליבן נישט פאַרענדערט.

ביַים העלעניזם איז געווען אַ נאַטור־קאָנצעפּציע. די געטער זענען באַגרענעצט אין זייער מאַכט. איבער אַלץ און אַלעם רעגירט דער פאַטום, דער בלינדער גורל.

דער יודאַיִזם באַנעמט גאָט אויסער דער וועלט־מאַטעריע. ער איז אומאָפּהענגיק פון אונדזער געדאַנק. גאָט איז דער שעפער פון דער וועלט און אויך איר רעגירער.

די גריכן האָבן באַשאַפן די געטער לויטן מענטשנס געשטאַלט. זיי ליבן זיך, קריגן זיך, האַסן זיך, נאַרן אָפּ אַפילו. זיי פירן אַ לעבן ווי מענטשן פון אַ ספּעציעלן קלאַס. די געטער גייען צום מענטש ער זאָל אַנטשיידן זייערע סיכסוכים. זיי אַליין זענען אומפּערפעקט.

די ייִדישע תּורה זאָגט בפירוש, אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָ־רן אין גאָטס געשטאַלט און דערפאַר שטרעבט ער צו העכערע פאָרמען.

אין העלעניזם איז געווען אַ שאַרפער אינדיווידואַליזם אויך אין דער טעאָלאָגיע. יעדער גאָט איז געווען פאַר זיך, פּונקט ווי יעדער מענטש פאַר זיך. דער הויפּטגאָט איז געווען נאָר אַ פאָרמאַליטעט, אָן מאַכט און אוודאי אָן אויבערמאַכט.

דער יודאַיִזם האָט געהאַט איין גאָט פאַר אַלע און פאַר אַלץ. די נביי־אים האָבן געברענגט גאָטס וואָרט צו די מענטשן און דער תּהילים האָט געבראַכט לויב און טענות צו גאָט פון די מענטשן. אין דער ייִדישער טעאָלאָגיע טרעטן אויף כּלל־מאָטיוון. ערשט שפּעטער אַנטוויקלט זיך די אינדיווידואַליסטישע אחריות, אָבער אַלץ אין די ראַמען פון כּלל.

דער פאַטאַליזם ביַי די גריכן האָט געבראַכט מיט זיך די פּאַסיווי־טעט אין דער מאָראַל, אין דער עטיק. דער פאַטום איז איבער אַלעם. אַפּי־לו די געטער זענען אונטערגעוואָרפן דעם גורל און קענען אים נישט ענדערן. גענוג צו דערמאָנען דעם טראַגישן פאַרלויף פון די פּאַסירונ־גען אין דער „אָרעסטעיע" פון אייסכילאָס, און „קעניג עדיפּוס" פון סאָ־פאָקלעס געשטיצט אויף די גריכישע מיטן — צו זען, אַז קיינער קען נישט אויסמיַידן דעם בלינדן גורל. דערביַי איז נישט וויכטיק די עטיש־מאָ־

ראַלישע אינעווייניקייט פון מענטש, נאָר די באַשטימונג פון פאַטום.

דער יודאַיִזם האָט אין זײַן יסוד דאָס געזעץ וועגן בחירה. דער מענטש קלייבט זיך אַליין אויס זײַן וועג. אַפילו מיט גאָט איז אַ פרײַ־וויליקער בונד (ברית), וואָס ווערט כסדר באַנײַט. דער מענטש קען אַק־טיוו אָנטיילנעמען אין גראַנגל צווישן גוטס און שלעכטס דורך טאָן מצוות אָדער עבירות. איוב קען צווייפלען אין גאָטס גערעכטיקייט, אָבער נישט אין זײַן אַלמעכטיקייט און זײַנע טענות זענען צו ענדערן די באַ־שטימונגען, ווײַל גאָט — גלייבט ער — קאָן ענדערן. אַזאַ ענדערונג פון גאָטס פסק־דין, וואָס קומט אַלס שטראָף אָדער לוין פאַר די מעשים פון מענטש, קאָן קומען ווען דער מענטש האָט חרטה אויף זײַנע מעשים, ער טוט תשובה. פאַראַן דאָ דער עטישער פרינציפּ, וואָס איז העכער פון אַלעמען און וואָס לויט אים פירט זיך גאָט. קיין פאָרויס־באַשטימונג איז נישטאָ נישט פאַרן מענטש, און אוודאי נישט פאַרן אַלמעכטיקן גאָט.

וואָס שייך דער קאָסמאָגאָניע האָט די העלענישע פילאָסאָפיע לרוב אָנגענומען אַלס יסוד פון דער וועלט פיל עלעמענטן. עמפּידאָקלעס האָט גערעדט וועגן פיר עלעמענטן: פײַער, וואַסער, ערד און לופט. אַריס־טאָטעלעס איז געווען אַן אָנהענגער פון דואַליזם — מאַטעריע און פאָרם. דאָס זענען געווען די הערשנדיקע פילאָסאָפישע אײַנשטעלונגען. בלויז אייניקע דענקער זענען געווען מאָניסטן: טאַלעס פון מילעט (וואַסער אַלס איינציקער עלעמענט, „אַלץ פליסט"), אַנאַקסימאַנדער (פאַראַן אַזאַ אורשטאָף „אַפּעיראָן"), אַנאַקסימענעס (לופט) און דעמאָקריט (אַטאָם).

דער יודאַיִזם שטייט אויפן יסוד פון מאָניזם. גאָט איז אין אַלע דער־שײַנונגען. ער איז דער אורקוואַל, דער באַשאַף, דער וועלט־סדר, דער צוועק, די אידעע און די מאַטעריע. אַלץ שטאַמט פון גאָט.

בנוגע דעם גאַנג פון דער וועלט האָט דער העלעניזם געהאַלטן פון פעסימיזם, אַז די וועלט גייט פון כאַאָס צו כאַאָס (אַנאַקסימאַנדער). אַריס־טאָטעלעס האָט געזאָגט, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן פון דעם „ער־שטן באַוועגער", וואָס רוט הײַנט אין זײַן מאַיעסטעטישער אייביקער אומבאַוועגלעכקייט. דאָס הייסט — אָפּגעטאָן זײַנס און אַוועק. קיין שום אײַנגערעניש נישט אין סדר פון דער וועלט, פונקט ווי עפּיקור האָט נעגירט די אײַנגערעניש פון דער גאָטהייט אין לעבן פון מענטש. אַריסטאָ־

טעלעס האָט געהאַלטן, אַז די וועלט איז פּונקט אַזוי אין־סוף׳יק אין פּרט פון צײַט ווי איר „ערשטער באַוועגער״.

דער יודאַיִזם האָט געהאַט אַן אָפּטימיסטישע אײַנשטעלונג. די וועלט איז געווען כאַאָס, אָבער גאָט האָט אַרויסגעפירט די וועלט פון תוהו־ובוהו, באַשאַפן דאָס און יענץ, געזען, אַז עס איז גוט, כּי־טוב, און ווײַטער געשאַפן. די וועלט גייט צו שלימות, וואָס איז שוין אָפּהענגיק פון די מעשים פון מענטש. פאַראַן אַ באַשטימטער באַשאַפער, וואָס איז תּמיד אַקטיוו און האָט תּמיד די השגחה סײַ אויפן וועלטבאַשאַף, סײַ אויפן מענטש, כאָטש ער האָט אים איבערגעלאָזן דעם פרײַען ווילן. גאָט בלײַבט שטענדיק דער ריכטער פון מענטשנס מעשים און קאָרעגירט זײַן באַשאַף. אין דעם איז פאַראַן אַן עטישער פּרינציפּ, וואָס פעלט לרוב אין דער גריכישער קאָסמאָגאָניע.

פאַראַן אויך אין תּנך ווערק פון פּעסימיזם. זיי דריקן אויס די טענה צו גאָט פאַרן אומיושר (איוב, ירמיהו, תּהילים), אָבער זיי זעען נישט קיין כאַאָס, קיין בלינדן גורל. פאַרקערט, זייערע טענות זענען פול מיט גלויבן, אַז גאָט קען און דאַרף ענדערן די שלעכטע באַדינגונגען.

וועגן פּראָבלעם שכר־ועונש און יענע וועלט האָבן די גריכן געהאַט אַ גאָר מטושטשע פאָרשטעלונג וועגן „לאַנד פון די שאָטנס״, ווו די טויטע גייען אַריבער דעם סטיקס, דעם טײַך פון פאַרגעסן, און אַלע זענען גלײַך, די גוטע ווי די שלעכטע. עס איז נישטאָ קיין באַלוינונג אָדער שטראָף פאַר די אָפּגעטוענע מעשים.

בײַ יידן איז געווען אַן אויסגעאַרבעטער סיסטעם פון שכר־ועונש, צו ערשט אויף דער וועלט, און שפּעטער — ווען די רעאַליטעט איז געווען קאָנטראַדיקט מיט די שטרעבונגען — אויף יענער וועלט. גאָט איז דער העכסטער ריכטער און זײַן משפּט איז גערעכט. ערשט פיל שפּעטער האָט זיך אויסגעבילדעט די פאָרשטעלונג וועגן אַ פמליא של מעלה. דאָס לעצטע איז אַ באַווײַז פון דער לעבעדיקייט און עוואָלוציע פון דער יידישער טעאָלאָגיע.

די גאַנצע גריכישע פילאָסאָפיע ביז סאָקראַטעסן איז געווען אַ לערע נאָר וועגן קאָסמאָגאָניע. ערשט סאָקראַטעס האָט פילאָסאָפירט וועגן

די פאַרהעלטענישן צווישן מענטשן און... באַצאָלט מיטן לעבן. ער האָט געזאָגט, אַז „אמת און גוטסקייט״ איז העכער פון שיינקייטקולט.

חוץ איין פרשה אין בראשית, ווו עס רעדט זיך וועגן קאָסמאָגאָניע, איז דער תּנך אַ בוך פון געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, סאָציאַלער גע־זעצגעבונג, מיט איין וואָרט אַ סאָציאַלע פילאָסאָפיע.

די נישט־ייִדישע וועלט וויל זען דעם אונטערשייד נאָר אין דעם וואָס העלעניזם איז קולט פון שיינקייט, פון פאָרם, פון חושים, פון געָנוס, וואָס שטאַמט פון אַ הויכן לעבנסניוואָ. דער יודאַיִזם האָט ווידער די אי־דעען פון מאָראַל און גערעכטיקייט, ווײַל ייִדן זענען געווען אַ פרײַ, אָרעם פויערים־פאָלק. עסטעטיזם קעגן עטיק.

די ייִדישע טראַדיציע האָט געזען אין העלעניזם אויסגעלאַסנקייט, געשלעכטלעכע פּערווערסיע און אין יודאַיִזם סעקסועלע ריינקייט, וואָס איז אגב געווען די סיבה פון דער שטאַרקער פאַרמערונג.

די אַנטילאָגיע ירושלים — אַטען קען מען אַזוי קורץ פאָרמולירן:

טעאָקראַטיע קעגן וועלטלעכער דעמאָקראַטיע, באַזירט אויפן אַריס־טאָקראַטישן פּרינציפּ (ד״ה, אַז נישט אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג געניסן פון דער דעמאָקראַטיע). דער פרײַער פויער קעגן שקלאַפן־סיס־טעם. אַבסאָלוטער און אַבסטראַקטער מאָנאָטעיִזם קעגן פּאָליטעיִזם, געצנ־דינערײַ מיט ערדישע ליידנשאַפטן. זיטלעכקייט קעגן פרײַקייט פון מי־דות. גאָט איבער דער נאַטור קעגן געטער לויט און מיט דער נאַטור. דער רעליגיעז־מאָראַלישער געזעץ־חוב קעגן לעבן צוליבן געניסן. גײַס־טיקע פולקאָמענהייט קעגן פילאָסאָפיע צו באַרײַכערן דאָס לעבן. עטיק און מאָראַל קעגן עסטעטיזם און שיינקייטקולט. די קדושה פון לעבן, די מאָראַלישע דאָגמע קעגן נעגאַציע פון זײַן און צעלאָזנקייט. בוכמענטשן, עם הספר קעגן סאָפיסטן. האַרמאָניע פון לעבן און אָפּטימיזם קעגן טראַ־געדיע און פעסימיזם. שלימות פון דעם וועלטבאַשאַף קעגן כאַאָס. אינ־האַלט קעגן פאָרם.

די ייִדן האָבן אַרויסגעשטעלט די ווערטן פון די אָנגעזאַמלטע קול־טור־אוצרות און זייער סאָציאַלן אינהאַלט, זייער עטישן יסוד מיטן גע־זעלשאַפטלעכן אויסקלאַנג קעגן גריכישן עסטעטיזם מיט זײַן עגאָאיִסטישן אינדיווידואַליזם. די גריכישע טעאָלאָגיע און סינקרעטיזם זענען געווען

אַ מיטל צו וועלט־עקספּאַנסיע און צו קאָסמאָפּאָליטיזם. בײַ ייִדן איז רעליגיע געווען אַ נאַציאָנאַל־שאַפנדיקער און קאָנסאָלידירנדיקער פאַק־טאָר און גלײַכצײַטיק אַן אינערלעכע באַדערפעניש.

אַזוי קען מען פירן אַ לאַנגע ליסטע וועגן יעדער דערשײַנונג פון לעבן, ווו עס זענען געשטאַנען קעגן זיך צוויי וועלטן.

פון דעסטוועגן געפינען מיר אויך באַרירפּונקטן. עס איז נישט קיין וווּנדער. די גריכישע פילאָסאָפיע איז געווען אַזוי רײַך אין פאַרשידענע שטאַנדפּונקטן און אויסגאַנגפּונקטן, אַז עס האָבן געמוזט אויך זײַן באַ־ריר־ליניעס.

ווער האָט פון וועמען גענומען? די אַלעקסאַנדרינער ייִדישע אַפּאָ־לאָגעטן האָבן געטענהט, אַז די פעלקער האָבן אַלץ גענומען בײַ אונדז. גיכער איז אָנצונעמען, אַז עס איז געווען פאַרקערט. דער אמת איז, אַז צו טייל געדאַנקען זענען געקומען גלײַכצײַטיק און אומאָפּהענגיק סײַ די ייִדישע געלערנטע, סײַ די גריכישע פילאָסאָפן, נישט קענענדיק זיך אַפּי־לו. דאָס, וואָס די ייִדן האָבן יאָ גענומען דירעקט פון די גריכן, האָבן זיי עס אַזוי באַאַרבעט און פאַראייגנט אין ייִדישן גײַסט, אַז פון העלעניזם איז געבליבן נאָר די אויסערלעכע פאָרם, ווי עס איז געשען מיט שיר השירים א״א.

אין דער פילאָסאָפיע איז פּלאַטאָנס לערע וועגן דער אומשטערב־לעכקייט פון דער נשמה, ווי אויך די לערע פון פריִערדיקן פילאָסאָף און מאַטעמאַטיקער פּיטאַגאָראַס וועגן גלגול־הנשמות נאָענט געווען דעם יו־דאַיִזם פון דער צײַט פון בית־שני, כאָטש די ייִדן זענען אַליין געקומען צום דאָזיקן אויספיר.

אַנאַקסימאַנדערס לערע, אַז דער געדאַנק איז אָפּגעטיילט פון די חו־שים, דער א.ג. אידעאַליזם, האָט אַ באַרירפּונקט מיטן יודאַיִזם, וואָס איז ווידער גאַנץ אַליין געקומען צו דער מסקנא. פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס זענען געווען נאָענט צום מאָנאָטעיִזם. קסענאָפאַנעס האָט געהאַט „ייִדישע" אָנשויונגען. ער האָט גערעדט וועגן איין וועזן, וואָס פירט שכלדיק אָן מיט דער וועלט. ווער דערמאָנט קסענאָפאַנעסן? סײַ ער, סײַ סאָקראַ־טעס, און אַפילו דער גרויסער אַריסטאָטעלעס, האָבן באַקומען זייער פּר־סום שפּעטער.

געווינלעך זאָגט מען, אַז דער פילאָסאָפישער געדאַנק ביַי ייִדן איז נישט געווען צו רייַך, נישט ווי געהעריק אַנטוויקלט. דאָס איז אויף אַזוי פיל ריכטיק אויף וויפל עס זענען דאָ ווייניק טראַקטאַטן וועגן פילאָסאָפישע פּראָבלעמען. די ייִדן האָבן זייער קאָסמאָגאָניע אַריַינגענומען אין קורצע בילדלעכע זאַצן. חוץ דעם איז אין מהות פון דער ייִדישער קאָסמאָגאָניע געווען די אַלמעכטיקייט און אייביקייט פון גאָט און דעריבער איז נישט געווען קיין פעלד פון חקירה און ספּעקולאַציעס. די גריכישע פילאָסאָפיע איז אין איר מערהייַט ווערק אַ חקירה וועגן קאָסמאָגאָניע.

וואָס שייך סאָציאַלע פּראָבלעמען איז דער תּנך מיט זייַן אָנגעזאַמלטער לעבנס־דערפאַרונג, אויסגעדריקט סיַי אין דער אגדה, סיַי אין געזעצגעבערישן טייל, די גרעסטע פּראָגרעסיווסטע פילאָסאָפיע אין דער וועלט־געשיכטע. מיר האָבן דאָ סיַי די ספּעקולאַטיווע זייַט וועגן די פּראָבלעמען פון גאָט, פאָלק און מענטש, ווי אויך די פּראַקטישע זייַט פון אָט די פילאָסאָפישע אויספירן.

פילאָסאָפיע איז נישט קיין בוך, קיין סיסטעם אַפילו, נאָר אַ באַטראַכטונג וועגן דער עקסיסטענץ, וועגן לעבן, ווי אויך פון וועלטבאַשאַף, פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און פון יחיד. אַלץ, וואָס וויל דערקלערן די דערשייַנונגען פון לעבן, פון דער עקסיסטענץ, וואָס איז כולל אַלע דערפאַרונגען און מעגלעכקייטן — איז פילאָסאָפיע, די „לערע איבער לערעס״.

די ייִדישע פילאָסאָפיע אין אַלטן אָריענט, וואָס איז איַינגעזאַמלט אין תּנך, איז נישט בלויז דער סימן פון דער אייגנאַרט פון די ייִדן, פון זייער הויכער מאָראַל און עטיק, נאָר עס איז אַ פילאָסאָפיע פון לעבן פאַר דער געזעלשאַפט און פאַרן יחיד.

הגם דער העלעניזם און די העלעניסטישע וועלט האָבן געגעבן מער פריַיהייט פון דענקען, און אַנטוויקלט די מעטאַדיק און די לאָגיק, האָט אויפן מענטשלעכן געדאַנק און אַנטוויקלונג דער יודאַיזם געהאַט אַ מער וועזנטלעכע השפעה אין אייניקע פראַגן.

ערשטנס — דאָס שטעלן דעם אַקצענט אויפן אינהאַלט, אויפן וואָרט. די עוואַנגעליע פון יוחנן הייבט זיך אָן: אין אָנהייב איז געווען דאָס וואָרט. דערביַי איז אַ סך געמינערט געוואָרן פון אַפּאָטעאָז פון שיינקייט און דעם

עסטעטיזם איז אויסגעקומען צו שפּילן אַ צווייטראַנגיקע ראָל אין לעבן.

צווייטנס איז פאָרגעקומען אַ פּראָצעס פון זוכן צו אַנטפּלעקן די געזעצן פון דער וועלט, צו געפינען די האַרמאָניע פון דער באַשאַפונג. אמת, אויך די גריכן האָבן געזוכט די געזעצן פון דער וועלט, אָבער דער געדאַנק וועגן אייביקן פאַטום האָט באַגרענעצט זייער האָריזאָנט. דאָס אָנערקענען די האַרמאָניע און צוועקמעסיקייט פון וועלטבאַשאַף — איז געווען אַ גאָר פּראָגרעסיווער שריט אין דער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן געדאַנק.

דריטנס האָט זיך אָנגענומען — אָפט אין אַ ביסל פאַרמינערטער און פאַרקריפּלטער פאָרם — דער ייִדישער געדאַנק וועגן בחירה. דער פרייַער אויסוואַל האָט געבראַכט צום פרייַען געדאַנק. אָן בחירה איז דער צדיק גלייַך דעם רשע. דער פרייַער אויסוואַל פון טאַט, דער פרייַער ווילן פון מענטש איז דער באַוועגער פון פּראָגרעסיון. די מענטשהייט איז געוואָרן פאַרשעריש און אָפּטימיסטיש געשטימט. אויב נישט דער בלינדער גורל באַשטימט, נאָר דער מענטש אַליין — איז דער מענטש דער מקור און דער אויספירער פון אַלע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען.

אין די דרייַ פּונקטן איז געלעגן די אינערלעכע קראַפט, וואָס האָט די וועלט געגעבן אַ שטויס פאָרויס אויף אַלע געביטן. אויסערלעך האָט, פאַרשטייט זיך, געווירקט אַ סך דער העלעניסטישער פּוץ און גלאַנץ פון דרויסן, די פעיִקייט צו געבן פאָרמען און פאָרמולעס.

דער העלעניזם האָט געגעבן אַ סך גלאַנץ, אָבער נישט קיין עטיק און מאָראַל. די גריכישע פילאָסאָפיע איז געפלויגן הויך. די ייִדישע תּורה האָט געזוכט וועגן דער מענטש זאָל קענען לעבן און זיך אַנטוויקלען, שטרעבן צו געטלעכער שלימות. עס זעט אויס ווי אַ פּאַראַדאָקס, אַז גראָד די ייִדישע וועלטבאַנעמונג, וואָס האָט אַלץ געמאַכט אָפּהענגיק פון יענער וועלט און פון גאָט אין די הימלען, איז געווען אַ לערע פון לעבן אויף דער ערד. דווקא די פרייַלעכע, לוסטיקע לערע פון די גריכן, וואָס האָט געפּרייַדיקט געניסן פון לעבן וויפל מען קען נאָר, האָט אין טיפערן זין, אין אינטעלעקטואַלן געדאַנק, אָפּגעריסן דעם מענטש פון דער ערד און פון די פּראָבלעמען פון שייכותן צווישן מענטש און מענטש, געווען אַ לערע נישט פון רעאַלן לעבן.

דאָס איז אונדזער בײַשטײַער צו דער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן געדאַנק און אינטעלעקט און דאָס איז אויך געווען די באַזע אויפצובויען אַ גײַסטיקע וואַנט, וואָס זאָל זיך קענען אַנטקעגנשטעלן די שטורמען פון אַלע צײַטן.

ב. אין אַ פרעמדן גוף

די טרעפונג און צוזאַמענשטויס פון העלעניזם און יודאַיִזם האָט זיך אויסגעדריקט אויך אין פּאָגראָמען, וואָס די העלעניזירטע באַפעלקערונג האָט פון צײַט צו צײַט אָרגאַניזירט און אויסגעשאָכטן פיל מענטשן. דאָס איז געווען געווענדעט קעגן ייִדן און זייער מאַטעריעל גוטס, וואָס פלעגט בײַ דער געלעגנהייט גערויבט ווערן. די ייִדן האָבן געשטעלט אַ פאַרבי־סענעם ווידערשטאַנד.

קעגן יודאַיִזם איז געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור, וואָס האָט אַרויסגערופן אַן אָפּווער מצד די ייִדן, וועלכע האָבן אויך מיט דער פעדער געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און אַפילו אָנגעגריפן די יסודות פון העלע־ניסטישן וועלטבאַנעם.

וואָס האָבן די גריכן געוווּסט וועגן דעם קליינעם ייִדישן פאָלק?

אַריסטאָטעלעס האָט געמיינט, אַז ייִדן זענען אַ שבט פילאָסאָפן, איי־ניקלעך פון אינדישע דענקער. העקאַטעוס האָט געגעבן אַ פּאָזיטיווע באַ־שרײַבונג פון ייִדן, הגם ער האָט זיי שוואַך געקענט און זײַנע ידיעות זע־נען זייער קנאַפּע. מאַנעטאָ האָט געשריבן, אַז ייִדן זענען געווען מצורעים און דערפאַר האָט מען זיי אַרויסגעטריבן פון מצרים. די מעשה איז געווען דאַמאָלס אַזוי פּאָפּולער ווי דער שפּעטערדיקער קריסטלעכער בלבול, אַז ייִדן האָבן דערהרגעט ישו הנוצרי.

עס זענען פאַראַן צווייערליי אַסימילאַציעס: אַן אידעיִשע און פון דער מאַטעריעלער קולטור. די ייִדן אין דער דיאַספּאָראַ האָבן איבערגע־נומען די מאַטעריעלע קולטור צוזאַמען מיט דער שפּראַך פון די העלע־נער. לעבנדיק אָפּגעזונדערט פון דער אָרטיקער קאָפּטישער באַפעלקע־רונג אין עגיפּטן האָבן זיי אָבער גערן איבערגענומען אַ סך פון די גע־

בילדעטע גריכן. דאָס זעלבע איז געווען אין די קליינאַזיאַטישע שטעט, ווו די גריכן האָבן געבילדעט דעם מער העכערן שיכט. אין דעם קולטור־קאָנטאַקט פון יודאַיִזם מיטן העלעניזם זענען פאַראַן צוויי פעריאָדן.

דער ערשטער נעמט אַרום די בליצײַט פון די העלעניסטישע מלו־כות, ווען די גריכן האָבן פולשטענדיק זיך אויסגעלעבט פּאָליטיש און עקאָנאָמיש און נישט מורא געהאַט פאַר יִידישער קאָנקורענץ.

דער צווייטער פעריאָד נעמט אַרום די צײַט פון פונאַנדערפאַל פון די העלעניסטישע מלוכות און דעם דעראָבערונגס־צוג פון די רוימער. אין דער דיאַספּאָראַ האָט רוים געשיצט די רעכט פון די יִידן, אויסנוצנ־דיק זיי קעגן די גריכן, וועלכע האָבן אין אָנהייב געפּרווט זיך באַפרײַען פון דער רוימישער אַפּוטרופּסות. באַלד אָבער האָבן זיי דאָס אויפגעגעבן.

ערשט בעת די פאַרביטערטע מלחמות פון יהודה קעגן רוים און נאָכן חורבן־ירושלים ווערט די יִידישע סיטואַציע פאַרערגערט. מיטן פאַרלירן די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט אין יהודה פאַרלירט די דיאַספּאָראַ איר פּאָליטישע וואָג און די רוימער שאַפן אָפּ די אויטאָנאָמע רעכט. דער גלות ווערט זיך, אָבער דער קולטור־ניוואָ און די שאַפונגס־קראַפט פון דער דיאַספּאָראַ פאַלט. דערצו האָט מיטגעהאָלפן דאָס וואָס דאָס קריסטנ־טום האָט אָפּגעריסן לעבעדיקע שטיקער פון אַסימילירטן העלעניזירטן יִידנטום.

אין דעם ערשטן פעריאָד פון פרײַנדלעכע קאָנטאַקטן איז אויפגעקו־מען די פראַגע פון קעגנזײַטיקן באַקענען זיך. גריכן, וועלכע זאָלן קענען העברעיִש און ארמיש, זענען נישט געווען. די יִידן פון עגיפּטן און קליינאַזיע האָבן גערעדט גריכיש און פּאַמעלעך געוומען אָפּגעוווינען זיך פון יִידישן נאַציאָנאַלן לעבן, וואָס האָט זײַן אויסדרוק באַקומען אין הע־ברעיִש און ארמיש.

דאָס איבערזעצן די גרונטווערק פון יודאַיִזם איז געוואָרן אַ נויט־ווענדיקייט סײַ פון באַקענען די נישט־יִידישע וועלט, וואָס האָט נישט פאַרשטאַנען די מאָדנע יִידישע מנהגים, סײַ פאַר די דיאַספּאָראַ־יִידן זיי זאָלן נישט אָפּגעפרעמדט ווערן פולשטענדיק.

דאָס ערשטע האָט מען איבערגעזעצט די תורה, ד״ה נאָר דעם חומש. דאָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ ענטוזיאַזם, אַז מען האָט באַלד איבערגע־

זעצט די נביאים און כתובים, און שפּעטער אויך אַלע ספרים, וואָס זענען דערשינען אין יהודה.

ביים איבערזעצן דעם תנך — די באַרימטע סעפּטואַגינטאַ — האָבן די שרייבער געשטרעבט צו באַזייטיקן אַלע אַנטראָפּאָמאָרפישע ערטער און אויסגעטייטשט זיי סימבאָליש. די איבערזעצונג, הגם זי איז פּינקטלעך, האָט אַ סך טענדענציעזע, אַפּאָלאָגעטישע טייטשן. למשל יהוה צבאות, גאָט פון חילות, האָבן זיי איבערגעזעצט אויף אַלמעכטיקער גאָט. אַנדערע אָפּ־ווייכונגען קענען שטאַמען פון דעם, וואָס זיי האָבן געניצט אַן אַנדערן אָרי־גינאַל, ווי דער, וואָס איז אונדז געבליבן.

די סעפּטואַגינטאַ איז געווען אַ גרויסער קולטור־פאַקטאָר פאַרן אויפ־בלי פון דער ייִדיש־גריכישער ליטעראַטור און פילאָסאָפיע, דער אָנהייב פון אַן אינטענסיווער קולטור־שאַפונג אין גריכיש, צו ערשט דורך איבער־זעצונגען און שפּעטער מיט אָריגינעלע ווערק.

די סעפּטואַגינטאַ, צוזאַמען מיט די אַנדערע ייִדיש־גריכישע שאַפונגען, האָבן אויך אָפּגעשפּילט אַן אומגעהויערע ראָל אין דער קולטור־אַנטוויק־לונג אין אַלטערטום, פון קריסטנטום און דערמיט פון דער גאַנצער אייראָ־פּעיִשער קולטור.

אַ טייל פון דער ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן אין יהודה פאַרן חורבן, איז צו אונדז דערגאַנגען נאָר אין דער גריכישער איבערזעצונג. אַזוי האָבן מיר דאָס שוין דערמאָנטע „משלי בן־סירא" און דאָס ערשטע „חשמונאים־בוך", דער „ספר חנוך", „שלמהס פּסאַלמען" און אַנדערע אַפּאָקריפן.

אין צווייטן פעריאָד זענען די ייִדן געצוווּנגען געוואָרן זיך צו פאַרטיי־דיקן קעגן די אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן און אויך אָנגרייפן דעם געצנדינע־רישן קעגנער.

די פּאָליטישע לאַגע ווערט פאַרוואָלקנט. רוים מאַכט דורך אינערלעכע קריזיסן. אירע לעגאַטן און פּראָקוראַטאָרן פירן זיך אויף ווי זעלבשטענדיקע הערשער, נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס זיי ווייסן, אַז זייער פּערזענלע־כע הערשאַפט איז קורצדויערנדיק. דעריבער באַמיִען זיי זיך אויסצופּרעסן וואָס מער פון זייערע אונטערגעאָרדנטע. דער קיסר טיבעריוס האָט וועגן זיי געזאָגט: „מען דאַרף נישט אָוועקטרייבן פון אַ פאַרוווּנדיקטן די פליגן, וואָס האָבן זיך שוין אָנגעזעטיקט מיט זיין בלוט. אַנדערש וועלן קומען נייע

הונגעריקע פליגן, וואָס וועלן אויסזייגן די לעצטע טראָפּנס בלוט". שווערע שטײַערן, אויפשטאַנדן, מלחמות, פּאָגראָמען אין די שטעט מיט אַ געמיש־טער באַפעלקערונג — דאָס אַלץ האָט חרוב געמאַכט דאָס לעבן פון פשוטן מענטש, געמאַכט אומזיכער זײַן לאַגע און געטריבן אים צו פאַרשידענע לייזונגען, וואָס האָבן אים צוגעזאָגט אַ סך, אָבער נישט געבראַכט קיין גליק און שלווה.

די ייִדן אין יהודה גופא זענען געווען פאַרנומען מיטן קאַמף צווישן די פאַרטייען, מיטן פאַרטיידיקן די נאַציאָנאַלע יסודות, וואָס יעדע פאַרטיי האָט געהאַט אַן אַנדערע לייזונג צו דעם. אין יהודה האָט מען באַטראַכט די איבערזעצונגען פון די הייליקע ספרים אין גריכיש און אויך די פילאָ־סאָפישע שריפטן פון די דיאַספּאָראַ־ייִדן ווי אַן אַנטי־נאַציאָנאַלע זאַך. מיט אַנערקענונג האָט מען אָנגענומען נאָר די פאַרטיידיקונגס־שריפטן, אָבער אויך ווי אַ נייטיקע צײַטווײַליקע זאַך.

אין יהודה — אין די קרײַזן פון די תנאים און פּרושים — גייט אָן דער וויכּוח וועגן דערנעענטערן זיך אָדער אָפּזונדערן זיך פון געצנדינערישן אַרום. אייניקע מיינען, אַז עס דראָט נישט רעליגיעז די געפאַר, אַז געצנ־דינערײַ זאָל קענען קאָנקורירן מיטן יודאַיזם. די מורא איז גיכער אין שטײַ־גער לעבן. גמליאל דער ערשטער, פון הלל הויז, האָט געהאַלטן און פאַר־אָרדנט צוצולאָזן די געצנדינערישע שכנים־אָרעמעלײַט צו דער סאָציאַלער הילף פון דער תורה און דערלויבן זייערע אָרעמע, אלמנות און יתומים צו געניסן פון שכחה, פאה, לקט א"א. ער האָט געהייסן העלפן געצנדינערישע קראַנקע, טרייסטן זייערע אבלים און זיי בכלל גלײַך באַהאַנדלען ווי ייִדן. ער האָט דאָס מאָטיווירט מיט דעם, אַז מען דאַרף עס טאָן מפּני דרכי שלום. ער איז אויך געווען פאַר פרײַנדלעכע באַציונגען מיט רוים, מיט דער פּאָ־ליטישער אויסערלעכער מאַכט.

זײַן זון שמעון איז שוין געצווונגען צו ענדערן די אײַנשטעלונג. נאָכן אויפשטאַנד קעגן רוים איז געוואַקסן די אויפגעהעצטע שנאה פון דער נישט־ייִדישער באַפעלקערונג. עס איז געקומען דער פאַרראַט און דאָס אַנטלויפן פון ייִדנטום פון די העלעניזירטע אַריסטאָקראַטן — דאָס אַלץ ברענגט מיט זיך אַ טענדענץ אָפּצוזונדערן זיך. שמעון גיט אַרויס אַכצן תקנות גראָד אין גײַסט פון בית־שמאי: נישט לערנען די שפּראַך פון די געצנדינער, נישט

נעמען פון זיי קיין מתנות פאַר יִדיש־הייליקע צוועקן, נישט קויפן קיין ברויט, אייל, וויַין וכדומה ביַי געצנדינער.

די דיאַספּאָראַ קוקט זיך צו מיט אומרו סיַי צו די פּאָליטישע אַנטוויק־לונגען, סיַי צו די גיַיסטיקע געשעענישן אין יהודה. זייער נאַציאָנאַלער גורל איז געווען ענג פאַרבונדן מיט יהודה. דער חורבן פון בית־המקדש אין ירושלים האָט געבראַכט צו דער ליקווידאַציע פון חוניו־טעמפּל אין מצ־רים. דאָס פאַרלירן די זעלבשטענדיקייט פון יהודה איז געווען גליַיכציַיטיק אַ פאַרלירן פון די אויטאָנאָמע רעכט פון דער דיאַספּאָראַ.

אָבער פּונקט ווי אין אַנבליק פון די סכּנות האָבן די יהודה׳ער נישט אָפּגעשוואַכט זייער גיַיסטיקע טעטיקייט, האָבן אויך די דיאַספּאָראַ־יִדן נישט אָפּגעשטעלט זיך אין זייער שעפערישער טעטיקייט. דעם יִדישן גיַיסט האָט מען נישט געקענט פאַרניכטן מיט אויסערלעכע מיטלען. נאָר די סע־צעסיע אינעווייניק פון קריסטנטום האָט אָפּגעשטעלט די שאַפונגס־פעיִקייט פון העלעניזירטן טייל פון דער דיאַספּאָראַ. דאָרט, וווּ דער העלעניזם האָט נישט דערגרייכט און גריכיש איז נישט געווען די מוטערשפּראַך פון יִדן האָט די יִדישע שעפערישקייט זיך פאַרגרעסערט און פאַרטיפערט. נאָר אין אייגענע נאַציאָנאַלע ראַמען האָט יצירה אַ כּוח.

די יִדיש־העלענישע ליטעראַטור האָט פון דעסטוועגן — די איבער־זעצונגען און די אָריגינעלע שאַפונג צוזאַמען — געהאַט אַ גרויסע באַטיַי־טונג פאַרן איַינהאַלטן אַ טייל פון דער דיאַספּאָראַ ביַים יִדנטום. באַקענענ־דיק זיך מיט די ווערטן פון יִדישן פאָלק זענען זיי געווען דורכגעדרונגען מיטן געפיל פון דער אייגענער העכערקייט. נאָר דאָס קריסטנטום, וואָס האָט זיך אָנגעגעבן אַלס יִדישע סעקטע, האָט געקאָנט זיי אָוועקרײַסן פון יִדישן שטאַם. לגבי דער געצנדינעריַי האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ ווידערשטאַנד.

בכלל זענען די יִדן געווען דאָס אייגציקע פאָלק אין דער גאַנצער רוי־מישער אימפּעריע, וואָס האָט נישט אָנגענומען דעם קיסר־קולט. אַפילו גרויסע דענקער פון יענער ציַיט האָבן מיטגעמאַכט די נאַרישע שפּיל.

דער שטאָלץ פון די העלעניזירטע יִדן קומט צום אויסדרוק אין זייערע ווערק. געשריבן האָט מען לויטן מנהג פון דער ציַיט צושריַיבנדיק די ווערק גרויסע מענטשן פון דער פאַרגאַנגענהיַיט. אַזוי האָבן מיר ווערק פון אַ פּסיי־דאָ־העקאַטעוס, אַ פּסיידאָ־פאָקילידעס. מיר האָבן ווערק, וואָס עס זאָלן האָבן

כּלומרשט געשריבן אָרפעוס און סאָפאָקלעס, אָדער די באַרימטע סיביליען.

לויטן אינהאַלט טיילן זיי זיך אויף ווערק געווענדעט צו דער נישט־ייִדישער וועלט און ביכער, וואָס דאַרפן ווירקן אויף די העלעניזירטע ייִדן און פּראָזעליטן.

צו יענער צײַט זענען געווען אַ סך פּראָזעליטן. ווייניק פון זיי זענען געוואָרן פולשטענדיקע ייִדן, שומרי־מצוות. דער גרעסטער טייל האָט „סימ־פּאַטיזירט", געקומען אין די ייִדישע בתּי־תּפילות, אָפּגעהיט נאָר אַ טייל דינים. די האַלב־און פערטל־גרים האָבן געדראָט צו „פּאַרוואַסערן" דעם יודאַיִזם. דער תּלמוד שפּעטער וואָרנט דעריבער: „גרים זענען שווער פאַר ייִדן ווי אַ געשוויר" (יבמות מו׳). דאָס קריסטנטום האָט צוזאַמען מיט די העלעניזירטע ייִדן אויך צוגענומען די אַלע גרים.

לויט דער פאָרם האָבן מיר אין די ווערק אַלערליי ליטעראַרישע פאָר־מען. זיי באַנוצן זיך מיט סימבאָליזם, אַלעגאָריזם און זייער ציל איז אַן אַפּאָ־לאָגעטישער, סײַ לגבי חוץ, סײַ לגבי די אינערלעכע קרײַזן, וואָס ווערן צע־פרעסן פון דער אַסימילאַציע.

דעם קאַמף פאַר דער אַפּאָלאָגעטיק פון ייִדנטום האָבן אויפגענומען דווקא די העלעניזירטע ייִדן צוליב אַ ריי סיבות.

ערשטנס זענען די געלערנטע פון יהודה געווען איזאָלירט, ווײַט פון די שטאַרקע העלעניסטישע שטראָמען. דער אויסנאַם פון יוסף בן מתּתיהו איז נאָר אַ באַשטעטיקונג. די שכנישע גריכן פון קליינאַזיע זענען געווען אויסגעמישט מיט די אָרטיקע און במילא אויך קולטורעל נידעריקער ווי זייערע ייִדישע שכנים.

צווייטנס איז אין דער צײַט פון גרויסן פרײַהײַטסקאַמף פון ייִדישן פאָלק נישט געווען קיין אָרט און קיין באַדינגונגען פאַר אַ דיאַלאָג מיט דער העלעניזירטער אימפּעריע. די אידעאָלאָגישע קעגנערשאַפט האָט זיך צוזאַ־מענגעגאָסן מיט די פּאָליטיש־סאָציאַלע, מיט די נאַציאָנאַל־געאָגראַפישע קעגנזאַצן. אַפילו די לאָיאַלע תּנאים זענען אידעיִש געווען פרעמד און ווײַט.

דריטנס האָבן די אַפּאָלאָגעטיק געדאַרפט האָבן די ייִדן אין דער דיאַס־פּאָראָ אין זייער טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר עקסיסטענץ אויפן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן געביט.

איבעריקנס האָבן נאָר די העלעניזירטע ייִדן געקענט אויפהויבן דעם

קאַמף צוליב זייער קעגנטשאַפֿט פֿון גריכיש (פֿלאַוויוסעס גריכיש איז נישט געווען אַזוי גוט) און פֿון דער מענטאַליטעט פֿון די העלעניזירטע פֿעלקער אַרום.

די ייִדיש־העלענישע ליטעראַטור האָט געשטרעבט צו זײַן ייִדיש לויטן אינהאַלט און ציל, און העלעניש לויט דער פֿאָרם און שפּראַך.

צו די וויכטיקסטע אַפּאָלאָגעטישע ווערק געהערן „אַריסטעאַס בריוו” און די ביכער א.ג. „חשמונאים־בוך”. איין חשמונאים־בוך האָט געשריבן יאַ־סאָן פֿון קירעניקע און ער דערציילט וועגן די מלחמות פֿון יהודה המכּבי. אַנ־דערע טיילן דערציילן וועגן ייִדן־רדיפֿות סײַ אין פּטאָלאָמעיִשן מצרים, סײַ בײַ אַנטיוכוס עפּיפֿאַנעס. אין „חשמונאים ד׳” איז גאָר פֿאַראַן אַ טראַקטאַט וועגן „הערשאַפֿט פֿון שכל איבער ליידנשאַפֿטן”, אַ סטאָיִש ווערק, וואָס אויפֿן בײַשפּיל פֿון מסירת־נפֿש אין דער צײַט פֿון די מכּבי׳ער ווײַזט מען די הע־כערקייט פֿון געדאַנק איבער די אינסטינקטן. הגם דער מחבר איז אין זײַנע אויספֿירן אַ פּרושי, דאָך איז זײַן באַגרינדונג אַ העלעניסטיש־אוניווערסאַלע. ווי די גאַנצע העלעניסטישע ליטעראַטור רופֿט ער נישט אָפּצוזונדערן זיך נאַציאָנאַל, נאָר צו דערציען אַלע אין גײַסט פֿון דער זיטלעכקייט פֿון דער תּורה.

אַ גרויס ווערק איז „שלמה׳ס חכמה”, געשריבן הונדערט יאָר פֿאַר פֿי־לאָנען. דאָס בוך איז געשריבן פֿאַר די העלעניזירטע ייִדן און עס טרעט אַרויס קעגן אַסימילאַציע. דער מחבר אַטאַקירט דעם עפּיקורעיִזם און ווײַזט אָן אויף זײַן קלאַסן־כאַראַקטער. לויט אים רופֿן די עפּיקורייער צו געניסן פֿון לעבן און זעען גאָרנישט וואָס עס קומט פֿאַר אין לעבן: „לאָמיר דריקן דעם אָרעמען, דעם גערעכטיקן, לאָמיר נישט שוינען קיין אַלמנות און נישט נתפּעל ווערן פֿאַר די גרויע האָר פֿון אַ זקן. אונדזער קראַפֿט איז די מאָס פֿון אונדזער יושר, ווײַל אַלץ, וואָס עס איז שוואַך, איז גאָרנישט ווערט” — רופֿט אויס סאַרקאַסטיש דער מחבר.

אין די פּלאָמיקע רייד הערט זיך אָן אָפּקלאַנג פֿון די סאָציאַלע נבֿי־אים. דער מחבר איז אַ סטאָיִקער און ער פּראָפּאַגירט די לערע פֿון אומ־שטערבלעכקייט פֿון דער נשמה (השארת־הנפֿש) און שכר־ועונש אויף יענ־נער וועלט. יסורים זענען אַ צײַטווײַליקער נסיון פֿאַר די צדיקים. ער גלויבט אין תּחית־המתים, אָבער נישט אין בוכשטעבלעכן זין, נאָר אין דער אייבי־

קייט פון דער אידעע. דאָ שפּירן מיר איינפלוסן פון פּלאַטאָנס דואַליזם פון גוף און נשמה, מאַטעריע און אידעע. דאָס פאָלק ישראל איז אויסדערוויילט אַלס היסטאָרישער טיפּ פון אַ מיסיאָן־פאָלק צווישן די געצנדינער.

ער פּאָלעמיזירט אויך מיט דעם עפּיקורעיזם פון „קהלת". ער באַנוצט זיך מיטן געדאַנק וועגן דער אומשטערבלעכקייט און דאָס גיט אים אַ מעג־לעכקייט צו געפינען דעם קעגן־אַרגומענט. ער שטרייכט אונטער דעם עטיש־מאָנאָטעיִסטישן יסוד פון יודאַיִזם קעגן געצנדינערישן קולט פון דער נאַ־טור.

צו די אַפּאָלאָגעטישע ווערק געהערן די וויזיעס און נביאות פון דער היידנישער נביאה סיבילאַ. דאַן קומען דער דיכטער פילאָן (וועגן ירושלים), דער דראַמאַטורג יחזקאל מיט זיין פּיעסע וועגן יציאת־מצרים, דער פי־לאָסאָף אַריסטאָבול און די געשיכטע־שרייבער דעמעטריוס, איפּאָלימוס און אַרטאַפּאַנוס.

מען דאַרף אויך צורעכענען צו די יידיש־העלעניסטישע אַפּאָלאָגעטי־שע שריפטן דאָס בוך „אַנטי־אַפּיאָן" פון יהודה־ער היסטאָריקער יוסף בן מתתיהו — יאָזעפוס פלאַוויוס.

צווישן אַלע יידיש־העלענישע שרייבער צייכנט זיך אויס פילאָן פון אַלעקסאַנדריע, וועלכער האָט געשריבן סיי דאָס אַפּאָלאָגעטישע בוך „אַנ־טי־פלאַקוס" און די „שליחות צו קאַיוס קאַליגולאַ", סיי ווערק פון אַ טיף פילאָסאָפישן באַטייט. ער האָט געזוכט אַ סינטעז צווישן יידישקייט און הע־לעניזם. זיין פילאָסאָפישער מעטאָד איז נישט בלויז אַ גריכישער, נאָר אויך באַזירט אויפן פרושישן מדרש.

זיין פילאָסאָפיע איז, אַז גאָט איז טראַנסצעדענטאַל, טראַנסמונדאַן. מען דאַרף זיך ריכטן מיט נביאישער אינספּיראַציע. פילאָן איז דער פאָטער פון נעאָ־פּלאַטאָניזם און אויך פון דער מיסטיק. ער האָט באַגרינדעט די לערע וועגן לאָגאָס, דעם זעלבשטענדיקן מהות פון וואָרט. דאָס וואָרט פאַרמיטלט צווישן גאָט און וועלט (אָדער מענטש). דער לאָגאָס איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דער גאָטהייט. ביי פּלאַטאָן איז לאָגאָס די „אידעע פון אידעען", דער סכום שאָפערישע קרעפטן. אין תנך איז פאַראַן גאָטס שאָפעריש וואָרט. ביי פילאָנען איז לאָגאָס דאָס געצייג מיט וועלכן גאָט האָט באַשאַפן די וועלט (נאָענט צום תנך). ער האָט דערביי זיך באַנוצט מיט סימבאָליש־ אַלעגאָרישע טער־

מינען ווי „גאָטס ערשט געבוירענער זון". דאָס האָבן שפּעטער די קריסטן אַרײַנגעטײַטשט ווי אַן אָנזאָג אויף ישו הנוצרי.

פילאָן האָט זיך באַמיט צו טײַטשן סימבאָליש־אַלעגאָריש אַלע שטעלן פון תנך. גאָטס באַפעל צו אברהמען: „גיי פון דײַן פאָטערס הויז" האָט ער געטײַטשט: פאַרלאָז די כאַלדעיִשע געצנדינערײַ. ער האָט געהאַלטן, אַז יעדער פסוק האָט צוויי טײַטשן: אַ נגלה און אַ נסתר, אַ געוויינלעכן און אַ פאַרבאָרגענעם, אַ קאָנקרעטן און אַן אַבסטראַקטן, אַ היסטאָרישן און אַ קאָסמישן. ער האָט אַרײַנגעטײַטשט אין יעדן פסוק עטישע פּרינציפּן.

האָבנדיק אין זין זײַנע העלעניזירטע ברידער האָט פילאָן אָנגעשריבן דעם דידאַקטישן ראָמאַן „וועגן לעבן פון משהן" און דאָס בוך וועגן ד' יִדי־שע געזעצן, אָנהויבנדיק מיט די עשרת־הדברות. ער איז געווען אַ נאַציאָ־נאַלער ייִד, אַרויסגעטרעטן קעגן געמישטע חתונות, געפּריידיקט אַן עטיש־אוניווערסאַלן יודאַיִזם. אין גײַסט פון דער ייִדישער טראַדיציע האָט ער שטאַרק אונטערגעשטראָכן דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פון די ייִדישע דינים אין בוך „וועגן די ספּעציעלע געזעצן".

זײַן העלעניסטישער אופן פון שרײַבן, זײַן שפּראַך און דערציִונג האָ־בן אים נישט דערמעגלעכט אַרײַנצוגיין אין ייִדישן פאַנטעאָן. דערפאַר האָבן די קריסטן זיך אָנגעכאַפּט אין זײַן אוניווערסאַליזם וואָס זיי האָבן איבערגע־שמאָלצן אויף קאָסמאָפּאָליטיזם. אויך זײַן נעאָ־פּלאַטאָניזם איז געווען דער יסוד פון דער אַלגעמיינער מיטל־עלטערלעכער פילאָסאָפיע.

די אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון ייִדיש־העלענישן שאַפן לאָזט זיך אַזוי אָפּשאַצן:

צוליב די אַפּאָלאָגעטישע צילן איז פאַרשאָטנט געוואָרן דער היסטאָרי־שער אמת: דאָס אָנגעבן כּלומרשטע גריכישע מחברים, אַנדערש טײַטשן די טעקסטן, זיך נישט רעכענען מיט געשיכטלעכער פּערספּעקטיוו אד"גל. דאָך האָט זי געבראַכט אַ גרויסן פאַרשריט מיטן פרײַען טײַטשן דעם טעקסט, געשטיצט אויף לאָגיק.

צוזאַמען מיט העלעניסטישע פאָרמען האָבן זיך דורכגעשמוגלט העַ־לעניסטישע געדאַנקען, און דאָס האָט געמאַכט פרײַ דעם וועג פאַרן קריסטנ־טום.

די פּאָלעמיק מיט דער גריכישער פילאָסאָפיע וועגן דער קאָסמאָגאָניע

האָט געבראַכט מיט זיך אויך אַן אַנטוויקלונג פון דער מיסטישער לערע, די מרכבה־מיסטיק. גראָד דער טייל האָט יאָ געלאָזט אַ שפור און אַ ווירקונג אין דער ייִדישער שאַפונג אין מיטל־עלטער.

עס איז אַ טעות די אָנגענומענע מיינונג, אַז די ייִדן זענען געווען פאַנאַטיקער און די גריכן פרייַדענקנדיקע מענטשן. דאָס האָט זיך גענומען פון דעם וואָס מען האָט פאַרמישט פרייַ דענקען מיט אָפּאָרטוניזם און סינקרעטיזם, וואָס די גריכן האָבן גענוצט צוליב גאַנץ פּראַקטישע צילן — עקספּאַנסיע און פאַרכאַפּן די וועלטמערק.

די ייִדן זענען געווען מער פּרינציפּיעל אין אמונה־פראַגן. זיי האָבן זיך עקשנותדיק געהאַלטן בייַ זייער גלויבן, געקעמפט פאַר זייער אייגנאַרט, צוליב דער העכערקייט און פּראָגרעסיווקייט פון זייער געדאַנק. זיי האָבן זיך נישט אַרייַנגעגאָסן אין רוימישן שמעלצטאָפּ, הגם ייִדן פאַרנעמען הויכע פּאָזיציעס אין דער רוימישער אַדמיניסטראַציע און אין די מיליטערישע לעגיאָנען בייַם ריין און אין שפּאַניע טרעפן מיר אַ סך ייִדן.

דאָס אָפּזונדערן זיך איז געקומען סייַ פון פּאָליטישע סיבות, סייַ פון מורא צו „פאַרוואָסערן״ די נאַציאָנאַלע אייגנאַרט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן רעליגיעזן לעבן. אַפילו דאָס באַקערן זיך צום יודאַיזם פון רוימישע אַריסטאָקראַטן האָט מען נישט גערן געזען. מען האָט געציטערט פאַר די צעלאָזענע מידות פון שקלאַפערישן רוים. די ייִדן האָבן געהאַט אַ ראַציאָנאַליסטישע רעליגיע, בעת די געצנדינערישע וועלט איז געווען פול מיט טראַנסצעדענטאַלע כוחות, איבער וועלכע דער מענטש האָט נישט קיין שליטה, און וועלכע באַגלייטן אים בייַ יעדער טואונג.

אין דער באַגעגעניש פון יודאַיזם און העלעניזם האָט די ייִדיש־העלענישע ליטעראַטור פון דער דיאַספּאָראַ אָפּגעשפּילט אַ וויכטיקע ראָל. קיין בריק צווישן ביידע וועלטבאַנעמען האָט זי נישט אַריבערגעוואָרפן. פאַרקערט, דער תהום האָט זיך צוליב אָביעקטיווע סיבות נאָך מער פאַרגרעסערט. זי האָט אויך נישט באַוויזן אָפּצושלאָגן די אַטאַקעס פון די אַנטיסעמיטן. זי האָט אויך נישט באַוויזן אייַנצוהאַלטן די גרויסע מאַסן העלעניזירטע ייִדן בייַם ייִדנטום. אַ געוויסע השפּעה האָבן זיי געהאַט פאַרן ייִדישן פילאָסאָפישן געדאַנק אין מיטל־עלטער, פאַר וועמען דער פרומער פילאָן

איז געווען היימישער ווי די גויִים פלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס (אפלטון, אריסטו).

פאַר אונדזער היסטאָרישן שפּאַציר האָט די דערשייַנונג גאָר אַ גרויסע באַטייַטונג, אָבער נישט אין פּאָזיטיוון זין, ווי די פריִערדיקע היסטאָרישע מאָמענטן, נאָר אין נעגאַטיוון זין.

אין אַ פרעמדער שפּראַך איז זייער שווער צו שאַפן נאַציאָנאַלע ווערטן. באַזונדערס מיט אַ פרעמדן, געבאָרגטן, אינטעלעקטועלן אינסטרו־מענט. ווי גרויס פילאָן אָדער אַנדערע ייִדן־שרייַבער און פילאָסאָפן זאָלן נישט זייַן, האָבן זיי צוליב פרעמדער שפּראַך און פרעמדער קולטור ווייניק צוגעטראָגן צום נאַציאָנאַלן אייגנס.

זיי האָבן נישט פאַרהיטן פון פאַרשווינדן זייערע דורות. זיי האָבן ווייניק באַפרוכפּערט דעם ייִדישן געדאַנק, הגם אין זייער צייַט זענען זיי געווען שטאַרק אָנגענומען, באַקאַנט און באַרימט און זיכער געשעצט. זיי האָבן אפשר אויך געשפּילט אַ געוויסע ראָל בייַם אויפהאַלטן דאָס נאַציאָנאַלע געפיל ביי די אָפּגעפרעמדטע ייִדן, אָבער נישט פאַרמאָגט די פּאָטענץ צו זייַן אַ נאַציאָנאַל־שעפערישער כּוח, וואָס ווירקט זיך אויס סיי אין זייער צייַט, סיי אויף די שפּעטערדיקע דורות.

דער אינערלעכער גראַנגל אין יהודה

א. די קלאַסנקאַמפן און זייער אידעישע אויסווירקונג

יהודה איז געווען אַ טעאָקראַטישע מלוכה, שפּעטער געוואָרן פּאָליטיש זעלבשטענדיק און דאַן אַרונטערגעפאַלן אונטער רוימישער הערשאַפט. דאָס לאַנד האָט זיך געענדערט פּאָליטיש און עקאָנאָמיש. די געלטווירטשאַפט האָט זיך אַנטוויקלט און צעטרייסלט די פּאַטריאַרכאַלע באַציונגען. זי האָט אויך טיילווייַז אָפּגעשאַפט די סאָציאַלע גראַדאַציע לויטן אָפּשטאַם, געמאַכט מעגלעך האָרן זאַלן ווערן קנעכט און פאַרקערט, אָבער זי שאַפט אויך אָפּ די סאָציאַל־עטישע פּרינציפּן. די געלטווירטשאַפט האָט נישט באַוויזן צו קאָדיפיצירן קיין רעכטסיסטעם פון הייליקן פּריוואַט־אייגנטום און פון מלו־כה־אויטאָריטעט, וואָס שיצט עס. עס האָבן נאָך עקסיסטירט רעכטסנאָרמען געבויט אויפן אַמאָליקן פּאַטריאַרכאַלן שטייגער. עס האָט עקסיסטירט אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג, וואָס האָט געהאַט אַ מאָל עקזעקוטיוו־רעכט, אַ מאָל נישט. עס זענען געווען ראשי־עם, זקנים א״א.

די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס האָבן זיך אייַנגעהאַלטן, ווייַל די מערהייַט פון פאָלק זענען נאָך אַלץ געווען די פרייַע זעלבשטענדיקע פּויע־רים. עס איז אַנטשטאַנען אַ נייַער שטאָטישער עלעמענט — בעלי־מלאכות. שקלאַפעריַי אַלס אינסטיטוציע האָט נישט עקסיסטירט. עס איז געווען אַן עבד, וועלכער איז אייגנטלעך געווען אַ לוינאַרבעטער אויף אַ טערמין מיט געשיצטע רעכט.

עס האָט עקסיסטירט אַ געמיש פון אויטאָקראַטישער ביוראָקראַטישער אַדמיניסטראַציע מיט דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס פון קאָנטראָל און געזעצגעבונג.

ווען די חשמונאים האָבן אויסגעקעמפט די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט איז אַנטשטאַנען אין פאָלק דער גרויסער שטרייַט וועגן דער פּאָליטיק. אין שווערע קאַמפן האָט דאָס פאָלק פאַרטיידיקט זייַן פרייַהייט און אומאָפּהענ־

גיקייט. ווען הורקנוס דער ערשטער און אַלעקסאַנדער ינאי האָבן גענומען פירן אַ דעראָבערונגס־פּאָליטיק איז אויפגעקומען דער גרויסער סכסוך. די פאָלקסשיכטן מיט די געלערנטע זענען געווען קעגן דער דעראָבערונגס־פּאָליטיק. אָנשטאָט אויסערלעכע דעראָבערונגען פאַרבונדן מיט מענטשלעכע און מאַטעריעלע קרבנות, מיטן אַרויסהייבן די קריגערישע עלעמענטן — האָבן זיי געוואָלט אַ פאַרטיפונג פון אינערלעכן באַוווסטזייַן פון פאָלק. אַנשטאָט עקספּאַנסיע־פּאָליטיק — אינטענסיווע אינערלעכע פאַרפעסטיקונג פון דער נאַציע. זיי האָבן געשטעלט נאַציע העכער פון מלוכה, געדענקנדיק די פיר הונדערט יאָר טעאָקראַטישע הערשאַפט. די פאָלקס־פאָרשטייער האָבן געוואָלט אַ גייַסטיקע נאַציע, נישט קיין פּאָליטישע.

פון דעם גרויסן סכסוך זענען אַנטשטאַנען די צווי פאַרטייען: צדוקים און פּרושים. מיטן גאַנג פון דער צייַט האָבן זיך פאַרטיפט די חילוקי־דעות אויך אויפן אידעיִשן געביט. מיט דער אָפּשוואַכונג פון דער פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט וואַקסן די מיינונגס־פאַרשיידנקייטן. די פּרושים זעען אַלץ מער איין די נייטיקייט פון גייַסטיקן אָפּווער. די דיאַספּאָראַ, וואָס האָט גענאָסן פון די אויסגעברייטערטע פרייַע האַנדלסוועגן אין דער גרויסער רוימישער אימפּעריע, האָט אויך געווירקט מען זאָל ווייניקער אַכט לייגן אויפן פּאָליטישן קאַמף פאַר זעלבשטענדיקייט.

די צדוקים זענען נישט געווען קיין פרייַדענקער, כאָטש זיי זענען שטאַרק העלעניזירט. זיי זענען נאָר געווען פאַר אַ וועלטלעכער פּאָליטיק. זייער נאָמען נעמט זיך וואָרשייַנלעך פון דער באַטייַטנדיקסטער משפּחה פון די כהנים־גדולים, בני־צדוק. די פּרושים האָבן זייער נאָמען גענומען אָדער פון וואָרט אויסטייַטשער, אָדער אויסגעטיילטע.

ביידע פאַרטייען האָבן געפירט אַ העפטיקן שטרייַט נישט בלויז אין דער פּאָליטיק, נאָר דער עיקר בנוגע די פּרינציפּן פון דער נאַציע.

די צדוקים האָבן אָפּגעטיילט די אמונה פון דער פּאָליטיק. זיי האָבן אויך נישט געוואָלט, אַז די תורה זאָל זיי צו פיל בינדן אין זייערע טאָג־טעגלעכע ענינים. לויט זיי זאָרגט דער בורא־עולם וועגן גורל פון אַ קאָלעקטיוו, פון מלוכה און פאָלק, אָבער נישט וועגן דעם גורל פון אַ יחיד. אין מענטשלעכע טאָטן האָבן זיי געזען אַן אויסדרוק פון מענטשלעכן פרייַען ווילן, אָן געטלעכער אינטערווענץ. עס איז נישט פאַראַן קיין שום פאָרויס־

באַשטימונג. זיי האָבן נישט געגלויבט אין באַשערטקייט. גאָט מישט זיך נישט אין מענטשלעכע עסקים.

די תורה שבכתב האָט מער ווייניקער האַרמאָניזירט מיט זייער ווילן, אויב מען וועט זי טײַטשן בוכשטעבלעך אָן די פירושים, נישט פאַרברייטערנדיק זי און נישט פאַרטיפערנדיק זי. דעריבער האָבן זיי אָפּגעוואָרפן די ריזיקע צאָל מנהגים, אָנגעוואַקסן דורך דער צײַט פון דער טעאָקראַטישער הערשאַפט און וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען תורה שבעל־פה. פאַר די צדוקים איז די תורה געווען אַ קאָנסטיטוציע און נישט קיין באַזע אויף צו בויען אַ גאַנצן סיסטעם פון דינים, חומרות און סיגים, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַ ציל צו שאַפן אַ גדר, אַ צוים אַרום דעם גײַסטיקן בנין פון ייִדישקייט. פאַרקערט, זיי האָבן גאָרנישט געוואָלט זיך אָפּצוימען פון דער העלעניזירטער וועלט מיט איר גלאַנץ און פאַרגעניגנס.

די צײַט איז געווען אַ שווערע. די גלייביקע אין איינציקן גאָט האָבן געליטן פון די געצנדינער. די, וועלכע האָבן געלעבט אין זיטלעכקייט, אין ערלעכקייט, האָבן געהאַט צרות, ווען די אויסגעלאַסענע, די רויבגיריקע האָבן געלעבט גוט. כּדי צו פאַרענטפערן אָט די גרויסע האַרבע קשיא פון דער אומגערעכטיקייט איז געקומען דער טראַנסצעדענטאַלער גלויבן אין אַ יענער וועלט, אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה, אין אַ שכר־ועונש אין דעם קומענדיקן לעבן. אויך דער גלגול־הנשמות איז געווען אָנגענומען בײַ די פּרושים.

די צדוקים האָבן ווייניק געגלייבט אין דעם אַלעם, כאָטש זיי האָבן געוווסט, אַז ענלעכע געדאַנקען זאָגן אַרויס די גריכישע פילאָסאָפן. פּלאַטאָן האָט געהאַט אַ טעאָריע וועגן דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה. בײַ פיטאַגאָראַסן געפינען מיר דעם גלגול־הנשמות, די מיסטיק פון דער צאָל. (אגב, זענען די פּרושים אויך געווען נאָענט צום סטאָאיִציזם).

באַזונדערס שאַרף איז געווען דער סכסוך וועגן תּחית־המתים, וואָס האָט געפּרוּווט פאַרענטפערן טײלווײַז די פראַגע פון צדיק ולו רע, ורשע ולו טוב. פון דעם האָט זיך אַנטוויקלט שפּעטער אויך די משיח־פאָרשטעלונג. דאָס פּראָבלעם פון תּחית־המתים האָט געדאַרפט פאַרענטפערן די נישט לייזבאַרע דילעמע נאָך פון ירמיהוס צײַטן און פון תּהילים — אויף אַ רעליגיעזן אופן. די נעגאַציע פון עולם־הזה האָט געמאַכט מעגלעך אויס־

צוטראָגן אַלע ליידן. עס האָט געענדערט די געדאַנקלעכע קאָנסטעלאַציע, אַרײַנגענומען דעם „כּי טוב" אויף ביידע וועלטן, פון וועלכע אונדזערע איז דער פּרוזדור. דאָס האָט אויך געשטאַרקט דעם מאָניזם. טויט און יצר־הרע זענען אויך גאָטס יצירות. די נעגאַציע פון דער וועלט האָט קיין מאָל נישט באַהערשט פולשטענדיק דעם ייִדישן וועלטבאַנעם, הגם אָביעקטיווע באַדינגונגען זענען געווען צו אַזאַ וועלט־אַנשויונג: רדיפות, באַדנלאָזיקייט, אָן רעכט און אָן וועלטלעכע פּערספּעקטיוון.

פון דעם איז אַרויסגעקומען דער באַקאַנטער וויכוח צווישן בית־הלל און בית־שמאי: צי וואָלט נישט בעסער געווען, ווען דער מענטש ווערט נישט געבוירן. און זיי זענען געקומען צו אַ מסקנא — נישט זײַן וואָלט פיל בעסער געווען, נאָר אויב מען איז שוין געבוירן, מוז מען שטרעבן צו שלימות דורך דערפילן גאָטס געבאָטן.

אויב די צדוקים האָבן אפשר טעאָרעטיש יאָ מסכּים געווען מיט טייל נייַע אויפפאַסונגען האָבן זיי אָבער געהאַלטן, אַז די גײַסטיקע אידעאַלן פון ייִדנטום קענען נישט אָנגעווענדעט ווערן אין פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבן. מען דאַרף זיך ריכטן מיט די פּראַקטישע פּרינציפּן און אינטערעסן.

די פּרושים, די יורשים פון די אַמאָליקע חסידים, האָבן געוואָלט פאַרגײַסטיקן דאָס לעבן. זייער אידעאַל איז נישט קיין וועלטלעכע מלוכה, נאָר „גאָטס קעניגרײַך". די געטלעכע קאָנסטיטוציע, די געזעצן פון דער תּורה, קענען נישט אָפּגעשאַפט ווערן, אָבער מען מוז זיי צופּאַסן צו דער צײַט. די דינים און געזעצן פון דער תּורה שבעל־פּה זענען געווען אַלטע מנהגים, פּאַרציײַטיקע צוגאָבן, און אויך נײַע פּירושים, נייטיקע עס זאָל שטימען מיט דער צײַט. די צוים איז בילדלעך געוואָרן פאַרגעשטעלט ווי אַ פּאַרקאַן פון לעבעדיקע געוויקסן. די שטרענגע געזעצן פון שבת און כּשרות זענען פון אויבן באַטראַכט געוואָרן צו שיצן די נאַציאָנאַלע אייגנאַרט. צוגלײַך מיט דער שטרענגקייט פון ריטואַל זענען די פּרושים געווען פאַר פאַרלײַכטערן די געזעצן וועגן רעכט.

אין סאָציאַל־פילאָסאָפישן זין האָבן זיי זיך אַרויסגעזאָגט קעגן ראַציאָנאַליזם פון דער אידעע פון אומשטערבלעכקייט פון קאָלעקטיוו, פון שטאַם. דאָס קען נישט באַפרידיקן דעם יחיד. די אָנגעהעריקייט צום ייִדישן פאָלק גיט נישט קיין פּריווילעגיעס, נאָר שטעלט פאַרן יחיד גרעסערע אויפגאַבן.

די טעאָדיציע — דאָס וועלן גלייַכשטעלן דעם אומרעכט פון דער וועלט מיט גאָטס חסד — איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון די סאָציאַלע פאַר־העלטענישן. זי איז געווען די טרייַבקראַפט צו פאָרמולירן די אידעען פון השארת־הנפש, עולם־הבא, פון שכר־ועונש אויף יענער וועלט און אויך פון משיחיזם.

די פרושים האָבן — אפשר אונטערן איינפלוס פון די אסיים — אין אָנהייב געהאַלטן, אַז דער מענטש האָט אַ באַגרענעצטן פרייַהייט־ווילן, אָבער זיי האָבן דאָס באַלד אָפּגעוואָרפן. זיי האָבן זיך באַקערט צום געדאַנק פון בחירה, וואָס האָט לייַכטער געקענט פאַרענטפערן אַלע דערשייַנונגען. זיי האָבן נאָר צוגעגעבן צו דער בחירה, וואָס גאָט האָט געגעבן דעם מענטש לויט דער תורה, אַ געוויסע מאָס פון רעליגיעזן פאַטאַליזם, די געטלעכע פאָרויס־באַשטימונג. דאָס איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון די פעסימיס־טישע שטימונגען אין אָנבליק פון די מוראדיקע צייַטן. עקיבא האָט שפּע־טער אַזוי פאָרמולירט דעם קאָמפּראָמיס צווישן בחירה און גורל, צווישן ווילנס־פרייַהייט, וואָס איז דער יסוד פון ייִדישן אָפּטימיסטישן וועלטבאַ־נעם, און דער השגחה־פּרטית, וואָס איז אַ יסוד פון אינדיווידואַליסטישן רעליגיעזן געפיל: „אַלץ איז פאָרויסגעזען (דורך גאָט), נאָר די פרייַהייט (פון אויסוואַל) איז געגעבן".

די דאָזיקע פשרה נעמט נישט אַראָפּ פון מענטש די אחריות פאַר זייַ־נע מעשים, אָבער אין דער זעלביקער צייַט פאַרלייַכטערט זי מיטן גלויבן אין דער השגחה־פּרטית, פון פאָרויס־באַשטימונג, פון גורל, — דעם פּסי־כישן דרוק פון דער נישט צו גוטער רעאַליטעט.

די פרושים זענען געקומען אָפּט צו ענלעכע אויספירן ווי די סטאָאיקער בנוגע דער שלימות פון מאָראַלישן פליכט־באַוווסטזייַן, וועגן מעסיקייט אין פאַרגעניגנס, וועגן מוט איבערצוטראָגן ליידן און יסורים. דאָס איז אגב געווען אין דער עטיק פון די ייִדן נאָך פאַר די פרושים.

די ייִדן, אין קעגנזאַץ צו די גריכיש־רוימישע סטאָאיקער, האָבן די זיט־לעכע דיסציפלין פאַרבונדן מיטן גלויבן און געשאַפן אַ קאָדעקס, אַ הלכה, וואָס האָט געשיצט און פאַרפליכטעט די דאָזיקע עטישע פרינציפּן, זיי זאָלן קענען רעאַליזירט ווערן אין לעבן און נישט בלייַבן בלויז שיינע געדאַנקען. די פרושים האָבן אין זייער מערהייט נישט געוואָלט פאַרענטפערן די

רעליגיעז־פילאָסאָפישע פּראָבלעמען פון מעשה־בראשית (מעשה מרכבה אין דורשין — משנה) אפשר צוליבן לעבעדיקן בײַשפּיל פון זייערע העלע־ניזירטע ברידער, וועמען די חקירות האָבן פאַרפירט אויף פרעמדע פעל־דער. זיי האָבן גיכער זיך געווידמעט צו העכערן די מאָראַל (אַ מצווה לשם מצווה, אַפילו נישט פאַר עולם־הבא) און פּראַקטישע ענינים. זיי האָבן אײַנ־געטיילט די סדרות און געזעץ, אַז מען זאָל יעדן שבת זיי לייענען אין די בתי־תפילות, ווי אויך עטלעכע מאָל אַ וואָך אויף די מערק, ווען עס אַר־בעט דאָס געריכט. אונטער זייער איינפלוס האָט די קעניגין שלומית אַלעק־סאַנדראַ פאַרפליכטעט צו לערנען קינדער פון זיבן יאָר אָן. די פּרושים האָבן אויך געגרינדעט ישיבות.

די פּרושים האָבן זיך געטיילט אויף צוויי פליגלען. איינער איז גע־ווען מער נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטיש, געווען פאַר אַן אַקטיווער אָפּאָזיציע. זיי זענען געווען אַ מינדערהייט. זיי האָבן אָפּט מיטגעאַרבעט מיט דער קנאים־פּאַרטיי, די פּאָליטישע באַוועגונג, וואָס האָט אויפגעהויבן דעם אויסזיכט־לאָזן קאַמף קעגן רוים. עס איז געווען דער לעצטער אויפברויז פון די פרײַע קליינערדיקע פּויערים פון יהודה פאַר זייער אָנשקלאָפּערישער פרײַהייט. זייער האַס קעגן רוים איז נישט געווען צוליב רעליגיעזער פרײַהייט, ווײַל די רוימער האָבן געוואָלט אָנוואַרפן דעם קיסר־קולט. די קנאים — גלילער פּויערים און אדומים־גרים — זענען נישט געווען פרום, נאָר זייער קעג־נערשאַפט צו רוים איז געווען דיקטירט פון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע סי־בות. די ריזיקע לאַטיפונדיעס פון די רוימישע באַזיצן האָבן אַדאַנק דער אומזיסטער שקלאַפן־אַרבעט אָפּגעווישט פון דער עקאָנאָמיע און פון סאָציאַ־לן לעבן — דעם קליינערדיקן פרײַען פּויער, וועלכער האָט מיט שוויס און מי אַרויסבאַקומען זײַן חיונה פון דער באַרגיקער און זאַמדיקער ערד.

דער סאָציאַלער כאַראַקטער פון אָט די קאַמפן קומט בולט צום אויס־דרוק אין דער באַציִונג פון מעכטיקן רוים צום קליינינקן יהודה, אין די פּראָוואָקאַציעס פון די רוימישע לעגאַטן און פּראָקוראַטאָרן, וועלכע האָבן געוואָלט דערשטיקן און פאַרניכטן די נעסט פון רעוואָלוציע. די ייִדישע אַריסטאָקראַטיע האָט אין אירע קלאַסן־אינטערעסן געשטיצט די רוימער אין דעם קאַמף. זיי האָבן מער מורא געהאַט פאַרן רעוואָלוציאָנערן באַטײַט

פון דעם נאַציאָנאַלן קאַמף, ווי פאַר די רעפּרעסיעס מצד דער רוימישער מאַכט.

דער מעסיקער פליגל פון די פרושים איז געווען גרעסער. זיי האָבן געבילדעט אַ פּאַסיווע אָפּאָזיציע, פאַראורטיילט די אַנטי־נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון רוים און אירע שותפים אין לאַנד, אָבער זיך געהאַלטן ווײַט פון דער אויסערלעכער פּאָליטיק. זייער זאָרג איז געווען געזעלשאַפטלעך־גײַסטיק פאַרפעסטיקן דעם יודאַיזם דורך פונאַנדעראַרבעטן די געזעצגעבונג. דעריבער האָבן זיי זיך אַרײַנגעלאָזט אין טײַטשן די געזעצן. עס האָט זיך דערבײַ געשאַפן אַ תהום צווישן דעם לערנער און דעם „עם־הארץ". דער תהום האָט געליווערט דעם קריסטנטום זײַנע ערשטע פײַערדיקע אָנהענגער און פּריידיקער.

געוויסע פרושים זענען אָפט אַרויסגעטרעטן קעגן נישט אָפּהיטן די רעכטלעכקייט און די געזעצן דורך די מושלים פון הורדוס' משפחה. אָבער די לעצטע האָבן עס טאָלערירט, ווײַל זיי האָבן געוווּסט וועגן דער אַפּאָליטישקייט פון די פרושים, וועגן זייער לאָיאַליטעט. אַזוי אויך די רוימער, וועלכע האָבן שפּעטער דערלויבט יוחנן בן־זכאי צו עפענען אַ ישיבה אין יבנה.

דער גרעסטער און באַטײַטנדיקסטער תנא איז געווען הלל. ביז אים איז די תורה שבעל־פה געווען נאָר אַ טראַדיציע און אויטאָריטעט, צוגעגעבענע פאַרשריפטן און מנהגים, געהייליקטע דורך דער „מסירת אבות". דאָס אָנזאַמלען אַזאַ ריזיקן טראַדיציע־מאַטעריאַל האָט געדראָט שפּעטער צו פּאַראַליזירן די שאַפערישע טעטיקייט צוליבן אָנערקענען בלויז דעם בלינדן אויטאָריטעט. הלל האָט אַרײַנגעפירט לאָגיק, פאָרשונג און וואָרט־טײַטשונג. ער האָט געוואָלט פרײַ אַנטוויקלען דינים לויטן גײַסט פון דער תורה, אין דער אינטערפּרעטאַציע פון די פרושים, און זיי צופּאַסן צו די פאָדערונגען פון לעבן. ער האָט די ראַמען פון דער אינטערפּרעטאַציע אַזוי אויסגעברייטערט, אַז מען האָט געקענט אַפילו ענדערן חוקים פון דער תורה, שאַפן הוספות, וואָס האָבן זיי אָפּגעשאַפן נישט יורידיש, נאָר פאַקטיש. ער האָט געשאַפן נײַע מעטאָדן פון לאָגישער פאָרשונג (קל וחומר א"א).

דערמיט האָט ער געשאַפן די באַזע פאַר דער משנה און פאַר איר ברייטערער פאָרם — דער תלמוד. ער האָט מיט זײַנע מעטאָדן אַרויסצו־

פירן אַלץ פון דער תורה אָפּגעשוואַכט די טענות פון די צדוקים. למשל. בײַ שמיטה דאַרף מען שענקען אַלע חובות. אַמאָל איז עס געווען אַן אַנטי־פּאַרשקלאַפונגס־געזעץ, אָבער בײַ דער אַנטוויקלונג פון דער געלטווירט־שאַפט איז עס געוואָרן אַ מיטל אָפּצושלעפּן און נישט צו באַצאָלן דעם חוב. דאָס האָט געשטערט דעם האַנדל און דעם געלטקרעדיט. הלל האָט אײַנ־געפירט דעם פּרוזבול (איבערגעבן), וואָס דערלויבט דעם חוב איבערצוגעבן דעם געריכט, כּדי אים אײַנצומאָנען שפּעטער נאָכן שמיטה־יאָר.

הלל איז געווען באַרימט מיט זײַן הויכער עטישער מאָראַל, מיט זײַן ליבע צו מענטשן. קעגן זיך האָט ער געהאַט שמאין, דעם שטרענגן קאָנ־סערוואַטיסט, וועלכער האָט געשטרעבט צו מאַכן מער צוגאָב־געבאָטן, חומרות, כּדי אוממעגלעך מאַכן עובר צו זײַן אויף אַ דין.

אַ באַזונדערן וועג האָבן אַדורכגעמאַכט די אסיים. אַסקעטיזם, נזירות, איז נאָך באַקאַנט געווען פון פריִער, פון די בני יהונדב, די רכבים. עס איז געווען אַן אָפּקלאַנג, אַ זכרון פון דער אור־קאָמוניסטישער געמיינשאַפט, אַ מדבר־ראָמאַנטיק. זיי האָבן נישט באַנוצט קיין ווײַן, נישט געבויט קיין הײַ־זער, נישט באַאַרבעט די ערד.

די אסיים האָבן איבערגענומען אַ סך אויסערלעכע שטייגערפאָרמען פון די רכבים. אָבער זייער לערע איז געווען אַן אַנדערע. זיי זענען אַנטשטאַנען אין די יאָרן פון די לעצטע אומאָפּהענגיקע מלכים און זייערע אידעען זע־נען אַ רעזולטאַט פון די אַנטוישונגען אין מלוכהשאַפט בכלל. זיי האָבן רע־זיגנירט פון דער האָפענונג, אַז די מלוכה וועט זיך בעסערן און זיי זענען געווען לגמרי אַפּאָליטיש. זיי האָבן נישט אָנערקענט די מלוכה־אָרגאַניז־מען, נישט די כּהונה און נישט דאָס ברענגען קרבּנות. זיי זענען געווען שטרענג פרום אין די דינים וועגן טהרה, שבת און כשרות. פאַרנומען האָ־בן זיי זיך מיט דער קליינער ערדאַרבעט און מלאכה. זיי זענען אויך געווען רופאים. זייער שטייגער לעבן איז געווען איינפאַך, מעסיק, אָן צו באַנוצן ווײַן.

זייער פילאָסאָפיע איז געווען נאָענט צו די גריכישע פּיטאַגאָרייער, הגם מען דאַרף צווייפלען וועגן אײַנפלוס פון די העלענער. זיי האָבן געוויס צו מאָל נישט געוווּסט וועגן זיי. צו דער מסקנא זענען זיי דערגאַנגען אַליין

אויף די דערפאַרונגען פון דער ברויזנדיקער און ליַידנדיקער ייִדישער מלוכה.

דער הויפּט־יסוד פון זייער פילאָסאָפיע איז געווען די פאָרויס־באַשטימונג. זיי האָבן געלייקנט אין ייִדישן הויפּטפּרינציפּ פון בחירה, פון פריַיען ווילן. אַלץ איז באַשטימט פון פריִער דורך גאָט. אַ רעליגיעזער פאַטאַליזם. די נשמה איז אומשטערבלעך און עס עקסיסטירט אַן עולם־הבא מיט אַ גיהנום און אַ גן־עדן. זיי האָבן אויסגעאַרבעט אַ גאַנצן סיסטעם וועגן קומענדיקן לעבן.

דאָס האָט זיי דערנענטערט צו די פּרושים און מיר געפינען אין דער ליטעראַטור פון דער ציַיט וויזיעס און זעונגען נאָענט צום אסיישן טיַיטש מיט אַ פּרושישן מוסר־השכל. זייער ווירקונג ביַים אַנטוויקלען די גאַנצע טראַנסצעדענטאַלע לערע איז אַ באַטיַיטנדיקע, אָבער די השפּעה אויפן לעבן אַ מינימאַלע, אַסקעטיזם און מיסטיציזם זענען געווען פרעמד דעם פּאַרציַיטיקן ייִדישן פאָלקסגיַיסט. דאָס וועט שפּעטער קומען מיט די גרעסערע צרות און ליידן.

אַ סך געגנאָסן פון די אסיים האָבן די קריסטן. ביידע זענען געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון אַפּאָליטישקייט, און ווייניק געקימערט זיך וועגן די נאַציאָנאַלע נויטן. זיי האָבן ביידע געלייגט אַכט אויפן אינדיווידואַליסטישן און נעגירט דאָס נאַציאָנאַלע.

די נייַע טראַסצעדענטאַלע לערע פון די פּרושים און אסיים האָבן מיט זיך געבראַכט נייַע רעליגיעזע דערשיַינונגען. די מענטשלעכע קולטור האָט זיך דאַמאָלס — ווי פריִער און שפּעטער — זיך אויסגעדריקט אין רעליגיעזע טערמינען. אין די אַלטע רעליגיעס זענען געווען אויסגעמישט זאַבאָבאָנעס, ווילדע מנהגים מיט אידעען און שטרעבונגען צו העכערע עקסיסטענץ־פאָרמען און צו שלימות.

דער גלויבן אין מלאכים און שדים איז געווען אַן איבערבליַיבעניש פון דער געצנדינעריַי און האָט זיך אויפגעהאַלטן אין מאָנאָטעיזם, וויַיל דער אַבסטראַקטער מאָנאָטעיִזם האָט דערוויַיטערט דעם מענטש פון גאָט און דעם דאָזיקן חלל האָט דאָס פּשוטע פאָלק אויסגעפילט מיט גוטע און שלעכטע גיַיסטער, צווישנוועזנס, שליחים פון גאָט. די אָפיציעלע רעליגיע האָט זיי אונטערגעאָרדנט גאָטס ווילן און באַצייכנט ווי גאָטס באַשאַף.

דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צום אַנטשטיין אין ייִדנטום פון אַ נײַער ריכטונג, וואָס איז אים פריִער פרעמד געווען. דער יודאַיִזם האָט אַמאָל באַקעמפט די מיסטיק, ווײַל זי איז געווען פאַרבונדן מיט די אָר־גיעס און סימבאָליזם פון די געצנדינערישע קולטן. די ייִדישע תּורה איז געווען אַ תּורה פון רעאַלן לעבן, פון גערעכטע סאָציאַלע און אוניווערסאַ־לע געבאָטן, וואָס רעגולירן אַלע שייכותן צווישן גאָט און מענטש אָדער וועלט. נישט געווען קיין סתירות, במילא נישט קיין באַהאַלטענע זאַכן אין וועלטבאַשאַף און אין וועלט־סדר.

די צײַט האָט אָבער געבראַכט דעם צווייפל אין די אָפּטימיסטישע שלימותדיקע וועלטבאַגריפן. די לעצטע יאָרן פון בית־שני, די גרויזאַמע רוימישע רדיפות, דער חורבן און די צעשפּרייטקייט האָבן געווירקט צו צווייפלען אין דעם רעגלמעסיקן גאַנג פון דער געשיכטע, אין דער צוועק־מעסיקייט אין דער עוואָלוציע פון די געשעענישן. מען האָט גענומען גלויבן צו קענען ענדערן די סיטואַציע נאָר דורך אַ נישט־פאַרגעזעענעם כּוח, דורך אַ נס אַן איבערנאַטירלעכן, דורך אַ משיח. דערין האָט געשטעקט דער גלויבן און די האָפענונג, אַז די וועלט מוז געענדערט ווערן צום גוטן. אַזאַ צוגאַנג האָט אונטערגעזאָגט דער זעלבסט־דערהאַלטונגס־אינסטינקט.

מיט מיסטישער חקירה האָבן זיך פאַרנומען די תּנאים יוחנן בן־זכאי, ריש לקיש, עקיבא א״א. די דאָזיקע חקירה האָט געהאַט אירע וואָרצלען טיף אין די פאָלקסגלייבונגען, אין דער מאַגיע, און געשטיצט זיך אויף דער אינטויִציע פון רעליגיעזן עקסטאַז. אויבן אויף האָט זי אויסגעזען אָפּט מאָל ווי כּפירה מיט אירע דרייסטע פאָרמולירונגען, אָבער אין תּוך איז זי געווען קאָנסערוואַטיוו, פאַררופן זיך אויף טראַדיציע. דערפאַר איר נאָמען — קבלה.

מיסטיק הייסט דערגרייכן רעליגיעז וויסן נישט דורך שכל, נאָר דורך אַנטפּלעקונג, דורך אויפלײַכטן, וואָס קומט פון דער דערקענטעניש, ווען אַ מענטש „גייט אַרײַן אין זיך״.

אין דער צײַט פון די לעצטע מלכים און רוימישער הערשאַפט איז אַנטשטאַנען אַ גאַנצע אַפּאָקאַליפּטישע ליטעראַטור, געשטיצט אויף דער לערע פון די פּרושים וועגן יענער וועלט. די שאַפונג איז געווען אין העב־רעיִש און אין גריכיש.

די דאָזיקע חקירה איז געווען וועגן דער קאָסמאָגאָניע (מעשה בראשית), וועגן כסא־הכבוד, וועגן גאָטס רײַטוואָגן (מרכבה). דאָס האָט באַקומען אַן אַלגעמיינעם נאָמען מרכבה־קבלה. זי האָט דערציילט וועגן די הימלען, היכלות, די אַנטפּלעקונג פון גאָט כּביכול, געשילדערט מלאכים און שדים.

אַלץ איז געווען געשטיצט אויפן תּנך, אויף אויסטײַטשונגען פון די פסוקים. דאָס „ספר יצירה" האָט גערעדט וועגן צוויי און דרײַסיק פאַרבאָרגענע וועגן פון דער חכמה (צען אורצאָלן און צוויי און צוואַנציק אותיות), וועגן דרײַ קרײַזן פון דער יצירה (גאָט, וועלט און דער ריטמישער גאַנג פון דער צײַט אין יאָרן). זיי האָבן זיך באַנוצט מיט צאָלן־און אותיות־קאָמבינאַציעס (גמטריות). די מיסטיק האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרגעשיכטע (קאָסמאָגאָניע), אָדער מיט נאָכגעשיכטע (משיחס צײַטן), אָבער איגנאָרירט לגמרי די אַקטועלע צײַט.

עס איז געווען אַ צײַט פון פּורעניות, רדיפות און מאַסן־שחיטות. די וועלט האָט אונדז נישט פאַרשטאַנען און פאַרפאָלגט. סענעקאַ האָט געשריבן: „די מידות פון אָט דער פאַרברעכערישער נאַציע האָבן זיך אַזוי אָנגענומען, אַז זיי האָבן שוין אָנהענגער אין אַלע לענדער און אויף אַזאַ אופן האָבן די באַזיגטע אָנגעוואָרפן זייערע געזעצן די זיגער". חוץ דער עקאָנאָמישער קאָנקורענץ איז בײַ די שונאים אויפגעקומען אויך די מורא פאַר דער גײַסטיקער השפעה פון יודאַיזם. דעריבער איז קיין וווּנדער נישט, וואָס אין אַלע אַנטיסעמיטישע ווערק איז פאַראַן אַזוי פיל גיפט און בלבולים. דער זעלבער סענעקאַ — אַ גרויסער פּראָצענטניק אין רוים — שרײַבט, אַז שבת־רו איז זייער שעדלעך, ווײַל נישט אַרבעטן יעדן זיבעטן טאָג הייסט פאַרלירן אויף גאָרנישט אַ זיבעטל טייל לעבן.

די שווערע סאָציאַלע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לאַגע אין יהודה שטערט נישט עס זאָלן אויפקומען נײַע גײַסטיקע ווערטן. די פּרושים זאַמלען די תּורה שבעל־פּה. אָבער די פאָלקסשאַפונג באַגרענעצט זיך נישט מיט געזעצן און זייער אויסטײַטשונג. שרײַבער — פּרושים און אסיים — פאַרמולירן זייערע געדאַנקען אין ביכער. אַ סך זענען פאַרלוירן געגאַנגען אין די מהומות, אַנדערע זענען דערגאַנגען נאָר אין זייערע גריכישע — אפשר רעדאַגירטע — איבערזעצונגען. עס איז אַנטשטאַנען אַ פּסיידאָ־ביבלישע לי־

טעראַטור. זיי זענען געבליבן נישט קאַנאָניזירט און באַקומען דעם נאָמען ספרים־חיצונים.

מיר האָבן דאָ די היסטאָרישע דערציילונג „יהודית", ווו די היסטאָריע הינקט אונטער, אָבער דער מוסר־השכל איז אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלער. די דערציילונג „טוביה" לויבט די טוגנט און מאָראַלישע קראַפט פון אַ יחיד. מן־הסתם געשריבן פון אַן אסיי. מיר האָבן די נאָכאַמונג „שלמהס תהי־לים", אַ פּרק געשיכטע געשריבן פון אַ פּרושי. דאָס „ספר חנוך" איז פול מיט מיסטיציזם, יום־הדין, וויזיעס, משיח־אידעע, תחית־המתים אד"גל. דער מחבר איז נישט קיין אסיי, כאָטש די באַשרײַבונגען פון יענער וועלט זענען נאָענט צו זייערע פאָרשטעלונגען. מען זעט, אַז ער איז אַ פּרושי, ווײַל ער איז אַן אָנהענגער פון פרײַען ווילן. ער זאָגט: „די זינד איז נישט אַראָפּ־געשיקט אויף דער ערד, נאָר די מענטשן האָבן זי אַליין געבוירן". אין בוך איז פאַראַן אַ סך מוסר לויטן נוסח פון די פּרושים. אויך די ביבלישע „ספר היובלים" האָט געמישטע פּרושישע און אסיישע עלעמענטן.

אין דער דאָזיקער גאַנצער ליטעראַטור זעען מיר צוויי שטרעמונגען: אַ פּרושישע מיט דער שטרעבונג צו באַוואָפענען די נאַציע מיטן גײַסטיקן געווער פאַרן קיום, און אַן אסיישע־מיסטישע, וואָס האָט פאַר אַ ציל צו באַ־פרידיקן די רעליגיעזע באַדערפעניש פון יחיד. זייער בליק איז געווענדט צו „גאָטס קעניגרײַך" אין הימל. אַ שטיקל וועג דערווײַל גייען ביידע שטראָ־מען צוזאַמען, אָבער שפּעטער מוזן זיי זיך שיידן.

אונטערן אײַנפלוס פון דער מיסטיק קומען אויף תעניתים, נזירים, עס אַנטשטייען חברות פון אויסדערווײַלטע, וואָס לערנען תורת־הסוד דורך אַרײַנברענגען זיך אין עקסטאַז. זיי פרײדיקן, אַז די שכינה איז גאָטס אי־מאַנענץ, זײַן אויסשטראַלונג, וואָס מיר קענען משיג זײַן נאָך אַ לײַטערונג (איוב האָט געהאַלטן, אַז מיר קענען דאָס נישט באַגרײַפן). די מיסטיק האָט פּערזאָניפיצירט די שכינה, גאָטס מידת־הדין און מידת־הרחמים.

וואָר ווייסט ווי ווײַט די מיסטיק וואָלט געקענט פאַרפירן, ווען זי וואָלט נישט געבליבן אין די ראַמען פון אַ געדאַנקלעכער ספּעקולאַציע, אָן פּראַק־טישע אויסווירקונגען און צילן. די זעלבע תנאים, וועלכע האָבן זיך צו ביס־לעך באַשעפטיקט מיט די פּראָבלעמען פון קבלה, זענען אָבער גלײַכצײַטיק געווען די קאָדיפיצירער און קאָאָרדינירער פון די געזעצן און דינים. דאָס

האָט פאַרלאַנגט שכל־הישר, אַ סך וויסן, פּראַקטיק און נאַציאָנאַלע ציל־באַוווסטקייט. דאָס מוזן קאָדיפיצירן געזעצן, אויסאַרבעטן פּשוטע, שטרענג־רעגולירטע דינים, וואָס קענען נישט און טאָרן נישט אויסגעטײַטשט ווערן מטושטש, אומקלאָר און צווידײַטיק — און גלײַכצײַטיק צוליב פּסיכיש באַפרײַען זיך פון דער שווערער רעאַליטעט, אויך פאַרנעמען זיך מיט מיסטיק־פילאָסאָפיע, האָט באַלד פון אָנהייב געשטעלט פאַר אַ חוב אויסצוטיילן דאָס באַשעפטיקן זיך מיט קבלה נאָר פאַר אויסדערוויילטע. הגם געוויסע אָבערגלויבנס און „מיסטישע סודות" זענען געווען פאַרשפּרייט און גאַנגבאַר בײַם פּשוטן פאָלק, — איז די תּנאָים געלונגען צו ווירקן, אַז אין זייער צײַט — און שפּעטער ביזן חסידיזם — זאָל די קבלה זײַן אַן ענין נאָר פון למדנים, און דאָס אויך העכער פון אַ באַשטימטן עלטער.

אַלע רדיפות, פּאָגראָמען, די רעכטלאָזע לאַגע — וואָס נאָר אַ נס האָט זיי געקענט ענדערן, זענען געווען אַ באָדן פאַר מיסטישע לייזונגען. דערפון זענען שפּעטער אַנטשטאַנען די אָפּטע משיחישע באַוועגונגען. אָבער אין טאָג־טעגלעכן לעבן איז די מאַגיע, דאָס גלייבן אין כּישוף, מכשפות, די אָבערגלויבנס און עקסאָרציזמען — די אַלע באַגלייט־דערשײַנונגען פון דער מיסטיק — בײַ ייִדן געווען פיל קלענער ווי בײַ אַנדערע פעלקער. אַזוי ביזן הײַנטיקן טאָג.

* * *

די אַקטן פון יציאת־מצרים און מתן־תורה האָבן דערמעגלעכט אויסצובילדן די ייִדישע נאַציע אין לאַנד כּנען. די טעטיקייט פון די נביאים און די סאָציאַלע רעפאָרמען האָבן געגעבן די אימוניטעט אויסצוהאַלטן דעם גלות־בבל און דעם גײַסטיקן אָנגריף פון דער העלעניסטישער וועלט. דער פּאָליטישער קאַמף קעגן די סעלייקידן איז געווען דער ערשטער עטאַפּ פון דעם פאַרמעסט קעגן דער אויבערמאַכט פון העלעניזם. דער איבערגאַנג פון פרײַער פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט צו אָפּהענגיקייט און חורבן האָט געדויערט הונדערט יאָר. דאָס האָט געגעבן די געלערנטע צײַט צו פאַרפעסטיקן און אַנטוויקלען די אידעען פון ירמיהו און יחזקאל וועגן אַן אינדיווידועלער רעליגיעזיטעט, וואָס האָט געקענט זיך אַרײַנפּאַסן אין די נײַע באַ־

דינגונגען און דערבײַ נישט פֿאַרלירן גאָרנישט פֿון נאַציאָנאַלן אייגנאַרט.

דאָס פֿאַראייניהײַטלעכן די תּורה־געזעצן און דעם ריטואַל פֿאַר אַלע ייִדן האָט געמאַכט ענלעך די יחידים און געשאַפֿן אַ געמיינזאַמען טיפּ — די נאַציע.

דאָס אַלץ האָט אויך מעגלעך געמאַכט צו דעטעריטאָריאַליזירן דאָס ייִדישע פֿאָלק און זײַן אמונה. די תּנאים האָבן פֿאַרמאָגט אַ גרויסן פּאָליטישן חוש און נאַציאָנאַלע אחריות. זיי האָבן פֿאַרגעזען דאָס פֿאַרלירן די פּאָליטישע מאַכט, די צעשפּרייטונג איבער דער וועלט און די רעאַליען פֿון דער רוימישער אימפּעריע. זייער זאָרג איז געווען פֿאָלק און זיי האָבן געשטעלט לאַנד, מלוכה אויפֿן צווייטן פּלאַן.

דאָס ייִדנטום — אין דער פֿאָרם ווי מיר האָבן עס געטראָפֿן אין אונדזער לעבן — האָט זיך, מיט געוויסע אַנטוויקלונגען און צופּאַסונגען, אויסגעפֿאָרמירט אין יענער צײַט, ווען דער ייִדישער מאָנאָטעיִזם האָט אידעאָלאָגיש מנצח געווען די געצנדינערײַ, אָבער פֿאַרשפּילט צוליב נאַציאָנאַלע מאָטיוון און צוליבן נישט וועלן גיין אויף פּשרות אין פֿראַגן פֿון עטיק און מאָראַל — די וועלט־העגעמאָניע, איבערלאָזנדיק עס פֿאַרן קריסטנטום.

אין דער רוימישער וועלט איז דאַן געווען אַ קריזיס פֿון די אַלטע אויפֿפֿאַסונגען און אַן אויפֿלעבונג פֿון נײַע אידעען און אידעאָלאָגיעס. די געצנדינערײַ האָט זיך אויסגעוועפּט. דאָס רעגולערע באַאָבאַכטן די נאַטור־דערשײַנונגען, דאָס איבערגעבן אין אַ שנעלערן טעמפּאָ די אָנגעזאַמלטע דערפֿאַרונגען פֿון פֿאַרשידענע פֿעלקער, דאָס פֿאַרגרעסערן די אימפּעריע און פֿאַרנעמען ווײַטע לענדער, דאָס אַלץ האָט געפֿירט צו מאַכן נײַע אויספֿירן און פֿאַרברייטערן די האָריזאָנטן.

איינע פֿון די אויספֿירן איז געווען דאָס באַמערקן און זוכן אַ האַרמאָניע אין וועלטבאַשאַף און אין וועלט־סדר. די האַרמאָניע פֿון וועלט־סדר איז נייטיק געווען דער גרויסמאַכט רוים אײַנצוהאַלטן און אָנצופֿירן מיטן אײַנגעשלונגענעם באַזיץ. אַזאַ האַרמאָניע האָט געפּריידיקט דער מאָנאָטעיִזם. אָבער דער ייִדישער עטישער מאָנאָטעיִזם איז נישט געווען פּאַסיק פֿאַר דעם כאַראַקטער פֿון דער רוימישער אימפּעריע.

דער ייִדישער מאָנאָטעיִזם איז נישט געגאַנגען אויף קיין פּשרות. דערפֿאַר איז ער געווען נישט אָננעמבאַר פֿאַרן שקלאַפֿערישן רוים. אַ באַשטימ־

טע ראָל האָט אויך געשפּילט דער פסדרדיקער קאַמף פון פרייַען פויער אין יהודה מיט די שקלאַפן־באַזיצער פון רוים, די שווערע שלאַכטן און די שנאה צווישן די צוויי וועלטבאַנעמען.

די סינקרעטיסטישע העלעניסטישע קולטור האָט שנעל איינגעשלונגען און אייַנגעזויגן אַלע באַגעגנטע קולטורן. דער צוזאַמענטרעף פון דער רוימיש־אָריענטאַלער וועלט מיט די אייראָפּעיִשע באַרבאַרן און דער צייַטווייליקער בורגפרידן האָבן אויך נישט געשאַפן קיין באָדן פאַר אָננעמען אַזאַ אויספאָרמירטע און אַבסטראַקטע רעליגיע ווי דאָס יידנטום.

דאָס יידנטום האָט מורא געהאַט צעשווומען צו ווערן אין ברוידזנדיקן ים פון העלעניסטישע מנהגים און רוימיש־אָריענטאַלע גלייבונגען, וואָס זענען געווען אייַנגעוואָרצלט בייַ די פעלקער פון אַלטן רוים.

דער אינערלעך אידעאָלאָגישער שטרייַט צווישן די צדוקים און פּרושים, און דער תהום צווישן באַוווסטזיניקן געלערנטן שומר־מצוות — און דעם עם־הארץ, די שיכטן פון פויערים און גרים, האָט פאַרהאַרטעוועט און אָפּגעשלאָסן אין זיך די יידישע דענקער. דער פּראָזעליטיזם איז נישט געווען אָנגענומען.

דעריבער איז פרייַ געווען דער וועג פאַר דער סעקטע מינים אין נוסח פון העלעניזירטן ייד שאול־פּאולוס, פאַרן קריסטנטום, וואָס טייל האַלטן עס פאַר אַ פאַרקריפּלט יידנטום, אַנדערע פאַר אַ יודאַיזירטן העלעניזם.

שאולס פּשרות מיט דער העלעניסטישער קולטור און שטייגער, זייַן סינקרעטיזם, זייַן צופּאַסן זיך צו די אַלט־אָריענטאַלע רעליגיעזע גלייבונגען, האָט אָפּגעריסן די מינים פון יידנטום, הגם געוויסע אייַנפלוסן לאָזן זיך שפּעטער אויסווירקן: די בילדער־צעשטערער, די אַריאַנער און אין מיטל־עלטער אַ ריי סעקטעס און אויפשטאַנדן.

אין אַלגעמיין האָט דאָס קריסטנטום געבראַכט פאַר יידן גרויסע צרות און מיר האָבן טייַער באַצאָלט פאַרן אויפהאָדעווען אַ זון, וואָס איז אַוועק אויף שלעכטע וועגן, צו תרבות־רעות.

ב. צי איז קריסטנטום אַ ייִדישע רעליגיע?

וואָס איז קריסטנטום? אַ העלעניזירטער יודאַיִזם, אַ סעקטע וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון ייִדנטום, אָדער אַ יודאַיִזירטער העלעניזם, אַ געמיש פון גריכישע, רוימישע און אָריענטאַלע רעליגיעס, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט און צעשפּרייט אונטער דער ווירקונג פון יודאַיִזם?

אַ טעות האָבן די אַלע, וועלכע ווילן זען צוויי קריסטנטומס. דאָס ערשטע, ווען די מינים, די ערשטע ייִדן־קריסטן, האָבן געטריַי אָפּגעהיט די מצוות, געבליבן אין די ראַמען פון ייִדישן פאָלק און געווען נאָר אַ סעקטע. דאָס צווייטע — פון פּאַולוס׳ צײַטן אָן — ווען עס איז געוואָרן מער געצנ־דינעריש און אָפּגעשאַפן אַלע דינים פון דער תורה. דעם דאָזיקן מעכאַנישן טעות מאַכט מען הויפּטזאַכלעך צוליב דעם וואָס דער וווּקס פון דער קריסט־לעכער באַוועגונג איז געווען צו ערשט אין די ייִדישע קרײַזן, סײַ אין יהו־דה און סײַ אין דער דיאַספּאָראַ, און ערשט שפּעטער גענומען זיך פאַרשפּריי־שן צווישן אַנדערע פעלקער. מען האָט פאַרזען דעם אידעיִש־גײַסטיקן יסוד, דעם נישט־ייִדישן וועלטבאַנעם, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן גאַנצן קריסטנטום. דעם דאָזיקן וועלטבאַנעם האָבן נאָך געפּריידיקט די ערשטע ייִדן־קריסטן, ווען זיי האָבן נאָך נישט געוואָגט צוליב טאַקטיש־סטראַטע־גישע טעמים אָוועקצוגיין פון ייִדנטום. עס איז געווען אײן קריסטנטום. עס איז אויך נישט קיין ייִדישער וועלטבאַנעם, ווי די היטלערישע וואָטאַן־אָנ־הענגער האָבן געפּריידיקט.

ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען דאָס קריסטנטום?

אין רעזולטאַט פון גײַסטיקן געראַנגל אין יהודה בנוגע פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלן קיום זענען אַנטשטאַנען אַ ריי באַוועגונגען און אידעאָלאָ־גיעס, וואָס זענען געווען געבונדן מיט פּאָליטיש־סאָציאַלע און אידעיִש־פי־לאָסאָפישע שטרײַטן. דער קאָנפליקט צווישן די נאַציאָנאַלע און אַנטי־נאַ־ציאָנאַלע עלעמענטן איז געווען איין יסוד פון אַנטשטיין פון קריסטנטום.

אין יסוד פון קריסטנטום איז געווען דער קאָסמאָפּאָליטישער, אַסימילאַ־טאָרישער און אַנטי־נאַציאָנאַלער כאַראַקטער. ערשט דערנאָך איז געקומען דאָס אויסבילדן זיך פון אַ באַזונדערער געזעלשאַפט.

פּאָליטיש־עקאָנאָמיש האָט זיך די ייִדישע באַפעלקערונג געטיילט אין צוויי הויפּטשטראָמען: די אַריסטאָקראַטישע צדוקים־כּהנים, וואָס אין זייער העגט איז געלעגן די מאַכט און דער גרויסער ערדבאַזיץ, און די פֿאָלקס־פּאַרטיי, די פּרושים, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט די מיטעלע און אָרעמע שיכטן. דער ראַדיקאַלער פֿליגל פֿון די פּרושים האָט אויסגעבילדעט אַ באַזונדערע פּאַרטיי — די קנאים, וועלכע האָבן פֿאַרטרעטן די אינטערעסן פֿון די אָרעמסטע פּויערים און דעם דעקלאַסירטן שטאָטישן עלעמענט.

אין דער באַציונג צו די פּראָבלעמען פֿון נאַציע און פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט האָבן די צדוקים צו ערשט געקעמפֿט פֿאַר דער פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט, ווי אַן אויסדרוק פֿון זייערע מאַכט־פּאָזיציעס, אָבער אין אָנבליק פֿון דער גרויסער איבערמאַכט פֿון רוים, וואָס איז געווען די איינציקע גרויסמאַכט אין ראַיאָן, און עס איז אוממעגלעך געווען אויסצושפּילן די צדדים קעגן זיך — די פּאַרטן קעגן די רוימער — האָבן זיי שלום געמאַכט מיט דער רעאַליטעט און געזען אין רוים די שיצערין פֿון זייערע קלאַסן־אינטערעסן. ווען די געשעענישן זענען אַוועק אין אַזאַ ריכטונג, וואָס האָט נישט גאַראַנטירט זייערע באַזיצן אין יהודה, זענען זיי בכלל פֿאַרשווונדן פֿון דער אַרענע. קיין ספּעציעלע נאַציאָנאַלע צילן פֿאַר דער צוקונפֿט האָבן זיי נישט געהאַט.

די פּרושים האָבן אין דער פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט געזען אַ בעסער מיטל צו שטאַרקן די נאַציע, אָבער זייַענדיק זייער פּראַקטיש אין די פּאָליטישע פֿראַגן האָבן זיי געזען די אויסזיכטלאָזיקייט פֿון מיליטערישן ווידערשטאַנד קעגן רוים און קאָנצענטרירט זייער נאַציאָנאַלע טעטיקייט אויפֿן גייַסטיקן געביט. די פּרושים־באַוועגונג איז געווען געבונדן מיט דער דיאַספּאָראַ, וואָס האָט זיך לרוב פֿאַרנומען מיט האַנדל און מלאכה, און גענאָסן פֿון די פֿאַרברייטערטע האַנדלסוועגן פֿון דער רוימישער אימפּעריע. דעריבער זענען זיי אויך געווען לאָיאַל צו רוים און נאָר געזאָרגט וועגן זייער נאַציאָנאַל אויסלעבן זיך, וועגן דער רעכט צו לעבן לויט די דינים און מנהגים פֿון דער ייִדישער אמונה.

די קנאים, וועלכע האָבן זייער יניקה געצויגן פֿון די קלענערדיקע אָרעמע פּויערים־נחלות, האָבן געפֿירט דעם אויסזיכטלאָזן קאַמף קעגן רוים. עס איז געווען אַ שווערער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער קאַמף. דער זיג פֿון

רוים האָט באַטײַט די פּאָפּעריזאַציע און פאַרניכטונג פון פרײַען קלײנער־דיקן פויער. די ריזיקע לאַטיפונדיעס מיט דער אומזיסטער שקלאַפן־אַרבעט האָבן אָפּגעווישט פון דער אויבערפלאַך אַלע זעלבשטענדיקע פויערים.

אַ דאַנק דער מסירת־נפש און מוט פון די קנאים איז זיי געלונגען אָפּ־צוהאַלטן קורצדויערנדיקע מיליטערישע נצחונות איבערן רוימישן מיליטער און דאָס האָט געשפּײַזט זייער דעטערמינאַציע צו קעמפן אָן פשרות מיט דער רוימישער מאַכט.

אין גאַנצן אָן אַ זײַט בנוגע די אַקטועלע פּאָליטישע פּראָבלעמען זע־נען געשטאַנען די אסיים, אַ קלײנע אָבער גײַסטיק אויספּאָרמירטע סעקטע. זי האָט אָפּגעוואָרפן אין גאַנצן די מלוכהשאַפט, געווען אַפּאָליטיש און אויך אַנאַציאָנאַל, נישט געהאַט קיין שום נאַציאָנאַלע, געזעלשאַפטלעכע צילן. זיי האָבן זיך דערווײַטערט פון די צענטערס און אָפּגעשיידט פון אַרומיקן לעבן.

די סאָציאַל־פּאָליטישע און עקאָנאָמישע דיפערענצן האָבן אויך באַקו־מען זייערע רעפלעקסן אין דער גײַסטיקער יורונג אין יהודה.

דאָס גרעסטע און וויכטיקסטע פּראָבלעם איז געווען די באַציִונג צו דער נאַציע. די צדוקים האָבן געהאַט אַ פּראַגמאַטישע באַציִונג צו דער פראַ־גע. ווי לאַנג יהודה איז געווען פּאָליטיש זעלבשטענדיק זענען זיי געשטאַנען אין שפּיץ פון דער נאַציע, זי פאַרטיידיקט קעגן אויסערלעכע אָנפאַלן. אונ־טער דער רוימישער אויבערהערשאַפט האָבן זיי געוואָלט זײַן די רעפּרע־זענטאַנטן פון רוים איבער דער טעריטאָריע. אַזוי ווי דער קאָנפליקט מיט רוים האָט זיך געענדיקט מיט דער דעטעריטאָריאַליזאַציע פון פאָלק און מיט דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג פון אַ פּאָליטיש לעבן — האָבן זיי אויפגעהערט צו עקסיסטירן, ווײַל זיי האָבן קיין מאָל נישט פאַרמאָגט קיין נאַציאָנאַלע צילן, וואָס זאָלן נישט זײַן געבונדן מיט טעריטאָריע, מיט לאַנד.

דערצו נאָך זענען זיי געווען אַן אַסימילירטער און אַסימילירנדיקער שיכט און זיי האָבן שנעל זיך אַרײַנגעגאָסן אין רוימישן שמעלצטאָפּ. אַ קלײנער מער טראַדיציאָנעלער טייל האָט זיך פאַראייניקט מיט די מעסיקע פרושים.

די פרושים האָבן זייער גאַנצע גײַסטיקע טעטיקייט פאַרבונדן מיט נאַ־ציאָנאַלע שטרעבונגען. די ייִדישע אמונה איז אין איר פּאַטענץ אַן אוני־

ווערסאַלע לערע, אָבער אין דער פּראַקטיק — אַ נאַציאָנאַלע. דאָס איז גע־שען צוליב די רעאַלע פאַרהעלטענישן אין יענער צײַט. די פּרושים האָבן געזען, אַז די ייִדישע מלוכה איז אַ צו שוואַכע ראַם פאַר דער נאַציע. פעל־קער זענען אונטערגעגאַנגען, צעשוווּמען געוואָרן. צו קענען בלײַבן, צו עק־סיסטירן, האָט מען געמוזט נוצן אַ שטרענג רעליגיעזע דיסציפּלין. אַ ריין עטישע דיסציפּלין איז געווען וויניק. אײַנצוהאַלטן די נאַציאָנאַלע אייגנאַרט האָט מען געדאַרפט אויפבויען אַ סיסטעם פון אַ ריטואַל, אַ געזעצגעבונג, וואָס זאָל אַרומנעמען יעדן שריט פון טאָג־טעגלעכן לעבן. נאָר אַזוי האָט מען געקענט אײַנהאַלטן די עטישע דיסציפּלין. דעריבער האָבן די פּרושים מיט אַזאַ אייפער זיך גענומען אויסצואַרבעטן די הלכה.

מיטן פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלן קיום איז געבונדן דאָס פילאָסאָפישע פּראָבלעם: נאַציאָנאַלע רעליגיעזקייט אָדער אַ פּערזענלעכע. נאַציאָנאַלע רעליגיעזקייט איז בײַ די נביאים געווען דאָס הויפּטפּראָבלעם. מיטן פאַר־לירן די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט און מיטן אויסקעמפן זיך אַן אינער־לעכע אויטאָנאָמיע אונטער פרעמדער הערשאַפט איז געוואַקסן די אידעע פון פּערזענלעכער אינדיווידועלער רעליגיעזיטעט. בײַם לעצטן זענען אַלע מענטשן גלײַך. דאָס האָט געבראַכט צום אוניווערסאַליזם, אָבער אויך צו זײַן פאַרקריפּלטער פאָרם — קאָסמאָפּאָליטיזם. אויך די אידעע פון משיח־אויסלייזער האָט געשטעלט די פראַגע: וועמען אויסלייזן? די נאַציע, צי די פּערזענלעכקייט?

יחזקאל, ירמיהו האָבן צוליבן פאַרלירן דאַמאָלס די פּאָליטישע זעלב־שטענדיקייט געפּריידיקט אַן אינדיווידואַליסטישע רעליגיעזקייט, אָבער זי שטאַרק געבונדן מיטן פאָלק, אַרײַנגעפּאַסט זי אין נאַציאָנאַלע ראַמען. דער יחיד, דער ייִד, דאַרף אַליין, אומאָפּהענגיק פון זײַן כלל, פון זײַן נאַציע, טראָגן די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, נאָר דער ציל דאַרף זײַן נישט קיין אינדיווידואַליסטישער, נאָר אַ נאַציאָנאַלער — אויסלייזן דאָס פאָלק.

דאָס האָבן איבערגענומען די פּרושים. זיי האָבן געהאַט אַן אָפּנויג צום אינדיווידועלן השתפכות־ הלב, געזוכט צו שטאַרקן דאָס רעליגיעזע גע־פיל בײַם יחיד, מאַכן אים פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זײַנע מעשים. נאָר דער ענדציל איז בײַ זיי געווען אַ נאַציאָנאַלער: שטאַרקן און אויסלייזן די אומה.

אין דער פראַגע איז די פּרושים־באַוועגונג, וואָס איז געווען דורכויס

נאַציאָנאַל, זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט די אסיים און זייערע נאָכפאָלגער די קריסטן. די אסיים האָבן געהאַט אַ פּאַסיווע באַציִונג צו די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, אָבער זיי זענען געבליבן אין דער נאַציע. די קריסטן אָבער — אַפילו די גאָר ערשטע ייִדן־קריסטן — האָבן אָפּגעוואָרפן יעדן נאַציאָ־נאַלן ציל, נאָר אונטערגעשטראָכן די אויסלייזונג פון יעדן יחיד. אין די מאָ־מענטן פון גרעסטן נאַציאָנאַלן אָנשטרענג און קאַמף פאַרן קיום פון פאָלק, ווען עס האָט פאַרלוירן דאָס לאַנד און די אומאָפּהענגיקייט (חורבן־ירושלים, בר־כוכבא־אויפשטאַנד) האָט דאָס ייִדן־קריסטנטום פאַרראַטן די נאַציאָ־נאַלע אידעע און אַרויסגעוויזן אַ בולט־נעגאַטיווע באַציונג.

די אסיים און קריסטן האָבן געוואָלט ראַטעווען דעם יחיד. משיח וועט ראַטעווען די נשמה. דאָס איז נישט געווען ניַי און אויך שפּעטער האָט חסי־דות איבערגענומען די שיטה פון דעם אינדיווידואַליזם. אָבער חסידות האָט נישט אַרויסגעריסן דעם מענטש פון נאַציאָנאַלן קריַיז, געווען אין די צילן עקסטרעם נאַציאָנאַל און צו דער רעליגיעז־ריטועלער צוים נאָר צוגעגעבן אויך אַ מיסטישע מחיצה. די אַרומיקע נישט־ייִדישע וועלט האָט פאַר חסי־דות נישט עקסיסטירט. אין חסידות איז אויך נישט געווען קיין אַסימילאַ־טאָר ווי פּאַולוס און זיי האָבן נישט געוואָלט געווינען די גאַנצע וועלט ווי די קריסטן.

קאָסמאָפּאָליטיזם האָט לאַנג באַהערשט די מוחות פון די קריסטן, אַפי־לו ווען זיי האָבן געשאַפן נאַציאָנאַלע מלוכות. אינטערעסאַנט איז, אַז אין דער ניַיער ציַיט איז דער קאַמף פאַרן אַנטשטיין פון די נאַציאָנאַלע מלוכות געווען פאַרבונדן מיטן קאַמף קעגן דער קירך.

עס איז געווען זייער נאַטירלעך — און פאַרן ייִדישן פאָלק אַ נויט־ווענדיקייט — דאָס אָפּטיילן זיך פון קריסטנטום פון דעם ייִדנטום און פון יודאַיִזם, וואָס זענען תמיד געווען נאַציאָנאַל. די שפּאַלטונג איז געווען אָפּ־צוטיילן די ריין־יחידישע רעליגיעזע אידעע פון דער רעליגיעז־נאַציאָנאַ־לער אידעע און מאַכן פריַי דעם וועג פאַרן קאָסמאָפּאָליטיזם, פאַר אַ וועלט־רעליגיע. ביַי ייִדן איז די נאַציאָנאַלע אידעע געווען פאַרבונדן מיט דער רעליגיעזער און ביז היַינטיקן טאָג איז שווער זיי פונאַנדערצוטיילן.

ישו האָט אינערלעך איבערגעריסן מיטן ייִדנטום, הגם ער האָט גע־

פריידיקט בלייבן אין די ראַמען פון דער נאַציע. ער האָט פאַרבאָטן צו פריי־דיקן פאַר געצנדינער און שומרונים.

די אינדיווידואַליסטישע לערע פון ישו — און פון זיינע פאָרגייער און נאָכפאָלגער — באַפּוצט מיט דער מיסטיק פון די אסיים און נישט מיט זייער פילאָסאָפיע — האָט אין די אויגן פון די פרושים און קנאים אויסגעזען ווי אַנטי־נאַציאָנאַל. זיי האָבן געהאַלטן, אַז ישו׳ס „גאָטס קעניגרייך" איז טאַקע שיין, נאָר געווגוג פאַר איין מענטש, אָבער ווינציק צו שטאַרקן די נאַציע. ביים פעלן פון דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער דיסציפּלין האָט מען געמוזט זאָרגן פאַר דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער דיסציפּלין.

אַ סך געהאָלפן צו פאַרשפּרייטן דאָס קריסטנטום האָט דאָס, וואָס אין די תּפוצות האָט דאַמאָלס עקסיסטירט אַ „דייטשמעריש" ייִדנטום, שטאַרק העלעניזירט, וואָס האָט געזוכט אַ פאַרבינדונג מיט דער רוימישער וועלט און מיט איר פילאָסאָפיע. זיי האָבן טאַקע פּראָפּאַגירט אַן עטישן מאָנאָטעיזם, וועלכן זיי האָבן געוואָלט פאַראייניקן מיט דער העלעניסטישער ציוויליזאַציע. די גרויסע העלעניזירטע מאַסע, וואָס האָט שוואַך אָפּגעהיטן דעם ריטואַל און די שווערע געזעצגעבונג, איז ביסלעכווייז אָפּגעפרעמדט געוואָרן און געווען אַ גוטער מאַטעריאַל פאַר די געצנדינערישע קריסטן, וועלכע זענען אויסערלעך נאָך געווען נאָענט, אָבער אינערלעך שוין געווען ווייט פון ייִדנטום. דאָס געצנדינערישע קריסטנטום מיט אַ ייִדישן יחוס האָט אָפּעלירט צו די גוט־סיטויִרטע פאַרגעניגן־זוכנדיקע העלעניזירטע ייִדן.

וואָס שווערער דער יאָך פון די רוימער, וואָס מער אומזיכער די לאַגע פאַר די ייִדן אין דער רוימישער אימפּעריע (און זייער צאָל איז געווען גרויס. ביים חורבן זענען פאַרטריבן געוואָרן אַ קנאַפּער מיליאָן ייִדן) — אַלץ מער האָט מען אַכט געלייגט אויף די נייע באַגריפן וועגן יענער וועלט און אויף דער משיח־האָפענונג. דעם משיח־געדאַנק האָבן די תּנאים פאַרבונדן מיט די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען. זיי האָבן אַריינגעפירט אין ריטואַל, אין די פערזענלעכע תּפילות, אין אַראָפּרעדן זיך פון האָרץ פאַר גאָט, — שטאַרקע נאַציאָנאַלע מאָטיוון. דאָס גלייבן אין אַ משיח בן־דוד (קעגן די לעצטע העלעניזירטע חשמונאים) און דאָס איבערחזרן דעם „בשנה הבא בירושלים" איז געווען די נאַציאָנאַלע ראַם, וואָס האָט אַרומגענומען די נייע אינדיווי־

דואַליסטישע רעליגיעזיטעט, זי זאָל נישט צעשווומען ווערן אין קאָסמאָ־פּאָליטישן ים.

דאָס צעשפּרייטן די פּאַרטריבענע פון יהודה איבער דער רוימישער אימפּעריע האָט געשטאַרקט דאָס נאַציאָנאַלע געפיל ביי די יידן אין דער דיאַספּאָראַ, געמערט זייער האַס און שנאה צו רוים.

די נייע באַגריפן פון שכר־ועונש אויף יענער וועלט איז געווען אַ פּראָבלעם פון דער טאָג־טעגלעכער עקסיסטענץ, פון דער רעאַליטעט, וואָס האָט נישט אַנטשפּראָכן דעם געפיל פון געטלעכער גערעכטיקייט. נאָך איוב האָט געשטעלט די קשיא און אויך אין תהילים געפינען מיר די טענות, פאַר וואָס דעם צדיק איז שלעכט און דעם רשע גוט. די נייע באַגריפן האָבן דאָס געוואָלט פאַרענטפערן די דאָזיקע שווערע האַרבע שאלה. דער ענטפער איז געווען נייטיק צו קענען דערפירן צו אַ גלייכגעוויכט דעם גלויבן מיט דעם לעבן.

אין די נייע באַגריפן איז אויך אַריין — מסתמא אונטער דער ווירקונג פון די פאָלקסמאַסן — דער באַגריף פון תחית־המתים. דאָס איז געווען אַ געלייטערטע פאָרם פון די אָריענטאַלע מיסטעריעס אין אַלע אַלטע רעליגיעס. די געטער פלעגן בלוטיקן, שטאַרבן, כדי ווידער אויפשטיין לעבעדיקע. דאָס איז געווען די אָפּשפּיגלונג פון נאַטור־פּראָצעס, פון פרילינג־דערוואַכונג.

דאָס קריסטנטום, וואָס איז געווען סינקרעטיסטיש, האָט די מיסטעריען גענומען פון מיטראַ־קולט, וואָס איז אין יענער צייט געווען פּאָפּולער אין געצנדינערישן רוים, וואָס האָט זיך שוין נישט באַגנוגנט מיט די צו אייגפאַכע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע. די מיטראַ־מיסטעריען זענען געוואָרן די גרונטבאַזע פאַרן קריסטלעכן ריטואַל און גלויבן.

דער מיטראַ־קולט האָט געשטעקט אין דער פּרעהיסטאָריע. קיין רוים איז ער געקומען אין די צייטן פון פּאָמפּעוס. מיטן איינגלידערן אין די רוימישע לעגיאָנען קליינאַזיאַטישע זעלנער האָט ער זיך שטאַרק פאַרשפּרייט. אגב, האָבן שפּעטערדיקע קיסרים, קאָמאָדוס און דיאָקלעציאַן, געפּרווּוט דעם מיטראַ־קולט אויסשפּילן קעגן קריסטנטום. אַנדערע קיסרים האָבן אויך געבויט טעמפּלען פאַר מיטראַ. אָבער די קריסטן האָבן

זיך אָן עצה געגעבן און תּיכּף אַרײַנגענומען דעם מיטראַ־קולט אין זייער ריטועלן צערעמאָניאַל. דער מיטראַיִזם איז אויך אויסערלעך געווען נאָענט צום קריסטנטום. צווישן די מיטראַ־סימבאָלן איז אויך געווען אַ קרייץ. אין מיטראַ־קולט זענען געווען מיסטעריען מיט קאָמוניעס פון ברויט און ווײַן. די ליטורגיע איז געווען ענלעך. זייער תּחית־המתים האָט דער־ציילט וועגן אַ מאַרטירער־גאָט, וועלכער קומט און באַזיגט דאָס שלעכטס. זיי האָבן געהאַלטן פון טויפן מיטן בלוט פון אַן אָקס א״א.

אין אידעיִשן טייל איז אויך דער מיטראַ־קולט געווען נאָענט צום קריסטנטום. ער איז געווען קאָסמאָפּאָליטיש. ער איז אויך געווען געבונדן מיטן קיבעלאַ־קולט פאַר פרויען. דאָס הייסט דער מיטראַ־קולט האָט פאַר־מאָגט די זעלבע סינקרעטיסטישע שטריכן וואָס דאָס קריסטנטום.

מיטראַ איז אַ פּערזאָניפיצירונג פון זון, ליכט אין דער זאַראַטוסטראַ־רעליגיע. ער איז געווען אַ געהילף בײַ אַרמוזד. ער איז געריטן אויף אַן אָקס (סינקרעטיש מיטן אַפּיס־קולט), אים געשאָכטן, און פון זײַן בלוט איז געוואָרן תּבואה און ווײַן. נאָכן לעצטן אָוונטברויט (די קריסטן האָבן פון דאָ גענומען אָט די לעגענדע) איז ער אַרויף אין הימל ווי אַ לאָגאָס, אַ פאַרמיטלער צווישן דעם אַלמעכטיקן און דער וועלט. די מיטראַ־מיסטע־ריען מיטן ברענגען אַ קרבן, אַן אָקס, אויפעסן אים, טרינקען אַ באַרוישנ־דיקן ווײַן האָאָמאַ HAOMA זענען פאָרגעקומען בײַ נאַכט.

דאָס קריסטנטום האָט אײַנגעזויגן און איבערגענומען דעם מיטראַ־קולט, סײַ די אידעע פון אַ געטלעכן פאַרמיטלער (בײַ קריסטן — גאָטס זון), סײַ די ריטועלע מיסטעריען און סימבאָלן. דאָס קריסטנטום האָט באַזיגט דעם מיטראַ־קולט, ווײַל עס איז געווען מער סינקרעטיסטיש און מער אײַנפאַך־צוגענגלעך פאַר אַלע. אַ געוויסע ראָל האָט דאָ געשפּילט דאָס, וואָס דאָס קריסטנטום האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי אַן אַלטערנאַטיווע צום פאַרעלטערטן פּאָליטעיִזם, צום עקסיסטירנדיקן סדר און אָפּעלירט צו אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

די קריסטלעכע טעאָלאָגיע וויל זיך נישט באַקענען צו אָט דער געצנ־דינערישער אָפּשטאַמונג. גיכער וויל זי אַ יידישן יחוס. די קריסטלעכע טעאָלאָגן נעמען אָן פילאָן דעם אַלעקסאַנדריער אַלס דעם פילאָסאָפישן באַ־גרינדער פון דער קריסטלעכער וועלטבאַנעמונג. פונקט אַזוי ווי זיי האָבן

פון די אסיים איבערגענומען נאָר די מיסטיק און נישט זייער עטיש־סאָציאַלע לערע, אַזוי האָבן זיי אויך איבערגענומען אויסערלעכע און זײַטיקע פּרטים פון פילאָנס פילאָסאָפיע: דעם טײַטש פון לאָגאָס און די מיסטישע אומקלאָרע אַרויסזאָגונגען. אָבער פילאָנס עטישן מאָנאָטעיִזם האָבן זיי אָפּגעוואָרפן. דאָס זעלבע איז געווען מיטן יידנטום. זיי האָבן גענומען די אויסערלעכע צייכנס פון די באַגריפן יענע וועלט און משיח, אָפּזאָגנדיק זיך פון די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעען. אַפילו די סאָציאַלע אַקצענטן בײַ ישוע זענען אַנטי־רעוואָלוציאָנערע.

גאָר שאַרף איז בײַ די קריסטן געווען דאָס פּראָבלעם פון אויסלייזונג. די טעאָלאָגן זייערע ווילן עס אַרויספירן פון יידנטום. עס האָט זיי אימפּאָנירט די אַלטע רעליגיע, איר כּוח און אויסהאַלטעוודיקייט. בכלל איז אַלטקייט אין יענער צײַט געווען אַ באַגריף פון ריכטיקייט. זיי האָבן ציטירט פון פילאָנס „דאָס לעבן פון משה" (קאַפּ. 8) „לאָגאָס, דער כּהן־גדול, קען חתונה־האָבן נאָר מיט אַ יונגפרוי, וועלכע וועט קיין מאָל — און דאָס איז פּאַראַדאָקסאַל — נישט ווערן קיין פרוי". זיי האָבן פילאָנס מליצהדיקע סימבאָליק אָנגענומען בוכשטעבלעך. זיי האָבן אויך געשטיצט זיך אויף אַ פּסוק אין ישעיה.

דאָס האָט זיי נישט געשטערט אײַנצושלינגען אַ סך אויסלייזונגס־מיסטעריען פון אַלע דאַמאָלסדיקע קולטן: אָזיריס, איזידאַ, קיבעלאַ, מיטראַ א"א.

דער גלויבן אין אַן אויסלייזער — דער סאָטעריזם — איז געווען אַן אַלגעמיינע דערשײַנונג אין רוים און געווען אַ רעזולטאַט פון די צעטרייסלטע יסודות פון שקלאַפן־סיסטעם. דאָס האָט זיך אויך געבונדן מיט פאַרשידענע נביאות, אַפּאָקאַליפּטישע וויזיעס. שטאַרק פּאָפּולער זענען געווען די סיביללער נביאות. קען זײַן, אַז יידן האָבן עס רעדאַגירט נאָך דער שׂריפה אין קאַפּיטאָל, ווײַל די סיביליען פאַרמאָגן אַנטי־רוימישע טענדענצן, סאָציאַלע לאָזונגען און די משיחישע נביאות זעט פאַר אַן אידעאַלע וועלט אָן אָרעמע, אָן שקלאַפן.

דאָס קריסטנטום איז געווען אַ געמיש פון העלעניזם, אָריענטאַלער מיסטיק און יודאַיזם. צוליב טאַקטיש־פּראָפּאַגאַנדיסטישע טעמים און דעם פּרימאַט פון מאָנאָטעיִזם — האָבן די קריסטלעכע טעאָלאָגן אָפיציעל אָנ־

געבונדן זייער טראַדיציע צום יודאַיזם, כאָטש זייַנע עלעמענטן זענען געווען ווייַט פון ייִדנטום.

מיר זעען אין דער אַנטוויקלונג פון קריסטנטום דרייַ פּאַזן: די ערשטע איז די דערוואַרטונג פון אַ משיח און די צוגרייטונג דערצו דורך פּערזענלעכן אַסקעטיזם. דער פאָרשטייער פון דער ריכטונג איז געווען יוחנן המטביל.

די צווייטע פּאַזע איז די א.ג. אַנטפּלעקונג פון ישו הנוצרי און דאָס אינערלעכע אָפּרייסן זיך פון די צילן און אידעען פון נאַציאָנאַלן ייִדנטום.

די דריטע איז פאַרבונדן מיט שאול־פּאַולוס און האָט געפירט די פּראָפּאַגאַנדע אויסער די ראַמען פון ייִדישן לעבן און האָט אויך פאָרמעל איבערגעריסן מיטן אָפיציעלן יודאַיזם.

צי האָט ישו עקסיסטירט, און צי האָט אויך עקסיסטירט אַזאַ שטעטל ווי נצרת ווייסט מען נישט קלאָר. נצרת שטאַמט פון וואָרט נצר — אָפּהיטן. נוצרים — אָפּגעהיטענע. אפשר אַ נאָמען פאַר די אסיים, משיח־פּריידיקער. ישו — כריסטאָס איז געווען אַ פּאָפּולערער נאָמען פאַר די פּריידיקער פון אויסלייזונג און געקענט זייַן אַ כלל־נאָמען. טייל געלערנטע האַלטן, אַז ישו איז אַ פאַרקירצונג פון צווייטראַנגיקן גאָט פון צפונדיקן (גלילער) שבט אפרים — יהושוע, וואָס אין דער ייִדישער געשיכטע איז ער אַרייַן אַלס דער, וועלכער האָט די ייִדן אַרייַנגעבראַכט אין לאַנד כנען.

גליל איז געווען דער רעוואָלוציאָנערער קעסל אין יהודה. דאָרט האָט דאָמינירט דער פרייַער אָרעמער פויער. פון דאָרט זענען געקומען די קנאים און אויך די משיח־פּריידיקער. פון דאָרט שטאַמען דאָס ישו׳ס א״ג „סאָציאַלע דרשות״, אָדער דער זאָג, אַז פונקט ווי אַ קעמל קען נישט אַדורך אַ לעכל פון אַ נאָדל, קען קיין רייַכער נישט אַרייַן אין גן־עדן.

ישו האָט צוגעזאָגט די אָרעמע יענע וועלט, אָבער בנוגע דער וועלט האָט ער געפּריידיקט הכנעה.

לאָמיר זען זייַן שטעלונג צו די געזעלשאַפטלעכע שטראָמען און פּאַרטייען פון זייַן צייַט.

ישו איז אַרויסגעטרעטן קעגן די אידעען פון די נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע קנאים. ער האָט געפּריידיקט פּאַסיוויקייט („אויב עמעץ וועט

דיר געבן אַ פּאַטש אין דער רעכטער באַק, שטעל אונטער די לינקע"), געבענטשט די רודף־שלומניקעס פון אַלע מינים מיטן זאָג „האָב ליב דײַ־נע פײַנד". דאָס איז אויך געווען אַ לאָיאַליטעט־דערקלערונג צו רוים. ווען מען האָט אים געפרעגט צי מען דאַרף צאָלן די שווערע שטײַערן דעם נאַציאָנאַלן שונא האָט ער געענטפערט: „גיב אָפּ דעם קיסר, וואָס עס איז קייסערלעך", ד"ה דאָס געלט וואָס האָט דעם קיסרס פּאָרטרעט.

די צדוקים האָט ער אָנגערופן ווינציק־גלויביקע און זײַן סאָציאַלן פּראָטעסט קעגן די רײַכע האָט ער שוואַך אַרויסגעבראַכט אין זײַנע "דר־שות".

אַ באַזונדערס שאַרפן שטרײַט האָט ער געהאַט מיט די פּרושים. קעגן זיי האָט ער אַרויסגערוקט די אידעע פון פּערזענלעכער רעליגיעזיטעט נישט געבונדן מיט נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע. ער איז געווען אַ שאַרפער קעגנער פון יעטווועדער נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע, אָבער נישט געוואָגט אָפּן צו אַטאַקירן די פּרושים אויפן דאָזיקן געביט. ער האָט בעסער אויס־געקליבן צו קריטיקירן דעם רעליגיעזן פאָרמאַליזם, וואָס האָט זיך גע־האָט אַרײַנגעכאַפּט אין אַזאַ גרויסער און ברייטער באַוועגונג. דער רע־ליגיעזער פאָרמאַליזם האָט באַזונדערס געשטערט ישוס אָנהענגער, די גלי־ליער פּויערים און עם־הארצים. דערבײַ האָט ער אַרויסגעהויבן די האַרץ־רעליגיע איבער דעם לומדות. אָט דער לעצטער אַרגומענט האָט דאָס גע־בראַכט צו אַ פאַלשן פאַרגלײַך צווישן קריסטנטום און חסידות, וואָס טייל יידישע היסטאָריקער האָבן דורכגעפירט.

פון אַן אָנהענגער און פּריידיקער, אַז עס קומט אַן אויסלייזער איז ישו אַליין געוואָרן — אין זײַנע אייגענע אויגן, לויט דער עוואַנגעליע — אַן אויסלייזער. זײַנע אָנהענגער און שונאים האָבן דאָס אויסגעדריקט אין מיסטישע טערמינען: מלך היהודים און געטלעכער זון. דאָס ערשטע האָט געשראָקן די רוימער, דאָס צווייטע — די יידן.

די רוימער האָבן אויך נישט געקענט אונטערשיידן צווישן די קנאים און די משיח־אָנזאָגער צוליב זייער געמיינזאַמען סאָציאַלן אָפּשטאַם און סאָציאַלן כאַראַקטער פון זייערע דרשות. זיי האָבן נישט דערזען די אַפּאָ־ליטישקייט פון ישון און אַנדערע משיח־פּריידיקער, זייער אידעיִש־גײַס־

טיקע קעגנערשאַפט צו די נאַציאָנאַלע און במילא רעוואָלוציאָנערע שטרע־בונגען פון די ייִדן.

דאָס ייִדנטום איז געווען אַ שוין אָנערקענטע רעליגיע, געווען שטאַרק נאַציאָנאַל, און אַלס כּלל נישט געזוכט קיין אָנהענגער. אָבער דאָס קריסטנ־טום האָט אַרויסגערופן אַ חשד בײַ די רוימער צוליב זייער אַגיטאַציע צווישן די געצנדינער און שקלאַפן.

רוים האָט איבערגעלעבט אַ סאָציאַל־פּאָליטישן קריזיס נאָך הונדער־טער יאָרן פאַרן פונאַנדערפאַל. דאָס אײַנגעמען אַזוי פיל פאַרשידענע לענ־דער מיט זייערע אייגנאַרטיקע קולטורן האָט געבראַכט צו אַ סינקרעטיזם נישט בלויז אין רעליגיעז, נאָר אויך אין קולטורעלן געביט. דאָס האָט אָבער גלײַכצײַטיק געבראַכט מיט זיך אַ פרײַערן ברייטערן בליק און אַ העכערן לעבנסניוואָ. דאָס געצנדינסט איז געוואָרן צו איינפאַך און אירע אומפּערפעקטע שטריכן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצוווײַזן. צו פיל גע־טער זענען געפאַלן, אַז דער אָפּשײַן פון זייער מפּלה זאָל נישט אָפּשלאָגן זיך אויף די זיגערישע געטער פון העלעניזירטן רוים. חוץ דעם האָט זיך דער סאָציאַלער קאָנפליקט אין דער שקלאַפן־געזעלשאַפט פאַרשאַרפט. וואָלטן נאָך די צעבונטעוועטע שקלאַפן אַוועק, אַנטלאָפן, — וואָלטן זיי קנאַפּ באַדראָט די אימפּעריע. אָבער זיי האָבן נאָך אין ספּאַרטאַקוס־אויפ־שטאַנד געוויזן, אַז זיי ווילן נישט אַוועק פון רוים, נאָר באַהערשן רוים. די דאָזיקע שטרעבונג צו באַהערשן רוים האָט זיך געצויגן ביז צו נאָ־פּאָלעאָנען.

אינערלעך האָט זיך אויך אין רוים אַ סך געביטן. עס איז געוואָרן אַ פיל־נאַציאָנאַלער שטאַט און אַ פיל פעלקערדיקע מלוכה. רוים איז גע־וואָרן אַ געזעלשאַפט פון באַפרײַטע שקלאַפן, ליבערי, און נאָך עקסיס־טירנדיקע שקלאַפן. אָפט זענען די שקלאַפן־באַזיצער געשטאַנען קולטורעל נידעריקער פון זייערע שקלאַפן, צווישן וועלכע עס זענען געווען גע־לערנטע און פילאָסאָפן צווישן די געפאַנגענע ייִדן און גריכן. די שקלאַפן־באַרבאַרן פון די גאַלישע און גערמאַנישע פּראָווינצן האָבן ווידער גע־בראַכט מיט זיך די דעטערמינאַציע אומצוברענגען זייערע באַדריקער.

די רוימישע אימפּעריע האָט זיך געטרייסלט. דער ספּאַרטאַקוס־אויפ־שטאַנד האָט אָנגעזאָגט דעם שטורעם. רוים האָט זיך גענייטיקט אין נײַע

מיטלען איינצוהאַלטן די אימפעריע. די זיגערישע לעגיאָנען האָבן געקענט איינגעמען לענדער, אָבער נישט באַפעסטיקן די מאַכט. רוים האָט זיך גע־נייטיקט אין אייניקייט. זי האָט געגעבן די נישט־רוימער בירגעררעכט, אָבער דאָס איז געווען ווייניק. זי האָט זיך גענייטיקט אין אַ גײַסטיקן צע־מענט. זי האָט באַדאַרפן אַ רעליגיע, וואָס זאָל זײַן מאָנאָליט און קאָס־מאָפּאָליטיש. דער סינקרעטיזם פון פּאָליטעיִזם האָט נישט אויסגעהאַלטן די פּראָבע. רוים האָט זיך אויך גענייטיקט אין אַזאַ רעליגיע, וואָס זאָל זײַן אַ זיכערקייט־קלאַפּע פאַרן אויפרײַסשטאָף, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין סאָציאַלן קעסל. דאָס האָט געקענט זײַן דער גלויבן, אַז די באַלוינונג פון מענטשנס מעשים מוז נישט זײַן אויף דער וועלט, נאָר מען קען עס איבעררוקן אין דער נישט־רעאַלער צוקונפט, אויף יענער וועלט.

חוץ דעם האָט פאַר דער פאַרשידנאַרטיקער ריזיקער אימפעריע נישט געטויגט דער העלענישער פּעסימיסטישער קוק אויפן וועלט־סדר, אַז די וועלט גייט צו כאַאָס. גיכער האָט דאָס צעטרייסלטע רוים געדאַרפט אַ פי־לאָסאָפיע, וואָס זאָל פּריידיקן, אַז עס איז פאַראַן אויף דער וועלט אַ האַר־מאָניע, אַ סדר פון אָרדענונג. אָט די געטלעכע האַרמאָניע האָט דאָס אײַנ־געשטעלט דעם עקסיסטירנדיקן וועלט־סדר. דערפון האָט זיך גענומען די פאַראינטערעסירונג מיטן יידישן גלויבן, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף אַ האַרמאָנישן וועלט־סדר. רוים האָט אָבער נישט געקענט פאַר־דייען די עטיש־סאָציאַלע מאָטיוון פון יידנטום. חוץ דעם האָט דער טייל רוימישע פּאַטריציער, וועלכע האָבן זיך באַקענט מיטן יידנטום דורך די געפאַנגענע יידישע פּרינצן און מכובדים, נישט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פון זייער אַרט לעבן. אַ סימביאָז פון זייער שטייגער מיטן יידישן גלויבן האָט נישט געקענט זײַן.

די צעשפּרייטונג פון די יידן אין דער רוימישער אימפעריע האָט פּאָ־פּולער געמאַכט דעם אייגנאַרטיקן און קולטורעל העכערן שטייגער פון יידישן לעבן. באַזונדערס האָט אַפּעלירט די אידעע וועגן עולם־הבא, שכר־ועונש און תחית־המתים. פון דער אַנדערער זײַט אָבער זענען די יידישע דינים געווען שווער אָפּצוהיטן, געווען נישט צוגעפּאַסט צום דאַמאָלסדיקן שטייגער, נישט צום לוקסוס פון די רײַכע, נישט צו דער פינצטערניש פון די אָרעמע. די יידישע אמונה איז געווען אַ רעליגיע פון פרײַע מענ־

טשן, פון קליינערדיקע אומאָפּהענגיקע פּויערים, וואָס אַזעלכע זענען שוין נישט געווען בנמצא אין דער מלוכה פון „ברויט און צירק".

חוץ דעם האָבן די תּנאים געוואָרנט נישט צו פּראָפּאַגירן און אַליין האָבן זיי פאַרגרעסערט און העכער געמאַכט די צוים אָפּצוטיילן זיך פון צעלאָזענעם רוים. איבעריקנס, מיטן פאַרלירן די אומאָפּהענגיקייט האָט דער פּראָזעליטיזם אויך פאַרלוירן זײַן אַטראַקציע. „יודעאַ קאַפּטאַ" איז געווען נישט בלויז אַ סאָציאַל־פּאָליטישע מפּלה, נאָר האָט אויך משפּיע געווען אויפן גײַסטיקן געביט.

די סיטואַציע האָבן אויסגענוצט די קריסטן. זייער אַפּאָליטישקייט, אַנאַציאָנאַלקייט און זייער קאָסמאָפּאָליטיזם, צוגלײַך מיט זייערע סינ־קרעטיסטישע שטרעבונגען, האָבן אַפּעלירט צו די פעלקער אין רוים. זיי האָבן מיט געשיקטקייט אויסגענוצט די צײַט, ווען די ייִדן זענען געווען פאַרנומען מיט די מלחמות, ווי אויך די צײַט פון חורבן, ווען דאָס ייִדנ־טום האָט געהיילט די ווונדן און געהאַט אַנדערע אויפגאַבן — און אַרויס־געשטעלט זיך ווי די פאַרטרעטער פון מאָנאָטעיִזם. דאָס באַנוצן זיך פון דער קריסטלעך־געצנדינערישער קירך מיטן ייִדישן יחוס ווײַזט ווי שטאַרק אָנגענומען דאָס ייִדנטום איז געווען.

בלויז תּחילת האָט רוים זיך באַציגן מיט חשד צום קריסטנטום, ווײַל די שקלאַפן האָבן מאַסנווײַז גענומען באַקערן זיך צום נײַעם גלויבן. חוץ דעם האָט דאָס קריסטנטום אין ערשטן פּעריאָד, אין איינקלאַנג מיט די אסיים־אידייען זיך אָפּגעזאָגט פון מיטאַרבעטן מיט דער רוימישער מלוכה, דינען אין מיליטער אד"גל.

פיל העלעניזירטע ייִדן האָבן זיך געפילט באַקוועמער אין דעם קריסט־לעכן קאָמפּראָמיס. אין יהודה גופא האָבן די האַלב־ און פערטל־ייִדן זיך גענויגט צום קריסטנטום. די פּרושים האָבן נאָך פריִער זיי געהאַט פון ייִדישן כּלל דערווײַטערט און אויסגעשלאָסן.

אַזוי האָט פּאַולוס געוווּנען די וועלט. ער איז נישט געווען דער ער־שטער צו פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן די געצנדינער. זײַן פאָרגייער איז געווען באַרבאַרוס אין אַנטיאָכיע. פּאַולוס האָט אָבער געמאַכט דעם דעצי־דירנדיקן שריט און אָפּגעשאַפט אַלע ייִדישע דינים, כּדי צו קענען געווי־נען די גאַנצע וועלט. ער האָט געשאַפן אַ סינקרעטיסטישע לערע נעענ־

טער צו דער געצנדינערײַ ווי צום ייִדישן מאָנאָטעיִזם. ישו איז סינקרע־טיזירט געוואָרן פון אַלע קולטן: אָזיריס, מיטראַ א״א. פּאַולוס האָט אָפּ־געריסן די משיח־אידעע פון נאַציאָנאַלן באָדן און געהאַלטן, אַז דאָס גלוי־בן אַליין אין ישון לייזט אויס פון אַלע זינד, ווײַל ישו האָט מיט זײַנע ליידן אויפן קרייץ אויסגעלייזט די זינד פון דער וועלט. עס איז געווען אין גײַסט פון דעם היסטאָרישן אָבערגלויבן, אַז פּונקט ווי מען קען אַ משא איבער־לייגן אויף אַ צווייטן, קען מען מיט זינד אויך אַזוי טאָן. די קירך איז מכפּר די זינד און אין מיטל־עלטער האָט זי געמאַכט גלענצנדיקע געשעפטן מיטן פאַרקויפן אינדולגענציעס, מיט פּאַרויס מכפּר זײַן די זינד, וואָס מען גרייט זיך צו טאָן.

דאָס איז געווען אין אַ בולטער קאָנטראַדיקציע צום ייִדיש־עטישן וועלטבאַנעם, אַז דער מענטש איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זײַנע מעשים און באַקומט דערפאַר זײַן שכר אָדער עונש. ביז הײַנט האַלטן ייִדן, אַז גאָט קען מוחל זײַן די זינד נאָר בין אדם למקומו, אָבער נישט בין אדם לחבירו.

דער העלעניזירטער ייִד פּאַולוס איז געווען אַ זעלבסטהאַסער. ער האָט ביטער באַקעמפט דעם עטיש־סאָציאַלן קאָדעקס פון ייִדישן גלויבן און די מאָראַלישע קאָמוניסטישע אידעען פון די אסיים, ערשטע ייִדן־קריסטן. אָפּוואַרפנדיק די ייִדישע הלכה איז די קריסטלעכע „עטיק" גע־וואָרן בלויז אַ פּוסטע פראַזע.

די קריסטן האָבן פון די פּאָפּולערע געצנדינערישע רעליגיעס גענו־מען דעם באַגריף פון גאָטס מוטער, גאָטס זון, אײַנגעפירט זונטיק אַלס הייליקן טאָג (גענומען פון מיטראַ־קולט. אגב האָבן זיי דערבײַ אָפּגעשאַפט אַלע סאָציאַלע צוגאָבן צום דאָזיקן סאָציאַלן געזעץ וועגן שבת־רו), און דעם 25טן דעצעמבער (אַ הייליקער טאָג אין מיטראַ־קולט, אויך בײַ אַנ־דערע קולטן, דער איבערברוך פון דויער פון די טעג) אַלס ניטל־נאַכט, די דאַטע פון ישוס געבורט. זיי האָבן געבאָרגט בײַ די געצנדינער דעם מתים־טאָג, די דאַטע פון מרימס אַרויפגיין אין הימל, גענומען פון דיאַ־נאַ־יום־טוב אין אויגוסט, די פײַערונג פון הייליקן יוחנן המטביל, גענו־מען פון וואַסער־יום־טוב אין יוני, אא״וו.

דאָס אָפּשאַפן די תורה און אירע געזעצן („משיח האָט אונדז אויס־

געקויפט פון דער תורה׳ס קללה״) האָט צעשטערט יעדן בונד מיטן יודאַ־איזם. פון דעסט וועגן איז נאָך לאַנג געבליבן אין דער קריסטלעכער טראַדיציע ייִדישע מנהגים לויטן זאָג פון ישוע, אַז ער איז נישט געקומען צו מינערן קיין איין דין פון ייִדישן דת. די ערשטע רוימישע פויפסן האָבן אָפּגעהיטן מילה, כשרות און שבת. ברית־מילה היט נאָך אויך הײַנט אָפּ די ענגלישע קעניגלעכע פאַמיליע. אויך דאָס פאַרהייליקן דעם תּנך האָט געהאַט אַ גרויסע באַטײַטונג פאַר ייִדן שפּעטער בעת די רדיפות צו שטאַרקן זייער דויערהאַפטיקייט.

די העכערע מאָראַל פון קריסטנטום אין פאַרגלײַך מיט די געצנדינער שטאַמט פון ייִדנטום.

די אײַנפלוסן פון ייִדנטום אויפן קריסטנטום האָט פאַולוס שאַרף באַקעמפט אַרויסטרעטנדיק קעגן די ייִדן־קריסטן, וועלכע האָבן אָנערקענט ישוע נישט אַלס גאָטס זון, וואָס איז געווען נישט אין הסכם מיט זייער ייִדישער דערציִונג, נאָר אַלס משיח־בן־דוד. זיי האָבן אויך אָפּגעהיט די דינים, כאָטש זיי זענען שוין געווען ווײַט פון די נאַציאָנאַל־ייִדישע שטרעבונגען. זיי זענען אַנטלאָפן פון די באַלאַגערטע שטעט בעת די מלחמות קעגן רוים, געווען לאָיאַל צו רוים. אין די שפּעטערדיקע בונטן און אויפשטאַנדן נעמען זיי נישט קיין אָנטייל און טייל מאָל טרעטן זיי אַרויס קעגן. קעגן זיי איז דאָס פאַרפאַסט געוואָרן די קללה אויף די מינים, וואָס האָט געמוזט געענדערט ווערן אויף מלשינים צוליבן זיג פון קריסטנטום.

לאַנג האָבן די ייִדן־קריסטן נישט עקסיסטירט. פאַולוס און זײַנע הייד־נישע נאָכפאָלגער האָבן זיי ביטער באַקעמפט צוליב זייערע איבערבלײַבענישן פון דער ייִדישער עטיק. בעת אַדריאַן האָט שטאַרק פאַרפאָלגט דאָס ייִדנטום, האָבן זיי צוליב מורא זיך פאַראייניקט פולשטענדיק מיט די געצנדינערישע קריסטן און זיך אָפּגעזאָגט פון זייער קאָמוניזם און גלײַכצײַטיק פון ייִדישן פאָלק. אַ זכר פון דעם קאַמף קעגן זיי איז געבליבן אין דער פּאָלעמיק פון פאַולוס קעגן די אביונים. אַ זכר פון זייער ביטערן קאַמף קעגן די ייִדן איז געבליבן אויך אין די עוואַנגעליעס. די סתירות און די פאַרשידענע רעלאַציעס שטאַמען אויך פון די פאַרשידענע אינטער־

פּרעטאַציעס פון דער געשטאַלט ישו, גענומען פון פאַרשידענע פאַרשטע־לונגען ביי פאַרשידענע פעלקער.

פּאַולוס׳ סינקרעטיזם און איינפירן געצנדינערייַ אונטערן מאַנטל פון מאָנאָטעיִזם האָט געבראַכט צו דעם, אַז אין קריסטנטום האָט זיך אַרייַנגע־כאַפּט דער גאַנצער סיסטעם פון אָרגיעס און מיסטעריען. אויף דערויף האָט פּאַולוס געפונען אַ מיטל — אויך נישט קיין יידישן — נזירות און אַס־קעטיזם. נישט פאַראַן ביי יידן קיין „קוואַל פון זינד״. דאָס אָפּשאַפן גטן האָט דאָס קריסטנטום רעקאָמענדירט אייַנצוהאַלטן די צעלאַזנקייט.

עס איז געווען אַן אומזיסטער קאַמף. אין רוים איז צעשטערט געוואָרן די אַנטוויקלטע ווירטשאַפט און מען האָט זיך צוריקגעקערט צו דער נאַטור־רעלער ווירטשאַפט און במילא צו די נאַטור־מיסטעריען, וואָס האָבן באַלד געפונען אַן אָרט אין קריסטנטום.

מיטן פאַלן פון גייַסטיקן ניוואָ איז אין די העכערע קלאַסן רייף גע־וואָרן דער געדאַנק פון אויפנעמען דעם פאַרבאַרבאַריזירטן מאָנאָטעיִזם אין געשטאַלט פון קריסטנטום.

כדי דאָס קריסטנטום זאָל ווערן די מלוכהשע רעליגיע אין רוים האָבן געווירקט אַ ריי מאָמענטן. קודם־כל די נייטיקייט פון איין רעליגיע, וואָס האָט געדאַרפט זייַן אָננעמבאַר פאַר אַלע טיילן פון דער אימפּעריע. קריסטנ־טום איז געווען די קאָסמאָפּאָליטישסטע און גלייַכצייַטיק אָם מערסטן אינ־דיווידואַליסטישע רעליגיע, וואָס האָט דעם מלוכה־אָרגאַניזם צו גאָרנישט מחייב געווען און איבערגעלאָזט אים פרייַע הענט צו האַנדלען פּראַגמאַטיש, ד״ה ווי עס וועט זיך לוינען. די קירך פאַרנעמט זיך נישט מיט די מעשים פון מענטשן צווישן זיך, נאָר מיט טעטיקייטן, וואָס רירן אָן די קירכלעכע דאָגמען. דער מענטש, אויף זייַן רעליגיעז געביט, איז נישט אַקטיוו אין אייַנשטעלן דעם וועלט־סדר. פאַטאַליזם איז דער געדאַנק, אַז ישו האָט שוין אויסגעלייזט אַלע זינד מיט זייַנע ליידן און טויט און אַלע, וועלכע גלייבן אין אים, זענען שוין באַפרייַט פון אַלע חטאים. נישט מענטשלעכע מעשים, נאָר בלינדער גלויבן איז דער מעסטער פון גוטס און שלעכטס, פון גיהנום און גן־עדן. דאָס איז אַן אוממאָראַלישער צוגאַנג צו עטיק און האָט געדינט די הערשער. אָם בעסטן שילדערט עס דער טשעכישער שרייַבער דרדאַ אין דעם מעשהלע:

„עס איז די צײַט פון די רעליגיעזע מלחמות אין אייראָפּע. עס קעמפן די קאַטאָליקן מיט די פּראָטעסטאַנטן פאַרן גלויבן. אַן אַלטע פרומע בתולה האָט שטענדיק צרות, חרפּות און בושות פון איר פלימיעניק, אַן אַוואַנטור־ריסט און ווײַבערניק, אַ גנב און אַן אויסוואָרף. עס קומט די צײַט און די פרומע גאָטספאָרכטיקע בתולה שטאַרבט — לאָזט מען זי נישט אַרײַן אין גן־עדן. עפּעס פעלט איר אַרײַן זי זאָל ראוי זײַן אָנצוקומען אין גן־עדן. שטייט זי אַ טרויעריקע אויפן וועג אין דרויסן און ווייסט נישט וואָס צו טאָן. אין דעם דערזעט זי ווי עס רײַט גלײַך אין גן־עדן אַרײַן אַ רעגימענט זעלנער, געפאַלענע אין שלאַכט פאַרן גלויבן. צו איר איבערראַשונג דער־זעט זי צווישן זיי איר פלימיעניק. אויף זײַן פראַגע וואָס זײַן מומעשי טוט דאָ, דערציילט זי אים די גאַנצע מעשה. הייסט איר דער פלימיעניק זיך אַוועקזעצן הינטער אים אויפן פערד. אָנקומענדיק צום טויער פון גן־עדן פרעגט דער הייליקער פּעטרוס, דער שומר פון טויער, ווער עס איז די דאָ־זיקע פרוי. ענטפערט דערויף דער פלימיעניק, אַז זי געהערט צום רעגימענט, זי איז די פּראָסטיטוטקע פון דעם רעגימענט. און אַזוי איז זי אָנגעקומען אין גן־עדן אַרײַן!"

דאָס קריסטנטום האָט זיך געבויט אויף היעראַרכיע. דאָס האָט פאַר־לײַכטערט די הערשער פון רוים אָנצונעמען די רעליגיע.

מיט קאָסמאָפּאָליטיזם, מאָנאָטעיִזם, אָפּאָליטישקייט און היעראַרכיע, מיט איין וואָרט — מיטן קריסטנטום האָט די רוימישע אימפּעריע אָפּגעלייגט איר אונטערגאַנג אויף אַ צײַט.

די ייִדן האָבן פאַרבאָטן צו פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַרן ייִדישן גלויבן, נישט רעקאָמענדירט מגיר צו זײַן. די מורא פאַרן פּראָזעליטיזם איז גע־ווען — חוץ פּאָליטישע אומשטענדן — אויך דאָס פאַרקרומטע בילד פון קריסטנטום, וואָס האָט געוווּנען מאַסן אָנהענגער, די וועלט־העגעמאָניע, אָבער דערבײַ פאַרלוירן די עטיש־סאָציאַלע ווערטן. די לאַגע איז געווען אַזאַ אַז די ייִדן זענען געווען געצוווּנגען זיך אַרײַנציִען אין דער שאָל, ווערן אַלץ מער נאַציאָנאַל אין דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטיק, הגם אין דער טעאָריע איז דער יודאַיִזם נאָך אַלץ געווען אוניווערסאַליסטיש.

דאָס פּאַרפּעסטיקן דעם בנין

א. די נייע געפאַרן

מיטן פולשטענדיקן פאַרלירן די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט זענען די יידן געוואָרן אויסגעשטעלט אויף גרויסע געפאַרן, עקאָנאָמיש־סאָציאַלע און נאַציאָנאַל־רעליגיעזע.

די רוימישע מלוכה האָט זיך געשטיצט אויף שקלאַפן־אַרבעט, און דער פרייַער פויער, וועלכער האָט געלעבט פון זייַן קליינער נחלה, האָט פאַרלוירן די מעגלעכקייט צו עקסיסטירן. די געזיכערטע האַנדלסוועגן אין דער ריזיקער אימפּעריע האָבן לייַכט געקענט אַריבערפירן די ביליקע פּראָדוקטן פון די גרויסע לאַטיפונדיעס און דערמיט רוינירן די זעלבשטענדיקע פויערים.

די רוימישע מאַכט, וואָס האָט אין אירע ערשטע צוגן צו דעראָבערן אַזיע און אַפריקע זיך באַנוצט מיט שליסן אָפּמאַכן און באַגרענעצנדיק זייער מאַכט איבערלאָזן די היימישע הערשער, האָט איצט זיך באַמיט צו אוניפיצירן דאָס פאַרוואַלטונגס־סיסטעם און אינקאָרפּאָרירן אַלע פאַרנומענע געביטן און באַשטימען פאַר זיי רוימישע באַאַמטע.

די אוניפיקאַציע האָט אויך אַרומגענומען דאָס נאַציאָנאַל־רעליגיעז לעבן. ווו נאָר זיי האָבן געקענט האָבן זיי אויסגעראָטן די נאַציאָנאַלע שטימונגען און דעם אָרטיקן קולט. דאָרט ווו דער קולט איז געווען צו פיל אייַנגעוואָרצלט האָבן זיי דורך סינקרעטיזם באַמיט זיך צוזאַמענגיסן די רעליגיעז־קולטורעלע באַגריפן.

דער קיסר־קולט איז נישט געווען קיין גרויסקייט־מאַניע, קיין קאַפּריז פון די רוימישע הערשער, נאָר אַ באַוווסטזיניקע פּאָליטיק, וואָס האָט געהאָט פאַר אַ ציל אייניקן די מלוכה אַרום דעם „געטלעכן אויגוסטוס״.

דאָס יידישע פאָלק איז געשטאַלטיקט געוואָרן פונקט אַנטיפּאָדיש צו די טענדענצן פון די רוימישע הערשער. דער פרייַער פויער האָט נישט לייַכט

געוואָלט אויפגעבן זייַן עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקייט און דערמיט זייַן סאָ־ציאַלן מעמד. אויך די ייִדישע רעליגיע, וואָס איז געווען דורכויס נאַציאָנאַל און אָפּגעזונדערט פון די אַרומיקע פעלקער, האָט נישט אַרייַנגעפּאַסט אין דער רוימישער צענטראַליסטישער סכעמע. דאָס גלייבן אין אַן אומזעבאַרן איין און איינציקן גאָט האָט נישט צוגעלאָזן קיין קיסר־קולט. במילא איז די ייִדן אָנגעקומען זייער שווער אויסצואַרבעטן אַ „מאָדוס וויווענדי" מיט רוים, כאָטש אין אָנהייב האָבן די רוימער זיך געשטיצט אין זייער עקספּאַנ־סיע אויף די ייִדן אין דער דיאַספּאָראַ, וועלכע האָבן געצוויגן נוצן פון פאַר־זיכערן די האַנדלסוועגן.

אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן יאָרהונדערטער פון מוראדיקע רדיפות, שחי־טות, פּאָגראָמען, אַנטי־ייִדישע געזעצן און שווערע שטײַערן. ווען דאָס געצנ־דינערישע רוים איז פאַרביטן געוואָרן מיטן קריסטלעכן האָט זיך די לאַגע פון די ייִדן נאָך מער פאַרערגערט. די קריסטן האָבן געדענקט די קעגנער־שאַפט פון די ייִדן לגבי זיי, אָבער צוליב פּאָליטישע סיבות אויסגעמעקט פון זייער זכרון די רוצחישע מעשים פון נעראָן און דיאָקלעציאַן קעגן זיי. צו די אַלע שווערע פאַרבאָטן איז דאַן צוגעקומען נאָך דער צוואַנגס־שמד. דער נידעריקער ניוואָ פון היידנישן קריסטנטום האָט אויס מורא פאַר הע־רעזיעס און סעקטאַנטיזם דיקטירט אַ פּאָליטיק פון באַקעמפן די ייִדן, אויס־שליסן זיי פון עפנטלעכן לעבן און פאַרניכטן יעדע מינדעסטע השפּעה פון ייִדנטום. די ייִדן האָבן געדאַרפט ווערן אַ לעצטראַנגיקע געזעלשאַפטלעכע גרופּע אין דער פּיראַמידע פון סאָציאַלן לעבן, כּדי דאָס קריסטנטום זאָל קענען שטיין אויבן אין שפּיץ.

אין יאָר 212 האָט דער קיסר קאַראַקאַללאַ געגעבן די ייִדן פולע ביר־גערעכט. נאָר ווען אין יאָר 324 ווערט דאָס קריסטנטום אַן אָפיציעלע מלוכה־רעליגיע הייבן זיך אָן די רדיפות און די אַנטי־ייִדן־געזעצן. די ייִדן האָבן געהאַט אַן אָטעם־פּויזע אין 361, ווען יוליאַן דער אָפּטריניקער (אַפּאָסטאַטאַ) האָט אָפּגעשאַפט דאָס קריסטנטום. ער האָט זיך געניויגט צום ייִדנטום און געווען גרייט צוריק אויפבויען דאָס בית־המקדש. קען זייַן, אַז ווען ניט זייַן טויט אין 363 וואָלט די סיטואַציע זיך אַנדערש אַנטוויקלט און יהודה וואָלט צוריק געוואָרן אַ היים, אַ צענטער פאַר די מיליאָנען ייִדן אין גלות, סײַ אין פּרייוויליקן, סײַ אין געצוווּנגענעם. איך זאָג קען זייַן, ווײַל דער רוימישער

אימפעריע זענען געווען פיל געזעלשאַפטלעכע כוחות און גרופּן פּאַראינטע־רעסירטע אין אַ נידעריקער סאָציאַלער מדרגה פון די ייִדן.

די רדיפות און די שטענדיקע מורא פאַר דער פולשטענדיקער פאַרניכ־טונג האָט אַרויסגערופן ביַי די ייִדן דעם ווילן צו בונט. עס זענען געווען אַ ריי אויפשטאַנדן, וואָס דער רוב פון זיי איז געווען אַ סטיכישער פּראָ־טעסט און אָפּווער, און זעלטן איז עס געווען געבונדן מיט פּאָליטישע, רעאַ־לע אויסזיכטן אויף דערפאָלג.

לאָמיר בלויז זיי אויסרעכענען, נישט אַריַינגייענדיק אין פּרטים.

גליַיך נאָכן חורבן אין ירושלים (73 נ״ק) האָבן די אַנטלאָפענע קנאים אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד אין עגיפּטן און קירענייקע. אין יאָר 116־117 מאַרשירט דער קיסר טראַיאַן איַינצונעמען די פּאַרטישע מלוכה. די ייִדן אין בבל פאַלן אַרונטער אונטער דער רוימישער הערשאַפט. אין אַלע ייִדי־שע שטעט אין בבל פלאַקערט אויף אַן אויפשטאַנד. צו ערשט אין די נאָר וואָס באַזיגטע געביטן מיט דער ייִדישער שטאָט נהרדעא, שפּעטער אומע־טום, אין דער מלוכה אַדיאַבענע, וואָס אירע מלכים זענען געווען גרים, און דאַן אין אַנדערע רוימישע פּראָווינצן: עגיפּטן, קירענע (ליביע) א״א, מאַכנ־דיק דאָרט אַ גרויסע שחיטה. די ייִדן באַפאַלן די רוימער און די אָרטיקע גריכן, פאַרניכטנדיק זיי. אַפילו אויף דער אינדזל ציפּערן איז די ייִדן גע־לונגען צו באַזיגן די גריכן און רוימער אויף אַ געוויסער צייַט.

דער אויפשטאַנד האָט אויך אויפגעוועקט די צעקלאַפּטע און פאַראָרעמ־טע באַפעלקערונג אין יהודה. דער מעכטיקער רוימישער אַרמיי איז אָבער געלונגען צו דערשטיקן אין בלוט די אַלע אויפשטאַנדן — דעם „טומולטום יודאַיִקום״.

די שחיטות און דער טרויעריקער סוף שרעקן נישט אָפּ די לעבנגע־בליבענע ייִדן אין יהודה. אין די יאָרן 132 — 135 האָט דער בר־כוכבא־אויפשטאַנד ערנסט באַדראָט די רוימישע מלוכה. פּופציק פעסטונגען און ניַין הונדערט און פינף און אַכציק שטעט און שטעטלעך זענען פאַרוויסט געוואָרן. דער טראַגישער סוף און דאָס דענאַציאָנאַליזירן ירושלים שטילט נישט איַין די ייִדן און עס קומען פאַר וויַיטערדיקע בונטן, פון וועלכע די גרעסערע זענען געווען אין 161 און 201. אין דער צייַט פון קריסטלעכן קיסר קאָנסטאַנציוס ברעכט אויס אין 351 - 352 אַן אויפשטאַנד אין גליל,

אין 415 — אומרועז אין אַנטיאָכיע און אַלעקסאַנדריע. אין 556 — אין יוס־טיניאַנס צײַטן — קומען פאָר, צוזאַמען מיט די שומרונים, קעגנפּאָגראָמען. 608 ברעכט ווידער אויס אַ בונט אין אַנטיאָכיע, בײַ וועלכן די ייִדן דערהר־געגען אַפּילו דעם קריסטלעכן פּאַטריאַרך. דער לעצטער אויפשטאַנד אין גליל קומט פאָר אין דער צײַט פון קיסר הערקליוס (614 - 629).

נישט אַלע אויפשטאַנדן און אומרועז טראָגן אַ פּאָליטישן כאַראַקטער. אַ טייל איז אַ רעזולטאַט פון נאַציאָנאַל־רעליגיעזע רדיפות, אַ טייל איז אַ בונט קעגן שטײַערן אָדער עקאָנאָמישע גזירות.

אין רעזולטאַט פון די אַלע רדיפות איז דאָס ייִדישע פאָלק, וואָס האָט געציילט אַ צענטל פון דער דאַמאָלסדיקער באַפעלקערונג, שטאַרק אָפּגע־שוואַכט געוואָרן. דערצו נאָך זענען די וואַקלדיקע און אַסימילירטע איבער־געגאַנגען צום קריסטנטום. ארץ־ישראל איז שוין נישט קיין פּאָליטישע מלו־כה, אַפּילו אין אַ קליינער אָפּהענגיקער פאָרם, נאָר אַ הײמלאַנד איז עס נאָך אַלץ געבליבן. היימלאָז ווערט מען ערשט שפּעטער, ווען דאָס קריסטנטום האָט שוין באַוויזן צו באַהערשן דעם גאַנצן אָריענט. דערווײַל האָט מען ירו־שלים פאַרביטן מיט יבנה און אָנשטאָט דעם בית־המקדש איז פאַראַן דאָס בית־המדרש.

די צײַט צווישן פאַרלירן די אומאָפּהענגיקייט און דער היימלאָזיקייט האָבן די ייִדישע געלערנטע אויסגענוצט צו איבערבויען די נאַציע, צו שטאַרקן דאָס פאָלק, עס זאָל קענען אויסהאַלטן די נײַע סיטואַציע פון אַ היימלאָזער נאַציע.

די עמיגראַציע — געצוווּנגענע און פרײַוויליקע — פון די ייִדן פון יהודה, פון די קעמפער פאַרן נאַציאָנאַלן קיום, האָט געשטאַרקט די איינ־קייט פון וועלטפאָלק, געשטאַרקט דעם נאַציאָנאַלן גײַסט אין דער צע־שפּרייטונג. די תנאים האָבן נאָר געדאַרפט אויסאַרבעטן די נאַציאָנאַל־רע־ליגיעזע דיסציפּלין, אין וועלכער די איינהייטלעכקייט פון צעשפּרייטן פאָלק זאָל זיך קענען אײַנהאַלטן.

די אַמאָליקע יעראַרכיע (כהנים־הערשאַפט) פאַלט זיך פונאַנדער פולשטענדיק. עס בלײַבט נאָר דערפון די ברכת־כהנים, וואָס אין יענער צײַט איז עס געווען אַן אומצערייסבאַרער טייל פון דאַווענען, און איז ביס־לעכווײַז רעדוצירט געוואָרן צו אייניקע מאָל אין יאָר. אויף זייער אָרט קומט

די נאָמאָקראַטיע, וואָס האָט שוין פריִער אויסגעפירט וויכטיקע געזעץ־פונקציעס.

דער וואָפּן פון שמידן די גאַנצקייט, די דיסציפּלין פון געזעץ — איז די תורה שבעל־פּה. הללס מעטאָדן פון באַזירן אַלץ אויף דער געשריבע־נער תורה האָט געגעבן די משנה־תורה, די צווייטע תורה, אַן אָפיציעלע סאַנקציע. יוחנן בן־זכאיס איינשטעלן אַ סנהדרין אין יבנה האָט געבראַכן דעם פּרימאַט פון הייליקן אָרט ירושלים, פאַר וועלכן עס האָבן געקעמפט אַמאָל די אַלע, וועלכע האָבן געוואָלט אייניקן די נאַציע.

דער סנהדרין אין יבנה, שפּעטער אין אַנדערע ערטער פון יהודה און גליל, האָט דאָס אויסגעאַרבעט די נייַע נאָרמען פאַר אַ גייַסטיק פאָלק. די אויפגאַבן זענען געווען דאָס שטרעבן צו אַ וואָס גרעסערער אויטאָנאָמיע, כּדי צו קענען רעגולירן די געזעצגעבונג און דאָס נאַציאָנאַלע לעבן. זעענ־דיק די פּאָליטישע רעאַליטעט האָבן די תנאים זיך כּמעט אָפּגעזאָגט פון פּאָליטישער טעטיקייט. גאָר וויכטיק איז געווען דאָס קעגנשטעלן זיך דער אַסימילאַציע. זיי האָבן דאָס געוואָלט דערגרייַכן דורך אָפּצוימען זיך פון געצנדינערייַ און קריסטנטום און פאַראייניהייטלעכן דאָס לעבן פון וועלט־פאָלק, ווו עס זאָל זיך נאָר נישט געפינען.

דאָס לעצטע האָט פאַרלאַנגט אַ ייִדישן „אוניפאָרם", אַ נאַציאָנאַל־רעלי־גיעזע דיסציפּלין און רעגלאַמענטאַציע. דערפאַר זענען אַ טייל דינים נישט צו דערקלערן, ווייַל זיי האָבן געהאַט פאַר אַ ציל נאָר צו שטאַרקן די דיס־ציפּלין.

די נאָמאָקראַטיע האָט באַגרענעצט דעם יחיד. מען האָט געמוזט מק־ריב זייַן די אינדיווידועלע פרייַהייט לטובת דער פרייַהייט פון דער נאַ־ציע, לטובת די רעכט אייַנצוהאַלטן די אייגנאַרט. דאָס חקירהן זיך, דאָס פילאָסאָפירן, האָט געשטערט דער גאַנצקייט פון דער רעליגיעזער דיס־ציפּלין, דעריבער איז געקומען דער פאַרבאָט פון פרייַען דענקען.

די היימלאָזיקייט איז נישט געקומען מיט אַ מאָל. נאָכן חורבן און נאָך יעדן אויפשטאַנד איז כּסדר קלענער געוואָרן די ייִדישע באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל, און די ראָל פון דער אויטאָנאָמיע פאַלט, ביז דאָס קריסט־לעכע רוים שאַפט עס אָפּ אין גאַנצן. דאַן טראָגט זיך איבער דער גייַסטיקער צענטער קיין בבל, ווו עס עקסיסטירט אַ ברייטע אויטאָנאָמיע, גרעסער ווי

אין הייליקן לאַנד. אַזוי ווערט די היימלאָזיקייט אויך באַשטעטיקט אָפיציעל.

דערוויַיל אָבער גייט אָן אַ לעבהאַפטע טעטיקייט אין ארץ־ישראל. עס ווערט איַינגעשטעלט סיַי אַ סנהדרין, סיַי אַ נשיא. זייער אויטאָריטעט פאַר אַלע ייִדן איז אַ גרויסער. זיי אַרבעטן אויס די כּללים צו דינען גאָט אָן קרבּנות, זיי באַשטימען דעם מולד, דעם טערמין פון די יום־טובים.

די נשיאות איז אַ געמיש פון אויטאָקראַטיע מיט דעמאָקראַטישע מנ־הגים, ווי אין די ציַיטן פון די ערשטע חשמונאים. דער סנהדרין איז די גע־זעצגעבערישע אינסטאַנץ און נאָך אַ דעמאָקראַטישער אָפּשטימונג דאַרף דער נשיא אויספירן די עקזעקוטיוו־רעכט. דער ציל איז נישט צולאָזן פאַר־שידענע פירושים צו דער תּורה. די תּורה שבעל־פּה איז נאָך אַלץ נישט פאַרשריבן און עס זאַמלען זיך אָן אַ סך געזעצן און דינים, און יעדע ריכ־טונג — בית־הלל און בית־שמאי — טיַיטשן אויס באַזונדער און אַנדערש. עס פילט זיך די נייטיקייט איַינצוהאַלטן איין נוסח. אַרום דעם פּראָבלעם פון איין באַשטימטן און קאָדיפיצירטן נוסח אַנטשטייען אַ סך קאָנפליקטן צווישן נשיא און אייניקע תּנאים. גמליאל איז אַפילו אַראָפּגעזעצט געוואָרן און זיַין מאַכט באַגרענעצט צוליב אַ קאָנפליקט וועגן ריטואַל.

די שטרענגקייט פון די נשיאים — אַלץ קינדער פון מילדן הלל — נעמט זיך פון זייער נאַציאָנאַלן חוב איַינצוהיטן די גאַנצקייט און איינהייט־לעכקייט.

די צווייטע נייטיקייט איז געווען צו סיסטעמאַטיזירן און פאַרשריַיבן די אָנגעזאַמלטע תּורה שבעל־פּה. דער תּנא עקיבא בן־יוסף האָט געשטרעבט צו מאַכן איין גאַנצקייט פון תּורה שבכתב און תּורה שבעל־פּה. ער האָט גע־נוצט הלל׳ס מעטאָד פון דרש, אָבער אויך צוגעגעבן אַ באַטיַיטונג יעדן אות. ער האָט איַינגעפירט דאָס לערנען פּשט, דאָס אַרויסנעמען פון פריִערדיקן אַ ביַישפּיל פאַר היַינט. ער האָט אָבער דערביַי גענוצט צו פיל פּלפּול, אַרויס־געדרינגען איבעריקע סתם־דינים. דאָס האָט זיך שלעכט אָפּגערופן אויף שפּעטער.

עקיבא האָט אָבער אָפּגעטאָן אַ ריזיקע אַרבעט מיטן סיסטעמאַטיזירן די אָנגעזאַמלטע דינים און פירושים לויטן אינהאַלט און דערביַי אָנגע־געבן וויפל מעגלעכקייטן עס זענען פאַראַן אין יעדן דין. די משנה עקיבא איז געווען דער יסוד פאַר דער שפּעטער קאָנאָניזירטער און פאַרשריבענער

משנה. זײַן אַרבעט האָט פאַרגעזעצט מאיר. עקיבא האָט בײַ יעדער פראַגע תּמיד אונטערגעשטראָכן דאָס נאַציאָנאַלע. ער האָט דאָס אויך באַוויזן מיט זײַן אָנטייל אין בר־כּוכבא־אויפשטאַנד און מיט זײַן טראַגיש־העלדישן טויט.

צו פאַרשרײַבן די משנה איז אויסגעקומען יהודה הנשיא (165 געוואָרן נשיא, ביז 210). ער האָט ענדגילטיק סינטעטיזירט און סיסטעמאַטיזירט דעם אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל. דאָרט ווו עס איז געווען בלויז אַן אַנאַליז האָט ער לרוב דורכגעלאָזן. ער האָט נישט געוואָלט צולאָזן קיין פאַרשידענע סעפּאַראַטע טײַטשן און אויסטײַטשן. ער האָט אין זײַן רעדאַקציע פון דער משנה אַרײַנגענומען די גאַנצע תּורה שבעל־פּה פון עזראס צײַטן אָן. ער האָט דורכגעבראָכן די אָנגענומענע טראַדיציע, אַז מען טאָר נישט פאַר־שרײַבן. ער האָט די משנה געטיילט אין זעקס סדרים: 1. וועגן אַגראַר־עני־נים. 2. וועגן יום־טובים, שבת און תּעניתים. 3. וועגן פאַמיליע־רעכט און גט. 4. וועגן ציווילן און קרימינאַלן רעכט. 5. וועגן כּשרות, שחיטה און קר־בנות. 6. וועגן ריטועלער ריינקייט. אין יעדן סדר זענען געווען באַזונדערע טראַקטאַטן וועגן די פאַרשידענע פראַגן. בכלל זענען געווען דרײַ און זעכ־ציק טראַקטאַטן.

יהודה הנשיא האָט אויך אַרײַנגענומען אַ ריי נישט־אַקטועלע דינים ווי צום בײַשפּיל וועגן קרבנות, ווײַל בײַם פאָלק האָט אַלץ נאָך געטליִעט די האָפענונג פון אויפבויען דעם בית־המקדש און פון דער פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט. כאָטש מען האָט דאָס שוין פאַרבונדן מיט ביאת־המשיח איז אָבער די בענקשאַפט צו שיבת־ציון געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט אויס נאָסטאַלגיע קאָנסערווירט די אַלע דינים און קעגן דער רעאַליטעט זיי געלערנט, ווי דער חורבן וואָלט נאָר געווען אַ פאַרבײַגייענדיקע פּלאָג.

די פאָרמולירונגען פון דער משנה זענען געפּרעסטע, לאַקאָנישע, אָן מליצה, אָפט אָן מאָטיווירונגען. די משנה האָט געהאַט אַ גרויסע באַטײַטונג אַלס זאַמלונג פון רעכט־וויסנשאַפטלעכע מאַטעריאַלן, וואָס האָבן נאָך באַ־דאַרפט געניטער באַאַרבעט ווערן.

דאָס לעבן האָט טאַקע באַוויזן, אַז עס זענען נאָך ניט פולשטענדיק אַרומ־גענומען געוואָרן אַלע פּראָבלעמען. דעריבער איז שפּעטער אַנטשטאַנען די

„בריתא", וואָס איז טיילוויַיז נאָר געבליבן, און די „תוספתא", וואָס האָט איר רעדאַקציע באַקומען שפּעטער.

עס איז אויך געווען אַ נייטיקייט אַריַינצונעמען אין פאָלקס־אוצר די אגדה. דאָס איז שוין אַריַין אין תּלמוד. די משנה האָבן אויסגעאַרבעט די תּנאים, און זייערע נאָכפאָלגער די אמוראים, די אויסטיַיטשער, האָבן געשאַפן דעם תּלמוד. יוחנן בן־נפחא צוזאַמען מיט ריש לקיש האָבן רעדאַגירט דעם תּלמוד ירושלמי. פאַראַן אין א״ם אַ סך אגדות, ווערטלעך און אַפאָריזמען. דאָס ווערק איז צו אונדז דערגאַנגען נאָר אין פיר סדרים.

אַ מער אַנגעזעעען אָרט אין יידישן לעבן האָט פאַרנומען דער תּלמוד בבלי, וואָס איז געחתמעט געוואָרן אין יאָר 499. ער פאַרמאָגט די זעלבע צאָל סדרים און מסיכתּא׳ס ווי די משנה, אָבער גמרא איז פאַראַן נאָר צו זיבן און דריַיסיק טראַקטאַטן. די בטל־געוואָרענע ארץ־ישׂראלדיקע אַגראַר־געזעצן, בית־המקדש־דינים, ריטועלע ריינקייט — זענען געבליבן אָן וויַי־טערדיקע קאָמענטאַרן. אין תּלמוד בבלי איז פאַראַן מער פּלפּול ווי אין תּל־מוד ירושלמי.

די היסטאָרישע ראָל פון תּלמוד איז אַן אומגעהייערע פאַר דער וויַי־טערדיקער אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק און יידישן גיַיסט, סיַי אין פּאָ־זיטיוון זין, סיַי אין נעגאַטיוון.

דער תּלמוד איז אַן ענציקלאָפּעדיע פון רעכט, טעאָלאָגיע און עטיק. עס איז אַ גיַיסטיק שאַפן פון יאָרהונדערטער, חוץ געזעצן און קאָמענטאַרן צו זיי, זענען אויך פאַראַן געזעצגעבערישע פאַרשלאָגן, ידיעות פון רעכט־וויסנשאַפט, מעדיצין, אַסטראָנאָמיע, היגיענע, אַגראָנאָמיע א״א. אַ גרויס אָרט פאַרנעמט די מאָראַל און עטיק. עס איז נישט בלויז אַ קאָדעקס, נאָר אַ לערנבוך, אַ שטודיום (תּלמוד), אַ וויסנשאַפט. די פאָרם איז אַ לעבעדי־קע, וויכּוחים, כּמעט פּראַקטאָקאָל־מעסיק. עס איז געמישט הלכה און אגדה. אָבער איין יסוד: אויטאָריטעט פון דער תּורה און טראַדיציע.

דער רעקאָמענדירטער מעטאָד איז צו טיַיטשן די טעקסטן אַרויסצובאַקו־מען די נייטיקע אויספירן.

וואָס שייך זיַין ראָל אַלס רעליגיעזער און ציווילער קאָדעקס איז זיַין ציל געווען צו „מויערן די וואַנט", מאַכן אַ צוים. דער תּלמוד האָט אַרומגע־גענומען דאָס גאַנצע פּריוואַטע און געזעלשאַפטלעכע לעבן פון ייִד, אַריַינגע־

פירט דערין אַ שטרענגע איינהייטלעכקייט און לעבנס־סדר. די דאָזיקע שטרענגע לעבנס־דיסציפּלין האָט געהאָלפן איינהאַלטן דעם נאַציאָנאַלן אייגנאַרט, פאַרהיט פון פרעמדע השפּעות, פון אויסמישן זיך.

די אַלע תּקנות, צערעמאָניעס, זענען געוואָרן פאַר אַ גרויסן טייל גע־לערנטע אַ ציל פאַר זיך.

זיי האָבן געפּענטעט דעם יחיד, געשאַפן אַ פאָרמעלע פרומקייט און אַ קליינלעכן ריטואַל.

דער תּלמוד איז געווען אַ לערן־דערציִעריש ווערק. עס האָט געשאַרפט דעם מוח, געלערנט נוצן לאָגישן אַנאַליז, באַלעבט דעם פאַרשגייסט, דעם שׂכל. ווי אַן איין און איינציקער לערן־אָביעקט האָט ער פאַרשלונגען אַלע גייסטיקע כּוחות און געגעבן אַן איינזייטיקע אַנטוויקלונג. די פּלפּוליסטיק האָט אָפּגעצויגן פון רעאַלן וויסן, פון קאָנקרעטן דענקען.

נישט ווייניקער וויכטיק איז דער תּלמוד ווי אַ מקור פון מאָראַל און עטיק פאַרן פאָלק, ווי אויך ווי אַ קוואַל פון ידיעות. די אגדה מיט איר מאָראַל־פילאָסאָפיע און פּאָעזיע האָט געלערנט לעבנס־חכמה, זיטלעכקייט, געטרייסט דאָס פאָלק מיט האָפענונג, סיי אויף דער וועלט, סיי אויף יע־נער וועלט.

די היסטאָריאָסאָפיע פון תּלמוד איז אַ יודעאָ־צענטרישע, אַן אולטראַ־נאַציאָנאַליסטישע. דעם אוניווערסאַליזם האָט מען אָפּגערוקט צו משיחס צייטן. מען האָט באַשוועלט דאָס אַנגעמען גרים, געלערנט לעבן אָפּגעשלאָסן, אָפּגעזונדערט, מיטן געפיל פון דער אייגענער גערעכטיקייט.

דער דאָזיקער באַגרענעצטער אידעען־קרייז איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער היסטאָרישער נויטווענדיקייט. מען האָט געמוזט זיך צופּאַסן צו דער צייט, וואָס איז געווען פול מיט רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ און סאָציאַ־לע קאָנפליקטן. עס איז געווען אַ שוצוואַנט קעגן די מוראדיקע רעפּרעסיעס פון די הערשנדיקע רעליגיעס.

בולט קומט אַרויס די סיבה פאַר וואָס יידן האָבן אַזוי צוזאַמענגעשטעלט דעם תּלמוד, אים געגעבן אַזאַ גייסט, זיך באַוואָפנט מיט אים ווי אַמאָל מיט די עשׂרת־הדברות, מיט דער תּורה און נביאים, — ווען מען פאַרגלייכט דעם תּלמוד מיט די אַנטי־יידישע עדיקטן פון קאָנסטאַנטין דעם גרויסן (315), קאָנסטאַנציוס (399), טעאָדאָסיוס (439) און יוסטיניאַן (531).

די רוימישע עדיקטן פון די קריסטלעכע קיסרים זענען פול מיט באַ־גרענעצונגען און דערנידערונגען לגבי אַנדערש־גלויביקע, כופרים און ייִדן. די לעצטע ווערן אָפיציעל באַצייכנט ווי „פאַרשאָלטענע אומה", „מינער־ווערטיקע", „ערנלאָזע", „מנובלדיקע" און ענלעכע עפּיטעטן. די דאָזיקע עדיקטן האָבן דאָס אויסגעאַרבעט די נאָרמען פון ייִדישער רעכטלאָזיקייט, וואָס איז געווען דער צושטאַנד פון ייִדן ביז דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

לאָמיר אַ קוק טאָן ווי עס זעט אויס די ייִדישע געזעצגעבונג.

קודם־כּל האָבן די ייִדישע געלערנטע נישט איין מאָל אָנגעוויזן, אַז פון דער ייִדישער סאָציאַלער הילף דאַרפן געניסן אויך נישט־ייִדן. פאַר־שטייט זיך, אַז די פּריאָריטעט איז געווען פאַר ייִדן, פּונקט ווי אָרטיקע ייִדן האָבן געהאַט אַ פּריאָריטעט פאַר די צוגעקומענע, פרעמדע. די ייִדישע געזעצגעבונג האָט אַרויסגעוויזן אַ טאָלעראַנץ צו פרעמדע פּראָקלאַמירנדיק זיבן דינים פאַר די בני־נוח: 1. פירן זיך לויט געזעצן און נישט זײַן הפקר. 2. נישט שעלטן גאָט. 3. נישט דינען צו קיין אָפּגעטער. 4. נישט מאָרדן קיין מענטשן. 5. נישט מזנה זײַן. 6. נישט רויבן. 7. נישט עסן און נישט אָפּ־שנײַדן אַן אבר פון אַ לעבעדיק באַשעפעניש.

דאָס האָבן ייִדן פאַרלאַנגט פון זייערע מיטבירגער און זיי געשטעלט אויף אַ הויכן געזעלשאַפטלעכן מעמד, אויב זיי דערפילן דאָס.

די ייִדישע געזעצגעבונג האָט נישט געהאַלטן פון יורידישן פאָרמאַליזם. דער רוימישער כּלל: Fiat Justitia, Pereat Mundus „זאָל זיגן די גע־רעכטיקייט און די וועלט קען אומקומען" האָט נישט געגאָלטן אין תּלמוד, וואָס האָט געפּריידיקט האַנדלען נישט לפנים משורת הדין, נאָר לויט אײַנ־זען און רחמים. דאָס רעכט איז פאַר מענטשן, נישט די מענטשן פאַרן רעכט. אַלץ דאַרף מען טאָן מפּני תּיקון עולם, מפּני דרכי שלום. אין די פריִערדיקע צײַטן האָט מען געשאַפן אַכצן תּקנות אָפּצוזונדערן זיך פון די גויים, האָט יהודה דער 2טער אָפּגעשאַפט אַ טייל און בכלל געווען קעגן זיי.

אַפילו דער באַקאַנטער זאָג: דינא דמלכותא דינא, דאָס אָפּהיטן די געזעצן פון דער מלוכה אין וועלכער מען לעבט, האָט זיך באַצויגן אויף שטײַערן און פאַרמעגן־רעכט, אָבער נישט אָנגערירט עטישע פּראָבלעמען, משפּחה־דינים און קולט־ענינים.

די דאָזיקע העכערע מאָראַל איז געווען אי אַ ירושה פון דער פּראָ־

גרעסיווער פאַרגאַנגענהייט, אי אַ רעזולטאַט פון לעבן צווישן פעלקער, וואָס אויב זיי וועלן נישט אָפּהיטן כאָטש די „שבע מצוות של בני נוח״ קאָן דאָס יידישע פאָלק נישט עקסיסטירן אין אַזאַ וועלט.

כּדי צו קענען אויסהאַלטן די שטורמישע כוואַליעס פון ים פון שנאה האָט דער תּלמוד קעגן דער „פאַרשטויסנקייט״ אויפגעבויט דאָס געפיל פון „אויס־דערוויילטקייט״, און דערמיט געגעבן די דערנידעריקטע און געפּלאָגטע יידן דאָס שוצמיטל, די שטאַלצע פאַראַכטונג צו די פאַרפאָלגער, אַנטוויקלט אַן אי־בערגעטריבענע אַליינאַכטונג, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף דער העכערער מאָראַל און עטיק.

דער היסטאָרישער פאַרדינסט און ווערט פון תּלמוד איז וואָס ביי אַלע חסרונות זיינע האָט ער אויפגעהאַלטן די נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע, גייסטיק באַוואָפנט דאָס פאָלק, געהאָלפן אוניפיצירן די יידן אין דער וועלט, געהאָלפן אויסבילדן ווייטער די גייסטיקע נאַציע, פאַרבונדן אַלע מיטגלי־דער מיט אַ געמיינזאַמער דיסציפּלין, מיט די זעלבע אידעאַלן און שטרעבונ־גען. דער תּלמוד האָט דורך שטרענגע דינים פאַרהאַרטעוועט, אימוניזירט דעם נאַציאָנאַלן גייסט, געגעבן דעם כּוח ביישטיין די נסיונות און אויפ־געהיט די איינקייט פון פאָלק. עס איז געווען אַ שווערער יאָך, אָבער דער איינציקער אויסוועג איינצוהאַלטן די נאַציאָנאַלע אייגנאַרט און קעגנשטעלן זיך אַלע אַסימילאַציע־שטראָמען אין אַ צייט ווען די וועלט איז אַריבער פון געצנדינערײַ צו די אָפּאָרטוניסטישע מאָנאָטעיִסטישע רעליגיעס: קריסטנ־טום און איסלאַם.

די תּורה שבעל־פּה, וואָס איז געווען אַ וויכטיקער עלעמענט נאָך פריִער, איז איצט פאַרשריבן געוואָרן און קאַנאָניזירט.

מיטן תּלמוד (משנה פּלוס גמרא) שעפּט זיך נישט אויס די גייסטיקע טעטיקייט פון די יידן. אַלע שאַפונגען טראָגן אַ נאַציאָנאַל־דידאַקטישן ציל, סיי די מדרשי הלכה, די דידאַקטישע לערנביכער מיט קאָמענטאַרן צום חו־מש, סיי די דרשות, אין די שילן. די דאָזיקע דרשות זענען געווען פול מיט טענות קעגן יאָך פון אדום (רוים) און יון (ביזאַנץ). זאַמלונגען פון די דרשות האָבן צירקולירט אין געשריבענע אָפּשריפטן ווי „מדרשים״, „מדרש רבה״, „מדרש תּנחומא״, „פּסיקתא״ א״א.

עס איז געווען אַ גרויסע פּסיידאָ־ביבלישע ליטעראַטור, וואָס האָט גע־

קענט פאַרטונקלען דעם תּנך. עס איז געווען נייטיק צו מאַכן אַן אָפּקלויב. טייל ביכער זענען געווען פול מיט מיסטיק, העלעניסטישע אָדער קריסטלעכע איינפלוסן. עס האָבן צירקולירט אַפּאָקאַליפּסן ווי „עזראס נביאות", „די זעונג פון ברוכן", די סיבילן. זייער איינפלוס און פאַרשפּרייטונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער „למדן" מחמד האָט אָנגענומען, און די וועלט האָט אים נאָכגעזאָגט, אַז יידן גלייבן, אַז עזרא איז געווען גאָטס זון.

ביז די תּנאים איז געווען קאַנאָניזירט בלויז תּורה און נביאים. די כּתו־בים (תּהילים, איוב, משלי, שיר השירים און קהלת) נאָך נישט. דער סנהדרין אין יבנה האָט נאָך לאַנגע דיסקוסיעס קאַנאָניזירט די פיר און צוואַנציק בי־כער פון היינטיקן תּנך. אונטער אַ דיסקוסיע זענען געווען נאָר „שיר השי־רים" און „קהלת". מחוץ דער קאַנאָניזאַציע, אָבער אָנערקענט זענען געווען „משלי בן־סירא" און „ספר חשמונאים א'". נאָר צוליב דעם וואָס מען האָט אין זיי געזען שאַפונגען פון אַ שפּעטערדיקן פּעריאָד האָט מען זיי נישט אַריינגענומען אין קאַנאָן.

אין ארץ־ישראל זענען געשאַפן געוואָרן פאָלגנדיקע ספרים: „חכמות אָדער משלי בן־סירא", „ספר חשמונאים א'", „יהודית", „טוביה", „שלמהס תהילים", „ספר חנוך", די צוואות פון די צוועלף אבות, „משהס עליה", „דאָס פּערטע ספר עזרא", „די זעונגען פון ברוך" (געשריבן אין סירישן ארמיש), „ספר ברוך", „דאָס לעבן פון אדם און חוה". פון די יידיש־העלענישע געביטן זענען געווען: „די חכמה פון שלמה", „ספר חשמונאים ב'", „ספר חשמונאים ג'", „הוספות צום ספר דניאל", „דריטער ספר עזרא", „אַריסטעאָס בריוו", די סיבילן, „ספר חשמונאים ד'", „די זעונגען פון ברוך" (געשריבן אין גריכיש, אַ גאַר אַנדער ספר פון סיריש־ארמישן).

נישט אַלע ספרים זענען צו אונדז דערגאַנגען. די קריסטלעכע קירך האָט אַ טייל צוגעאייגנט, וואָס איז געהאַט אַריין אין דער „סעפּטואַגינטאַ". חוץ דעם זענען אַ טייל ספרים־חיצונים אַריין אין דער לאַטיינישער „וווּלגאַ־טאַ", די תּנך־איבערזעצונג פון הייליקן היעראָנימוס.

די ספרים־חיצונים זענען פול מיט מיסטישע פאַרויסזעונגען וועגן ביאת־המשיח, שילדערן אין גרויליקע פאַרבן זייער צייט, רופן צו תּשובה און זיט־לעכקייט, באַוויינען דעם גורל פון יידישן פאָלק און זאָגן פאָר זיין תּחית־המ־תים אַלס פאָלק.

די אגדה פון תלמוד פאַרנעמט זיך אויך מיט די זעלבע פּראָבלעמען, אָבער מיט אַ סך ווייניקער מיסטיק און מיט מער מאָראַלישן מוסר־השכל.

די אַקטיווע גײַסטיקע טעטיקייט אין אַנהייב אין ארץ־ישראל און שפּע־טער אין בבל איז, געווען מעגלעך, ווײַל דערווײַל האָט נאָך דאָס פאָלק גע־לעבט אין באַדינגונגען פון אַ ברייטער אויטאָנאָמיע און די באַשעפטיקונג איז געווען ערדאַרבעט און מלאכה. האַנדל האָט נאָך דעמאָלס פאַרנומען אַ קליין אָרט. אַ דאַנק דער ערדאַרבעט זענען די יידישע ישובים געווען קאָנצענט־רירט און אַפילו אָן פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט — בײַ דער ברייטער אויטאָנאָמיע — געגעבן אַ שײַן פון אַ זעלבשטענדיק לעבן, באַגרענעצט נאָר מיט אויסערלעכע שטערונגען.

די פּאָליטישע לאַגע אין ארץ־ישראל האָט זיך כּסדר פאַרערגערט מיטן פאַרפעסטיקן זיך פון קריסטנטום. מיטן פאַרקלענערן די אויטאָנאָמיע און מיט דער עמיגראַציע פון די יידן פאַלט די באַטײַטונג פון דער נשיאות, און הלל דער 2טער פילט זיך געצוווּנגען אויפצוגעבן זײַן פּריווילעגיע פון באַ־שטימען דעם לוח פון די יום־טובים און פון דעמאָלס קען יעדער געלערנ־טער אַליין באַשטימען דעם מאַטעמאַטיש־אויסגערעכנטן קאַלענדאַר. דאָס איז געשען אין יאָר 359.

אין בבל האָבן די יידן געפירט אַ רויקער לעבן. געווען צײַטן ווען יידן האָבן אין געוויסע ראַיאָנען געהערשט. אַזוי איז אין נהרדעא געווען אַ יידישע הערשאַפט פופצן יאָר. שפּעטער האָט מר זוטרא געהערשט זיבן יאָר. די אויטאָנאָמיע אין בבל איז געווען אַ טראַדיציאָנעלע און ברייטע. אין שפּיץ איז געשטאַנען דער ריש־גלותא, וואָס זײַן געשיכטע ציט זיך פון די ערשטע גולי־בבל. זייער רעגירן האָט געדויערט הונדערטער יאָרן. צוזאַמען מיטן וועלטלעכן ריש־גלותא האָבן די השפּעה געהאַט צו ערשט די גײַסטיקע פירער פון ארץ־ישראל און מיט דער צײַט די אָנפירער פון די גרעסטע ישי־בות אין בבל, פון סורא און פומבדיתא.

די משנה אין בבל האָט געהאַט אַ פּראַקטישע אָנווענדונג צוליב דער גרויסער אויטאָנאָמיע. דערפון די נייטיקייט צו אַן אַלזייטיקן קאָמענטאַר. דאָס רײַכערע לעבן און די פאַרשידנאַרטיקייט פון די פאַראינטערעסירונגען, אָן דער קריסטלעכער שווערד איבערן קאָפּ (הגם רדיפות האָבן נישט געפעלט)

האָבן מעגלעך געמאַכט, אַז תּלמוד בבלי זאָל זײַן מער אַרומנעמענדיק און מער אַנטקעגנקומען די פאָדערונגען פון ייִדישן לעבן.

די רעכט און פּאָזיציע פון די ייִדן שטאַמען נישט פון דער טאָלעראַנץ פון די פּאַרטישע און שפּעטער נײַ־פּערסישע הערשער, נאָר פון דעם וואָס די הערשער האָבן זיך גענויטיקט אין דער ייִדישער שטיצע אין די אומאויפ־הערלעכע קאַמפן מיט רוים. דער געמײנזאַמער שונא האָט דערנענטערט די צדדים. אמת, פון צײַט צו צײַט, קומען אויך אין בבל פאָר אויפטרייס־לונגען, אָבער צום גליק פון די ייִדן גייען זיי שנעל פאַרבײַ. אַזוי האָט דער מאַניכיזם — אַ געמיש פון פּאַרסיזם און קריסטנטום — אַרויסגערופן אַ פאַ־נאַטיזם פון דער אָפיציעלער מאַגן־רעליגיע, און ייִדן האָבן דערבײַ געליטן. דאַמאָלס (אין 470) איז אויך אין בבל געווען דער ערשטער פאַל פון קאָ־לעקטיוון קידוש־השם. שפּעטער איז געקומען דער מאַזדאַקיזם, וואָס האָט געפּריידיקט דעם קאָמוניזם: אַ שותּפות פון פאַרמעגן מיט אַ שותּפות פון ווײַבער. אויך די געפאַר איז שנעל אַריבער, כאָטש שאָדן האָט זי געבראַכט גרויסע.

די ייִדן אין בבל באַקומען אָבער כּסדר פאַרשטאַרקונגען פון דער עמי־גראַציע פון ארץ־ישׂראל, ווו דאָס לעבן פון ייִדן איז הפקר. דאָס פאַרשטאַרקט די גײַסטיקע נאַציאָנאַלע טעטיקייט. בײַ די ישיבות פון סורא און פּומבדיתּא ווערן אָרגאַניזירט פאָלקס־אוניווערסיטעטן און פאָלקס־פאַרזאַמלונגען צוויי מאָל אין יאָר. די געזעצן ווערן באַקאַנט נישט בלויז צווישן די טויזנטער תּל־מידים אין די ישיבות, נאָר צווישן דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג.

די ייִדן לעבן זיך גוט, פאַרמעגלעך. חוץ ערדאַרבעט, מלאכה און בײַם האַנדל טרעפט מען אויך ייִדן אין די פרײַע פּראָפעסיעס. עס איז נישטאָ די עקאָנאָמישע איינזײַטיקייט פון די גלותן שפּעטער. דער הויפּט־יסוד איז גע־בליבן אַקערבוי, גערטנערײַ און ווײַנגערטנערײַ. דערבײַ היטן די ייִדן אָפּ די דינים וועגן לוינאַרבעטער. מען מוז האָבן זײַן צושטימונג צו באַשעפטיקן אים בײַ אַ צווייטער אַרבעט. מען טאָר אים נישט געבן קיין באַשעפטיקונג, וואָס איז שעדלעך פאַרן געזונט. מען דאַרף אים געבן אַ מיטאָג־איבעררײַס מיט אַן אָפּרו. אין דער אַרבעטסצײַט גייט אַרײַן דאָס קומען צו דער אַרבעט, אָבער נישט דאָס צוריקגיין. מען היט אָפּ דאָס אַלטע חומש־געזעץ פון אויס־צאָלן יעדן טאָג דעם לוין. אַ ייִדישער שקלאַף מעג דינען נאָר זעקס יאָר. אין

„קידושין" זאָגט זיך: „ווער עס קויפט אַ יידישן שקלאַף קויפט זיך אַ האַר". אַפילו דעם נישט־יידישן קנעכט, דעם „עבד־כנעני", באַהאַנדלען די יידן בעסער ווי עס טוט די אַרומיקע באַפעלקערונג. אין ארץ־ישראל האָט די קריסט־לעכע מאַכט פאַרבאָטן צו האַלטן קריסטלעכע שקלאַפן דורך יידן און דער־מיט רויִנירט די עקאָנאָמישע באַזע פון די יידן.

די אַלע אויסגערעכנטע פאַרשריפטן פאַרלאַנגט דער תלמוד אָפּצוהיטן. די יידישע „אָפּגעזונדערטקייט" האָט געהאַט אַ ספּעציפישן כאַראַקטער און נישט געשטימט מיט די פירעכצן פון די פעלקער אַרום.

מיר זעען אין תלמוד אויך די חשיבות פון מלאכה. אַ סך תנאים רימען זיך מיט זייַן באַשעפטיקט בייַ אַ פאַך. וואָס שייך דעם האַנדל, וואָס האַלט זיך בייַם אַנטוויקלען, פאָדערט דער תלמוד בייַ אַרטיקלען פון ערשטן געברויך צו האָבן נישט מער ווי איין זעקסטל ריווח. באַזונדערס שאַרף טרעטן אַרויס די געלערנטע קעגן שפּעקולאַציע מיט ברויט. די יידישע זעלבספאַרוואַלטונג האָט געהאַט אַגאַראַנאָמען, אויפזעער אויף פרייַזן און ריכטיקייט פון וואָג און מאָס. דער תלמוד פאַראורטיילט וואָכעריי, אָבער — אין הסכם מיט די צייַט־באַדינגונגען — רעגולירט זי די קרעדיט־ענינים.

די רעכט פון דער פרוי ווערט געשיצט אין די כתובות. דער פאַרבאָט פון פריִע חתונות, און חתונות אָן אַ זעונג פון חתן־כלה, ווייַזט אויף אַ פרייַער מענטשלעכער באַציִונג. הגם עס האָט עקסיסטירט די אינסטיטוציע פון שד־כנים.

עס איז אָבער געבליבן דער תהום צווישן למדן און עם־הארץ. לערנען תורה, וואָס איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַל געבאָט, ווערט איבערגעשטאַלטיקט אין אַ פּראָבלעם, וואָס טיילט סאָציאַל פונאַנדער די שיכטן, און אַ ריי רע־וואָלטן און משיח־באַוועגונגען האָבן דאָס אויסגענוצט. יחוס און תורה זע־נען אַ וויכטיק אַרטיקל בייַ אַ שידוך.

אין דער פּראַקטיק הערשט מאָנאָגאַמיע, הגם פּאָליגאַמיע איז געווען דערלויבט, אין הסכם מיט די אָריענטאַלע מנהגים. די פרוי האָט טאָקע נישט קיין גלייַכע ציווילע רעכט, אָבער די זיטלעכע באַציִונג צו דער פרוי, דער כיבוד־האם האָט טיילווייַז פאַרגיטיקט די דאָזיקע אומגלייַכהייט.

קינדער פון פינף — זעקס יאָר אָן דאַרפן לערנען. אַזוי ווי די טראַדי־ציע האָט פאַרבאָטן צו נעמען באַצאָלט פאַר תורה־לערנען האָט מען געפּו־

נען אַ ריי אויסוועגן צו באַרעכטיקן דאָס צאָלן שכר־לימוד. אַ לערער איז גע־ווען מער געשעצט ווי אַ פאָטער. דער העכסטער טיטל, וואָס די גרויסע גע־זעצגעבער ר׳ יהודה הנשיא און ר׳ אבא אריכא האָבן זיך דערוואָרבן איז גע־ווען רבי־רב — לערער.

עס איז געווען אַ פליכט צו געהערן צו אַ געמיינדע. אין שפּיץ פון דער געמיינדע זענען געווען פרנסים, אָפט זיבן אין צאָל (שבעי טובי העיר). אײַ־בער זיי אַן אַרכאָנט. דער ריש־גלותא און די ראשי־ישיבות האָבן באַשטע־טיקט און באַשטימט דבנים.

אַ וויכטיקער טייל פון ייִדישן סאָציאַלן לעבן איז געווען צדקה. שוין דער נאָמען אַליין — גערעכטיקייט, ווײַזט ווי אַנדערש ייִדן האָבן עס באַ־טראַכט. בײַ די גריכן האָט סאָציאַלע הילף געהייסן רחמנות (Elemosine). בײַ ייִדן איז דאָס העלפן אָרעמע געווען אַ הילף פאַר די געבער. מיט צדקה האָט מען זיך געקויפט עולם־הבא. דער זיטלעכער מאָמענט פון לייזן כאַטש אין אַ קליינער מאָס די סאָציאַלע אומגערעכטיקייט האָט שטאַרק צוזאַמענגע־בונדן די ייִדישע געמיינדע. פאַר צדקה איז געווען אַן אָרגאַניזירטע קאַסע, געזעלשאַפטלעכע קיכן, נדן פאַר אָרעמע כּלות, שכר־לימוד פאַר יתומים, פאָנדן פאַר היילן קראַנקע און די גרויסע מצווה פון פּדיון־־שבויים, אויסלייזן געפאַנגענע.

דער תּלמוד האָט געלערנט, אַז געבן שטילערהייט צדקה, מתּן בסתר, איז גאָר אַ גרויסע מצווה. ביז הײַנט זענען ייִדן די גרעסטע צדקה־געבער.

דאָס ייִדישע געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט זיך קאָנצענטרירט אין שול, אין דאַוונהויז. אין יבנה נאָך האָט מען אײַנגעשטעלט דעם נײַעם צערעמאָ־ניאַל פון תּפילה, וואָס איז געוואָרן דער עיקר פון גאָטעסדינסט אָנשטאָט די קרבנות. מען האָט אין די תּפילות אַרײַנגעפירט נישט בלויז די עטיש־מאָראַ־לישע מאָמענטן פון „קרבן פון הארץ״, נאָר אויך פּאָסטולאַטן פון נאַציאָ־נאַלן באַוווסטזײַן: ירושלים, בית־המקדש, ציון א״א. מען האָט אײַנגעפירט די פאַרפליכטנדיקע שמונה־עשרה צוזאַמען מיטן אַלטן אַמאָליקן אויסרוף „שמע ישראל״ וועגן איין און אײנציקן גאָט. דאָס איז געווען דער מאַניפעסט פון ריינעם מאָנאָטעיִזם. געדאַוונט האָט מען דרײַ מאָל אַ טאָג. דער נשיא גמליאל האָט פאַרלאַנגט און דורכגעפירט — קעגן אַנדערע מיינונגען — דווקא דרײַ מאָל און אין באַשטימטע טערמינען און בציבור. ער האָט געזען

די פעדאַגאָגישע באַטייַטונג פון אָט דעם מנהג בייַם קרעפטיקן און פאַר־שטאַרקן די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע דיסציפּלין.

מען האָט אויך רעגלאַמענטירט דעם צערעמאָניאַל פון די יום־טובים, אונטערשטרייַכנדיק די נאַציאָנאַלע מאָמענטן, נישט זייער נאַטור־אָפּשטאַם.

בייַם דאַווענען שבת און יום־טוב האָט מען אויך — חוץ דער שמונה־עשרה און די תּפילות — געלייענט טיילן פון דער תּורה אין העברעיִשן אָרי־גינאַל און מיט אַן ארמישער איבערזעצונג, דער פּשוטער עולם זאָל פאַר־שטיין. עס איז אויך געווען אַ דרשה, וואָס האָט אָנגעבונדן צו דער פּרשה פון דער וואָך, אָבער געווען געטייַטשט אַקטועל, פול מיט מוסר־רייד. די תּורה האָט מען — ווי פריִער שוין — געלייענט אויך אין די געריכטסטעג.

גאָר אַ וויכטיקער אייַנפיר איז געווען די דעמאָקראַטיזירונג פון גאָטעס־דינסט דורך געבן די רעכט יעדן ייִד צו זייַן דער שליח־ציבור. דאָס אָוועק־נעמען בייַ די כּהנים־לויים די פּריווילעגיע איז געווען דיקטירט פון די גלות־באַדינגונגען, אָבער האָט זיך אויסערגעווייןלעך אויסגעווירקט, ווייַל איצט האָט יעדער איינער געקענט אויספילן די רעליגיעזע פונקציעס.

אין דער דאָגמאַטיק קרייצן זיך ראַציאָנאַליזם מיט מיסטיק. די ייִדן האָבן אונטערגעשטראָכן די ערדישקייט פון משיח בן־דוד צוליבן קריסטנטום. זיי האָבן אויך אַקצענטירט זייַן ראָל אַלס נאַציאָנאַלער אויס־לייזער פון פאָלק, נישט קיין אויסלייזער פון יחידישע זינד. דערבייַ ווערט שטאַרק באַטאָנט די פּאָליטישע זייַט פון משיחיזם — די נאַציאָנאַלע אומ־אָפּהענגיקייט. צוליב די אָפּטע משיחישע באַוועגונגען האָט מען געלערנט, אַז מען טאָר נישט באַשטימען משיחס קומען, כאָטש מען דאַרף האָפן, אַז ער קען קומען יעדן טאָג.

אַ געמיש פון אַ בילד פון משיחס צייַטן מיט די באַגריפן עולם־הבא איז פאַראַן אין דער לעגענדע וועגן שור־הבור און דעם לויתן. מען האָט דאָס אויסגעמישט און דערמיט געמאַכט ערדיש און פאַרגרעבט דעם גייַס־טיקן באַגריף וועגן שארית־הנפש און שכר־ועונש. דאָס איז געווען אַ רע־זולטאַט פון די אָבערגלויבנס, פון די זאַבאַבאָנעס. די גאַנצע נישט־ייִדישע וועלט איז דאַן געווען פול מיט אַסטראָלאָגישע אויסרעכענונגען, חלומות־אויסטייַטשער, שדים, מזיקים, מלאך־המות, כּישוף (בבל איז געווען די היים פון די חרטומים. כּשדים איז געווען אַ באַצייכענונג פאַר כּישוף־

מאַכער), עין־הרע, קמיעות, אָפּשפּרעכענישן. אַ סך פון אָט די זאַבאָבאָנעס און פון דער פאָלקס־מעדיצין איז אַריבער צו ייִדן, אָדער געבליבן פון אַמאָל. אָבער קיין מאָל איז נישט דערגאַנגען צו געצנדינערייַ, אָדער שטע־לן העכער די אָבערגלויבנס פון שכלדיקן באַנעמען גאָט.

די טעטיקייט אין בבל בייַם שליסן דעם תּלמוד ווייַזט אָן, אַז די ייִדן האָבן נישט פאַרבונדן מיט טעריטאָריע זייער נאַציאָנאַלן קיום. אַן אייגע־נע מלוכה האָט געהאָלפן שאַפן די נאַציע, אויסבילדן זי, שטאַרק געמאַכט. אָבער לאַנד איז נישט געווען דער איינציקער אַלטערנאַטיוו פאַר דער ווייַטערדיקער עקסיסטענץ פון פאָלק. פּראָפ. גרעץ זאָגט (ב. 6, קאַפּ. 6): „אויב דאָס ייִדנטום וואָלט זיך געדאַרפט האַלטן נאָר אויף די ייִדן אין ארץ־ישראל וואָלט עס... געמוזט אונטערגיין".

אַ סך רדיפות האָבן די ייִדן געהאַט אויסצושטיין און זיי איבערגעהאַלטן. די סכנה פאַר דער עקסיסטענץ פון פאָלק איז געווען נאָר ווען עס זענען אָנגעגריפן געוואָרן די יסודות פון נאַציאָנאַלן אויסלעבן זיך, די אינערלעכע אויטאָנאָמיע, די מעגלעכקייט צו לעבן לויט די אייגענע גע־זעצן און פאָרשריפטן. אַזוי האָט פּרובירט אומברענגען די ייִדן דער קיסר אַדריאַן, וועלכער האָט פאַרבאָטן צו לערנען תּורה און אָפּגענומען יעדע מינדעסטע זעלבסטפאַרוואַלטונג. דערפאַר זענען בייַ ייִדן אַזוי פאַרהייליקט די עשרה הרוגי מלכות, וועלכע האָבן זיך אַזוי מסירת־נפשדיק אַקעגנגע־שטעלט. יעדער פּרווו אָפּצונעמען בייַ ייִדן דאָס רעכט צו אויטאָנאָמיע, אונטערוואַרפן זיי די אַלגעמיינע געזעצן, און דאָס האָט געהייסן אין יענע באַדינגונגען צוואַנגס־שמד, האָט תּמיד געבראַכט מיט זיך דעם מאַסן־קי־דוש־השם.

אונטערן דרוק פון די שווערע לעבנס־באַדינגונגען האָבן אַ סך געבילדעטע ייִדן זיך געוואָלט צופּאַסן. אַ טייל שוואַכע זענען אַוועק. אָבער דער רוב פרייַע דענקער האָבן זיך באַמיט צו האַלטן אין די נאַ־ציאָנאַלע ראַמען. אין בבל האָט שמואל ירחינאה, דער מחבר פון זאָג „דינא דמלכותא דינא", אַן אַסטראָנאָם, מאַטעמאַטיקער, מעדיצינער און נאַטור־וויסנשאַפטלער, זיך פעסט געהאַלטן נאַציאָנאַל. דער תּנא שמעון בן־לקיש (ריש לקיש), דער מיטרעדאַקטאָר פון תּלמוד ירושלמי איז געווען אַ פרייַ־דענקנדיקער מענטש. אַזוי אויך די זין פון נשיא גמליאל, דעם 2טן, וועל־

כע האָבן געקענט גריכיש. זיי אַלע האָבן געוואָלט לײַכטער מאַכן די צוים, אָבער געווען נאַציאָנאַל געשטימט. אָבער די שנאה צו רוים איז געווען אַזוי באַרעכטיקט, אַז די נשיאים פון בית־הלל זענען געגאַנגען מיט די וועגן פון בית־שמאי אין דער פראַגע פון באַציִונגען מיט נישט־ייִדן.

מער נאָך ווי צום געצנדינערישן רוים איז די שנאה צום קריסטלעכן רוים. די קריסטן ווילן אָפּמעקן די ייִדן בכלל. פון די ערשטע ייִדן־קריס־טן איז קיין זכר געבליבן. עס איז פאַראַן אַן אומטאָלעראַנץ, געשטיצט אויף מלוכה־געוואַלט און בלינדע שנאה פון פינצטערן המון. אויך דער איסלאַם קומט מיט פײַער און שווערד אויפצווינגען זייער גלויבן און די ייִדן זענען די ערשטע קרבנות. דאָס ייִדנטום איז קוים צו זיך געקומען נאָכן אונטערגאַנג פון דער פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט און שוין רוקן זיך אָן נײַע געפאַרן, מער סכנהדיק, ווײַל די מעגלעכקייטן צו פאַרטיי־דיקן זיך זענען אין דער צעשפּרייטונג זייער שוואַכע.

אַנטקעגן די נײַע סכנות טראָגן די ייִדן דאָס איינציקע געווער, וואָס איז זיי געבליבן — דאָס בוך.

דאָס מאָל זענען עס נישט בלויז רייד פון די נביאים, אָדער דער זכּרון פון די סאָציאַלע רעפאָרמען און געזעצן פון דער תורה. הײַנט איז עס אַ קאָנאָניזירט געזעצבוך. די לעגענדע, די אגדה, האָט באַקומען אַ הלכה, דינים, אַ פולן שטייגער, וואָס רעגלאַמענטירט דעם גאַנצן לעבנס־סדר.

מיט דעם וואָפן גייט דאָס ייִדנטום אַרײַן אין פינצטערן מיטל־על־טער, ווו עס לויערן אויף אים פון יעדן ווינקל גרויסע געפאַרן.

איידער דאָס ייִדנטום האָט אַרײַנגעשפּאַנט אין חושך האָט פאַר זיי אויף אַ געוויסער צײַט אויפגעלויכטן די שײַנענדיקע זון פון דער „גאָל־דענער תקופה“ און איר פאַרגייער די בליצײַט פון בבלישן ישוב בײַם איס־לאַם. דאָס איז געווען אַ הילף און אַ טרייסט אין דער פינצטערער צײַט. די בליִענדיקע נאָענטע פאַרגאַנגענהייט האָט געהאָלפן דורכהאַלטן די חור־שבדיקע פּעריאָדן, ווײַל עס איז געווען די האָפענונג, אַז דאָס שלעכטס איז נישט קיין דויערנדיקע און אייביקע זאַך.

ב. דער איסלאַם, דער ראַציאָנאַליזם און זייער ווירקונג

דאָס אויספאָרמירן זיך פון יידנטום האָט גענומען פיל הונדערטער יאָרן. אויך דאָס קריסטנטום, וואָס האָט סינקרעטיזירט פאַרשידענע גלויבנס, האָט זיך אַנטוויקלט אין משך פון עטלעכע הונדערט יאָר. נאָר דער איסלאָם האָט זיך זייער שנעל אויספאָרמירט און נאָך שנעלער איינגענומען לענדער, באַקערט מיט געוואַלט און שווערד אַ סך פעלקער און געוואָרן אַ גרויסמאַכט סיי אין פאָליטישן, סיי אין גייסטיקן זין.

די ניי־פערסישע מלוכה צוזאַמען מיט ביזאַנץ האָבן איבערגעלעבט זייער צייט. ביזאַנץ לעבט כסדר אויף פּראָלאָנגאַציעס פון דער געשיכטע, ווייל עס האָט זיך נאָך נישט געפונען דער כוח, וואָס זאָל זי אָפּווישן. ביידע אַלטע אימפעריעס זענען געווען צעריסן פון אינערלעכע קאָנפליקטן און דער אָנגריף פון די אַראַבער אונטער דער פאָן פון איסלאָם האָט זיך בליץ־שנעל פאַרענדיקט מיטן שאַפן אַ גרויסע מוסולמענישע אימפעריע און אַ גרויסן מוסולמענישן ווירקונגס־קרייז.

די אינוואַזיע פון די אַראַבער האָט אויסגעפילט אַ געשיכטלעכן בלויז. מחמד האָט סינקרעטיזירט אייניקע דאָגמאַטן פון יידנטום און קריסטנטום, צוגעפּאַסט זיי צו דער אַראַבישער ספּעציפישקייט און געשאַפן אַ נייע רעליגיע.

ער האָט פּראָקלאַמירט אַ „הייליקע" מלחמה צו דעראָבערן די וועלט. מיטן איינגעמען נייע לענדער האָבן זיך אויסגעברייטערט די האָריזאָנטן און עס איז אויך געוואָרן נייטיק צו גיין אויף אַ פּשרה מיט די אונטערגעדריקטע פעלקער. די שפּעטערדיקע קאַליפן האָבן געמוזט זיך אָפּזאָגן פון פאַרפאָלגן די אַנדערשגלויביקע, געזוכט צו געווינען זייער מיטאַרבעט, כאָטש דעם פּרימאַט פון די „מאמינים", די מוסלימס, האָבן זיי נישט אָנגערירט, ווייל דאָס איז געווען די הויפּטקראַפט אין די דעראָבערונגען.

די מיטאַרבעט מיט די אַנדערשגלויביקע און דאָס באַקענען מיט דער הילף פון די יידן און סירישע קריסטן די דערגרייכונגען פון די פריערדיקע קולטורן, האָט אַריינגעבראַכט אַן אויפלעבונג אין גייסטיקן דענקען.

מיט דער צײַט זענען די פּרימיטיווע דאָגמעס פון קאָראַן געוואָרן ענג און צו שמאָל פאַר די האָריזאָנטן פון די דעראָבערער פון אַ האַלבער דאָ־מאָלסדיקער וועלט. די אַראַבישע געלערנטע, וועלכע זענען געקומען אין קאָנטאַקט מיט ייִדישע טעאָלאָגן און מיט דער העלעניסטישער פילאָסאָ־פיע, האָבן פּרובירט אויסאַרבעטן אַ דאָגמאַטיק, אַ רעליגיעזע לערע, וואָס זאָל קענען פאַרענטפערן אַ ריי פראַגן.

דער הויפּטשטרײַט, ווי מיר ווייסן, צווישן יודאַיִזם און העלעניזם איז געווען דאָס פּראָבלעם פון פּרעדעסטינאַציע, פאַטאַליזם אָדער פרײַ־ער ווילן, בחירה.

דער איסלאַם האָט זיך געשטיצט אויף פּרעדעסטינאַציע, אויף דעם, אַז גאָט באַשטימט פאָרויס דעם גורל פון מענטש און פעלקער. טייל פּראָ־גרעסיווע אַראַבישע געלערנטע האָבן אָבער אויסגעקליבן דעם שכל, דעם ראַציאָנאַליזם, אַלס מעסטער פון אַלעם, און די דיאַלעקטיק אַלס פאַרש־מיטל. די דיאַלעקטיקער (מוטאַקאַלימון) האָבן געשאַפן דעם קאַלאַם (פון אַ רערל צום שרײַבן — קאַלאַמאָס) א.ז. די ראַציאָנאַליסטן האָבן באַקו־מען דעם נאָמען מוטאַליזיטן.

זיי האָבן אָפּגעוואָרפן דעם פאַטאַליזם, וואָס באַשטימט די ראָל פון מענטש נאָר אַלס אָביעקט. די פּרעדעסטינאַציע — די פאָרויס־באַשטימונג דורך גאָט פון מענטשס האַנדלונגען — האָט אַן אינערלעכע סתירה, ווײַל אַזוי אַרום באַטייליקט זיך גאָט אין שלעכטס. זיי האָבן אָנערקענט אַלס פּרינציפּ פון דער רעליגיעזער עטיק דעם פרײַען ווילן. דער מענטש איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זײַנע מעשים. זיי האָבן אָנערקענט די אַבסאָלוטע איינציקייט פון גאָט און די אַבסטראַקטקייט פון זײַן מהות. גאָט קען מען באַגרײַפן מיטן שכל, פּונקט ווי מיט גלויבן און אַנטפּלעקונג. שכל איז דער איינציקער מקור פון געזונטן גלויבן.

זייערע פּרינציפּן זענען געווען: 1. נישטאָ קיין ענלעכקייט צווישן גאָט און זײַנע ברואים. 2. מען דאַרף נישט אויסטײַטשן אַנטראָפּאָמאָר־פיש אַלע אויסדרוקן אין קאָראַן. 3. גאָט איז אימעטום. 4. גאָט קען מען נישט באַגרײַפן מיט די חושים, נאָר מיטן האַרץ. ערשט אויף יע־נער וועלט באַקומט מען אַ זעקסטן חוש. 5. גאָט איז פולקאָם און גע־רעכט. ער קען נישט באַשטימען, אַז אַ מענטש זאָל טאָן שלעכטס און

שפּעטער אים דערפֿאַר באַשטראָפֿן. פֿאַראַן אַ פֿרײַער ווילן פֿון מעשׂים בײַם מענטש. 6. פֿאַראַן שׂכר־ועונש. 7. צי גאָט קען אויסהיטן פֿון אוימרעכט ווייסט מען נישט. 8. פֿאַראַן לײַכטע און שווערע עבֿירות. 9. דער קאָראַן איז נישט פֿון גאָט, נאָר פֿון מחמדן. די מוטאַליזיטן האָבן פּרובירט אויפֿקלערן די איסלאַמישע דאָגמען דורכן שׂכל און פֿאַרגײַס־טיקן דעם גאָט־באַגריף. זיי האָבן געפּריידיקט אַן עטישן ראַציאָנאַליזם.

געווײנלעך שרײַבן אַ סך היסטאָריקער צו דעם קאַלאַם אַ גרויסע ווירקונג אויף די ייִדישע דענקער, באַזונדערס אויף סעדיה גאון. זיי האָבן גענומען און פּשוט פֿאַרדרייט די יוצרות. די עלעמענטן פֿון קאַלאַם געפֿינען מיר אין תּלמוד, וואָס איז געחתמעט געוואָרן מיט עטלעכע יאָר־הונדערטער פֿריִער און וואָס איז מיט התמדה געלערנט און געטײַטשט געוואָרן אין אַלע ייִדישע צענטרען. אַפֿילו דער גריכישער אײַנפֿלוס אין איסלאַם איז געקומען דורך ייִדישער פֿאַרמיטלונג. דער קאָראַן האָט אין זײַן יסוד געהאַט דעם דעטערמיניזם און אַנטראָפּאָמאָרפֿיזם, ערשט די מוטאַליזיטן (אָפּטריניקע) זענען פֿון דאָגמאַטיק אַריבער צו פֿילאָסאָפֿיע.

ייִדן זענען געווען פֿאַרבונדן מיטן אַראַבישן לעבן נאָך פֿאַרן איס־לאַם צוליב נאָענטקייט פֿון שפּראַך. באַלד אין די ערשטע יאָרן פֿון דער אַראַבישער וועלטהערשאַפֿט איז אַראַביש געוואָרן די אומגאַנגשפּראַך פֿון די ייִדן, אָבער רעליגיעז און קולטורעל איז דער אײַנפֿלוס פֿון די ייִדן אויף די אַראַבער געווען גאָר גרויס. די ייִדן האָבן געפֿירט מער ווייני־קער אַ פֿרײַ נאָרמאַל לעבן, געווען באַטייליקט אין אַלע עקאָנאָמישע, סאָ־ציאַלע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג און אויף זיי האָבן געווירקט די זעלבע אָביעקטיווע באַדינגונגען, מיט דעם אונטערשייד, וואָס די הויפּט־געדאַנקען פֿון קאַלאַם זענען געווען די ייִדן באַקאַנט, סײַ דער פּרינציפּ פֿון בחירה, סײַ די פֿאַרבינדונג פֿון דער עטיק מיטן ראַציאָנאַליזם. דאָס אַלץ איז אין תּלמוד. אויך דער קאַמף מיטן אַנטראָפּאָמאָרפֿיזם. די שווערע רדיפֿות האָבן נישט געלאָזט בײַ ייִדן אָנווענדן די פֿרײַע געדאַנקען אין דער פּראַקטיק.

די פּראַקטיק אין די איסלאַמישע לענדער איז געווען אַנדערש ווי די געזעצגעבונג פֿון קאָראַן, וואָס איז פֿול מיט באַליידיקנדיקע אויסנאַם־געזעצן. דאָס רעאַלע לעבן האָט געצוווּנגען די אַראַבישע הערשער זיך

צו באַנוצן מיט ייִדישע און קריסטלעכע געלערנטע און פּאָליטיקער. אין די אַראַבישע געביטן האָט זיך דער פעאָדאַליזם מיט זײַן קאַסטע־סיסטעם נישט אַנטוויקלט און דעריבער זענען די „דהיממים״ עקאָנאָמיש (חוץ ספּעציעלע שטײַערן) געוואָרן אויסגעגלײַכט מיט די „מאמינים״, די מוס־לימס. נאָר אין פּאָליטישער הינזיכט זענען די ייִדן פאַרפאָלגט געוואָרן, אָבער אויך נישט אַלע מאָל.

אַזוי ווי דער איסלאַם האָט געהאַלטן פון אַ גרויסן טייל ייִדישע גע־באָטן האָט זיך דער אויסערלעכער שטייגער פון ייִדישן לעבן ווייניק אונטערשיידט פון מוסולמענישן. עס איז אויך געקומען צו אַ קולטור־דערנעענטערונג. אַ געבילדעטן אַראַבער איז געווען שווער צו אונטער־שיידן פון אַ געבילדעטן ייִד.

די שנעלע פאַרשפּרייטונג פון איסלאַם האָט פאַרגרעסערט דעם ווירקונגסקרײַז פון דער ייִדישער אויטאָנאָמיע. בבל איז געוואָרן אַ צענ־טער פאַר אַ גרויסן מוסולמענישן געביט און דערמיט האָט זיך אויך דער תלמוד בבלי אויסגעווירקט כּמעט אין דער גאַנצער ייִדישער דיאַספּאָראַ.

דער גרויסער זיג פון איסלאַם רופט אַרויס דרך־ארץ. אייניקע ייִדי־שע סעקטן ווי די עסעיטן, יודגאַניטן און די ערשטע קראים באַטראַכטן עס ווי גאָטס ניסים און זיי אַנערקענען דעם קאָראַן און מחמדן ווי אַן אמת פאַר די גויים, הגם מחמד אַליין האָט בײַ די „שומרים פון גאָטס וואָרט״ נישט געפונען קיין באַשטעטיקונג פאַר זײַן שליחות. פון דעם קאָנפליקט זענען געבליבן אין קאָראַן סימנים. פאַראַן אין אים אַזוי פיל אומטאָלעראַנץ, ווי אויך טאָלעראַנץ, אַז יעדער קאַליף האָט פּראַגמאַטיש אויסגעקליבן וואָס עס לוינט זיך פאַר אים.

די דינאַסטישע מחלוקת צווישן די אַראַבישע מיליטער־פירער, דאָס שאַפן בײַע קאַליפאַטן, האָט בײַ טייל ייִדן דערוועקט פּאָליטישע האָפענונ־גען. אַזוי באַווײַזט זיך דער משיח יצחק עובדיה אָדער אבו־איסאַי פון איספאַהאַן. ער הייסט דאַווענען זיבן מאָל אַ טאָג, נישט עסן קיין פלייש, נישט טרינקען קיין ווײַן, נישט גטן זיך (ווי בײַ די קאַטאָליקן). יעזוס און מחמד זענען ביידע אמתע נביאים. ער האָט געהאַלטן פאַר הייליק אויך די עוואַנגעליע און דעם קאָראַן. זײַנע אָנהענגער האָבן אויפגעהויבן

אַן אויפשטאַנד, פאַרשפּילט אים, אָבער קליינע גרופּן זענען געבליבן ביזן 10טן יאָרהונדערט.

אַ צווייטער משיח איז געווען יודגאַן פון האַמאַדאַן. ער האָט געהייסן אַ סך דאַווענען און פאַסטן. ער האָט אָפּגעשאַפט די דינים פון שבת און יום־טוב. ער איז געווען אַן אָנהענגער פון פּרינציפּ פון פרייַען ווילן. זייַן תּלמיד מושקאַ איז געפאַלן אין הייליקן קריג קעגן זייַנע קעגנער. בייַם לעצטן איז מחמד אויך אַ נביא פאַר אַלע פעלקער חוץ פאַר ייִדן.

די אַלע זענען געווען פאַרבלענדט פון דערפאָלג פון איסלאַם. מער נאַציאָנאַל איז געווען דער פּליט פון ביזאַנץ סערענוס, וועלכער האָט געוואָלט דעראָבערן דאָס הייליקע לאַנד. ער האָט אויך אָפּגעשאַפן פיל תּלמודישע דינים, געוואָלט לייַכטער מאַכן דעם יאָך פון תּלמוד.

עס איז געווען בייַ די ברייטע מאַסן אַ שטרעבונג זיך פרייַער צו מאַכן פון די גאָר שווערע דינים. עס זענען געווען צוויי תּורה׳ס: משה׳ס פון גאָט, וואָס אַלע האָבן זיך דעם אונטערגעאָרדנט, און די צווייטע תּו־רה פון די טראַדיציע־טרעגער, פון די אויסטייַטשער, דאָס הייסט פון מענטשן, און נישט אַלע האָבן געוואָלט זיך אונטערוואַרפן. זיי האָבן גע־שטעלט די פראַגע צי איז טאַקע די תּורה שבעל־פּה אַזוי הייליק?

די זעלבע פראַגע האָבן געשטעלט די מוסולמענער־שיאיטן, וועלכע האָבן אָפּגעפרעגט די הייליקייט פון איסלאַמישן תּלמוד, די סונאַ.

די ייִדן־שיאיטן, די קראים, האָבן אָנגעהויבן פון אַ דינאַסטישן סכ־סוך, נישט געווען צום אָנהייב קיין פּאָליטיש־גייַסטיקע באַוועגונג, אָבער מיט דער צייַט דורכגעמאַכט אַן עוואָלוציע און געוואָרן שטרענגע קאָנ־סערוואַטיסטן נוסח צדוקים, אָפּגעוואָרפן דעם תּלמוד, און אַזוי ווי מען האָט לויט די אַלטע דינים פון בלויזן תּנך נישט געקענט לעבן, האָבן זיי אַליין גענומען אויסטייַטשן די פּסוקים און געשאַפן אַ גרויסן און שטרענ־גערן תּלמוד. דער קאַראַימישער איז נאָך שווערער געווען פון רבניטישן. די קראים האָבן שטאַרק אָנגעבונדן צום געדאַנק פון שיבת־ציון און גע־רופן זיך אַליין אבלי־ציון.

די קראים האָבן פיל אויפגעטאָן פאַר דער ייִדישער דאַגמאַטיק און דער העברעיִשער שפּראַכוויסנשאַפט מיט זייערע דיסקוסיעס וועגן דער תּורה און תּלמוד. זיי האָבן אָבער נישט באַוויזן אויסצואַרבעטן אַ לעבנס־

פּעיקע נײַע געזעצגעבונג, וואָס זאָל קענען קאָנקורירן מיטן אויסגע־פּרוווטן תּלמוד. די פאַרשידענע גרופּעס, הערעזיעס: די אַקבאַריטן, טיפ־ליטן, מאַליקיטן א״א האָבן צעשטערט די ווירקונג פון די קראים, וואָס זייער פּראָטעסט קעגן שטרענגן תּלמוד האָט געהאַט געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג. ביז היינט זענען זיי געבליבן אַ קליינע גרופּע אין מצרים. די קאַראַימער פון ליטע און פּוילן, פאַרניכטעט דורך היטלערן, זענען וואַר־שיינלעך פון כאַזאַרישער אָפּשטאַמונג, וואָס עס האָט באַוויזן זייער טורק־מענישער סידור מיט העברעיִשע אותיות. די קראים האָבן אַרויסגעגעבן איניקע געלערנטע, קאָנסערוואַטיווע און ראַציאָנאַליסטן. זיי זענען גע־בליבן אַ סעקטע און אויפגעהערטווירקן, ווייל זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער תּורה שבעל־פּה, די גייסטיקע שאַפונג פון לעבעדיקן פאָלק, דערמיט האָבן זיי פאַרלוירן דעם נאַציאָנאַלן באָדן, הגם זיי האָבן גע־פּריידיקט נאַציאָנאַלע אויסלייזונג.

דער פאַל קראים באַווייזט, אַז אָן נאַציאָנאַל פאַרמעגן, וואָס נעמט אַרום סיי דאָס פריִער אָנגעזאַמלטע, סיי דאָס אַקטועלע, קאָן נישט עק־סיסטירן אַ פאָלקס־באַוועגונג. די רבניטן האָבן באַוויזן אָפּצוהיטן דאָס פאָלק פון אַ שפּאַלטונג און איינהאַלטן די רעליגיעז־נאַציאָנאַלע דיסציפּ־לין. עטלעכע יאָרהונדערט האָט די קאַראַימישע באַוועגונג עקסיסטירט מיטן כּוח פון ערשטן פּראָטעסט און מיטן צוזאָג און איינרעדעניש צו באַ־נייען דאָס ביבלישע יידנטום. דאָס לעצטע האָבן זיי נישט געקענט טאָן און אונטערגעגאַנגען. דאָס איז אַ מאָמענט אין דער יידישער געשיכטע — אַ נעגאַטיווער מאָמענט — וואָס ווייזט ווי מען דאַרף נישט טאָן.

ייִדן האָבן פאַרלוירן פון כּמות, אָבער די אָפּאָזיציע האָט פאַרשטאַרקט די גייסטיקע טעטיקייט און בלויז אין דעם איז געווען דער פּאָזיטיווער מאָמענט פון דער קראים־באַוועגונג.

אין פּרינציפּ פון דער איסלאַמישער הערשאַפט איז געווען אָפּצוזונ־דערן די אַנדערשגלויביקע. אַזוי ווי אָבער די ייִדן זענען געווען נוצלעך אין דער עקאָנאָמיע, האָט דאָס געשאַפן אַ מין טאָלערירן מיט פאַראַכ־טונג. אָבער גלייכצייטיק האָט מען צוליבן זעלבן פּרינציפּ די ייִדן דער־לויבט אַ ברייטע אויטאָנאָמיע.

די ייִדן האָבן דאָס אויסגענוצט צו פאַרפעסטיקן די תּלמודישע גע־

זעצגעבונג. הגם די ריש־גלותא׳ס שפּילן נאָך אַלץ אַ גרויסע ראָל צוליבן שווערן שטײַער־סיסטעם פון די הערשער, דאָך רוקן זיך אַרויס איז אויבנ־אָן די געלערנטע פירער פון די ישיבות, די גאונים. די מאַכט פון די גאונים איז דער זיג פון תלמוד אַלס רעליגיעז־נאַציאָנאַלע דיסציפּלין. די אויטאָנאָמיע האָט געגעבן די דאָזיקע מעגלעכקייט און דער אײַנפלוס פון די גאונים האָט געשטאַרקט די אויטאָנאָמיע, באַזונדערס איר דעמאָקראַטישן טייל, ווי די חודשלעכע עפנטלעכע דיסקוסיע־סעסיעס, די פאָלקס־פאַרזאַמלונגען מיטן „סנהדרין" אין שפּיץ, צוויי מאָל אַ יאָר.

די אויטאָריטעט פון אַ געלערנטן, אַ פּוסק, איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין געוויסע סכסוכים צווישן ישובים וועגן וויכטיקע פראַגן האָט מען זיך געווענדט צום געלערנטן (ווי צו סעדיה גאון בײַם סכסוך וועגן קאָמפּעטענצן צווישן בבל און ארץ־ישראל, אין 922).

ווען דער עקסילאַרכאַט אין בבל גייט אונטער אין 1040 הייבט זיך אָן אַ פּעריאָד פון נגידים אין עגיפּטן און שפּעטער אין אַראַבישן שפּאַניע.

די שעפערישע טעטיקייט פון די גאונים איז לרוב אַ קאָמענטאַטאָרישע. אויף פאַרשידענע שאלות געבן זיי תשובות, פאַרשרײַבן עס אין זאַמלביכער א.ג. „הלכות פּסוקות". די געענדערטע באַדינגונגען פאַרלאַנגען אַ קאָדיפיקאַציע פון תלמוד. עס דערשײַנען מאָנאָגראַפיעס וועגן באַזונדערע פּראָבלעמען. סעדיה גאון האָט אָנגעשריבן אַ סך אַזעלכע אַרבעטן, אָבער צוליב דעם וואָס זיי זענען געווען געשריבן אויף אַראַביש, זענען נאָר איינצלנע פראַגמענטן געבליבן.

די אויטאָנאָמיע אין בבל, וואָס האָט פאַראייניקט אַלע יידן פון מוסולמענישן געביט, איז אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיטן באַגדאַדער קאַליפאַט. צוגעאײַלט דעם פּראָצעס פון אונטערגאַנג האָבן די רײַסערייען צווישן דעם ריש־גלותא מיט די גאונים. אין 1040 גייט אונטער די אינסטיטוציע פון ריש־גלותא. אין 948 איז אונטערגעגאַנגען די ישיבה אין סורא (נאָך זיבן הונדערט יאָר עקסיסטענץ), זעקס יאָר נאָכן טויט פון סעדיה גאון. פּומבדיתא האָט זיך געהאַלטן נאָך עטלעכע צענדליק יאָר.

סעדיה גאון (882 - 942) שטעלט מיט זיך פאָר — אין זײַן אייגענער פּערזאָן — דעם גאַנצן פאַרוויקלטן קנויל פּראָבלעמען פון זײַן צײַט. געבוירן אין מצרים, וואַנדערט ער אויס קיין ארץ־ישראל און קומט לסוף

קיין בבל אַלס גאון פון דער ישיבה אין סורא. ער לעבט איבער אַן אַנ־טוישונג אין דעם „יידישן מלכות" און ער טרעט שאַרף אַרויס קעגן עק־סילאַרך (ריש־גלותא) און זיין ווילקיר. דער קאַמף איז אַ שווערער. עס קומט דערצו, אַז עס עקסיסטירן אין דער זעלבער צייט צוויי ריש־גלותא׳ס און צוויי גאונים אין סורא. סעדיה פאַרשפּילט דעם קאַמף און מוז בלייבן אין באַגדאַד זיבן יאָר ביז עס קומט צו אַן אויסגלייך און סעדיה ווערט צוריק דער איינציקער גאון.

די אַלע איבערלעבונגען, די וויכּוחים און אָנפאַלן שעפּן אויס די כּוחות ביים גרויסן געלערנטן און פינף יאָר נאָכן צוריק איבערנעמען די ישיבה שטאַרבט ער און מיט אים שטאַרבט אויך די אינסטיטוציע זעקס יאָר שפּעטער.

שוין צו נײַנצן יאָר האָט סעדיה פאַרפאַסט אַ העברעיִש ווערטערבוך, געפּרוּווט אַרײַנפירן אַ סיסטעם פון גראַמאַטיק, סטיליסטיק און פּאָעטיק. צו צוויי און צוואַנציק יאָר נעמט ער אויף אַ פּאָלעמיק קעגן די קאַראַיִמער, וועלכן ער פירט שוין דאָס גאַנצע לעבן און געווינט די דאָזיקע שווערע שלאַכט. ער האָט אויך איבערגעזעצט טיילן פון תּנך אויף דער אומגאַנגשפּראַך, אַראַביש, צוגעבנדיק קאָמענטאַרן. שפּעטער שרײַבט ער אַ סך און וועגן פאַר־שידענע געביטן. באַזונדערס פּרוכטבאַר איז דער פּעריאָד, ווען ער איז געווען אין באַגדאַד.

זײַן לעבן אין איין צײַט מיט די מוטאַליזיטן און אפשר אויך זײַנע באַגעגענישן מיט זיי, ווי אויך די דיסקוסיע מיט דער קאַראַיִמישער אָפּאָ־זיציע, האָבן סעדיהן געבראַכט צום געדאַנק פון פאָרמולירן אַ דאָגמאַטי־שע טעאָלאָגיע, וואָס האָט פריִער אַלס סיסטעם נישט עקסיסטירט. דאָ און דאָרט איז אין תּלמוד געווען אַ פראַזע, אַן אַפאָריזם, אַ געדאַנק, אין מוסר אָדער אגדה, אָבער אַלץ אָפּגעריסן איינע פון די אַנדערע. דער תּלמוד האָט באַהאַנדלט און באַאַרבעט סיסטעמאַטיש די רעליגיעזע פּראַקטיק, ווײַל דאָס איז געווען דאָס געבאָט פון דער צײַט. די פּרינציפּן פון דער דאָגמאַטיק זענען נישט געווען סיסטעמאַטיזירט און דעריבער אָפּט צווישן זיך קעגנזעצלעך. דאָס גלייבן איז געבליבן אַלס געפיל, אַלס עמאָציע, וואָס פאַרטראָגן נישט קיין קאַלטן אַנאַליז. בלויז דאָס געזעץ איז געווען געשמידט לויטן שכל.

אין די העלעניסטישע צײַטן האָט פילאָן געפּרוּווט פאָרמולירן דעם דואַליזם פון שכל און געפיל, אָבער דאָס האָט נישט געלאָזן קיין השפּעה אויפן ייִדנטום.

איצט, ווען די גאונים זענען שוין געווען בכּוח צו פאַרענטפערן יעטווועדע פּראַקטישע פראַגע, האָבן זיי אָבער נישט געקענט פאַרענטפערן די אמונה־ספיקות. דאָ קומען מיר צו דעם גרויסן באַטײַט פון דער טעטיקייט פון סעדיה גאון.

סעדיה האָט גוט געקענט די פילאָסאָפיע פון אַריסטאָטעלעסן (ער רופט אים „האיש זה"), פלאַטאָן, פילאָן פון אַלעקסאַנדריע און זײַנע אייגענע מיטצײַטלער, די מוטאַליזיטן. ער איז נישט פאַרן שטרענגן ראַציאָנאַליזם פון די מוטאַליזיטן. ער וויל געפינען און ער פאָרמולירט אַן אייגענעם פילאָסאָפישן סיסטעם, וואָס דערפירט נישט דעם פרײַען געדאַנק צו כּפירה, דאָס אוניווערסאַלע צום קאָסמאָפּאָליטישן. ער פאַראײניקט די אוניווערסאַלע אידעען מיט די נאַציאָנאַלע נויטן. פאַרן ייִדנטום איז זײַן בוך „אמונות ודעות" דער ערשטער רעליגיעז־פילאָסאָפישער סיסטעם. ער שטעלט זיך פאַר אַ ציל שלום צו מאַכן צווישן גלויבן און שכל. פילאָן האָט זיך באַמיט צו באַגרינדן פילאָסאָפיש דעם ביבלישן יודאַיִזם, סעדיה גאון — דעם תּלמודישן.

ער האָט צו פירן אַ קאַמף אויף צוויי פראָנטן: קעגן אָבערגלויבן פון די מיסטיקער, און קעגן דעם אומגלויבן פון די פרײַדענקער. לויט אים זענעןביידע עקסטרעמען גלײַך שעדלעך פאַרן אמתן רעליגיעזן געפיל. סעדיה האָט אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק פון אַן אַראַבישן שרײַבער, אַז עס עקסיסטירן בלויז צוויי קאַטעגאָריעס מענטשן: טראַכטנדיקע, וועלכע גלייבן נישט, און גלייביקע, וועלכע טראַכטן נישט. סעדיה האָט געהאַלטן, אַז אמת וויסן פירט צו אמתער רעליגיעזיטעט, און פאַרקערט אויך. די שכלדיקייט פון דער תּורה איז — לויט אים — אַ באַווײַז, אַז זי איז געטלעך. פילאָסאָפיע און רעליגיע דערגענצן זיך. וויסן קומט פון:

1 פילן מיט די חושים (עמפּיריזם). 2. דורך אַ קאָמבינאַציע פון פילונגען, אורטיילן מיר וועגן גוטס און שלעכטס, דאָס הייסט מיר באַנוצן דעם שכל. 3. דורך לאָגיק. מיר פאַסן אויף זאַכן לויט זייער לאָגישער נויטווענדיקייט. דער פערטער קוואַל פון וויסן איז דער רעליגיעזער:

די נביאישע אַנטפּלעקונג, אָדער די ריכטיקע מסורה, וואָס גייט פון דור צו דור.

כדי צו ברענגען צו אַ הסכם די אַלע פיר באַדינגונגען דאַרף מען אַלעגאָריש אויפקלערן געוויסע ערטער אין תנך. אַ ייִד מעג באַקפאַרשן די אמתן פון גלויבן. נאָך מער, עס איז אַ פליכט זיי צו באַשטעטיקן דורכן שכל־הישר. נאָר גאָט אַליין איז נישט קיין אָביעקט פון חקירה.

דער פאַרשטאַנד — מיינט סעדיה — לערנט אונדז, אַז נישט אַלץ איז פאַרשטענדלעך. מיר גלייבן אין דעם, וואָס מיר זעען נישט, אָבער וואָס מוז עקסיסטירן אויפן גרונט פון די געזעצן וועגן קאַוזאַליטעט (גורם און סיבה). אויב מיר זעען דעם אויסערלעכן כוח פון אַ פאַרבאָרגענער קראַפט — מוזן מיר גלייבן, אַז אויך די קראַפט עקסיסטירט, ווייַל עס איז אוממעגלעך אַ שאַפונג אָן אַ שעפער.

אַ גרויסן טייל פון בוך, באַזונדערס פון אַרייַנפיר, מוז סעדיה ווידמען דער ראָל, באַטייַטונג און די גרענעצן פון פילאָסאָפישן דענקען. ער האָט זיך געמוזט אויך פאַרטיידיקן פאַרן פאַרנעמען זיך מיט פילאָסאָפיע. זייַן פילאָסאָפישן סיסטעם טיילט ער איין אין צען אָפּטיילונגען. ער פאָרמולירט דרייסט איניקע געדאַנקען נישט בלויז קעגן די מיסטיקער פון אינעווייניק און קעגן די פרייַדענקער פון אויסנווייניק, נאָר אויך קעגן אַ ריי פילאָסאָפישע שולן.

קעגן די מאַטעריאַליסטן שטעלט ער אויף אַ טעזע, אַז די וועלט עקסיסטירט נישט פון אייביק אָן אַ דאַנק די אייגנשאַפטן פון דער מאַטעריע, נאָר איז אַנטשטאַנען אין אַ מאָמענט, ווען גאָט האָט געוואָלט. גאָט איז אויך דער שעפער פון דער מאַטעריע. גייַסט און מאַטעריע זענען גלייַכצייַטיק געשאַפן געוואָרן, נישט ווי עס לערנען אַריסטאָטעלעס און פּלאַטאָן.

קעגן די פּערסער מיט זייער פייַער־רעליגיע האַלט סעדיה, אַז פינצטערניש איז בלויז אַ פעלן פון ליכט, נישט קיין קעגן־כוח.

סעדיה שטעלט אַרויס די טעזע פון איינציקייט פון גאָט און די ציל־מעסיקייט פון זייַן שאַפן. דער מענטש איז די קרוין פון דער יצירה, ווייַל ער האָט די פעיִקייט צו באַגרייַפן דעם אמת, פונאַנדערצושיידן וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט דורך זייַן שכלדיקער נשמה. די נשמה שטרעבט

צו געטלעכקייט און איז אַ קוואַל פון רעליגיעזע און עטישע אימפּולסן. אָבער אין דעם רעאַלן לעבן ווייסט מען נישט די פּינקטלעכע מאָס און מען בלאָנדזשעט. דעריבער האָט גאָט געגעבן אויפן הר־סיני די אָנט־פּלעקונג, ד״ה דעם סכום מצוות און געבאָטן, וואָס לויט זיי דאַרף זיך פירן די טעטיקייט פון דער נשמה. די נשמה איז אַ באַזונדער וועזן, דע־ריבער גלויבט ער אין השארת־הנפש.

גאולה איז אַ פּערמאַנענטע דערשיינונג. תחית־המתים איז געבונדן מיט ביאת־המשיח, נאָכן אויסקויפן די זינד אויף יענער וועלט.

סעדיה איז געווען קעגן גלגול־הנשמות, ווייל נישט אין תנך און נישט אין תלמוד ווערט עס דערמאָנט, נאָר עס איז געבאָרגט ביי פרעמ־דע.

דעם מענטש איז געגעבן געוואָרן אַ פרייער ווילן, די ברירה צו דער־פילן — אָדער נישט — גאָטס געבאָטן. ווען גאָט זאָל נישט געבן קיין בחירה וואָלטן דער רשע און דער צדיק געווען גלייך, וויילביידע טוען גאָטס רצון. לויט דער האַנדלונג קומט די באַלוינונג אָדער שטראָף. גוטע מעשים דערהייבן די נשמה, שלעכטע פאַרטונקלען זי. דער עטישער יסוד פון דער וועלט איז צו באַלוינען אָדער באַשטראָפן פאַר די מעשים סיי אויף דער וועלט, סיי אויף יענער וועלט. אַלע זאַכן אַנטהאַלטן אין זיך גוטס און שלעכטס. נישטאָ קיין אַבסאָלוטע צדקות און קיין אַבסאָלוטע רשעות. אויב דעם רשע איז גוט אויף דער וועלט, נעמט ער דערמיט אָפּ זיין חלק שכר און אויף יענער וועלט וועט אים זיין שלעכט.

ייִדישקייט איז אַ פּאָזיטיווע רעליגיע אָן ספיקות און אָן טראַגיזם, נישט ווי דאָס העלענענטום און זיין קריסטלעכער יורש (פאַרגלייכט עקי־דת־יצחק מיט דער קריסטוס־געשיכטע, אָדער מיט די פאַטאַליסטישע טראַגעדיעס פון העלעניזם).

אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט אין סעדיהס פילאָסאָפישן סיסטעם די עטיק. דאָס גייסטיקע לעבן דאַרף אויך רעגולירט ווערן דורך רעליגיע־זע געזעצן, צוגלייך מיטן שכל־הישר. ביידע דאַרפן שאַפן די האַרמאָניע און גלייכגעוויכט. אָבערגלויבנס זענען אויספאַנטאַזירטע, נישט־פאַר־שטענדלעכע און נישט־פאַרשטאַנענע פאַרשטעלונגען וועגן דער וועלט. גאָטס געבאָטן זענען פאַרשטענדלעך און אמתדיק. ביי טייל מצוות —

גייט סעדיה אויף אַ פּשרה — זעען מיר דערווייַל נישט זייער לאָגיק, זייער מאָראַל, אָבער מען דאַרף זיך פאַרלאָזן אויף דער תּורה. די אידעע פון גאָט איז די סובטעלסטע און דערפאַר שווער צו באַגרייַפן. זייַנע אַטריבוטן זענען: איינציק, לעבעדיק, אַלמעכטיק און אַלוויסנדיק. יעדע באַשאַפונג זייַנע איז אַן אַקט פון חסד. אויך די אַנטפּלעקונג איז, כּדי דער מענטש זאָל נישט דאַרפן לעבן אין פינצטערניש ביז ער וועט דערגיין צום אמת. גאָט קען בייַ טייל אויסזען פּילזייַטיק, אָבער עס איז אַ זען פון פאַרשידענע זייַטן איין און די זעלבע זאַך. גאָט איז אַן איינהייט. דאָס איז געווען געווענדט קעגן דער קריסטלעכער דרייַ־איינִיקייט און דעם פּערסישן דואַליזם.

נישט געקוקט וואָס סעדיהס פילאָסאָפישער סיסטעם צייכנט זיך אויס מיט דער קלאָרקייט פון לאָגישן אַנאַליז, איז עס דאָך נישט געווען קיין אויסדרוק פון פולשטענדיקן פרייַען געדאַנק, נאָר עס האָט דערנענטערט די גרונט־עיקרים פון יודאַיִזם צום פילאָסאָפישן, טעאָרעטישן — און נישט בלויז פּראַקטישן — ראַציאָנאַליזם.

די פילאָסאָפיע פון סעדיהן האָט נישט געהאַט קיין אָפּקלאַנג אין די קאָנסערוואַטיווע קרייַזן אין בבל. עס זענען אָבער געווען מיטצייַטלער און נאָכפאָלגער, וועלכע זענען געגאַנגען אין די זעלבע וועגן פון אַ פרייַערן באַנעמען די פּראָבלעמען. דער לעצטער גאון פון סורא (1010 ־ 1034 געווען פּאָרמעלער גאון) שמואל בן־חפני איז געגאַנגען ווייַטער ווי סעדיה בייַם אויסטייַטשן ראַציאָנאַליסטיש די תּורה. ער האָט בפירוש געזאָגט, אַז מען מוז נישט גלייבן אין די רייד פון די קדמונים, אויב עס איז אין זיי אַ סתּירה מיטן שכל־הישר.

דער דאָקטער יצחק בן שלמה ישראלי פון קיַירואַן (840 ־ 940) האָט אָנגעשריבן צוויי ווערק לויט אַריסטאָטעלעס׳ פילאָסאָפיע. ער האָט פאַרלייגט די יסודות פון אַ מיטלעלטערלעכן אַראַביש־יידישן אַריסטאָטעליזם. ער האָט געוואָלט באַגרינדן דעם ביבלישן „יש מאין" — די וועלט איז באַשאַפן פון גאָרנישט — אין גייַסט פון דער טראַדיציע, נישט לויט אַריסטאָטעלעסן. ער האָט אויך צו ביסלעך גענומען פון נעאָ־פּלאַטאָניזם. אין זייַנע ווערק זענען דאָ סתּירות, ווייַל צוליב טראַדיציאָנעלע טעמים מאַכט ער

נישט אַלע מאָל דעם געהעריקן אויספיר. שפּעטער האָט דער רמבם אויף אים געזאָגט: „ישראלי איז אַ דאָקטער, אָבער נישט קיין פילאָסאָף".

די צווייטע גרויסע פּערזענלעכקייט, וועלכער איז געווען אַן אָנהענגער פון די מוטאַליזיטן, איז געווען דוד אַלמאָקאַמעץ, וואָס מיר ווייסן ווייניק וועגן זײַן לעבן און פון זײַנע ווערק זענען געבליבן נאָר פראַגמענטן. לויט דעם זעט מען, אַז ער איז געגאַנגען אויפן זעלבן מיטלוועג פון סעדיה גאון. אויפן זעלבן דרך זענען אויך געגאַנגען חיי פון פּומבדיתא, ניסים בן־יעקב פון צפון־אַפריקע א״א.

צווישן די קאַראַימער געלערנטע זענען אויך געווען ראַציאָנאַליסטן, וואָס הגם זיי האָבן שטאַרק פּאָלעמיזירט מיט סעדיהן וועגן די פּרינציפּן פון יו־דאַיִזם, זענען זיי אָבער געווען ווי ער אָנהענגער פון די מוטאַליזיטן.

אַן אויסגעהאַלטענער ייִדישער ראַציאָנאַליסט איז געווען חיוי הבלכי, וועלכער האָט געלייקנט אַלע איבערנאַטירלעכע דערשײַנונגען; ער האָט גע־האַלטן, אַז אַלע ביבלישע „ניסים" קען מען דערקלערן שכלדיק. זײַן סקעפּטיציזם איז געווען גאָר גרויס. ער איז געווען קעגן די אָנגע־נומענע באַגריפן וועגן גאָט, קרבנות, ער איז אַפילו געווען קעגן תּפילות און ריטואַל. חיוי האָט נישט געהאַלטן, אַז ייִדן זענען אַן אויסדערוויילט פאָלק מיט אַ מיסיע. זײַן סקעפּטיציזם און ספיקות האָט ער געבראַכט צום אויס־דרוק אין אַ ספר, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק, און אַ סך געלערנטע, ייִדן און קאַראַימער, זענען אַרויס קעגן אים. זײַן ווערק איז פאַרלוירן געגאַנגען, אָבער אין די ווערק פון זײַנע קעגנער — דערין אויך סעדיה — איז געבליבן אַ טייל פון די צוויי הונדערט טענות.

אויב חיוי פון באַלכי האָט — מסתמא צוליב זײַן געלערנטקייט — נאָך געהאַט מוט אַרויסצוטרעטן אָפן מיט זײַן נאָמען און געווינען אָנהענגער, האָט אַ צווייטער ראַציאָנאַליסטישער דענקער געמוזט אַרויסטרעטן אַנאָ־נים. ער האָט בפירוש אָנגעוויזן אויף סתירות און אַפילו נישט־עטישע מעשים אין דער תּורה. די דאָזיקע באַווײַזן האָבן געמאַכט אַ דערשיטערנ־דיקן אײַנדרוק אויף די אַלע, וועלכע האָבן אָנגענומען יעדעס וואָרט פון דער תּורה — און אויך יעדן אות — פאַר הייליק.

קעגן אַלע, וועלכע האָבן געפּריידיקט דעם פרײַען געדאַנק, האָבן אויפגעהויבן אַ מלחמה די מיסטיקער. שוין אין יענער תּקופה פון ראַציאָ־

נאַליזם און שכל האָבן זיי אַרויסגעגעבן די ספרים, פון וועלכע עס הייבט זיך אָן די געשיכטע פון דער קבלה. אין דער זעלבער עפּאָכע האָבן זיך אַנטוויקלט דער פילאָסאָפיש־ראַציאָנאַליסטישער געדאַנק אין יודאַיִזם. עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע פריַידענקער, און עס איז אויך געווען דער אָנהייב פון דער קבלה.

ייִדישע געלערנטע האָבן אויך דערגרייַכונגען אויף אַנדערע געביטן חוץ פילאָסאָפיע. סהל אַלטאַבאַרי האָט אין 830 פאַרעפנטלעכט אַן אַסטראָנאָמיש ווערק, אַן איבערזעצונג און באַאַרבעטונג פון דער טעאָריע פון אַלטן גריך פּטאָלאָמעוס, וועמענס הימלסיסטעם האָט געגאָלטן ביז קאָפּערניקן. ער איז אויך געווען אַ מעדיקער און מאַטעמאַטיקער, ווי אויך אַ געאָמעטער. אלי בן־סהל האָט געשריבן וועגן מעדיצין און היגיענע. דער גרויסער מעדיקער־נאַטוראַליסט, נאַטור־פאָרשער, מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָם יצחק בן שלמה ישראלי, אַ לייַבדאָקטער פון די מוסולמענישע הערשער, האָט אָנגעשריבן אַכט ביכער וועגן מעדיצין. פון זיי איז געווען גאָר וויכטיק דער טייל „וועגן פיבער". זייַנע מעדיצינישע ווערק זענען פון אַראַביש איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעיִש, לאַטייַן און שפּאַניש. דער גרינדער פון דער סאַלערנער מעדיצינישער שול קאָנסטאַנטין פון קאַרטאַגע האָט שפּעטער זיך דערקלערט אַלס מחבר פון זיבן ביכער ישראליס.

דונש אבן־תמים, ישראליס תלמיד, איז געווען אַן אָנגעזעענער אַסטראָנאָם און פילאָסאָף. ייִדישע דאָקטוירים און געלערנטע זענען געווען אויף אַ סך קעניגלעכע הייף אין מוסולמענישן, ווי אויך אין קריסטלעכן געביט פון דער איבערישער האַלבאינדזל. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון דער ראָל פון ייִדן אין קולטור־אויסטויש אין דער וועלט. דאָס מאָל זענען די ייִדן געווען די פאַרמיטלער צווישן אַלטערטימלעכן אָריענט מיט דער אויפקומענדיקער אַראַבישער קולטור.

וואָס שייך גייַסטיקע טעטיקייט אינערהאַלב דעם ייִדישן לעבן דאַרף מען פאַרצייכענען שוואַכע רעזולטאַטן אויפן געביט פון היסטאָריאָגראַפיע און געאָגראַפיע. שרירא גאון האָט אין 980 אָנגעשריבן זייַן „אגרת רב שרירא גאון", אַ טרוקענע ליסטע פון די עקסילאַרכן און גאונים. נתן הבבלי האָט שוין אַ ביסל מער באַשריבן. וואָס שייך געאָגראַפיע קען מען פון

די נישט-געשטויגענע מעשיות פון אלדד הדני זייער וויניק לערנען.

דערפאַר אָבער אויפן געביט פון דער העברעיִשער שפּראַך איז פיל אויפגעטאָן געוואָרן, באַזונדערס האָט אַ באַטייַטונג די קאַנאָניזירונג פון נקוד־סיסטעם.

העברעיִש האָט נישט קיין וואָקאַלן. לויט אַ מינדלעכער מסורה האָט מען געוווּסט צו לייענען. דערפון האָבן זיך געקענט נעמען פאַר־שידענע נוסחאות און גאָר אַנדערע טייַטשן. דעריבער האָט מען אייַנגע־פירט צו שטעלן צייכנס. אין בבל האָט מען געשטעלט די צייכנס איבער די אותיות, אין דער ישיבה פון טבריה — אונטן. אָנגענומען איז געוואָרן דער טבריהער נקוד. דאָס פעסטשטעלן אַן איינהייטלעכן נקוד־סיסטעם, צוגלייַך מיטן קאַנאָניזירן דעם נקוד אין תּורה־טעקסט, איז געקומען צו־ליב די כּסדרדיקע וויכּוחים מיט די קאַראַימער, בייַ וועלכע יעדער איי־נער האָט געקענט טייַטשן ווי ער וויל. דער ענדגילטיקער נקוד אין דער תּורה שטאַמט נישט פון די תּלמודישע קרייַזן, נאָר פון די בני־אשר, קאַ־ראַימישע גרויסע געלערנטע גראַמאַטיקער.

די קאַנאָניזאַציע האָט פאַרלייַכטערט דאָס לייענען, פאַרשטיין און לערנען. דערמיט איז שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרן און דעמאָקראַטיזירט געוואָרן דאָס וויסן. די קאַנאָניזאַציע האָט אויך געבראַכט דאָס פאַרהייליקן אַלע גרייַזן, וואָס זענען דאַמאָלס אַרייַנגעפאַלן. דאָס אייַנפירן די כּללים פון לייענען דורכן נקוד האָט פּאָפּולער געמאַכט דאָס לערנען דעם תּלמוד און עס אַנטשטייען אַ סך פּירושים, עס אַנטוויקלט זיך אַ גרויסע מפרשים־ליטעראַטור. עס איז אויך דער אָנהייב פון דער סינאַגאָגאַלער פּאָעזיע, פון די פּיוטים, וואָס ביסלעכווייַז ווערן זיי אַ טייל פון דאַווענען.

אַ גאָר וויכטיקער אויפטו איז געווען צו ברענגען אין אָרדענונג דעם סדר פון די תּפילות, דעם ענדגילטיקן נוסח פון גאָטעסדינסט. עמרם, גאון פון סורא (850 ־ 870) האָט צונויפגעשטעלט דעם פולן סידור. מיט גע וויסע ענדערונגען און צוגאָבן איז ער גילטיק ביזן הייַנטיקן טאָג. דאָס האָט אויך צוגעגלעך געמאַכט און דעמאָקראַטיזירט דאָס אָפּריכטן די תּפילות.

צוזאַמען מיטן לערנען דעם תּלמוד זענען די אויבנדערמאָנטע אייַנ־פירן אויסן געווען צו פאַרשפּרייטן און פאַרפעסטיקן דאָס וויסן פון תּל־

מוד — ער זאָל קענען דערפילן זײַן אויפגאַבע אין דער צײַט פון אונ־טערגאַנג פון בבלער צענטער און בײַם אַנטשטיין פון נײַע צענטרען. עס האָט עקסיסטירט איין צענטראַלער אויטאָריטעט — דער תּלמוד גופא.

עס איז געווען זייער שווער אין מיטל־עלטער צו זײַן אַ ראַציאָנאַ־ליסט, שוין אָפּגערעדט פון צו זײַן אַ קאָנסעקווענטער פרײַער דענקער. סיבות זענען געווען סײַ די אָרעמע קולטור, סײַ דער רעליגיעזער פאַנאַ־טיזם.

בײַ ייִדן איז אָבער צוגעקומען נאָך אַ מאָטיוו צוליב דער ייִדישער שווערער ספּעציפישער סיטואַציע. דאָס לעבן פון יעדן ייִד איז געווען אין די ראַמען פון דער רעליגיעזער געמיינדע. דאָס גיין קעגן די עיקרים פון דער געמיינדע האָט געהייסן זיך אויסשליסן פון כּלל, אויב מען נעמט עס פון פערזענלעכן שטאַנדפּונקט. ווען מען באַטראַכט עס פון אַל־געמיינעם קוקווינקל האָט עס אָפּט אָנגערירט די איינהייט און גאַנצקייט פון נאַציאָנאַלן קיום, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט רעליגיע און דאָג־מאַטיק. דערפון נעמען זיך די פּשרות מיט דער טראַדיציע מצד די פרײַע גײַסטער. זיי האָבן מקריב געווען זייערע דרייסטע פרײַע איבערצייגונגען לטובת דעם פיזישן און גײַסטיקן קיום פון דער נאַציע.

סעדיה און זײַנע תּלמידים און מיטצײַטלער האָבן אַרײַנגעבראַכט אַ פרישן שטראָם אין ייִדישן לעבן, געלערנט דענקען און טראַכטן, נישט אָנרירנדיק דערבײַ די יסודות פון יודאַיזם, שטייענדיק מיטביידע פיס אויפן נאַציאָנאַלן באָדן. דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט צו באַנײַען, אַק־טואַליזירן די אידעען פון תּלמוד ער זאָל קענען ווערן דער אויטאָריטעט, וואָס באַדאַרף נישט קיין שום וועלטלעכע מאַכט, וואָס זאָל אים באַשטע־טיקן.

דאָס צעפאַלן זיך פון קאַליפאַט אין בבל ברענגט מיט זיך אויך דעם אונטערגאַנג פון דער אויטאָנאָמיע. דער אויפבלי פון די מערב־געביטן פון מוסולמענישן אײַנפלוס טראָגט איבער דעם שווערפּונקט און דער־מיט אויך דעם ייִדישן צענטער.

ג. די גאָלדענע תקופה

דער ייִדישער וועלטבאַנעם האָט זיך אויספּאַרמירט אין אַ פּריַיער געזעלשאַפט, אָבער אין אַן אַרומיקייט פון סיסטעמען, וואָס האָבן זיך געשטיצט אויף שקלאַפעריַי. דערפון איז געקומען דער ערשטער צוזאַמענשטויס און האַס קעגן ייִדן. דער שקלאַפעריַי־סיסטעם האָט זיך איבערגעלעבט און געבראַכט צום פאַלן פון דער טיפיש־שקלאַפערישער מלוכה — רוים, אָבער די יסודות פון דעם סיסטעם זענען געבליבן. נאָך טיף אין מיטל־עלטער האָט געבליט דער האַנדל מיט שקלאַפן. אויך דער פעאָדאַליזם האָט נאָר געענדערט דעם נאָמען פון די שייכותן. די לייבאייגענע קאָלאָנען־פויערים זענען געווען אין דער זעלבער אָפּהענגיקייט ווי די אַמאָליקע שקלאַפן.

דער יודאַיזם — און אין אַ געוויסער מאָס די ייִדן אַלס לעבעדיקע בייַשפּילן — זענען אין תוך וויַיטער געבליבן אין קעגנזאַץ צו דער עקאָנאָמיש־סאָציאַלער איַינשטעלונג. די פעאָדאַלע האַרן — קירכלעכע און וועלטלעכע — האָבן אַרויסגעשטופּט די ייִדן פון באָדן־אייגנטום און זיי באַשטימט אַ סאָציאַלע פונקציע אין דער היעראַרכיע, וואָס דער שטאַנדנסיסטעם האָט איַינגעפירט. די פעלקער־וואַנדערונג און די מלחמות אָנהייב מיטל־עלטער האָבן צעשטערט די געלטווירטשאַפט און צוריקגעבראַכט די נאַטור־ווירטשאַפט. כדי צו אַנטוויקלען דעם האַנדל און אויסטויש און איַינפירן אַ געלטווירטשאַפט זענען נייטיק געווען די ייִדן, סיַי צוליב זייער צעשפּרייטקייט און די אינטערנאַציאָנאַלע באַציִונגען, סיַי צוליב זייער אַנדערשקייט, וואָס האָט זיי געמאַכט רעכטלאָז. דער ענגלישער קעניג הענרי דער 2טער האָט נישט געלאָזט שמדן קיין ייִדן, וויַיל אַ געשמדטער ייִד איז וויניקער ווערט ווי אַ נישט־געשמדטער, ער איז נישט אויסערן געזעץ און צאָלט נישט די ספּעציפישע שווערע שטיַיערן. איז ער געפאַלן אויפן שכל צו קאָנפיסקירן פאַר זיך דאָס פאַרמעגן פון יעדן ייִד, וואָס וויל זיך שמדן. ער האָט זיך גענומען דעם עווענטועלן היזק.

דער פעאָדאַליזם האָט געבראַכט מיט זיך שווידערלעכע רדיפות, רעכטלאָזיקייט פון די ייִדן, פּאָגראָמען און שחיטות. דאָרט, ווו דער פעאָ־

דאַליזם האָט נישט דערגרייכט זיין קלאַסישע שטאַנדנפאָרם איז די סיטואַציע פון די ייִדן געווען בעסער און לייכטער.

אַזוי איז געווען אין מוסולמענישן געביט, ווו דער פעאָדאַליזם האָט זיך נישט אַנטוויקלט אין זיין קלאַסישער פאָרם. אין קריסטלעכן שפּאַניע, ווו די ייִדן זענען לכתחילה געווען געשעצט צוליב פּאָליטישע מאָטיוון, האָט די סיטואַציע זיך געענדערט מיטן פולשטענדיקן זיג פון קריסטנטום אין שפּאַניע און זי האָט זיך מיט גאָרנישט דאַן אונטערשיידט פון דייטש־פראַנצויזישן געביט.

אין אַראַבישן שפּאַניע זענען די ערשטע צוויי הונדערט יאָר אַדורך אָן געשעענישן, ד"ה אָן צרות. ייִדן האָבן אָנטייל גענומען אין דער גאַנצער ווירטשאַפט, געווען לאַנד־אייגנטימער, סוחרים, בעלי־מלאכות. דאָס איינציקע, וואָס האָט זיי אונטערשיידט פון די הערשנדיקע אַראַבער איז געווען דער גרעסערער שטייער, וואָס עס האָבן געצאָלט די אַנדערש־גלוביקע. נאָך די שווערע וויזיגאָטישע צייטן האָבן די ייִדן געדאַרפט אַ גרויסע אָטעם־פויזע צו קענען ווידער שאַפן.

זייענדיק צונויפגעבונדן מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג האָבן די ייִדן אויך אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַ לעבהאַפטע גייסטיקע טעטיקייט ווען די אַראַבישע געלערנטע האָבן גענומען געבן אַן אייגענעם נוסח, נייע פרייע געדאַנקען אין דער קולטור.

די ייִדן האָבן געהאַט אַן אייגענע אויטאָנאָמיע, געמשפּט זיך לויט די אייגענע דינים, געבויט ישיבות, אויפגעהאַלטן אַ גרויסע סאָציאַלע אַליינהילף. די ייִדן, וועלכע האָבן דערגרייכט וויכטיקע מאַכט־פּאָזיציעס, האָבן — חוץ קליינע אויסנאַמען — נישט פאַרלאָזט די ייִדישע געזעלשאַפט, אָנגעפירט מיט איר, געשיצט זי קעגן די שונאים, וואָס קיין מאָל פעלן זיי נישט אויס.

די איינפלוסרייכע ייִדן זענען אויך געווען לומדים. פּונקט ווי אין דער אַראַבישער געזעלשאַפט איז אויך אין דער ייִדישער געווען אָנגעזען די גייסטיקע אַריסטאָקראַטיע, ספּעציעל דער פּאָעט. דעריבער איז אַזאַ וויכטיקע פיגור אין פּאָליטישן לעבן ווי שמואל הלוי הנגיד (993 - 1055), אַ וויזיר במשך אַכט און צוואַנציק יאָר, געווען נישט בלויז אַ מעצענאַט, נאָר אויך אַ שרייבער.

דאָס פרײַערע לעבן אין די מוסולמענישע געביטן האָט געבראַכט מיט זיך אויך אַ פרײַערן בליק אויף די לעבנספּראָבלעמען. הגם דאָס לערנען די יידישע גרזעצגעבונג, דעם תּלמוד, איז געווען זייער אָנגענו־מען און פאַרפליכטנדיק (אויך צוליב די פאַרבינדונגען מיט אַנדערע יידי־שע ישובים), איז אָבער אויסגעוואַקסן אַ גרויסע, רײַכע, פילפאַרביקע לי־טעראַטור פון פילאָסאָפישע ביכער, וועלטלעכער און רעליגיעזער פּאָעזיע, וויסנשאַפטלעכע ווערק פון אַלע געביטן.

טשיקאַווע, אַז די וויסנשאַפט און די פילאָסאָפיע — אַפילו די רעלי־גיעזע — זענען געשריבן געוואָרן אין אַראַביש, נאָר די פּאָעזיע איז גע־בליבן העברעיִש, אַפילו די וועלטלעכע. די שפּראַך האָט דורכגעמאַכט אַן אַנטוויקלונג אַ דאַנק די פּאָעטן און די גראַמאַטיקער. מנחם בן־סרוק האָט געמאַכט אַ ווערטערבוך, דאָס ערשטע אַנאַליטישע ווערטערבוך פון דער העברעיִשער שפּראַך. יהודה אבן־דאוד האָט געפאָרשט די יסודות פון דער העברעיִשער גראַמאַטיק. דונש בן־לברט האָט אײַנגעפירט די מעטריק אין דער פּאָעזיע, הגם זײַן זיידע סעדיה גאון האָט אַמאָל געהאַלטן, אַז מעטריק הייסט אָנטאָן קייטן דער שפּראַך.

יהודה חיוג׳ (כאַיודזש) האָט פעסטגעשטעלט דעם וויכטיקן כּלל, אַז די שרשים פון העברעיִש באַשטייען פון דרײַ אותיות. ער האָט אויך באַ־אַרבעט די כּללים פון נקוד. יונה מרינוס אָדער אבן ג׳נאח (דזשאַנאַך), אַ מעדיקער און פילאָלאָג, האָט אָנגעשריבן אַ גראַמאַטיק און אַ לעקסי־קאָן, אַ סינטאַקסיס און אַ רעטאָריק. אברהם אבן־עזרא האָט געמאַכט אַ לאָגישן און גראַמאַטיקאַלישן פּירוש צום תּנך. דאָס איז געווען אַן אָנהייב פון אַ נײַער כוואַליע ביבל־קריטיק.

אויב גײַסטיקע טעטיקייט האָט אויפגעהאַלטן דאָס יידנטום האָט העברעיִש אָפּגעשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָל, ווײַל זי איז געווען די שפּראַך צוגעגנגלעך פאַרן גאַנצן וועלטפאָלק; די שפּראַך, וואָס האָט זיי פאַראיי־ניקט.

דעריבער איז די ראָל פון די גראַמאַטיקער געווען גרויס. חוץ דעם האָבן זיי געהאַט דעם פאַרדינסט, וואָס אַ דאַנק זייערע שפּראַכפאָרשונגען איז דער טײַטש פון תּנך און תּלמוד געוואָרן פאַרשטענדלעך און איינ־

הייטלעך. אַלע ווערק געשריבן אין העברעיִש (אָדער איבערגעזעצט) זע־נען געוואָרן דאָס אייגנטום פון דער נאַציאָנאַלער קולטור.

מען מוז דערביַי פאַרצייכענען די גרויסע ראָל פון די איבערזע־צער. אין דרום־פראַנקריַיך האָבן געלעבט די בני־קמחי און בני־תּבון, גרויסע קענער פון העברעיִש.

יהודה אבן־תּבון (1120 - 1190) האָט איבערגעזעצט סעדיהס „האמו־נות והדעות", אבן־גבירולס עטיק, בחייס „חובות הלבבים" און יהודה הלויס „כּוזרי". זיַין זון שמואל (1150 - 1230) האָט איבערגעזעצט דעם רמבם, באַזונדער זיַין „מורה נבוכים". ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ בוך וועגן דער פילאָסאָפיע פון אַראַבישן פריַידענקער אבן־ראָשד. זיַין זון משה האָט זיך אויך פאַרנומען מיט איבערזעצן פון אַראַביש אבן־ראָשד און אַנדערע וויסנשאַפטלעכע ווערק. יעקב אנטולי, אַן איידעם פון די תּבונס (1200 - 1260) איז געקומען פון פּראָוואַנס קיין איטאַליע און דאָרט איבערגעזעצט פון אַראַביש אבן־ראָשדס ווערק און אויך פון אַנדערע אַראַבישע דענקער אויף העברעיִש, כּדי דער קייזערלעכער הויף זאָל זיי קענען איבערזעצן אין לאַטיַין.

אַ סך ייִדישע געלערנטע און דיכטער האָבן זיך מפרנס געווען פון מעדיצין און אָנגעשריבן ביכער וועגן דעם געביט. באַזונדערס באַרימט זענען די מעדיציניש ווערק פון רמבם. ער איז געווען אַן אָנהענגער פון היילן דורך דיעטע. אין די נאַטור־וויסנשאַפטן, אַסטראָנאָמיע און מאַ־טעמאַטיק האָבן ייִדן באַטיַיטנדיקע פאַרדינסטן. יצחק אבן־אבולאַפיאַ (1035 - 1094) איז אַ מחבר פון אַן אַסטראָנאָמיש בוך. דער גרויסער פּאָעט אברהם אבן־עזרא (1092 - 1167) איז געווען אַן אַסטראָנאָם און מאַטע־מאַטיקער. אגב האָט ער געגלייבט אין אַסטראָלאָגיע.

דער מאַטעמאַטיקער, אַסטראָנאָם און געאָמטער אברהם בר־חייא (גע־שטאָרבן 1136), וועמען מען האָט גערופן „אבראַהאַם יודעוס" האָט אָנגע־שריבן אַ ווערק וועגן אַסטראָנאָמיע („צורת הארץ"), אַ בוך וועגן קאַלענ־דאַר־סיסטעם („ספר העבור") און אַ בוך וועגן ערדמעסטונג („ספר התש־בורת"). טשיקאַווע איז דאָס וואָס ער האָט געגלייבט אין אַסטראָלאָגיע און אַפילו פאָרגעזאָגט משיחס קומען אין 1358. דער רלב"ג — לוי בן גרשון, גערסאָנידעס —, איז געווען אַ פריַיער גייַסט און אַ גרויסער

אַסטראָנאָם. ער האָט געשאַפן דעם קוואַדראַנס צו מעסטן דעם שטאַנד פון די שטערן, וואָס דאָס איז געווען דער וועגווייַזער פאַר די שיפס־קאַפיטאַנען. אָן דעם קוואַדראַנס וואָלטן נישט מעגלעך געווען די גרויסע אַנטדעקונגס־רייַזעס פון קאָלומבוס א״א. אַ באַרג אויף דער לבנה רופט זיך „רבי לוי״.

גאָר גרויס איז די פּאָעזיע פון דער גאָלדענער תקופה. דער אָנזאָגער איז געווען שמואל הנגיד, וועלכער האָט נאָך געשריבן האַמעטנע לידער. ער האָט געשטיצט און דערצויגן אַ דור פּאָעטן. די גרויסע גראַמאַטיקער האָבן צוגעגרייט דעם באָדן אַזוי, אַז „יעדער איינער״ האָט געקענט מאַכן אַ שיר. לרוב זענען עס געווען רעליגיעזע פּזמונים און פּיוטים, אָבער עס האָט נישט געפעלט אויך קיין וועלטלעכע פּאָעזיע.

שלמה אבן־גבירול (1020 ־ 1070) האָט געהאַט אַ שווער לעבן, פול מיט ביטערניש און דאָס שפּירט זיך אין זייַן שאַפונג. זייַנע וווּנדערלעכע פערזן דערמאָנען אין תהילים, סייַ מיט זייער נאַציאָנאַלן טאָן, סייַ מיטן רעליגיעזן געפיל. מען האָט אים אַרייַנגענומען אין דער ליטורגיע.

משה אבן־עזרא (1070 ־ 1138) פון די פיר ברידער אבן־עזרא, האָט געזונגען וועגן ליבע, נאַטור, ווייַן און שיינקייט. אַ טראַגישע ליבע האָט דערוועקט בייַ אים טרויעריקע טענער און ער איז אַריבער צו רעליגיעזער פּאָעזיע, געשאַפן עטלעכע הונדערט תּפילות און סליחות.

דער גרעסטער פּאָעט פון דער גאָלדענער תקופה איז געווען יהודה הלוי (1085 ־ 1140) דער שעפער פון דער נאַציאָנאַלער עלעגיע. אויף אים האָבן געווירקט די ידיעות וועגן די שחיטות בעת די קרייצצוגן און אויך די מוסולמענישע פאַרפאָלגונגען. אין זייַנע לידער זעען מיר משיח־האָפענונגען און ציון־בענקשאַפט.

דער געלערנטער אברהם אבן־עזרא האָט געשאַפן אַ שטאַרק ווירקנדיקע רעליגיעזע פּאָעזיע, הגם מען געפינט בייַ אים אויך וועלטלעכע לידער. אין זייַנע לידער איז פאַראַן מער דיאַלעקטיק ווי ליריק.

דער עפּיגאָן פון דער גאָלדענער תקופה איז יהודה אלחריזי (1165 ־ 1225), מחבר פון „תחכמוני״. חוץ זיי זענען געווען אַ סך יידישע שרייַבער, דענקער, געלערנטע. אויך נאָך זיי איז געווען אַ דור פון אַ סך נאָכמאַכער און די ווירקונג פון דער גאָלדענער תקופה האָט זיך געלאָזט שפּירן

אַזוי לאַנג ווי עס האָט נאָך געבליט די קולטור אין שפּאַניע, ווי לאַנג דאָס לעבן פון די ייִדן אין שפּאַניע האָט נאָך געהאַט ליכטיקע צײַטן. דערבײַ דאַרף מען באַמערקן, אַז דאָס באַציט זיך אויך אויפן קריסטלעכן טייל שפּאַניע. די ייִדן האָבן דאָרט נישט ערגער געלעבט און אָפט באַקומען נאָך גרעסערע פּריווילעגיעס ווי בײַ די מוסלימס.

אין דער גאָלדענער תּקופה האָבן ייִדישע געלערנטע געווירקט אויפן היסטאָרישן געביט. אברהם אבן־דאַוד האָט צוליב אַ פּאָלעמיק מיט די קאַראַימער אָנגעשריבן אַ היסטאָריש ווערק „ספר הקבלה" וועגן די גדור־לי ישׂראל פון די שפּעטער פון תּלמוד ביז זײַן צײַט. ער האָט אויפגעוויזן דעם המשך ביז די רבנישע צענטרען אין אייראָפּע. בנימין פון טודעלאָ האָט צווישן 1160 און 1173 געררײַזט און זײַנע אינטערעסאַנטע און וויכ־טיקע ידיעות באַשריבן אין בוך „מסעות בנימין". פון דער אגדה האָבן געשעפּט די פּאָעטן זייערע לירישע און דידאַקטישע לידער. פון מדרש האָבן גענומען די ייִדישע רעליגיעזע פילאָסאָפן.

די נײַע אויפקלערונג, דער פרײַער גײַסט, האָט איבערגעלאָזט טיפע שפּורן אין דעם וועלטבאַנעם און אין דער פילאָסאָפיע. אָבער אומדירעקט האָט עס אויך געווירקט אויפן לערנען פון תּלמוד — הגם לערנען תּל־מוד איז אין שפּאַנישן ווירקונגסקרײַז געשטאַנען אויפן צווייטן אָרט. מען האָט אַרײַנגעבראַכט אַ סיסטעמאַטיק אין דער הלכה, אָפּגערייניקט די פאַנטאַסטישע עלעמענטן און אַרײַנגענומען נײַע פּאָעטישע פאָרמען אין דער אגדה, אָבער דער עיקר איז געווען דאָס געבן אַ וויסנשאַפטלעך־פּי־לאָסאָפישע פאָרם דער טעאָלאָגיע און דער עטיק.

מיטן סיסטעמאַטיזירן און מאַכן פּשוטער, לײַכטער, די הלכה האָבן זיך פאַרנומען: דער ראב"ד (אברהם אבן־דאַוד), אברהם אבן־עזרא, וועלכער האָט געמאַכט אַ פּירוש צום חומש, פּשוט, לויט דער גראַמאַטיק. יצחק אלפסי (1013 - 1103) האָט אין זײַנע „הלכות" געגעבן אַ קיצור פון תּל־מוד. ער האָט גענומען פון דער גמרא די גרונטטעזיסן, אַרויסגעלאָזן די דיסקוסיעס און די פּראַקטאָקאָלאַרישע טיילן. עס איז געווען אַ משנה מיט אַ פאַרקירצטער גמרא, וואָס האָט פאַרלײַכטערט דאָס לערנען און גע־האַט אַ גרויסע פּאָפּולאַריזירנדיקע ווירקונג.

שמואל הנגיד האָט פריִער נאָך באַוויזן, אַז די משנה און גמרא זע־

נען געשריבן געוואָרן טײלנווײַז אין פאַרשידענע עפּאָכעס. גערסאָנידעס (רלב״ג) האָט שפּעטער געוואָלט דערקלערן אַלע ניסים אויף אַ נאַטיר־לעכן אופן.

דער רמבם האָט אין די צען יאָר צווישן 1158 און 1168 אָנגעשריבן אַ פּירוש צו דער משנה, ווו ער האָט אַרײַנגעטראָגן אַ סדר אין דער תּלמו־דישער ליטעראַטור, אָפּגעוואָרפן דעם פלאָנטער פון די בעלי־תּוספות. דאָס איז געווען אַ סינטעטישער קאָמענטאַר אָן פּלפּול. אַ דאַנק דעם האָט מען געקענט וויסן קלאָר אַ דין ווי אויך דעם פּראַקטישן אויספיר פון דער הלכה. דאָס איז געווען אַ נײַעס. די פריִערדיקע אַנאַליזן מיט אַזוי פיל פּר־טים האָבן דעם ענין אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז מען האָט פאַרלוירן דעם ציל און מהות.

די אַלע דענקער — מיטן רמבם בראש — האָבן פאַרבונדן לאָגיש, ראַ־ציאָנאַליסטיש די תּורה שבעל־פּה מיט דער תּורה שבכתב. דער רמבם האָט געהאַלטן, אַז אין דער תּורה שבעל־פּה מוז מען נישט אַלץ אָננעמען ווי אַן אַלטע טראַדיציע, נאָר די גרונט־הנחות. דעריבער האָט ער פאָר־מולירט זײַנע דרײַצן אני־מאמינס, די אַקסיאָמען פון דער אמונה. דאָס איבעריקע דאַרף דערוויזן ווערן. די דאָגמאַטן שטייען אין ענגער צוזאַ־מענהאַנג מיט זײַן ווילן צו מאַכן שלום צווישן רעליגיע און פילאָסאָפיע, צו פאַרגײַסטיקן דעם באַגריף גאָט און דעם ריטואַל.

אַ ביסל שפּעטער אין 1180 האָט דער רמבם אָנגעשריבן אין העברעיִש זײַן משנה תּורה (אָדער „יד החזקה״). עס האָט פערצן ספרים. אין ער־שטן ספר גיט ער די פילאָסאָפיע פון דער ייִדישער טעאָלאָגיע. דאָס איז געווען אַ פּרוּוו צו געבן אַ פולן טעאָרעטיש־פילאָסאָפישן סיסטעם דעם יודאַיִזם. ער האָט עס געגעבן מיט אַ ראַציאָנאַליסטישער באַלײַכטונג. יע־נע וועלט איז אַ העכערע, ריין גײַסטיקע, אָנקערפּערדיקע עקסיסטענץ. עס איז קעגן די פאַרגרעבטע באַגריפן פון גן־עדן, גיהנום און תּחית־המתים פון גוף. זײַן משיח־אידעאַל איז נישט קיין מיסטישע דערשײַנונג, נאָר אַ היסטאָריש געשעעניש, וואָס דאַרף פאַרווירקלעכן דעם נביאישן אידעאַל.

די איבעריקע ספרים געבן אין אַ סדר און אין אַ קלאָרער שפּראַך אַלע דינים לויט דער תּורה און תּורה שבעל־פּה. דאָס האָט געדאַרפט פאַר־טרעטן דאָס לערנען אַלע מפרשים און טײלווײַז אויך דעם תּלמוד גופא.

ער האָט געהאַלטן, אַז דער תלמוד איז צום פּסקענען, נישט צו חקירהן זיך. דער רמב״ם האָט אָבער נישט געהאַט קיין געפיל פאַר עוואָלוציע, פאַר היסטאָרישער פּערספּעקטיוו און געפּסקנט צו שטרענג, פאַר אַלע צײַטן.

זײַן „ספר המצוות״ האָט געדאַרפט דערגענצן די משנה תורה. דער־בײַ האָט ער פונאַנדערגעטיילט די דינים פון דער תורה פון די דינים פון תלמוד. אַ דין פון תלמוד וואָס ווערט באַוויזן דורך לאָגישע באַגרינ־דונגען, איז נישט קיין מסורה, קיין תורה שבעל־פּה, ווײַל אויב יאָ, טאָ פאַר וואָס דיסקוטירט מען? דעריבער מעג מען קריטיקירן אַזאַ דין.

די דאָזיקע פרײַע מיינונגען האָבן אַרויסגערופן אַ שטורעם אין די קאָנסערוואַטיווע קרײַזן, באַזונדערס אין די דײַטש־פראַנצויזישע געביטן, ווו דאָס שווערע לעבן האָט אויספאָרמירט אַן אַנדער צוגאַנג צו די לעבנס־אויפגאַבן פון יידישן פאָלק.

דאָרט, ווו יידן האָבן געלעבט פרײַער (נישט אין גאַנצן פרײַ) האָבן זיי אויך געדענקט פרײַער. דאָרט, ווו זיי האָבן מער וויניקער זיך פאַר־שטאַנען (נישט בלויז שפּראַכלעך) מיט זייערע שכנים, האָבן זיי אויך זיך באַקענט מיט אידעען און מיינונגען אויסער דעם יידישן קרײַז און אַ טייל פון די דאָזיקע פילאָסאָפיעס — אין געענדערטע פאָרמען — האָבן זיך אָנ־גענומען אויפן יידישן באָדן. מיר האָבן פריִער געזען ווי די אַראַבישע מו־טאַליזיטן האָבן באַווירקט דעם דור פון סעדיה גאון. אין דעם דור פון רמב״ם האָט אַ גרויסע ווירקונג געהאַט די אַ ביסל פאַרענדערטע פילאָסאָ־פיע פון אַריסטאָטעלעס און דער נעאָ־פּלאַטאָניזם.

די צוויי גרויסע גריכישע פילאָסאָפן האָבן צו פאַרדאַנקען זייער פּאָפּולאַריטעט אין מיטל־עלטער דעם יידיש־העלעניסטישן פילאָסאָף פי־לאָן פון אַלעקסאַנדריע, וועמענס אײַנפלוס אויף דער טעאָסאָפיע פון קריסטנטום איז זייער גרויס.

אין אַראַבישן לעבן פון יענער צײַט איז אויפגעטראָטן דער באַגדאַ־דער דענקער אַל־גאַזאַלי, וועלכער איז אין זײַן בוך „די אַפּלייקענונג פון דער פילאָסאָפיע״ אַרויסגעטרעטן קעגן דער אַריסטאָטעלישער פאָרמולע, אַז מען דאַרף די רעליגיעזע דאָגמעס אַוועקשטעלן אונטער דער קאָנטראָל פון שכל. ער האָט געהאַלטן, אַז רעליגיעזע אינטויִציע איז גרעסער ווי

טעאָלאָגישע פאַרשונג. דאָס איז געווען אַ פּראָטעסט קעגן די מוטאַליזיטן פון דער שול פון אבן־סינאַ.

קעגן אַל־גאַזאַלי איז אַרויס אין קאַמף דער גרויסער אַראַבישער פֿי־לאָסאָף איבן־ראָשד (אַווראָעס). עס איז ווידער אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע וועגן בחירה און ידיעה, ד"ה פרײַהייט פון ווילן אָדער פּרעדעסטי־נאַציע, אייביקייט פון דער וועלט אָדער איר באַשאַפנקייט (קדמת העולם און חידוש העולם), וועגן אַנטראָפּאָמאָרפיזם אין תּנך און אין קאָראַן. אַ וויכּוח וועגן דער ראָל פון שכלדיקן באַנעמען די וועלט, אָדער גיין לויט דער טראַדיציע.

אויך בײַ ייִדן איז געווען דער זעלבער שטרײַט. די ראַציאָנאַליסטן האָבן געהאַלטן, אַז לויטערע רעליגיע און שכל האַרמאָניזירן אין גאַנצן. די אָנהענגער פון טראַדיציע האָבן געמיינט, אַז אַזאַ האַרמאָניע קען נישט זײַן. עס דאַרף הערשן נאָר געטלעכע אַנטפּלעקונג. זיי האָבן געוואָלט באַ־פעסטיקן דעם גלויבן אויף היסטאָריש־נאַציאָנאַלע עמאָציעס.

עס איז אויך געקומען אין פאָדערגרונט דער שטרײַט צווישן די צוויי שטרעמונגען, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון די פאַרשידענע לעבנס־באַ־דינגונגען: די אוניווערסאַלע שטרעבונג און די נאַציאָנאַלע. די ערשטע האָט רעפּרעזענטירט דער רמבם. די נאַציאָנאַלע האָט געהאַט אַלס איר פּירשפּרעכער יהודה הלוי.

ביידע האָבן פּרובירט טיילווײַז זיך צו שטיצן אויף דער פילאָסאָפיע. דער עיקר האָט דאָס געטאָן די אוניווערסאַליסטישע ריכטונג. אין דער פילאָסאָפיע האָבן דאַמאָלס אַלמעכטיק געהערשט אַריסטאָטעלעס און פּלאַ־טאָן אין זײַן מיטלעלטערלעכער פאָרם.

אַריסטאָטעלעס האָט געפּריידיקט דעם דואַליזם פון פאָרם און מאַ־טעריע. צווישן פאָרם און מאַטעריע איז פאַראַן אַן אינערלעכע בויטוועג־דיקייט, ד"ה אַ טויש פון פאָרם אין מאַטעריע בײַ אַ באַדינג, אַז די מאַ־טעריע דאַרף זײַן גרייט דאָס אויפצונעמען אין זיך. דער מענטשלעכער אינטעלעקט, וואָס איז באַגרענעצט, באַקומט דאַן אַ טייל פון א.ג. אַקטיוון אינטעלעקט. דער איינצלגײַסט האָט אַ פאַרבינדונג מיט דער העכערער וועלט פון גײַסטיקייט. דאָ קומט מען צו דער דערקענטניש פון דער פול־קאָמענער פערזענלעכקייט. גאָט איז דאָס העכסטע דענקען.

ווײַטער האָט אַריסטאָטעלעס געזאָגט, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן דורך איר „ערשטן באַוועגער”, אָבער מער מישט זיך נישט דער „ערשטער באַוועגער” אין די ענינים פון דער וועלט. גאָט, הייסט עס, איז בלויז די אַנטשטייונג, דאָס אורוועזן, אָבער מיטן מענטש רעגירט דער געדאַנק. גאָט רעגירט נישט מיטן מענטש, נאָר זײַן געדאַנקלעכע עמאַנאַציע באַווירקט. דער מענטש פירט זיך לויט דער אַקטיוויטעט פון פאַרנונפט (שכל־הישר), נישט לויט דער גאָט־דערקענטניש.

דאָס אַלץ איז געווען פּאַראַלעל צום מאָנאָטעיִזם, אָבער פּרײַדענקעריש. דער יודאַיִזם האָט געהאַלטן פון ריינעם מאָניזם. פאַראַן איין באַשעפער. איינער איז אַלץ. דער מענטש איז אין גאָטס געשטאַלט און הגם ער האָט אַ פרײַען ווילן דאָך איז פאַראַן אַ השגחה־פּרטית, אַ גרענעץ פאַר די מעשים פון מענטש.

אַריסטאָטעלעס' וועלט־אויפפאַסונג איז געווען ריין ראַציאָנאַליסטיש. דער מענטש רעגירט זיך לויט און מיט זײַן ווילן. עס איז געווען אין דער אידעע אַ סך אינדיווידואַליזם. להיפּוך צום יודאַיִזם, וואָס וואַרפט אָפּ דאָס ריין־יחידישע, נאָר שטעלט פאַר אַ ציל דאָס כּללישע, האָט דאָס קריסטנטום לײַכט איבערגענומען דעם דאָזיקן העלעניסטישן יסוד.

אָפּשאַצנדיק אַריסטאָטעלעס' ראַציאָנאַליזם האָבן די ייִדישע דענקער געמוזט געפינען אַן אַנדערן נישט־יחידישן אויסוועג. זייער סאָציאַלע לאַגע האָט זיי נישט דערלויבט צו פילן זיך ווי יחידים מיט אַ פולשטענדיק פרײַען ווילן. דאָס לעבן איז געווען אַנדערש, און אַ דענקנדיקער מענטש האָט נישט געקענט לעבן מיט בלויזע אַבסטראַקציעס אין אַזאַ שווערער צײַט.

פּלאַטאָן, וועלכער האָט געפּריידיקט די אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה, האָט געפונען אַ סך פאַרערער אין מיטל־עלטער, ווו אַלע האָבן געוואַרט אויף יענע וועלט און דערווײַל אַ תּל געמאַכט פון דער וועלט. זײַנע אָנהענגער האָבן גאָר אַנדערש געטײַטשט זײַנע אידעען און האָבן זיך דעריבער אָנגערופן נײַ־פּלאַטאָניקער.

דער נעאָ־פּלאַטאָניזם איז אַ מעטאַפיזישע אויפפאַסונג פון דער וועלט. עס איז פאַראַן אַ קעגנזאַץ צווישן דער אור־סיבה פון זײַן און דער מאַטעריע. די וועלט גייט צו פולקאָמענהייט. דער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס ווײַכט

אָבער אָפּ פון דער געטלעכער פולקאָמענהייט ביז נידעריקייט און רשעות פון דער גשמיות־וועלט. אין דעם לעצטן איז דער מענטש פאַרשפּינט, אָבער אין זײַן נשמה האָט ער אַ פונק פון געטלעכקייט. דער וועג צו דער אויסלייזונג איז אָפּזונדערן זיך פון גשמיות דורך אַסקעטישע טוגנטן און ווענדן זיך צו רוחניות, דעם קוואַל פון דער נשמה.

די אַנטוויקלונג פון דער וועלט איז אַ לאָגישער פּראָצעס, אין וועלכן דער אור־אמת צעפּאַלט זיך אין אירע קאָנסעקווענצן. די סתירות צווישן העכערע און נידעריקע וועלטן — זענען די אַנטיפּאָדן פון רוחניות און גשמיות.

די גשמיותדיקע וועלט איז אויך דער אָפּגלאַנץ פון דער אידעען־וועלט. די אַבסאָלוטע אייניקייט פון דער געטלעכקייט איז דעם מענטש־לעכן שכל נישט צוגעגנגלעך, אָבער עס איז דער לאָגישער פּועל־יוצא, דאָס לאָגישע אין זײַן אורגעשטאַלט, וואָס איז אונדזער דיסקורסיוו דענ־קען נישט דערגרײַכבאַר.

דער וועג צו דערלייזונג איז די פילאָסאָפיע. דער עקסטאַז, וואָס איז העכער פון יעדן דענקען, איז דאָס העכסטע פילאָסאָפישע באַוווסטזײַן.

ווי מיר זעען האָט נעאָ־פּלאַטאָניזם אַנטשפּראָכן די מיטלעלטערלע־כע נייגונג צו מיסטישער רעליגיעזיטעט, צו אַסקעטיזם.

אָט דאָס זענען געווען די צוויי פּאָליוסן פון דער מיטלעלטערלעכער פילאָסאָפיע: ראַציאָנאַליזם און מיסטיציזם.

צווישן די צוויי פּאָליוסן האָבן זיך געפונען די ייִדישע דענקער פון דער גאָלדענער תקופה. דאָס רעאַלע לעבן האָט זיי געצוווּנגען צו זוכן אַ מיטלוועג צווישן גלויבן און פרײַען גײַסט, צווישן קאָלעקטיוון און אינ־דיווידואַליסטישן. עס איז געווען שווער, באַזונדערס פאַר אַ ייִד, צו לעבן אויסער דעם קרײַז פון זײַן נאַציאָנאַלער אָדער סאָציאַלער גרופּע צו־ליב די רעגלאַמענטאַציעס פון מיטלעלטערלעכן סדר. דאָס האָט געלייגט אַ חותם אויפן געדאַנקענגאַנג.

דער פאָרגייער פון דער גאָלדענער תקופה שלמה אבן־גבירול האָט אָנגעשריבן אַ פילאָסאָפיש ווערק „מקור חיים". דאָס ווערק האָט זוכה געווען צו איבערזעצונגען אין לאַטײַן א"א שפּראַכן. דער לאַטיינישער

קולטור איז ער באַקאַנט אַלס אַוויצעבראָן. אין 1859 האָט מען ערשט דער־וויזן, אַז שלמה אבן־גבירול איז דער מחבר פון „פאָנס וויטע".

זײַן פילאָסאָפיע איז די מעטאַפיזיק פון נעאָ־פּלאַטאָניזם, דורך דעם פילטער פון פילאָן פון אַלעקסאַנדריע, מיט געדאַנקען גענומען בײַ אַריס־טאָטעלעסן.

שלמה אבן־גבירול איז געווען אַ דואַליסט. ער האָט אונטערגעשטראָ־כן דעם קעגנזאַץ צווישן גײַסטיקן און קערפּערלעכן. ער איז אויך געווען אַן אָנהענגער פון דער לערע, אַז אַלץ איז צוזאַמענגעשטעלט פון מאַטע־ריע און פאָרם. דער געמיינזאַמער יסוד (סובסטראַט) איז די מאַטעריע, וואָס די פאָרם דיפערענצירט. אויך גײַסטיקע סובסטאַנצן האָבן די זעלבע דואַליטעט.

זײַן סיסטעם איז אַ לייטער פון מדרגות פון די שעפערישע כּוחות אין דער וועלט פון גײַסט און פון מאַטעריע. גאָט איז אַ ריין גײַסטיקע סוב־סטאַנץ, און — לויט פילאָנס לאָגאָס — איז דער ווילן די ערשטע עמאַ־נאַציע פון גאָט. חוץ די דאָזיקע זענען שעפערישע כּוחות אויך די אוני־ווערסאַלע מאַטעריע, די אוניווערסאַלע פאָרם, די אוניווערסאַלע נאַטור, ווי אויך דער וועלט־שׂכל און די וועלט־נשמה. פון די דאָזיקע כּוחות האָט זיך דורך עמאַנאַציע אַנטוויקלט די גאַנצע וועלט פון חושים. דער מענטש איז אַ מיקראָקאָסמאָס לגבי דעם מאַקראָקאָסמאָס פון דער וועלט. די וועלט איז די געטלעכקייט. אין יעדער זאַך איז פאַראַן די געטלעכקייט (פּאַנ־טעיִזם). די איינצלנע נשמה האָט איר אורשפּרונג אין דער וועלט־נשמה. אַראָפּנידערנדיק אויף דער וועלט ווערט זי פאַרטונקלט. אונדזער אויפ־גאַבע איז צוריק געווינען די פאַרלאָרענע ליכטיקייט.

אויף דער באַזע איז אַנטוויקלט שלמה אבן־גבירולס עטיק „תּקון מדות נפש". דאָס ווערק האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויך אין דער קריסטלעכער וועלט.

אַ דענקער, וועלכער האָט געוואָלט פאַרבינדן די עטיק פון יודאַיִזם מיט דער פילאָסאָפיע איז געווען בחיי אבן־פּקודה, וועלכער האָט אין יאָר 1040 אַרויסגעגעבן זײַן מוסר־ספר „חובות הלבבות". די מצוות טיילט ער איין אין ריטועלע (חובות הגוף) און מצוות פון האַרצן. ער באַמיט זיך צו באַווײַזן די אינעווייניקסטע כּוונות פון דעם ריטואַל. ער האָט דורכ־

געפירט אַ גלענצנדיקן אַנאַליז פון דער נשמה. דערבײַ האָט ער גערימט די נזירות.

בחיי ציטירט אין זײַן ספר, וואָס האָט צען שערים, סעדיה גאון, אַריס־טאָטעלעסן, דעם תּנך און גמרא. עס איז אַן עטיש־זיטלעך בוך, געשטיצט אויף טראַדיציאָנעלע און אויך אויף שׂכלדיקע באַווײַזן. אויף אים האָבן געווירקט פון דער דרויסנדיקער אַראַבישער קולטור די אָנהענגער פון „קאַלאַם", מער נאָך די „ברידער פון ריינקייט", וועלכע האָבן געזוכט אַ סינטעז צווישן איסלאַם און דער גריכישער פילאָסאָפיע. זײַן עטיק איז נאָענט צו די אַראַבישע סופיסטן, אַסקעטן־מיסטיקער.

אין גײַסט פון דער נאַציאָנאַלער טראַדיציע האָט געדיכטעט און גע־שאַפן יהודה הלוי. אין זײַן ספר „הכּוזרי" האָט ער אַרויסגעבראַכט דעם אַפּאָטעאָז פון יידנטום. ער האָט דאָס געשריבן אויף אַראַביש און עס הייסט דאָרט „דאָס בוך פון באַווײַזן צום שוץ פון אַ דערנידעריקטער אמונה". דער מחבר האָט אויסגענוצט די לעגענדע ווי אַזוי דער כאַגאַן פון די כּוז־רים האָט אָנגענומען דעם יידישן גלויבן. יהודה הלוי פירט דערבײַ דורך אַן אויספירלעכע דיסקוסיע צווישן די געלערנטע, וואָס יעדער לייגט פאָר אָנצונעמען זײַן גלויבן. ער ברענגט אַ פילאָסאָף (געמיינט אַריסטאָטעלעסן), וועלכן ער פאַרערט שטאַרק, אָבער איז נישט מסכּים מיט אים. דער פי־לאָסאָף זאָגט: „דער בורא האָט נישט קיין ווילן, נישט קיין גלוסטן, וואָ־רעם ער איז העכער איבער אַלע שטרעבונגען און פאַרלאַנגען... ער הערט נישט דײַנע תּפילות..." דער קריסט ווידער האַלט, אַז גאָט באַשטימט אַלץ און דער מחבר לאָזט אים פאַרפלאָנטערן זיך אין חשבון פון דעם, אַז איינס איז גלײַך דרײַ. פאַרן מוסולמענער האָט ער איבערגעלאָזן אַ פלאַכע לױ־בערײַ פאַר מחמדן און דעם קאָראַן.

דערפאַר אָבער איז די אַפּאָלאָגיע פון ייד שטאַרק. ער שטיצט זיך אויף דער נבואה און דער אַנטפּלעקונג. ער האַלט, אַז די היסטאָרישע רע־ליגיע פון דער אַנטפּלעקונג שטייט העכער פון דער נאַטירלעכער רעלי־גיע, וואָס מען קען צו איר דערגיין מיטן שׂכל. אויף דער טענה, אַז יידן לײַדן אומעטום און דאָס איז אַ באַווײַז פון זייער אינפעריאָריטעט, ווײַזט יהודה הלוי אָן, אַז סײַ דאָס קריסטנטום, סײַ דער איסלאַם, רימען זיך מיט די ליידן פון ישו און מחמד און זיי שטרייכן נאָך אונטער תּמיד דעם

פאַקט, אַז זיי זענען געווען אַ געגנוג לענגערע צײַט נישט אָנערקענט.

דאָס בוך איז יודעאָ־צענטריש. יהודה הלוי פּאָלעמיזירט מער מיט דער פילאָסאָפיע ווי מיטן קריסטנטום און איסלאַם. זײַן קריטיק פון דער העלענישער פילאָסאָפיע איז אין גײַסט פון אַל־גאַזאַלי.

קעגן יהודה הלויס אָפּזאָגן זיך פון דער פילאָסאָפיע טרעט אַרויס זײַן מיטצײַטלער אברהם אבן־דאַוד (1110 ־ 1130). ער האַלט, אַז גראָד די פילאָסאָפיע קען העלפן באַקרעפטיקן דעם גלויבן. נבואה איז נאָר די העכסטע מדרגה פון שכל. פילאָסאָפיע און רעליגיע זענען ביידע אויסן צו דערגרייכן מאָראַלישע שלימות פון יחיד, פון דער משפחה, פון כּלל. די ייִדישע דינים דינען דעם דאָזיקן ציל. אבן־דאַוד איז געווען דער מיטל־רינג צווישן סעדיה גאון און דעם רמבם.

דער גרעסטער פילאָסאָף פון דער ראַציאָנאַליסטישער שול אין מיטל־עלטער איז געווען דער רמבם — רבנו משה בן מיימון — (1135 ־ 1205). ער איז געווען אַ גרויסער געלערנטער און אָרגאַניזאַטאָר פון ייִדנטום. זײַן געלערנטקייט האָט אים געפירט צום אַריסטאָטעלישן ראַציאָנאַליזם און זײַן ראָל אין ייִדישן אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן האָט אים געבראַכט צו זוכן דעם סינטעז צווישן דעם פרײַען גײַסט און דעם נישט־פרײַען לעבן פון די ייִדן, פול מיט נגישות און רדיפות, וואָס רופן אַרויס איראַציאָנעלע גלייבונ־גען און מיסטישע פאָרשטעלונגען.

ער האָט רעאַגירט אויף אַלע געשעענישן אין ייִדישן לעבן. קעגן באַ־ליידיקן די אנוסים האָט ער אָנגעשריבן זײַן „אגרת השמד"; וועגן די פרײַ־צײַטיקע משיחישע באַוועגונגען — זײַן „אגרת תימן". דעם פירוש צו דער משנה האָט ער געשריבן צוליב דער נייטיקייט צוגענגלעכער צו מאַכן דאָס לערנען תּלמוד. זײַענדיק פון פאַך אַ מעדיקער האָט ער שטאַרק גע־האַלטן פון דיעטע, פון היגיענע, פון פּראָפילאַקטיק. דאָס האָט ער אויך אָנגעווענדט אויפן גײַסטיקן געביט. ער האָט געוואָלט פאַרהיטן פון די גע־פאַרן פאַרן ייִדנטום.

אַרום, אין דער אויסערלעכער וועלט, האָט געהערשט באַרבאַריזם און פינצטערניש, אָבערגלויבן און אַ מיסטיציזם, וואָס איז געווען ווײַט פון די עיקרים פון יודאַיִזם. כּדי אַנטקעגנווירקן דער הערשנדיקער און אָנקומענ־דיקער פינצטערניש האָט מען געדאַרפט זיך באַוואָפענען מיט אַ קלאָרן,

פֿאַרשטענדלעכן גלויבן. דער רמב״ם, ווי אברהם אבן־דאַוד, האָט אויך געוואָלט די ייִדישקייט זאָל איינשליגגען די פֿילאָסאָפֿיע, כּדי זי זאָל אויפֿהערן צו זיין אַ זעלבשטענדיקע — און אָפֿט קעגנערישע — גייסטיקע קראַפֿט, און דערמיט אַן אינעווייניקסטע געפֿאַר פֿאַרן נביאישן מאָנאָטעיִזם. ער האָט געוואָלט שטאַרקן די נאַציע דורך באַוווּסטזיניקן גלויבן און פֿרייען געדאַנק. דער רמב״ם האָט געוואָלט אויסמיידן דעם ריס צווישן תּורה און פֿילאָסאָפֿיע. ער האָט איינגעשפּאַנט די גריכישע פֿילאָסאָפֿיע אין ייִדישן געטלעכן וואָגן פֿון דער שכינה, ווי זיינס אַן אָנהענגער האָט זיך אויסגעדריקט. ער האָט זיין פֿילאָסאָפֿישן סיסטעם געשטיצט אויף די גריכישע און אַראַבישע פֿילאָסאָפֿן, לרוב אָבער אויף אַריסטאָטעלעסן. ער האָט געזוכט די האַרמאָניע, דעם סינטעז פֿון די וויסנשאַפֿטלעכע עלעמענטן מיטן גלויבן.

ביים רמב״ם איז נישט געווען קיין פֿאַרייִדישטער אַריסטאָטעליזם, נאָר אַ פֿאַרגריכישטע — אין פֿילאָסאָפֿישן זין נאָר — ייִדישקייט. ער האָט געשטעקט טיף אין דער טראַדיציע, נאָר ער האָט גענוצט די סיסטעמאַטיק, טערמינאָלאָגיע און קלאָרקייט פֿון דער גריכישער פֿילאָסאָפֿיע.

דעם רמב״מס „מורה נבוכים" (דערשינען 1190) איז אַ קלאַסישער ביישפּיל פֿון אַ פּאָזיטיוון גלויבן האַרמאָניש פֿאַרבונדן מיט אוניווערסאַל וויסן. ער האָט דאָס בוך אָנגעשריבן פֿאַרן אינערלעכן ייִדישן געברויך. ער האָט עס געשריבן אין דער אומגאַנגשפּראַך אַראַביש, אָבער מיטן העברעיִשן אלף־בית. דער רושם איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס איז באַלד איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַראַביש און שפּעטער איבערגעזעצט אין לאַטיין.

אויף אַן אָנפּראַגע וועגן גלייבן אין אַסטראָלאָגיע האָט ער געענטפֿערט, אַז מען דאַרף גלייבן אין דריי זאַכן: 1. מאַטעמאַטישע וויסנשאַפֿטן. 2. וואָס די חושים פֿילן. 3. אין דער טראַדיציע פֿון די נביאים. אַסטראָלאָגיע איז „אַ געצנדינערישע איינגלייבעניש פֿון די שטערנזעער" און אַ מיאוסע און פּוסטע זאַך און האָט נישט קיין שייכות מיט אַסטראָנאָמיע.

אין „מורה נבוכים" זעען מיר אויך דעם איינפֿלוס פֿון רמב״מס מיטצייטלער, פֿון אַראַבישן דענקער אבן־ראָשד.

דער רמב״ם האָט געזען צוויי אַנטפּלעקונגען: דעם תּנ״ך, דעם אמת פֿון גלויבן, און די פֿילאָסאָפֿיע פֿון אַריסטאָטעלעסן, דעם אמת פֿון שׂכל. ער האָט געשאַפֿן אַ געניאַלע סינטעזע פֿון רעליגיע און פֿילאָסאָפֿיע, אָבער דערביי

געמוזט גיין אויף נייטיקע פשרות. ער האָט געהאַלטן, אַז דער גלויבן קאָן און מוז ווערן באַרעכטיקט דורכן שכל, דורך דער פילאָסאָפיע און נישט דורך דער בלינדער טראַדיציע.

אָננעמענדיק אַריסטאָטעלעס׳ אידעע וועגן אַן „ערשטן באַוועגער״ האָט דער רמבם אים נישט געהייסן רוען, נאָר אין גײַסט פון יודאַיִזם האָט ער פון גאָט געמאַכט אַ דינאַמישן כוח, וואָס שאַפט און הערט נישט אויף צו שאַפן, אַן אַלמעכטיקן רצון. גאָט קען מען נישט באַשרײַבן מיט אַטריבוטן, ווײַל דאָס איז אַנטראָפּאָמאָרפיזם. מיר ווייסן, אַז עס איז פאַראַן גאָט, אָבער נישט וואָס ער איז. דעריבער קען מען גאָט באַשרײַבן נאָר מיט נעגאַטיווע אַטריבוטן: ער האָט נישט קיין אָנהייב און נישט קיין סוף, נישט פאַרבונדן מיט צײַט און רוים.

אויך אין דער פראַגע פון מאַטעריע גייט זיך דער רמבם פונאַנדער מיט אַריסטאָטעלעסן, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז די וועלט־מאַטעריע פאַר־מאָגט אַן אייביק־זײַן, זי עקסיסטירט פאַר דער צײַט. דער רמבם האַלט, אַז גאָט האָט באַשאַפן די מאַטעריע. ער נעמט אָן די מיינונג פון אַריסטאָטעלעס׳ תלמידים, די פּעריפּאַטעטיקער, און פירט אַרײַן צווישן גאָט און דער מאַ־טעריעלער וועלט אַ קאַטעגאָריע ריינע גײַסטער, וואָס די טראַדיציע רופט זיי אָן מלאכים, און וואָס זענען אַן עמאַנאַציע פון געטלעכן שכל.

אין מענטש איז פאַראַן דאָס צײַטווײַליקע און דאָס אייביקע. די נשמה באַשטייט פון צוויי עלעמענטן: ערשטנס, די אינדיווידועלע לעבנסקראַפט פון געגעבענעם יחיד, און צווייטנס — דער אוניווערסאַליסטישער גײַסט פון דער מענטשהייט, דעם „אײַנגעשאַפטן״ דערוואָרבענעם שכל. דאָס ער־שטע שטאַרבט צוזאַמען מיטן גוף, דאָס צווייטע בלײַבט.

נבואה איז אַ דערנענטערונג פון מענטשלעכן שכל צום געטלעכן. יע־דער מענטש קען דערגרײַכן רוח־הקודש. דער ציל פון תורת־ משה איז די פאַרפולקאָמונג פון גוף און נשמה. דער רמבם, ווי אַן אינטעלעקטואַל, האָט געשטעלט העכער די פּערפעקציע פון שכל ווי די פּערפעקציע פון מידות. הגם די פּערפעקציע פון מידות איז זייער וויכטיק און דער גרעסטער טייל מצוות באַציט זיך צו דעם — דאָך איז עס נישט קיין ציל פאַר זיך, ווײַל די מידות זענען וויכטיק נאָר בין אדם לחברו, אָבער אויב מען זאָל דעם מענטש אַרויסנעמען פון כלל האָבן די דאָזיקע גוטע מידות קיין באַטײַט.

אַ העכערע מדרגה איז די פּערפעקציע פון שכל, דערקענען דעם בורא דורך לערנען. עס איז אַ ריין ראַציאָנאַליסטישער צוגאַנג, אַ רעליגיעזע פֿי־לאָסאָפיע באַזירט אויף אינטעלעקטואַליזם, אַן איבערוואָג פון שכל איבערן געפיל, אַ גייַסטיקער אַריסטאָקראַטיזם. עס זענען ליכטיקע, אָבער אייַז־קאַלטע, שפּיצן פון געדאַנק. דער רמב״ם פאַרזעט, אַז רעליגיע איז אַ פונקציע פון דער נשמה, אַז אין רעליגיע האָבן מענטשן געזוכט אַ טרייסט און וואַ־רעמקייט. ער האָט געזוכט נאָר דעם אָביעקטיוון אמת און דורכגעלאָזן דעם סוביעקטיוון אמת. ער האָט אויך נישט אונטערגעשטראָכן דעם טיפן דעמאָ־קראַטישן מהות פון דער ייִדישער עטיק, וואָס האָט אייַנגעטיילט די מענטשן לויט דער מדרגה פון זייער מאָראַל, וואָס יעדער קען צו אים דערגרייַכן — און נישט לויט דער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג, וואָס איז עליטאַר. דעם רמב״מס „דענקנדיקער איבערמענטש״ איז ווייַט פון ייִדישן וועלטבאַנעם. ער האָט מותר געווען דערויף, ווי אויך אויף אַנדערע היסטאָרישע יסודות, צוליב זייַן פאַרערונג פאַר אַריסטאָטעלעסן. ווי אַלע זייַנע מיטצייַטלער זעט ער נישט קיין היסטאָרישע פערספעקטיוו, ווייס נישט פון עוואָלוציע. זייַן ראַציאָנאַליזם האָט אים געפירט צום אַבסטראַקטן פילאָסאָפיזם.

דער „מורה נבוכים״ האָט אַרויסגערופן אַ גרויס מחלוקת און אַ גרויסן אינטערעס. זייַן תּלמיד יוסף אבן־עקנון האָט אים געפרעגט וועגן דער אומקלאָרקייט אין ווערק בנוגע דעם פּראָבלעם פון תּחית־המתים. דער רמב״ם האָט אויף דעם געענטפערט מיט אַ גאַנצן טראַקטאַט (אין 1191) „מאַ־מר תּחית המתים״, וווּ ער זאָגט זיך אַרויס ווידער נישט קלאָר. קען זייַן, אַז ער האָט אַליין מורא געהאַט צו פאָרמולירן זייַנע געדאַנקען. אין בריוו צו נאָענטע באַקלאָגט ער זיך אויף די „שוטים און אַלטע ווייַבער״, וועלכע גלייבן יעדע אַלטע טראַדיציע, וואָס רעדט אין אַן אַנטראָפּאָמאָרפישער פאָרם וועגן גאָט. ער האָט זייַן זון רעקאָמענדירט נישט צו לערנען דעם פּלפּול פון די דייַטש־פראַנצויזישע רבנים, נאָר דעם פירוש פון אברהם אבן־עזרא, וואָס זאָגט דעם אמת.

מיטן „מורה נבוכים״ האָט דער רמב״ם אַרייַנגעבראַכט אַ גייַסטיקע אויפלעבונג. עס האָבן זיך באַוויזן אָנהענגער, פאַר וועמען עס איז באמת אַ וועגווייַזער, און קעגנער, וועלכע האָבן דערין דערזען פרייַדענקערייַ און אַפילו אפּיקורסות.

אויך נישט־יִדן האָבן זיך מתווכח געווען. די אָרטאָדאָקסישע מוסול־מענער האָבן דעם רמבם פאַרגליכן צום פרייַדענקער אבן־ראשד, וועמענס ביכער מען האָט גראָד דאַמאָלס פאַרברענט. זיי האָבן מורא געהאַט פאַרן גייַסט פון בוך, דערצו ווען ער איז געווען געשריבן אין אַראַביש.

אין אָנהייב פון דער אַנטוויקלונג פון וויכּוח, וואָס האָט געדויערט הונ־דערטער יאָרן, איז דער רמבם געשטאָרבן אין מצרים. זייַן טויט האָט אַרויס־גערופן גרויס טרויער ביַי יִדן און אויך ביַי די אַראַבער, וועלכע האָבן אים פאַררעכנט צו זייער קולטור־ירושה.

וואָס זענען געווען די סיבות פון דער גרויסער קעגנערשאַפט צום רמבמס „מורה נבוכים" אין דער צייַט ווען אַלע זייַנע קעגנער, אַפילו די, וועלכע האָבן אים געלייגט אין חרם, האָבן אָנערקענט זייַן גרויסקייט און זייַנע פאַרדינסטן?

קודם־כּל האָט מען מורא געהאַט בכלל פאַרן אַרייַנדרינגען פון דער אַראַבישער פילאָסאָפיע. נישט געקוקט אויפן פאַנאַטיזם און די רדיפות פון די מוסולמענער האָבן יִדן דאָך געלעבט מיט זיי אין נאָענטע — נישט אַלע מאָל פרייַנדלעכע, נאָר תּמיד נאָענטע — באַציִונגען. יעדע אפּיקורסות אין אַראַבישן לאַגער האָט געקענט זיך אָפּרופן אין יִדישן. דער קרייַז פון דער אַראַבישער קולטור האָט אַרומגענומען אויך די יִדישע דענקער.

אַנדערש איז געווען מיט דער קריסטלעכער פילאָסאָפיע, וואָס האָט טאַקע זיך געיחוסט מיטן תּנך, אָבער די באַציִונגען פון דער קריסטלעכער געזעלשאַפט צו יִדן האָט פון פאָרויס באַשטימט אַ פייַנדלעכע אָפּגעזונדער־טע פּאָזיציע. חוץ דעם איז די קריסטלעכע געזעלשאַפט געשטאַנען קולטור־רעל אַ סך נידעריקער פון דער יִדישער. דעריבער איז פון דער זייַט נישט געווען קיין געפאַר.

קעגן רמבמס פילאָסאָפיע זענען געווען די מערב־אייראָפּעיִשע רבנים. זיי האָבן באַלד אַלץ אָפּגעוואָרפן. אָבער אויך אין ווירקונגסקרייַז פון די ספרדים איז געווען אַן אויטאָריטעט, וועלכער האָט געהאַט אַן אַנדערן צוגאַנג צום גלויבן ווי דער רמבם. דאָס איז געווען דער רמבן — רבנו משה בן נחמן (1195 ־ 1270), אַ געבוירענער אין באַרצעלאָנע. הגם אַ מעדיקער און אַ קענער פון נאַטור־וויסנשאַפט און פילאָסאָפיע איז ער געווען אַן אָנהענ־גער פון לערנען נאָר תּלמוד. קעגן רמבמס קולט פון פאַרשטאַנד האָט ער

אַרויסגעשטעלט די רעליגיע פון געפיל. ער האָט געגלויבט אין אַלע זאַ־באַבאַנעס, וואָס דער רמבם האָט זיי באַצייכנט ווי געצנדינערייַ.

זייַענדיק אַ פרינציפּיעלער קעגנער פון רמבם האָט דער רמבן דאָך נישט געוואָלט דערלאָזן צו קיין חרם אויפן גרויסן ראַציאָנאַליסטישן דענ־קער. ער האָט געגלויבט דעם רמבמס פאָרשונגען וועגן הלכה, ווי אויך זייַ־נע מיינונגען וועגן דער גרויסקייט פון גאָט. ער האָט פאַרגעלייגט אַרייַנ־צולייגן אין חרם נאָר די, וועלכע לערנען דעם „מורה נבוכים", דערקעגן דער פילאָסאָפישער טייל פון פירוש צו דער משנה דאַרף אָנערקענט ווערן. ער האָט אויך פאַרלאַנגט, אַז דער חרם דאַרף האָבן די צושטימונג פון רמבמס זון און פון אַלע אָנהענגער פון רמבם.

דער חרם איז דאָך אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1232 דורך שלמה פון מאָנפּעליע, יונה גירונדי און נאָך אַ רב.

נישט אַלע האָבן מסכּים געווען מיט דער מיינונג פון רמבן. אין די קריסטלעכע לענדער איז אַנטשטאַנען די אינקוויזיציע, ווו די דאָמיניקאַנער ריכטער האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט די אַלביגענזער אפּיקורסים. שלמה פון מאָנפּעליע און יונה גירונדי זענען אַוועק צו די דאָמיניקאַנער און פאַרלאַנגט צו פאַרברענען די ביכער פון רמבם און רודפן זייַנע אָנהענגער. דער „מורה נבוכים" האָט שוין געהאַט זייַן לאַטייַנישע איבערזעצונג. צום גליק איז די יורידיקציע פון דער אינקוויזיציע נאָך נישט חל געווען אויף די ייִדן. דעריבער זענען נאָר פאַרברענט געוואָרן די ביכער.

דער דאָזיקער אַקט האָט איבערגעוויגן די סימפּאַטיע צום צד פון רמבמס אָנהענגער. דאָס האָט זיך מער באַצויגן צו זייַן פּערזענלעכקייט, ווי צו זייַנע אָנשויונגען. דאָך איז די באַוועגונג פאַר פאַרשטאַרקן דעם צוים געוואָרן גרעסער און באַטייַטנדיקער. דער קאַמף צווישן די אָנהענגער און קעגנער פון רמבם איז געווען זייער אַ שאַרפער. וואָס פינצטערער עס איז געוואָרן די צייַט, אַלץ מער האָט מען פאַרפאָלגט דעם רמבמס אָנהענגער. דאָך איז זייַן איינפלוס געווען אומגעהייער און ער האָט אָפּגעשפּילט אַ דעצי־דירנדיקע ראָל אין דער דערוואַכונג פון ייִדישן גייַסט אין די מאָדערנע צייַטן.

אין דאָזיקן סכסוך איז געווען אַ טיפער נאַציאָנאַלער אינהאַלט, אַ שטרייַט־

פראַגע וועגן קיום פון דער אומה, וואָס ביידע צדדים האָבן עס אַנדערש פאַרשטאַנען. דער זיג פון דער קאָנסערוואַטיווער ריכטונג איז געווען אין איינקלאַנג מיט די רעאַליען פון דער צײַט.

אין דער קריסטלעכער טעאָלאָגיע האָט טאָמאַס פון אַקווינאַ געוואָלט אונטערטעניק מאַכן די פילאָסאָפיע דער רעליגיעזער דאָגמע. אַריסטאָטע־לעסן האָט ער געלערנט פון די איבערזעצונגען פון רמבם און אבן־ראשד. ער האָט גענומען דעם גריכס לאָגישן אַפּאַראַט און דערמיט געוואָלט באַ־ווײַזן די רעליגיעזע דאָגמע. אַ צווייטע ריכטונג אויפן פּאַריזער אוניווער־סיטעט האָט בכלל אָפּגעוואָרפן יעדן שלום צווישן רעליגיע און פילאָסאָפיע. זיי האָבן געפּריידיקט אַ דואַליזם, אַ צווייענדיקן אמת, ביי וועלכן דער אמת פון גלויבן שטימט נישט תמיד מיטן אמת פון שכל, וואָס פאַרנעמט זיך נאָר מיט נאַטירלעכע דערשײַנונגען, בעת דער אמת פון גלויבן פאַרנעמט זיך מיט איבערנאַטירלעכע.

דער דואַליזם האָט שטאַרק געווירקט אין דער ייִדישער סביבה. אמת, לויטן רמבם איז די סתירה נישט געווען אַזוי גרויס, ווײַל דער רמבם האָט דאָך אַרײַנגעפירט אַקסיאָמען, דאָגמאַטן פון גלויבן. די שוועריקייט איז אָבער באַשטאַנען וואָס ביי ייִדן זענען געווען צונויפגעקניפּט — נישט צום פונאַנדערטיילן — רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פאַרשטעלונגען, לעגענדע און געשיכטע, עמאָציע און געדאַנק. תמיד איז דער ייִדישער דענקער געשטאַ־נען אויפן ראַנד צו אַנטשיידן וועגן דער אוממעכטיקייט אָדער פון שכל, אָדער פון גלויבן.

אָט די דילעמע האָט געשטערט אַלע פרײַע דענקער, פון סעדיה גאון ביז די נאָכפאָלגער פון רמבם, צו געבן אַ קלאָרן ענטפער און דערפאַר איז עקלעקטיזם געוואָרן דער אויסוועג. די נישט־קאָנסעקווענטקייט פון די מײַ־מוניסטן האָט געגעבן אַן איבערוואָג די קאָנסערוואַטיווע.

די קאָנסערוואַטיווע קרײַזן האָבן אויך אַרויסגעגעבן אַ באַטײַטנדיקן דענקער. דאָס איז געווען דער פילאָסאָף חסדאי קרשקש (קרעסקעס) (1340 - 1410), אַ רב אין באַרצעלאָנע. זײַן פילאָסאָפיע — די אידעאָלאָגיע פון רבּ־נות — שטיצט ער אויף דער טעזע, אַז עס קען נישט זײַן קיין גלײַכצייכן און קיין שלום צווישן שכל און געטלעכער התגלות. דער באַגרענעצטער

מענטשלעכער שׂכל מוז זיך בייגן פאַר דער אַנטפּלעקונג פון דער תּורה. עס איז אַ חוב צו באַווייַזן די סתירות צווישן זיי.

ער איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעם רמבמס פאַרבינדן די גריכי־שע לערעס מיטן יידנטום. ער איז אויך געווען קעגן דואַליזם, וואָס רעדט וועגן צוויי אמתן. גאַר שאַרף איז זייַן קריטיק קעגן אַריסטאָטעלעסן. ער ווייַזט אויף, אַז זייַנע אידעען זענען קעגן די עיקרים פון יודאַיִזם. קרש־קש׳ס שאַרפער אַנאַליז פון דער אַריסטאָטעלישער לערע האָט — נישט לויטן ווילן פון מחבר — אויסגעטראָטן אַ וועג פאַר נייַע וועגן און נייַע שטראָמען אין איירָאָפעיִשן רענעסאַנס און אין דער וויסנשאַפט.

אין פּאָזיטיוון טייל פון זייַן פילאָסאָפיע הייסט חסדאי קרשקש זען די העכסטע שלימות נישט אין דערקענען גאָט, נאָר אין אַקטיווער ליבשאַפט צו גאָט. קעגן רמבמס אינטעלעקטואַליזם שטעלט ער אַרויס די מאָראַל. לויט אים איז גאָטס השגחה חל אויך אויף יעדן יחיד, נאָר די פּרעדעסטי־נאַציע האָט גרענעצן. די אויסערלעכע געשעענישן זענען פאַרגעזען, אָבער נישט די געדאַנקען און דער ווילן פון מענטש.

דער דאָזיקער געלערנטער האָט געפירט אַ גרויסע פּאָלעמיק מיטן קריסטנטום. ער איז אויך געווען דער רבי פון מיסטיקער יוסף אלבו.

צו די שאַרפע קעגנער פון רמבמס פילאָסאָפיע דאַרף מען צורעכענען דעם רשב״א (שלמה בן־אדרת 1245 ־ 1310), אַן אויטאָריטעט, געזעלשאַפט־לעכער פירער, אָבער אַ פאַרברענטער אָנהענגער פון די בעלי־תּוספות. מיט אים האָט איַינגעשטימט דער געקומענער פון דייַטשלאַנד רא״ש (אשר בן־יחיאל), וועלכער האָט געבראַכט דעם פאַנאַטיזם פון די דאָרטיקע שווע־רע צייַטן קיין שפּאַניע.

דער קאָנסערוואַטיווער דענקער אבא מארי ירחי — אָדער דאָן אַסט־רוק דע לונעל — האָט דעם דואַליזם פון די אמתן אָפּגעוואָרפן. פאַראַן נאָר איין אמת מהר סיני און דער תּלמוד טייַטשט אים אויס. יידישקייט האָט ער באַזירט אויף דרייַ דאָגמעס: 1. גאָט איז איינציק. 2. גאָט האָט די וועלט באַשאַפן. 3. גאָט רעגירט מיט דער וועלט. לויט אים איז אַריסטאָטעלעס דערגאַנגען דעם אמת נאָר פון דער ערשטער דאָגמע. דעריבער איז ירחי געווען קעגן לערנען וועלטלעכע פילאָסאָפישע לימודים.

נאָך לאַנגע קווענקלענישן האָט דער רשב״א אין יאָר 1305 אַרויסגע־

געבן אין באַרצעלאָנע אַ חרם צו לערנען וויסנשאַפט און פילאָסאָפיע — חוץ מעדיצין — פאַר מענטשן ביז פינף און צוואַנציק יאָר. דער חרם איז גע־ווען גילטיק נאָר פופציק יאָר. אין אים ווערט אונטערגעשטראָכן נאָר גריי־כישע ווערק. דאָס איז געווען אַ פשרה מצד דעם רשב״א, וועלכער האָט נישט געוואָלט צעפלאַקערן קיין מחלוקת און אויך געוווּסט ווי שווער עס וועט זײַן דורכצופירן דעם חרם.

דער חרם האָט אַרויסגערופן אַ קעגן־חרם פון די מיימוניסטן אין מאָנ־פּעליע פאַרן באַליידיקן דעם רמבם און פאַר שטערן לערנען וויסנשאַפט.

דער רמבם איז נישט געווען דער לעצטער ראַציאָנאַליסט צווישן די יידישע געלערנטע פון מיטל־עלטער. דער רד״ק (דוד קמחי 1160 ־ 1235) פון דער באַוווּסטער משפחה גראַמאַטיקער און איבערזעצער, מיט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער העברעיִשער שפּראַך, איז געווען אַ פרײַער גײַסט. ער האָט הייס פאַרטיידיקט דעם רמבם און זײַן פילאָסאָפיע. דוד קמחי האָט געזאָגט, אַז אין משיחס צײַטן וועלן די וויכוחים צווישן די חכמים — וואָס דאָס איז דער איגהאַלט פון תלמוד — בטל ווערן. דאָס איז געווען פון זײַן זײַט אַ געוואַגטער שריט אין יענער צײַט פון דער הערשאַפט פון תלמוד צו זאָגן, אַז ער האָט נישט קיין אייביקן ווערט.

אין איטאַליע האָבן זיך אָפּגערופן צו פאַרטיידיקן דעם רמבם משה פון סאַלערנאָ אין אַ פירוש צום „מורה נבוכים״, זרחיה בן שאלתיאל פון רוים. פאַר אים איז דער רמבם הייליק און ער קריטיקירט דעם רמבן. אַ מעסיקער מיימוניסט, מיט נייגונגען צו פשרות, איז געווען הלל פון ווערא־נע (1220 ־ 1295), אַ זייער געבילדעטער מענטש.

אויך אין שפּאַניע, ווו עס האָבן זיך געשטאַרקט די קאָנסערוואַטיווע, ווו דער ראַ״ש און זײַן משפחה האָבן געוועלטיקט, האָבן זיך דאָך געפונען הייסע פאַרטיידיקער פון רמבם ווי שם־טוב גאון און דאָן ווידאַל (יום־טוב די טולוסאַ).

צום לינקן פליגל פון די מיימוניסטן האָבן געהערט די דרום־פראַנ־צויזישע פילאָסאָפן לוי בן גרשון פון באַניאָל (אַוויניאָן), יוסף כספי פון אַר־זשאַנטיער (1280 ־ 1340), משה נרבוני (1300 ־ 1362), אַ גרויסער פאַרע־רער פון רמבם, אַריסטאָטעלעס און אבן־ראָשד. ווי דער רמבם איז ער גע־

ווען טיף פאַרבונדן מיט ייִדישקייט. ער איז געווען דער לעצטער ראַציאָ־נאַליסט אין מיטל־עלטער.

דער איבערזעצער אברהם בן חסדאי האָט שאַרף פּראָטעסטירט קעגן פאַרברענען דעם רמבמס ביכער דורך דער אינקוויזיציע. אגב האָט יוסף גירונדי, דער גורם צו דעם אויטאָדאַפע, נאָכן פאַרברענען אויך דעם תּלמוד דורך דער אינקוויזיציע, שטאַרק חרטה געהאַט אויף זײַן טאַט.

אַ פשרה האָבן געזוכט די מעסיקע מײַמוניסטן שם־טוב פלקירא און יצחק אלבלג. דער לעצטער האָט אָנגענומען דעם דואַליזם וועגן צוויי אמתן: גלויבן און שכל. ער וואַקלט זיך צווישן טראַדיציאָנאַליזם פון אַל־גאַזאַלי און דער פרײַדענקערײַ פון אבן־ראַשד. אין זײַנע וועגן גייט לוי בן אברהם בן חיים, דער רלב״ח (1245 ־ 1315), אַן עקלעקטיקער, וועלכער מישט צו־זאַמען פרײַדענקערײַ און אָבערגלויבן. כּדי אַרויסצוגיין פון דער סתּירה — פאַר וועלכער עס זענען געשטאַנען אַלע מײַמוניסטן — אָנערקענען דעם פרײַען געדאַנק און נישט אָנרירן די טראַדיציע — איז ער געקומען צום סימבאָליזם, צום אויסטײַטשן אין גײַסט פון פילאָן אַלעגאָריש אַלע גע־שיכטן פון תּנך. דער דאָזיקער אַלעגאָריזם — ווי פּאַראַדאָקסאַל עס זאָל נישט אויסזען — האָט געפירט צו דער קבלה מיט אירע אַלעגאָרישע טײַ־טשן. דער דאָזיקער אַלעגאָריזם האָט שטאַרק באַדראָט די מסורה און דע־ריבער זענען דער רשב״א, דער רא״ש א״א שטאַרק אַרויס קעגן. צום חרם קעגן לערנען פילאָסאָפיע האָט דער רשב״א צוגעלייגט אַ בריוו, אַ פאַרבאָט צו לערנען לויטן אַלעגאָרישן מעטאָד.

צווישן די פאַרטיידיקער פון רמבם איז אויך געווען דער דעקאַן פון מעדיציניִשן פאַקולטעט אין מאָנפּעליע יעקב בן־מכיר (פון די בני־תבון), באַקאַנט אַלס פּראָפיאַט. ער איז געווען אַן איבערזעצער פון אייקלידעס' „עלעמענטן", פּטאָלאָמעוס' „אַלמאַגעסט", אבן־ראַשדס „לאָגיק" א״א. ער האָט אויך געשריבן באַטײַטנדיקע אַסטראָנאָמישע ווערק. ער איז געווען דער איניציאַטאָר פון קעגן־חרם. קעגן באַרצעלאָנער חרם זענען אויך אַרויס־געטראָטן מנחם מאירי פון פּערפּיניאָן און יהודה בדרשי.

עס זענען געווען שווערע צײַטן פאַר פרײַע דענקער. צרות אויף ייִדן האָבן זיך פאַרמערט. אין דײַטשלאַנד און צפון־פראַנקרײַך איז פאָרגעקומען אַ סיסטעמאַטישע אויסראָטונג פון די ייִדן דורך פּאָגראָמען, בלוט־בלבול,

עקאָנאָמישן דרוק און בזיונות. אין שפּאַניע און דרום־פראַנקרײַך באַווײַזן זיך די רדיפות פון צײַט צו צײַט, אָבער זיי זענען אַן אָנזאָג פון אָנקומענ־דיקן חורבן. דאָס אַלץ רופט זיך שווער אָפּ אויפן פרײַען געדאַנק. קעגן אומזיניקן רעליגיעזן פאַנאַטיזם פון די קריסטן קומט אויף דער ייִדישער פאַנאַטיזם.

פון דעסטוועגן געפינען מיר אַ גרויסן פרײַען דענקער, דעם רלב״ג, לוי בן גרשון (1288 ־ 1344), וועמען מען קען אין דער אייראָפּעיִשער וויסנ־שאַפט אַלס גערסאָנידעס אָדער לעאָ העברעוס. אַליין אַן אייניקל פון רמבן פאַרטיידיקט ער נישט בלויז דעם רמבמס פילאָסאָפיע, נאָר ער וואָגט צו גיין אַ סך ווײַטער. גאָט איז בײַ אים דאָס העכסטע דענקען, אָבער די גע־זעצן וועגן דענקען זענען אויך חל פאַר אים. די צוועקמעסיקייט און גע־זעצמעסיקייט פון דער וועלט איז גאָטס געבאָט, דעריבער פאַרנעמט זיך נישט גאָט מיט די צופעליקייטן פון דער קאָנקרעט־אינדיווידועלער עקסיס־טענץ, נאָר מיט דער השגחה אויפן כּלל. (דערבײַ דערקלערט ער, אַז אויס־דערווײַלטע פון דער מענטשהייט, ווי דער רמבם, זענען פאַר זיך אַליין אַ כּלל). דערמיט האָט ער פאַרענטפערט די שוועריקייט, וואָס דער רמבם האָט געהאַט ווי אַזוי צונויפפּאָרן די בחירה, דעם פרײַען ווילן, מיט דער ידיעה, די פרעדעסטינאַציע. אַזוי אַרום האָט דער מענטש די פולע פרײַהייט.

ער האָט זײַן סיסטעם געשטיצט אויף לייזן זעקס פּראָבלעמען: 1. וועגן דער אייביקייט פון דער מאַטעריע. 2. וועגן דער נאַטור פון די הימ־לישע קערפּער. 3. וועגן דער נשמה. 4. וועגן נבואה. 5. וועגן גאָטס ידיעה. 6. וועגן גאָטס השגחה.

וועגן נבואה האַלט ער, אַז עס איז דער העכסטער אויסדרוק פון אינ־טויִציע, אָדער אַ רעזולטאַט פון אַ פאַרבינדונג פון מענטשלעכן גײַסט און דעם „דערוואָרבענעם שכל״. דאָס קען דערגרייכן יעדער פון די חכמים.

די וועלט איז נישט באַשאַפן געוואָרן פון גאָרנישט, נאָר פון אַן איי־ביק־עקסיסטירנדיקן אור־שטאָף „חומר היולי״. וואָס שייך דער אומשטערב־לעכקייט פון דער נשמה איז זי נאָר פאַר די, וועלכע האָבן זיך דערוואָרבן וויסן און זיך באַשאַפן דעם „שכל הנקנה״, אַ דערוואָרבענע נשמה. דאָס איז אַ שאַרף פאָרמולירטער אַריסטאָקראַטיזם־אינטעלעקטואַליזם.

ספינאָזע איז באַווירקט געוואָרן פון רמבם דורך דער פאַרמיטלונג פון גערסאָנידעס. דער רלב״ג האָט געהאַט אַ סך קעגנער, אָבער זײַן נאָמען אַלס גרויסער געלערנטער און אַסטראָנאָם האָט אים געשיצט.

די גאָלדענע תּקופה איז פאַר דער ייִדישער געשיכטע נישט אַזוי וויכטיק מיט איר גרויסער פּאָעזיע, ווי שיין און גרויס זי זאָל נישט זײַן, ווי מיט איר פילאָסאָפיע. דער ראַציאָנאַליזם איז נישט געווען קיין אײַנפלוס פון דרויסן, נאָר איז געלעגן אין תּוך פון דער ייִדישער היסטאָריע. צוליב דער ספּעציפיש שווערער לאַגע פון אשכנזישן ייִדנטום האָט זיך דאָרט אײַנגעפונדעוועט אַן אַנדער צוגאַנג ווי אין פרײַערן אַראַבישן געביט. אָבער דער אויטאָריטעט פון רמבם האָט געהאָלפן אויפהאַלטן די זוימען פון ראַציאָנאַליזם, וואָס האָבן נאָר געוואַרט אויף מער פּאַסיקע באַדינגונגען אויפצולעבן צוריק די „הערשאַפט פון שכל״ אין דער השׂכּלה־צײַט.

דער רמבם און זײַנע אָנהענגער זענען געווען דער אַנטידאָטום, וואָס האָט נישט געלאָזט אונדז פאַרזינקען אין תּהום פון מיסטיק און זאַבאָבאָנעס. דערין איז זײַן גרויסער פאַרדינסט. די ייִדישע געזעלשאַפט האָט אים פאַרהיט פאַר די קומענדיקע דורות, הגם לערנען „מורה נבוכים״ איז געווען פאַרבאָטן. מען האָט אים אויפגעהיט אפשר אַ דאַנק דעם אומבאַוווסטזיניקן אינסטינקט, וואָס האָט דווקא אין זײַן ראַציאָנאַליזם געזען אַ המשך פון דער ייִדישער היסטאָריאָסאָפיע.

די מחלוקת צווישן די אָנהענגער און קעגנער פון רמבם האָט זיך אויסגעלאָשן נישט דערפאַר וואָס עס איז דערגרייכט געוואָרן אַ פּשרה, אָדער צום ווינציקסטן אַ מאָדוס וויוועגדי צווישן די צוויי אַנטיפּאָדן. דאָס איז געשען צוליבן אויפקומען פון אַ נײַער ריכטונג, וואָס האָט באַהערשט די מוחות — און אַפילו די גופים — די קבלה. דער מיסטיציזם מיט אַלע זײַנע צוגאָבן און אײַנפירן.

דער מיסטיציזם איז געוואָרן אַ געפאַר נישט בלויז פאַרן פרײַען געדאַנק, נאָר אַפילו פאַר דער טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט, פאַר די תּלמודיסטן. דעריבער איז זיי אויסגעקומען צו פירן אַ שווערן קאַמף צו האַלטן די מיסטיק בײַ זיך, אַרײַנפּאַסן זי אין נאַציאָנאַלע ראַמען, אין כּלומרשטן אָדער אמתן הסכּם מיט דער ייִדישער וועלטבאַנעמונג. פירן אַ קאַמף קעגן

דער מיסטיק איז דאָס טראַדיציאָנעלע ייִדנטום נישט געווען בכּוח, און אודאי נישט אויסשליסן די מיסטיקער פון ייִדישן כּלל.

נאָך אין די לעצטע יאָרן פון רמבם קריגט אַ באַטײַטונג יצחק סגי־נהור, וועלכער זאָגט זיך אָפּן אַרויס פאַר דער קבלה. די אַדעפּטן פון דער נײַער לערע מערן זיך מיט די צרות און רדיפות. מיט קבלה באַשעפטיקן זיך אויך אַ ריי גרויסע רבנים און געלערנטע.

די פּאָעזיע פון דער גאָלדענער תּקופה איז אויסגעלאָשן געוואָרן. די וויסנשאַפט איז קליין געוואָרן. עס זענען אָנגעקומען שווערע פינצטערע צײַטן. גאַנץ אייראָפּע איז געווען פאַרזונקען אין אָבערגלויבן, מיסטיק, פאַנאַטיזם און חושך.

אונטערן אײַנפלוס פון די קולטורעל־אָפּגעשטאַנענע קריסטן האָט זיך אויך בײַ ייִדן פאַרשפּרייט דער איראַציאָנאַליזם.

דער רמבם האָט וואַרשײַנלעך געשפּירט די געפאַר און דערפאַר האָט ער געזוכט דעם קאָמפּראָמיס צו קענען אײַנהאַלטן דאָס ייִדישע פאָלק בײַם ריינעם ראַציאָנאַליסטישן מאָנאָטעיִזם, וואָס איז געווען דער יסוד פון ייִדישן וועלטבאַנעם און האָט געגעבן די ייִדן אַ ספּעציעלן העכערן מעמד אויפן גײַסטיקן געביט אין דער געזעלשאַפט.

אָט דער העכערער מעמד איז געווען איינע פון די סיבות, וואָס האָבן אונדז אויפגעהאַלטן אַלס פאָלק. דאָס איז אויך געווען דער כּוח אויסצוהאַלטן און דורכהאַלטן אַזאַ שווערע פינצטערע צײַט ווי עס איז געווען דער מיטל־עלטער אין אייראָפּע.

ד. אין די קייטן פון מיטל־עלטער

אין לויף פון גאַנצן מיטל־עלטער האָט דאָס אייראָפּעיִשע ייִדנטום געפירט אַ פאַרצווייפלטן קאַמף פאַר עקסיסטענץ. קרייצצוגן, „שוואַרצע פּעסט״, צוואַנגס־שמד, מאַסן־שחיטות, עקאָנאָמישע לאַסט, דערנידערונגען און אַנדערע צרות האָבן נישט געקענט פאַרניכטן די ייִדן, שטערן זיי צו בלײַבן עקסיסטירן. אויפן קיום פון ייִדישן פאָלק, אויף זײַן בלײַבן אַ סאָציאַלער

זעלבשטענדיקער אָרגאַניזם האָבן געווירקט חוץ דער ייִדישער גײַסטיקער העכערקייט אויך אַ ריי אויסערלעכע און אינערלעכע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַקטאָרן. אין דער היעראַרכיע פון דער שטאַנדן־מלוכה האָט מען די ייִדן געגעבן אַ שטאַפּל, אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישע פונקציע — לטובת די מושלים און לרעה די ייִדן — וואָס דאָס האָט געהאַלטן די ייִדן אָפּגעזונדערט. אַ ריי געזעצן אין דײַטשלאַנד, ענגלאַנד און פראַנקרײַך א״א לענדער ווײַזן בולט אָן אויף דער דאָזיקער ראָל. אַפילו אַזאַ הומאַניסט ווי דער פּאָליאַק אָסטראָראָג (15טער יאָרהונדערט) איז געווען פאַרן אײַנהיטן דעם ייִדנצייכן, ווי ער איז בכלל געווען פאַר באַזונדערער הלבשה פאַר יעדן שטאַנד.

מען האָט די ייִדן אַרײַנגעשטופּט אין קרעדיט־אָפּעראַציעס, באַזונדערס אין פּריוואַטן קרעדיט. אַ ריי „פּריווילעגיעס" און פאַראָרדענונגען האָבן געצוווּנגען די ייִדן זיך פאַרנעמען נאָר מיט קרעדיט. אויך דער קרעדיט איז געווען באַגרענעצט, ווײַל ייִדן האָבן געמעגט באָרגן אויף משכּנות, נישט אויף אַ וועקסל (די שײַלאָק־געשיכטע מיטן וועקסל איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה), און ערדבאַזיץ האָט נישט געקענט זײַן אַ משכּון. דאָס האָט פון פאָרויס באַשטימט די עקאָנאָמישע אומזיכערקייט און די שנאה צום וואָכערער און אין רעזולטאַט צו פּאָגראָמען, עקספּראָפּריאַציעס און צום בעטן חסד און שוץ פאַר אַ גרויסן אָפּצאָל.

דאָס וואָס די ייִדישע סוחרים־וועלט איז געווען אַ געשלאָסענע וועלט־גילדיע, וואָס האָט שוין לאַנג קאָנקורירט מיט דער נישט־ייִדישער איז געווען אַ צווייטראַנגיקע פראַגע. דאָס האָט שטאַרק געהאָלפן די אויבערשטע שיכטן פון די ייִדישע פינאַנסיסטן, נאָר ווייניק זיך אויסגעווירקט אויפן ייִדישן אָרעמען פאָלק.

מיר זעען בולט ווי די מושלים פון קריסטלעכן אייראָפּע ווילן אויפהאַלטן די ייִדן ווי אַ באַזונדערע גרופּע, אַ דערנידעריקטע און רעכטלאָזע. אַלע בורלעס פון די פּויפּסן, די גוט באַצאָלטע, און אַלע ייִדן־סטאַטוטן רעדן כּלומרשט וועגן „גנאָד", וועגן „קריסטלעכער מילדקייט", אָבער אונטער די דאָזיקע רייד איז געלעגן אַן עקאָנאָמישער אינטערעס. דערפון נעמט זיך דאָס, וואָס די הערשער האָבן תּמיד נאָך אַ צוואַנגס־שמד דערלויבט — און אַפילו געהייסן — ייִדן זיך אומקערן צו זייער געזעלשאַפט. די אנוסים זע־

נען געוואָרן מער פאַרפאָלגט ווי די ייִדן און אָפט געשטעלט אין מער בזיון־נותדיקע באַדינגונגען. גאָר אָפט האָט דער שמד אַפילו נישט געענדערט די סאָציאַלע פּאָזיציע, נאָר פאַרקערט. אַ געשמדטער ייִד האָט אויפגעהערט צו זייַן אַ קוואַל פון הכנסה און געוואָרן אַ קאָנקורענט אין סאָציאַלן מעמד. טייל געשמדטע האָבן געפונען אַן אויסוועג צו די באַגרענעצונגען און אַליין גע־וואָרן גלחים. אָבער אויך דאָס איז שפּעטער (1449) פאַרבאָטן געוואָרן פאַר די מאַראַנען. נאָך קאַפּיסטראַנאָס באַזוך אין פוילן איז פאָרגעקומען אַ פּאָ־גראָם און אַ צוואַנגס־שמד. דאָס העכסטע, וואָס אַ משומד, מיכאַל זשידעק, האָט דערגרייכט איז געווען דער פּאָסטן פון... אַ פויקער אויפן וואַוועל.

אין פראַנקרייך זענען אין 1270 און 1283 אַרויס דעקרעטן, וואָס פאַר־באָטן ייִדן צו וווינען אין קליינע ערטער, נאָר אין גרויסע שטעט. דאָס דאָ־זיקע געזעץ האָט מען אַרויסגעגעבן נישט צוליב פאַנאַטיזם און מורא צו פאַרפירן די דאָרפישע באַפעלקערונג, ווי מען האָט דאָס געזאָגט, נאָר דער־פאַר וואָס אין קלענערע ערטער איז קיין מסחר נישט געווען, און במילא איז נישטאָ פאַרן קעניג און די האַרן קיין מעגלעכקייט צו צאַפּן געלט בייַ די ייִדן, אויסצוקוועטשן דעם „ייִדישן שוואָם".

חוץ אין מזרח־אייראָפּע באַשעפטיקן זיך די ייִדן מערסטן טייל מיט געלט־קרעדיט־ענינים. ווען מען נעמט צונויף אַלע דעקרעטן, באַשלוסן פון די קירכן־סינאָדן עט צעטעראַ באַקומט זיך אַ בילד פון בלויז וואָכערער־ייִדן. אַרום זיי האָבן געקענט לעבן נאָר אַ קליינע צאָל באַדינער און בעלי־מלאכות, וואָס זענען געווען געבונדן מיטן ייִדישן קולט.

אָבער דאָס רעאַלע לעבן האָט אָפט געלאָזן די דעקרעטן און פאַרבאָטן אַן אַ זייַט און ייִדן האָבן זיך באַשעפטיקט אויך — פּעריאָדיש — מיט אַנ־דערע באַשעפטיקונגען, פאַרבאָטענע פאַר זיי פרנסות און דאָס האָט נאָך מער אומזיכער געמאַכט זייער געזעלשאַפטלעכע לאַגע און אויסגעשטעלט זיי צום הפקר פון די קאָנקורענטן און דעם חסד פון די רעגירער. פּונקט ווי די „שוץ" איז געווען צווייפלהאַפט, זענען אויך די פאַרבאָטן נישט גע־וואָרן פולשטענדיק אָפּגעהיטן.

אַ גאָר וויכטיקע און דעצידירנדיקע באַטייַטונג פאַרן קיום האָט גע־האַט די ייִדישע זעלבשטענדיקייט בייַם אָרגאַניזירן זייער לעבן און בייַם אייַנשטעלן זייער סאָציאַלע אַליינהילף. אין יענע באַדינגונגען פון הפקרות

און געוואָלט איז געווען כּמעט אוממעגלעך צו לעבן אַליין. יעדער האָט גע־מוזט זײַן אָנגעשלאָסן אין אַ וועלכער נישט איז סאָציאַלער גרופּע. דער חרם איז געווען צו יענער צײַט אַ שטאַרק געווער. די ייִדישע אַליינהילף האָט רעגולירט די סאָציאַלע קאָנפֿליקטן, געהאָלפֿן איבערקומען די אומ־אויפֿהערלעכע רדיפֿות, גירושים און מלחמות. אַדאַנק דער דאָזיקער אַליינ־הילף זענען צענדליקער טויזנטער ייִדן אויסגעקויפֿט געוואָרן פֿון די דער־אָבערער, אָדער שקלאַפֿן־הענדלער. נאָך דער תּלמוד האָט רעקאָמענדירט יעדער קהילה צו האָבן קודם־כּל אַ בית־דין, אַ צדקה־חברה און ערשט דאַן אַ שיל און אַנדערע רעליגיעזע אײַנריכטונגען.

פֿון די וויכטיקע פֿאַקטאָרן וואָס האָבן באַווירקט די אָפּגעזונדערטקייט און במילא די אייגנאַרטיקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק איז כּדאַי אונטערצושטרײַכן די גײַסטיקע העכערקייט לגבי דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג. אָט די גײַס־טיקע העכערקייט האָט די ייִדן אַרויסגעשטופּט צו הויכע פּאָזיציעס און גלײַכ־צײַטיק געבראַכט מיט זיך קנאה און שׂנאה, נישט בלויז צוליב עקאָנאָמיש־פּאָליטישע מאָטיוון, נאָר אויך גײַסטיק־קולטורעלע. סאָציאַל־עקאָנאָמיש — אַפֿילו מיט דער באַזונדערער פֿונקציע — האָבן ייִדן נישט געלעבט מחוץ פֿון מערהייטספֿאָלק און די גײַסטיקע אָפּגעזונדערטקייט האָט אַרויסגערופֿן אומצוטרוי און אַנטיפּאַטיע צו דעם קעגנזעצלעכן, באַזונדערן און פֿרעמדן אָרגאַניזם. בעת דער „שוואַרצער מגפֿה" האָבן ייִדן ווייניקער געליטן פֿון איר. די אַרומיקע באַפֿעלקערונג האָט נישט געזען די בעסערע היגיענישע פֿאַר־שריפֿטן פֿון די ייִדן, אָדער זייער סאָציאַלע הילף — נאָר אויסגעטראַכט אַ בלבול, אַז די ייִדן האָבן פֿאַרסמט די ברונימער.

די רעאַלע לעבנס־אינטערעסן פֿון די פֿעלקער אַרום, ווי די קלאַסן־קעגנזאַצן, גרופּן־אַנטאַגאָניזמען, זענען געווען שטאַרק, ווי די געזעלשאַפֿט איז געווען געבויט אויף אונטערדריקונג, ווי „קאַמף פֿון אַלע קעגן אַלע" איז געווען דער הערשנדיקער פּרינציפּ, ווי ברוטאַלער עגאָיזם פֿון די העכערע סאָציאַלע שיכטן איז פֿאַרדעקט געוואָרן דורך כּלומרשט מאָראַלישע און רע־ליגיעזע דאָגמעס — האָבן געבראַכט צו דעם, אַז די אָקומולאַציע פֿון האַס איז געווענדעט געוואָרן צו די שוואַכסטע, צו די ייִדן.

אויך די באַשעפֿטיקונג פֿון די ייִדן האָט געדאַרפֿט דינען די אינטערעסן

פון די האַרן. ייִדן זענען לרוב געווען באַטייליקט סוף אַלטערטום און אָנ־הייב מיטל־עלטער אין אַלע פּרנסות: ערדאַרבעט, מלאכה און האַנדל.

אין לויף פון יאָרן האָט מען די ייִדן אין מערב־ און צענטראַל־אייראָפּע כּסדר אַרויסגעשטויסן פון ערדאַרבעט און מלאכה מיטן פאַרבאָט צו האַלטן קריסטלעכע שקלאַפן און מיטן קאַנאָנישן געזעץ, אַז קריסטן טאָרן נישט די־נען ביי ייִדן. אַפילו געצנדינערישע און מוסולמענישע שקלאַפן זענען מיטן אָננעמען דאָס קריסטנטום געוואָרן פריי אָן אַנטשעדיקונג פאַרן אייגנטימער. אַזוי אַרום האָט מען די ייִדן געטריבן צום האַנדל.

אָבער אויך דער האַנדל איז געווען באַגרענעצט. ייִדן האָבן געמוזט פאַרנעמען זיך מיט וואָכעריי און דאָס אויף די נישט־זיכערסטע באַדינגונ־גען. דער אַרויסגערופענער האַס האָט געדינט די מושלים אויסצופּרעסן מער געלט פון די שוצלאָזע ייִדן, און דער קירך איז געלונגען אָפּצוווענדן די אומ־צופרידנקייט פון די מאַסן, זיי זאָלן ניט זען זייערע מיאוסע מעשים, נאָר זיין איינגעשטעלט קעגן ייִדן.

די ייִדן האָבן געבראַכט אין פּוילן די העכערע אַגראַר־קולטור, זייד־ציכטעריי און גערטנעריי. די ייִדן־סוחרים אין גאַנץ אייראָפּע האָבן אויס־געפּילט אַ וויכטיקע פונקציע מיטן געלטקרעדיט און הורטהאַנדל. אַדאַנק די ייִדן האָבן אַ ריי אָפּגעשטאַנענע לענדער זיך אַנטוויקלט, דערצויגן אויך אַ נישט־ייִדישן האַנדלסקלאַס און האַנטווערק, וואָס האָבן דאָס די ייִדן שפּע־טער אַרויסגעשטויסן פון די באַשעפטיקונגען און זיי געטריבן נאָר צום נישט־זיכערן געלטקרעדיט. אָבער אויך דאָ האָט מען אין אייניקע ערטער (אין אי־טאַליע למשל, ספּעציעל אין ווענעציע, שיילאָקס רעזידענץ) פאַרבאָטן די ייִדן צו פאַרנעמען זיך מיטן געלטקרעדיט, אויב קריסטן האָבן דאָס פּראַקטיצירט.

צוגרייטנדיק און העלפנדיק אַנטוויקלען די שטעט האָבן די ייִדן צוגע־גרייט זייערע פאַרפאָלגונגען און די דערמיט פאַרבונדענע גירושים.

ווי אַזוי האָט זיך געשטאַלטיקט דער ייִדישער ישוב אין אייראָפּע?

די ייִדן זענען געווען די עלטסטע תּושבים אין די ערטער, ווו זיי האָבן געלעבט. אין שפּאַניע זענען זיי געווען פאַר די וויזיגאָטן, אין גאַליע איידער די פראַנקן האָבן זיך באַוויזן.

די סיבּה פון דער רעכטלאָזיקייט פון די ייִדן זענען די קריסטלעכע גע־זעצן, די עדיקטן פון די קריסטלעך־ביזאַנטישע קיסרים, וועלכע האָבן די

ייִדן געגעבן אַ סטאַטוס פון פרעמדע, פון טאָלערירטע, פון דערנידעריקטע. אַ ריי געזעצן וועגן נישט פאַרקויפן באָדן צו ייִדן האָבן געהאַט דעם ציל צו־צונעמען ביי ייִדן דעם באַזיס פון דער ווירטשאַפט. אַדאַנק זייער צעשפּרייט־קייט האָבן די ייִדן געקענט דינען ווי די בלוט־צירקולאַציע, וואָס איז נייטיק געווען פאַר דער געלטווירטשאַפט, וואָס אָן איר האָט דער פעאָדאַלער רעזשים, געבויט לכתחילה אויף נאַטור־ווירטשאַפט, נישט געקענט אויסקומען.

נישט אַזוי לייכט האָבן ייִדן זיך אונטערגעגעבן דעם דרוק פון דער קירך. אין 390 האָבן ייִדן אין אַוויניאָן גענומען אָנטייל אין אַן אויפשטאַנד קעגן די גייסטלעכע, ביי וועלכן עס איז דערהרגעט געוואָרן דער בישאָף סטעפאַנוס. אין אַנדערע ערטער זענען די קירכקאַנאָנען קעגן ייִדן געבליבן אויפן פּאַפּיר, ווייל די ייִדן זענען געווען נוצלעך, נייטיק און זיי האָבן זיך קעגנגעשטעלט. אַפילו אין סוף מיטל־עלטער, ביים גירוש סיציליע (1492) האָט די אָרטיקע מאַכט זיך געבעטן ביים שפּאַנישן הערשער נישט צו פאַרטרייבן די ייִדן, ווייל אָן זיי וועלן אויספעלן בעלי־מלאכות און די ווירטשאַפט וועט בכלל ליידן.

די ייִדן פון אייראָפּע שטאַמען פון די קריגס־געפאַנגענע פון יהודה, וועלכע מען האָט איינגעגלידערט אין די רוימישע לעגיאָנען, אָדער פאַרקויפט פאַר שקלאַפן, פון העלעניזירטע ייִדישע סוחרים, שפּעטער פון אַנטלאָפענע פון ביזאַנץ בעת די רדיפות. די ייִדן זענען געלאָפן צו די ראַנדגעביטן פון דער רוימישער אימפּעריע, וווּ דער דרוק פון דער קירך איז געווען שוואַכער.

די אייראָפּעיִשע קריסטלעכע מלוכות האָבן זיך געבויט אויפן פונדאַמענט פון דער קירך, עוואַנגעליע און טעאָדאָסיוס׳ געזעצגעבונג. צו דעם זענען צוגעקומען די דעקרעטן און באַשלוסן פון די קריסטלעכע סינאָדן, וואָס האָבן זיך נישט געקענט באַפרייען פון פחד און מורא פאַר דער העכערקייט און ראַציאָנאַליזם פון ייִדנטום. די גאַנצע „ציוויליזאַציע" פון קריסטלעכן אייראָפּע איז אַנטשטאַנען אויפן באָדן פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם. דער מיטל־עלטער איז געווען פינצטער באַלד פון זיין באַגינען.

ווי לאַנג דער פעאָדאַליזם האָט זיך נאָך נישט אויסקריסטאַליזירט און עס איז געווען אַן אַנאַרכיע אין די געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען האָבן די ייִדן

געליטן פון די קאַפּריזנע געלטגייציקע הערשער, פֿאַנאַטישע גלחים און פון מאַסן־עקסצעסן. דאָס האָט געדויערט ביז נאָך די קרייצצוגן. נאָך דעם איז געקומען אַ פּעריאָד פון אָרגאַניזירטער יידן־שנאה, וואָס האָט פאַרקלעמט דאָס יידישע לעבן, געשמידט עס אין קייטן און באַדראָט מיט דעגענעראַ־ציע.

אַזוי ציט זיך אַ קייט פון רדיפות, פּאָגראָמען, עלילת־דם, מאַסן־שחיטות און אַ בזיונדיק לעבן. צום סוף זענען געקומען גירושים, פאַרבונדענע מיט צוגעמען דאָס פאַרמעגן, מיט פּאָגראָמען, און צוואַנגס־שמד.

עס ציט זיך אַ לאַנגע קייט פון גירושים: ענגלאַנד — 1290, פראַנק־רייך — 1306 און 1399, ווין ־1421, קעלן ־1426, שפּייער ־ 1435, מייניץ ־ 1438, אויגסבורג ־ 1439, בייערן ־ 1450, ברעסלוי ־ 1453, ערפורט ־ 1458, טיראָל ־ 1476, פּראָג ־ 1483, ווירצבורג ־ 1489, שפּאַניע ־ 1492, סיציליע ־ 1492, מאַגדעבורג ־ 1493, בודאַ ־ 1495, פרעשבורג ־ 1495, ליטע ־ 1495, קראָקע ־ 1495, שטייערמאַרק, קערנטן ־ 1496, פּאָרטוגאַל ־ 1496, אייגער ־ 1497, קאַרלסבאַד ־ 1499, נירנבערג און אולם ־ 1499, פּילזען ־ 1504, קאָל־מאַר און נערדלינגען ־ 1510, רעגענסבורג ־ 1519, רויטנבורג און ווייסנ־בורג ־ 1520 אא״וו.

איבער הונדערט יאָר פון אומאויפהערלעכע גירושים, אַן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַן אַ באָדן אונטער די פיס.

די יידן האָבן געזוכט שוץ. פאַר שווערע געלטער האָבן זיי דאָס באַקו־מען צייטווייליק, און נאָר ווי לאַנג עס האָט זיך געלוינט די הערשער. דער דאָזיקער „חסד״ האָט פאַרוואַנדלט די יידן אין „קאַמערקנעכט״, לייב־אייגע־נע צוגעפּעסטיקט צום געפערלעכן קרעדיטהאַנדל, צו וואָכעריי. די קיסרים, פירשטן און בישאָפן האָבן געהאַנדלט מיט די „יידישע רעגאַליעס״.

קריסטלעכע הייליקע מענער, ווי דער הייליקער בערנאַרדין, דער פרומ־מער קעניג לואי דער ניינטער, זענען געווען די פאַרביסנסטע שונאים פון יידנטום, און נאָך מער פון די יידן גופא. אַלע קירכלעכע קאָנצילן און סי־נאָדן האָבן זיך לרוב פאַרנומען מיט שווער מאַכן דאָס לעבן פון די יידן, באַ־גרענעצן זייער טעטיקייט. די קרייצציגלער, „יידן־שלעגערס״, „אַרמלעדער״, „פּאַסטעכער״ און די פלאַגעלאַנטן זענען אַלע געווען הייליקע מענער.

דער פאַנאַטיזם פון אַלע קריסטן, דער ווילדער גייעג פון דעם פּעוול

אויף יידיש לעבן און האָב און גוטס, די שווערע לאַפּעס פון די מושלים און דאָס פייער פון אויטאָדאַפע, וואָס די קירך האָט אָנגעצונדן, האָבן אַלס כּלל נישט באַווירקט די ייִדן אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד, בעמען, אונגאַרן, פּוילן — צו אַ מאַסן־שמד. די אנוסים זענען לרוב באַלד צוריקגעקומען צום ייִדנ־טום, ווי נאָר די סכּנה פון פּעוול איז אַריבער. די פריַיוויליק געשמדטע זע־נען — ווי מיר וויסן פון זייערע אויפטריטן און ביכער — געווען איינצלנע רענעגאַטן, וואָס האָבן קיין שום ראָל נישט אָפּגעשפּילט אין גייסטיקן לעבן פון אייראָפּע. דערפאַר אָבער האָבן זיי אָנגעטאָן גרויסע צרות די ייִדן, אויס־געטראַכט דעם בלוט־בלבול, געטייטשט פאַלש דעם תּלמוד א״א. זייער מאָ־ראַלישער ניוואָ איז געווען זייער אַ נידעריקער.

קיין מאַסן־שמד איז נישט געווען, עס איז אָבער געווען מאַסן־קידוש־השם. הונדערטער קהילות זענען אומגעקומען, וויַיל די ייִדן האָבן נישט גע־וואָלט זיך לאָזן אויסקוילענען דורך די רוצחים און אַליין זיך גענומען דאָס לעבן. דער גאַנצער מיטל־עלטער איז פול מיט אַזעלכע בלוטבעדער. אָדער די קריסטן־קרייצציגלער, מאָנאַכן, „פּאַסטעכער״ און סתּם־פּעוול האָבן אויסגעמאָרדעט די ייִדן, אָדער די ייִדן האָבן דאָס אַליין געטאָן, כּדי נישט צו ליַידן קיין עינוים און בזיונות. די דערשיַינונגען פון קריסטלעכע מאַסן־שחיטות און גליַיכציַיטיק ייִדישן מאַסן־קידוש־השם זענען געווען אויך אין דער ציַיט פון דער אָרגאַניזירטער ייִדנפיַינדשאַפט.

אָנהויבנדיק מיט די ערשטע ביזאַנטישע אַנטי־ייִדן־געזעצן פון יוסטי־ניאַן און טעאָדאָסיוס, לאַטעראַנער קאָנצל (1215) ביז דער אינקוויזיציע און גירושים, זענען באַגרענעצונגען באַגלייט געוואָרן מיט מאַסן־פּאָגראָמען. און אויב עס איז נישט געקומען צו אַ פולשטענדיקער עקסטערמינאַציע פון די ייִדן אין אייראָפּע — איז עס געשען, וויַיל דער פעאָדאַל־קירכלעכער רעזשים האָט זיך נישט איַינגעשטעלט גליַיכציַיטיק אין אַלע אייראָפּעיִשע לענדער און די ייִדן האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט — ביַי גרויסע בלוטפאַרלוסטן — אי־בערצוּוואַנדערן און בויען אין ניַיע ערטער ניַיע ציַיטוויַיליקע היימען. אַזוי וואַנדערן פון מערב קיין מזרח די ייִדישע צענטערן ביז זיי האָבן זיך פאַר־פעסטיקט אין מזרח־אייראָפּע, ווו דער פעאָדאַלער רעזשים האָט זיך גע־האַלטן ביזן 19טן יאָרהונדערט.

נאָך אַ פאַקטאָר האָט געווירקט, אין די קעגנזיַיטיקע מחלוקת צווישן

די הערשער און צווישן דער וועלטלעכער און קירכלעכער מאַכט — האָט זיך אָפּט געפונען אַן אָרט איבערצוהאַלטן די צרות. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס די זעלבע הערשער און בישאָפן, און באַזונדערס דער פּויפּס, זיי אַליין האָבן נישט אָפּגעהיטן די אַנטי־יידישע געזעצן, וואָס זיי האָבן אויף די קאָנצילן אַרויסגעגעבן. זיי האָבן דאָס געטאָן ווייַל זיי האָבן גע־דאַרפט נייטיק און שנעל צו באַקומען געלט אויף פירן די כּסדרדיקע מלחמות.

אויסרעכענען די אַלע רדיפות, בלוט־בלבולים, אַלע אומזיניקע פאַראָרדע־נונגען איז פּשוט אוממעגלעך. עס איז געווען אַן אומאויפהערלעכער ברודי־קער אַנטיסעמיטישער שטראָם, וואָס האָט פאַרפעסטעט גאַנץ אייראָפּע.

די יידן זענען געווען אין אַ פאַרפישופט ראָד. צוליב באַקומען שוץ האָבן זיי געמוזט האָבן אַ סך געלט צו באַצאָלן די הערשער. געלט האָבן זיי גע־קענט באַקומען נאָר פון וואָכערייַ. די וואָכערייַ האָט געברענגט האַס, אַ ווילן מצד די בעלי־חובות צו באַפרייַען זיך פון די שולדן דורך גירושים, פּאָגראָ־מען. צוליב די כּסדרדיקע עקסצעסן האָט מען געמוזט זוכן שוץ.

ווי אַזוי האָבן יידן אויסגעהאַלטן אָט דעם גיהנום, וואָס האָט זיך גע־צויגן איבער טויזנט יאָר?

איינע פון די כּוחות, וואָס האָבן אויפגעהאַלטן און געשטאַרקט די יידן איז געווען די מעגלעכקייט אַליין צו פאַרוואַלטן מיטן אייגענעם לעבן, אויפ־בויען די סאָציאַלע אַליינהילף, אייַנאָרדענען לויטן אייגענעם ווילן דאָס גייַס־טיקע און רעליגיעזע לעבן.

אין אַלע אייראָפּעיש־קריסטלעכע מלוכות האָט זיך די יידישע אויטאָ־נאָמיע אָרגאַניזירט אין באַדינגונגען פון דרוק און רדיפות. די יידן האָבן געוווינט אין באַזונדערע קוואַרטאַלן (דער נאָמען געטאָ איז אויפגעקומען שפּעטער), אַ מאָל געצוווּנגענערהייט דורך אַ פאַרבאָט, מער נאָך אויס מורא פאַרן פייַנדלעכן דרויסן. טייל יידן־קוואַרטאַלן זענען געווען אַרומגענומען מיט אַ מויער און בייַ נאַכט פלעגט מען שליסן די טויערן. דאָס האָט געגעבן די יידן אַ געפיל פון זיכערקייט אין אַ געוויסער מאָס. יעדנפאַלס האָט דער ייד אין די גרענעצן פון זייַן קוואַרטאַל זיך געפילט זעלבשטענדיק, בעסער און פרייַער, נישט געווען אויסגעשטעלט אויפן קריסטלעכן הפקר. די אוי־טאָנאָמיע איז געווען אַ „טעריטאָריעלע”.

די דרויסנדיקע מאַכט האָט זיך ווייניק געמישט אין די אינערלעכע ענ־

נים. ערשטנס האָט דער שטאַנדנסיסטעם געהאַט אין דער באַזע אויטאָנאָמע זעלבסטפאַרוואַלטונג פאַר אירע טיילן. צווייטנס האָט דאָס געדינט — און דאָס איז געווען דער עיקר — די פיסקאַלע אינטערעסן. דאָס באַטראַכטן ייִדן ווי אַ גאַנץ געשלאָסענע גרופּע, ערוב איינער פאַרן צווייטן, האָט געגעבן די מעגלעכקייט אויסצופּרעסן און איינמאָנען מער שטײַערן. די הויכע קאָנטריבוציעס אַרויפגעלייגט אויפן כּלל ייִדן האָבן פאַרלאַנגט אַן עקזעקוטיוו־אָרגאַן.

דאָרט ווו דער קעניג פלעגט אַ מאָל וועלן זיך אַרײַנמישן לטובת דעם אָדער יענעם ייִדן אין דער קהילה פלעגט ער זיך רעכענען נישט צו ברעכן אַלס כּלל די אויטאָנאָמיע. אַזוי למשל באַפעלט דער אַראַגאָנישער קעניג נאָך אַ מאָל באַטראַכטן אַן ענין און „פסקענען לויט דער תּורה". די ייִדן האָבן געהאַט אַן אײגענעם געריכטסוועזן פאַר ייִדן און אַ מאָל אויך פאַר ייִדן און קריסטן, אויב בײדע צדדים האָבן מסכּים געווען. ווען צוויי ייִדן האָבן זיך געווענדעט צום קעניגלעכן פאַרשטייער אין פוילן אַלס הויפּטריכטער האָט ער זיך באַמיט צו פסקענען ווי די ייִדישע דינים פלעגן אים ראָטן.

די ועדים פון די קהילות זענען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אַרויפגעלייגטע שטײַערן. אין דײַטשלאַנד זענען די ועדים נישט געווען קיין דירעקטע פיסקאַל־אַגענטן, אָבער געווען פאַקטיש פאַראַנטוואָרטלעך צוליב די דראָענדיקע נגישות.

די ועדים, פּרנסים און אַנדערע אַמטן — ביזן רב אײַנשליסלעך — זענען געווען געוויילט דורך די שטײַער־צאָלער. עס איז געווען אַן אינערלעכער „פאַרטייען"־קאַמף. אַלס כּלל האָט די דרויסנדיקע מאַכט זיך נישט געמישט. די צוזאַמענפאָרן פון די רבנים האָבן אַרויסגעגעבן תּקנות נישט אַרײַנצומישן אין די אינערלעכע סכסוכים די פרעמדע הערשער. זיי האָבן אויך געשטרעבט אײַנצושליסן די ייִדישע שררות אַלס שטײַער־צאָלער. באַזונדערס שטרענג זענען געווען די תּקנות קעגן מוסרים. די ועדים האָבן זיך אויך אַנטקעגנגעשטעלט די פרווון פון דרויסן צו באַשטימען די גײַסטיקע פירער, די רבנים.

אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון מיטל־עלטער האָבן זיך אויסנאַם־געזעצן קעגן ייִדן נישט אומעטום אויסגעווירקט. די קירכלעכע מאַכט איז נאָך געווען אין דער ערשטער סטאַדיע פון אויפשטײַג. דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט די ייִדישע אויטאָנאָמיע זאָל זיך אײַנפונדעווען.

כדי צו רעגולירן דאָס ייִדישע לעבן און צופּאַסן צו די אייראָפּעיִשע באַדינגונגען האָט רבנו גרשום בן־יהודה (960 ־ 1030), גערופן מאור הגולה, איינגעפירט אַ ריי תּקנות, וואָס פאַרן עובר זיין איז געקומען אַריינצולייגן אין חרם. דאָס איז געווען די קאָנסטיטוציע פון מערב־אייראָפּעיִשן ייִדנטום. צווישן די וויכטיקסטע זענען געווען די תּקנות: 1. מאָנאָגאַמיע. 2. נישט אָפּגטן קיין פרוי אָן איר צושטימונג. 3. מען טאָר נישט לייענען קיין פרעמדע בריוו. 4. מען טאָר נישט אַריינטראָגן קיין שינויים ביים איבערשרייבן אַ ספר. 5. מען טאָר נישט קיין אנוסים פאַרוואַרפן זייער שמד.

די קהילות האָבן אויסגעהאַלטן אַ נעץ פון שולן, בתּי־מדרשים פון אַלע מדרגות. געלערנט האָט מען בלויז תּלמוד. דער מעטאָד איז געווען פּלפּול. אָבער רש״יס פּירוש האָט פאַרלייכטערט דאָס לערנען.

אַ ביסל אַנדערש איז געווען דער ספרדישער לערנפּראָגראַם. דאָרט איז געווען אָנגעוויזן נישט צו איילן זיך מיט לערנען, נישט צו באַשווערן דאָס קינד. אָנגעהויבן לערנען האָט מען צו פיר יאָר, אָבער דאָס גאַנצע ערשטע יאָר בלויז אלף־בית. שפּעטער ערשט קומט חומש מיט טייטש, גאַנץ תּנך, קאַליגראַפיע און אָרטאָגראַפיע. צו דרייצן יאָר האָט מען פאַרענדיקט דעם תּנך און גענומען לערנען דקדוק, תּלמוד (צוגלייך מיטן רמבמס פּירוש אויך רשיס). ווען דער בחור האָט צו אַכצן יאָר געענדיקט לערנען ייִדישע לימודים האָט מען אים חתונה געמאַכט און ער האָט אַליין גענומען לערנען ווייטער סיי ייִדישע, סיי אַלגעמיינע וויסנשאַפטן. די דאָזיקע וויסנשאַפטן זענען געווען מעדיצין, היגיענע, חשבון, אַסטראָנאָמיע, לאָגיק, געאָמעטריע, מוזיק, פיזיק, מעטאַפיזיק, טעאָלאָגיע און פילאָסאָפיע. אַלץ לויט ווערק פון רמבם, אבן־עזרא און איבערזעצונגען פון אַריסטאָטעלעס, אבן־ראָשד, פּטאָלאָמעוס.

דער נוסח אשכּנז האָט געלערנט בלויז תּנך און תּלמוד. געווען אַ מדרש־קטן, אַ זיבניעריקער קורס פאַר ייִנגלעך פון פינף ביז דרייצן יאָר. אָבער שוין צו ניין יאָר האָט מען אָנגעהויבן לערנען גמרא. אין דעם מדרש־גדול — ישיבה (דאָרט ווו עס איז געווען אַ גרעסערע קהילה) האָט מען געלערנט נאָר תּלמוד און קיין שום וויסנשאַפטן. אַ בוך אין אַ פרעמדער שפּראַך איז געווען טריף־פּסול.

יעדע קהילה איז געווען פאַרפליכטעט צו האָבן אַ שיל. אַרום דעם בית־הכּנסת האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס גאַנצע לעבן, דער הקדש, הכּנסת־אור־

חים, די באָד, די מקווה, אַ הויז פאַר חתונות, ווי אויך די חדרים און ישיבות.

די גײַסטיקע טעטיקייט אינערהאַלב און אַדאַנק דער קהילה־אויטאָנאָמיע האָבן אויפגעהאַלטן די ייִדן אין דײַטשלאַנד און אַנדערע ערטער. אין דרויסן איז דער ייִד געווען אַ געפּלאָגטע חיה און אין ייִדישן קוואַרטאַל אַ בירגער, וועלכער איז טעטיק גײַסטיק און לעבט אין די שמאָלע ראַמען זעלבשטענדיק און פרײַ.

אין אָנהייב איז רבנות געווען פאַרבונדן מיט פרײַוויליקייט, אָבער מיט דער צײַט האָבן די קהילות אָן אויסצוהאַלטן די רבנים און דאָס גיט אַ מעגלעכקייט צו סטאַביליזירן און אויסשולן אַ גײַסטיקע פירערשאַפט. אין די ישיבות קומען אָן אויך אָרעמע בחורים, וועלכע קענען שפּעטער ווערן רבנים. דערמיט האָט זיך אויך דעמאָקראַטיזירט דאָס רבנות. די ישיבה־בחורישע אינטעליגענץ האָט אין די גײַסטעע צײַטן אָפּגעשפּילט אַ זייער וויכטיקע ראָל.

דאָס לערנען בלויז תּלמוד האָט לגמרי אָפּגעריסן דעם ייִד פון אַרום. ווי לאַנג די ייִדישע קולטור — געזאַמלט אין תּלמוד און אין די דערקלערונגען פון די מפרשים — איז געשטאַנען העכער ווי די קולטור פון די קריסטן, איז עס געווען מעגלעך פאַר אַ דענקנדיקן מענטש זיך אויסצולעבן אין די ראַמען פון דעם סכום וויסן. דורך דער פאַרמיטלונג פון ספרדישן ישוב האָט דאָס ייִדנטום אויסגעברייטערט זײַנע האָריזאָנטן און דורך דער האַנט פון פרומע ייִדן באַקומען דעם סכום וויסן, מיט וועלכן ער האָט געקענט אויסקומען אַ געוויסע צײַט.

אויף אָפּזונדערן זיך פון די ייִדן פון דער וועלט און איר קולטור האָבן געווירקט דער פאַנאַטיזם פון דער קירך און די פעאָדאַלע באַגרענעצונגען. דאָך האָט דאָס לעבן געצוווּנגען די ייִדן צו איבערנעמען די שפּראַך פון אומגאַנג. צו ערשט האָבן די ייִדן גערעדט פראַנצויזיש מיט אַ דײַטשן צומיש. שפּעטער ווערט די שפּראַך אַלץ מער פאַרדײַטשט. אין רעזולטאַט פון אַרײַנשטופּן די ייִדן אין די קאָמפּאַקטע געטאָס נוצן די ייִדן די דײַטשע אומגאַנגשפּראַך מיט אַ געמיש פון העברעיִשן ווערטער־אוצר אַלס אייגענע שפּראַך. די געלערנטע פלעגן רעקאָמענדירן זיך צו באַנוצן מיט דער אומגאַנגשפּראַך, באַזונדערס פאַר פרויען, כּדי צו פלאַנצן פרומקייט. אַזוי אַרום, פון טײַטשן און פון די מוסר־ספרים האָט זיך אויסגעאַרבעט דאָס ייִדישע לשון.

אויףביידע זײַטן רײַן האָבן זיך געגרינדעט ייִדישע קהילות און עס זענען אַנטשטאַנען ישיבות. די גרעסטע ראָל האָט צו ערשט געשפּילט מײַנץ, ווו רבנו גרשום האָט געהאַט זײַן ישיבה. זײַנע תּלמידים, צווישן זיי דער רבי פון רשין, האָט מען גערופן די „חכמי לותר" (לאָטאַרינגיען). זיי האָבן דער עיקר זיך פאַרנומען מיט שאלות ותשובות. זיי האָבן געדאַרפט פּסקע־נען וויכטיקע פּראָבלעמען פון דער אומרויִקער צײַט. זיי האָבן דערבײַ אַרויס־געוויזן אַ שאַרפן אַנאַליטישן גײַסט, כּדי פון די פריִערדיקע דינים צוגעפּאַסט צו אַנדערע תּנאים, אַרויסצובאַקומען דאָס, וואָס איז נייטיק דאַמאָלס און דערבײַ נישט אָפּווײַכן פון הויפּטוועג, נישט פּוגע צו זײַן די פאַרהייליקטע טראַדיציע.

דער גרעסטער געלערנטער פון יענער צײַט איז געווען רשי (שלמה יצחקי), געבוירן 1040 אין טרוא, שאַמפּאַניע. ער האָט געלערנט אין וואָרמס און מײַנץ. אין זײַן געבוירנשטאָט האָט ער געגרינדעט און אָנגעפירט אַ ישיבה. ער האָט באַנוצט וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן קלאָר צו מאַכן די קאָמ־פּליצירטע קאַזויִסטיק פון תּלמוד. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז נאָר אַ דעמאָ־קראַטיזאַציע פון וויסן, דאָס צוגענגלעך און פאַרשטענדלעך מאַכן דאָס לער־נען תּנך און תּלמוד, דאָס באַקענען מיט די יסוד־געזעצן יעדן איינעם, וועט אין דער דאָזיקער צײַט פון צעשפּרייטקייט, רדיפות, אומזיכערקייט און אַרו־מיקער פינצטערניש קענען אויפהאַלטן די ייִדישע אמונה. דערפאַר צייכע־נען זיך אויס זײַנע פּירושים מיט פּשטות, קלאָרקייט און זענען זייער פּאָפּולער.

ביז רשין איז דער תּלמוד געווען צוגענגלעך נאָר פאַר יחידי־סגולה. די גרויסע צאָל ארמישע ווערטער, דאָס נישט־האָבן קיין אָפּשטעלצייכנס (מען האָט נישט געוווסט ווו אַ זאַץ הויבט זיך אָן און ווו ער ענדיקט זיך) האָט באַשווערט דאָס לערנען, אָן אַ רבין האָט מען נישט געקענט אויסקומען. עס איז געווען אַ סודותדיקע תּורה שבעל־פּה פאַר איינציקע „פאַרטרויטע".

רשיס פּירוש איז סײַ אויף איינציקע ווערטער און אויסדרוקן, סײַ אויף דעם גאַנצן אינהאַלט פון ענין מיטן וויכּוח. ער האָט געשריבן אין אַ גרינגן קלאָרן העברעיִש און איניקע שווערע ערטער פאַרטײַטשט מיט דער אומ־גאַנגסשפּראַך. ער האָט פאַרמאָגט אַ טאַלאַנט מיט איין זאַץ קלאָר צו מאַכן דעם גאַנצן פאַרפּלאָנטערטן סוד.

רשי האָט פאַרריכט די גרײַזן פון די איבערשרײַבער. אַ דאַנק אים האָ־

בן קליינע קינדער געקענט אָנהייבן לערנען תּלמוד און עס איז געווען אַ גרויסע הילף פאַר די אַליינלערנער.

באַזונדערס באַרימט איז זײַן פּירוש צום תּנך, ספּעציעל פון חומש. „לערנען חומש מיט רש״י״ איז געווען דער חוב פון יעדן ייִדישן ייִנגל. ער האָט דעם פּירוש באַפּוצט מיט אגדות און הלכות פון תּלמוד. אויב דער גרעסטער טייל פון אייראָפּעיִשן ייִדנטום האָט געהאַט די קענטשאַפט פון תּנך און תּלמוד האָט מען עס צו פאַרדאַנקען רש״ין.

אַלס פירער פון ייִדישן לעבן איז ער געווען אַ מענטש מיט אַ סך איינזען פאַר די שווערע באַדינגונגען פון דער צײַט. ער האָט פאַרבאָטן שלעכט צו באַציִען זיך צו די אנוסים. ער האָט געפּסקנט, אַז אַ ייִד, וועלכער זינדיקט, איז נאָך אַלץ אַ ייִד. צום סוף פון זײַן לעבן איז אים אויסגעקומען איבערצולעבן די גרוילן פון ערשטן קרייצצוג. ער איז געשטאָרבן אין 1105.

רש״יס אייניקל (פון זײַן טאָכטער) דער רשב״ם (שמואל בן־מאיר) (1080 ־ 1150) האָט פאַרענדיקט רש״יס פּירוש און אויך געשריבן אייגענע. מער באַרימט און באַקאַנט איז געווען זײַן ברודער, דער „ייִדישער בישאָף״, רבנו תּם (יעקב בן־מאיר, 1100 ־ 1171). ער איז געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש און אַ פאָרשטייער בײַ דער מאַכט. ער האָט געשריבן אַ ספר שאלות ותשובות אין וועלכן ער האָט אַנטשידן וועגן די וויכטיקסטע פראַגן פון זײַן צײַט. ער האָט דערלויבט צו נעמען בײַ גויִים פּראָצענט, ווײַל דאָס איז געווען די נייטיקייט צו קענען עקסיסטירן אין יענער צײַט. ער האָט לײַכטער געמאַכט אַ ריי פאַרשריפטן וואָס שייך דעם פאַרקער מיט דער נישט־ייִדישער וועלט, אָבער געווען שטרענג פרום, אַכט געלייגט אויף אָפּהיטן ייִדישע דינים, ווי אויך אויף נישט עובר זײַן אויף די כּללים פון דער אויטאָנאָמיע.

אויף אַן אסיפת־רבנים האָט מען לויט זײַן איניציאַטיוו און מיט זײַן אויטאָריטעט אָנגענומען די תּקנות: 1. אַ ייִד טאָר נישט צווינגען אַ צווייטן צו גיין צו אַ קריסטלעך געריכט. 2. קיינער זאָל נישט נעמען קיין נאָמינאַציע פון דער אויסערלעכער מאַכט, נאָר דאַרף געוויילט ווערן דורך דער ייִדישער קהילה. 3. קיינער טאָר נישט דראָען די אויסגעקליבענע ייִדישער פאָרשטייער. רבנו תּם האָט איבערגעלעבט אַלע פּײַנען פון צווייטן קרייצצוג און שפּעטער פון בלוט־בלבול אין בלואַ.

אַ גרויסער טייל פון דער ייִדישער גײַסטיקער ענערגיע איז אַוועק אויף

וויכּוחים מיט די גלחים, באַזונדערס מיט די משומדים. די ייִדן האָבן גע־מוזט זײַן פאָרזיכטיק מיט זייערע אַרויסזאָגונגען, ווײַל עס האָט זיי געדראָט מיט מאַסנפּאָגראָמען. פון דעסטוועגן האָבן זיך דאָך געפונען דרייסטע, וועל־כע האָבן אויף אַ קונציקן און פאַרשטעלטן אופן דיסקוטירט. די דאָזיקע ווערק האָבן אויך געהאַט אין זין די געצוווּנגענע צו שמד, זיי זאָלן אויסהאַלטן ביז זיי וועלן האָבן אַ מעגלעכקייט צוריקצוגיין צום ייִדנטום.

מען האָט די ייִדן געצוווּנגען צו האָבן די דיסקוסיעס און אויך אויס־צוהערן די דרשות פון די משומדים און גלחים. אַזוי ווי אין די וויכּוחים האָבן די משומדים און גלחים פאַלש געטײַטשט דעם תּנך און נישט אַלע ייִדן זע־נען געווען אַזוי וווילגעלערנט אָפּצופרעגן זייערע „באַווײַזן" האָט יצחק בן־נתן געאַרבעט אַכט יאָר אויף אַ „תּנך־קאָנקאָרדאַנץ", ווו די פּסוקים פון תּנך זענען אין אַן אלף־בית־סדר גרופּירט לויט די וואָרצלען און דעם שטאַם פון די ווערטער. דאָס איז געווען אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט. ער האָט געהאַט פאַר זיך אַ מוסטער פון אַזאַ לאַטײַנישן קאָנקאָרדאַנץ. יצחק בן־נתן האָט אויך גע־שריבן אַ ריי פּאָלעמישע ווערק.

דער עיקר לערנען איז אַלץ געבליבן דער תּלמוד. מען האָט אויפגע־בויט אַ נײַעם שטאָק אויף דער גמרא — דעם תּוספות. די מחברים, די בעלי־תּוספות, האָבן דעם פּלפּול דערפירט צו אַזאַ פּלאָנטער, אַז עס איז שוין שווער געווען צו געפינען דעם פּשוטן טײַטש, ווי רשי האָט געוואָלט. ווידער האָט זיך געשאַפן אַ תּהום צווישן פּשוטן ייִד, וועלכער האָט קלאָר און פּשוט געלערנט און דעם שפּיציקן, שאַרפזיניקן למדן, וועלכער האָט געשפּאָלטן אַ האָר.

דער פּלפּול האָט באַשווערט דאָס באַקענען די יסודות. איבעריקנס האָט נישט דאָס גאַנצע פאָלק זיך אומגעקוקט אויפן פּלפּול. צו טרוקן איז געווען די סכאָלאַסטיק, אַז דאָס פאָלק זאָל קענען ציִען יניקה דערפון. דעריבער איז פאַרשפּרייט געוואָרן די מיסטיק. עס איז אויפגעקומען אַ בענקשאַפט צו אַן אַנדער וועלט. מען האָט געוואָלט אַוועק פון „ערדישן טאָל פון געוויין", מען האָט די בליקן געהויבן צום הימל, ווו עס דאַרף נישט זײַן, לויט דער לעגענ־דע, קיין פּײַן און טרויער פאַר די גערעכטע. וואָס שווערער דאָס לעבן — אַלץ מער האָט מען זיך פּסיכיש דערווײַטערט פון רעאַלן לעבן. וועגן דאָ־זיקן שווערן לעבן זענען אַנטשטאַנען אַ סך קינות, פול מיט גרימצאָרן, מיט

טראַגיזם און פּראָטעסט. צווישן די פּייטנים פֿון סליחות האָט זיך אויסגעצייכנט משולם בן־קלונימוס פֿון מײַנץ.

צווישן די אַלע קלאָגלידער און וויגעשרייען האָבן אַנדערש אָפּגעקלונגען די לידער פֿון ייִדישן מינעזינגער זיסקינד פֿון טרימבערג. אמת, ער זינגט וועגן עטישע מעשים, גוטער אויפֿפֿירונג, אָרנטלעכקייט, אָבער זײַן מונטערער טאָן שיידט זיך אונטער פֿון דער גאַנצער ייִדישער פּאָעטישער שאַפֿונג צו יענער צײַט. זעט אויס, אַז צוליב דער כּסדרדיקער איבערחזורונג פֿון די רדיפֿות זענען אַקטועל געבליבן נאָר די קינות און סליחות. די לידער פֿון שמחה, פֿון ליבע — וואָס זייערע שפּורן האָבן מיר אין די ייִדישע פֿאָלקסלידער — זענען פֿאַרלאָרן געגאַנגען.

אַזוי האָבן אויסגעזען די פֿינצטערע צײַטן אין מיטל־עלטער אין פֿראַנקרײַך, דײַטשלאַנד, בעמען, אונגאַרן א״אַ.

אַ ביסל אַנדערש האָט זיך געשטאַלטיקט דער נײַער ישוב אין פּוילן און ליטע, ווו דער פּעאָדאַליזם האָט זיך פֿאַרשפּעטיקט, און אויך אַנדערש אין אַלטן ישוב אין איטאַליע ביז דער קאַטוילישער רעאַקציע. גראָד בײַם פּויפּס אין בוזעם — אין רוים — איז די ייִדישע לאַגע געווען אַ ביסל מער געזיכערט ווי ערגעץ אַנדערש. די העכערע קולטור פֿון איטאַליע האָט געלינדערט די ייִדן־לאַגע, הגם אויך דאָ האָבן נישט געפֿעלט קיין רדיפֿות און גזירות, פּאָגראָמען און דערנידעריקונגען. אייניקע איטאַליענישע שטעט, וואָס האָבן זיך נישט געגייטיקט אין ייִדישן געלטקרעדיט און האָבן אַליין אויסגעהאָדעוועט וואָכערער, זענען אַפֿילו געווען ייִדן־רייַן, ווי גענוע. אַנדערע ווי ווענעציע האָבן ייִדן טאָלערירט און זיי באַשטימט נאָר צום קליינעם פּריוואַטן געלטקרעדיט.

ווען דער גירוש־פֿראַנקרײַך האָט זיך אויך אויסגעשפּרייט אויף די דרום־פּראָווינצן זענען די פֿרײַדענקנדיקע ייִדן פֿון פּראָוואַנס געקומען קיין איטאַליע און זיי האָבן דאָ גראָד אָנגעטראָפֿן אויף דער איטאַליענישער רענעסאַנס־באַוועגונג, וואָס איז געווען פּאָפּולער בײַ די העכערע שיכטן, צווישן זיי אויך ייִדן. דאָס האָט געבראַכט אַן אויפֿלעבונג און מיר טרעפֿן אַ ריי שרײַבער און דענקער מיט פֿרײַערע בליקן.

דער גרעסטער פֿון זיי איז געווען עמנואל הרומי (1270 - 1335), אייגנטלעך עמנואל בן־שלמה הצפֿרוני. ער איז געווען אונטערן שטאַרקן אײַנ־

פלוס פון רמבם, אָבער אַן יענעמס פרומקייט. עמנואל האָט געקענט די אַראַבישע, לאַטייַנישע און די נייַ־איטאַליענישע ליטעראַטור און געווען באַפריינדעט מיט די איטאַליענישע שרייַבער. ער האָט געשריבן סאָנעטן און פילאָסאָפישע ווערק. אין זייַנע ווערק געפינען מיר די קלוגע איראָניע, בייַסיקע סאַטירע און די שטרעבונג צו אַ פרייַער וועלט. מען האָט אים שפּעטער פאַרגליכן מיט היינריך היינע.

עמנואל הרומי האָט אָנגעשריבן אַ ווערק, נאָכגעמאַכט דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע". אין גיהנום האָט ער אַרייַנגעזעצט צווישן אַנדערע אויך איינגעגעסענע תּלמודיסטן, קעגנער פון וועלטלעכער בילדונג, צוגלייַך מיט צבועקעס און קאַרגע גבירים. דערקעגן אין גן־עדן האָט ער נעבן די הייליקע אמהות צוגעזעצט רחב הזונה און תּמר.

נישט געקוקט אויף זייַנע סאַטיריש־עראָטישע בילדלעך נוסח באָקאַטשיאָ איז ער געווען אַ טיף מאָראַלישער מענטש מיט עטישע יסודות. עמנואל ־ מאַנאָעלאָ איז געווען אָנגעזען אויך אין דער איטאַליענישער געזעלשאַפט. די פרומע ייִדן האָבן אים פאַרפאָלגט צוליב זייַן פרייַזיניקייט.

פון פּראָוואַנס קיין איטאַליע איז געקומען קלונימוס בן־קלונימוס (1286 ־ 1340). ער האָט אָפּגעשפּילט אַ באַטייַטנדיקע ראָל אַלס איבערזעצער פון אַראַביש. ער האָט איבערגעזעצט אַ דרייַסיק ווערק פון אבן־ראשד, אַל־פאַראַבי, גאַלענוס, אייקלידעס א"א. אויף לאַטייַן האָט ער איבערגעזעצט אבן־ראָשדס „די צעשטערונג פון דער צעשטערונג", אַן ענטפער אויף אַל־גאַזאַליס בוך „די צעשטערונג פון דער פילאָסאָפיע". קלונימוס האָט אויך אָנגעשריבן מאָראַל־סאַטירישע ספרים „אבן בוחן", „מסכת פורים", אין וועלכע ער האָט אויסגעלאַכט די וויכּוחים פון דער גמרא און די תּלמודיסטן, ער האָט אויך נישט געשוינט די גבירים און פּרנסים. פון אים זענען אויך געבליבן קינות וועגן די שחיטות.

אַן אַנדערער אָנהענגער פון רמבם יהודה (לעאָן) ראָמאַנאָ (1450 ־ 1490) איז געווען רב און דאָקטער אין מאַנטואַ. ער האָט גוט געקענט העברעיש און לאַטייַן, און געווען אַ פאַרערער פון אַריסטאָטעלעס, ציצעראָ און קווינטיליאַן. ער האָט אָנגעשריבן פירושים צו אַריסטאָטעלעס' ווערק, אַ גראַמאַטיק, אַ לאָגיק און אַ בוך וועגן רעטאָריק. ער איז געווען זייער אַ פרייַער גייַסט און צוזאַמען מיט זייַן ברודער געפירט אַן אויפקלערונגס־אַרבעט

צווישן דער יידישער יוגנט. פאַר זיי האָט ער אָנגעשריבן אויך אַ פּירוש צום רמבמס „ספר המדע".

ווייַזט אויס, אַז לויטן אויפטראָג פון קריסטלעכן מושל האָט ער איי־בערגעזעצט פון לאַטייַן אויף העברעיש די ווערק פון טאָמאַס פון אַקווי־נאָ, אַלבערטוס מאַגנוס און אַנדערע קריסטלעכע דענקער. ער איז געווען אין זייַן קורץ לעבן אין אַ פּערמאַנענטער מחלוקת מיט די קאָנסערוואַטיווע.

אליהו דעל מעדיגאָ (1460 - 1497) איז געווען אַ לעקטאָר פון פילאָ־סאָפיע אויפן פּאַדוער אוניווערסיטעט. ער האָט אויך געהערט צו דער אַריס־טאָטעלישער שול, געשריבן פילאָסאָפישע ווערק, ווו ער האָט באַגרינדעט „די פילאָסאָפיע פון מעשים". ער האָט אָפּגעוואָרפן די הייליקייט פון דער אגדה, שאַרף קריטיקירט די קבלה, דעם מיסטיציזם און דאָס מאַכן גשמיות־דיק די גאָט־באַגריפן. גלייַכצייַטיק איז ער געווען אויך קעגן דעם צו פיל אַבסטראַקטיזירן גאָט. ער איז געווען אַ סך מעסיקער, פּשרותדיקער ווי דער רמבם. דאָך האָט מען אים אין זייַן צייַט געהאַלטן פאַר אַן אפיקורס.

אַ טשיקאַווע געשטאַלט איז געווען דער פּראָגער רב יום־טוב ליפּמאַן מילהויזן, דער מחבר פון בוך „ספר הנצחון" (1410), ווו ער ברענגט צום אויסדרוק זייַנע משיחישע האָפענונגען, ווי אויך די ענטפערס אויף די פראַגן פון די קריסטן וועגן די דאָגמעס פון יידנטום. ער איז געווען אַ פרייַגייַסט און דערלויבט זיך צו זאָגן, אַז נישט אַלע מאָל האָבן די שעפער פון תלמוד פאַרשטאַנען און געטייַטשט ריכטיק דעם תנך. ער האָט קריטי־קירט זייַנע מיטצייַטלער־רבנים, אַז זיי לייגן די אויפמערקזאַמקייט אויף מצוות און איסורים און נישט אויף דערקענען גאָט. עס איז געווען די צייַט פון די הוסיטן און רעליגיעזע פּראָבלעמען זענען געווען אַקטועל. ער האָט דערביי אָנגעוויזן ווי רענעגאַטן נוצן אויס די גוזמאות פון די הייליקע שריפטן.

ער איז געווען אונטערן אייַנפלוס פון רמבם און פון זייַנע אָנהענגער. פּונקט ווי יאַן הוס און די טאַבאָריטן האָט ער געלייגט דעם אַקצענט אויפן תנך. אונטער זייער אייַנפלוס האָט ער געפּריידיקט, אַז עס איז פאַראַן אַ צייַט פון פייַנט האָבן און אַ צייַט פון קאַמף. דעם אייַנפלוס פון רענעסאַנס זעען מיר אויך אין זייַן קעגנערשאַפט צום אַסקעטיזם.

יום־טוב ליפּמאַן מילהויזן האָט מען צוגעשריבן דאָס „ספר המידות",

וואָס איז באַזונדערס באַקאַנט און באַרימט פון דער ייִדישער איבערזעצונג „זיטנבוך" (1542). דאָס „זיטנבוך" איז קעגן פּלפּול, הייסט זיך פירן סאָציאַל־גערעכטיק, אויך צו נישט־ייִדן.

קוים האָט די זון ערגעץ אויפגעשייַנט אויף אַ ווייַל און די ייִדן האָבן פרייַער אָפּגעאָטעמט האָבן זיי פרייַער געשאַפן, דערלויבט זיך קריטיק אויף דער „צוים אַרום דער תּורה" און געשאַפן אויך וועלטלעכע ווערק. דער גאַנצער תּלמודישער פּלפּול, דאָס אַליין איינשליסן זיך אין די גרענעצן פון תּלמוד, ווי די אויסערלעכע וועלט האָט די ייִדן אייַנגעשלאָסן אין די ייִדן־קוואַרטאַלן, איז געווען אַ רעזולטאַט נאָר פון פאַנאַטיזם און די מאַסן־שחיטות, וואָס די קריסטלעכע וועלט האָט געטאָן די ייִדן.

דער ייִדישער מצב אין דייַטשלאַנד — אין לעצטן פעריאָד פון מיטלעלטער — פאַלט כּסדר. ייִדן זענען הפקר, שוצלאָז, פאַרשקלאַפט בייַ זייערע „באַשיצער". זיי זענען אויסגעשטעלט אויפן בלינדן האַס פון דער אונטערגעהעצטער מאַסע און פון דער ציל־באַוווסטזיניקער פייַנדשאַפט פון דער קירך. פּאָגראָמען, עלילת־דם זענען אַ טאָג־טעגלעכע דערשייַנונג, וואָס די ייִדישע כראָניקער פאַרשרייַבן דאָס צו מאָל נישט.

די אָפּגעזונדערטקייט האָט געבראַכט צו העכער מאַכן די צוים. די ייִדן האָבן קעגן זייערע פאַרפאָלגער געקענט שטעלן נאָר אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד, אַ קידוש־השם, וואָס האָט צו זיך נישט קיין גלייַכן, ווייַל דאָס איז געטאָן געוואָרן מיטן פולן באַוווסטזיין. דעם אויסוועג פון שמד האָבן נאָר שוואַכע, איינצלנע אויסגענוצט. קיין מאַסן־שמד איז נישט געווען.

דער ייִד האָט זיך געבויגן, שטאַרק געבויגן פון פינצטערן שטורעם, אָבער ער האָט זיך נישט אייַנגעבראָכן. עטלעכע שוואַכע צווייַגן האָבן זיך אָפּגעבראָכן, אָבער דער שטאַם איז געבליבן פעסט, הגם ער האָט באַקומען ווייטיקדיקע שניטן.

דער מאַסן־קידוש־השם איז געקומען פון דער העכערקייט וואָס ייִדן האָבן געפילט איבער דער פינצטערניש און אומזיטלעכקייט פון קריסטלעכן אַרום, פון זייערע פייַניקער. עס האָט נישט ווייניק געווירקט דער גלויבן אין דעם שכר אויף יענער וועלט. זייער גאַנץ לעבן האָבן זיי זיך צוגעוווינט אויסצועלימינירן די ווערטן פון דער עקסיסטירנדיקער וועלט, באַטראַכטן די וועלט ווי אַ פּרוזדור.

אויך די מיסטיק האָט געגאָסן פון די דאָזיקע געפילן און אײַנשטעלונגען. אויב רשי האָט נאָך געבראַכט אַ קלאָרן געדאַנק, פשטות, אַ ביסל וואָרעמקייט, געווען דעמאָקראַטיש, פאָלקסטימלעך, האָבן די בעלי־תּוספות און זייערע נאָכפאָלגער אַלץ פאַרפּלאָנטערט אין פּלפּול, וואָס איז געוואָרן אַן ענין נאָר פאַר אויסדערוויילטע, אַ נײַער מין אַריסטאָקראַטיזם. זיי האָבן געלאָזן דעם פּשוטן ייִד אויף דעם אײַנפלוס פון מיסטיציזם. דער אונטערשייד אין סאָציאַלן לעבן איז געווען נישט בלויז דער קעגנזאַץ צווישן גביר און אָרעמען מענטש, נאָר אויך צווישן למדן און פּראָסטן ייִד.

די אַלע נעגאַטיווע זײַטן פון רבניזם זענען געווען אַ פּראָדוקט פון דער פינצטערער צײַט. אַליין זענען די רבנים געווען מענטשן מיט אַ הויכער מאָראַל, מסירת־נפש און געדינט ווי אַ בײַשפּיל און מוסטער פאַר זייער עדה. מען קען אַפילו נישט פּרווון מאַכן אַ פאַרגלײַך מיט די גלחים, פינצטערע אָבערגלויבערישע רויבער מיט חיהשע אינסטינקטן, אַן וועלכער נישט איז עטיש־מאָראַלישער באַזוג; נאָר אויסגעלאַסנקייט און געלט איז געווען דער ציל פון די קריסטלעכע „גאָטס פאַסטעכער"; די איינצלנע אַסקעטן־מאָנאַכן זענען געווען פול מיט פאַנאַטיזם, האַס, שנאה.

דאָס ייִדישע לעבן האָט קיין מאָל זיך נישט באַגנוגנט מיט שיינע רייד: ייִדן האָבן תּמיד באַשאַפן דינים און אינסטיטוציעס צו רעאַליזירן די עטיש־מאָראַלישע צילן. דער ענגער האָריזאָנט פון דער ייִדישער אָנפירערשאַפט איז געקומען דערפון, וואָס טעאָרעטישע וויכּוחים און פּראָבלעמען זענען נישט געווען לעבנסוויכטיק, נאָר פּראַקטישע ענינים. זעען מיר אין דער גײַסטיקער שאַפונג נאָר מוסר־ספרים, באַזונדערס דאָס ייִדישע „זיטנבוך". דאָרט לערנט מען זײַן באַשיידן, אײַנגעהאַלטן, ערלעך און אמתדיק. אַפילו צום גוי — וואָס ער טוט אַן אַזוי פיל צרות — הייסט מען זײַן יושרדיק. מיר זעען אין בוך דאָס געפיל פון קאָלעקטיווער אחריות, ווײַל אַן עוולה לגבי איין גוי הייסט אַריבערוואַרפן די שולד אויפן גאַנצן ייִדישן כּלל. אָבער גלײַכצײַטיק זאָגט דאָס ספר, אַז אַזאַ עוולה איז אַ פאַרשוועכונג פון דער ייִדישער אמונה.

כּדי צו פאַרווירקלעכן די עטיק און די סאָציאַלע מאָראַל האָבן די ייִדן געשאַפן אַ רייע הילף־אינסטיטוציעס, הכנסת־אורחים, פּדיון־שבויים, הכנסת־

כּלה, אַ שוץ פאַר יתומים און אלמנות. מען האָט געבויט אַ ברייט שולוועזן, געהאַלטן, אַז באָרגן אַ ספר איז אַ מצווה.

די מצווה פון פּדיון־שבויים שטאַמט נאָך פון די תנאים. עס איז גע־ווען אַ וויכטיקע רעגלאַמענטאַציע. די ייִדן האָבן געמוזט אויסלייזן די פאַר־שלעפטע ייִדישע שקלאַפן. אויך אין מיטל־עלטער (ווי בעת די קאָזאַקן־מל־חמות) האָט דאָס געהאַט אַ קאָלאָסאַלע נאַציאָנאַלע באַטײַטונג.

די העכערקייט פון דער ייִדישער קולטור, די סאָציאַלע אַליינהילף, דער גרעסערער מאָראַלישער כּוח האָבן געהאָלפן דורכהאַלטן דעם גיהנום פון מיטל־עלטער. קען זײַן, אַז די עקאָנאָמיש־סאָציאַלע באַדינגונגען וואָלטן אַליין אויפגעהאַלטן די ייִדן אַלס סאָציאַלע גרופּע, אָבער דאָס ייִדישע פאָלק וואָלט געווען דעגענערירט פולשטענדיק, אָן שעפערישן גײַסט, אָן כּוח צו רעאינסורעקציע. מיר זענען געווען, אויסגעהאַלטן און געבליבן ווײַטער שע־פעריש אַלס פאָלק צוליב אונדזער מאָראַלישן כּוח.

די „צוים" האָט אָפּגעהיט פון דרויסנדיקער חשכות. אין די ראַמען פון ענגן ייִדן־קוואַרטאַל און אין די פּלפּולדיקע ישיבות זענען דאָך גע־בליבן און אויפגעהיטן געוואָרן רעשטלעך פון פרײַען גײַסט פון סעדיה און דעם רמבם, דער פּשוטער קלאָרער געדאַנק פון רשי, די לעבנסוויכטי־קע צופאַסונג פון די תּקנות פון רבנו גרשום און רבנו תּם.

אין דעם נע־ונד, אין דעם וואָגל, צווישן איין גירוש און דעם צווייטן, איז געווען נאַטירלעך די בענקשאַפט צו דער אַמאָליקער פּאָליטישער זעלב־שטענדיקייט. מיר טרעפן די דאָזיקע בענקשאַפט אין אַלע ליטעראַרישע שאַ־פונגען, אָבער זיי זענען בלויז עפּעס אַ העכערער מאָראַליש־עטישער ציל, ווי דער געדאַנק פון ביאת־המשיח. צו דעם רעאַלן ארץ־ישראל האָבן זיי נישט געבענקט און נישט געמאַכט קיין פּרווון פון גרעסערער קאָלאָניזי־רונג. איינצלנע עקזאַלטירטע האָבן זיך דאָרט באַזעצט. אמת, די באַדינ־גונגען אין ארץ־ישראל זענען געווען שווערע, באַזונדערס ווען די קריסטן האָבן דאָרט געבאַלעבאַטעוועט איבער הונדערט יאָר, אָבער אויך שפּע־טער האָבן די ייִדן נישט געטאָן עפּעס ממשותדיקס צו רעאַליזירן אַ גע־וויסע קאָנצענטראַציע אין א"י אַלס לייזונג פון דער אָנגעווייטיקטער גלות־סיטואַציע.

טשיקאַווע. וועגן דער גרויסער מעכטיקער מלוכה פון די כּוזרים, וואָס

האָט עקסיסטירט אַלס יידישע מלוכה קנאַפּע דריי הונדערט יאָר, איז אין דער יידישער ליטעראַטור נישט געבליבן קיין סך דאָקומענטאַציע, חוץ דעם בריוו פון חסדאי אבן־שפּרוט און יהודה הלוים פילאָסאָפיש בוך „הכוז־רי״, וווּ עס איז פאַראַן מער אַפּאָלאָגעטיק פון דער יידישער אמונה ווי היס־טאָריע. גראָד די ספרדישע שררות האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיטן פּאָ־ליטישן פּראָבלעם, דערקעגן די אשכנזים, ביי וועלכע עס איז פאַראַן אַ ביסל כאַזאַריש בלוט און זיי האָבן געלעבט נאָענט צום כוזרים־לאַנד — ביי זיי איז כמעט קיין זכר נישט פאַראַן.

דאָס אַלץ באַווייזט, ווי זינט יוחנן בן־זכאי האָט די יידישע אָנפירער־שאַפט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן יידישן פאָלק אַלס פּאָליטישן און טע־ריטאָריעלן איינס און געזען עס נאָר אַלס גייסטיק־איינהייטלעכע קאָנצענ־טרירונג. עס איז געווען אַ ביטול־באַציונג צו פּאָליטישער מאַכט.

איבערברעכן אָט דעם צוגאַנג איז אויסגעקומען דעם מאָדערנעם ציוניזם פיל שפּעטער, און דערווייל האָט דאָס פעלן פון אַזאַ איינשטע־לונג געבראַכט צום אַנטלויפן פון דער יידישער אינטעליגענץ אין די צייטן פון דער אויפקלערונג. דאָס פעלן פון אַ נאַציאָנאַל־וועלטלעכער קאָנצעפּ־ציע פון יידישן פאָלק, פון אַ פּאָליטישן אויסדרוק פון דער שיבת־ציון־בענק־שאַפט האָט געבראַכט צו דער אַפּליקעגונג, אַז מיר זענען אַ נאַציע, אַז מיר האָבן נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס.

די וויכטיקסטע נעגאַטיווע ירושה פון מיטל־עלטער איז געווען דער שמאָלער האָריזאָנט פון געדאַנק, און דער גלויבן נאָר אין אַ מיסטישער ליזונג.

ווען עס פלעגט זיך באַווייזן דער אָנזאָג פון אַ שווער אומגליק האָבן די יידן גענוצט דעם „תענית״, דאָס איינציקע וואָס די קריסטלעכע וועלט האָט אונדז דערלויבט צו טאָן. די פאַלן פון אַקטיוון ווידערשטאַנד בעת די קרייצצוגן און שפּעטער ווערן אַלץ זעלטענער און זעלטענער, ביז עס שטאַרבט אָפּ ביי די יידן אין צענטראַל־ און מערב־אייראָפּע יעדע אַקטי־וויטעט צום זעלבסטשוץ.

עס איז נישט געווען די שולד פון אונדזערע אבות, נאָר דערין האָט געשפּילט אַ ראָל די טאָטאַלע פינצטערניש פון דער קריסטלעכער געזעל־שאַפט און די טאָטאַלע רעכטלאָזיקייט פון די יידן.

אַם בעסטן האָט די שטימונג פון די דײַטשן אויסגעדריקט עראַזם פון ראָטערדאַם אין זײַן חוזקדיקן אַפּאָריזם (1519):

SI CHRISTIANUM EST ODISSE JUDAEOS,
HIC ABUNDE OMNES CHRISTIANI SUMUS

„אויב פײַנט האָבן ייִדן הייסט פירן זיך קריסטלעך, דעמאָלט זענען מיר אַלע צו גוטע קריסטן".

נאָר פונקט ווי מיר האָבן נישט געלאָזט זיך אין אַנדערע ענינים באַאײַנפלוסן פון פינצטערן דרויסן האָבן מיר אויך געדאַרפט פלעגן דעם גײַסט פון יהודה המכבי.

די אָנפירונג פון ייִדישן לעבן איז געווען אין רעליגיעזע הענט און דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער מאָמענט האָט געמוזט גיין אין הינטערגרונט.

דאָס פּאָזיטיווע פון דעם פּעריאָד פאַרן קיום פון פאָלק איז געווען דער אויסדויער, דער קידוש־השם, דאָס נישט אָפּזאָגן זיך פון אייגענעם פּנים אונטער קיין שום אומשטענדן. נישט די צוזאָגן פון רו און מנוחה, נישט די פּײַניקונגען און דראָונגען מיט טויט, האָבן נישט געקענט צווינגען די ייִדן אָוועקצוגיין פון דעם נאַציאָנאַלן שורש.

די אָפּגעזונדערטקייט, די קייטן פון מיטל־עלטער האָבן נאָר צוגעהאָלפן אײַנהאַלטן די יסודות, אָבער זיי האָבן נישט צוגעגרייט דעם ייִד אַרײַנצוגיין אין די נײַע צײַטן, נישט פאַרלירנדיק די נאַציאָנאַלע ירושה. די פריִערדיקע תקופות האָבן מער אויפגעטאָן אין דער הינזיכט.

די פּאַרגליווערטקייט האָט אונדז געקאָסט אַ טייל פון אונדזער אינטעליגענץ און — אין מזרח־אייראָפּע — אונדז געהאַלטן הינטערשטעליק לגבי די ייִדן אין מערב־אייראָפּע.

עס איז נישט געווען אונדזער שולד דאָס מאַסנווײַזע אָוועקגיין פון ייִדישן לעבן, באַזונדערס פון דער אינטעליגענץ, עס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ שווערער צײַט פון וועלכער מיר זענען אַרויס מיט אָפּגעבראָכענע צווײַגן, אָבער דער שטאַם איז געבליבן פעסט און עס פאַרהיילן זיך די ווונדן, וואָס די קייטן פון מיטל־עלטער האָבן אײַנגעשניטן.

העלדן קעגן זייער ווילן

די מאַראַנען אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל ווערן פאַרגעשטעלט ווי טיף־גלויביקע ייִדן און גרויסע העלדן אין דער ייִדישער געשיכטע. די ליטע־ראַטור און קונסט איז פול מיט זייערע מסירת־נפשדיקע איבערלעבונגען בעת דער אינקוויזיציע און מיט דעם ראָמאַנטישן צויבער פון זייער געהיי־מען אָפּהיטן — אָפּט בלויז סימבאָליש — זייער ייִדישקייט.

צום שאַפן פון דעם דאָזיקן מיטאָס האָט געווירקט דער טראַגישער סוף פון די מאַראַנען, זייער העלדישקייט בײַ די פּײַניקונגען פון דער אינק־וויזיציע און זייער שטרענגע פרומקייט, ווען זיי זענען צוריק געוואָרן ייִדן.

דערבײַ האָט מען בכלל נישט גענומען אין אַכט די געשיכטלעכע אַנט־וויקלונגען פון דעם פּראָבלעם, מען האָט נישט באַרירט די אומשטענדן פון שמד און אויך זיך נישט גערעכנט מיטן פאַקט, וואָס די אינקוויזיציע האָט געברענט די מאַראַנען פאַר אָפּהיטן ייִדישקייט, ווען אין שפּאַניע זענען נאָך געווען ייִדישע קהילות. דעריבער איז נייטיק אַ ביסל זיך אומקערן צו דער געשיכטע פון ייִדן אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל.

די ייִדן זענען געווען אַלטע באַוווינער פון פּירענעיִשן האַלבאינדזל. נאָך אין די רוימישע צײַטן זענען ייִדן געווען אין שפּאַניע סײַ אַלס סוחרים, סײַ אַלס געפאַנגענע פון די אומאויפהערלעכע קאַמפן פון יהודה קעגן רוים. מיט די געפאַנגענע האָט רוים פאַרפולט די לעגיאָנען. די ייִדן האָט מען באַזעצט אין די רוימישע מיליטערישע קאָלאָניעס, דער עיקר בײַ דער גאַלישער גרענעץ.

דאָס קריסטנטום האָט זיך פאַרשפּרייט אין דער רוימישער אימפּעריע. אין 5טן יאָרהונדערט זענען אין שפּאַניע אַרײַנגעדרונגען די וויזיגאָטן, וועלכע זענען געווען קריסטן־אַריאַנער. צוליב דער קאָנקורענץ און קעגנ־זאַצן צווישן דער ראָמאַניזירטער קאַטוילישער באַפעלקערונג און די אַריאַ־נישע וויזיגאָטישע באַצווינגער האָבן די ייִדן געקענט לעבן בשלווה אַ גאַנצן

יאָרהונדערט. אין 6טן י״ה האָבן די וויזיגאָטן אָנגענומען דעם קאַטאָלי־ציזם און פאַר די ייִדן האָט זיך אָנגעהויבן אַ גיהנום. דאָס גאַנצע 7טע י״ה איז פול מיט די ערגסטע ייִדן־רדיפות.

דער וויזיגאָטישער קעניג כינטילאַ האָט אויפגעצוווּנגען די ייִדן צו שמדן זיך. נאָר אַ טייל איז אַנטלאָפן, אָבער דער רוב האָט זיך געשמדט לפּנים. דער קעניג כינדאַסיווינד (642 ־ 652) שאַפט אָפּ די גזירות, ייִדן קומען צוריק און די אנוסים ווערן צוריק ייִדן. באַלד קומט אָבער דער נײַער קעניג רעצעסווינד, וועלכער פירט צוריק אײַן כינטילאַס גזירות. די ייִדן ווערן באַגרענעצט אין זייערע רעכט, טאָרן נישט האַלטן קיין קריסט־לעכע קנעכט, טאָרן נישט פאַרנעמען קיין מלוכה־שטעלעס, נישט זײַן קיין עדות א״א. וואָס שייך די אנוסים — טאָרן זיי נישט צוריקקערן זיך צום ייִדנטום און מען האָט אײַנגעשטעלט אַ גאַנצן אַפּאַראַט זיי צו היטן זיי זאָלן חס־וחלילה נישט האַלטן קיין ייִדישע מנהגים. בלויז עסן חזיר האָט מען זיי נישט געצוווּנגען „צוליב געוווינהייט״. די גזירות און דעם שפּיאָ־נאַזש־סיסטעם האָט שפּעטער די אינקוויזיציע איבערגענומען.

דעם קעניג ערוויג (אין 680) איז ווידער אײַנגעפאַלן אָפּצושמדן די ייִדן און זיי שטעלן אונטער דער אויפזיכט פון די גלחים. דערבײַ האָט ער אָבער אויף די געשמדטע אנוסים אײַנגעהאַלטן אַלע אַנטי־ייִדישע סאָציאַ־לע און עקאָנאָמישע באַגרענעצונגען, פאַרבאָטן צו האָבן הײַזער און גי־טער, צו באַשעפטיקן זיך מיט פישערײַ און מיטן אַפריקאַנישן מסחר.

די ייִדן האָבן זיך געוועהרט און געגרייט אַ בונט (694). צוליב אַ פאַר־ראַט איז דאָס נישט געלונגען און דער קעניג האָט צוגענומען די ייִדישע קינדער און אַוועקגעגעבן צו דערציִען די גלחים. אַלע איבעריקע ייִדן (אָדער אנוסים?) האָט ער דערקלערט אַלס שקלאַפן.

דאָס געזעץ איז נישט דורכגעפירט געוואָרן, באַזונדערס בײַ די ייִדן אויף דער גאַלישער גרענעץ, וואָרשײַנלעך צוליב נישט קענען אימפּלעמענ־טירן די עקזעקוטיוו־מאַכט. אָבער דאָס איז געווען אַ גענוגנדיקע סיבה די ייִדן זאָלן אַקטיוו מיטהעלפן די אַראַבער צו דעראָבערן שפּאַניע, וואָס איז אין גיכן, אין 711, געשען.

די אַלע רדיפות זענען געקומען לויט דער איניציאַטיוו פון דער קאַ־טוילישער קירך. דער סינאָד אין טאָלעדאָ אין 633 האָט אָנגענומען שטרענ־

גע געזעצן קעגן יידן, אָבער נאָך מער קעגן די געשמדטע, באַזונדערס וועגן אַן אויפזיכט איבער זייערע קינדער.

הגם דער סינאָד האָט אָנגענומען אַ פונקט וועגן נישט באַנוצן צוואַנגס־שמד האָט זי דאָך נישט דערלויבט די אנוסים צוריקצוגיין צום יידנטום, נאָר זיי געשטעלט אין דער לאַגע פון בירגער פון אַ נידעריקערער מדרגה, געצוווּנגען זיי צו זעלבסטקריטיק א״א. עס האָט די אנוסים גאָרנישט גע־האָלפן דאָס שמדן זיך, זיי זענען רעכטלעך געבליבן יידן.

אין 655 האָט דער נײַנטער סינאָד אין טאָלעדאָ אַרויסגעלייגט אַ פליכט פאַר אַלע אנוסים בײַצוזײַן די גאָטעסדינסטן. דאָס „לעקס וויזיגאָטאָרום" געשטיצט אויף יוסטיניאַנס געזעצן זעט פאָר, אַז נאָר די קינדסקינדער פון די אנוסים וועלן קענען לויט אַ רעקאָמענדאַציע פון דער קירך ווערן גלײַכבאַרעכטיקט. דער 12טער סינאָד אין טאָלעדאָ (681) מאַכט בכלל נישט קיין אונטערשייד צווישן די געשמדטע און די גלויביקע יידן. אַלע יידן מוזן זיך שמדן. עס איז געווען פאַר די הערשער באַקוועמער צו פאַר־פאָלגן די יידן, ווען זיי זענען געשמדט, ווײַל מען קען גיכער געפינען סי־בות פאַר רעפּרעסיע. די קירך ווידער האָט נישט געהאַט קיין פולע יוריס־דיקציע איבער יידן, וועלכע זענען פאָרמעל דאָס אייגנטום פון קעניג, און איבער געשמדטע האָט זי יאָ געהאַט. דערבײַ איז די רעכטלאָזע לאַגע פון שוצלאָזע בירגער סײַ ווי געבליבן.

איינע פון די וויכטיקסטע סיבות פון שמד איז געווען דער פאַרבאָט פאַר יידן צו האַלטן קריסטלעכע קנעכט. אין אַ ווירטשאַפט־סיסטעם, וואָס שטיצט זיך אויף שקלאַפנאַרבעט האָט אַזאַ פאַרבאָט אונטערגעגראָבן די עקאָנאָמישע עקסיסטענץ. עס איז אַפילו פאַרבאָטן געווען צו דינגען קריסט־לעכע לוינאַרבעטער, אָדער מגיר זײַן געקויפטע שקלאַפן.

די אַלע רדיפות האָבן געבראַכט צום שמד, אָבער די רעכטלאָזיקייט איז געבליבן. ווען די אַראַבער זענען אַרײַן אין שפּאַניע האָבן די יידן שטאַרק מיטגעהאָלפן זיי בײַם דעראָבערן.

פאַר די יידן האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע תקופה פון אויפבלי. ווען אויך אין מוסולמענישן שפּאַניע האָט זיך אָנגעהויבן די אומטאָלעראַנץ און די קריסטלעכע לאַנדבאַזיצער האָבן אָן ווידערשטאַנד אָנגענומען דעם איס־לאַם איז עס פאַר די פרײַזיניקע געלערנטע יידן געווען אַ זייער שלעכטער

בײַשפּיל. אין דער צײַט פון דער רעקאָנקוויסטאַ, פון צוריק דעראָבערן דורך די קריסטן דאָס לאַנד, האָבן דאָס ווידער געטאָן די מוסולמענישע אַריסטאָקראַטן. איבערגאַנג פון איין גלויבן צום צווייטן צוליב מאַטעריעל־עקאָנאָמישע סיבות, צוליב דער מורא אָנצווווערן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּריווילעגיעס און רעכטן — איז געוואָרן אַן אָנגענומענע זאַך אין דער שפּאַנישער געזעלשאַפט און נישט אַרויסגערופן קיין עמפּערונג.

דער פּראָצעס פון דער רעקאָנקוויסטאַ איז געווען אַ לאַנגדויערנדיקער, און די קריסטלעכע מלכים האָבן די ייִדן געגעבן אין אָנהייב די זעלבע פּריווילעגיעס און פרײַהייטן, וואָס בײַ די מוסולמענער, כּדי זיי צו געווי־נען. מיר געפינען ייִדישע שררות, מיניסטאָרן, מיליטער־פירער סײַ אין די מוסולמענישע, סײַ אין די קריסטלעכע הייף. ווי נאָר אָבער דער ענד־גילטיקער נצחון פון די קריסטן צייכנט זיך אָן הויבן זיך אָן אָפּקילן די פרײַנדלעכע וואַרעמע באַציונגען פון די קריסטן לגבי די ייִדן.

אין 14טן י״ה טרעפן מיר ייִדישע גראַנדן, פינאַנסיסטן, דיפּלאָמאַטן אין דינסט פון פרומע קאַטוילישע הערשער. דער סאָציאַלער מעמד פון די ייִדן איז אַ הויכער. דאָס רופט אַרויס קנאה און שנאה, אָבער נישט קיין פאַראַכ־טונג.

די ייִדישע שררות האָבן פאַר קיין שום פּרײַז — אַפילו פאַרן פּרײַז פון דער אמונה — נישט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פון זייערע סאָציאַלע פּאָזי־ציעס.

אין יאָר 1391 איז פאָרגעקומען אין שפּאַניע, וואָס איז שוין געווען כּמעט קריסטלעך, אַן אינעווייניקסטער קרייצצוג. מען האָט די ייִדן און מו־סולמענער געשטעלט די ברירה: שמד אָדער טויט. אַ גרויסער טייל האָט זיך געשמדט. ווען די דירעקטע געפאַר איז אַריבער האָט דער געשמדטער טייל נישט געקענט צוריקקערן זיך צום ייִדנטום, ווײַל די געפאַר און דראָונגען זענען געוואָרן פּערמאַנענט. פון דער אַנדערער זײַט איז זייער צאָל געווען צו גרויס די קריסטלעכע געזעלשאַפט זאָל זיי אויפנעמען. אַזוי איז אַנטשטאַנען די טראַגעדיע פון מאַראַנענטום. די מאַראַנען האָבן גע־מוזט אָפּלייגן זייער צוריקקער צום ייִדנטום אויף לאַנגע צײַטן, געוואָרן אַ באַזונדערער שיכט אין דער באַפעלקערונג, כּמעט אַזוי רעכטלאָז ווי פריִער.

די דאָזיקע ניי־קריסטן האָבן פֿאַרפֿלאָנטערט די ייִדישע פֿראַגע אין שפּאַניע.

קעגן די ייִדן איז געווען אַ בשותּפֿותדיקער פֿראָנט פֿון די שטעטישע „הערמאַנדאַדעס" און די קאַטוילישע גלחים. נאָר דער קעניג האָט אין אַנ־הייב זיי פֿאַרטיידיקט, ווײַל ער האָט פֿינאַנסיעל אַ סך גענאָסן פֿון די ייִדן, אָבער נאָכן צוואַנגס־שמד איז די דאָזיקע הכנסה שטאַרק געפֿאַלן.

דיווירטשאַפֿטלעכע סיטואַציע פֿון די ייִדן אין שפּאַניע איז געווען גאָר אַן אַנדערע ווי אין צענטראַל־ און מערב־אייראָפּע. ייִדן האָבן נישט געבילדעט קיין אָפּגעזונדערטע גרופּע מיט אויספֿירן אַ ספּעציעלע סאָציאַלע פֿונקציע אין פֿעאָדאַלן סיסטעם. ייִדן האָבן זיך דאָ פֿאַרנומען מיט אַלע באַ־שעפֿטיקונגען, געווען ערדבאַזיצער, בעלי־מלאכות, רעגירונגס־באַאַמטע, שטײַער־אײַנמאָנער, סוחרים און פֿינאַנסיסטן. דאָס אײַנפֿירן די אַמאָליקע וויזיגאָטישע עקאָנאָמישע באַגרענעצונגען בנוגע פֿאַרנעמען מלוכה־פּאָסטנס, לאַנדבאַזיץ און שקלאַפֿנאַרבעט האָט געווירקט אויפֿן מאַסן־שמד. נאָר אין איינצלנע פֿאַלן, ווי אין 1391 בײַם אינעווייניקסטן קרייצצוג, האָט מען אַלע ייִדן געשטעלט די אַלטערנאַטיוו: שמד אָדער טויט. לרוב איז געשטאַנען די פֿראַגע פֿון עקאָנאָמישער עקסיסטענץ, פֿון אײַנהאַלטן די סאָציאַלע פּאָ־זיציע.

די ייִדן האָבן געהאָלפֿן די אַראַבער קעגן די וויזיגאָטן און פֿיר הונ־דערט יאָר שפּעטער אַנטלאָפֿן פֿון די אַראַבער צו די אייניקלעך פֿון די וויזיגאָטן. אָבער בײַ די לעצטע האָט זיך צוריק אויפֿגעוועקט דער גײַסט פֿון די אַמאָליקע באַצווינגער פֿון שפּאַניע און זיי האָבן באַנײַט זייערע רדיפֿות.

אין אַלע פֿאַלן פֿון שטעלן די ברירה: שמד אָדער טויט, איז די צאָל געשמדטע תּמיד געווען גרעסער ווי די צאָל אומגעקומענע, דערבײַ איז אָפּילו נישט געווען קיין האָפֿענונג זיך שנעל צוריקצוקערן צום ייִדנטום, ווי אין דײַטשלאַנד, וווּ דער קיסר און די פֿירשטן, אויך די קירכלעכע, האָבן תּמיד „אויפֿגעפֿאָדערט" די ייִדן צוריקצוגיין צום ייִדנטום. געוויס האָט דאָ גע־שפּילט אַ גרויסע ראָל דאָס געזעץ, אַז אַ קריסטלעכער קנעכט טאָר נישט דינען בײַ אַ ייִד און מוסולמענישע אָדער געצנדינערישע קנעכט ווערן באַ־פֿרײַט אָן אַנטשעדיקונג אויב זיי נעמען אָן דאָס קריסטנטום. דאָס האָט רויִנירט די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט. אָננעמענדיק דאָס קריסטנטום האָבן

די ייִדישע שררות זיך באַפרייַט פון אַט דעם געזעץ, ווי אויך געצאָלט קלענערע שטייַערן. אָבער געווירקט האָט אויך דער אַלגעמיינער בייַשפּיל פון טוישן די גלויבנס בייַ די קריסטן און מוסולמענער אָן ווידערשטאַנד. די דאָזיקע זאַך האָט געדינט ווי אַן אַרגומענט פאַר דער קירך נישט צו גע־טרויען די מאַראַנען און מאַריסקאָס.

דער צוואַנגס־שמד האָט אין שפּאַניע אָנגעטראָפן אויף אַ בעסערן באָדן ווי אין אַנדערע טיילן פון אייראָפּע, ווו מאַסן־שמד האָט אָפּגעריסן די ייִדן פון זייער סאָציאַלער פונקציע און זייער צוריקקער צום ייִדנטום איז געווען נייטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט. אין שפּאַ־ניע האָט דער געשמדטער געקענט האָפן אויף אַ באַקוועמערער סאָציאַלער סיטואַציע, געשטרעבט סאָציאַל־רעכטלעך צו געניסן פון די פּריווילעגיעס פון דער הערשנדיקער נאַציע. אָבער די מלוכה האָט זיך אין שפּאַניע אין די ייִדן ווייניקער גענייטיקט, דערקעגן האָט זי זיך שטאַרק גענייטיקט אין זייערע פאַרמעגנס און די קריסטן האָבן זיך גענייטיקט אין די סאָציאַלע הויכע פּאָזיציעס פון די ייִדן.

די מאַראַנען האָבן געוואָלט פאַרגרינגערן זייער לעבן, אָבער געשאַפן אַ גיהנום פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער. די ייִדן האָבן געהאָפט, אַז די אינקוויזיציע וועט נישט לאַנג דויערן. דעריבער האָבן אַ סך פון זיי אין 1492 זיך געשמדט לפנים. דאָס זעלבע פיר יאָר שפּעטער אין ליסאַבאָן, ווו מען האָט זיי געצוווּנגען מיט טויטגעפאַר און גלייַכצייַטיק צוגעזאָגט, אַז צוואַנציק יאָר וועלן זיי נישט זייַן אונטער דער יוריסדיקציע פון דער אינקוויזיציע.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז די אינקוויזיציע לגבי די מאַראַנען האָט געהערשט דרייַ הונדערט יאָר. געשאַפן איז זי געוואָרן נאָך אין 1183 אויפן ווראָנער קאָנציל קעגן די אַלביגענזער און געדאַרפט אויסראָטן נאָר די אייגענע כּופרים. אָבער שוין אין 1267 האָט דער פּויפּס קלעמענס דער 4טער אין דער בולע Turbato Corde „מיט אַ צעטומלט האַרץ״ אויפ־געשטעלט די אינקוויזיציע דער עיקר קעגן די אנוסים.

די שפּאַנישע אינקוויזיציע אַלס מלוכה־אינסטיטוציע האָט טאָרקוועמאַ־דאָ אייַנגעפירט אין סעוויליע אין 1481. אין לויף פון פופצן יאָר זענען פאַרברענט געוואָרן צען טויזנט מאַראַנען און זעקס טויזנט זענען פאַר־

משפּט געוואָרן אונטער די אויגן. הונדערט טויזנט האָבן „תּשובֿה" געטאָן. אין אַ באַריכט פֿון 1834, ווען מען האָט די „הייליקע אינקוויזיציע" אָפּגע־שאַפֿט, ווערט אָפֿיציעל געמאָלדן וועגן 34.658 פֿאַרברענטע אויפֿן שײַטער־הויפֿן און 288.214 פֿאַרמשפּטע אויף גאַלערעס און אייביקע תּפֿיסה.

אייגנטלעך האָט דאָס אינקוויזיציע־געריכט עקסיסטירט אין אַ סך קריסטלעכע לענדער און פֿיל כּופֿרים זענען פֿאַרברענט געוואָרן. אויך ייִדן האָבן געליטן פֿון דער אינקוויזיציע צוליב די בלוט־בלבולים און כּלומרשטע פֿאַרשוועכונגען פֿון די האָסטיעס. אָבער אין ערגעץ האָט זי נישט אָנגענומען אַזעלכע גרויזאַמע פֿאָרמען ווי אין שפּאַניע און פּאָר־טוגאַל.

די סיבה דערפֿון איז געווען וואָס די אינקוויזיציע האָט געדינט חוץ דער קירך אויך דער קעניגלעכער מאַכט. שפּאַניע איז געגאַנגען אויפֿן וועג צו אַן אַבסאָלוטיסטישער מאָנאַרכיע און אַ שטערונג צו פֿאַרפֿעסטיקן זי זענען געווען די גראַנדן, די פּריצים, צווישן זיי אַ סך מאַראַנען און מאָ־ריסקאָס. באַזונדערס שאַרף איז געווען דער ווידערשטאַנד אויף די קאָר־טעסן, די פּריצישע פּאַרלאַמענטן. ווו נאָר זיי האָבן געקענט האָבן די קאָרטעסן זיך אַקעגנגעשטעלט דער אינקוויזיציע, זעענדיק אין איר אַ געפֿאַר פֿאַר זיך. צו ערשט האָט די אינקוויזיציע געגומען אַרבעטן אין סעווילִיע, ווו קיין קאָר־טעס איז נישט געווען. אין אַנדאַלוזיע האָבן די קאָרטעסן אַ געוויסע צײַט זיך אַקעגנגעשטעלט. דאָס זעלבע אין וואַלענסיאַ און אַראַגאָניע.

צו גרויס זענען געווען די נוצן פֿון קעניג און פֿון דער קירך זיי זאָלן זיך אָפּשטעלן אין זייער „הייליקער אויפֿגאַבע". קודם־כּל האָבן זיי גענאָסן פֿון די קאָנפֿיסקאַציעס פֿון פֿאַרמעגן און דעריבער זענען געפֿאַלן אַ קרבן אויך רײַכע אַלטקריסטן, וועמענס פֿאַרמעגן האָט געלאָקט די נשמה־דער־לייזער. דער פּויפּס האָט עטלעכע מאָל אָנגעוויזן אויף דער געלטגיריקייט פֿון די אינקוויזיציע־געריכטן, אַז זיי מיינען נישט דעם גלויבן, נאָר דאָס פֿאַרמעגן פֿון די רײַכע גראַנדן און ערדבאַזיצער.

פּאָליטיש האָט דער קעניג מיט דער הילף פֿון דער אינקוויזיציע גע־קענט פֿאַרניכטן די אײַנפֿלוסרײַכע גראַנדן. די קירך ווידער האָט זיך מיטן אומברענגען די גראַנדן אַוועקגעשטעלט אַלס צווייטער מעכטיקער עקאָנאָמישער כּוח.

די גראַנדן האָבן עטלעכע מאָל געפּרוווט מאַכן אויפשטאַנדן, אָבער דער שפּיאָנאַזש־סיסטעם פון די פרומע קאַטאָליקן און גלחים דורך דעם „ווידוי״ האָט צו נישט געמאַכט די פאַרשווערונגען. די קירך אין שפּאַניע — אין קעגנזאַץ צו דײַטשלאַנד — איז געווען געבונדן מיט דער אַבסאָלוטיסטישער מאָנאַרכיע. די קירכלעכע היעראַרכיע האָט פריִער בײַ דער רעקאָנקוויסטאַ נישט געהאַט קיין וועלטלעכע מאַכט, קיין באַזיץ. דאָס האָט זי זיך ערשט באַשאַפן מיט דער אינקוויזיציע. ווי לאַנג די דעראָבערונג פון שפּאַניע איז געווען געבונדן מיטן בעסערן באַהאַנדלען די ייִדן האָט דער קעניג נישט געפאָלגט די עצות פון דער קירך. ער האָט נישט אײַנגעפירט די קירכלעכע קאַנאָנען. נאָר צוואַנציק פּראָצענט פון די ייִדן האָבן זיך פאַרנומען מיט קרעדיט־עניינים, אָבער דער קעניג האָט זיי באַדאַרפן און געהאָלפן נעמען די פּראָצענטער, פון וועלכע ער האָט תּמיד געהאַט אַ חלק. דערקעגן די אַכציק פּראָצענט נישט באַשעפטיקטע אין קרעדיט האָבן אים נישט אינטערעסירט און אַפילו געשטערט.

אַ גרויסער טייל גראַנדן און ערדבאַזיצער זענען געווען מאַראַנען און מאַריסקאָס. זענען די קעניגן געוואָרן ערצי־קאַטוילִיש און אונטערן רעליגיעזן מאַנטל באַהאַלטן די ערדישע אַפּעטיטן. דער גראַנדן־באַשטאַנד איז נישט געווען ריין־שפּאַניש און די געשמדטע ייִדן און מאַורן האָבן פאַרנומען וויכטיקע פּאָזיציעס. אַפילו טאָרקוועמאַדאָס נאָכפאָלגער דעזאַ איז געווען אַ מאַראַן. דער אַרציבישאָף פון גראַנאַדע טאַלאַווערא האָט אויך געשטאַמט פון ייִדן. דער געיעג אויף די אנוסים איז געווען אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישער קאַמף. דאָס באַווײַזט דער פאַקט, אַז מען האָט קיין מאָל נישט געלאָזט די מאַראַנען זיך אויסגלײַכן מיט די קריסטן. מען האָט פאַר זיי געשאַפן אויסנאַם־געזעצן, ספּעציעלע הלבשה, כּדי זיי אויסצוטיילן. זיי האָבן געצאָלט אַ ספּעציעלן שטײַער. מען האָט זיי פאַרבאָטן צו ווערן גלחים אויס מורא זיי זאָלן דורך דעם וועג דערגרייכן הויכע פּאָזיציעס און גלײַכבאַרעכטיקונג.

ס׳איז געווען לײַכטער צו קאָנפיסקירן ערד ווי געלט, באַזונדערס געלט, וואָס שטעקט אין אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל. די מאַראַנען האָבן גוט געוווסט, אַז מען זוכט זייערע פאַרמעגנס און דעריבער שנעל איבערגעגאַנגען צום אינטערנאַציאָנאַלן מסחר. וויפל מען האָט זיי נישט באַרויבט

ביים אַנטלויפן האָבן זיי ערגעץ ווו געהאַט שטעקן קאַפּיטאַלן. דערין האָבן זיי געהאָלפן די ייִדן אין אייראָפּע און טערקיי, מיט וועמען זיי זענען גע־שטאַנען אין האַנדלס־באַציונגען. אַט די סיבה האָט זיי צונויפגעבונדן מיטן ייִדנטום, סיי עקאָנאָמיש, סיי מיטן גלויבן. דער קידוש־השם פון די מאַ־ראַנען האָט זיך פאַרשטאַרקט מיטן איבערגיין צום אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל, ווען שפּאַניע און פּאָרטוגאַל זענען געוואָרן גרויסע האַנדלס־מלו־כות נאָכן אַנטדעקן די נייַע וועלט. אגב, האָבן די מאַראַנען אַרייַנגעלייגט קאַפּיטאַל, ענערגיע, שעפערישע טעטיקייט אין די אַנטדעקונגען און ריי־זעס.

די קירך האָט זיך געהאַט דערשראָקן פאַרן מאַסן־שמד, און דער עיקר דערפאַר, ווייַל עס האָט זיך געשמדט אַ געבילדעטער העכערער געזעלשאַפטלעכער שיכט. דאָס האָט געקענט אונטערגראָבן זייער מאַכט־פּאָזיציע. כּדי צו פאַרניכטן די נייַע געפאַר האָט זי געמוזט אָנקומען צו גוואַלטמיטלען, צו דער אינקוויזיציע.

כּדי אָפּצורייַסן די מאַראַנען פון די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען דורך די ייִדן האָט די קירך געשטרעבט צו אַ גירוש פון די ייִדן. די קע־ניגן האָבן זיך געקווענקלט, ווייַל זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרלירן אַ הכנ־סה־קוואַל, וואָס איז געגאַנגען דירעקט צו זיי. אָבער מיטן געיעג אויף די פאַרמעגנס און פּאָזיציע פון די מאַראַנען האָט דער קעניג געלאָזט אין גאַנג אַזאַ פאַרפאָלגונגס־מאַשין, וואָס ער איז שוין נישט געווען בכּוח צו קירעווען, און אין 1492 איז פאָרגעקומען דער גירוש־שפּאַניע און אין 1497 האָט געזאָלט פאָרקומען דער גירוש־פּאָרטוגאַל. דער קעניג פון פּאָר־טוגאַל האָט אָבער נישט געוואָלט פאַרלירן די ייִדן, און פון דער אַנדערער זייַט איז די קירכלעכע השפּעה געווען צו שטאַרק. האָט ער געפונען אַן עצה: ער האָט מיט געוואַלט אָפּגעשמדט אַלע ייִדן, סיי זייַנע, סיי די אַנטלאָפענע פון שפּאַניע, און ער האָט זיי אַרייַנגעזעצט אין דער זעלבער עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און רעכטלעכער ראַם וואָס פריִער. ער האָט זיי אויך נישט דערלויבט צו עמיגרירן. כּדי די אינקוויזיציע זאָל זיי באַלד נישט פאַרניכטן, האָט ער צוגעזאָגט, אַז צוואַנציק יאָר וועלן זיי האָבן צייַט זיך „צוצוגעווינען" צום קריסטנטום. דאָס לעצטע האָט גע־הייסן אַלץ זאָל בלייַבן בייַם אַלטן, ווי געווען, נאָר לפּנים דאַרפן זיי ווערן

קריסטן. דאָס האָט געבראַכט צום טיפּישן מאַראַנענטום, וואָס איז אַרײַן אין אונדזער היסטאָרישער אויפפאַסונג. בײַ די דאָזיקע אנוסים איז קענטיק געווען די צוגעבונדנקייט צום ייִדנטום. דאָ איז געווען ווירקלעכער צוואַנג. די צוויי דאַטעס 1391 אין שפּאַניע און 1497 אין פּאָרטוגאַל האָבן געבראַכט צום מאַסן־צוואַנגס־שמד און געגעבן אונדז דעם מיטאָס. אַלע אַנדערע שמד־פאַלן זענען געווען צוליבן נישט וועלן פאַרלירן די סאָציאַלע פּאָזיציעס.

דער קלעריקאַליזם האָט אונטערגעגראָבן די יסודות פון אַ נאָרמאַלער געזעלשאַפט. אין שפּאַניע זענען געווען דרײַ ראַסן, דרײַ רעליגיעס, דרײַ קולטורן. עטלעכע הונדערט יאָר איז פּאָרגעקומען צווישן זיי אַ פרײַער פאַרקער, וואָס האָט געגעבן גוטע רעזולטאַטן, אַ הויך אַנטוויקלטע מאַטעריעלע און גײַסטיקע קולטור. די קירך האָט געפּריידיקט איין גלויבן, איין מלוכה, איין קולטור. אין ערשטן אויגנבליק האָט די אַבסאָלוטיסטישע מאָנאַרכיע געמיינט, אַז זי וועט האָבן דערפון פּאָליטישן און מאַטעריעלן נוצן. דעריבער האָט זי נאָכגעגעבן דער קירך און באַנײַט דעם אַלטן איסלאַמישן לאָזונג: „טויט אָדער שמד״.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז נאָך דעם הייליקן אינעווייניקסטן קריג איז שפּאַניע געוואָרן אָרעמער. די ייִדן האָט מען אַרויסגעטריבן און משומדים צאָלן נישט קיין ספּעציעלע שטײַערן. די פּרוּוון דאָס צו טאָן האָט געטראָפן אויף אַ ווידערשטאַנד און די פעיִקע מאַראַנען זענען אַוועק קיין אויסלאַנד. בײַ די, וועלכע זענען פאַרבליבן, האָט מען צוליב באַגרענעצונגען צוגענומען די איניציאַטיוו, די מעגלעכקייט צו פאַרדינען.

די שטעט און די קירך האָבן מער געציטערט פאַר די נײַקריסטן ווי פאַר די רעכטלאָזע ייִדן. די נײַקריסטן — נישט קענענדיק אַלס כּלל אָנגענומען ווערן אין דער געזעלשאַפט — שאַפן זיי זייער סביבה, אַרײַנציענדיק איינצלנע אַלטקריסטלעכע משפּחה־מיטגלידער צווישן די אומצופרידענע גראַנדן. אין דער געזעלשאַפט, אָפּגעזונדערט פון דער אָפּיציעלער, וויל מען אויף אַ געוויסן אופן אונטערשטרײַכן זייער געמיינזאַמען גורל. דאָס דריקט זיך אויס אין געהיימען אָפּהיטן ייִדישע מנהגים. אַפילו די פרײַע ייִדן האָבן זיך נאָכן שמד באַמיט אויף וועלכן נישט איז אופן מיט עפּעס דערמאָנען זייער ייִדישקייט.

די סיטואַציע פון די מאַראַנען איז נישט בעסער ווי פון די ייִדן. עס ברעכן אויס אַנטי־מאַראַנען־פּאָגראָמען אין אַ ריי שפּאַנישע שטעט און אין פּאָרטוגאַל (פריִער אין שפּאַניע און דאַן אין 1506 אין ליסאַבאָן מיט צוויי טויזנט דערהרגעטע). דאָס ברענגט צו אַ קעגנהאַס.

די מאַראַנען פּרובירן זוכן אַן אויסוועג פון דער שווערער לאַגע. זיי ווילן שאַפן אַ טעריטאָריעלן צענטער אין גיבראַלטאַר, אָבער מען לאָזט נישט צו אויס מורא.

די מורא פאַר די מאַראַנען האָט בייַ די קריסטן געהאַט ריין־עקאָנאָמישע מאָטיוון. באַפרייַט פון דער שוצלאָזיקייט אַלס ייִדן האָבן די מאַראַנען, אַנגעבנדיק זיך פאַר קריסטן, געקענט אין אַ ריי לענדער פון אייראָפּע געניסן פון דער פּריווילעגירטער לאַגע אַלס קריסטן, אייַנהאַלטנדיק דערבייַ ווייַטער זייער פאַרבינדונג מיט דער ייִדיש־אינטערנאַציאָנאַלער האַנדלס־גילדיע. אַזוי האָבן למשל געטאָן די מאַראַנען אין באָרדאָ.

דאָס האָט אַרויסגערופן אַ ריי אינצידענטן מיט די קריסטלעכע קאָנקורענטן און אין יאָר 1497 איז אין ווענעציע (ווו ייִדן האָבן נישט געקענט שפּילן אַ ראָל אין קרעדיט) געקומען צו אַ מאַראַנען־גירוש. דאָס האָט זיך שפּעטער איבערגעחזרט אין אַנדערע ערטער, אויך אין דעם פּויפּסלעכן אַנקאָנאַ.

די רעכטלעכע לאַגע פון די מאַראַנען ווערט שווערער נישט בלויז אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, נאָר אויך אין אַנדערע קריסטלעכע לענדער. זיי לעבן, ווי די ייִדן, אויף ספּעציעלע פּריווילעגיעס, אָפּהענגיק פון חסד פון די הערשער, אויב עס לוינט זיי, אָדער נישט. דער פּויפּס פּאַול דער 3טער למשל האָט געוואָלט די מאַראַנען האָבן אין זייַנע באַזיצן, באַזונדערס אין אַנקאָנאַ, האָט ער דעריבער זיי פאַרבאָטן צו עמיגרירן אין אַ מוסולמענעיש לאַנד, נאָר פאַרלאַנגט פאַר זיי פרייַע עמיגראַציע פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל.

עס איז טשיקאַווע, אַז די פאַרטריבענע ייִדן אָדער אַנטלאָפענע מאַראַנען זענען נישט אומעטום גערן אויפגענומען געוואָרן דורך.... די ייִדישע קהילות. אַזוי האָט די רוימישע קהילה נישט געוואָלט אויפנעמען די שפּאַנישע ייִדן. די פּאָרטוגעזישע ייִדן האָבן אין 1492 נישט געוואָלט העלפן די 45.000 (לויט אַנדערע קוועלן 120.000) אָנגעקומענע פון גירוש־

שפּאַניע. זיי האָבן נישט געוווסט, אַז בלויז פינף יאָר טיילט זיי אָפּ פון זעלבן גורל. מען רעכנט, אַז פון די גירושים פון פירענעיִשן האַלבאינדזל האָבן געליטן 300.000 ספרדים.

דער גירוש פון די ייִדן, ווי אויך דאָס אַנטלויפן פון די מאַראַנען, איז אָנגעקומען שווער נישט בלויז צוליב די אָפּיציעלע שטערונגען, נאָר אויך דערפאַר, וואָס די ספרדים האָבן ליב געהאַט זייער לאַנד. די רדיפות זענען געקומען פּלוצלינג אין אַ קורצן טערמין, נאָך אַ לאַנגן וווילשטאַנד. בעת אין דײַטשלאַנד האָבן די רדיפות און גירושים כסדר זיך איבערגעחזרט און אין גאַנצן אָפּגעטויט דעם פּאַטריאָטישן געפיל. חוץ דעם האָט דאָס אשכנזישע ייִדנטום ווייניקער מאָראַליש געליטן, ווײַל זיי זענען געווען געוווינט צו די צרות.

די ספרדישע ייִדן האָבן שטאָלצירט מיט זייער סאָציאַלער לאַגע. זיי פלעגן צום נאָמען צושרײַבן ס״ט (ספרדי טהור) אָפּצושיידן זיך פון די רעכטלאָזע אשכנזים. ווען זיי האָבן מאַסנווײַז גענומען פאַרלאָזן שפּאַניע, נאָך דעם ווי שפּאַניע האָט גענומען אָנווערן איר אינטערנאַציאָנאַלע פּאָזיציע, האָבן די ספרדים זיך באַמיט אָנצוקומען קיין האָלאַנד (די נידערלענדישע רעפּובליק איז אַנטשטאַנען אין 1579) און ענגלאַנד (וועלכע האָט צעקלאַפּט די שפּאַנישע אַרמאַדע אין 1588). צונויפטרעפנדיק זיך מיט די אשכנזישע קהילות האָבן זיי זיך נישט אויסגעמישט, הגם רעליגיעז זענען געווען קליינע אונטערשיידן אין די נוסחאות. אָפט פלעגן זיי אַ געוויסע צײַט נאָך בלײַבן בײַם קריסטנטום. דאָס אָפּטיילן זיך פון די אשכנזים, אָדער בלײַבן בײַם פאַרמעלן קריסטנטום, האָט געהאַט ווירטשאַפטלעכע מאָטיוון, ווײַל וואָס שייך פרומקייט האָבן די געוועזענע מאַראַנען זיך פאַרקוקט אויפן קאַטאָליציזם, אויף דער אינקוויזיציע און געווען פאַנאַטיש, נישט צוגעלאָזט קיין פרײַען געדאַנק, קיין סימן פון אָפּנייגן פון תלמוד. זיי זענען געווען זייער פילבאַר צו „כפירה״. צו זייער קאָנסערוואַטיזם איז נאָך צוגעקומען דאָס וואָס צוליב זייערע שווערע איבערלעבונגען האָבן זיי געהאַט אַ נטיה צו קבלה און משיחישע באַוועגונגען. אָבער זייער סאָציאַלער הויכער מצב, ווי אויך זייער טראַדיציע, האָט זיי געגעבן אַ שײַן פון אייראָפּעיִשקייט, פון גיין מיט דער צײַט. ווען נישט די איבערגעלעבטע גרויסע רדיפות מצד אויסן וואָלטן די אייניקלעך פון

די פרייַע גייַסטער פון דער גאָלדענער תּקופה געקענט אַ סך באַרייַכערן דעם ייִדישן געדאַנק.

אַזוי ווי די פּראָבלעמען קאָנסערוואַטיזם, משיחיזם און קבלה באַ־האַנדלען מיר ווייַטער, ווען מיר דאָ באַרירן נאָר די פרייַע גייַסטער און דער קאַמף קעגן זיי.

די מאַראַנען און ספרדים זענען געקומען אין די לעצטע יאָרן פון רענעסאַנס אין דער תּקופה פון דער קאַטוילישער רעאַקציע אין איי־ראָפּע. דעריבער האָט דער פרייַער געדאַנק ביַי ייִדן, וואָס איז געווען פריִער רעפּרעזענטירט דורך די ספרדים, אָנגעטראָפן אויף טאָפּלטע רדי־פות, מצד דער ייִדישער און נישט־ייִדישער וועלט. בלויז אין איטאַליע האָבן זיי נאָך אָנגעטראָפן אויף די לעצטע פאָרשטייער פון רענעסאַנס ביַי נישט־ייִדן און ייִדן. דאָס וויגעלע פון רענעסאַנס, איטאַליע, האָט נאָך איינגעהאַלטן געוויסע פרייַע שטראָמען און אין די באַדינגונגען האָבן אויך ייִדן זיך אַרויסגערוקט אַלס אָנזאָגער פון קריטישן געדאַנק.

עזריה די ראָסי (1513 ־ 1572) איז געווען אַן אַלזייַטיק געבילדע־טער מענטש, די רענעסאַנס־איינפלוסן זעט מען אין זייַן זייער פאָרזיכ־טיקן בוך „מאור עיניים", וווּ ער רעדט וועגן די ייִדיש־העלענישע פּי־לאָסאָפן. ער ווייַזט אויף, אַז די היסטאָרישע לעגענדעס אין תּלמוד שטי־מען לרוב נישט מיט די היסטאָרישע פאַקטן. אויפן ביישפּיל פון פילאָ־נען האַלט ער זיי פאַר אַ משל, נישט ווי אַ היסטאָרישן פאַקט. ער ווייַזט אָן אויף אומפּינקטלעכע דאַטן אין תּלמוד, ווי למשל, אַז אַנשטאָט צוויי הונדערט יאָר פּערסישע הערשאַפט האָט לויטן תּלמוד דער פּעריאָד גע־דויערט פיר און דרייַסיק יאָר. זייַנע מיינונגען האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן טומל און חרם.

לעאָן (יהודה־אריה) מאָדענאַ (1571 ־ 1648) איז געווען רב און אַ דרשן אין ווענעציע. אויס מורא האָט ער נישט געדרוקט זייַנע כּתב־ידן. נאָך ייִנגערהייט, צו דרייַצן יאָר, האָט ער אָנגעשריבן אַ בוך קעגן קאָרטנ־שפּילן. שפּעטער איז ער אַליין געוואָרן אַ האַזאַרד־קאָרטנשפּילער.

זייַנע פאָרעפנטלעכטע ווערק זענען נישט אפּיקורסיש. נאָר אין די נישט־פאָרעפנטלעכטע דריקט ער אויס ספיקות, לייקנט אָפּ די פּאָעטישע מעשׂיות פון דער אגדה און די מיסטיק פון דער קבלה. ער איז געווען אַ

ראַציאָנאַליסט. אין יאָר 1623 האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אַ דיאַלאָג צווישן אַן אפּיקורס און אַ גלויביקן, ווו ער באַגרינדעט די טענות פֿון אפּיקורס (דאָס זאָל האָבן געווען אַן ענטפֿער דאַ קאָסטאַן) און פֿאַרטיידיקט שוואַך די אַרגומענטן פֿון גלייביקן. ער איז געווען אַ צווייפֿלער און אַ מאמין אין איין פּערזאָן.

אַ צעשפּאָלטענע נשמה איז אויך געווען יוסף שלמה דעל מעדיגאָ (1591 ־ 1655). ער איז געווען אַ דאָקטער, מאַטעמאַטיקער, אַסטראָנאָם (באַפֿרײַנדעט מיט גאַלילײ), אַ נאַטור־וויסנשאַפֿטלער און... אַ קענער פֿון קבלה. ער האָט ליב געהאַט צו רײַזן און אויסגעווען אין אַ סך לענדער. ער האָט אין מצרים באַזיגט אין אַ קאָנקורס אַ מוסלימישן מאַטעמאַטיקער. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט ער זיך באַפֿרײַנדעט מיט די קאַראַימער. אין פּוילן איז ער געווען דער הויפּטדאָקטער בײַם פּירשט ראַדזשיוויל. זײַענדיק אין פּוילן איז ער געווען אַ פֿרײַדענקער, אַרויסגעטרעטן קעגן לערנען תּלמוד, קעגן דער קבלה. אָבער קומענדיק קיין האַמבורג איז ער געוואָרן אַ דרשן. אין דער שטאַרק קאָנסערוואַטיווער ספֿרדישער קהילה און אָנגעשריבן אַ בוך צו פֿאַרטיידיקן די קבלה, פּאָלעמיזירט מיט זײַן עלטער־זיידן אליהו דעל מעדיגאָ. דערבײַ איז ער זיך מודה, אַז ער שרײַבט אויף באַשטעלונג. לעאָן מאָדענאַ האָט געמיינט, אַז דעל מעדיגאָ פֿאַרטיידיקט כּלומרשט די קבלה, נאָר פּאַקטיש ווײַזט ער איר אומנוצן. אין אַמסטערדאַם גיט דעל מעדיגאָ אין 1628 אַרויס זײַן „אולם“, ווו ער באַרירט אַלע וויסנשאַפֿטן און פּראָבלעמען, אָבער פֿאַרענטפֿערט זיי נישט. אין 1631 זעען מיר אים ווידער אַלס דאָקטער אין פֿראַנקפֿורט. שפּעטער קומט ער קיין פּראָג, ווו ער האָט זיך גוט צוזאַמענגעלעבט מיט די פֿאַנאַטיש־קאָנסערוואַטיווע אשכּנזישע רבנים.

דעם אײַנפֿלוס פֿון דער צײַט זעען מיר בײַ שמחה (שמעון) לוצאַטאָ (1589 ־ 1663). ער איז געווען אַ רב און געהאַלטן זיך בײַ דער טראַדיציע. זײַן ניכטערן, ראַציאָנאַליסטישן צוגאַנג זעען מיר נאָר אין דעם וואָס ער טרעט אַרויס קעגן מיסטיק און קבלה. ער האָט געזוכט אַ פּשרה צווישן אמונה און שׂכל, אָבער געווען זייער מעסיק.

אַזוי האָט אויסגעזען דאָס ייִדישע גײַסטיקע לעבן, וואָס די מאַראַנען האָבן אָנגעטראָפֿן. פֿון איין זײַט קאָנסערוואַטיווע רבנים און מיסטי־

קער, פון דער אַנדערער נישט־קאָנסעקווענטע, פשרה־זוכנדיקע פרייַע גייַסטער.

דאָס איז געווען די טראַגעדיע פון גבריאל דאַ קאָסטאַ. ער איז גע־בוירן געוואָרן אין 1595 אין פּאָרטוגאַל בייַ מאַראַנען. ער האָט געענדיקט אַ יעזויִטישן אוניווערסיטעט און געוואָרן אַ קאַנאָניק אין אַ קירך. די קריסטלעכע טעאָלאָגיע האָט דעם זוכנדיקן גייַסט נישט באַפרידיקט און ער באַשליסט צו ווערן אַ ייִד. ער קומט קיין אַמסטערדאַם און אין 1612 ווערט ער אַ ייִד מיטן נאָמען אוריאל.

אין אַמסטערדאַם און האַמבורג טרעפט ער זיך אָן מיט דער פאַר־גליווערטער אַטמאָספער פון קאָנסערוואַטיוון רבניזם. ער פילט, אַז ער האָט אויסגעטוישט דעם יאָך פון דער קאַטוילישער דאָגמע אויפן יאָך פון שולחן־ערוך. פאַרליבט און געטרייַ דעם תנך טענהט ער, אַז די אַלע רע־ליגיעזע צערעמאָניעס געפינען נישט זייער יסוד אין דער תורה. אין 1616 זייַענדיק אין האַמבורג האָט ער געשיקט קיין ווענעציע (צו לעאָן מאָדענאַ, וועלכער האָט אים אָפּגעענטפערט אין זייַן דיאַלאָג) זייַנע „טע־זיסן קעגן דער טראַדיציע". די הויפּטפּונקטן זענען, אַז תורה שבעל־פה איז נישט קיין הייליקייט, וואָס פאַרפליכטעט. ער באַווייַזט, אַז תפילין־לייגן געפינט זיך נישט אין דער תורה. ער טרעט אַרויס קעגן געוויסע טיילן פון דער מילה־אָפּעראַציע, ווי אויך קעגן פייַערן צוויי טעג יום־טוב. דאָס אַלץ געפינט זיך נישט אין דער תורה.

דער מאָדערנער צדוקי האָט אַרויסגערופן אַ טומל, וואָס האָט נאָך מער אויפגערייצט דעם קעמפערישן דאַ קאָסטאַ. פון אָפּלייקענען די צע־רעמאָניעס גייט ער איבער אָפּצולייקענען די דאָגמען. ער איז אַוועק פון קאַטאָליציזם צוליבן פינצטערן בילד פון יענער וועלט און האָט עס געפו־נען ווידער בייַ די רבנים פון אַמסטערדאַם. ער שרייַבט אַ בוך קעגן השארת־הנפש (1624). ער באַווייַזט, אַז אין דער תורה רעדט זיך נישט וועגן אַ יענער וועלט.

די דאָזיקע אפּיקורסות האָט אָנגערירט סייַ די ייִדישע, סייַ די קריסטלעכע אמונה. ער ווערט אַרעסטירט און זייַן בוך פאַרברענט. זייַנע מיינונגען זענען אָבער פאַרבליבן אין דער פּאָלעמיק, וואָס ד"ר דאַ סילוואַ האָט געפירט מיט אים.

אוריאל דאַ קאָסטאַ האָט טאַקע נישט געגלייבט אין גיהנום אויף יע־נער וועלט, אָבער ער האָט עס געהאַט אויף דער וועלט. מען לייגט אים אין חרם אַרײַן. ער פילט זיך איינזאַם און אין 1633 טוט ער תּשובֿה. ער האַלט זיך אָבער ווײַטער בײַ זײַנע מיינונגען און ווערט באַלד געלייגט אין אַ שווערערן חרם. נאָך זעקס יאָר פּײַניקן זיך, איינזאַם און קראַנק, טוט ער ווידער תּשובֿה. מען טוט אים אָן גרויסע בזיונות. די גאַנצע אוממענטשלעכקייט פון דער קאַטוילישער אינקוויזיציע האָבן די געווע־זענע מאַראַנען אויף אים אויסגעגאָסן. ער האַלט נישט אויס און אין 1640 דערשיסט ער זיך, איבערלאָזנדיק אין לאַטײַן זײַן בוך „אַ מוסטער פון אַ מענטשלעך לעבן". דאָס בוך איז אַ פּראָטעסט קעגן די רבנים, אָדער ווי ער רופט זיי „פּרושים", געטרײַ דער טערמינאָלאָגיע פון דער עוואַנ־געליע.

פילאָסאָפיש איז דאַ קאָסטאַ געווען אַן אָנהענגער פון דעיִזם און דער טעאָריע פון נאַטירלעכן געזעץ, אָדער שׂכל. ער האָט אויסגעטראָטן אַ וועג פאַר ברוך ספּינאָזאַ.

בענעדיקט (ברוך) ספּינאָזאַ איז געבוירן אין 1632 אין אַמסטערדאַם בײַ אַ מאַראַנישער משפּחה. ער האָט געלערנט יידישע לימודים און שפּע־טער שטודירט פילאָסאָפיע. ער איז געווען אונטערן אײַנפלוס פון דע־קאַרטן. דער פרײַער שׂכל, דאָס דענקען, איז דער איינציקער קוואַל פון וויסן, איז העכער פון געטלעכער אַנטפּלעקונג און רעליגיעזער טראַדיציע.

דאָס וואָס האָט ספּינאָזאַן צעקריגט מיט דער יידישער געמיינדע איז געווען דאָס אָפּלייקענען, אַז דער תּנך איז פון גאָט. ער האָט געהאַל־טן, אַז מען דאַרף נישט אָפּהיטן קיין געזעצן, וואָס מען פאַרשטייט נישט צוליב וואָס זיי זענען אַנטשטאַנען.

נאָך זײַן פאָטערס טויט (1654) האָט ספּינאָזאַ גענומען זיך דערווײ־טערן פון דער יידישער פרומער געזעלשאַפט און געלעבט נאָר מיט זײַ־נע קריסטלעכע פרײַנד, פאַרערער פון זײַן פילאָסאָפיע. די יידישע פּר־נסים האָבן זיך געוואָקלט. טאָלערירן זײַנע מיינונגען האָבן זיי נישט גע־קענט, אָבער עס האָט זיי נישט געפּאַסט ספּינאָזאַ זאָל אַוועק פון זיי. זיי האָבן דעריבער אים פאַרגעלייגט אַ יערלעכע פּענסיע ער זאָל פאַרמעל, אָפּן, נישט איבעררייסן. ער האָט נישט געענטפערט. אַפילו דער קלײנער

חרם (נאָר דרײַסיק טעג) האָט אים נישט גערירט. דאַמאָלס האָבן זיי אויס־גערופן אַ גרויסן חרם. זיי האָבן אויך אים געמסרט פאַרן פרומען פראָ־טעסטאַנטישן מאַגיסטראַט, אַז ער האַלט נישט פון תנך. ער האָט דעריי־בער אויף אַ צײַט געמוזט אַוועק פון אַמסטערדאַם. געלעבט האָט ער פון שלײַפן גלעזער. דאָס האָט אים געגעבן די פולע, הגם איינזאַמע, אומאָפּ־הענגיקייט.

אין 1670 גיט ספינאָזאַ אַרויס זײַן „טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַק־טאַט". עס איז אַ קריטיק פון תנך און פון דער עוואַנגעליע. דעם תנך האָט נישט געשריבן משה רבנו; ער באַשטייט פון פראַגמענטן, וואָס זע־נען געוואָרן שפּעטער רעדאַגירט. ער מאַכט אַן אונטערשייד צווישן דער נאַציאָנאַל־היסטאָרישער רעליגיע פון די יידן און דער אינדיווידואַליס־טיש־קאָסמאָפּאָליטישער פון דער עוואַנגעליע. ער האָט געהאַלטן, אַז ייִדנ־טום האָט זײַן געשיכטלעכע ראָל שוין אָפּגעשפּילט און האַלט זיך נאָר אויף דער שנאה צו אים.

אָבער ספינאָזאַ איז געווען אַ גלויביקער מענטש, נישט ווי מען האָט אים באַצייכנט ווי אַן אַטעיִסט. דאָס זעען מיר אין זײַן פילאָסאָפיע, וואָס קומט באַזונדערס צום אויסדרוק אין זײַן „עטיק". זײַן פּאַנטעיִזם איז ליבשאַפט צו גאָט, וועלכער איז גלײַך צו נאַטור. דער פּאַנטעיִזם איז קעגן מאָנאָטעיִזם, וואָס צעטיילט דעם באַשעפער פון באַשאַף.

אַנדערש ווי זײַן פאָרגייער דעקאַרט באַציט זיך ספינאָזאַ צו די עטישע פּראָבלעמען. בײַ דעקאַרטן איז דער ציל בלויז די דערקענטניש, נאָר דער מעטאַפיזישער אמת, בעת ספינאָזאַ שטעלט זיך אַן עטישן ציל, אַן אידעאַל פון גוטס און אמת, די השלימה פון דער נשמה.

די צײַט אין וועלכער ספינאָזאַ האָט געלעבט האָט נישט געקענט אי־בערלאָזן אין נאַציאָנאַלע ראַמען אַ פרײַדענקער, ווײַל דאַמאָלס האָט נאַ־ציאָנאַלע דיסציפּלין געהייסן רעליגיעזע דיסציפּלין. דערפון איז געקו־מען דער חרם, דאָס דערווײַטערן זיך פון ספינאָזען פון ייִדנטום. זײַנע אי־דעען האָבן אַרויסגערופן אַ שטורעם. ער האָט געלעבט איינזאַם, זיך מפר־נס געווען פון זײַן אַרבעט, נישט געוואָלט אָננעמען קיין מתנות פון זײַ־נע אָנהענגער, אַפילו נישט געוואָלט אָננעמען אַ קאַטעדרע. יונג, צו פינף און פערציק יאָר, איז ער אין 1677 געשטאָרבן אין האַאַג.

דער אינערלעכער טיף רעליגיעזער ספינאָזאַ האָט נישט געקענט זיך אונטערוואַרפן דער רעליגיעזער דיסציפּלין, וואָס האָט אַרומגענומען מיט אײַזערנע צוואַנגען דאָס נאַציאָנאַלע לעבן. די רעליגיעזע דיסציפּלין האָט געהייסן גלויבן און פירן זיך לויט דינים און געזעצן, וואָס האָבן איבערגעלעבט זייער צײַט און געווען נאָר פאַרשטיינערטע איבערבלײַבעכצן.

אָט האָבן די ייִדן פון בבל און מצרים זייער לאַנג גערעכנט די צײַט לויט „מנין שטרות" ד"ה לויט דער דאַטע ווען סעלייקוס האָט מנצח געווען זײַנע קעגנער . אַ גט, אַ כּתיבה, געשריבן נישט לויט דער דאָזיקער צײַט־רעכענונג איז געווען פּסול. ערשט דער רדב"ז (דוד בן זמרה 1479 - 1589) האָט אָפּגעשאַפט דעם אַכצן הונדערטיעריקן נישט־ייִדישן מנהג.

אין אַזאַ אַטמאָספער האָט נישט געקענט אַזאַ פרײַער גײַסט ווי ספּינאָזאַ לעבן אין די ראַמען פון דער געזעלשאַפט, וואָס איז געווען דורכגענומען מיט רעליגיעזע זאַבאַבאָנעס. ער איז דעריבער געווען פּונקט אַזוי ווײַט פון ייִדן, ווי פון קריסטן — חוץ אייניקע חסידים.

מען טיילט אויס דאָס קאַפּיטל מאַראַנען צו ווײַזן די שטאַרקייט פון ייִדישן גלויבן. עס שטעלן זיך דערבײַ עטלעכע פראַגן: צי זענען געווען אויך אָרעמע מאַראַנען און ווי איז געווען זייער גורל? צי האָט די אינקוויזיציע זיי נישט פאַרפאָלגט? די צווייטע וויכטיקע פראַגע איז דער אונטערשייד צווישן די שפּאַניש־רעדנדיקע (לאַדינאָ) אָרעמע גולי־ספרד פון בולגאַריע און טערקײַ, — און די רײַכע „פּאָרטוגעזער" פון האָלאַנד און פון דער נײַער וועלט.

פאַראַן אַ מיינונג, אַז אויב די קירך מיטן קעניג וואָלטן די מאַראַנען געגעבן די מעגלעכקייט אײַנצוגלידערן זיך אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט, וואָלטן זיי פאַרשווינדן בכלל, אַזוי ווי עס האָבן געטאָן אַלע אַסימילאַטאָרן פאַר זיי און נאָך זיי.

נאָר דער קעניג און די קירך האָבן דאָס נישט געוואָלט, פּונקט ווי שפּעטער די היטלעריסטן, צוליב זייערע אינטערעסן. די צוואַנגס־אָפּגעזונדערטקייט פון די מאַראַנען האָט איבערגעשטראָכן די נוצן פון שמד. די קאָנפיסקאַציע פון די גיטער און דער דערמיט פאַרבונדענער איבער־

גאַנג צו קרעדיט־מסחר האָט זיי צונויפגעבונדן מיט די ייִדן אין דער וועלט.

אַ וויכטיקער מאָמענט איז אויך דאָס וואָס אין צוואַנגס־שמד פון יאָר 1497 אין פּאָרטוגאַל זענען מיט געוואַלט געשמדט געוואָרן ייִדן, וואָס זע־נען געווען געפּרוווט, אויסגעהאַלטן די פריִערדיקע רדיפות, נישט גע־לאָזט זיך לאָקן פון די קריסטלעכע גענאָדן און גליקן, און נאָר די גרויסע טראַגישע אומשטענדן, די אויסוועגלאָזע סיטואַציע, האָבן זיי אויפגע־צוווּנגען אָנצונעמען לפנים דעם שמד. זיי זענען דאָס געווען די „פּאָרטו־געזער״, די מאַראַנען, וועלכע האָבן אַזוי הויך אויפגעהויבן די מאָראַל, און ווי נאָר זיי זענען פּטור געוואָרן דעם צוואַנג זיך צוריקגעקערט צום ייִדנטום.

דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געגעבן די באַזע פאַרן העראָיִזם פון די מאַ־ראַנען, וואָס יעדער פון זיי פאַרדינט די אַכטונג און דעם פּיעטעט, מיט וועלכן די טראַדיציע האָט זיי באַשאָנקן.

די זעלבע טראַדיציע האָט — בכיוון — דורכגעלאָזן די שוואַכע זײַטן פון מאַראַנענטום, זייער פרײַוויליקן דראַנג צו אַסימילאַציע, וואָס פאַר זיי האָט עס באַטײַט עמאַנסיפּאַציע. זיי זענען נישט געווען די ערשטע, וואָס האָבן עמאַנסיפּאַציע געטײַטשט אַסימילאַציע. זיי זענען אויך נישט געווען די לעצטע. די ייִדישע געשיכטע איז זיי מוחל די פרײַוויליקע אַסימילאַ־ציע און שטרײַכט אונטער בלויז זייער אידענטיפיקאַציע מיט די נאַציאָ־נאַלע שטרעבונגען, אַן אידענטיפיקאַציע אויפגעצוווּנגען דורך די שו־נאים.

זיי זענען געווען העלדן קעגן זייער ווילן.

וואָס לערנט עס אונדז?

צי איז גערעכט ספּינאָזאַ, וועלכער האָט פון די געשעענישן גע־לערנט, אַז נאָר די שנאה צו ייִדן האַלט אונדז אויף ווי אַ נאַציע? צי זע־נען ווידער גערעכט די אַפּאָלאָגעטן פון ייִדנטום, אַז מען קען פון ייִדישן גורל נישט אַנטלויפן?

די פראַגע קען מען, אויפן ייִדישן שטייגער, פאַרענטפערן מיט אַן אַנדערער פראַגע: צי וועט אַ מאָל אויפהערן פעלקער־שנאה, און צי וועלן פעלקער — נישט בלויז ייִדן — נישט האָבן זייער געשיכטלעכן גורל?

איין לערע פון דער מאַראַנען־געשיכטע איז לײַכט צו לערנען. דער אַסימילאַציע־פּראָצעס איז נישט אַזוי פּשוט ווי עס דאַכט זיך. אַסימילאַציע רופֿט אַרויס קעגן־כּוחות, אויב זי טרעפֿט אָן אויף סאָציאַלע באַדינגונגען און כּוחות, וואָס זענען נישט פֿאַראינטערעסירט דערין. צו אַסימילאַציע דאַרפֿן זײַן צוויי פּאַרטנערן. אויב די מאַראַנען האָבן געוואָלט לײַכטער מאַכן זייער לעבן מיט שמד האָבן זיי דאָס נישט געקענט דערגרײַכן, כאָטש מען האָט זיי צום שמד געטריבן.

נאָך איין זאַך לערנט אונדז די געשיכטע פֿון די ספֿרדים.

זיי זענען געווען קולטורעל העכער פֿון אַנדערע ייִדן, געווען מער געבילדעט ווי די אשכּנזים — און דאָך האָבן זיי פֿאַרלוירן די העגעמאָניע פֿון ייִדישן לעבן. די רדיפֿות און גירושים האָבן בײַ די אשכּנזישע ייִדן אין דײַטשלאַנד און פּוילן נאָר אויף אַ ווײַל אָפּגעשטעלט זייער שעפֿערישע טעטיקייט, בעת די ספֿרדים זענען אַפֿילו נאָך די גירושים עקאָנאָמיש געווען בעסער סיטויִרט ווי די אשכּנזים, און דאָך נישט אַרויסגעוויזן — מיט קליינע אויסנאָמען — קיין ייִדיש־נאַציאָנאַלע טעטיקייט.

דאָס איז געשען וואָרשײַנלעך צוליב דער אָפּגעזונדערטקייט מצד די ספֿרדים צום איבעריקן ייִדישן פֿאָלק. די ספֿרדים פֿון פֿראַנקרייך האָבן בעת דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע פֿאַרלאַנגט רעכט נאָר פֿאַר זיך. אַ גרויסע באַטײַטונג האָט אויך געהאַט דאָס וואָס זיי זענען געווען שטאַרק אַסימילירט שפּראַכלעך און קולטורעל. אין קעגנזאַץ צו ייִדיש, וואָס איז אינערלעך פֿאַרבונדן מיט העברעיִש, האָט לאַדינאָ אַ קלענערן אוצר פֿון העברעיִשע ווערטער, און להיפּוך צו אַנדערע ייִדישע אומגאַנגשפּראַכן האָט זי שנעל אָפּגעוואָרפֿן די העברעיִשע טראַנסקריפּציע און אָנגענומען די לאַטײַנישע. לאַדינאָ איז געשריבן געוואָרן מיט העברעיִשע אותיות אין טערקײַ אַ געוויסע צײַט אָפּצוטיילן זיך פֿון די שפּאַניש־קריסטלעכע תּנכן. די וועלטלעכע ליטעראַטור אין לאַדינאָ איז געווען נאָר אַ טייל פֿון דער שפּאַנישער ליטעראַטור און געהאַט שוואַכע סימנים פֿון אָריגינעלער ייִדישער שאַפֿונג.

ייִדן און ייִדישע קולטור האָבן די וווּנדערבאַרע אייגנשאַפֿט צו פֿאַראייגענען די השפּעות פֿון דרויסן און שאַפֿן אָריגינעלע קולטורווערטן. אַסימילאַציע איז אָבער די איינזײַטיקע צופּאַסונג צו אויסערלעכע שטרע־

מונגען, נישט קיין נאָרמאַלע קעגנזייַטיקע השפעה פון צוויי קולטורן, נאָר אַ קאַפּיטולאַציע פון איינער פאַר דער צווייטער.

די מאַראַנען האָבן קאַפּיטולירט פאַר אַ פרעמדער קולטור, וואָס האָט זיי נישט געוואָלט אויפנעמען און צוריקגעוואָרפן. דער ווילן צו אַסימי־לאַציע האָט אָפּגעטויט דעם נאַציאָנאַלן שעפערישן גייַסט.

די אַרויסגעטריבענע יידן פון שפּאַניע האָבן אויפגעהאַלטן זייער נאַ־ציאָנאַלע אייגנאַרט — מנהגים, נוסח־התפילות, לאַדינאָ א״א — נאָר אין די געביטן פון דער טערקישער אימפּעריע, ווו זיי האָבן פרייַ געקענט לעבן זייער אויטאָנאָם לעבן. די מאַראַנען צעוואָרפן איבער דער וועלט האָבן געשאַפן אומעטום קליינע גרופּעס. איינצלנע פון זיי האָבן אָפּגע־שפּילט אַ גאָר גרויסע ראָל אין די פינאַנסן און פּאָליטיק אין דער וועלט, ווי בנימין ד׳ איזראַעלי א״א, אָבער אין יידישן שעפערישן לעבן האָבן זיי מער נישט אָפּגעשפּילט קיין שום ראָל.

די טראַגעדיע פון די מאַראַנען איז נישט דער שמד — אַ פרייַוויליקער פאַר אַ טייל, אַ געצוווּנגענער פאַר אַן אַנדערן טייל — דאָס איז געווען נאָר אַן עפּיזאָד מיט טראַגישע קאָנסעקווענצן. די טראַגעדיע איז די אַסימילאַציע, וואָס האָט אָפּגעשוואַכט זייער נאַציאָנאַלן ווילן, און נאָר די אכזריותדיקע צוואַנגען פון דער אינקוויזיציע האָט זיי צוריקגעבראַכט אין די נאַציאָנאַלע רייען.

דער פאַרלוסט פון יידישן פאָלק איז געווען גרויס. גראָד דער גע־בילדעטער און פאָרגעשריטנסטער טייל פון די יידן האָט אויפגעהערט שפּילן אַ ראָל אין לעבן פון צעשפּרייטן יידישן פאָלק. איינצלנע גרויסע מענער האָבן נאָך פון צייַט צו צייַט אָנטיילגענומען אין די פּראָבלעמען פון יידישן גורל, אָבער אַלס כלל זענען זיי פאַרשוווּנדן פון האָריזאָנט.

אין טיפן שלאָף

א. ווען די רעאַליטעט איז צו מוראדיק איז די אילוזיע די אַנטרינונג.

אין אייראָפּע האָט אין סוף פון פינצטערן מיטל־עלטער אויפגעשײַנט אויף אַ מאָמענט דאָס ליכט פון רענעסאַנס. די קאַטוילישע רעאַקציע — און מיט איר די פּראָטעסטאַנטישע רעאַקציע פון די שטאָטלײַט — האָבן טראָץ זייער זיג אין געזעלשאַפטלעכן לעבן דאָך געמוזט עפּעס לײַכטער מאַכן די קייטן פון מיטל־עלטער. דער פעאָדאַליזם ווערט צעטרייסלט דורך די נײַע אַנטדעקונגען, דערפינדונגען און דער אַנטוויקלונג פון דער געלטווירטשאַפט. עס אַנטשטייט אַ נײַער בירגערלעכער קלאַס, וואָס צוזאַמען מיטן וווקס פון זײַן עקאָנאָמישער באַטײַטונג, וואַקסט אויך זײַן האָריזאָנט. די אייראָפּעיִשע לענדער אין מערב גייען צו אַ נײַעם געזעלשאַפטלעכן סדר אין אַ שווערן קאַמף מיט די אַלטע אײַנגעבירגערטע לעבנספאָרמען.

בלויז פאַר ייִדן האָט זיך די לאַגע נישט פאַרבעסערט. פאַרקערט. די נײַע אַבסאָלוטיסטישע נאַציאָנאַלע מלוכות האָבן מער „רעגולירט", מער אַרײַנגענומען אין אײַזערנע צוואַנגען דאָס ייִדישע לעבן, ווי די פריִערדיקע פעאָדאַלע הערשער. אין דער פריִערדיקער אַנאַרכיע האָבן די ייִדן געליטן פון הפקר, אָבער תּמיד געפונען אַן אָרט, ווו זיי האָבן געקענט — צײַטווײַליק — איבערלעבן און אויסהאַלטן די שווערע צײַט.

מיטן אַרײַנברענגען אַ סדר און אָרדענונג אין די אייראָפּעיִשע מלוכות זענען קעגן ייִדן מער רעגלמעסיק און סטאַביל אָנגעווענדעט געוואָרן אַלע פריִערדיקע גזירות און פאַרבאָטן. די ייִדן ווערן אַרײַנגעשטופּט אין די געטאָס, מוזן טראָגן שאַנדצייכנס, זיי לײַדן פון אַלע באַגרענעצונגען וואָס שייך אַרבעט, האַנדל און מלאכה, עס ווערט באַשרענקט די צאָל ייִדן אין געגעבענעם אָרט, די צאָל חתונות, דאָס האָבן אַ בית־עלמין; די

שטײַערן ווערן פאַרגרעסערט. אויך די אויטאָנאָמיע פון די ייִדן ווערט פאַרשמעלערט.

דער פריִערדיקער הפקר ווערט „רעגולירט" דורך פאַרבאָטן, געזעצן און אײַנפירונגען. דער דרוק פון דרויסן איז גרויס און באַליידיקנדיק, עס צעשטערט די אַנטוויקלונג פון ייִדישן לעבן. אין דײַטשלאַנד ווערן די ייִדן אַרײַנגעטריבן אין קלײנהאַנדל. די רעליגיעזע מלחמות האָבן רויִנירט די ייִדן, נאָר איינצלנע האָבן זיך באַרײַכערט אַלס מלחמה־ליווע־ראַנטן. די פּוילישע ייִדן האָבן אַדורכגעמאַכט די יאָרן ת"ח ות"ט, די שוועדישע מלחמה, דעם רוסישן אָנפֿאַל. צוליבן דרוק פון די פֿײַנדלעכע דײַטש־אָפּשטאַמיקע שטאָטלײַט אין די פּוילישע שטעט, גייען די ייִדן איבער אין רשות פון די מאַגנאַטן, ווו זיי זענען אויסגעשטעלט אויפן קאַפּריז פון די הוליעדיקע, צעווילדעוועטע פּריצים. עס ווערט דערמיט אויך אָפּגעשוואַכט די ייִדישע זעלבסטפאַרוואַלטונג. מען שטופּט די ייִדן אַרײַן אין בזיונותדיקע פּרנסות ווי אַרענדע, פּראָפּינאַטאָרן און זיי גע־פינען זיך צווישן האַמער און קאָוואַדלע, ווי עס האָבן דאָס באַוויזן די קאָ־זאַקן־שחיטות. אין אַנדערע לענדער ווערט פּאָפּולער דאָס פאַרטרײַבן די ייִדן אין די געטאָס, אויפן בײַשפּיל פון ווענעציע (1516).

די רעליגיעזע מלחמות האָבן פאַרגרעסערט דעם פאַנאַטיזם און די קרבנות זענען געווען די ייִדן. די קאַטוילישע רעאַקציע האָט אין די ייִדן געזען די אָפּלייקענונג פון זייערע דאָגמען, דאָס זעלבע די פּראָטעסטאַנטן. לוטער, וועלכער האָט באַלד אין אָנהייב פאַרטיידיקט די ייִדן, האָט שפּע־טער זײַן גאַנצע טעטיקייט געווידמעט דעם קאַמף קעגן ייִדן. די פּראָטעס־טאַנטישע אומטאָלעראַנץ איז געווען גרויס, ווײַל זי האָט געהאַט מער עקאָנאָמישע קאָנקורענץ־מאָטיוון.

דער קענצייכן פון דער לאַגע פון די ייִדן איז נישט דער פּרינציפּ פון רעכט, נאָר דער פּרינציפּ פון טאָלערירן, אָפּט נאָר אויף אַ ווײַל, און תּמיד אונטער באַליידיקנדיקע און דערנידעריקנדיקע באַדינגונגען.

אין אַזעלכע שווערע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען האָט געלעבט דאָס ייִדישע פאָלק, צונויפגעפּרעסט אין געטאָס, יודענגאַסן, אָן רעכט, אויסגעשטעלט אויף פּאָגראָמען און באַגרענעצונגען. מען האָט זיך צונויפגעשטופּט און געפירט אַ נעבעכדיקע עקסיסטענץ.

צי האָבן ייִדן זיך געקענט ווערן קעגן דער סיטואַציע? קלאָר, אַז נישט.

די ייִדישע אויטאָנאָמיע איז געווען באַגרענעצט נאָר צו ריין רעליגיעזע ענינים. די באַציונגען מיט דרויסן ווערן געפירט דורך שתדלנים. אָנגעזעענע ייִדן נוצן אויס זייער פּערזענלעכן איינפלוס לטובת דעם פאָלק, אָבער עס איז נישטאָ קיין שום גאַראַנטיע, קיין שום געזעץ, וואָס זאָל שיצן די ייִדן.

די נעבעכדיקע עקסיסטענץ האָט אָפּגעטויט דעם פרייען שעפערישן געדאַנק. די איינצלנע, וועלכע האָבן געהאַט אַ ברייטערן האָריזאָנט, געדענקט פרייער, האָבן זיך אַליין אָפּגעזאָגט פון זייערע אידעען, געקלאָמערט זיך אין די אַלטע טראַדיציעס מיטן איינציקן לאָזונג און ציל דורכצוהאַלטן.

די רעאַליטעט פון לעבן איז געווען צו מוראדיק, אַז מען זאָל זי וועלן אַנאַליזירן. אַן אַנאַליז פאָדערט אויספירן, און אַזעלכע וואָלטן געקענט זיין נאָר טרויעריקע: נאַציאָנאַלער זעלבסטמאָרד, אויב אַזעלכער וואָלט דערלאָזן געוואָרן דורך דער הערשנדיקער געזעלשאַפט. מיר האָבן עס געזען ווי ביי די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע מאַראַנען האָט דער נאַציאָנאַלער זעלבסטמאָרד מיט גאָרנישט געענדערט זייער לאַגע און גאָרנישט געהאָלפן.

אויף אַזאַ באָדן האָט נאָר געקענט זיך אַנטוויקלען אַזאַ גייסטיקע באַוועגונג, וואָס זאָל מבטל זיין די רעאַלע עקסיסטענץ, נעגירן דאָס טאָגטעגלעכע לעבן און שפּייזן דאָס פאָלק מיט חלומות, מיט אילוזיעס. ווען די רעאַליטעט איז צו מוראדיק איז די אילוזיע די אַנטרינונג.

אַזוי ווי די רעאַליטעט איז געווען אַ מוראדיקע, זענען אויך די אילוזיעס געווען טרויעריקע מיט בילדער פון גיהנום, מיט אַסקעטיזם, מיט קלאָגן פון דער שכינה, מיט תעניתים. אין דער פינצטערער תקופה האָט מען געזוכט שפּייז פאַרן האַרץ, נישט פאַרן פאַרשטאַנד. מען האָט געזוכט זיך צו פאַרגעסן. ווען פאַר דער וועלט האָבן אָנגעהויבן פאַמעלעך פאַרשווינדן די בייזע גייסטער פון אָבערגלויבן און פינצטערניש, האָט פאַר די ייִדן זיך דאָס ערשט אָנגעהויבן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די תקופה פון מיסטיציזם. די מיסטישע ריכ־

טונג האָט געהאָלפן די קאָנסערוואַטיווע רבנים אָפּצוהאַלטן אַ נצחון אי־בער דער אויפקלערונג, געשטערט דאָס אַראָפּנעמען דעם סודותדיקן שלייער פון גלויבן. אָבער גלײַכצײַטיק זענען די מיסטיקער נישט געווען צופרידן מיטן פאָרמאַליסטישן פלפול. די רבנים האָבן געשטעלט אַ קליי־נעם ווידערשטאַנד. דער נידעריקער ניוואָ פון בילדונג, דאָס זײַן אָפּגע־ריסן פון די „פרײַע" ווערק פון פריער, דאָס שטודירן נאָר דעם תּלמוד, דאָס אַלץ האָט שמעלער געמאַכט זייערע האָריזאָנטן און זיי זענען לײַכט אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם מיסטישן אײַנפלוס. די מיסטיקער האָבן העכער פון אַלעם געשטעלט דעם „זוהר" און במילא פאַרמינערט דעם תּלמוד.

מיסטיציזם איז אַן איבערבלײַבעניש פון די פּרימיטיווע פאָלקס־רע־ליגיעס, געשטיצט אויף מאַגיע, אָבערגלויבן, באַשווערונגען, קמיעות, אַרויסרופן טויטע און גײַסטער, טײַטשן און פּירזאָגן לויט אײַנגעווײדן פון באַשעפעניש, לויטן גורל, ציפערן, אותיות אד"גל.

מיסטיציזם איז אָבער אין העכערן זין דער ווילן צו דערגרײַכן רע־ליגיעז וויסן דורך דערקענטניש, ווען אַ מענטש גייט אַרײַן אין זיך, דער־קענטניש וואָס איז אויף יענער זײַט שׂכל.

אַזוי האָבן דאָס פאַרשטאַנען פּלאַטאָן (427 - 347 פ"ק). פּלאָטין (269 - 204 פ"ק) א"א. אַזוי האָט דאָס פאַרשטאַנען דער גרויסער פילאָן פון אַלעק־סאַנדריע און דורך אים שלמה אבן־גבירול, אברהם אבן־עזרא, יהודה אברבּנאל און אַנדערע דענקער.

דער מיסטיציזם בײַ ייִדן איז אַנטשטאַנען צוזאַמען מיטן אויסקריס־טאַליזירן זיך — אין דער צײַט פון די פּרושים — פון די נײַע אויפפאַ־סונגען וועגן שׂכר־ועונש, וועגן יענער וועלט, וועגן ביאת־המשיח, גלגול־הנשמות א"א.

די תּנאים יוחנן בן־זכּאי, ריש־לקיש, עקיבא א"א האָבן זיך פאַר־נומען מיט מרכּבה־מיסטיק, מיט דער קאָסמאָגאָניע, מיט חקירות וועגן מעשׂה־בראשית, וועגן די היכלות, כּסא־הכּבוד, מרכּבה, שכינה אד"גל. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט פאָרגעשיכטע אָדער מיט נאָכגעשיכטע. אָדער מעשׂה בראשית אָדער ביאת־המשיח. מיט אַקטועלע פּראָבלעמען האָט די אַמאָליקע תּורה־הסוד זיך נישט באַשעפטיקט און דעריבער האָט זי גע־

האַט אַ קליינע צאָל אָנהענגער און נאָר צווישן די לומדים. זייער אַסקעטיזם, זייערע ספּעציעלע תּפילות האָבן נישט געפונען קיין ברייטן אָפּקלאַנג בײַ די מאַסן, כאָטש מען האָט זיי זייער געאַכט און געליבט.

וואָס מער די ייִדן האָבן געליטן אַלץ מער איז זייער משיח־בענקשאַפט געוואַקסן. ווען די רעאַליטעט האָט נישט געגעבן קיין שום שכלדיקן אויסוועג פון דער לאַגע — איז מען אָנגעקומען צו איראַציאָנעלע סובסטיטוטן. אַזוי איז אַנטשטאַנען די קבלה.

נישט קיין קליינע ראָל האָט דאָ אָפּגעשפּילט די ווירקונג פון די קריסטלעכע מאָנאַכן־אָרדנס. קעגן די אינטעלעקטואַליסטן־דאָמיניקאַנער זענען אַרויסגעטרעטן די קריסטלעכע מיסטיקער, די פראַנציסקאַנער. דער געצנדינערישער אַרסענאַל פון דער דעמאָנאָלאָגיע און גלײַכצײַטיק פון אַסקעטישן סטאָאיִציזם האָט דורך קריסטלעכע קאַנאַלן באַווירקט די ייִדישע מיסטיקער.

אויך די אַלטע ייִדישע טראַדיציע האָט געגעבן גענוג שטאָף. די פּיל נעמען פון דעם איינציקן גאָט, די דערציילונגען וועגן די מלאכים, די הויך־פּאָעטישע פּאַראַלעלן און בילדער פון ישעיה, יחזקאל און דניאל — זענען געטײַטשט געוואָרן ווערטלעך. אין דער צײַט פון פאַרשרײַבן די תּורה שבעל־פּה האָבן געלעבט די אסיים, און עס האָבן קורסירט דער „ספר חנוך", „ספר היובלים" פול מיט זעונגען, ווי אויך די מיסטישע ווײַזיעס פון די העלעניסטיש־ייִדישע שרײַבער. דאָס האָט אויך געלאָזט שפּורן אין תּלמוד. צווישן די לומדים איז אויך געווען פאַרשפּרייט דאָס „ספר יצירה" און די מסכתא „היכלות".

די ערשטע מקובלים אין איראָפּע זענען געווען די חסידי־אשכּנז: שמואל החסיד (1115 ־ 1180), זײַן זון יהודה החסיד (1150 ־ 1217) און יהודהס תּלמיד, דער רוקח, אליעזר מורמיישא (פון וואָרמס). חסיד האָט מען דאַמאָלס גערופן די מיסטיקער. זייער בוך „ספר החסידים" איז אַ געמיש פון רעליגיעזער מאָראַל מיט זאַבאָבאָנעס. די פינצטערע צײַט פון די קרײַצצוגן האָט געלייגט דעם שטעמפּל אויפן דאָזיקן בוך. דאָך זעט מען אָן די ייִדישע מאָראַל, אַז אין ענינים צווישן מענטש און מענטש שטייען זיי אויף אַ גאָר הויכער מאָראַלישער מדרגה. אין בוך געפינען זיך אָפּקלאַנגען פון די רציחות און ענויים פון צוואַנגס־שמד בעת די

קרייצצוגן. פון דעסטוועגן הייסן די מחברים ערלעך האַנדלען מיט אַ גוי, פונקט ווי מיט אַ ייִד. דאָס בוך רעקאָמענדירט נישט קיין אַסקעטיזם. עס איז דאָרט פאַראַן אַ סך לעבנס־חכמה. די מחברים זאָגן, אַז אַ תּפילה מוז מען פאַרשטיין, און אַ קינד, וואָס איז נישט מסוגל צום לערנען, דאַרף מען נישט עס אויפצווינגען. די הויפּט־אידעע פון בוך איז עניוות. אַלע געדאַנקען זענען געווענדעט צו יענער וועלט. עס איז אַ מאָראַל פון גע־יאָגטע און געפּלאָגטע, אַ פּרעדיקערײַ פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד.

גלײַכצײַטיק געפינען מיר אין זעלבן ספר מעשיות ווי מתים דאַ־ווענען בײַ נאַכט אין שיל, וועגן שדים אד״גל. אַלע גלייבונגען פון דער פאָלקס־פאַנטאַזיע, ווי אויך די מיטלען פון דער פאָלקס־מעדיצין זענען אין ספר פאַראַן.

מיט אַ ברייטערן האָריזאָנט זענען די ספרדישע מיסטיקער: דער רמבן, טודרוס בן־יוסף אַבולאַפיאַ, יצחק סגי־נהור, יוסף גיקאַטיליאַ און דער גרויסער מקובל אברהם אַבולאַפיאַ (1240 ־ 1291). ער האָט געזוכט דעם סמבטיון, געטאָן „מופתים״. ער האָט אויך געוואָלט פאַראייניקן ייִדנ־טום מיטן קריסטנטום און באַוויזן מיט גימטריות, אַז די צען־אייניקייט (פון די ספירות) איז גלײַך דער קריסטלעכער דרײַ־אייניקייט. ער האָט געוואָלט מגיר זײַן דעם פּויפּס. דער רשב״א איז שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן אים. אין 1284 זײַענדיק אין סיציליע, האָט אברהם אבולאַפיאַ זיך דערקלערט אַלס משיח.

די אַלע מקובלים־לומדים האָבן קיין גרויסע ווירקונג נישט געהאַט. אַ טייל פון זיי, ווי דער רמבן, זענען געווען אויטאָריטעטן צווישן די תּל־מודיסטן און מער געווירקט אַלס רבנים. אַ נײַע ווענדונג האָט די קבלה באַקומען מיטן דערשײַנען פון „זוהר״. געבראַכט האָט אים דער פאַנטאַ־זיאָר משה בן שם־טוב די ליאון (1250 ־ 1305). ער האָט דערציילט, אַז ער האָט געפונען דעם כּתב־יד און געשריבן האָט עס אין אַרמיש דער תּנא שמעון בן־יוחאי אין 2טן י״ה, ווען ער האָט זיך אין אַ הייל אויסבאַ־האַלטן פאַר די רוימער.

אין „זוהר״ געפינט מען גאַנצע שטיקער פון ספר „אוצר הכּבוד״ געשריבן פון טודרוס בן־יוסף אַבולאַפיאַ, וועלכער איז געשטאָרבן אין טאָלעדאָ אין 1283. דער „זוהר״ איז, ווי עס ווײַזט אויס, אַ זאַמלונג פון אַלטע

כתב־ידן פון פאַרשידענע צײַטן, וואָס דער רוב פון זיי איז פאַרלוירן געגאַנגען, און אַ גרויסן טייל האָט געשריבן משה די ליאון אַליין.

די הויפּטפּרינציפּן פון „זוהר״ זענען: די אמתן פון דער תורה קען מען נישט דורכן שכל אויפקלערן, נאָר דורך אינטויציע, דורך קבלה. עס איז פאַראַן אַ גראַדאַציע פון וועלטן. עס עקסיסטירן צוויי קעניגרײַכן: ליכט און פינצטערניש. דער מענטש מיט זײַנע מעשים העלפט איינעם פון די צדדים. דאָ זעען מיר דעם אײַנפלוס פון פּאַרסיזם. אַ וויכטיק אָרט פאַרנעמט דאָס פּראָבלעם פון משיחס צײַטן.

דאָס דערשײַנען פון „זוהר״ האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם צווישן די מקובלים און געגעבן זיי אַ נײַע תורה. אָבער קיין גרויסע באַוועגונג האָט די קבלה דאַמאָלס נישט געשאַפן. זי איז געווען פּאָפּולער צווישן די געלערנטע. איר צײַט איז געקומען אַ ביסל שפּעטער.

יוסף אלבו (1380 - 1440) האָט געפירט וויכּוחים מיט קריסטלעכע טעאָלאָגן. ער האָט דערוויזן די העכערקייט פון די יידישע דאָגמאַטן. פון פילאָנס פינף דאָגמאַטן, לרוב פילאָסאָפישע, האָט ער נאָר אַרויסגענומען דרײַ און זיי זענען לויט אים די עיקרים פון יעדער רעליגיע: 1. די עקסיסטענץ פון גאָט. 2. די תורה איז מן השמים, ד״ה די הויפּט־מצוות שטאַמען פון גאָט אַליין. 3. גלויבן אין שכר־ועונש אויף יענער וועלט.

פון אָט די פּרימערע עיקרים אַנטוויקלען זיך די סעקונדערע, די שרשים (וואָרצלען) און דאַן די ענפים (צווײַגן). וואָס שייך ביאת־המשיח האַלט יוסף אלבו עס נישט פאַר קיין עיקר־דאָגמע פון יידנטום, נאָר אַ נאַציאָנאַל־היסטאָרישע טראַדיציע. משיחיזם איז אַ פּאָליטישער סימבאָל. מיט דעם געדאַנק האָט ער באַקעמפט די פּאָזיציע פון די קריסטלעכע טעאָלאָגן, וועלכע האָבן דעם גאַנצן וויכּוח געפירט אַרום דעם משיח־געדאַנק.

יוסף אלבו האָט דערנעענטערט די מיסטיק צום רבניזם, געוויזן אַז מען קען פאַראייניקן דעם קאָנסערוואַטיזם מיט דער קבלה.

די גרויסע רבנים, אויטאָריטעטן אין תלמוד, פאַרנעמען זיך אויך מיט קבלה. דער מהרם פון רויטענבורג, און שפּעטער דער גרויסער

פוסק יוסף קאָרו (1488 ־ 1535), דער מחבר פון „שולחן־ערוך”, האָבן זיך פאַרנומען מיט קבלה. אַזוי אויך אַנדערע קאָנסערוואַטיווע.

אַ גרויסן אויפבלי האָט די קבלה באַקומען מיטן שאַפן אין צפת אַ קבלה־צענטער. דאָ האָבן געווירקט די שווערע צײַט צוזאַמען מיט די גרויסע פערזענלעכקייטן. נישט ווייניק האָט אויף דער ווירקונג אין ברייטע קרײַזן פון פאָלק געהאַט דאָס דערשײַנען אין דרוק פון „זוהר” אין 1558, אַזש אין צוויי ערטער אין איין צײַט.

דער ערשטער פון דער גרופּע איז געווען משה קאָרדאָווערא (1522 — 1570), פאַר וועמען די צען ספירות, וואָס זענען עמאַנאַציעס פון אין־סוף, זענען אַ דאָגמע שוין. ער האַלט, אַז עס זענען פאַראַן נאָר דרײַ מדרגות פון וויסן: תנך, תלמוד און „זוהר”, פון וועלכע דער „זוהר” איז דאָס הייליקסטע. ער האָט אויך געגעבן די טעאָרעטישע באַזע פאַר דער פּראַק־טישער קבלה.

אָבער דער גרעסטער אויטאָריטעט פון צפתער קבלה־צענטער איז געווען יצחק לוריא אשכנזי, דער ארי הקדוש (1534 ־ 1572), וועלכער האָט אין 1560 זיך באַזעצט אין צפת. סײַ זײַן אַסקעטיש לעבן, סײַ זײַן עקזאַלטאַציע האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף זײַנע חברים און תלמידים. אויך זײַן פּריצײַטיקער טויט האָט געווירקט אויף דער לע־גענדע.

משה קאָרדאָווערא, דער ארי הקדוש, צוזאַמען מיט שלמה אלקביץ, אליהו דע ווידאַס און אלישע עלקיה האָבן געשאַפן אַ גרופּע „סכת שלום”, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פּראַקטישער קבלה, אַסקעטיזם און מיטן אַראָפּברענגען משיח.

דער פאַרדינסט צו פאַרשפּרייטן די קבלה אומעטום און געבן איר דעם שטויס זי זאָל אַרומנעמען דאָס גאַנצע יידישע לעבן געהערט דעם ארי׳ס תלמידים, צווישן וועלכע דער באַטײַטיקסטער איז געווען חיים וויטאַל קאַלאַבריזי (1543 ־ 1620), אַ גרויסער פאַנטאַזיאָר און גלײַכ־צײַטיק אַ גרויסער אָרגאַניזאַטאָר און פּראָפּאַגאַנדיסט. צוזאַמען מיט אים האָבן געווירקט די פּאָעטן שלמה אלקביץ, דער מחבר פון עקסטאַטישן שבת־הימן „לכה דודי”, און ישראל נאַדזשאַרא (1530 ־ 1600). מיט זיי האָבן אויך געהאַט אַ השפּעה יעקב בן־חביב פון סאַלאָניקי, דער מחבר

פון בוך „עין יעקב", און דער שרײַבער אליהו דע ווידאַס, וועלכער האָט אין זײַן ספר „ראשית חכמה" (1575) געבראַכט מוראדיקע מעשיות, דער־ציילט, אַז יעדער גליד פון קערפּער קומט אָפּ פאַר זײַנע זינד. ער האָט געפּריידיקט עקסטרעמען אַסקעטיזם, נישט הנאה האָבן פון לעבן. דאָס ספר האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק מיטן באַשרײַבן די יסורים פון גיהנום.

מיט פאַרשפּרייטן קבלה און מוסר האָבן זיך אויך פאַרנומען ישׂ־ראל סרוק, אברהם דע הערעראַ א״א. עס זענען דערשינען אַ ריי ספרים, אַנאָנימע און צוגעשריבענע דעם ארי, וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה און אַ טרויער. די ליטעראַטור האָט זיך אַזוי צעשפּרייט, אַז גדליה אבן־יחייא האָט אָנגעשריבן אַפילו אַ געשיכטלעך ווערק וועגן דער באַוועגונג „שלשלת הקבלה". ער האָט דעם יחוס געפירט אַזש ביז אדם הראשון.

די קבלה האָט זיך אויסגעווירקט אין יידישן לעבן און אָנגענומען פּראַקטישע פאָרמען, וואָס האָבן גײַסטיק אַנדערש געשטאַלטיקט דאָס אויפנעמען די וועלט און די דערשײַנונגען.

מיסטיק איז דערגרײַכן צו רעליגיעז וויסן אויף יענער זײַט שכל דורך הסתּכלות, דאָס הייסט קאָנטעמפּלאַציע, אַרײַנקוקן אין זיך. עס איז אַן אינערלעכע אויפלײַכטונג, וואָס קומט ווען אַ מענטש קוקט אַרײַן אין זיך.

די מיסטיק האָט טיפע וואָרצלען אין די פאָלקס־גלייבונגען. אין אי־רע אַרויסזאָגונגען איז זי אָפט דערגאַנגען צו „כּפירה", צו געדאַנקען קעגנזעצלעך צו די דאָגמען פון די רעליגיעס, אָבער תּמיד איז זי גע־בליבן קאָנסערוואַטיוו.

די קבלה האָט דורכגעמאַכט אַ ריי אַנטוויקלונגס־עטאַפּן, פון קאָס־מאָגאָניע־לערע ביז דער פּראַקטישער דעמאָנאָלאָגיע.

די אמתע וועלט איז נישטאָ. די נעגאַציע פון עקסיסטירנדיקן צוליב די פורעניותן, רדיפות, איז קאָמפּענסירט געוואָרן מיט אַ גלויבן אין אי־ראַציאָנעלע מיטלען, וואָס קענען ברענגען אַן אויסלייזונג: תּעניתים, עקסטאַז, פאַרשידענע לייזונגען דורך גימטריות, אַרויסזאָגן דעם שם אד״גל.

גאָט אַליין קען דער מענטש נישט משׂיג זײַן. ער קען באַגרײַפן נאָר

די שכינה, גאָטס אימאַנענץ. די שכינה (ווי אויך גאָטס מידת־הדין, מידת־הרחמים און אַנדערע אַטריבוטן) ווערן פּערזאָניפיצירט. דער „ספר יצירה" ווײַזט אָן אויף צוויי און דרײַסיק פאַרבאָרגענע וועגן פון דער חכמה: צען אורצאָלן און צוויי און צוואַנציק אותיות. עס עקסיסטירן דרײַ קרײַזן פון דער יצירה: גאָט, וועלט און דער ריטמישער גאַנג פון דער צײַט אין יאָר.

די חסידי־אשכּנז זענען געווען אונטער דער ווירקונג פון די מאָנאַכן־אָרדנס. דער אידעאַל איז עניוות, סטאָיִציזם. זיי האָבן אויסגעמיטן אַ קאָנפליקט מיט דער הלכה, הגם זיי האָבן בפירוש געהאַלטן, אַז דיני־שמים (נאַטירלעכע רעכט פון יושר) שטייען העכער פון דיני־תורה. זיי זענען געווען עטישע עקסטרעמיסטן. אַלץ דאַרף זײַן לאהבת־השם.

אליעזר פון וואָרמס האָט וועגן גאָט געהאַט אַ זייער אינטימע פאָרשטעלונג: „גאָט איז אומעטום און זעט גוטע און שלעכטע, דעריבער איז, ווען דו זאָגסט אַ ברכה, זיי מכוון דײַנע מחשבות. און דעריבער איז דער אָנהייב פון אַלע ברכות: ברוך אתה ה׳ — אַזוי ווי אַ מענטש וואָס רעדט מיט זײַן חבר". ער האָט געפילט גאָטס אויסשטראַלונג אויף אַ פּאַנטעיִסטישן אופן.

די ספרדישע קבלה, הגם זי איז אַנטשטאַנען אונטערן אײַנפלוס פון די קריסטלעכע קאַטאַרער (פון 11טן ביזן 13טן י"ה), וועלכע האָבן געזען אין דער גאַנצער מאַטעריעלער וועלט נאָר טײַוואָלישע כּוחות, האָט אין די ייִדישע באַדינגונגען אָנגענומען אַן אַנדערן כאַראַקטער, געהאַט אַן אָרטאָדאָקסישן לבוש און אָנערקענט די היסטאָרישע פונקציע פון ייִדנטום, להיפּוך פון די קאַטאַרער, וועלכע זענען אַרויסגעטרעטן קעגן דער קאַטוילישער קירך. דער קענצייכן פון דער ספרדישער קבלה איז איר קאַמף קעגן דער פאַרוועלטלעכונג פון ייִדנטום, קעגן מאַכן פון ייִדישקייט אַ געדאַנקלעכע אַבסטראַקציע, קעגן דער ראַציאָנאַליסטישער פילאָסאָפיע. די ספרדישע קבלה איז געווען דער יסוד פאַר דער צפתער קבלה־ישיבה פון דער פּראַקטישער קבלה. זי אַליין האָט זיך אָבער פאַרנומען מיט טעאָרעטישע פאָרמולירונגען:

די וועלט לאָזט זיך נישט תּופס זײַן דורכן שכל אַליין. מען דאַרף זיך באַנוצן מיטן מיסטישן סימבאָליזם, וואָס איז אַליין פאַר זיך דער

סוד פון דער יצירה, אַ סוד, וואָס קען נישט אַרויסגעזאָגט ווערן. די תּו־רה דאַרף געטייַטשט ווערן לויטן מיסטישן סימבאָליזם. די תּורה איז אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם, וואָס אין אים אַנטפּלעקט זיך גאָטס נאָמען ווי דער בּראשית־פּרינציפּ פון יעדער הוויה (זייַן, עקסיסטענץ). אין יעדן אות, באַזונדערס אין גאָטס נאָמען, זענען פאַראַן מיסטעריעס.

דער „זוהר" ברענגט דעם סודותדיקן „פּרדס", די פיר וועגן צו טייַטשן די תּורה: 1. פּשט — דער פּשוטער טייַטש פון וואָרט; 2. רמז — דער אַלעגאָריש־פילאָסאָפישער טייַטש; 3. דרש — די איינטייַטשונג פון דער אגדה; 4. סוד — דער מיסטיש־סימבאָלישער טייַטש.

יעדער וועג — אַ העכערע מדרגה. דער „זוהר" קריטיקירט די ראַ־ציאָנאַליסטישע טייַטשער פון דער תּורה: „אויב די תּורה וואָלט אין זיך געהאַט נישט מער ווי דעם פּשוטן פּשט — וואָלטן מיר אַליין געווען בּכּוח צו מאַכן אַ בעסערע תּורה".

די קבלה האָט פון דער טעאָלאָגיע געמאַכט אַ טעאָסאָפיע. זי איז געווען קעגן דעם אַבסטראַקטן באַגריף פון גאָט. מען דאַרף אונטערשיידן צווישן גאָט און זייַן ריינעם מהות, דעם אין־סוף. גאָט איז די אַנטפּלע־קונג פון אין־סוף, דער באַשעפער און פירער פון דער וועלט. גאָט אַלס אין־סוף איז אומפאַרזענלעך, גאָט אַלס בורא־עולם — דער לעבעדיקער גאָט — איז פּערזענלעכקייט. די הגשמה, די פאַרמענטשלעכונג פון גאָט, געפינט זיך אין דער תּורה, ווו מען רעדט קיין מאָל נישט וועגן אַן אַבסט־ראַקטן, פאַרבאָרגענעם גאָט, נאָר פון אַזאַ, וואָס איז נאָענט צו די פאָלקס־באַגריפן. משה תּקו זאָגט טאַקע: „דער, וואָס נעמט אָפּ בייַ גאָט יעדע מאַטעריעלע געשטאַלט, דער לייקנט אָפּ דעם עצם יסוד פון גלויבן". אַן אַנטראָפּאָמאָרפישע פאָרשטעלונג קעגנזעצלעך צו די פאָרשטעלונגען פון סעדיה גאון, אברהם אבן־עזרא און דעם רמבם.

גאָט אַנטפּלעקט זיך אין די ספירות, ווי דער אדם־הקדמון, דער גייַסטיקער צלם־ודמות, וואָס לויט אים איז באַשאַפן געוואָרן דער ער־דישער מענטש. גאָט ווייַזט זיך אַרויס אין צען אַספּעקטן, אָדער אַטרי־בוטן, וואָס ווערן גערופן ספירות: דאָס איז גענומען פון פילאָנס פּרינ־ציפּ פון עמאַנאַציע. לויט פילאָנען אַנטפּלעקט זיך גאָט נאָר דורך שאַ־פונגען. צווישן דער אַבסטראַקטער קראַפט און דער גשמיותדיקער וועלט

זענען פאַראַן צען פּאַרמיטלער, שעפערישע כּוחות, ספירות, גענומען פון אַריסטאָטעלעס׳ „ספערן״ אָדער פּלאַטאָנס „אידעען״.

לויט דער קבלה זענען די צען ספירות: 1. כּתר עליון — דער אורווילן, דער רצון פון בראשית. 2. חכמה — קלוגשאַפט, גאָטס אור־אידעע פון בראשית. 3. בינה — אינטעלעקט, וואָס שטראָמט פון בראשית־קוואַל פון דער חכמה. 4. חסד — ליבשאַפט און גנאָד. 5. גבורה — אָדער דין — די ספערע פון געטלעכער מאַכט. לויטן מענטש דער כּוח, וואָס משפּט און שטראָפט. 6. תּפארת — אָדער רחמים — ד״ה חסד און דין פאַראייניקן זיך אין אַ סינטעזע: באַרעמהאַרציקייט, וואָס גלייַכט זיי אויס. 7. נצח — אויסדויער. 8. הוד — מאַיעסטעט, וואָס גייט איבער אין 9. יסוד — און 10. מלכות.

די ערשטע דרייַ זענען די העכסטע גייַסטיקע אָרדענונג, די מיטלסטע — די מאָראַלישע, די לעצטע — די וועלט פון חומר.

אַלע צען ספירות, צען כּוחות פון גאָט בילדן דעם אילן, דעם וועלטנבוים. די ספירות זענען די כוואַליעס פון פאַרבאָרגענעם לעבן פון דער גאָטהייט, וואָס שטראָמען פון טיפן גרונט פון אין־סוף צו דער יצירה. די צען ספירות זענען ענלעך צו גאָט, אָבער נישט גלייַך. זיי שטייען נעענטער צו דער גשמיותדיקער וועלט.

מענטשן קענען ווירקן אויף פאַרשידענע ספירות. די שייכות צו גאָט ווערט געשטערט דורך זינד, וואָס איז אַ זעלבשטענדיקע עקסיסטענץ, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון גאָט. דער מענטש, דער אמתער ייִד, קען ווערן דער „האַר פון דער יצירה״, דער רעגולאַטאָר פון וועלטפּראָצעס. דער מענטש איז אַן „עולם קטן״, אַ מיקראָקאָסמאָס. דער מענטש שפּיגלט אָפּ די וועלט. דער וועלטפּראָצעס איז נישט לויט פעסטע נאַטורגעזעצן, נאָר אַ המשך פון פאַרבאָרגענע ניסים, וואָס באַנייַען זיך כּסדר. גאָט איז נישט בלויז דער לעצטער גליד פון די סיבות (סיבה כּל הסיבות) נאָר אויך די דירעקטע סיבה פון יעדער געשעעניש. דער מענטש פאַרבינדט זיך מיט גאָט דורך דער נשמה, וואָס האָט אַ מיסטישן כּוח און איז די טרעגערין פון פאַרטיפטן רעליגיעזן וויסן.

דער ארי הקדוש האָט געהאַלטן, אַז אַלע נשמות זענען געגעבן געוואָרן אין אדם־הראשון, אָבער יעדע נשמה אויף אַן אַנדער אָרט. דער־

פאַר זענען דאָ העכערע און נידעריקע נשמות. יעדע נשמה האָט אַ פּונק פון אדם־הראשון. צוליבן חטא־הקדמון האָבן זיך אויסגעמישט די נשמות. די גוטע האָבן עפּעס שלעכטס, די שלעכטע עפּעס גוטס.

דאַרפן דעריבער די נשמות דורכגיין אַן אויסלײַטערונג. די אויסלײַטערונג פון די נשמות וועט ברענגען די אויסלייזונג. די אויסלײַטערונג קומט פאַר דורך גלגול־הנשמות. „קיין אמתער צדיק אויף דער וועלט איז נאָך נישטאָ".

דערפון קומט די טעאָריע פון „תיקון". נשמות פון צדיקים קומען אַראָפּ, כדי עפּעס מתקן צו זײַן. די צעשפּרייטקייט אין גלות דאַרף אויך עפּעס מתקן זײַן. שטאַמען די נשמות פון חתן־כלה פון איין מקור (האָמאָגענע) וועלן געבוירן ווערן גאַנצע מענטשן, שטאַמען זיי אָבער פון פאַרשידענע קוועלן (העטעראָגענע) וועלן זיי האָבן צעבראָכענע נשמות.

די עסכאַטאָלאָגיע, דאָס גלויבן אין אַ לעבן נאָכן טויט, און דער ווילן אויסצובעסערן די וועלט, מתקן צו זײַן זי, האָט דאָס געבראַכט צו דער אידעע פון גלגול־הנשמות. דער תנך דערמאָנט בכלל נישט קיין גלגול־הנשמות. אַזוי איז אויך סעדיה גאון קעגן דער אידעע. דער געדאַנק איז גענומען פון די עגיפּטישע און אינדישע גלייבונגען, וואָס זענען צו אונדז געקומען דורך די פּיטאַגאָרייער און דורך פילאָן פון אַלעקסאַנדריע.

בײַ די מקובלים איז דער גלגול געוואָרן נאָר אַ שטראָף פאַר געוויסע חטאים, ווײַל זיי האָבן נישט געוואָלט גיין קעגן טראַדיציאָנעלן אויסטײַטש פון שכר־ועונש מיטן גיהנום. נאָר אין 14טן י"ה — אין אָנהייב פון דער פאַרשפּרייטונג פון דער קבלה — האָבן טייל מקובלים בכלל אָפּגעוואָרפן די פאָרשטעלונג וועגן גיהנום און געהאַלטן, אַז דער איינציקער לײַטערונגס־וועג איז דער גלגול.

די קבלה פון אַרי האָט זיך געשטיצט אויף דרײַ שליסלווערטער: צמצום, שבירה און תיקון.

צמצום איז די אַליין־באַגרענעצונג פון גאָט. דאָס באַשאַפן די וועלט, דער יצירה־אַקט פון בראשית איז נישט קיין אַרויסשטראַלונג, גאָטס אַרויסטרעטן פון זײַן פאַרבאָרגעניש (ווי אין דער פריִערדיקער קבלה) נאָר דאָס אַרײַנציִען זיך פון גאָט אין זיך אַליין צו מאַכן אָרט פאַרן וועלטפּראָצעס.

די יצירה איז אַ פאָרם פון גלות, און גאָט אַליין איז אַ גולה. דער צמצום חזרט זיך איבער ביי יעדן שטאַפּל פון יצירה. דער ארי באַנוצט דערביי אַ דיאַלעקטישן מעטאָד: אַ צונויפשטויס פון כוחות, וואָס שטראָמען צוריק אין איטלעכן צמצום צו זייער מקור, מיט יענע כוחות, וואָס שטראָמען פון אים אַרויס, די מאורות־ליכט.

די כלים האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן די שפע פון געטלעכער ליכט און זיי זענען צעבראָכן געוואָרן (שבירת הכלים). דעריבער זענען די וועלטן (אַ געוואַגטער זאָג!) נישט אַנטוויקלט לויטן לכתחילהדיקן פּלאַן פון דער יצירה, נאָר אַלץ איז פאַרקרומט. פונקען פון געטלעכן פלאַם זענען אַראָפּגעפאַלן אין תהום און זענען געפאַנגען פון די קליפות, די פינצטערע כוחות. די שבירה איז די דראַמע פון די וועלטן.

קעגן דעם „אומגליק״, וואָס איז אָבער דאָך אַ טייל פון גאָטס געזעצן, קומט די היילונג, דער תיקון, וואָס דאַרף צוריקשטעלן אַלץ אין פריִער געפּלאַנטן סדר.

ביים ארי הקדוש איז פאַראַן אַ פּאָזיטיווער אינהאַלט פון וועלט־פּראָצעס. דער אין־סוף האָט אויסגעשטראַלט נייע מאורות מיט אַ היילנדיקן כוח, אָבער פאַרן מענטש זענען איבערגעבליבן אייניקע צענטראַלע פונקציעס פון תיקון, און זיי זענען דאָס די וויכטיקסטע אויפגאַבע אין זיין לעבן.

אַלע מעשים פון מענטש, תורה און תפילה זענען אַרויסצוברענגען דעם תיקון. יעדער רעליגיעזער אַקט איז אַ פונקציע פון תיקון, אַזוי יעדע מצווה. די גאולה וועט קומען ווען אַלע זאַכן וועלן ווערן אויסגעלייזט פון פּגם פון דער שבירת־הכלים. אויסגעלייזט דאַרף ווערן נישט בלויז די וועלט, נאָר אויך יעדע נשמה — דורך גלגול און עונש. דער חטא־הקדמון — אדם־הראשונס זינד — מוז ווערן אויסגעגליכן. די גרעסטע שטראָף זענען די נאַקעטע נשמות (נשמות ערטילאות), וואָס זענען נע־ונד און באַקומען נישט קיין גיהנום און קיין גלגול. די דאָזיקע פאַרוואָגלטע נשמות זענען דער שוידערלעכסטער סימבאָל פון אַלע שלעכטסן אין גלות.

איינע פון די וויכטיקסטע מיטלען צו זיין שטענדיק פאַרבונדן מיט גאָט — איז די דביקות. די צוגעבונדנקייט. דער רמבן, וועלכער האָט געטראַכט אין נאַציאָנאַל־היסטאָרישע קאַטעגאָריעס, האָט געהאַלטן, אַז דביקות רעאַלי־

זירט זיך אין לעבן פון אַ יחיד נאָר אין זײַן עדה. עס קומט אויך צום אויס־דרוק די ייִדישלעכע טענדענץ פון דער קבלה, וואָס אַקצענטירט טאָקע דעם יחידישן אידעאַליזם, נאָר מיטן אוניווערסאַליסטישן ציל, מיטן תיקון פון דער וועלט.

דביקות איז געבונדן מיט אַנדערע ווערטן: יראה, די מורא פאַר גאָט, אהבה, טהרה, גמילות־חסד, לערנען תורה, תשובה און תפילה — אַלץ מצוות, זייער וויכטיקע פאַר ייִדן, אָבער דביקות איז די מיסטישע קרוינונג פון די מידות־טובות.

הגם די קבלה האָט געפּריידיקט אַסקעטיזם אויף פאַרשידענע געביטן, האָט זי געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציִונג צום סעקסועלן לעבן, אַנדערש ווי דער קריסטלעכער אַסקעטיזם. געקומען איז עס צוליב נאַציאָנאַלע צילן. אין אַ צײַט ווען ייִדן האָבן פאַרלוירן אַ סך לעבנס אין די פּאָגראָמען און רדיפות איז עס געווען אַ נאַציאָנאַלע פאָדערונג צו פאַרמערן דאָס פאָלק.

אַזוי ווי בײַ די באַרוועסע פראַנציסקאַנער איז אויך בײַ די מקובלים אַנטשטאַנען די אידעאָלאָגיע פון אָרעמקייט. דער „זוהר" דערקלערט, אַז אָרעמע לײַט זענען „די צעבראָכענע כּלים פון הקדוש־ברוך־הוא", און אַז די שכינה אַליין איז אָרעם. אָרעמקייט איז געוואָרן אַ רעליגיעזער ווערט. צום באַדויערן האָט די קבלה צו רײַכקייט אויך צוגערעכנט ווערטן פון אינטעלעקטועלן כאַראַקטער.

חיים וויטאַל האָט פאַרשפּרייטנדיק די לערע פון ארי מער געזאָרגט וועגן דער פּראַקטישער קבלה ווי פון דער טעאָרעטישער. די טעאָרעטישע קבלה האָט געשאַפן אַ מיסטישע פילאָסאָפיע, און די פּראַקטישע — נײַע רע־ליגיעזע מעשים.

דער מענטש דאַרף זיך אָפּרייניקן פון די עלעמענטן פון דער קליפּה און שלעכטס, וואָס האָבן זיך באַהעפט מיט זײַן נשמה, און דורך מיסטעריען דאַרף זי זיך ווידער באַהעפטן מיטן געטלעכן מקור. די בעסטע צײַט צו באַ־העפטן זיך מיט דער העכערער וועלט איז שבת אָדער געוויסע יום־טובים. די מקובלים האָבן אָנגעפילט די וועלט מיט דיבוקים, שדים. דאָס קומט אויך צום אויסדרוק אין פאַרשטעלן די וועלט ווי אַן „עמק הבכא" און יענע וועלט איז גיהנום, גלגולים. זיי האָבן אָפּגעוואָרפן דעם פאָרמאַליזם פון דער הלכה, און אין די אגדות געפונען בלויז מיסטעריען. אַנשטאָט דעם רמבמס געזונטן

אָפּטימיזם האָבן זיי געבראַכט אַ קרענקלעכן פּעסימיזם. זיי האָבן אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון דעמאָניזם, אַז אַ מענטש איז זינדיק, און נאָר אַסקעטיזם און בענקשאַפט צו משיח קען אים אויסלייזן. די קבלה האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעקלעכע אימה.

די בענקשאַפט צו משיח האָט זיך אויסגעדריקט מער אין רעליגיעזן זין פון אויסלייזונג פון זינד, ווי אין פּאָליטישן. דער באַגריף משיח איז געווען זייער נעפּלדיק און דערגרייכן אים קען מען דורך תּפילה, אַסקעטיזם און מופתים. טייל פון די מקובלים האָבן זיך אַליין דערקלערט פאַר משיחים ווי אברהם אַבולאַפיאַ, דער ארי הקדוש א״א.

די ווירקונג פון דער קבלה אויף דער באַוועגונג פון די פאַלשע משי־חים איז געווען זייער גרויס. די קבלה האָט אויך באַווירקט דאָס טאָג־טעג־לעכע יידישע לעבן, איינגעפירט נייע מנהגים: הושענא־רבא איז געוואָרן אַ טאָג פון תּשובה, ערב ראש־חודש — אַ יום־כּיפּור־קטן, ערב פּסח — אַ תּע־נית פון בכורים. דער תּיקון־חצות, דאָס באַווײנען חורבן־בית־המקדש א״א. באַרימט איז דאָס קבלהיסטישע עקסטאַטיש געזאַנג צו דער מלכּה־שבת „לכה דודי״.

נישט אַזוי לײַכט איז דער קבלה אָנגעקומען צו באַהערשן די יידישע גע־דאַנקענוועלט. די רבנים, קעגן וועמענס פאָרמאַליזם די מקובלים זענען אַרויס־געטרעטן, האָבן אין אָנהייב געקעמפט קעגן קבלה, פאַרבאָטן צו דרוקן דעם „זוהר״, אָבער שפּעטער האָבן זיי שלום געמאַכט מיט איר, מאַכנדיק בלויז באַגרענעצונגען די קבלה זאָל זײַן אַן עניין נאָר פון אויסדערוויילטע, נישט פון פאָלק. אָבער דאָס האָט זיך זיי נישט אײַנגעגעבן. צו נאָענט זענען געווען די פּרימיטיווע פאָלקס־גלייבונגען צו דער לערע פון די מקובלים, אַז דאָס פאָלק זאָל די לעצטע נישט פאַראייגענען אין איר פּראַקטישער פאָרם פון דער דעמאָנאָלאָגיע, קמיעות, אָפּשפּרעכונגען און באַשווערונגען. אויך דער גלויבן אין מופתים האָט געווירקט אין דער פינצטערער צײַט און בײַ דער פינצטערער מאַסע.

פון יענעם קורצן סכסוך צווישן די לומדים און מקובלים זענען געבליבן די ספרים „הקנה״ און „הפליאה״ קעגן דער פאָרמאַליסטיק פון די געלערנטע.

דער „בורגפרידן״ צווישן די רבנים און מקובלים האָט געהאָלפן צו אונ־טערדריקן פולשטענדיק דעם פרייען געדאַנק. אליהו לעוויטאַ (1473 - 1549),

די דאָקטוירים יעקב מאַנטין, אַמאַטוס לוזיטאַנוס, דוד די פּומיס, האָבן כּמעט קיין ווירקונג נישט געהאַט אין יידישן לעבן. אַפילו אַזאַ גרויסער למדן ווי דער רש״ל, שלמה לוריע (1510 - 1575), אַן אומאָפּהענגיקער קריטיקער, וועלכער איז געווען קעגן פּלפּול, קעגן אויטאָריטעטן, ווי אויך קעגן די זאַ־באָבאָנעס, — האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון דרייסטע אַרויסזאָגונגען אויס מורא פאַר דער צייַט. ער האָט אַפילו געהאַט אַ נטיה צו קבלה.

די קבלה איז דער טיפּישער אויסדרוק פון דעם גייַסטיקן צוריקטריט פון יידישן געדאַנק. די קבלה האָט צוריקגעפירט די יידן אין טיפן מיטל־עלטער, בעת די וועלט האָט גענומען דערוואַכן. די נאַכווייעניש זענען גע־ווען גרויסע. דער משיחיזם האָט דער קבלה געגעבן דעם געזעלשאַפטלעכן אימפּעט, אָבער די פאַלשע משיחים — און אַנדערע האָבן נישט געקענט זייַן — האָבן געבערענגט שאָדן דעם נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם. אַ סך האָבן זיך צוליב דער קבלה דערקלערט פאַר משיחים. אַפילו דער ארי אַליין האָט זיך דער־קלערט אַלס משיח בן־יוסף. אין רעזולטאַט פון די משיחישע באַוועגונגען און דער אַנטוישונג אין זיי זענען אַ סך יידן פרייַוויליק געגאַנגען צום שמד.

די קבלה האָט דערהויבן די תפילה, אָבער פאַרפינצטערט דאָס לעבן. זי האָט אויך פּראָבירט אָפּרוקן אין הינטערגרונט דאָס לערנען תורה, אָבער דאָס איז איר נאָר טיילווייַז געלונגען.

די דעמאָנאָלאָגיע און דאָס באַווייַזן מופתים האָבן געגעבן אַ מעגלעכ־קייט פאַרשידענע צווייפלהאַפטע פּאַרשוינען ווי יוסף דילה־ריינא אָפּצושפּילן אַ ראָל.

אָבער דעם גרעסטן שאָדן האָט די קבלה געבראַכט מיט איר נעגאַציע פון דער עקסיסטירנדיקער רעאַליטעט און מיט דער אָפּהענטיקייט געבונדן דערמיט.

די ספרים פון 17טן י״ה, ווייַזן בולט די שלעכטע פאָלגן. דער „ילקוט ראובני״ איז דערשינען אין פּראָג 1660, געשריבן פון ראובן העשקע פון פּראָג. דער „ילקוט שמעוני״ אין 1681 איז אויך ווי דער „ילקוט ראובני״ אַ קאָמענטאַר צו דער תורה אין קבלה־גייַסט. צו דער קאַטעגאָריע געהערן אויך די ווערק פון די מקובלים אהרן ברכיה מאָדענאַ און משה זכותא, ווי אויך נתן האַנאָווערס „שערי ציון״ (פּראָג 1662).

אין אַלגעמיין האַלטן זיי זיך ביַי דער דאָקטרין פון ארי הקדוש פון

מענטשנס שליחות אויף דער ערד, זײַנע פאַרבינדונגען מיט די אומנאַטיר־לעכע כּוחות פון די אויבערשטע וועלטן, גלגול־הנשמות און זייער תּיקון. אָבער נישט דאָס אַרײַנבעמען די דאָזיקע מיינונגען אין די תּפילות (באַזונ־דערס בײַ די ספרדים) איז דער עיקר, נאָר די מנהגים, אַרויסגעדרונגען פון אָט דער אידעאָלאָגיע, אויסגעדריקט אין „שולחן־ערוך של ארי הקדוש״.

כּדי אויסצולייזן די שכינה פון דער סיטרא־אחרא, כּדי צו ברענגען צו אַ זיווג־הקדוש צווישן גאָט און שכינה — מוז יעדער איינער פירן אַ מל־חמה קעגן דער סיטרא־אחרא דורך מעשים איראַציאָנעלע און מאַגישע. די דעמאָנאָלאָגיע האָט פאַרפעסטעט דאָס ייִדישע טאָג־טעגלעכע לעבן. די אָמ־ביוואַלענץ פון דער רעליגיעזיטעט (די פּראַקטישע טאָג־טעגלעכע מנהגים און דינים) מיט דעמאָניזם האָט צעשטערט די יסודות פון דער סאָציאַלער עטיק, געבויט אויף שׂכל.

צו די פריִער אויסגערעכנטע נײַע מנהגים דאַרף מען אויך צוגעבן דאָס געבן אַ סימבאָליסטיק דעם סעקסועלן לעבן, וואָס איז בײַ די שבתאי־צביני־קעס און פראַנקיסטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָרגיעס. די דאָזיקע סימבאָ־ליק האָט פאַרגעשטעלט זייער סעקסועל די באַציונגען צווישן גאָט און דעם פאָלק נעמענדיק אַלס באַזע דעם טעקסט פון „שיר השירים״. עס האָבן זיך פאַרשפּרייט זאַבאָבאָנעס, ספּעציעלע מיסטישע לוויה־צערעמאָניעס א״א.

וואָס שייך דער עטיק האָט זי זיך אויסגעדריקט אין מוסר־ספרים, וואָס האָבן פאַרפינצטערט דאָס אַזוי אויך חושכדיק לעבן. עס זענען דערשינען די מוסר־ספרים: „ספר חרדים״ פון אליעזר אזיכרי (ווענעציע 1601), „ראשית חכמה״ פון אליהו דע ווידאַס (ווענעציע 1579), „שערי קדושים״ פון חיים וויטאַל (קאָנסטאַנטינאָפּאָל 1734), „קב הישר״ פון צבי הירש קוידאַנאָווער (פראַנקפורט 1705), „שבט מוסר״ פון אליהו הסדן (קאָנסטאַנטינאָפּאָל 1712), „מסילת ישורין״ פון משה חיים לוצאַטאָ (אַמסטערדאַם 1740), „משמרת הקו־דש״ פון משה בן־יעקב פון סאַטאַנאָוו (זשולקעוו 1740), „בית פרץ״ פון פרץ בן־משה (זשולקעוו 1759) און נאָך ווייניקער באַקאַנטע ספרים מיט שווידער־לעכע מעשיות. מען דאַרף אויך צוגעבן דערצו די מוסר־ספרים אין ייִדיש־טײַטש און אַפילו אויך אין לאַדינאָ.

דער שווידערלעכער מוסר, די פאַלשע האָפענונגען און די אַנטוישונגען האָבן אַרײַנגעוואָרפן דעם קערפּער פון ייִדישן פאָלק אין אַ פיבער, אָבער

דעם גײַסט אין אַ לעטאַרגישן שלאָף. די גרויסע געלערנטע סעדיה גאון און דער רמבם האָבן געוועקט דעם געדאַנק. די קאָנסערוואַטיווע רבנים האָבן מיטן לערנען תּלמוד געשאַרפֿט דעם מוח, אָבער די מיסטיק האָט אײַנגעשלעפֿערט אויף אייניקע יאָרהונדערטער דעם געדאַנק, אײַנגעשלאָסן דאָס ייִדישע לעבן אין אַן ענגן רוים, אַז קיין שום ווינטל איז נישט צוגעקומען. עס האָט געדראָט ביסלעכווײַז אַטראָפֿירט צו ווערן, פֿאַרלירן די שעפֿערישקייט.

באַזונדערס שאַרף איז געווען די דאָזיקע פֿראַגע, ווײַל דער מיסטיציזם, הגם ער איז אַלט אין דער ייִדישער שאַפֿונג, איז ער תּמיד געווען אַ רעזולטאַט פֿון פֿרעמדע, אָפֿט פֿײַנדלעכע, אײַנפֿלוסן.

נישט אומזיסט איז די קבלה געווען אָנגענומען בײַ די קריסטן. מען האָט פֿאַרברענט דעם תּלמוד און געשוינט דעם „זוהר". די פּויפּסן, דער קאַרדינאַל עגידיאָ דאַ וויטערבאָ, דער הומאַניסט יאָהאַן רייכלין א"א האָבן געפֿונען אין „זוהר" קריסטלעכע עלעמענטן. באַזונדערס האָט פֿון קבלה געהאַלטן דזשיאָוואַני פּיקאָ דעלאַ מיראַנדאָלאַ זעענדיק דערין אַ קריסטלעכע לערע. ער האָט געזאָגט: „קיין שום וויסנשאַפֿט איבערצייגט מער וועגן דער געטלעכקייט פֿון קריסטוסן ווי די קבלה". מיט קבלה האָבן זיך פֿאַרנומען די קריסטן: אַגריפּאַ פֿאַן נעטעסהייס, העלמאָנט דער ייִנגערער, קנאָרד פֿאָן ראָזענראָט, פּאַראַצעלסוס, יאַקאָב בעהמע, באַזונדערס די פֿראַנציסקאַנער מאָנאַכן. גיליאַם פּאָסטעל (1510 - 1581) האָט איבערגעזעצט אויף לאַטײַן דעם „זוהר" און „ספר יצירה".

און זיי זענען נישט געווען אומגערעכט האַלטנדיק עס פֿאַר אַ קריסטלעכער לערע. די קבלה האָט געטיילט דעם באַגריף גאָטהייט קעגן דעם אַלטן ייִדישן מאָנאָטעיִסטישן פּרינציפּ. דער זיווג־הקדוש צווישן גאָט און שכינה, די צעטיילונג פֿון גאָט־אין־סוף און גאָט־בורא־עולם, דאָס אַרײַנפֿירן די צען ספֿירות, די וועלטן פֿון פֿינצטערניש און ליכט — זענען נישט בלויז אָפּקלאַנגען פֿון עגיפּטישע און אינדישע באַגריפֿן, פֿון די לערן פֿון אַריסטאָטעלעס, פּלאַטאָן און די פּיטאַגאָרייער, נאָר זיי זענען אויך גאָר נאָענט צום קריסטנטום, וואָס האָט געמאַכט די מאַטעמאַטישע קונץ, אַז דרײַ איז גלײַך איינס.

די לערע פֿון דער קבלה דערמאָנט אין די ערשטע ייִדן־קריסטן, די „אבֿיונים", וועלכע האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פֿאַרן אָפּטיילן זיך פֿון ייִדנ־

טום, געהאַט אין זייער יסוד נישט־ייִדישע יסודות. עס דערמאָנט די קריסט־לעכע גנאָסטיקער, וועלכע האָבן אָנערקענט די פאָרויס־באַשטימונג און די פאָרשטעלונגען וועגן דער זינדיקער וועלט. עקיבא איז זײַנער צײַט שאַרף אַרויס קעגן די אַלע סעקטאַנטן, וועלכע זענען געווען אידעאָלאָגיש ווײַט פון די ייִדישע יסודות, הגם זיי האָבן אָנגעבונדן זייערע אידעען צום תּנך.

נישט קיין קליינעם אײַנפלוס האָבן געהאַט אויפן אַסקעטיזם פון די מקו־בלים די קריסטלעכע מאַנאַכן־אָרדנס. די געצנדינערישע קירך האָט באַווירקט די דעמאָנאָלאָגיע, וואָס איז נאָך אין די אַלטע צײַטן באַקעמפט געוואָרן דורך די ייִדישע אויטאָריטעטן.

די צײַט פון אויפשוווּנג פון דער קבלה פאַלט אויס מיט דער פאַרשפּריי־טונג פון פראַנציסקאַנער מאָנאַכן־אָרדן, וועמענס פאָרשטייער באָנאַווענטוראַ האָט קעגנגעשטעלט זײַן מיסטיק דעם אינטעלעקטואַליזם פון דעם דאָמיני־קאַנער טאָמאַס פון אַקווינאַ.

די לערע פון דער קבלה איז געווען אונטער דער שטאַרקער השפּעה פון דער קריסטלעכער וועלט און זי האָט משפּיע געווען די קריסטלעכע אי־דעען־קרײַזן. יאָהאַן רייכלין (1455 ־ 1522) האָט פון די דרײַ פּעריאָדן לויט דער ייִדישער מיסטיק: תּוהו־ובוהו, תּורה און משיח — געדרונגען, אַז מען מיינט דאָס די קריסטלעכע דרײַ־אייניקייט פון מלכות פון פאָטער, זון און הייליקן גײַסט. דער ערשטער פּעריאָד שדי האָט דרײַ אותיות, דער צוויי־טער יהוה האָט פיר אותיות און דער דריטער יהושה האָט פינף אותיות. דאָן ווערט דער פאַרבאָטענער אַרויסצוזאָגן נאָמען פון גאָט — אַרויסגעזאָגט.

די קבלה האָט גאָרנישט אַראָפּגענומען פון ייִדישן צוים, פאַרקערט. זי האָט צוגעגעבן אַ ריי פּירונגען, און חוץ איינצלנע אויסנאָמען, האָבן זיי גע־ווירקט נאָר אינערלעך אין ייִדישן לעבן. דעריבער האָט זי נישט צעבראָכן די נאַציאָנאַלע ראַם, נאָר זי בלויז אָפּגעשוואַכט, ווי דאָס האָט שפּעטער באַ־וויזן די שבתי־צבי־באַוועגונג, די פראַנקיסטן פון אײן זײַט, און די השׂ־כּלה פון דער אַנדערער זײַט.

ייִדיש־נאַציאָנאַל און גייסטיק געזונט איז געווען נאָר די פאַרהערלע־כונג פון ציון־סימבאָל, פון ירושלים און אַנדערע ערטער פון הייליקן לאַנד. אָט די ציון־בענקשאַפט, צוזאַמען מיט דער משיח־בענקשאַפט, האָבן אויפ־

געהאַלטן אַ ברענענדיקן פונק פון האָפענונג אין דעם ייִדישן אָרגאַניזם, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן אין אָפּשטאַרבנדיקן לעטאַרגישן שלאָף.

צום באַדויערן האָט די משיח־בענקשאַפט, אויסגעהאָדעוועט אויף דער איראַציאָנעלקייט פון דער קבלה זיך אויסגעווירקט טראַגיש. די אַנטוישונג אין די פאַלשע משיחים, וועלכע האָבן זייער טעטיקייט געבויט אויף מיס־טישע יסודות און דעריבער געווען פאַרמשפט אויף דורכפאַל און אונטער־גאַנג, אָט די אַנטוישונג האָט שטאַרק געשאָדנט דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן אָר־גאַניזם.

ב. די פאַלשע משיחים

דער גרויסער רמבם האָט אין זײַנע דרײַצן אני־מאמינס אויך געהאַט דעם דאָגמאַט (12טער) פון גלויבן, אַז משיח וועט קומען אַפילו ווען ער זאַמט זיך.

די משיח־האָפענונג איז געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר אויפצוהאַלטן דעם נאַציאָנאַלן אייגנאַרט און געהאָלפן אויסהאַלטן די שווערע צײַטן מיטן גלויבן, אַז דער דאָזיקער מוראדיקער פעריאָד איז נאָר אַ פאַרבײַגייענדיקער און אויב מען וועט נאָר דורכהאַלטן וועט מען דערלעבן אַ בעסערע תקופה. דאָס איז נישט געווען קיין אויסרעכענונג אויף ווײַטע צײַטן נאָר „אני מאמין שמשיח יבוא יום־יום", דאָס הייסט, אַז די אויסלייזונג קאָן קומען יעדן אומ־דערוואַרטעטן מאָמענט.

די ייִדישע פאָלקס־גלייבונגען זענען געגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז מען האָט זיך אָפּגעזאָגט פון ווילן צו מאַכן די וועלט כולו צדק (זכאי) — אַ זאַך, וואָס האָט אויסגעזען אוממעגלעך אַפילו פאַר די איראַציאָנעלע פאָרשטעלונגען פון די מענטשן פון יענער צײַט — נאָר מען האָט געגלייבט, אַז משיחס צײַטן קענען אויך זײַן, ווען די וועלט וועט זײַן כולו חייב.

דער באַגריף משיח באַגלייט די ייִדישע געשיכטע. אין אָנהייב איז עס געווען אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישער באַגריף, אָבער מיט דער צײַט איז עס אויך געוואָרן אַ מיסטיש־רעליגיעזער באַגריף. מיטן אויסקריסטאַליזירן זיך פון די אינדיווידואַליסטישע גלייבונגען איז אויך דער משיח־באַגריף אָנגע־

וועגדעט געוואָרן צו דער פערזענלעכער אויסלייזונג פון יעדן ייִד, נישט בלויז פון גאַנצן ייִדישן פאָלק.

דער משיח־געדאַנק געפינט זיך נאָך אין תּנך ביי ישעיה, ירמיהו, יחזקאל, זכריה, מלאכי און באַזונדערס ביי דניאל. אין יעדער שווערער סיטואַציע האָבן די נביאים פאָרגעזאָגט אַן ענדערונג, געטרייסט דאָס פאָלק, געוועקט זיין האָפענונג און גלויבן. זיי אַלע האָבן אין דער משיח־געשטאַלט געזען אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישן פירער, וועלכער וועט אויסלייזן דאָס פאָלק. די גלות־נביאים אין בבל האָבן עס געוואָלט זען אין פערסישן מלך כּרש, וועלכער האָט די ייִדן צוריקגעגעבן זייער נאַציאָנאַל היימלאַנד און צוריק אויפגע־שטעלט זייער פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט, אין די ראַמען פון דער פער־סישער אימפּעריע, פאַרשטייט זיך.

דער גלויבן אין אַ משיח האָט זיך באַזונדערס פאַרשפּרייט אין דער צייט פון דער רוימישער הערשאַפט. מען האָט געהאָפט אויף אַ ניסימדיקער אויס־לייזונג פון דער האַרטער רוימישער לאַפּע. ביי די אסיים, „אביונים" און אַנדערע מינים־גרופּן האָט די משיח־געשטאַלט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַן אויסלייזער פון די זינד פון מענטש. דער שאַרפער רעליגיעזער אינ־דיווידואַליזם פון די סעקטן האָט נעגירט די נאַציאָנאַלע ראַמען און בכלל זיך נישט געזאָרגט וועגן פאָלק, וועגן זיין נאַציאָנאַלן קיום.

די תּנאים און אמוראים, די גייסטיקע פירער פון ייִדישן פאָלק, האָבן געזען די משיח־אידעע נאָר אין אַ נאַציאָנאַלער ראַם. משיח דאַרף זיין פון בית־דוד, אַן אָנבינדונג צו דער פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט. דער אמורא שמואל זאָגט (שבת ס״ג): „אין בין עולם הזה לימות המשיח אלא שעבוד מל־כיות מלבד" ד״ה אַז צווישן דער איצטיקער צייט און משיחס צייטן איז דער אונטערשיד נאָר אין דעם, וואָס דאַמאָלס וועלן אַנדערע פעלקער נישט הערשן איבער ייִדן. אַפילו דאָס אַריינפירן משיח־בן־יוסף און אליהו הנביא (וועל־כער האָט געווירקט אין מלכות־ישראל) איז אַ באַווייז פון האַלטן די משיח־לעגענדע אין נאַציאָנאַלע ראַמען צו נאַציאָנאַלע צילן. משיח — דער גע־זאַלבטער (פון זאַלבן אַ מלך) איז אין ייִדישן באַגריף אַ מענטש נישט קיין גאָט. ער איז דער ייִדישער מלך און דאַרף אויסלייזן דאָס ייִדישע פאָלק. די גאַנצע אַלטע ייִדישע טראַדיציע רעדט וועגן אים ווי וועגן אַ שטערבלעכן מענטש. אין „טוביה"־בוך זענען פאַראַן אַלע עלעמענטן פון אויסלייזונג חוץ

אַ פערסאָנעלן משיח. דאָס זעלבע אין „משלי בן־סירא" און אין „ספר דניאל".

אַן עסכאַטאָלאָגישער משיח טרעט אויף אין די שפּעטערדיקע צײַטן פון בית־שני. עס אַנטשטייען די באַגריפן מלך־צדק און כהן־צדק. די סעקטאַנטן, באַזונדערס די מינים און „אביונים", האָבן גערעדט וועגן מלך, כהן און נביא. די ייִדן האָבן דער עיקר געהאַלטן נאָר פון מלך, נישט ווײַל דערויף זענען פאַראַן רמזים אין תנך, נאָר דערפאַר, וואָס צוליב דער פּאָליטישער אונטער־דריקונג דורך די רוימער איז די האָפענונג געווען אַ פּאָליטישער משיח־קע־ניג.

אין די סוף טעג פון דער ייִדישער פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט האָבן זיך באַוויזן אַ סך משיחים, סײַ פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע, סײַ עסכאַטאָלאָגישע. יהודה הגלילי, זײַן זון מנחם (דערפאַר אפשר דער נאָמען מנחם פאַר משיחן) — די פירער פון די קנאים, בר־כוכבא, טעודאָס (44 ־ 46), וועלכער האָט געוואָלט שפּאַלטן דעם ירדן, דער א.ג. עגיפּטישער נביא, וואָס האָט געוואָלט שטורמען ירושלים מיט 30.0000 אָנהענגער א"א — זיי זענען אונדז באַקאַנט, אַפילו שמעון בר־גיורא האָבן טייל געהאַלטן פאַר משיח.

די עסטאַכאָלאָגישע משיחים מיט ישו אין שפּיץ האָבן געפּריידיקט גאָטס קעניגרײַך אין אוניווערסאַלן קאָסמאָפּאָליטישן זין בעת די פריִער אויס־גערעכנטע האָבן געזען „גאָטס קעניגרײַך" אין נאַציאָנאַלן זין. דערבײַ האָבן אויך די פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע משיחים זיך באַנוצט מיט מופתים. צוליב די שווערע קאַמפן און מפּלות איז אויפגעקומען דער געדאַנק פון אַ משיח בן־יוסף, וועלכער דאַרף טאַקע אומקומען, אָבער ער וועט ברענגען מיט זיך דעם ווײַטערדיקן עטאַפּ — די פולע אויסלייזונג דורך משיח בן־דוד.

דער נישט־געטלעכער און נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון ייִדישן משיח האָט זיך געהאַלטן אַ לענגערע צײַט, ביז אין די צײַטן פון רמבם, וועלכער האָט געזען אין משיח אַ שטערבלעכן מענטש, אַ נביא. ביאת־המשיח איז גע־ווען פאַרבונדן מיט צוריקקערן זיך אין א"י, מיט באַזיגן און פאַרטיליקן די שונאים. אַזוי ווי די רעאַליטעט איז געווען זייער מוראדיק האָט מען גע־רעדט וועגן חבלי הגאולה, וועגן משיח בן־יוסף, וועלכער רעפּרעזענטירט דאָס גאַנצע פאָלק, אָבער וועלכער וועט אומקומען אין געראַנגל מיט די שו־נאים. דאָס איז געווען אַן אָפּקלאַנג פון פּאָליטישן פרײַהייטסקאַמף, געפירט

דורך די העלדן פון פֿאָלק, פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק, אַרײַנגערעכנט די רעשטלעך פון גלות־שומרון (די צען שבטים).

וואָס ווײַטער ווערט משיח אַלץ מער ספּיריטואַליזירט. משיח איז געבוירן געוואָרן אין טאָג פון חורבן־בית־המקדש (נאַציאָנאַלער מאָמענט, שטרײַכט אונטער דעם המשך פון דער עקסיסטענץ), אָדער אין דער שטאָט בית־לחם (ווי ישו); ער וואַרט בײַ די טויערן פון רוים.

דאָס בילד פון די נעכטיקע קאַמפּן פֿאַרמירט דאָס בילד פון די הײַנטיקע האָפֿענונגען. יוחנן בן־זכאי רופֿט אָן משיח חזקיהו, אָנבינדנדיק צום פֿרומסטן מלך פון בית־דוד, אָדער אפשר צו מנחם בן־חזקיהו, אַ קעמפֿער קעגן רוים. יוסי הגלילי רופֿט אָן משיח מיטן נאָמען שלום. אָבער אַלע ערשטע קוועלן קענען נישט און ווייסן נישט פון קיין לײַדנדיקן משיח. ערשט אונטערן אײַנפֿלוס פון ישו פֿאַרמירט זיך אויס דאָס בילד פון משיח, וועלכער בינדט כּסדר איבער זײַנע ווונדן.

אין מיטל־עלטער האָט זיך ערשט אויסגעאַרבעט די משיח־קאָנצעפּציע, וואָס איז געווען באַווירקט פון תּנך (נאַציאָנאַל־פּאָליטישע פֿאָרשטעלונג) און פון דער דאָקטרין פון דער אַפּאָקאַליפּטישער ליטעראַטור, וואָס האָט ספּיריטואַליזירט און אוניווערסאַליזירט די משיח־אידעע.

דאָס פֿאַרלירן די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט און דאָס פֿאַרטרײַבן פון א״י האָט געלאָזט טיפֿע שפּורן אין לעבן פון צעשפּרייטן פֿאָלק. די בענקשאַפֿט צו שיבת־ציון איז געווען אַזוי גרויס, אַז פּילצאָליקע מאַסן זענען נאָכגעגאַנגען די פֿאַלשע משיחים — טרוימער אָדער שווינדלער — אין דעם אומראַציאָנעלן און אוממעגלעכן גאַנג צוריק צום היימלאַנד.

משה פון קרעטע האָט אין 447 געפֿירט די קרעטער ייִדן קיין א״י און געוואָלט ווי משה רבנו שפּאַלטן דעם ים. אַ סך ייִדן זענען דאַמאָלס דערטרונקען געוואָרן. אין 645 האָבן וועבערס און אַנדערע בעלי־מלאכות, אַרום פֿיר הונדערט מאַן, געמאַכט אַן אויפֿשטאַנד אין אַ קריסטלעך לאַנד. דאָס זעלבע איז געשען אין אַ מוסולמעניש לאַנד. אַ שנײַדער יצחק בן־יעקב, אָדער אבו־עיסאַי איספּאַהאַני, האָט זיך דערקלערט אַלס נביא, אויסלייזער פון איסלאַמישן רעזשים. ער האָט אויפֿגעהויבן אַן אויפֿשטאַנד. אין אַ שלאַכט איז ער אומגעקומען. ער האָט אָנערקענט ישו און מחמדן אַלס נביאים. זײַן תּלמיד יודגאַן האָט נישט געגלויבט, אַז אבו־עיסאַי איז

אומגעקומען און אַנגעזאָגט זײַן צוריקקומען. ער האָט אויך געפּריידיקט אַסקעטיזם און דערקלערט, אַז די מצוות פאַרפליכטן אין א״י, ווען דאָס בית־המקדש איז טעטיק, ד״ה ער האָט נישט געהאַלטן פון תורה שבעל־פּה. די סעקטע האָט זיך געהאַלטן לאַנג און שפּעטער זיך צוזאַמענגע־מישט מיט די קאַראַימער. אַ צווייטער תלמיד פון אבו־עיסאַי מושקאַ האָט אויך געפירט אַ משיחישע אַגיטאַציע.

אין 721 האָט אַ סירישער ייִד סערענוס אָדער שאַראַני באַשלאָסן אַרויסטרײַבן די מחמדנער פון א״י. ער איז אויך אַרויסגעטרעטן קעגן געוויסע תלמוד־פאַרבאָטן, באַזונדערס אין ענינים פון עסן.

די שווערסטע צײַט פאַר ייִדן האָט זיך אָנגעהויבן מיט די קרייצצוגן. די איבערבאַפעלקערטע אייראָפּע זוכט וועגן פאַר עקספּאַנסיע. דערווײַל מאַכט זי חרוב די ייִדישע קהילות, הרגעט אויס די ייִדן. דאָס אַלץ ווירקט אויף דער פאַרשטאַרקונג פון דער משיחישער באַוועגונג, שטאַרק געבונדן מיט שיבת־ציון. אין 1096 האָבן די ייִדן אין סאַלאָניקי אָוועקגעוואָרפן אַלץ און געגרייט זיך גיין קיין א״י. עס איז געווען אַ משיח־באַוועגונג אָן אַ משיח. אַזאַ באַוועגונג איז מיט זעקס און דרײַסיק יאָר שפּעטער געווען אין ליאָן (פראַנקרייך) אָדער לעאָן (שפּאַניע) — דער רמבם דערמאָנט עס. אין 1100 באַווײַזט זיך אַ משיח אבן־אריה. אין 1121 האָבן אַ נאָרמאַנדי־שער קאַטוילישער גלח, וועלכער איז געוואָרן אַ ייִד — עובדיה, צוזאַמען מיט אַ קאַראַימישן פאַלשן נביא שלמה הכהן פאַרגעזאָגט משיחס קומען אין צוויי חדשים אַרום. די מחלוקת צווישן זיי איז געווען, וואָס דער גר האָט געוואָלט אַ משיח פון בית־דוד, און דער קאַראַים — פון די כהנים. אין זעלבן יאָר באַווײַזט זיך אַ יונגע נביאה אין באַגדאַד. אין 1127 האָט אין מאַראָקאַנישן פעז משה אַל־באַרי פאַרגעזאָגט, אַז משיח קומט אין דער פסח־נאַכט און געהייסן אַלץ פאַרקויפן.

ירושלים איז אײַנגענומען געוואָרן אין 1099 דורך די קרייצציגלער. די מוסולמענער האָבן זיך קעגנגעשטעלט און אײַנגענומען די פעסטונג עדע־סאַ, און דאָס האָט געבראַכט צום צווייטן קרייצצוג.

די אומזיכערע לאַגע אין א״י האָט דערוועקט האָפענונגען. דוד אַל־ראָי, אָדער מנחם בן־סולימאַן אבן־אלרוחי (1135 - 1160) האָט אָרגאַני־זירט אַן אויפשטאַנד. ער האָט זיך געשטיצט אויף די קריגערישע באַרג־

ייִדן פון אַזערביידזשאַן און קורדיסטאַן, ווי אויך אויף העלדישע ייִדישע יונגע לײַט פון באַגדאַד. דער סולטאַן האָט אים אײַנגעזעצט אין תפיסה, אָבער ער איז אַנטלאָפן. די ייִדישע קהילה און אירע אָפיציעלע פאָרשטייער זענען געווען קעגן דעם אויפשטאַנד און זיי האָבן דעם משיח דערהרגעט. זײַן פאָטער שלמה (סולימאַן) האָט אויך געהאַט משיחישע זװנגען און זיך געהאַלטן פאַר אליהו הנביא.

צווי פּיפּיקע שווינדלער האָבן אין באַגדאַד פאָרויסגעזאָגט אַ „פלי" קיין ירושלים און געהייסן אַלעמען אָנטאָן גרינע טורבאַנען און אויספאַרקויפן אַלע זאַכן.

באַלד נאָך דוד אַלראָיס טויט האָט זיך אין תימן אָנגעהויבן אַ משיחבאַוועגונג (1172), וואָס האָט געבראַכט צו אַן אינטערווענץ פון רמבם. ער האָט דאַן אָנגעשריבן זײַן „איגרת תימן". דער דאָרטיקער משיח איז געווען אַזוי אײַנגעגלייבט אין זיך, אין זײַן מיסיע, אַז ער האָט זיך געהייסן אָפּהאַקן דעם קאָפּ, גלויבנדיק אין זײַן אומשטערבלעכקייט.

דער גאַנצער אָריענט איז געווען אָבערגלויבעריש. די ייִדן זענען נישט געווען קיין אויסנאַם, געגאַנגען צו „הייליקע קברים", געגלויבט אין „הענגנדיקן ארון פון דניאל הנביא" א"א. דאָס אַלץ האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט אַקטיווערע נאַטורן אויפצוהויבן אַ באַוועגונג צו באַפרײַען די ייִדן פון זייער שווערער לאַגע. די אַלע באַוועגונגען האָבן געטראָגן אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישן כאַראַקטער.

אין אייראָפּע, ווו די ייִדן האָבן אַ סך געליטן פון די קרייצצוגן און פון די רדיפות — האָט יעדע נײַעס וועגן די פּאָליטישע ענדערונגען אין א"י אַרויסגערופן אַן אומרו. ווען די סאַראַצאַנער האָבן אין 1187 אײַנגענומען ירושלים און אייראָפּע האָט גראַד דאַמאָלס דערשפּירט דעם דרוק פון דער מאָנגאָלישער פעלקער־וואַנדערונג, האָט זיך צווישן די ייִדן ווידער דערוועקט די האָפענונג אויף אויסלייזונג און אין 1235 האָבן די פּראָגער ייִדן ערנסט זיך געגרייט צו גיין קיין א"י. פריִער, אין 1211 האָבן דרײַ הונדערט ייִדן פון ענגלאַנד און פראַנקרײַך זיך אַוועקגעלאָזן קיין א"י.

פופציק יאָר נאָכן פרווו פון די פּראָגער ייִדן צו גיין אין הייליקן לאַנד מאַכט עס דער מהרם פון רויטענבורג מיט אַ גרופּע ייִדן, ווײַל זיי האָבן

געהערט קלאַנגען וועגן אַ משיח. דער קייסער אַרעסטירט אים און ער בלײַבט אין תפיסה ביזן טויט. אין 1350 באַווײַזט זיך אַ נײַער משיח — שמריה פון נעגראָפּאָנטע.

אין דער זעלבער צײַט הייבט זיך אָן די משיח־באַוועגונג פאַרבונדן מיט דער קבלה. דער גרויסער מקובל אברהם בן שמואל אַבולאַפיאַ (1240 - 1291) האָט זיך דערקלערט פאַר אַ משיח. דער רשב״א, אַליין אַן אָנ־הענגער פון קבלה, איז שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן אים. די ווערק פון אַבולאַפיאַ זענען געווען נאָענט צום קריסטנטום, אָבער דאָס האָט נישט געשטערט דעם פויפּס אים צו פאַרמשפּטן צום טויט. ער איז באַפרײַט געוואָרן צוליבן טויט פון פויפּס. אברהם אַבולאַפיאַ האָט אָנגעזאָגט דאָס קומען פון משיח אויף 1290.

די מיטל־עלטערלעכע רעליגיעזע פאָרשטעלונג וועגן משיח געפינט זיך נאָך אין „זרבבל־בוך”. דאָס בוך איז געווען אַ פּועל־יוצא פון די משי־חישע האָפענונגען בעת די פּערסיש־ביזאַנטינישע מלחמות. דאָרט דער־ציילט זיך וועגן אַרמילוס (ראָמולוס, גרינדער פון רוים), אַ זון פון אַ שטיין, וועגן שטן, וואָס איז גלײַך צו ישו, און אַלע, חוץ יידן, גלייבן אין אים. משיח בן־יוסף מיט חפציבה קעמפן קעגן אים. משיח בן־דוד איז אַ זון פון חפציבה. דאָס איז געווען אַן אָפּקלאַנג פון הערַאקליוס׳ נצחונות.

די ראַציאָנאַליסטן אליעזר קאַליר, זײַן רבי ינאי, סעדיה גאון א״א האָבן נישט גענוצט קיין אַפּאָקאַליפּטישע בילדער צו באַשרײַבן משיח. דער רמבם האָט געזען אין משיח אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישע געשטאַלט אָן אַפּאָקאַליפּטישע מאָסן. ער איז אויך געווען קעגן באַשטימען דאַטעס פון ביאת־המשיח. אַלע פאַרויסגעזעענע דאַטעס זענען תמיד געווען אומגליק־דאַטעס: קרייצצוגן (1096), שפּעטער שוואַרצער טויט, גירוש שפּאַניע (1492), גזירות ת״ח ות״ט (1648) א״א. די חסידי־אשכנז האָבן אויך גע־וואָרנט קעגן באַשטימען דאַטעס, קעגן פאַלשע משיחים, אָבער אַרום זיי זענען געוועבט געוואָרן מיסטישע לעגענדעס.

איינע פון די עלעמענטן פון דער קבלה איז געווען דאָס פאַרויסזאָגן און צואײַלן דעם קץ. די מקובלים האָבן געגלייבט, אַז מיט דער הילף פון מאַ־גישע מיסטעריען וועלן זיי קענען אַראָפּברענגען משיחן. די ערשטע משי־חים האָבן זיך באַנוצט מיט טראַדיציאָנעלע מופתים, נאָכאָמענדיק משה

רבנו און זײַן יציאת־מצרים. די שפּעטערדיקע פאַלשע משיחים נוצן די קבלה.

ביז דער קבלה איז די משיח־האָפענונג געווען אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אידעע, וואָס האָט אָבער נישט אַלע מאָל זיך געשטיצט אויף אַ ראַציאָנעלער אָפּשאַצונג פון דער סיטואַציע. גיכער האָט זי — אין גײַסט פון אָבערגלויבן אין יענע צײַטן — געשטיצט זיך אויף אומנאַטירלעכע, איראַציאָנעלע ניסים, אויף צופאַלן.

די קבלה האָט די דאָזיקע משיח־האָפענונג פאַרבונדן פון איין זײַט מיט דער אינערלעכער וועלט פון מענטש, און פון דער צווייטער זײַט מיט דער פילאָסאָפיע פון דער קאָסמאָגאָניע, מיטן מתקן זײַן דעם חטא־הקדמון, פון וועלכן עס שטאַמען אַלע זינד, דערין אויך די זינד, צוליב וועלכע דאָס ייִדישע פאָלק האָט פאַרלוירן זײַן היימלאַנד. נישט געקוקט אויף דער גאַנצער פאַנטאַסטיק איז די משיח־אידעע אין דעם באַנעמען פון דער קבלה געווען אַן אוניווערסאַליסטישע, מיט ברייטע האָריזאָנטן און ווײַטע צילן.

די הויפּטטרעגער פון דער קבלהסטישער משיח־אידעע זענען געווען די גולי־ספרד, די געוועזענע מאַראַנען, וועלכע זענען אגב געווען אונטערן שטאַרקן אײַנפלוס פון די קריסטלעכע מיסטיקער מיט זייער מילעניום, מיטן זען אין די מגפות, מלחמות און אומגליקן, מיטן באַווײַזן זיך פון אַ קאָמעט — צייכנס פון די „רײַטער פון דער אַפּאָקאַליפּסיע".

חסדאי אבן קרשקש, דער רבי פון יוסף אלבו, האָט פאָרגעזאָגט, אַז משיח וועט געבוירן ווערן אין קאַסטיליע. דאָס פאַלן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין 1453 האָט דערוועקט משיחישע שטראָמען, דער עיקר בײַ די אנוסים. דער ספרדישער געלערנטער, דער באַקאַנטער דאָקטער באָנעט די לאַטיש האָט אַפילו באַשטימט אַ דאַטע 1505. אין שפּאַניע האָט זיך באַוויזן אַן עקזאַלטירט פּופּצן יאָריק מיידל פון הערערא, וועלכע האָט געהאַט זעונגען וועגן משיחס קומען. צווישן 1481 - 1489 האָבן די מאַראַנען דערוואַרט משיחן. אין 1502 האָט זיך באַוויזן אַ מקובל פון דײַטשלאַנד, אשר לעמלין, וועלכער האָט שנעל זיך דערוואָרבן אַ נאָמען און נאָך שנעלער פאַרגעסן געוואָרן.

דער נע־ונד פון די גולי־ספרד און די שווערע איבערלעבונגען פון

די מאַראַנען זענען געווען אַ גלענצנדיקער באָדן פאַר די משיח־האָפענונ־גען. יוסף אלבו האָט צוליבן וויכוח מיט די קריסטלעכע טעאָלאָגן גע־טענהט, אַז ביאת־המשיח איז נישט קיין עיקר פון יהדות, נאָר אַ נאַ־ציאָנאַל־היסטאָרישע טראַדיציע. קעגן אים איז אַרויסגעטרעטן דאָן יצחק אברבנאל אין איינער ביכער. דאָן יצחק אברבנאל האָט אַליין איבערגע־לעבט דעם גירוש און דעם צוואַנגס־שמד און דערביַי פאַרלוירן איינקע נאָענטע מענטשן. ער איז געווען אַזוי איבערגענומען מיט דער משיח־האָפע־נונג, אַז ער האָט אַפילו באַשטימט אַ דאַטע 1541 פאַרן קומען פון אויס־לייזער.

עובדיה פון בערטינאָראָ האָט געשריבן וועגן די פאַרלוירענע צען שבטים און דעם סמבטיון. ער האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דוד ראובני.

די משיח־באַוועגונג פון דוד ראובני און שלמה מולכו האָט געהאַט אַ גאָר גרויסע ווירקונג. דאָ האָבן זיך פאַראייניקט די פּאָליטיש־נאַציאָ־נאַלע טענדענצן פון ראובני מיט די מיסטישע האָפענונגען פון שלמה מולכו. אַ גרויסע ווירקונג האָט געהאַט די שווערע לאַגע פון די ייִדן און מאַראַנען אין שפּאַניע.

דוד ראובני האָט זיך באַוויזן אין 1524 מיט אַ „פּאָליטישער" מיסיע צו צעשלאָגן די טערקן בײַ דער הילף פון די קריסטן. נישט געקוקט אויף זײַן פּראַקטישן פּלאַן, וואָס האָט געפונען נושא־חן בײַם פּויפּס און אַפילו בײַ די קעניגן פון פּאָרטוגאַל און אַבעסיניע, איז ער אַליין געווען אַ גע־היימנישפולע פיגור. ער האָט זיך אָנגעגעבן אַלס ברודער פון אַ ייִדישן קעניג איבערן שבט ראובן ערגעץ אין אַראַביע. זײַן ווירקונג אויף די מאַראַנען איז געווען זייער גרויס, באַזונדערס ווען דער פּאָרטוגאַלישער מלך האָט אויף אַ צײַט צוליב אים נישט אײַנגעפירט די אינקוויזיציע.

ראובני איז געוואָרן אַ משיח אין מיסטישן זין פון וואָרט, ווען אין אים האָט אָנגעהויבן גלייבן דער ענטוזיאַסטישער מאַראַן דיעגאָ פּירעס (1500 ־ 1532), וועלכער איז אַנטלאָפן פון שפּאַניע, איבערגעגאַנגען צום ייִדנטום, אָנגענומען דעם נאָמען שלמה מולכו און זיך פאַרבונדן מיט די צפתער מקובלים. זײַן פּראָפּאַגאַנדע פאַרן נײַעם משיח, זײַנע עקזאַלטירטע דרשות האָבן באַדראָט די עקסיסטענץ פון די מאַראַנען, פון די גולי־ספרד און געווו. מאַראַנען אין די קריסטלעכע לענדער. דעם פּויפּס' דאָקטער

יעקב מאַנטין האָט מורא געהאַט פאַר שווערע קאָנסעקווענצן און ער האָט שלמה מולכו געמסרט פאַר דער אינקוויזיציע. שלמה מולכו האָט אָבער באַוויזן צו געווינען אויף זײַן צד דעם פּויפּס, וועלכער האָט אים געראַטעוועט פון דער אינקוויזיציע. ערשט דער אומפּאָרזיכטיקער שריט פון דוד ראובני און שלמה מולכו צו קומען קיין רעגענסבורג אויפן רייכסטאַג און גלייבן אין דער פאַרזיכערונג און שוץ פון קייסער האָט זיי געקאָסט דאָס לעבן. שלמה מולכו איז פאַרברענט געוואָרן ווי אַ קדוש און ראובני איז ערגעץ אין שפּאַניע געשטאָרבן אין אַ תּפיסה.

דער קורצער עפּיזאָד פון ראובני — מולכו, אין גאַנצן אַכט יאָר, האָט איבערגעלאָזן אַ גרויסן רושם אין זײַן צײַט, ווי אויך שפּעטער. אין זייער צײַט האָבן אַ סך מענטשן, ייִדן און קריסטן, געגלייבט אין זייער שליחות. די מאַראַנען האָבן אָפן דעמאָנסטרירט זייער ליבע צו ראובנין, גלייבנדיק אַז אָט ווערן זיי שוין אויסגעלייזט. ראובנ׳ס פאַרהאַלטן זיך סודותדיק האָט נאָך מער צוגעגעבן האָפענונגען. שלמה מולכו איז דער בולטסטער באַווײַז פון זײַן ווירקונג. אויך אין שפּעטערדיקע צײַטן זענען ראובני און מולכו אַרײַן אין דער ייִדישער לעגענדע, באַזונדערס שלמה מולכו, דער מאַראַן, וועלכער איז געגאַנגען אויף קידוש־השם. להיפוך צו אַנדערע „משיחים" זענען זיי געבליבן אין דער ייִדישער טראַדיציע ווי טרײַע זין.

נישט געקוקט וואָס די ייִדישע פירערשאַפט האָט די משיח־באַוועגונג געוואָלט האַלטן אין די אייגענע ד׳ אמות איז עס זיי נישט געלונגען. יעדע גרעסערע משיח־אויפרודערונג האָט אויך באַווירקט די נישט־ייִדישע וועלט. די לאַגע פון די מענטשן אין יענער צײַט איז נישט געווען קיין סטאַביליזירטע. דערצו נאָך זענען געווען שטאַרק אין אומגאַנג אַלערליי לעגענדעס און זאַבאָבאָנעס. דער קולטור־צושטאַנד איז געווען אַ נידעריקער און די דערוואַרטונג אויף אַ פּלוצימדיקער ענדערונג איז געווען די איינציקע שײַן פון האָפענונג. און דעריבער איז די ייִדישע משיח־באַוועגונג אַרויס פון די ייִדישע געטאָס און אָנגערירט אויך די נישט־ייִדן. דאָס האָט געבראַכט צו קאָנפליקטן מיט דער דרויסנדיקער מאַכט. דאָס איז געווען דער פאַל מיט דוד ראובני און שפּעטער מיט שבתי צבי.

אויפן באָדן פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, פון דער רעכטלאָזיקייט

און הפקר פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, פון דער עקאָנאָמישער עקס־פּלואַטאַציע און באַגרענעצונגען, פון דער שוידערלעכער רעאַליטעט — זענען בײַ ייִדן אויסגעוואַקסן צוויי ענג פאַרבונדענע גײַסטיקע באַוועגונגען: די קבלה און די משיח־האָפענונג. די קבלה, וואָס האָט געהאַט אין איר „פילאָסאָפיע" נישט־ייִדישע, קריסטלעכע אײַנפלוסן, האָט חוץ קלייניע אויסנאַמען נישט אָפּגעריסן פון ייִדנטום קיין טיילן נאָר אַדאַנק דעם וואָס זי האָט די אויסלייזונג פון מענטש, דאָס מתקן זײַן די זינד, פאַרבינדן מיט דער היסטאָריש־נאַציאָנאַלער טראַדיציע פון אַראָפּברענגען משיחן. וויפל זי האָט זיך נישט באַמיט אויסצובררייטערן דעם משיח־באַגריף איז ער געבליבן ריין נאַציאָנאַל־ייִדיש, ווײַל דער יסוד פון קריסטנטום איז, אַז משיח, ישו, איז שוין געקומען און מען דאַרף אים נישט ערשט דערוואַרטן.

דער רמבם, דרך כלל אַ ראַציאָנאַליסט, האָט געגלייבט אין דער משיח־קאָנצעפּציע, ווײַל דאָס איז געווען אַ נאַציאָנאַלער אימפּעראַטיוו. ער האָט געהאַלטן, אַז משיח וועט קודם־כל אויסלייזן די ייִדן, צוריקפירן זיי קיין א"י און ערשט דאַמאָלס אויסלייזן די גאַנצע וועלט. געטרײַ דעם מאָנאָטעיִסטישן וועלטבאַנעם האָבן די רבנים געהאַלטן, אַז משיח פירט נאָר אויס גאָטס ווילן.

דער פּלפּוליסט יעקב בירב פון צפת האָט געוואָלט גרינדן אַ סנהדרין און ווערן נשיא. זײַן ציל איז געווען אַראָפּברענגען משיחן, ווײַל לויטן רמבם וועט משיח קומען נאָך דעם, ווי דער סנהדרין אין א"י וועט ווידער זײַן טעטיק.

דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער, פּאָליטישער משיח האָט זיך נישט געלאָזט אָפּשטופּן אויפן צווייטן פּאָן. דאָרט ווו דער רעליגיעזער משיח האָט באַקומען דאָס ערשטע אָרט איז אַלס רעזולטאַט פון דער אַנטוישונג געקומען שמד, ווי בײַ שבתי צבי און יעקב פראַנק.

דער געדאַנק פון שיבת־ציון, וואָס האָט באַגלייט די משיחישע באַוועגונגען, האָט אָפּגעהיטן, אַז די דאָזיקע פאַרפירערישע השגות זאָלן ניט אָפּרײַסן גרויסע טיילן פון פאָלק. די שטרעבונג צו שיבת־ציון האָט געבוירן די משיח־האָפענונג, אָבער קיין מאָל זיך נישט אידענטיפיצירט מיט די פריידיקער, די פאַלשע משיחים.

אַזאַ ראַציאָנאַליסטישע גרופּע װי די קאַראַימער, װעלכע האָבן פּראָבירט זייער ציון־בענקשאַפֿט דורכפֿירן אין לעבן, אָבער זיך אָפּגעריסן פֿון די טראַדיציאָנעלע שורשים, האָט נישט באַװיזן מיטצורײַסן דאָס גאַנצע פֿאָלק. בײַם פֿאָלק איז שוין דאַמאָלס די בענקשאַפֿט צו ציון געװען אַ דערהויבענער ציל, אַ גײַסטיקע לײַטערונג, אַ העכערער אידעאַל, און נישט קיין פּראַקטישער ציל. שיבת־ציון האָט באַקומען אַ העכערן זין פֿון אײַנהאַלטן די װערטן פֿון פֿאָלק װי אַ מיטל פֿון קיום און המשך.

אַזוי האָט זיך דאָס געצויגן פֿון יוחנן בן זכאי ביז אחד העם.

דאָס פֿאַרבינדן די קבלה מיטן קומען פֿון משיח האָט געבראַכט צום אויפֿקומען פֿון אַ סך עקזאַלטירטע טרוימער — און טייל מאָל שװינדלער — װעלכע האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם נסיון און אַװעק אויף קרומע װעגן.

דער באַקאַנטסטער פֿון זיי איז געװען יוסף דילה ריינא, אַ מקובל פֿון שפּאַניע אין 15טן י״ה. ער האָט „באַװיזן" מופֿתים, געװאָלט באַזיגן דעם שטן און ברענגען משיחן. דערװײַל האָט דער שטן אים אַליין באַזיגט. ער האָט פֿאַרגעזאָגט משיחס קומען אין 1490, שפּעטער עס אָפּגעלייגט אויף 1530. די מקובלים אין צפֿת האָבן דערציילט, אַז דער ארי הקדוש האָט דילה ריינא׳ס נשמה דערקענט אין אַ שװאַרצן הונט. לויט זיי איז דילה ריינא נאָכן דורכפֿאַל געװאָרן אַ פֿאַרבינדעטער פֿון שטן, אַ ליבהאָבער פֿון לילית אאַ״װ. דער מוסר־השכל איז, אַז מען טאָר נישט אַראָפּברענגען משיחן מיט מאַגיע.

די גירושים, די װאַנדערונגען פֿון די מאַראַנען אויף נײַע װוינערטער, דאָס געצװונגענע אַנטלויפֿן פֿון די פּוילישע ייִדן קיין מערב און טערקײַ, דאָס אויסלייזן ייִדישע געפֿאַנגענע בײַ די טאָטערן — דאָס האָט צוזאַמענגעבראַכט געליטענע פֿון פֿאַרשידענע ישובים און אונטערגעשטראָכן זייער געמיינזאַמען גורל.

דעריבער האָט די משיח־באַװעגונג פֿון שבתי צבי געטראָגן נישט קיין לאָקאַלן כאַראַקטער און זיך פֿאַרשפּרייט אין טערקײַ און אין אייראָפּע.

די צײַט איז געװען חורבן און אומקום. דער ייִדישער ישוב אין פּוילן איז געװען חרוב צוליב דער קאָזאַטשיזנע, מלחמות פֿון די שװעדן און רוסן אויף דער פּוילישער ערד. די קהילות אויסגעהרגעט, די לעבנגע־

בליבענע זענען גענומען געוואָרן געפאַנגען. די רעאַליטעט איז געווען אַזאַ, אַז קיין שום שכלדיקער אויסוועג איז נישט געווען. דייטשלאַנד, וווּהין די פּוילישע ייִדן זענען געלאָפן, האָט אָנגעטאָן מוראדיקע צרות און די דייטשע ייִדן האָבן געלעבט אין ערגערע באַדינגונגען ווי די ייִדן אין פּוילן פאַר די אומרוען. אין טערקיי, וווּ די געפאַנגענע זענען אויסגעלייזט געוואָרן דורך די ייִדישע קהילות, האָבן זיי געליטן פון דעספּאָטיזם און ווילקיר פון די פּאַשאַס, פון פעלן פון גייסטיקער און עקאָנאָמישער פרייהייט. די אָרעמקייט פון א"י־ישוב, דאָס לעבן פון נדבות איז געווען אַ גוטער באָדן פאַר מיסטיק. א"י איז געווען אַ לאַנד פון מקובלים.

דעריבער איז יעדער איראַציאָנעלער אויסוועג געווען אָנגענומען. אַ באָדן דערצו האָט צוגעגרייט די קבלה. דעם אריס קבלה האָט געהאַלטן, אַז דער פּראָצעס פון „תיקון" האַלט ביים סוף. דאָס איז געווען דער דינאַמישער שטויס פאַר שבתי צבי.

שבתי צבי (1620 - 1676) איז געווען אַן אשכנזי, וועלכער האָט געלעבט אין דער טערקישער אימפּעריע, אין סמירנע. ער איז געווען אַ פעיִקער מענטש און צו אַכצן יאָר באַקומען דעם טיטל „חכם". ער האָט געליטן פון דעפּרעסיע, אַריינגעפאַלן אין לאַנגע פּעריאָדן פון מעלאַנכאָליע. צווישן די אָנפאַלן האָט ער געהאַט עקזאַלטירטע וויזיעס. ער האָט געפירט אַן אַסקעטיש לעבן. שוין אין זיין פריִער יוגנט איז ער געקומען צום געדאַנק וועגן אָפּוואַרפן די געבאָטן, דעם גאַנצן שולחן־ערוך. זיין לאָזונג איז געווען „דערלויבן דאָס פאַרבאָטענע". דאָס איז געווען אַ פּראָטעסט קעגן שטרענגן רבּיניזם און קעגן טרויער פון די מקובלים. אין גייסט פון זיין איינשטעלונג האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ מיידל פון פּוילן, שרה, אַ געוועזענע געפאַנגענע מיט אַ שלעכטער רעפּוטאַציע. ער האָט זיך פאַררופן אויף גאָטס באַפעל צום נביא הושע חתונה צו האָבן מיט אַ זונה. דער פּראָטעסט קעגן די שטרענגע דינים איז ביי אַלע סעקטאַנטן, פון שבתי צבי ביז יעקב פראַנק, דערפירט געוואָרן צו אויסגעלאַסנקייט און אָרגיעס. די נישט־זיטלעכע אויפפירונג, וואָס איז געווען אין קעגנזאַץ צו דער ייִדישער טראַדיציע פון טהרת משפחה, איז געווען וואָרשיינלעך איינע פון די סיבות, וואָס האָט די סעקטאַנטן אַרויסגעטריבן פון דער ייִדישער געמיינשאַפט.

די שבתי צבי־באַוועגונג איז נישט געווען דאָס ווערק בלויז פון אים אַליין. פיל מער האָבן אים געהאָלפן אַ ריי מקובלים, טרוימער און שווינד־לער. שבתי צבי אַליין איז בעת איינער פון זײַנע מעלאַנכאָלישע אָנ־פאַלן אַוועק צו דעם „נביא״ נתן העזתי צו באַקומען בײַ אים אַ תּיקון. טאַקע דער נתן האָט דאָס שבתי צבי פּראָקלאַמירט אַלס משיח.

די באַוועגונג האָט אָנגענומען אַזאַ ברייטן פאַרנעם, אַז עס איז פאָר־געקומען ממש אַ שפּאַלטונג אין יידישן לעבן. עס האָבן זיך געשאַפן „מא־מינים״ (גלויביקע אין שבתי צבי) און „כופרים״, ווי די שבתי־צביניקעס האָבן אָנגערופן זייערע קעגנער. הגם שבתי צבי און נתן האָבן פאַרלאַנגט צו גלייבן אין זייער שליחות אויסצולייזן די יידן אָן צו באַווײַזן מופתים, האָבן דאָך זיך פאַרשפּרייט זייער אַ סך קלאַנגען וועגן איבערנאַטירלעכע ווונדער פון נײַעם משיח, מיט דאַטעס וועגן טאָג פון דער גאולה.

אַן עקזאַלטאַציע האָט אַרומגעכאַפּט ברייטע מאַסן. בלויז אין סמירנע זענען געווען הונדערט און פופציק „נביאים״, דערין אַ סך פרויען, וועל־כע האָבן געהאַט „זעונגען״. עס פאָרן אַרום עמיסאַרן. שבתי און זײַנע געהילפן שיקן בריוו. די פיקציע און פאַנטאַזיע אַפּעלירט צו די משיחי־שע שטימונגען. די ראַפּאָרטן פון די קריסטלעכע דיפּלאָמאַטן פאַרשטאַרקן די גלייביקייט אין אייראָפּע, ווו די מילעניום־שטימונגען זענען שטאַרק אָנגענומען.

די רבנים שטעלן זיך נישט אַקעגן. אַ טייל פון זיי איז אַרומגעכאַפּט מיטן גלייבן אין שבתי צבי, אַ גרעסערער טייל, וואָס צווייפלט צי שבתי צבי איז טאַקע דער משיח, גלייבט אָבער בכלל אין דעם, אַז משיח דאַרף קומען. זיי צווייפלען אויך צי זיי דאַרפן זיך קעגנשטעלן, אין אָנבליק פון די טראַגישע פּאַסירונגען, פון די שוידערלעכע פּאָגראָמען פון די קאָזאַקן.

אין פּוילן איז דאַמאָלס געווען די גרעסטע יידישע קאָנצענטראַציע. יידן האָבן געלעבט מער ווייניקער פאַרמעגלעך, געהאַט אַ ברייטע אויטאָ־נאָמיע, געווען טיילווײַז געשיצט. דאָס מוראדיקע אומגליק פון ת״ח ות״ט, די שוידערלעכע רציחות פון די קאָזאַקן, דער פאַרראַט פון די פּאָליאַקן, דאָס אויסשעכטן גאַנצע קהילות. דאָס אַוועקפירן דורך די טאָטערן די יידן אַלס שקלאַפן האָט צעטרייסלט די יידישע געזעלשאַפט. געשענדעטע פרויען, פאַרקויפטע מענער צעזייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט, די

גרויסע צאָל אומגעבראַכטע קינדער — דאָס אַלץ האָט רויִנירט דאָס יִידי־שע לעבן, צעשטערט די פונדאַמענטן. די מוראדיקע טויטן, דאָס פאַרברע־נען שולן און ספרי־תּורות, דער העלדישער קידוש־השם האָט בײַ די דורך אַ נס לעבנגעבליבענע צעשטערט די נאָרמאַלע דימענסיעס פון דענ־קען. מען האָט געקומען גלייבן אַז נאָר אַ נס קען ראַטעווען, באַזונדערס, ווען די אומרוען און מלחמות האָבן נישט אויפגעהערט.

דאָס איז געווען אַ גוטער באָדן פאַר דער שבתי־צבי־באַוועגונג.

אַזוי אַרום באַקומט די באַוועגונג אַ ברייטן פאַרנעם און אין פוילן זענען פאָרגעקומען גרויסע עפנטלעכע דעמאָנסטראַציעס.

צום פאַרשפרייטן זיך פון שבתי־צביאיזם האָבן געווירקט אַ ריי פאַק־טאָרן. קודם־כּל איז דער רוף געקומען פון הייליקן לאַנד. דער פּרעסטיזש פון ירושלים און צפת האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל. די „נביאות" פון נתן העזתי און אַנדערע עמיסאַרן האָבן פאַרדעקט די שאָטנזײַטן פון שב־תיס פּערזענלעכקייט, אויסטײַטשנדיק זיי מיט פשטלעך. אַ צווייטע סי־בה איז געווען דאָס וואָס דער דאָזיקער משיחיזם האָט זיך געשטיצט אויף דער קבלה, וואָס איז שוין געווען טראַדיציאָנעל אָנגענומען. די פּי־רער האָבן קינציק פאַרדעקט די נײַע, נישט־טראַדיציאָנעלע און נישט־יִדישלעכע עלעמענטן. דערבײַ אָבער האָט זי געהאַט נאַציאָנאַלע צילן פון אויסלייזן דאָס פאָלק און אויסגעדריקט די שטרעבונגען אי פון די טראַדיציאָנעלע און קאָנסערוואַטיווע און אי פון די עקזאַלטירטע באַנײַ־ער און אוטאָפּיסטן. דאָס כּסדרדיקע רופן צו תּשובה האָט אַפּעלירט צו אַלעמען, צו די מאַסן און צו די רבנים.

אין דער שבתי צבי־באַוועגונג האָט די קלענסטע ראָל געשפּילט שב־תי צבי אַליין. אברהם הכּיני שרײַבט אָן אַ פאַלשן דאָקומענט וועגן שבתי צבי אַלס משיח. נתן העזתי, זײַן נביא, איז דער הויפּטמאָטאָר פון עק־זאַלטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. דער כיטרער סעקרעטאַר פון פאַלשן משיח — שמואל פּרימאָ, וועלכער פאַרשפּרייט אַלע לעגענדעס און מופתים, — די אַלע זענען געווען די פּירער און שעפער פון דער מאַסן־באַוועגונג. עס איז געווען אַ באַוועגונג פון נאַכטוואַנדלער, פון לונאַטיקער, וואָס די צײַט האָט געווירקט אויף זיי. אַ באַווײַז דערצו איז דאָס, וואָס ווען אויס מורא פאַרן לעבן האָט זיך דער משיח געשמדט, געוואָרן אַ מוסלים אַזיז־מחמד־

עפּענדי — האָט דאָס, אַלס כּלל, נישט געשאָדנט דער באַוועגונג. אומזיסט האָט יעקב סאַספּאָרטאַס, אַ גרויסער ספרדישער רב, און אייניקע אשכּנזי־שע רבנים זיך קעגנגעשטעלט. דער רוב רבנים האָט געשוויגן, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען. דער דאָקטער טוביה כּהן האָט געשריבן, אַז די ש.צ.־באַוועגונג האָט „אונדז באַדעקט מיט שאַנד אין די אויגן פֿון דער וועלט״.

די באַוועגונג איז געווען טיפֿער און באַטײַטנדיקער ווי די פּערזענ־לעכקייט שבתי צבי. הונדערט יאָר האָט געגאָלטן דער פּאַראַדאָקס, אַז דער משיח פֿון ייִדישן פֿאָלק איז אַ משומד, אַן אַפּטריניקער. זײַן טויט איז אַדורך כּמעט אומבאַמערקבאַר. אָבער די באַוועגונג האָט עקסיסטירט. עס האַלטן עס אויף אברהם מיכל קאַרדאָזאָ, וועלכער פּריידיקט צוויי געט־לעכקייטן. איין געטלעכקייט איז די ערשטע סיבה פֿון דער עקסיסטענץ, האָט נישט קיין אַטריבוטן און איז נישט צום באַנעמען מיטן שכל. די צווייטע געטלעכקייט איז דער „הייליקער פֿאָטער״, דער גאָט פֿון ישׂראל, דער הערשער פֿון דער וועלט. שבתי צבי איז די פֿאַרקערפּערונג פֿון דער צווייטער געטלעכקייט, גאָט און מענטש צוגלײַך. דער דאָזיקער דאָקטער און מאַראַן האָט פֿאַרן אָנגעמען ייִדישקייט געפֿירט אַ פֿרײַ, צעלאָזן לעבן. נאָך אַ באַגעגעניש מיט שבתי צבי איז ער געוואָרן זײַן פֿאַרברענטער אָנ־הענגער. זיך האָט ער געהאַלטן פֿאַר משיח בן־יוסף. זײַן פֿאַרגאַנצטער סיסטעם פֿון שבתי־צביאיזם האָט אַ סך קריסטלעכע מאָמענטן: דער לײַדנ־דיקער משיח, גאָט־מענטש און אַנדערע סימבאָלן גענומען פֿון זײַן קריסט־לעכער פֿאַרגאַנגענהייט.

מרדכי מוכיח (1680) דערקלערט זיך פֿאַר משיח בן־דוד און פֿאָרט אַרום מיט דרשות.

דער חזן פֿון סמירנע דניאל ישׂראל האָט אָפּגעלייקנט, אַז שבתי צבי איז געשטאָרבן. אין סאַלאָניקי האָט דער „גלגול״ פֿון שבתי צבי, זײַן שוואָגער פֿון לעצטן ווײַב, יעקב צבי, געפּריידיקט, אַז מיט אויסגעלאַסנ־קייט קען מען אויסלייזן די וועלט, ווײַל צו איין זאַך קען די מענטשהייט לײַכט דערגרייכן, צו כּולו חייב. די סעקטע האָט לפֿנים אָנגענומען דעם איסלאַם (1687), ווי זייער משיח. פֿון דער סעקטע זענען געוואָרן אַ סך סעקטעלעך.

אין פוילן גייען צוויי שטראָמען פון שבתי־צביאיזם. איינע איז גע־שטיצט אויף דער קבלה, די אַנדערע איז די שטרעמונג אַראָפּצוּוואַרפן דעם עול פון ייִדישקייט, אַנטלויפן פון די ייִדישע צרות. שבתי צבי און די „דענמע" האָבן געמאַכט אַ פּשרה מיטן איסלאַם. די פּוילישע — מיטן קריסטנטום. אויף דעם באָדן האָט זיך פאַרשפּרייט דער פראַנקיזם.

אין פוילן האָבן געווירקט דער מקובל חיים מהלך (דער גייער), וועל־כער איז איבערגעגאַנגען אין חיים מלאך. ער איז געווען עטלעכע מאָל אין סאַלאָניקי. צוזאַמען מיט יהודה חסיד פון שידלאָווצע האָבן זיי צו־נויפגעזאַמלט ביז 1.500 מאַן און אַוועק קיין א״י. זיי האָבן דערוואַרט דאָס צוריקקומען פון שבתי צבי אין 1706. נאָך דער אַנטוישונג איז זיך די גרופּע צעפאַלן. אַ געוויסער טייל איז אַריבער צום איסלאַם און קריסטנ־טום. נאָר אַ קליינער טייל איז צוריקגעקומען און געבליבן ביי זייער סעק־טאַנטישקייט, דערציילנדיק וווּנדערלעכע משיח־געשיכטן.

דער שבתי־צביניק נחמיה חיון (כאַיאָן) פון באָסניע איז געגאַנגען ווייטער פון דואַליזם פון קאַרדאָזאָ. ער האָט אָנגענומען די דריי־אייניקייט פון גאָט. נישט קיין וווּנדער, וואָס זיין זון האָט זיך געשמדט און גע־מסרט פאַר דער אינקוויזיציע די ייִדן און דעם ייִדישן דת.

באַהאַלטענערהייט, אין די ראַמען פון די רבנישע אויטאָריטעטן, לעבן די אָנהענגער פון שבתי צבי. טייל דערמאָנען צו מאָל נישט זיין נאָ־מען. נתן העזתי האָט זיך אַפילו עטלעכע מאָל עפנטלעך אָפּגעזאָגט פון אים, אָבער שטילערהייט ווייטער געפירט די פראָפּאַגאַנדע. בלויז אַ קליי־נער טייל פאָלגט דעם ביישפּיל פון זייער משיח און נעמען אָן דעם איס־לאַם. אַזוי טוען פיר הונדערט משפּחות אין סאַלאָניקי און ווערן אַ באַ־זונדערע גרופּע די א״ג „דענמע". אַלע אַנדערע בלייבן אין די ראַמען פון ייִדישקייט, נישט אויפגעבנדיק אין האַרצן זייערע משיחישע האָפע־נונגען און נישט פאַרגעסנדיק דעם רעוואָלט קעגן שטרענגן רבנישן קאָנ־סערוואַטיזם און טרויער.

שבתי צבי געדענקט מען אַלס משיח בן־דוד און זיינע נאָכפאָלגער באַטראַכטן זיך דעריבער פאַר משיח בן־יוסף. באַזונדערס שטאַרק איז די השפּעה צווישן די בעלי־מלאכות. אין ווילנע האָט הערשל זאָרעף (1663 - 1709), אין גראָדנע צדוק (אין די יאָרן 1690 - 1694) געפירט אַזאַ פּראָפּאַ־

גאַנדע. אַנדערע עקזאַלטירטע „נביאים״ זאָגן פאָר דאָס צוריקקומען פון זייער משיח אין באַשטימטע טערמינען.

די „שעבסן״, ווי די יידן האָבן גערופן די באַהאַלטענע אָנהענגער פון שבתי צבי, פירן אַ טאָפּלט לעבן. געהיימערהייט זענען זיי עובר אויף אַ ריי געבאָטן, עסן חלב, פירן זיך אין סעקסועלע פראַגן זייער פריי.

אָבער נישט בלויז די „שעבסן״, נאָר אויך אַ ריי רבנים און געלערנטע האַלטן אויף די משיח־אידעע, מער אָדער ווייניקער געבונדן מיט דער פּערזאָן פון שבתי צבי, אָבער תּמיד אין גייסט פון זיינע וויזיעס. מיר זעען עס ביי די פאָרגייער פון חסידות, ביים לאָנדאָנער בעל־שם (חיים שמואל יעקב פאַלק, 1710 – 1782), אַ מאַגיקער פון גאַליציע, וואָס אומעטום האָט מען אים געטריבן. ער איז געווען אַ „פּראָדוצירער פון גאָלד״.

אַפילו אַזאַ גרויסער למדן ווי דער ספרדישער רב משה חיים לוצאַטאָ, פּאָעט און געלערנטער, האָט געשריבן אַ „צווייטן זוהר״, וואָס אַ „מגיד״ האָט אים דיקטירט. ער האָט גערעדט וועגן אַ „שליחות״ און דעריבער דורך די רבנים אַריינגעלייגט געוואָרן אין חרם (1734) אַלס „שעבס״.

אין פּוילן האָט די שבתי צבי־באַוועגונג געהאַט אַן אויפלעבונג אין הונדערט יאָר שפּעטער. דאָס איז געווען דער אויפשטאַנד פון די פראַנקיסטן קעגן דער אָליגאַרכיע פון קהל און קעגן דער שטרענגקייט פון יידישן דת. די באַוועגונג פון די פראַנקיסטן איז געווען אַ מאָדיפיקאַציע אויפן פּוילישן באָדן, זי איז געווען קליין, אָבער אָנגעטאָן אַ סך צרות.

אַ פּראָסטאַק און אַן עם־הארץ האָט יעקב פראַנק זיך פאַרבונדן מיט די געהיימע „שעבסן״. אַ גרויסע ווירקונג האָט אויף אים געהאַט דער ביישפּיל פון דער „דענמע״. ער האָט אויך עולה־רגל געווען צום קבר פון נתן העזתי. אָבער דער עיקר איז ביי אים געווען דער ניהיליזם. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַוועקגיין פון צוויי הויפּטפּרינציפּן פון יידישן לעבן: פון דער משפּחה־ריינקייט און פון דער ציון־בענקשאַפט. דער רעוואָלט קעגן קאָנסערוואַטיוון רבניזם און אַסקעטישן מיסטיציזם, וואָס ביידע האָבן געדריקט אויפן פּשוטן מענטש, האָט געגעבן יעקב פראַנקן (1726 – 1791) אַן אָנשפּאַר אין דער געזעלשאַפט. אָבער נישט געקוקט דערויף האָט ער געוווּנען קנאַפּ אָנהענגער, ווייל די אַנטוישונג אין משיחיזם איז

געווען פונקט אַזוי גרויס ווי די האָפענונג אויף משיחן. דאָס האָט נייטראַ־ליזירט די מאַסן. בלויז קליינע גרופּן האָבן אַקטיוו זיך באַטייליקט אין שטרײַט אויף בײדע זײַטן.

די פראַנקיסטן, אויף וועמען די ייִדן האָבן געלייגט אַ חרם, האָבן זיך געוואָנדן נאָך הילף צו דער קריסטלעכער קירך.

אין דער קירך זענען געווען אָנהענגער און קעגנער פון אַ מאַסן־שמד פון ייִדן. באַזונדערס איז די קירך געווען נישט צופרידן פון אַרײַנ־ברענגען „נײַעסן", און דאָס האָט באַלד פון פאָרויס באַשטימט דעם גורל פון די פראַנקיסטן. מען האָט זיי נאָר אויסגענוצט צו אַ דיספּוט מיט די ייִדן, מיט דעם זיי זאָלן אונטערשטיצן דעם עלילת־דם־בלבול. אויפן דיס־פּוט (1757) האָבן די פראַנקיסטן אַטאַקירט דעם תּלמוד, אָפּגעזאָגט זיך פון שיבת־ציון און אָנערקענט די פּרינציפּן פון קריסטנטום: דרײַ־אייני־קייט, דאָס וואָרטן אויף משיח איז אַן אומזיסטע האָפענונג, גאָט באַווײַזט זיך אין געשטאַלט פון אַ מענטש און לייזט אויס אַלע זינד. נאָך פאָרן אָפיציעלן שמד האָבן זיי זיך דערנעענטערט צום קריסטנטום. דער אָפיציע־לער שמד איז נאָר געווען אַ פאָרמאַליטעט. פינף הונדערט און פערצן מאַן האָבן זיך געשמדט בלויז אין לעמבערג. הונדערטער אין אַנדערע ער־טער. קאַריערע און לעבנס־אינטערעסן זענען באַדעקט געוואָרן מיט אַ מיסטישן שלייער.

נאָכן שמד זענען זיי געבליבן אַ סעקטע, וואָס האָט פּראַקטיצירט קאַ־טאָליציזם אָפיציעל, און אין געהיים געערט די הייליקע בתולה, די עלמה, און געפּראַוועט אָרגיעס. די סעקטע האָט צוזאַמען מיט די „צוועלף ברי־דער" (גענומען פון די צוועלף אַפּאָסטאָלן) אויך געהאַט „צוועלף שוועס־טער". פון מיסטיציזם איז געוואָרן מיסטיפיצירונג.

דאָך האָבן זיי נישט געוואָלט אַזוי גיך פאַרלאָזן די ייִדישע רייען און געהאַט געפאָדערט ביי דער קאַטוילישער קירך אַ ריי דערלויבענישן: מעגן זיך אָנרופן ייִדן און טראָגן ייִדישע נעמען; אָפּהיטן חוץ זונטיק אויך שבת; הייליק האַלטן דעם „זוהר"; נישט עסן קיין חזיר; חתונה האָבן נאָר צווישן זיך. די גלחים האָבן פאַרלאַנגט פולע אײַנגלידערונג, אָן „נײַעסן". אָבער די פראַנקיסטן האָבן פון דעסטוועגן זיך געהאַלטן ווי אַ באַזונדערע גרופּע אַ לענגערע צײַט.

נישט געקוקט אויף דער פּראַקטיק פון יעקב פראַנק, וועלכער האָט איין מאָל אָנגענומען דעם איסלאַם (1757) און שפּעטער צוויי מאָל זיך געשמדט (1759), נישט געקוקט אויף דער אויסגעלאַסנקייט פון אים און פון זײַן טאָכטער רחל, וועלכע האָט אָנגענומען דעם נאָמען חוה, זענען די געשמדטע געווען על פּי רוב ווײַט פון ניהיליזם און אַרגיעס. צווישן זיי זענען געווען געבילדעטע און זיי האָבן שפּעטער זיך אַרויסגעוויזן אַלס ליבעראַלע מענטשן. קען זײַן, אַז זייער וועג צו עמאַנסיפּאַציע איז דורך אַ ריי אומשטענדן געגאַנגען דורך אַ קרומען שטעג, דורכן פראַנקיזם און שמד. אין זייערע פאַרלאַנגען אײַנצוהאַלטן די ייִדישע אידענטיטעט און דאָס וועלן פאַראייניקן ייִדנטום מיטן קריסטנטום, זייערע דאָגמאַטישע פּש־רות, — זענען באַווײַזן, אַז נישט בלויז שבתי־צביאיזם איז געווען אין דער פראַנקיסטן־באַוועגונג. נאָר אַ טייל פון זיי האָט געזוכט אויף בליג־דע שליאַכן דעם וועג צו עמאַנסיפּאַציע.

די אָפיציעלע ייִדישע טראַדיציע פאַראורטיילט אַלע פאַלשע משי־חים, באַזונדערס די, וועלכע האָבן דערפירט צו שמד. יעקב עמדן איז אַפילו געגאַנגען אַזוי ווײַט צו דערקלערן דעם „זוהר״ אַלס פאַלסיפיקאַט, וואָס איז פול מיט נישט־ייִדישע טענדענצן.

אָט די איראַציאָנאַלע אילוזיע, וואָס האָט טײַער געקאָסט דעם פאָלק און געבראַכט אים אַנטוישונגען, איז נישט קיין רעזולטאַט פון די משי־חים־פּערזענלעכקייטן און פון דער פינצטערניש פון דער מאַסע. גיכער איז עס אַ פועל־יוצא פון אַ צו מוראדיקער רעאַליטעט, צו וועלכער די קאָנסערוואַטיווע אָנפירונג פון די רבנים האָט נישט געפונען קיין לייזונג און עס איבערגעלאָזן פאַר די טרוימער און פאַנטאַזיאָרן צווישן די מקובלים. נישט איין שווינדלער האָט אויסגענוצט די דאָזיקע סיטואַציע.

דער קאָנסערוואַטיווער רביניזם האָט בלויז געקענט מוסר און שטראָף. דער „קב הישר״ פון צבי הירש קוידאַנאָווער און דער „שבט מוסר״ פון אליהו הסדן פון סמירנע — האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק און אַ פינצטערע אימה מיט זייערע געשיכטן און מעשיות.

מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז דער משיח־געדאַנק — אַפילו מיט זײַ־נע טרויעריקע קאָנסעקווענצן אין דער פּראַקטיק — איז געווען נישט בלויז אַ זיסע אילוזיע אין שווערן לעבן, נאָר אויך אַ טרײַבקראַפט,

וואָס האָט געטריבן די בלוט־צירקולאַציע אין פאַרפּייניקטן גוף פון ייִדישן פאָלק.

די משיח־אידעע איז כּמעט אַזוי אַלט ווי דאָס ייִדישע פאָלק און קיי־נער האָט זיך פון דעם נישט געקענט אָפּזאָגן. עס האָט דאָס נישט גע־טאָן דער ראַציאָנאַליסט רמבם, עס האָט דאָס נישט געטאָן יוסף אלבו, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז משיח איז נאָר אַ היסטאָריש־נאַציאָנאַלע טראַ־דיציע, עס האָבן דאָס נישט געטאָן שפּעטער די חסידים, וועלכע האָבן אָפּגעלייגט ביאת־המשיח אויף שפּעטערדיקע צייַטן — טאָקע צוליב די אַנטוישונגען — אָבער קיין מאָל זיך נישט אָפּגעזאָגט דערפון.

עס האָבן דאָס נישט געטאָן די השכּלה און די רעפאָרם־באַוועגונג, וועלכע האָבן די משיח־אידעע געזען אין דער מיסיע צו פאַרשפּרייטן ריינעם מאָנאָטעיִזם. עס האָט דאָס נישט געטאָן לעאָפּאָלד צונץ, דער־קלערנדיק, אַז משיח איז אַ קאָלעקטיווער גייַסט און פאַר אים איז 1848, דער פעלקער־פרילינג, געווען אַזאַ משיח.

דער משיח־מאָמענט איז באַזונדערס געקומען צום אויסדרוק אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט איבערגענומען בייַם משיחיזם נאָר דעם שיבת־ציון־געדאַנק. דאָס רעוואָלוציאָנערע איז געווען דער ווילן אַליין אַראָפּברענגען משיחן, אַליין אויסצוקעמפן די פּאָליטישע זעלבשטענ־דיקייט. ציוניזם האָט נאָר ווי אַן אתחלתא דגאולה געקענט געפינען אַן אָפּקלאַנג בייַ די ברייטע מאַסן. דערמיט האָט דער ציוניזם אַפּעלירט צו די טראַדיציאָנעלע מקורות פון ייִדנטום.

די משיחים־באַוועגונג איז געווען אַן אויסוועג מיט אויסערלעכע פּאַ־סירונגען צו לייזן די פּראָבלעמען פון שווערן לעבן. חסידות איז געגאַנ־גען מיט אַן אַנדער וועג. ענדערן די אויסערלעכע באַדינגונגען האָט זי נישט געקענט — האָט זי געוואָלט אומענדערן דעם מענטש, ער זאָל נישט אונטערוואַרפן זיך גייַסטיק און נישט פילן די רעאַליטעט. פּונקט ווי די טעאָרעטישע קבלה האָט זי זיך געווענדט צו דער אינערלעכער וועלט פון מענטש און דאָרט דורכגעפירט די ענדערונגען צום דורכהאַלטן די שווערע צייַט.

ג. חסידות

די חסידישע באוועגונג האט געהאט אירע באגייסטערטע אנהענגער אין אלע קרייזן און שיכטן. חסידיזם האט אפעלירט צו אלע גרופן: פראס־טע מענטשן, מיסטיקער, למדנים, רבנים, ארעמע און רייכע. חסידות האט געוואלט פארענטפערן אלע פראבלעמען פון יחיד, און דער עיקר פון יחיד, דערנאך ערשט פון פאלק און וועלט.

צי איז עס געווען א פארענטפערונג פון די פראבלעמען און נויטן פון דער דאמאלסדיקער צייט, א היסטאריש געשעעניש, אדער האט זיך חסידות פארמאסטן צו לייזן אין אלגעמיין די פראבלעמען פון ייד אין דער וועלט, לויט אונדזער גייסטער טערמינאלאגיע — די לייזונג פון די דילעמעס פון קיום און המשך?

לאמיר באלד זאגן, אז פארמאסטן האט זיך חסידות גאר גרויס, צו לייזן פראבלעמען פון גאנצן נאציאנאלן קיום, אבער דערגרייכט האט זי דאס, וואס זי האט פארענטפערט — לויט איר מיינונג און לויט איר איינ־שטעלונג — די הארבע דילעמעס נאר פון איר צייט. זי איז געווען א צייטמעסיקע באנייונג פון יידישן דת, וואס אין יענע באדינגונגען האט דאס נאך געהייסן די באנייונג פון פאלק.

וואס זענען געווען די דילעמען, די צייטפראגן?

עס איז געווען דער שטילשטאנד נאך א שטורעם, ווען דער מענטש דערזעט ערשט דעם חורבן. און דער חורבן איז געווען אזוי גרויס, אזוי מוראדיק, אז עס האט געדראט א געפאר פון גרויסער פארצווייפלונג.

עס איז געווען א שוידערלעכע לאגע נאך דער קאזאטשינע און די פאגראמען פון פוילישן נאציאנאלן העלד גענעראל טשארניעצקי בעת דער מלחמה מיט די שוועדן. די יידישע קהילות זענען געווען צעשטערט, אויס־געהרגעט און די לעבנגעבליבענע יידן פאראֶרעמט. די קריסטלעכע מאכט־האבער האבן נאך מער ווי פריער ארויפגעלייגט שווערע שטייערן און קאנטריבוציעס. פוילן איז פון א לאנד ווו יידן האבן אריינאימיגרירט גע־ווארן א לאנד פון עמיגראציע.

אַנשטאָט דעם וואָגלער דעם ספרדי באַווייַזט זיך דער וואָגלער דער אשכּנזי.

ווען אין פּוילן שטילן זיך איַין די מלחמות מיט די רוסן, שוועדן, דייַטשן — הערן אָבער נישט אויף די אינערלעכע קאַמפן צווישן די שטאַנדן: קעניג, מאַגנאַטן, קירך, שליאַכטע און די שטאָטלייַט. די ייִדן, וועלכע האָבן געלעבט אין פּוילן און ליטע האָבן אַנטייל גענומען אין דער גאַנצערווירטשאַפט און זיי לייַדן אַם מערסטן פון די אינערלעכע שטרייַטן. דער ייִד, דער שוואַכסטער, ווערט דער קרבן פון זייערע אינטערעסן.

די מלחמות ברענגען צו דער צעפאַלונג פון פּוילן. די קאָזאַקן־אַטאַמאַנען, די טרויעריק באַרימטע כמיעלניצקי, זשעלעזניאַק און גאָנטאַ, „צעטרייסלען דאָס לאַנד, ברענגען אַרייַן אַ כאַאָס, די ווירטשאַפט ווערט רויִנירט". ייִדן ווערן אַרייַנגעטריבן אין ספּעציעלע פּרנסות ווי שענקערייַ, קליינהאַנדל. זיי ווערן אָפּהענגיק פון קאַפּריז פון די מאַגנאַטן און שליאַכטע.

אויב די ייִדן האָבן דורכגעהאַלטן די שווערע צייַטן האָבן זיי דאָס צו פאַרדאַנקען זייער געזעלשאַפטלעכער זעלבשטענדיקייט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער אויטאָנאָמיע אין פראַגן פון אינערלעכן ייִדישן לעבן.

ווי לאַנג די קעניגלעכע מאַכט, אַ צענטראַלע אויטאָריטעט, האָט עקסיסטירט, האָט אויך די ייִדישע אויטאָנאָמיע געהאַט איר עקסיסטענץ־מעגלעכקייט, איר מאַכט. די צענטראַלע מאַכט האָט די ייִדישע קהילה־פאַרשטייער געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די שטייַערן און דעריבער געגעבן זיי פולמאַכטן. די צענטראַלע ועדים האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט זייער פיסקאַלער, אַנגעוואָרפענער, ראָל, נאָר אויך אַנטוויקלט און רעגולירט דאָס קהלשע לעבן.

אמת, די ייִדישע אָנפירערשאַפט איז געווען אַן אָליגאַרכישע. די וואַלן זענען געווען באַגרענעצטע, מער לויטן צופאַל און פאַרמעגן־באַזיץ, ווי לויטן פרייַען אויסוואַל. דערפאַר אָבער איז זייער טעטיקייט־געביט געווען גאָר אַ ברייטער: ביקור־חולים, חברה־קדישא, פּדיון־שבויים, תּלמוד־תּורה פאַר אָרעמע ייִנגלעך, תּנך־לערנען אין די בעלי־מלאכישע קלויזן, דאָס פאַרפליכטנדיקע חדר פאַר ייִנגלעך פון זעקס יאָר אָן. צוליבן וווינען אין דאָרפישע ראַיאָנען איז געווען אַ תּקנה, אַז יעדער ייִד מעג זייַן

אַ מלמד. יעדע קהילה האָט געהאַט אַ ישיבה, אָפט אָפיציעל אָנערקענט ווי אַ גימנאַזיע.

אָרעמע בחורים ווערן אויסגעהאַלטן פון קהל. באַזונדערס וויכטיק און אָנזעעוודיק איז געווען די סאָציאַלע הילף פאַר אָרעמע, וואָס האָט דערמעגלעכט אויסצוהאַלטן די צײַטן, וואָס זענען געווען עקאָנאָמיש מיט אַן אָפט בײַטנדיקן זיך מזל פאַר ייִדן, וועלכע זענען געטריבן געוואָרן פון גירושים און פּאָגראָמען.

אין די ישיבות האָט זיך אַנטוויקלט דער פּלפּול. געבראַכט קיין פּוילן האָט עס יעקב פּאָלאַק און די גרויסע רבנים שלום שכנא און דער רמ״א (משה איסערליס) האָבן עס דערפירט צו אַ סיסטעם. דער רש״ל (שלמה לוריע) איז אַרויסגעטרעטן קעגן פּלפּול, אַפילו קעגן שולחן־ערוך, און גע־רופן טײַטשן קלאָר ווי רשי, אָבער ער האָט נישט געפונען קיין אָנהענ־גער. די פּוילישע ישיבות האָבן זיך פאַרנומען חוץ תלמוד אויך מיט קבלה.

די ייִדישע אויטאָנאָמיע אין פּוילן איז געווען געבויט אויף נאַציאָ־נאַלע באַדערפעניש און נישט ווי אין דײַטשלאַנד נאָר צו רעליגיעזע הצ־טרכותן. זי האָט זיך פאַרנומען מיט אַלע סאָציאַלע עקאָנאָמישע און פּאָ־ליטישע פּראָבלעמען. אין דער שטאַנדן־מלוכה פון יענער צײַט איז די ייִדישע אויטאָנאָמיע געווען אַרײַנגעפּאַסט אין פעאָדאַלן סיסטעם.

די דאָזיקע אויטאָנאָמיע איז אין 1764 אָפּגעשאַפן געוואָרן. דער פּוי־לישער סיים האָט באַשלאָסן צו נעמען שטײַערן דירעקט פון די ייִדן און פאַרבאָטן די ייִדישע סיימען. דאָס פאַלט זיך צונויף מיט דער גרויסער אומאַנער שחיטה (1768) פון זשעלעזניאַק און גאָנטע.

אָט די צרות, סײַ רעכטלעכע, סײַ פיזישע, האָבן זיך שווער געלייגט אויפן געמיט פון די ייִדן אין פּוילן און דער אומראַציאָנעלער מיסטישער אויסוועג פון דער שווערער סיטואַציע האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די מאַסן. אין פּוילן זענען געבליבן און געווען טעטיק — אין געהיים — גרופּן „שעבסן״, וועלכע האָבן געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו ווערן טע־טיק עפנטלעך. חוץ זיי האָבן אַ סך טרײַע שומרי־מצוות געהאַט מיסטי־שע נייגונגען.

די מיסטישע באַוועגונג איז געגאַנגען אין צוויי ריכטונגען. איינע

האָט געוואָלט זיך אָפּרײַסן פון ייִדישן צענטער, אַוועק פון די רדיפות מצד אויסן און דעם שטרענגן קאָנסערוואַטיזם פון אינעווייניק — דאָס איז געווען דער פראַנקיזם. די אַנדערע ריכטונג — חסידות — האָט זיך דווקא גע־צויגן צום צענטער פון ייִדישקייט, פאַראייניקט דעם דת, די פאָרמעלע מצוות מיט גלויבן, געוואָלט באַרויִקן דעם קראַנקן אָרגאַניזם מיט טיפער התלהבותדיקער אמונה.

נאָך דער גרויסער אַנטוישונג פון דער שבתי צבי־באַוועגונג איז ביי די רבנים און מקובלים אויפגעקומען די שווערע פראַגע וועגן אויפהאַלטן די משיח־האָפענונג, די שיבת־ציון־חלומות ווי בכלל די גאַנצע עסכאַטאָ־לאָגישע מיסטישע לערע צווישן פאָלק. זיי האָבן אָבער נישט געוואָלט און ניט געקענט זיך אָפּזאָגן פון דער משיח־אידעע. אויס מורא פאַר די שמד־טענדענצן, אויף דער שבתי צבי־דערפאַרונג, האָבן זיי באַגרענעצט דאָס פאַרשפרייטן די אידעען צו אַ קליינעם קרײַז פון אויסגעקליבענע מענטשן. אין ירושלים איז עס געווען די ישיבה בית־אל און אין פוילן — די בראָ־דער קלויז. פאַרן פאָלק האָבן זיי גאָרנישט געהאַט און גאָרנישט געזאָרגט.

פאַר די ברייטע פשוטע מאַסן זענען ווײַט און פרעמד געווען די למדני־שע קרײַזן מיט זייער גאַוןהדיקער פאַרריסנקייט און פאַרעכטלעכער באַ־ציִונג צום פּראָסטן מענטש; עס זענען אויך פרעמד געווען די פרושים־אַסקעטן, די מקובלים, מיט זייערע צירופים, תעניתים, גימטריות — אַלץ אומפאַרשטענדלעכע און נישט צוגענגלעכע זאַכן פאַרן פּראָסטן מענטש.

חסידות האָט אויסגעקליבן אַן אַנדער וועג: נישט באַהאַלטן פון פאָלק די קבלה, די מיסטיק, אָבער אָרויסנעמען דעם געפערלעכן מאָמענט פון משיחיזם, אָפּלייגן עס אויף „משיחס צײַטן". מיט קליינע אויסנאַמען — ווי דער קאָצקער למשל — האָט חסידות געגעבן דעם פאָלק די גאַנצע טרייסטנדיקע מיסטיק פון ביאת־המשיח אָן דעם אַקטועלן אויסקלאַנג, וואָס האָט דערפירט צו אַנטוישונגען און שמד. דערפון שטאַמט די לע־גענדע פאַר וואָס דער בעשט איז נישט דערגאַנגען קיין א"י, ווײַל מען האָט פון אויבן נישט געוואָלט ער זאָל פריצײַטיק משיחן אַראָפּברענגען. דאָס האָט געראַטעוועט דאָס פאָלק פון געפערלעכע אילוזיעס.

דאָס אָפּרוקן דעם טערמין פון משיחס קומען — און דערמיט פון שיבת־ציון — האָט פאַרהיט אין יענער צײַט פון גרויסע אַנטוישונגען, אָבער האָט

איבערגעלאָזט אַ שטעמפּל אויף דער חסידישער באַוועגונג ביז היינט, אויף איר נעגאַטיווער באַציונג צו דער ייִדישער מדינה. אַפילו דער ליובאַוויטשער רבי, וועלכער האָט אַ פּאָזיטיווע באַציונג צו א״י און צום אויפבוי־ווערק, געפינט זיך נאָך אַלץ אין זײַן פּריַוויליקן גלות. וועגן די נטורי־קרתא איז שוין אָפּגערעדט.

חסידות האָט נישט באַהאַלטן די קבלה, נאָר געמאַכט פון איר אַ שיטה פון מאָראַל און איר געגעבן אַ סאָציאַל־רעפאָרמאַטאָרישן כאַראַקטער, אָפט אין סתירה צו די אייגנטלעכע עיקרים פון דער דאָזיקער „אויסדערוויילטער״ לערע.

דער סאָציאַל־רעפאָרמאַטאָרישער כאַראַקטער פון חסידות האָט זיך אויסגעדריקט אין קעגנשטעלן זיך סײַ דעם „אַריסטאָקראַטיזם״ פון די לומדים דורך אַרויסהויבן די תּפילה און די כּוונה פון פּראָסטן מענטש, סײַ דורך אַרײַנברענגען אין ריטואַל די התלהבות, די פרייד, דעם עקסטאַז. אַנשטאָט די פינצטערע בילדער פון מוסר נוסח „קב הישר״ און „שבט מוסר״ — די אָפּטימיסטישע מעשיות פון די רבייִשע מופתים. חסידות האָט פאַרגיטיקט דעם שאָדן פון שטרענגן, פאָרמעלן רביניזם און פון טרויעריקן אַסקעטיזם.

די געשיכטע פון דער חסידישער באַוועגונג איז אײַנגעהילט אין אַזוי פיל לעגענדעס, כאָטש עס איז געשען קוים מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, אַז דאָס פאַקטישע האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן פאַנטאַסטישן. חוץ דעם האָט זעלטן אַ חסידישער רבי אויסגעאַרבעט אַ פולשטענדיק האַרמאָנישן סיסטעם. לרוב זענען די חסידישע „פילאָסאָפיעס״ עקלעקטיש באַנומענע אָפּקלאַנגען פון פאַרשידענע, אָפט להיפוכדיקע געדאַנקען און אײַנשטעלונגען. דאָך לאָזט זיך אויסטיילן געוויסע גרונטשטריכן, אַלגעמיינע פאַר דער גאַנצער באַוועגונג.

דאָס חסידות פון בעשט און זײַנע ערשטע תלמידים האָט געהאַט אַ גרויסע צוציִונגס־קראַפט מיטן געדאַנק, אַז עס איז פאַראַן אומעטום געטלעכקייט, „כּבודו מלא עולם״, אַ מין פאַנטעיִזם, אַז גאָט איז אומעטום און מען קען אים דינען מיט יעדער קליינקייט, וואָס האָט אין זיך מאָראַל און עטיק. דער בעשט האָט אויך די קבלהיסטישע לערע וועגן עולם העליון און עולם התחתון, וועגן גאָט און מענטש — פאַראייִנפאַכט און

געלערנט, אַז יעדער מענטש קען מיט גוטע מעשים משפּיע זײַן אויף די באַשלוסן פון רבונו של עולם.

דערפאַר איז יחוד, ווערן איינס מיט גאָט, דער הויפּטציל פון דער אמונה. תּפילה איז אַן אַקט פון יחוד. דעריבער דאַרף מען עקסטאַז, התּ־להבות, דביקות. בעת תּפילה טיילט זיך אָפּ די נשמה פון גוף און פאַראייניקט זיך מיטן רבונו של עולם.

וואָס שייך די פיל דינים און מצוות האָט ער געלערנט, אַז עס האָט נישט קיין זין, אויב מען טוט סתּם אַ מצווה אָן כּוונה, דאָס האַרץ זאָל נישט זײַן דערבײַ. מען דאַרף נישט איבערטרײַבן מיטן אָפּהיטן די מצוות. ער האָט געשטעלט העכער אגדה ווי הלכה, בעסער מוסר־ספרים און שיינע בײַשפּילן ווי פּלפּול און טרוקענע דינים. אַן אמתער ייִד קען מען זײַן נאָר דורכן גאַנצן שטייגער לעבן נישט דורך בלויז אָפּהיטן די דינים.

אין זײַן לערע זעען מיר דעם בונט קעגן פאָרמאַליזם, דעם קאַמף פאַרן פּראָסטן ערלעכן מענטש און זײַן אָרט אין דער געזעלשאַפט, זײַן פאַרבינדן אמונה מיט מעשים־טובים — דאָס זענען דעמאָקראַטישע פּרינ־ציפּן, וואָס האָבן אַפּעלירט צום גאַנצן פאָלק.

דער בעשט און זײַן חסידות האָבן אַרײַנגעבראַכט אַן אויפלעבונג און אַן אויסלעבונג. ווען די עמאַנסיפּאַציע מיט דער „אויפקלערונג" האָבן דע־נאַציאָנאַליזירט די ייִדן — האָט חסידות מער געצויגן צום צענטער, צום האַרץ פון ייִדישן לעבן, געמאַכט עס נאָך מער נאַציאָנאַל אייגנאַרטיק.

אַ גרויסער אויפטו פון חסידות איז געווען דאָס פרייִדיקן בטחון. קעגן דער פאַרצווייפלונג און פּעסימיזם נאָך די פאַלשע משיחים — איז דאָס געווען דאָס איינציקע מיטל צו שטאַרקן דאָס געמיט פון פאָלק, הייבן זיך אין די אייגענע אויגן. מיט דעם האָט זיך געבונדן אויך די אייביקע שאלה וועגן גוטס און שלעכטס. דער חסידיזם האָט געהאַלטן, אַז די וועלט איז פול מיט גאָטס כּבוד, וואָס איז פול מיט רחמים צו יעדן באַשעפעניש. נישט פאַראַן קיין שלעכטס, ווײַל אַלץ קומט פון אויבערשטן. „אויב אַ מענטש טוט עפּעס שלעכטס איז אַ סימן, אַז אין אים אַליין איז פאַראַן אַ שמץ פון דאָ־זיקן שלעכטס" האָט געזאָגט אַ צדיק, אַנבינדנדיק דערבײַ צו גלגול־הנשמות. דער מענטש דאַרף מתפּלל זײַן אויף זײַנע שונאים, ווײַל זיי זענען זײַן נשמה פון אַ פריִערדיקן גלגול. אַנדערע רביים האָבן פאָרמולירט, אַז דאָס

שלעכטס איז אַ נידעריקע מדרגה פון גוטס. דאָס אַלץ פירט צו דעם, אַז מען דאַרף נישט זינקען אין עצבות, נאָר לעבן מיט שמחה. דער זאָג: „פאַראַן רופאים, וואָס גיבן רפואות, וואָס זענען זייער ביטער. אָבער אַ בעסערער רופא גיט אַ רפואה, וואָס איז זיס, וויל מען זי נעמען" — דערקלערט אַם בעסטן דעם דאָזיקן דרך.

חוץ דעם — און פאַר דעם זענען זיי פאַרפאָלגט געוואָרן דורך די למדנים — איז לויט זייער שיטה דער עיקר ייִדישקייט אין אמונה. דאָס דערגרייכט מען דורך תפילה מיט כוונה, און אָפט בלויז דורך כוונה. אמונה קען מען אויך דערגרייכן דורך אהבת ישראל, דורך נאַציאָנאַלער אידענטיפיצירונג.

דאָס דאָזיקע פּראָבלעם פון צונויפגיסן אמונה מיט אומה איז אַלט ווי די ייִדישע געשיכטע, פון די צייַטן ווען די נביאים, און שפּעטער די תנאים, האָבן פאַרפעסטיקט דעם מאָנאָטעיִזם אין אַ געצנדינערישער וועלט אַרום.

אין ייִדישן געדאַנק איז תמיד געווען דאָס פּראָבלעם פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון ייִדישן פאָלק, אָדער פון יעדן ייִד. אויך גאָט האָט געהאַט אַ השגחה סיי אויפן פאָלק, וואָס ער האָט אויסגעוויילט (און שפּעטער אויך פון דער גאַנצער וועלט), סיי אויפן איינצלנעם ייִד. עס הייסט השגחה כללית, וואָס שליסט נישט אויס השגחה פּרטית.

די תורת־הכהנים, ווי די תורת־הנביאים, האָבן באַטראַכט די אייביקייט פון פאָלק, נישט פון יחיד. דעריבער אַזעלכע ווערטער ווי „שטויב צו שטויב, אַש צו אַש" א"א. אַלס רעזולטאַט דערפון האָט דער שכר־ועונש פאַר גוטע אָדער שלעכטע מעשים געקענט זייַן נאָר אויף דער וועלט.

אָבער שוין אין די גאָר אַלטע צייַטן טרעט אויף אַ שטרעבונג אָנצולאָדן אויך דעם יחיד מיט דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זייַנע אייגענע מעשים. דערצו האָבן מיטגעווירקט די פּאָליטישע אַנטוויקלונגען. מיטן פאַרלירן די מלוכהשע זעלבשטענדיקייט און מיט דער צעשפּרייטונג איבער דער וועלט קאָנצענטרירן זיך די דידאַקטישע צילן אויפן יחיד. ווי אַ מינדערהייט אין די גלות־לענדער קומט אויף דאָס פּראָבלעם פון פּערזענלעכער אחריות פון יעדן איינעם צוליב דער שלעכטער מידה פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, פון כלל־ערבות.

אַ געוויסע ראָל האָט אויך געשפּילט די מיסיע־ראָל פון ייִדנטום. אויב זײַן אַן „אור לגויים" דאַרף אויך יעדער יחיד זײַן דערצו ווי געהעריק צוגעגרייט און פאַראַנטוואָרטלעך.

אין דער גאַנצער געשיכטע פון ייִדן זעט מען דעם שטרײַט צווישן די צוויי שטאַנדפּונקטן. די ייִדן קענען נישט צוליב סוביעקטיווע און אָביעקטיווע סיבות אַרויס פון דעם קאָלעקטיוון גורל, אָבער דערבײַ פאָדערט דער זעלבער גורל די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון יחיד.

די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון יחיד גייט נישט אַלע מאָל צוזאַמען מיט זײַן פּאָזיציע אין כּלל. אָפט איז עס פליכטן אָן רעכטן. דער יחיד זאָגט זיך אָפּ פון גאַנצן אינדיווידועלן פאַרן כּלל. דעם כּלל געווײנלעך רעפּרעזענטירן די הערשנדיקע דאָמינירנדיקע גרופּן. דערפאַר טראָגט אין זיך יעדע רעוואָלוציאָנערע פּראָטעסט־באַוועגונג אַ פאָדערונג פון רעכט פאַרן יחיד, פאַר אַרויסהייבן זײַן פּערזענלעכקייט.

די חסידישע באַוועגונג האָט אויפגעהויבן די ראָל פון יחיד. זי האָט געשטיצט די פאָדערונג אויף דער הנחה פון דער קבלה, אַז די רעליגיעזע שלימות פון יעדן ייִד קען צואײַלן די גאולה. נחמן בראַצלאַווער און דער קאָצקער רבי האָבן געפּרווט אַראָפּברענגען משיחן אין אײנקלאַנג מיט דער דאָקטרין.

די ראָל פון יחיד דריקט זיך אויך אויס אין פאַרהייליקן דעם צדיק, פון פאָרשטעלן זיך אים אַלס מעכטיקן מאַן, וואָס שטעלט זיך אָפט אַנטקעגן גאָטס גזר און ענדערט אים. די חסידישע פאָלקסווערטלעך זאָגן: „הקדוש ברוך הוא גוזר והצדיק מבטל" אָדער „הצדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים". די חסידישע מעשיות דערציילן וועגן פּראָסטע ייִדן, וועלכע רופן אַרויס דעם רבונו של עולם אויף אַ דין־תּורה פאַרן צדיק (זע י. ל. פּרץ „בערל שנײַדער"). עס איז שוין נישט דער פּאַסיווער איוב מיט זײַנע קלאָגערייען, נאָר דער אַקטיווער צדיק, וועלכער וויל אָנוואַרפן דער געטלעכקייט זײַן קוקווינקל.

דער יחיד אָבער דאַרף האַנדלען אין די ראַמען פון כּלל, פון די נאַציאָנאַלע צילן. דעריבער איז אהבת־ישׂראל אַ יסוד פון חסידות. דאָס פאַרשטאַרקן דעם יחידישן מאָמענט איז כּדי צו פאַרפעסטיקן די כּללישע נאַ־

ציאָנאַלע יסודות. דאָס באַפרײַען די אונטערגעדריקטע פּערזענלעכקייט מוז זײַן געבונדן מיט קאָלעקטיווער אחריות, מיט אהבת־ישראל.

אין גאָר פרייִען פעריאָד פון בעשט האָט חסידות געהאַט אַ גרויסע סאָציאַלע אָנלאָדונג. זי האָט דערהויבן דעם פּראָסטן נישט־געלערנטן מענטש און אים געגעבן אַן אָרט און אַ חשוב אָרט אין רעליגיעזן לעבן. דער עיקר איז אמונה. חסידות האָט די אַבסטראַקט־לומדישע רעליגיע אַראָפּגענידערט צום המון. קענען לערנען איז געווען די לעגענדע פון די ל״ו. מען האָט דערהויבן דעם פּראָסטן תּהילים־זאָגער.

אָבער שוין דער מעזריטשער מגיד, דעם בעשטס תּלמיד און נאָכפאָלגער, האָט אַרויסגעהויבן צוריק די ראָל פון תּורה־לערנען. ווײַזט אויס, אַז די מרידה פון די מאַסן, דער קאַמף קעגן דער אָליגאַרכיע פון קהל, דאָס צושטיין פון די אָרעמע וואַנדערנדיקע מגידים און אַנדערע באַוואוסטע כּלי־קודש, און אויך דער סאָציאַלער קאַמף פון די שוחטים קעגן דער קאָראָבקע — דאָס אַלץ האָט אין די אויגן פון מעזריטשער אויסגעזען צו געוואַגט. אַזוי ווי ער האָט געמוזט זיך צופּאַסן צו די עקסיסטירנדיקע גײַסטיקע און סאָציאַלע פאַרהעלטנישן, וואָס האָבן נישט אויסגעזען צו זײַן גרייט אויף אַזאַ ראַדיקאַלער ענדערונג, האָט ער דעם רעוואָלוציאָנערן אויפבּרויז אַריבערגעפירט אויף רעלסן פון אינערלעך־רעליגיעזע רעפאָרמען, קוים אָנרירנדיק די עטאַבלירטע מנהגים. ער האָט געזוכט קאָעקסיסטענץ מיט די לומדים, מיט די רבנים.

די קליינע שינויים און די נאָך ווייניקער צוגאָבן (חס וחלילה נישט אַראָפּגענומען קיין איין חומרא) האָט חסידות געשטיצט אויף דעם רעליגיעזן פּאַטאָס פון מיסטישן שטראָם, פון דער קבלה.

די מיסטיק איז אַלע מאָל געווען פאַרבונדן מיט איבערבלײַבענישן פון די פּרימיטיווע פאָלקס־גלייבונגען, מיט מאַגיע, אָבערגלויבנס, באַשווערונגען, אַרויסרופן טויטע, מיט טײַטשן ציפערן, אותיות, מאַכן גימטריות און דער עיקר מיט געבן קמיעות. דאָס האָט שנעל איבערגענומען חסידות.

דער חסידיזם האָט אויך זיך געשטיצט אין אַ ריי „טעאָרעטישע" פראַגן אויף דער קבלה. דער מענטש איז אַן „עולם קטן", אַ מיקראָקאָסמאָס. ער שפּיגלט אָפּ די וועלט. דורך זײַן נשמתא קדישא פאַרבינדט ער

זיך מיט גאָט. די דערהויבונג דערגרייכט מען דורך דביקות, אַסקעטיזם, עקסטאַטיק און צירופים. ביַי חסידות קומט דאָס צום מענטש דורך דער פאַרמיטלונג פון צדיק.

די קבלה האָט אויסגעאַרבעט אַ מיטאָס פון גאולה און גלות. דערביַי האָט זי געשטעלט דעם טראָפּ אויפן יחיד. נישט בלויז די וועלט דאַרף ווערן אויסגעלייזט נאָר אויך יעדע נשמה. מען קען דאָס דערגרייַכן דורך גלגול און אָפּקומעניש אין גיהנום. אַלע זינד שטאַמען פון חטא־הקדמון און ביז דאָס וועט נישט ווערן אויסגעגליכן האָט די וועלט קיין תיקון נישט. די קבלה, ווי חסידות, האָבן געשטעלט דעם אַקצענט אויף דעם אַקטיוון אָנטייל פון מענטש אין דעם, וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט. דאָס אימהדיקע בילד פון אַלע שלעכטסן זענען די פּאַסיווע פאַרוואָגלטע נשמות, וואָס האָבן נישט קיין גיהנום און נישט קיין גן־עדן. אָם שווערסטן איז אויסצוגליַיכן די נאַקעטע נשמות. (זע י. ל. פרץ „דריַי מתנות")

אייניקע פונקציעס פון תיקון פון דער וועלט האָט די קבלה איבער־געלאָזט פאַרן מענטש גופא. זיי זענען דאָס די וויכטיקסטע אויפגאַבע אין זיַין לעבן. אַלע מעשים, ווי אויך תורה און תפילה, זענען אַראָפּצוברענ־גען דעם תיקון. ווען אַלע זאַכן וועלן ווערן אויסגעלייזט פון פּגם פון דער שבירת־הכלים וועט קומען די גאולה. יעדער רעליגיעזער אַקט אָדער מצווה איז אַ פונקציע פון תיקון, אַ מיטל אויסצולייזן די וועלט ווי אויך יעדע נשמה.

די דאָזיקע מיסטיש־קבלהיסטישע באַגריפן זענען געווען דער יסוד פון דער חסידישער „פילאָסאָפיע", וואָס איז געווען גליַיכציַיטיק אַן אינ־דיווידואַליסטישע און אַן אוניווערסאַליסטישע. ביַים חסידיזם איז דער אוניווערסאַליזם פאַרגעשטעלט געוואָרן מיט נאַציאָנאַלע מאָטיוון און שטריכן, הגם ער האָט געהאַט פאַר אַ ציל אויסלייזן די גאַנצע וועלט. דאָס איז געווען אַ מטושטשער באַגריף.

ביז די חסידישע ציַיטן האָבן די יידישע געלערנטע דערלויבט צו פאַר־נעמען זיך מיט קבלה נאָר אַן ענגן קריַיז לומדים. ערשט די חסידים האָבן די מיסטיק געבראַכט צו די מאַסן, אַריַינגעגאָסן וואַרעמקייט און אילוזאָרישע טרוימען אין פאָלקס־אָרגאַניזם. די מורא פאַרן אָפּנייגן פון יידישן אויסגע־טראָטענעם דרך האָט דאָס געשאַפן די התנגדות, די קעגנערשאַפט פון וויל־

נער גאון און אַנדערע גדולים. דער ווילנער גאון האָט געפּילט אַ מוראדיקע, — און ערלעכע — אימה פאַר יעדן מינדעסטן אָפּנייג. ער האָט געציטערט געדענקנדיק די פאַלשע משיחים און אַפילו ישו הנוצרי. דערפאַר זײַן פאַנאַטישער צאָרן אויף די חסידים.

די חבדניקעס האָבן פון דער קבלה געמאַכט אַ סיסטעם פון מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע, געשטיצט אויף באַוווסטזײַן נאָר אָננעמענדיק געוויסע מיסטישע כּללים אַלס אַקסיאָמען, פּונקט ווי די ראַציאָנאַליסטן האָבן אָנגענומען געוויסע אַקסיאָמען אַלס אויסגאַנגפּונקט אין דער מאַטעמאַטיק און אויך אין רעליגיעזן וויסן (דעם רמבמס דרײַצן אני־מאמינס). די חבדניקעס האָבן געשאַפן אַ „באַוווסטזיניק חסידות", אָפּגעזאָגט זיך פון היפּנאָטאַטיוו פון בעשט, דעם עמאָציאָנעלן מאָמענט, נאָר אונטערגעוואָרפן אים דעם קאָנטראָל פון באַוווסטזײַן. דערפאַר האָבן זיי אויך אין די ערשטע צײַטן אָפּגעוואָרפן דעם צדיקיזם.

די חסידים האָבן שטאַרק געליטן פון די פאַרפאָלגונגען, אָבער לסוף אַרויס מיטן נצחון. זיי האָבן עס צו פאַרדאַנקען אויך דעם פאַקט, וואָס גראָד אין יענער צײַט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן די ייִדישע קהילה־אויטאָנאָמיע, אירע פונקציעס און מאַכט זענען געווען באַגרענעצט, די ועדים, דער אויסדרוק פון דער מאַכט, זענען אין 1764 אין גאַנצן אָפּגעשאַפן געוואָרן. די חרמים און פאַרפאָלגונגען האָבן דעריבער נישט אָנגענומען קיין אַלגעמיינעם כאַראַקטער. געגנוג געווען פאַר די חסידים צו באַהערשן געוויסע קהילות, אַרײַנזעצן דאָרט אַן אייגענעם רב, און זיי האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו פירן זייער טעטיקייט און פּראָפּאַגאַנדע.

דעם סאָציאַלן רעוואָלט האָבן מיר געזען אין ערשטן פּעריאָד נאָר, ווען די אָרעמע מאַסן האָבן אָנגענומען די נײַע לערע. חסידות האָט צו פאַרדאַנקען אירע דערפאָלגרײַכע ערשטע טריט וואָס די תורה פון חסידות האָבן פאַרשפּרייט די אָרעמע וואַנדערנדיקע מגידים, וועלכע זענען נישט געווען קיין שכרניקעס פון קהל (די דאָזיקע זענען געווען די שאַרפסטע קעגנער), נאָר געלעבט פון דעם וואָס די צוהערער פלעגן מנדב זײַן. אויך די שוחטים זענען באַלד צוגעשטאַנען צו חסידות. די אָרעמע שוחטים האָבן געליטן פון דער קאָראָבקע, פון די קהל־שטײַערן. קהל האָט צוגענומען בײַ זיי אַ גרויסן טייל פון זייער שווערער אַרבעט. אַט דער קאָראָבקע־שטײַער האָט זיי דער־

נעענטערט צום חסידישן רעוואָלט. אַן אָפּקלאַנג פון אָט דעם קאַמף זעען מיר אין מתנגדישן מינסק, ווו מען האָט נאָך אין יאָר 1886 בײַ די חסידישע שוח־טים פאַרלאַנגט אַ שבועה, אַז זיי וועלן נישט באַהאַלטן זייערע הכנסות פון דער שחיטה אין די דערפער.

די פאָלקס־באַוועגונג האָט באַלד אין אָנהייב געהאַט אַן „אינטעליגענץ" אָנצופירן מיט איר.

חסידות איז אין אָנהייב געווען אַ רעוואָלט פון די אָרעמע און גלײַכ־צײַטיק אַ רעוואָלט פון די עם־הארצים. אַזאַ באַוועגונג האָט געקענט אָננע־מען שאַרפע פאָרמען און דערפירן צו אַ שפּאַלטונג אין פאָלק, ווי אין דער צײַט פון קריסטנטום, אָדער פון די קראים. עס האָט אויך געדראָט מיטן אָוועקגיין פון יידנטום בכלל. דער ריין עמאָציאָנעלער, מיסטישער וועג האָט ווײַט געקענט פאַרפירן. דאָס האָבן פאַרשטאַנען די פירער פון חסידות. דע־ריבער האָט שוין דער מעזריטשער מגיד גענומען זאַמלען אַרום זיך די לומ־דים, נישט אָפּשטויסנדיק דערבײַ די פּראָסטאַקעס. פאַר די לעצטע האָט ער אײַנגעפירט די אינסטיטוציע פון צדיקיזם, הגם אַליין האָט ער עס נישט פּראַקטיצירט.

דער בעשט איז געווען דער רבי פון די אָרעמע, סײַ אין מאַטעריעלן זין, סײַ וואָס שייך לערנען. דער מעזריטשער מגיד האָט געזוכט דעם קאָמפּראָמיס מיט דער למדנישער אַריסטאָקראַטיע. נאָך מער האָט עס געטאָן שניאור זלמן, דער באַגרינדער פון דער חבד־שיטה. אין זײַן ספר „תניא" ברענגט ער אַרויס דעם געדאַנק, אַז דער יסוד פון דער געטלעכער נשמה אין מענטש איז דער שכל אין זײַנע דרײַ מאָסן: חכמה, בינה און דעת. פון דעם קומט ערשט אהבה און יראה, וואָס דריקן זיך אויס אין מקיים זײַן די תרי"ג מצוות: רמ"ח מצוות תעשה, וואָס זייער שורש איז די ליבשאַפט צו גאָט, און שס"ה מצוות לא־תעשה, וואָס אין זייער יסוד ליגט די גאָטספאָרכטיקייט. שניאור זלמן איז געגאַנגען אַזוי ווײַט צו זאָגן, אַז לערנען תורה איז גרעסער ווי תפילה, להיפוך צו די לאָזונגען פון חסידות. טראַכטן איז, אַלזאָ, העכער פון עקסטאַז. שליטת המוח על הלב.

דאָס לעבן איז אָבער געווען שטאַרקער פון אָט דער אײַנשטעלונג און אין די חסידישע ווירקונגסקרײַזן האָבן דאָמינירט דער עמאָציאָנאַליזם און

דער צדיקיזם, וואָס זענען געוואָרן דער יסוד פון חסידיזם, אַפילו ביי די שפּעטערדיקע חבד־רביים.

פאַר וואָס האָט זיך אָנגענומען דער גלויבן אין צדיק?

די מאַסע האָט געזוכט אַ טרייסט פאַר זיך, פאַרן אייגענעם שווערן לעבן. אַסקעטיזם איז נישט געווען צוגעפּאַסט פאַרן דורכשניטלעכן מענטש, וועלכער טראָגט דעם עול פּרנסה. דאָס פאָרמאַליסטישע תורה־לערנען האָט אויך נישט באַפרידיקט זיין רעליגיעז געפיל, דערצו נאָך האָט ער צו דעם נישט געהאַט קיין צייט אין ביטערן קאַמף פאַר עקסיסטענץ. דעריבער האָט ער זיך געגייטיקט אין אַ פּשוטן גלויבן, וווּ ער וועט געפינען טרייסט, אויס־לייזונג פון די אינערלעכע פּיינען, און אַ פאַרגעסן זיך פון די אייגענע צרות. ער האָט דעריבער גערן אויפגענומען די חסידישע לערע, וואָס האָט מבטל געווען די עקסיסטירנדיקע רעאַליטעט, אָדער ווי ש. דובנאָוו שרייבט: „ער האָט געגאַרט... נאָך אַ גלויבן, וואָס וואַרפט אָן אַ שלאָף, נאָר ער האָט נישט געוואָלט האָבן קיין שלעכטע חלומות" (ש. דובנאָוו, געשיכטע פון חסידיזם, ב. 1. ז. 72).

די דאָזיקע אילוזיע האָט אים גייסטיק געשטאַרקט, פּסיכיש לייכטער געמאַכט דעם דרוק, געוואָרעמט, געגעבן דאָס געפיל פון דער אייגענער הע־כערקייט, געליוועריט לעבנספרייד. זי האָט פאַרוואַנדלט די ווירקלעכע וועלט אין אַ פאַנטאַזיע און די פאַנטאַזיע אין אַ ווירקלעכקייט.

דער כּוח פון חסידות איז געווען דאָס אַפּעלירן צו דער אונטערדריק־טער פערזענלעכקייט. איר דויערהאַפטיקייט פאַרדאַנקט זי דעם געדאַנק פון בלויז אַנדערש באַלויכטן די עקסיסטירנדיקע טראַדיציע און נישט אָפּוואַרפן גאָרנישט. יאָרן אָפּגעזונדערטקייט און רדיפות האָבן דאָס יידישע לעבן צו־נויפגעבונדן מיט דער טראַדיציע, אַפילו מיט קליינע, אומבאַטייטנדיקע מנ־הגים. זיין טריי דער טראַדיציע האָט געהייסן בלייבן ביים פאָלק און אין פאָלק.

דער ליידנשאַפטלעכער קאַמף פון די מתנגדים קעגן חסידות האָט זיך באַזירט אויף דער מורא און אומצוטרוי אַפילו צו די מינימאַלסטע ענדערונ־גען אין אָנגענומענעם טראַדיציאָנעלן סדר, אויף דער ביטערער דערפאַ־רונג מיט די פאַלשע משיחים, פון ישו הנוצרי ביז יעקב פראַנק.

דער צדיק האָט אָפּגעשפּילט אַ גרויסע ראָל ווי אַ פאַרמיטלער צווישן

פראָסטן ייִד און דער גאַנצער מיסטעריע פון הימל. ער האָט זיך פאַרלאָזט אויפן רבין. דער צדיק איז אַפילו געווען דער פוסק צווישן גאָט און ייִד.

לויטן בעשט איז דער צדיק דער „צינור", די רער, וואָס דורך איר גייט דורך די גאַנצע שפע צו די ייִדן. ביי אים אָבער האָט דער באַגריף צדיק ווי אַן אינסטיטוציע נישט עקסיסטירט. יעדער ייִד איז אַ צדיק. ער דאַרף — לויטן בעשט — אַראָפּנידערן פון זיין מדרגה, כּדי צו דערהויבן די גע־פאַלענע. ווער עס וויל עמיצן אַרויסציִען פון דער בלאָטע דאַרף אַליין אַריין אין דער בלאָטע (יעקב יוסף פּולנאה וועגן בעשטס ווערטלעך). ביים בעשטס תּלמידים אָבער איז דער צדיק דאָס האַרץ פון דער וועלט, דער „יסוד העולם", „די נשמה פון דער וועלט" („תּולדות יעקב יוסף"). ביי נחמן בראַצ־לאַווער דאַרף מען מתפּלל זיין צום צדיק, וויל ער איז בבחינת משיח.

דער באַגריף צדיק איז גענומען פון דער קבלה, אָבער חסידות האָט עס אויסגעברייטערט, געמאַכט דערפון אַן אינסטיטוציע. אין בעשטס צייטן האָט מען זיך געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז אַ צדיק דאַרף זיין אַ מסתּפּק במועט, צו באַגנוגענען זיך מיט ווייניק. ער דאַרף אויספירן זיין מיסיע צו העלפן ייִדן — אָן דער אייגענער הנאה און נוצן.

אַנדערש האָבן עס געזען די שפּעטערדיקע צדיקים. עס איז געקומען די דעקאַדענץ פון חסידות. דאָס געבן קוויטלעך מיט פּדיונות איז געוואָרן אַן איינגעשטעלטער מנהג ביים רוב רביים. די צדיקים האָבן זיך געבויט הייפן. די טשערנאָבילער, ריזשינער דינאַסטיעס האָבן זיך געבויט פּאַלאַצן. דער טריסקער רבי האָט געהאַט אַ מנורה פון ריינעם גאָלד ווי די הייך פון אַ מענטש. דודל טאַלנער איז געזעסן אויף אַ זילבערנער שטול, אויף וועלכער עס איז געווען אויסגעקריצט „דוד מלך ישראל". דער לעצטער גערער רבי איז געווען אַ שטילער פּאַסיווער שותּף צו זיינע רייכע חסידים. אָט די פּירשטלעכע צדיקים, די פּדיונות־נעמער און קמיע־אָפּשפּרעכער האָבן דאָס דערנידעריקט די הויכע סאָציאַלע מאָראַל פון די ערשטע חסידים. זיי האָבן אויך אַרויסגערופן דעם שפּאָט און חוזק פון דער פאָלקס־ליטעראַטור און פון די עמאַנסיפּירטע.

ביי די אַלע נעגאַטיווע זייטן האָט דאָך דער צדיק אָפּגעשפּילט אַ גרוי־סע ראָל אין ייִדישן לעבן. דער אַרענדאַר, בעל־מלאכה און אָרעמער מענטש האָט קיין צייט נישט געהאַט נישט פאַרן תּורה־לערנען, נישט פאַר די סיגו־

פּים און תּעניתים פון די מקובלים, אַפילו נישט פאַר דער דביקות פון דער תּפילה, וואָס חסידים האָבן געשטעלט אין צענטער פון זייער התנהגות. עול־פּרנסה, דאגת גידול בנים, גזירות און רדיפות האָבן אים געשטערט צו טראַכטן וועגן העכערע זאַכן. דעריבער האָט ער זײַן האַרץ געווענדט צום צדיק, צו זײַן צדיק, פאַר וועמען ער קען פון צײַט צו צײַט אויסגיסן זײַן שווער געמיט, אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן, פרעגן אַן עצה און באַקומען אַ טרייסט.

דערפון שטאַמט אויך דאָס, וואָס ווייניק צדיקים האָבן אַרומגענומען ברייטערע קרײַזן חסידים. יעדער קרײַז האָט געהאַט אַ רבין. געווען אַפילו קלענערע רביים, וועלכע פלעגן פאָרן צו די גרעסערע, אָבער בײַ זיך האָבן זיי געזאַמלט דאָס פּשוטע פאָלק פון די אַרומיקע שטעטלעך. די מאַסן האָבן באַדאַרפן דעם צדיק און דער צדיק האָט — אין אַ גרעסערער מאָס — גע־דאַרפן זיי.

געוויסע פאָרשער זעען אין צדיקיזם אַ פרעמדן עלעמענט אין חסידות. זיי האַלטן עס פאַר געצנדינערײַ, אין בעסטן פאַל פאַר קאַטוילישן אײַנפלוס. שוין נישט רעדנדיק וועגן די קעגנער, וועלכע באַטראַכטן חסידיזם אַלס מיטל־עלטערלעכן אָבערגלויבן און פאַלשע מאַגיע. זיי פאַרזעען אָבער אַלע די ראָל און געזעלשאַפטלעכע באַטײַטונג פון דער גרויסער אילוזיע — קאָנקרעטיזירט אין רבינס פּלומרשטע מופתים — וואָס האָט געהאָלפן אַדורכ־גיין גאַנץ און מיט אינערלעכער פרייד און האָפענונג דאָס שווערע לעבן. ווען די רעאַליטעט איז צו מוראדיק איז די אילוזיע די אַנטרינונג.

פאַרשטייט זיך, אַז צווישן די צדיקים, בעלי־מופת, זענען אויך געווען שווינדלער. אָבער דאָס איז אומפאַרמײַדלעך אין אַזאַ ברייט פאַרצווײַגטער און דערצו נאָך מיסטעריעזער באַוועגונג.

דעם גרויסן מאָראַלישן כּוח פון חסידות האָבן מיר געזען בעת דעם שוידערלעכן היטלער־חורבן. די צדיקים און זייערע חסידים זענען געגאַנ־גען אויף קידוש־השם און קידוש־העם, און קיינער פון זיי האָט נישט פאַר־לוירן דאָס מענטשלעכע פּנים.

חסידות איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון די יידן אין מזרח־אייראָפּע. אין מערב האָט מען געקעמפט פאַרזען די יידישע עמאַנסיפּאַציע אין אַנזאָג פון דער אַלגעמיינער עמאַנסיפּאַציע. אָבער אין מזרח־אייראָפּע האָט

נאָך געהערשט דער טיפער פעאָדאַלער מיטל־עלטער. דער סאָציאַלער קאַמף פון די ייִדן האָט נישט געקענט האָבן קיין דערפאָלג אָן אַן ענלעכער באַווע־גונג ביַי נישט־ייִדן. אויך די ערשטע ייִדן־סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד האָבן דאָס פאַרשטאַנען און פאַרבונדן די האָפענונגען פון ייִדישן אַרבעטער מיט דער אַלגעמיינער סיטואַציע פון לאַנד־פּראָלעטאַריאַט.

איַינגעפּרעסט אין ייִדישן געטאָ, אומפעיִק צו ענדערן די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, האָט די חסידישע באַוועגונג נאָר געקענט פּסיכיש לייַכטער מאַכן דעם דרוק, סיַי דעם אויסערלעכן, סיַי דעם אינערלעכן. פון דעם איז געקומען דאָס אָפּטעמפּן די סאָציאַלע מאָמענטן באַלד אין צווייטן דור חסידות.

חסידות איז געווען דער שלאָפגעטראַנק, וואָס האָט דעם חולה געגעבן אַ שלאָף מיט זיסע חלומות. דאָס האָט אים געהאָלפן איבערקומען און אויס־האַלטן.

עס קומט פאַר אַ שטריַיט צווישן דער טראַדיציע און דער רעאַליטעט פון דער ציַיט אויף אַלע געביטן פון לעבן. אויך חסידות — דער לעבעדי־קער דענקנדיקער טייל אירער — אונטערליגט אָט דעם פּראָצעס. דאָס חסי־דות האָט זיך מאָדערניזירט. דער בעל־תּניא האָט געהאַלטן, אַז דער מענטש־לעכער שכל, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין די וויסנשאַפטן, אין די חכמות חיצוי־נות, שטאַמט פון אַן אומריינעם מקור און פאַראומרייניקט דעם געטלעכן שכל און די נשמה פון מענטש. ער האָט געשריבן: „דער, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די חכמות פון די אומות העולם, דער זינדיקט מיטן חטא פון דברים בטלים און פון ביטול תּורה" (תּניא, חלק א׳ פּרק נ"ב). ער האָט נאָר דערלויבט צו פאַרנעמען זיך מיט די חכמות, ווען מען דאַרף זיי לשם פּרנסה, און דאָס אויך נאָר פאַר איינצלנע. היַינט האָט דער ליובאַוויטשער רבי צווי דאָקטאָ־ראַטן פון חכמות חיצוניות, און עס זענען פאַראַן אַ סך וויסנשאַפטלער מיט אַ גרויסן נאָמען, רעליגיעזע מענטשן און טריַיע שומרי־מצוות.

מענדל ליובאַוויטשער האָט אויף אַן אָנפראַגע וועגן אַרויסגעבן אַ קי־צור פון תּנך אַזוי געענטפערט: „משה רבנו האָט געשריבן די תּורה ווי אַזוי גאָט האָט אים געהייסן; יעדעס וואָרט איז דאָ קודש קדשים. ס׳איז קיין חי־לוק נישט פון ׳תמנע איז געווען אַ קעפּסוויַיב׳ ביז ׳שמע ישראל׳". היַינט ווילן די ליובאַוויטשער חסידים איַינפלאַנצן אויף אַלע אופנים כאָטש אַ קליי־ניקן טייל פון יהדות ביַי נישט־פרומע.

חסידות האָט אָפּגעשפּילט אַ גרויסע פּאָזיטיווע ראָל דער עיקר אין דעם, וואָס זי האָט אויפגעהאַלטן דעם נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם ביז עס זע־נען אויפגעקומען די וועלטלעכע כּוחות אין ייִדישן לעבן, וואָס האָבן גע־געבן אַ נייַעם אינהאַלט דעם באַגריף נאַציע, געזוכט און געפונען נייַע לאָזונגען, לייזונגען און פאָרמען אויפצוהאַלטן דעם קיום און פאַרזיכערן דעם המשך פון פאָלק.

די ייִדישע בורזשואַזיע, וועלכע האָט זיך עמאַנסיפּירט אין מערב, האָט געשטעלט העכער אירע קלאַסן־אינטערעסן ווי די נאַציאָנאַלע, באַ־מיט זיך אַרייַנצופּאַסן אין דער נייַער קאָנפירמאַציע. זי האָט דעריבער נישט געקענט שאַפן קיין נייַע קאָנצעפּציע פאַר נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ, נאָר באַטראַכט זיך אַלס רעליגיעזע גרופּע, גראָד אין דער צייַט, ווען די באַטייַטונג פון רעליגיעזער אָנגעהעריקייט האָט שוין אין מערב נישט געהאַט אַזאַ פעסטן באָדן, אויף וועלכן אַ נאַציאָנאַלער מיעוט האָט גע־קענט אויסטראָגן זייַן אידענטיטעט.

דעריבער האָט דער שמד אָפּגעריסן די אינטעליגענץ און די אַסי־מילאַציע — אַפילו אין די א״ג נייַ־אָרטאָדאָקסישע טיילן — האָט צוגע־גרייט דעם באָדן, אַז די קומענדיקע דורות זאָלן שטופּנווייַז אַוועק פון ייִדנטום. מען וואָלט היינט גערעדט וועגן אָפּשטאַמונג, נישט וועגן פאָלקס־אָנגעהעריקייט.

ערשט מיטן אויפקומען פון די ציוניסטישע און ייִדיש־סאָציאַליס־טישע באַוועגונגען זענען פאָרמולירט געוואָרן נייַע קאָנצעפּציעס פאַרן קיום און המשך, אַ נייַע השגה פון נאַציאָנאַלער אידענטיטעט.

חסידות האָט אָפּגעשפּילט אַ ראָל פון אַ טאָרמאָז, וואָס האָט אין שנעלן גאַלאָפּ פון די עמאַנסיפּאַציע־שטראָמען אָפּגעהאַלטן דאָס ייִדיש־נאַציאָנאַלע שיפל זאָל נישט אַוועקשווימען אין ים פון אַסימילאַציע, אינ־טעגראַציע און שמד. די דאָזיקע היסטאָרישע ראָל האָט חסידות צו פאַר־דאַנקען וואָס זי האָט קאָנטינויִרט דעם מיסטיש־עמאָציאָנעלן שטראָם אין ייִדישן לעבן, אָפּוואַרפנדיק די עקסטרעמיסטישע פאָרמען פון דער קבלה ווי אַסקעטיזם, טרויער און נעגאַציע פון דער טאָג־טעגלעכער עקסיס־טענץ־באַדערפעניש. חסידות האָט אויך דעם פאַרדינסט, וואָס עס האָט אויפגערודערט אין ערשטן פעריאָד די ייִדישע מאַסן פון איר פאַר־

גליווערטקייט און אויפגעהויבן דעם קאַמף פאַר די רעכט פון די באַוואוול־טע שיכטן. ווילנדיק און נישט־ווילנדיק האָט חסידיזם געמוזט פירן אַ שווערן קאַמף מיטן רבניזם, מיטן דרוק פון קהל אויף די מאַסן.

אמת, חסידות האָט קאָנטינויִרט דאָס קנעכטישע בייגן זיך פאַר דער אויסערלעכער פייַנדלעכער מאַכט. דער ייִד בייגט זיך אָבער ער ברעכט זיך נישט, איז געווען דער לאָזונג פון ייִדישן עסטאַבלישמענט אין פינצטערן מיטל־עלטער. אָבער די צייַט פון אַנטשטיין פון חסידות איז געווען אויך די צייַט פון דער עמאַנסיפּאַציע פון ייִדן אין מערב, פון ייִדישן קאַמף פאַר גלייַכבאַרעכטיקונג. דער דאָזיקער קאַמף האָט נישט געהאַט קיין צו גרויסן דערפאָלג און דערצו נאָך אָנגענומען פאָרמען פון אַנטלויפן פון ייִדישן לעבן. דאָס האָט געשטאַרקט די רעאַקציאָנערע אייַנשטעלונג בייַ די ייִדן אין מזרח־איראָפּע און זיי אָפּגעצויגן פון קאַמף פאַר עמאַנסיפּאַציע.

די פּשוטע ייִדן האָבן צוליב די אינערלעכע מחלוקת צווישן חסידים און מתנגדים, און זייער שפּעטערדיקן געמיינזאַמען קאַמף מיט דער השׂ־כּלה, ווי אויך צוליבן פריידיקן פּאַסיוויטעט בנוגע פּאָליטישע פּראָבלעמען — פאַרלוירן יעדן ווילן און שטרעבונג צו בירגערלעכער גלייַכבאַרעכטי־קונג און איבערגעלאָזן עס פאַר די בורזשואַזע קאַריעריסטן. ערשט דאָס מאָדערנע ייִדנטום האָט אויסגעבעסערט דעם דאָזיקן פעלער און געפירט די מאַסן צו עמאַנסיפּאַציע.

חסידות האָט פאַרטריבן די ייִדישע מאַסן אין טיפן מיטל־עלטער, צוריקגעבראַכט אין ייִדישן פאָלק גלייבעכצן און פירעכצן, וואָס אין גויִשן אַרום האָבן זיי שוין געגומען פאַרשווינדן.

דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע זענען ייִדן קולטורעל געווען מער אָפּגעשטאַנען ווי זייער נישט־ייִדישע סביבה. דאָס האָט זיך פאַטאַל אָפּגערופן אויף דער עוואָלוציע פון ייִדישן פאָלק, פאַרשפּעטיקט זייַן היס־טאָרישן גאַנג, אים נישט צוגעגרייט צו די היסטאָריש־נאַציאָנאַלע אויפ־גאַבן אין אַ מאָדערנער געזעלשאַפט.

דעריבער האָבן מיר פאַרלוירן אונדזערע „ערשטע שוואַלבן" פון אונדזער פרילינג. זיי זענען אַוועק צו פרעמדע פעלדער, ווייַל פון אונד־זער פעלד האָט מען זיי געטריבן און געיאָגט.

די עקאָנאָמישע פּאַראַרעמקייט פון די ייִדישע מאַסן, זייער געצוווּנ־גענע נישט־פּראָדוקטיווע סאָציאַלע סטרוקטור, זייער וועגעטאַציע — האָט געווירקט אויף דער אָפּגעשטאַנענקייט. חסידות האָט געהאַט אַ גוטן באָדן פאַרן פאַרשפּרייטן איר מיסטיק, איר אילוזיע און דערמיט געהאָלפן האַלטן אין פינצטערניש דאָס ייִדישע פאָלק אין מזרח־אייראָפּע.

אומאָפּהענגיק פון אונדזער באַציִונג סיי צום קאָנסערוואַטיוון, סיי צום מאָדערניזירטן טייל פון חסידות, מוזן מיר זיך קלאָר מאַכן וועגן דער גרויסער היסטאָרישער ראָל פון חסידות, און אויך וועגן די ליכט־און שאָטנזייַטן פון צדיקיזם, ווייַל קענען אָביעקטיוו אָפּשאַצן די געזעל־שאַפטלעכע פּראָצעסן אין דער געשיכטע העלפט אונדז פאַרשטיין די וועגן און מיטלען פון אונדזער אייביקן קאַמף פאַר קיום און המשך.

נאָרמאַלע פעלקער פירן נישט קיין קאַמף פאַר המשך, נאָר בלויז פאַר קיום. מיר ייִדן זענען אָבער נישט קיין „נאָרמאַל" פאָלק. אפשר דערין ליגט טאַקע אונדזער ספּעציפישע באַזונדערטקייט, וואָס האָט אונדז „אייביק" געמאַכט און געשטעלט אין צענטער פון אַלע אידעען און שטרייַטן, פון אַלע גייַסטיקע באַוועגונגען, אויפבליִען און ירידות, מיט וואָס אונדזער וועלט איז פול.

מיר צאָלן טאַקע טייַער פאַר דער דאָזיקער פּריווילעגיע צו שטיין אין צענטער. פאַר אַ דענקנדיקן מענטש איז עס אָבער אַן אויסצייכענונג.

אפשר איז עס נישט גוט? כ'מיין, אַז מען דאַרף פרעגן אונדזערע שונאים. ווען דאָס זאָל זייַן שלעכט, וואָלט מען אונדז נישט מקנא געווען און אַזוי שטאַרק פאַרפאָלגט.

חסידות איז געווען אַ פאַקטאָר אין דעם אייביקן געראַנגל פאַר נצח ישראל און זייַן ראָל דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן פון גאַנצן ייִדישן פאָלק, אָבער מען דאַרף נישט דערבייַ פאַרגעסן אויך וועגן די שאָטנ־זייַטן, וואָס האָבן געשטערט דעם גאַנג צו נייַע מאָדערנע באַנעמען וועגן פאָלק, רעליגיע און וועלט.

דאָס מאָדערנע יידנטום

א. די „תקופה פון ריינעם שכל" און די אַנטוויקלונג פון נאַציאָנאַלע מלוכות.

אייראָפּע האָט ביסלעכווייַז, נאָך שווערע קאַמפּן, אָנגעהויבן איבער־בויען די געזעלשאַפט אויף אַנדערע יסודות. דאָס אַנטדעקן נייַע לענדער און אָפּזאַצמערק, די נייַע דערפינדונגען, וואָס האָבן דערמעגלעכט מער און ביליקער צו פּראָדוצירן, די אַנטוויקלונג פון אינדוסטריע און האַנדל — האָבן געפאָדערט אַ געהעריקן סאָציאַל־עקאָנאָמישן סיסטעם מיט נייַע נאָרמען פון רעכט און פּאָליטיק. דער אַלטער פעאָדאַלער שטייגער האָט געמוזט אָפּטרעטן דאָס אָרט דער נייַער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. עס האָבן געמוזט באַזייַטיקט ווערן אַ ריי שטערונגען אויפן וועג צו דער קאַ־פּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. אַזוי זענען די פעאָדאַלן געוועזן געצוווּנ־גען — פריִער אָדער שפּעטער, מיט גוטן צי מיט בייזן — צו באַפרייַען די לייַבאייגענע פויערים, אָפּזאָגן זיך פון די שטאַנדן־פּריווילעגיעס.

די רעכטלאָזיקייט פון די ייִדן איז געווען איינע פון די שטערונגען אין דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם. שוין לאַנג זענען ייִדן געווען דער פּערפעקטואום מאָבילע פון דער געלטווירטשאַפט, און די ייִדישע פּלו־טאָקראַטיע איז געווען באַטייליקט אין אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל און אין אַנטוויקלען די היימישע אינדוסטריע. רעכט־באַגרענעצונגען פאַר זיי האָט געהייסן שטערן דעם פּראָצעס פון אינדוסטריאַליזאַציע און וועלטהאַנדל, וואָס האָט זיך באַזירט אויף דער פרייַער קאָנקורענץ. אין סוף מיטל־עלטער האָט דער האַנדל געליטן צוליבן פּראָטעקציאָניזם, צוליבן צאָל בייַ יעדן שלאַגבוים, בייַ יעדער שטאָט און קרייצוועג. די נייַע אָרדענונג האָט געפּריידיקט ליבעראַליזם אויפן עקאָנאָמישן געביט, פרייַע — אין די ראַמען פון די נאַציאָנאַלע מלוכות — קאָנקורענץ. פון ייִדן־באַגרע־נעצונגען האָבן געגאָסן די העכערע שטאַנדן. דעריבער האָט דער אויפ־קומענדיקער בורזשואַזער קלאַס זיי געמוזט אָפּשאַפן.

אויך פּאָליטיש האָט די פעאָדאַלע צעברעקלונג געמוזט אָפּטרעטן פאַר גרעסערע מלוכה־אָרגאַניזמען און עס האָבן זיך געשאַפן נאַציאָנאַלע מלוכות, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו אַנטוויקלען די היימישע אינדוסטריע און שיצן דעם אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל, וואָס האָט גע־בראַכט ביליקע רוישטאָפן און געהאָלפן געפינען די אָפּזאַצמערק. די אויפגעקומענע קאָלאָניאַל־פּאָליטיק האָט געהאַט נאַציאָנאַלע סימנים צו־ליבן קאַמף פאַר די אָפּזאַצמערק און ביליקע רוישטאָפן. טאַקע פון דער צײַט אָן באַנוצט מען דעם באַגריף נאַציאָנאַליזם.

מיט דעם איז געווען געבונדן דאָס געביט פון רעכט. ייִדישע גלײַכ־באַרעכטיקונג איז דעריבער געווען אַ טייל פון אַלגעמיינעם דראַנג צו נײַע סאָציאַלע פאַרהעלטנישן און נײַע רעכטלעך־פּאָליטישע פאָרמען.

דער אָנזאָגער פון דער נײַער צײַט, דער דײַטשער הומאַניסט יאָהאַן רייכלין האָט געזאָגט: „ייִדן זענען אויך בירגער צוגלײַך מיט אַלע און זיי האָבן אַ רעכט צו פאָדערן פון דער מלוכה, אַז זי זאָל באַשיצן זייער לעבן און אייגנטום". צווישן די קעמפער פאַר ייִדישער גלײַכבאַרעכטי־קונג טרעפן מיר אַ סך קריסטן, פאַרקעמפער פאַר דער נײַערער אָרדע־נונג, קעגנער פון אַלטן פעאָדאַלן רעזשים.

אמת, עס זענען פאַראַן געווען שטערונגען, אַז די קריסטלעכע גע־זעלשאַפט זאָל פאַרשטיין איר אייגענעם אינטערעס. עס האָבן דערצו גע־ווירקט קורצזיכטיקע קאָנקורענץ־מאָטיוון, איבערגעלעבטע שטאַנדנרעכט און אַלטע פּריווילעגיעס, קירכלעכער פאַנאַטיזם און די פינצטערקייט פון המון. עס איז אויסגעקומען, אַז ווען די קריסטלעכע וועלט איז שוין געווען אין אַנדערע פראַגן פּראָגרעסיוו און רעוואָלוציאָנער, איז זי נאָך אין דער ייִדנפראַגע געווען שטאַרק קאָנסערוואַטיוו און מיט גאָרנישט געענדערט די פריִערדיקע פּראַקטיק.

דער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון די ייִדן־קאַפּיטאַליסטן האָט נישט געשטימט מיטן בירגערלעכן. די ייִדישע אָפּהענגיקייט פון דער פּאָלי־טישער מאַכט, וואָס איז נאָך געווען אין די הענט פון אַלטן רעזשים, האָט געגעבן דעם קעניג, אָדער פעאָדאַל, אַ גרויסע אונטערשטיצונג. אַזוי האָבן די פּרייסישע הערשער אויסגענוצט די ייִדן צו אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד, איבערלאָזנדיק דערבײַ די רעכטלאָזיקייט. למשל דער אויפ־

געצוואונגענער פאַרצעליי־שטייער פאַר ייִדן, וועלכע האָבן געמוזט קויפן פאַר אַ באַשטימטער סומע פאַרצעליי פון די מלוכהשע פאַבריקן. חוץ מאַ־טעריעלן נוצן פון די ייִדן־שטייערן האָט אויך דער קעניג געקענט זיך ווייניקער רעכענען מיט דער בורזשואַזיע פון זיין נאַציע.

די ייִדישע פּלוטאָקראַטיע איז געווען אַן עקאָנאָמישער פאַקטאָר און כּוח. אין דער צייט פון די מהומות און מלחמות האָט זיך ביי די ייִדישע מלוכה־ליווראַנטן אָנגעקליבן אַ גרויסער קאַפּיטאַל. די ייִדישע מאַסן זענען פאַראָרעמט געוואָרן, אָבער די אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל ביי די אָפּענהיימערס, ווערטהיימערס, ראָטשילדס א״א האָט זיי געגעבן וויכטיקע ווירטשאַפטלעכע פונקציעס אין דער נייער מערקאַנטיליסטי־שער עקאָנאָמיק.

די אַבאַליציע פון טייל עקאָנאָמישע באַריערן, דער וווּקס פון דער מאַשינען־אינדוסטריע האָט פרייער געמאַכט די געלט־צירקולאַציע, און די ייִדן — צי מיט רעכט, צי אָן רעכט — האָבן גענומען שפּילן אַ גרוי־סע ראָל אין צענטראַל־ און מערב־אייראָפּע. אויך די פּראָפעסיעס פון די ייִדן האָבן זיך גענומען ענדערן. ייִדן האָבן זיך באַטייליקט אין די פרייע פּראָפעסיעס, גענומען דערנעענטערן זיך מיט דער קריסטלעכער באַפעל־קערונג.

די שטרעבונג צו אידענטיפיצירן זיך כאָטש טיילווייז מיט דער אַרו־מיקער סביבה האָט געהאַט איר עקאָנאָמישן גרונט. דאָס אַנטשטיין פון די נאַציאָנאַלע מלוכות מיטן דעראָבערן קאָלאָניעס און נייע אָפּזאַצמערק פאַר דער היימישער אינדוסטריע, האָט געבראַכט צו געבן אַ נאַציאָנאַלן צייכן דעם האַנדל, צו אַ נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ אויף די מערק פון אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל. די דאָזיקע „נאַציאָנאַליזאַציע״ האָט פון איין זייט געבראַכט די נייטיקייט זיך ענגער צו פאַרבינדן מיט דעם האַנדל און אינדוסטריע פון ווינלאַנד, און פון דער אַנדערער זייט לויזער גע־מאַכט די פאַרבינדונג פון די באַזונדערע טיילן פון דער אַמאָליקער ייִדי־שער אינטערנאַציאָנאַלער פינאַנס־ און האַנדלס־גילדיע.

די ערשטע זענען פון דער ייִדישער באַזונדערטקייט אַנטלאָפן די רייכע „פּאָרטוגעזן״; די אייניקלעך פון די מאַראַנען זענען פרייוויליק אָוועק פון ייִדישן לעבן. פרייוויליקער שמד איז נאָר אַ קלענער טייל

פון דער דערשיינונג און נישט דער וויכטיקסטער. די ספרדים האָבן זיך באַמיט אָפּצוזונדערן פון יידישן כלל, באַקומען באַזונדערע פּריווילעגיעס. בעת די דעבאַטן פון דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג וועגן יידנרעכט האָבן זיי זיך אָפּגעטיילט, פאַרמסרנדיק דערביי די אַשכנזים, און דעם 28טן יאַנואַר 1790 באַקומען די פולע רעכט. אין ענגלאַנד האָבן טייל ספרדים — צוליב די קאָנסערוואַטיווע פּוריטאַנישע געזעצן — זיך געשמדט.

אין דייטשלאַנד האָבן זיך געשמדט אַ סך אשכנזים. עס איז נישט געווען קיין פראַגע פון טוישן דעם גלויבן, נאָר אַ רעזולטאַט פון וועלן זיך צונויפשמעלצן מיט דער נאַציאָנאַליסטישער עקאָנאָמיש־סאָציאַלער געזעלשאַפט, געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיטן אויפגעקלערטן מערקאַנטיליסטישן אימפּעריאַליזם און יונגן קאַפּיטאַליזם.

די גאַנצע יידישע פּלוטאָקראַטיע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון יידישן פאָלק. טייל האָבן געהאַלטן, אַז שמד איז דער אויסוועג („פּויליש איז קאַטויליש" האָט געזאָגט קראַוסהאַר), אַנדערע, אַז אַ רעפאָרמירט יידנטום וועט זיך קענען אַריינפּאַסן אין די נייע באַדינגונגען פון זיין פראַנצויזן, ענגלענדער, דייטשן, נאָר פון משהס גלויבן. אַפילו די ניי־אָרטאָדאָקסיע פון שמשון רפאל הירש האָט זיך באַטראַכט נישט ווי יידיש פאָלק, נאָר ווי דייטשן פון פרומען יידישן גלויבן. דער דייטשער יישוב האָט זיך אַנטוויקלט עקאָנאָמיש, אָבער סאָציאַל זיך נישט אויפגעבויט, ווייל זיין אויטאָנאָמיע איז נישט געווען קיין נאַציאָנאַלע, נאָר בלויז צו רעליגיעזע הצטרכותן. ווען די „תקופה פון ריינעם שכל" האָט אָפּגעשוואַכט דעם גלויבן, איז פאַרן ווייטערדיקן דור שמד געוואָרן, לויט היינעס אויסדרוק, נאָר אַ פּאַספּאָרט אַריינצוגיין אין דער אייראָפּעישער געזעלשאַפט.

דעם גרויסן קלאַסן־אונטערשייד ביי יידן האָבן געשאַפן די קריסטלעכע מושלים, וועלכע האָבן געגעבן די רייכע יידן פּריווילעגיעס, זיי אַרויסגענומען פון בינטל גזירות און רדיפות. איינע פון די הויפּט־פאָדערונגען פון די פּוילישע ועדים איז געווען נישט צו געבן די רייכע יידן פּריווילעגיעס נישט צו זיין אונטערגעוואָרפן דער יידישער אויטאָנאָמיע.

ווי געזאָגט פריער זענען די ערשטע אַנטלאָפן פון יידישן לעבן די

רײַכע „פּאַרטוגעזן". ווען וואָלטער האָט אַרויסגעלאָזט אַן אַנטיסעמיטיש ווערק האָט יצחק דע פּינטאָ אים געענטפערט, אָנווײַזנדיק דעם חילוק צווישן די געבילדעטע „פּאָרטוגעזן" און די אָפּגעשטאַנענע אשכּנזים. גראַד קריסטלעכע קעמפער פאַר עמאַנסיפּאַציע: פּראָפעסאָר לאַדוואָקאַ, אַבאָט גרעגואַר, אַדאָלף טיערי, מיראַבאָ א"א האָבן נישט געמאַכט די דאָזיקע אײַנטיילונג. די צוויי מיליאָן ייִדן אין אײראָפּע זענען געווען אַן ערנסט פּראָבלעם צוליב זייער רעכטלאָזיקייט, עקאָנאָמישע פונקציעס און נאַציאָנאַלער באַזונדערטקייט.

דאָס אָפּשאַפן די רעכטלאָזיקייט, וואָס שייך באַגרענעצט ווױנרעכט, באַזונדערע שטײַערן, באַגרענעצטע פּראָפעסיעס, באַגרענעצן די צאָל חתונות אד"גל, ווי אויך דאָס צולאָזן די ייִדן צו ברייטער עקאָנאָמישער טעטיקייט איז געווען אויף דער האַנט פון יונגן קאַפּיטאַליזם. מען האָט זיך אָבער נישט געקענט קיין עצה געבן מיטן פּראָבלעם פון נאַציאָ־נאַלער אָפּגעזונדערטקייט. טייל האָבן געפילט, אַז עס איז נישט אַזוי פּשוט צו מאַכן פון ייִדן פראַנצויזן, אָדער דײַטשן פון משהס גלויבן. גראַד קריסטן זענען נישט געווען קעגן נאַציאָנאַלער אייגנאַרט, נאָר ייִדן.

די אויפגעקלערטע ייִדן האָבן ערנסט געמיינט — אין גײַסט פון די באַגריפן פון יענער צײַט — אַז ייִדנטום האָט זיך אויפגעהאַלטן נאָר אַ דאַנק דער רעליגיע. גיך האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז עס איז נישט אַזוי. דאָרט, ווו רעליגיעזע טראַדיציע איז נישט געווען געבונדן מיט נאַציאָנאַלע געבאָטן — איז געקומען אַסימילאַציע און שמד. דערווײַל אָבער האָבן זיי געגלויבט אין יונגן קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט אויף זײַן פאָן אויפגעשריבן: פרײַהייט, גלײַכהייט און ברידערלעכקייט.

וואָס שייך פרײַהייט און גלײַכהייט האָט דער ליבעראַליזם נישט געקענט פאַרלײַדן קיין שום פּריווילעגיעס, באַזונדערס קאָלעקטיווע, אין דער עקאָנאָמישער טעטיקייט. אין דעם זענען במילא אַרײַן ייִדן־פּריווי־לעגיעס, פון וועלכע עס האָבן געהאַט נוצן באַשטימטע שיכטן. סאָציאַל און פּאָליטיש האָט גענומען אַ סך צײַט ביז די ייִדן האָבן געקענט גע־ניסן פון דער פרײַהייט און גלײַכהייט.

וואָס שייך ברידערלעכקייט איז עס געווען און געבליבן אַ פראַזע.

דער פירער פון די דעקאַבריסטן פעסטעל (1825) און דער אונגאַרישער רעוואָלוציאָנער לודוויג קאָשוט האָבן גאָרנישט געפילט קיין שום ברידערלעכקייט פאַר זייערע ייִדישע מיטבירגער.

אַ סך ווערק זענען געשריבן געוואָרן פאַר און קעגן דער עמאַנסיפּאַציע פון די ייִדן. דאָס צעשטערן די געטאָ־מויערן — אָפּט אַן אַנטייל פון די ייִדן — איז געווען אַ סימבאָל פון די נײַע באַדינגונגען, אַ נייטיקייט צו ברענגען אין אָרדענונג, אין איינקלאַנג די געפּריידיקטע אידעען און צילן מיט דער עקסיסטירנדיקער פּראַקטיק.

די געבילדעטע ייִדן האָבן שנעל איבערגענומען די נײַע אידעען, באַזונדערס ווען דאָס איז געווען געבונדן מיט זייער אייגענער עמאַנסיפּאַציע. דער רענעסאַנס און הומאַניזם פון 14טן און 15טן י״ה האָט נישט אָנגערירט ברייטערע שיכטן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. די רעוואָלוציאָנערע שטרעמונגען סוף 18טן און פון 19טן י״ה האָבן אַרומגענומען גרויסע טיילן, די פאַרמעגלעכע ייִדן.

די עקספּערימענטאַלע נאַטור־וויסנשאַפט, די „אָביעקטיווע" שכל־דיקייט האָט צעטרייסלט די טראַדיציאָנעלע אײַנשטעלונגען. פאַרן ייִדישן דענקען זענען געווען דרײַ מעגלעכקייטן, די א״ג דיאַלעקטישע טריאַדע. די טעזע איז געווען די עקסיסטירנדיקע פאַרגליווערטקייט, נאָך טיפער זיך פאַרגראָבן אין דער ייִדישער גײַסטיקער פאַרגאַנגענהייט, נאָך שאַרפער זיך אָפּטיילן פון דער אַרומיקער וועלט.

די אַנטיטעזע איז געווען: אויסטיילן פון דער טראַדיציע איר אייגענעם ריין שכלדיקן קערן, צוטראָגן עס דער וועלט, און דערבײַ זיך אָפּזאָגן פון די רעכט אויף אַ באַזונדערן היסטאָרישן קיום. די דאָזיקע אַנטיטעזע האָט געהאַט צוויי שיכטן: אַן אויבערשטע, דער אינטעלעקטועלער קאָסמאָפּאָליטיזם פון אַ ספּינאָזאַ, און אַן אונטערשטע שיכט — די אַסימילאַציע, דאָס צופּאַסן זיך צום אַרום, אײַנהאַלטנדיק נאָר קליינע אומבאַטײַטנדיקע אויסערלעכע רעליגיעזע פאָרמען, און אַ מאָל דאָס אויך נישט.

די סינטעזע דערפון האָט געדאַרפט זײַן דער קאָמפּראָמיס צווישן ייִדישקייט און ריינעם כּלל־מענטשלעכן שכל אין גײַסט פון דער צײַט. אַזוי האָט זיך אויסגעפורעמט דאָס מאָדערנע ייִדנטום.

די בערלינער משכּילים־אידעאָלאָגן האָבן געטראַכט צו געפינען די סינטעזע, אָבער זיי זענען געווען אַרײַנגעוואַקסן אין זייער בורזשואַזער סביבה, ווו פּראַקטישער קאַריעריזם און אָפּאָרטוניזם האָבן דאָמינירט. דע־ריבער האָבן זיי נישט געקענט פאָרמולירן אַ נאַציאָנאַלן פּראָגראַם.

לאָמיר אַ ביסל זיי רעכטפאַרטיקן. אויך דער אַלגעמיינער אַרום האָט נאָך נישט באַגריפן, אַז אין אַ מלוכה קענען זײַן פאַרשידענע נאַציאָנאַ־ליטעטן. עס איז געווען די צײַט, ווען עס האָבן זיך געשאַפן און אויס־געוואַקסן גרויסע נאַציאָנאַלע מלוכות, וואָס האָבן געוואָלט די קליינע פעלקער צווישן זיי מיט געוואַלט צונויפגיסן מיט דער הערשנדיקער נאַציע. אַזאַ פּאָליטיק איז געפירט געוואָרן לגבי די טשעכן, פּאָליאַקן, אונ־גאַרן א״א. אויך לגבי יידן. אַם בעסטן האָט דאָס אויסגעדריקט דער פראַנצויז קלערמאָן־טאָנער אין דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמ־לונג: „יידן ווי אַ נאַציע קומט גאָרנישט, אָבער יידן ווי מענטשן קומט אַלץ".

די קלאַסן־אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע זענען אין דער פּרי־קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע געווען געבונדן מיט נאַציאָנאַלערווירטשאַפט, נאַציאָנאַלער עקספּאַנסיע אויף וועלטמערק און קאָלאָניעס, מיט אַ נאַ־ציאָנאַלער פּאָליטיק. אַנדערש ווי אין מיטל־עלטער, ווו עס האָבן גע־שפּילט אַ ראָל אינטערנאַציאָנאַלע האַנדלס־גילדיעס.

די יידישע בורזשואַזיע האָט זיך צוליב אירע קלאַסן־אינטערעסן אָפּגעזאָגט פון געדאַנק, אַז יידן זענען אַ נאַציע. אויך פּראָגרעסיווע קריסטן האָבן צוליב נאַיווע הומאַניסטישע אויפקלערערישע מאָטיוון גע־זאָגט דאָס זעלבע. אָבער די רעאַקציע האָט נישט געגלויבט, אַז יידן זענען מער נישט קיין נאַציע.

ב. די השׂכּלה פון משה מענדעלסאָן און די עמאַנסיפּאַציע

די אייראָפּעישע אויפקלערונג איז געווען אַ רעזולטאַט פון וווקס פון דער בורזשואַזיע, פון איר באַטײַטונג אין עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבן. דער דריטער שטאַנד, ספּעציעל דער שטאָטישער

עלעמענט, האָט געפּאָדערט זײַן אָרט אין דער געזעלשאַפט. צוויי פליגלען האָט געהאַט די אויפקלערונג: פון איין זײַט וואָלטער מיט זײַן „אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם״ פון מאָנאַרך, ד״ה אַ בונד צווישן קעניג און דריטן שטאַנד. פון דער אַנדערער זײַט: זש. זש. רוסאָ און די ענציקלאָפּעדיסטן, וועלכע האָבן געוואָלט בויען אַ געזעלשאַפט אויף דעמאָקראַטישע יסודות.

ביידע האָבן געגלייבט אין כּוח פון שכל, אין אויפקלערונג.

די ייִדן, ווי אַ שטאָטישער עלעמענט, זענען געווען עקאָנאָמיש אַ טייל פון דריטן שטאַנד, אָבער נישט יורידיש און סאָציאַל. דער אָנערקענטער פילאָסאָף און אויפגעקלערטער דענקער משה מענדעלסאָן (1729 ־ 1786) האָט געזען די אָנקומענדיקע ענדערונגען אין דער וועלט. ער האָט געזען די געפאַרן אַרויסצופאַלן לגמרי פון עוואָלוציאָנערן פּראָצעס און ער האָט דעריבער געשטרעבט צוצופּאַסן דאָס ייִדנטום צו די נײַע צײַטן, צוגרייטן זיי צו דער עמאַנסיפּאַציע.

צוויי באַריערן זענען געשטאַנען אין וועג מיטצוגיין מיט דער לאַנדבורזשואַזיע: רעליגיע און שפּראַך. וואָס שייך רעליגיע האָט מענדעלסאָן, אַ פרומער ייִד, אַ שומר־מצוות, געפּריידיקט דאָס אָפּטיילן די קירך פון דער מלוכה. קיינער פון זיי טאָר נישט אײַנגערירן אין צוויטנס געביט. ייִדנטום ווייסט נישט פון קיין קאָנפליקטן צווישן רעליגיע און דענקען, דעריבער קען ייִדנטום בלײַבן אין דער נײַער קאָנסטעלאַציע. בנוגע די ייִדישע געבאָטן, האָט ער זיי געהאַלטן פאַר פאָרשריפטן פאַרן לעבן און נישט פאַרן דענקען. זיי האָבן געדינט צוזאַמענצוהאַלטן די ייִדן און זענען גילטיק נאָר פאַר ייִדן. (דאָס אַלץ אין זײַן בוך: „יערוזאַלעם אָדער איבער רעליגיעזע מאַכט אונד יודענטום״, דײַטש, 1783). וואָס שייך ייִדישע לאָיאַליטעט האָט ער געהאַלטן, אַז נאָכן חורבן בית־המקדש זענען ייִדן מער נישט קיין פּאָליטישע נאַציע און דאַרפן זײַן פּאַטריאָטן פון געגעבענעם לאַנד.

אויב ער האָט זיך בשום־אופן נישט געוואָלט אָפּזאָגן פון ייִדישן דת האָט ער מיט אַ לײַכט געמיט אָנגענומען — אין הסכם מיט זײַן באַגריף פון פּאַטריאָטיזם — די דײַטשע שפּראַך און קולטור. ער האָט איבערגעזעצט דעם תּנך אויף אַ ריינעם דײַטש נישט בלויז פאַר זײַנע קינדער

נאָר די ייִדן זאָלן זיך מיט דעם באַנוצן בײַם לייענען שבת די סדרה. ער האָט עס געשריבן מיט העברעיִשע אותיות. זײַנע תּלמידים האָבן געשאַפן אַ נעץ פון שולן, סעמינאַרן פאַר ייִדישע קינדער אין דײַטש מיט אַ ליבע צו דער דײַטשער קולטור.

משה מענדעלסאָן, אַליין אַ קעגנער פון ספּינאָזעס פילאָסאָפיע, חזרט איבער ספּינאָזעס געדאַנק פון „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן 'טראַקטאַט", אַז תּורת־משה איז נישט קיין סיסטעם פון דאָגמעס, נאָר אַ קאָדעקס פון געזעצן. ספּינאָזאַ האָט געהאַלטן, אַז ייִדנטום באַזירט זיך אויף אַן אַנטפּלעקונג פון אַ פּאָליטישער קאָנסטיטוציע, וואָס האָט געבוירן אַ טעאָקראַטיע און האָט פאַרלוירן איר פּראַקטישן ווערט מיטן חורבן פון דער אומאָפּהענגיקייט. מענדעלסאָן האָט געמיינט, אַז ייִדנטום האָט נאָך זײַן ווערט און די אַלטערמיטלעכע ייִדישע מלוכה איז געווען אַ פענאָמען, איינציק, וואָס קען נישט זײַן כאַראַקטעריסטיש בײַ אַלגעמיינע קאָנצעפּציעס. אָבער ער האָט מסכּים געווען, אַז די אַמאָליקע דינים פון דער תּורה האָבן פאַרלוירן זייער אָבליגאַטאָרישקייט מיטן פאַרלירן די מלוכה־שאַפט. ער האָט געפּרוווט אויסטיילן דעם ייִדישן מאָנאָטעיִזם פון דער תּורה און אַוועקגעבן דער וועלט. ער האָט געפּריידיקט אוניווערסאַליזם, גאָטס גוטסקייט איז אויסגעשפּרייט אויף אַלע בּרואים. אַזוי ווי אַ צוזאַמענגיסונג פון די פעלקער איז דערווײַל נישט מעגלעך, דאַרף מען קעמפן פאַר טאָלעראַנץ, וואָס איז אַ געטלעך געבאָט.

עס האָט זיך דערבײַ געשטעלט די פראַגע: פאַר וואָס נאָר ייִדן היטן די תּורה, נאָר ייִדן האָבן די סיני־אַנטפּלעקונג? ער איז דעריבער געקומען צום אויספיר, אַז ייִדן האָבן אַ היסטאָרישע מיסיע צו פאַרשפּרייטן רײַנעם מאָנאָטעיִזם צווישן די פעלקער. ער האָט געגלויבט אין אַ גאָט וועלכן אַ מענטש קען געפינען אין זײַן געוויסן.

מענדעלסאָן האָט געוואָלט איבערחזרן דעם רמב״ם אויפטו: געפינען אַ בריק צווישן וויסן און גלויבן, צווישן חכמה און תּורה. אָבער פון רמב״ם צײַט בּיז מענדעלסאָנס איז די חכמה שטאַרק געשטיגן אין אַנזען און דעריבער האָט מענדעלסאָן געמאַכט מער רייניע אינטעלעקטועלע אויספירן. ער איז געווען אַ קעגנער פון עקספּערימענטאַליזם, פון אורטיילן נאָר לויט דערפאַרונגען. לויט אים איז די נשמה אומשטערבלעך („פעדאָן"

1767). דער מענטש האָט די פרײַהייט פון ווילן. ער איז אָבער נישט מס־כּים מיטן רמבם איז דער פראַגע פון געטלעכער אַנטפּלעקונג. לויטן רמבם זענען דאָ צוויי קוועלן פון דערקענטניש: שכל פאַר די דענקנדיקע, אַנט־פּלעקונג פאַר די מאַסן. מענדעלסאָן אָנערקענט נאָר שכל. אַזוי ווי דער ברית־סיני איז קעגן זײַנע אויספירן, געפינט ער אַ נײַע דעפיניציע: יידישקייט איז נישט קיין אַנטפּלעקונגס־רעליגיע, נאָר אַן אַנטפּלעקונגס־געזעץ.

לויט מענדעלסאָנען זענען איינִיקייט און עקסיסטענץ פון גאָט, געט־לעכע השגחה און די אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה — פּרינציפּן פון יעדער רעליגיע. דאָס ספּעציפיש־יידישע איז מתן־תורה, די געזעצן, די מצוות.

דאָ איז מענדעלסאָן טיילווײַז גערעכט געווען. אָן דער פּראַקטיק, אָן געזעצן, וואָס פאַרפּליכטן צו האַלטן זיך בײַ די פּרינציפּן, בלײַבט די טעאָ־ריע אַ פּוסטע פראַזע. נישט אומזיסט רעדט מען בײַ יידן וועגן דער „לע־בעדיקער תורה".

מענדעלסאָנס ראַציאָנאַליזם האָט נישט געקענט פאַרבינדן דאָס טראַ־דיציאָנעלע יידישקייט מיט ראַציאָנאַליסטישע געדאַנקען און אויספירן. עס זענען אויך געווען אַ סך אַנדערע סתירות: ער האָט פּערזענלעך גע־האָט אַ חשוב אָרט אין קרײַז פון די אינטעלעקטואַלן, אָבער זײַן סטאַטוס אַלס בירגער האָט אים געמאַכט אינפעריאָר. ער האָט שאַרף קריטיקירט דעם סאָציאַלן און קולטורעלן מעמד פון די יידן און גלײַכצײַטיק געווען שטאָלץ מיט זײַן יידישקייט. ער איז געווען לאָיאַל צו דער הלכה און דעם קולטור־אוצר פון יידישקייט און געפילט אַן אימה צוליב דער פּערספּעקטיוו וואָס יידן װעלן אין דעם צושטאַנד — נישט קענען גע־פינען זייער אָרט אין דער ענדערנדיקער זיך וועלט.

די הויפּטקאָנפליקטן פון דער עמאַנסיפּאַציע זענען געווען: דער ווידעראַנאַנד צווישן אַסימילאַציע און דעם אייגנאַרט פון יידישן לעבן, צווישן גלײַכהייט פון ציווילע און אינדיווידועלע רעכט — און דעם מי־נאָריטעטן־סטאַטוס, צווישן מאָדערנעם ייד אין גלות, וועלכער זוכט אינ־טעגראַציע און וויל אין דער זעלבער צײַט אײַנהאַלטן זײַן יידישע אידענ־טיטעט.

אָט די באַהאַלטענע אַמביוואַלענץ טרעט אַרויס אָפן ביי מענדעלסאָנס אָנהענגער. ער אַליין האָט געגעבן אַ שלעכטן ביישפּיל מיטן פאַרהערלעכן אַלץ, וואָס איז דייטש; מיט פאַראַכטן די פאָלקסמאַסן, באַזונדערס פון מזרח־אייראָפּע און זייער שפּראַך יידיש.

פאַר זיין צייט האָט ער געהאַט אַ וויכטיקע באַטייטונג, ער האָט אַרויסגערופן אַ שטרעבונג צו בילדונג, אָבער צוליב דער אַנטי־נאַציאָנאַ־לער, הגם רעליגיעזער איינשטעלונג, איז ער נישט געוואָרן דער מורה־נבוכים אויף לאַנגע דורות, אַזוי ווי דער רמבם איז עס.

אַ צווייטער נעגאַטיווער שטריך ביי מענדעלסאָנען און זיינע נאָכ־פאָלגער איז געווען וואָס זיי האָבן געשטעלט די גייסטיקע עמאַנסיפּאַ־ציע אַלס פאַרבאַדינג פאַר דער בירגערלעך־רעכטלעכער. ד״ה גלייכ־באַרעכטיקונג דאַרף מען זיך „פאַרדינען״.

די דענאַציאָנאַליזירונג־אידעע האָט באַקומען אַ באַזונדערן באַטייט נאָך מענדעלסאָנס טויט, ווען די פירערשאַפט אין דער השכלה־באַוועגונג האָבן איבערגענומען וויניקער אָרטאָדאָקסישע, מער פרייידענקערישע עלעמענטן.

אין בערלין, ווו די השכלה האָט געהאַט איר וויגעלע, האָט די קריסט־לעכע אינטעליגענץ זיך דערנענטערט צו דער יידישער, געטראָפן זיך אין די יידישע סאַלאָנען פון מענדעלסאָנס טעכטער, און פון הענריעטאַ הערץ און רחל לעווין. דער דייטשער „שטורם און דראַנג״, דער הומאַ־ניסטישער פאַרגייער פון רעאַקציאָנערן „דראַנג נאָך לעבנסראַום״, האָט מיט זיין ראָמאַנטיזם באַווירקט די יידישע אינטעליגענץ, די יידישע פרויען. פון געטעס עסטעטיזם, פון זיין העלענישן שיינקייטקולט איז גע־ווען איין טראָט צו שלעגעלס און שלייערמאַכערס מיסטישן ראָמאַנטיזם, וואָס האָט צום סוף געפירט צו דער „פרייהייט פון ליידנשאַפט״. דער „טוגענדבונד״ איז געווען אַן אינטעלעקטועלע קאָפּיע פון פראַנקס אויסגע־לאַסנקייט. זייער געמיינזאַמער סוף — שמד.

די געבילדעטע יידן האָבן געהאַט פאַר זיך אַ ברייט טעטיקייט־פעלד אין אויפקומענדיקן קאַפּיטאַליזם. אָבער דערצו האָט זיי געשטערט די יידישע רעכטלאָזיקייט צו קענען פריי אָנטיילנעמען. דעריבער האָבן זיך אויסגעטיילט צוויי גרופּן. איינע האָט בכלל אַוועקגעוואָרפן דעם יידישן

באַלאַסט. ווי באַלד מען גלייבט שוין סײַ ווי סײַ נישט, טאָ וואָס איז דער געוואַלט? זיי האָבן זיך געשמדט. שמד אויס איבערצײַגונג איז געווען אַ זעלטנהייט.

אַנדערע האָבן געזוכט צו געווינען די גלײַכבאַרעכטיקונג דורך עמאַנסיפּירן זיך. עמאַנסיפּאַציע האָט בײַ זיי געהייסן אָפּזאָגן זיך פון נאַציאָנאַלן אייגנאַרט, האַלטן זיך נישט פאַר אַ נאַציאָנאַלן איינס, נאָר פאַר אַ רעליגיעזער גרופּע. פּונקט ווי עס קענען זײַן דײַטשן קאַטאָליקן, פּראָטעסטאַנטן, קאַלוויניסטן, קענען אויך זײַן דײַטשן־יידן. דאָס איינציקע בײַ זיי פון יידנטום איז געבליבן די אידעע, אַז יידן האָבן אַ מיסיע צו פאַרשפּרייטן דעם ריינעם מאָנאָטעיזם. דאָס האָט זיי געזאָלט געבן אַ העכערן מעמד אין דער דײַטשער געזעלשאַפט. אָט די מיסיע איז דער יסוד פון דער רעפאָרם־סינאַגאָגע.

נישט ווייניק האָט געווירקט אויפן אָוועקגיין פון טראַדיציאָנעלן יידנטום דער בונט פון דער אינדיווידואַליסטישער פּערזענלעכקייט קעגן דער דיסציפּלין פון נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו. די בורזשואַזע אידעאָלאָגיע, וואָס האָט געקעמפט מיט גערירשנטע פּריווילעגיעס און שטאַנדן־פאָראורטיילן, האָט אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט די שטאַרקע פּערזענלעכקייטן, די מענטשן וועלכע דערגרייכן מיטן אייגענעם שכל און מי — אַ פּאָזיציע אין לעבן. דער אינדיווידואַליזם האָט באַקומען זײַן אויסדרוק אין דער ליטעראַטור אין די שאַפונגען פון באַלזאַק, דיקענס, דעפאָ א״א. דער אינדיווידואַליזם האָט אויך באַווירקט די אַקטיווע געבילדעטע יידן, וועלכע האָבן באַזונדערס געפילט די פאַרגליווערטע ירושה פון טראַדיציאָנעלן יידנטום מיט דער קאָלעקטיווער אחריות, מיט דער אָפּגעשלאָסנקייט, שטרענגקייט און טרויער.

אויב אין אָנהייב האָט די בערלינער השכּלה נאָך געוואָרצלט אין יידישן ראַציאָנאַליזם פון רמבם האָבן די שפּעטערדיקע דײַטש־דערצויגענע דורות זיך אין גאַנצן אָפּגעקערט פון די יידישע מקורות און אָפּגעפרעמדט געוואָרן. שמד איז געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשײַנונג, אָן אינערלעכע איבערלעבונגען, ווײַל די משומדים זענען געווען פרײַזיניק.

אַ בילד פון דער „תקופה פון ריינעם שכל" געבן אירע פאָרשטייער: מענדעלסאָנס תלמיד און פרײַנד דוד פרידלענדער (1750 - 1834)

האָט געגרינדעט די ערשטע יידישע „פריי־שולע". אַליין אַ זייד־פאַברי־קאַנט, איינער פון די „שוץ־יודען" איז ער געווען שטאַרק אַסימילירט. ער איז געווען סיי קעגן קריסטלעכע דאָגמען און סיי קעגן יידישן שולחן־ערוך. זיין „ריינער מאָנאָטעיזם" איז געווען אַ פשרה מיטן פּראָטעסטאַנ־טיזם. פון צווישן זיינע פינף הונדערט תּלמידים זענען אַרויס די שאַרפסטע רעפאָרם־אָנהענגער. ער האָט איינגעפירט תּפילות פאַר די מיטבירגער און אַרויסגעוואָרפן די תּפילות פאַר שיבת־ציון.

די פּרייסישע רעגירונג האָט פאַרברייטערט די מעגלעכקייטן פון די רייכע, אָבער אָפּגעזאָגט רעכט דעם יידישן כּלל. נישט געקוקט אויף די אַלע „גליקן" בלייבט דאָך די יידישע בורזשואַזיע רעכטלאָז. צו ערשט קעמפט זי פאַר גלייכבאַרעכטיקונג און דוד פרידלענדער איז איר מו־טיקער פאָרשטייער. שפּעטער אָבער דערשיינט (1799) אַ בריוו צו פּאָס־טאָר טעלער, ווו די מחברים לייגן פאָר צו שמדן זיך קאָלעקטיוו, אָבער נישט אָננעמענדיק די קריסטלעכע דאָגמען, ד"ה אַ „טרוקענער טויף אָן טויפוואַסער". אַרום דעם בריוו איז געווען אַ שאַרפע פּאָלעמיק, און שלייערמאַכער האָט געהאַלטן, אַז דער מאַסן־שמד איז „קריסטנטום אָן קריסטוסן", אויפגעוויזן די צביעות פון דער שמד־באַוועגונג ביי יידן. אָבער פּראַקטיש האָט זיך די צביעות געלוינט און דעריבער זיך פאַרשפּרייט. דוד פרידלענדערן האָט מען חושד געווען, אַז ער איז דער מחבר פון בריוו. ער האָט דאָס אָפּגעלייקנט.

בלויז אַ קליינער טייל פון מענדעלסאָנס תּלמידים האָבן זיך גע־האַלטן אין זיין וועג, נישט פאַרדייטשט און נישט פאַרקריסטלעכט גע־וואָרן פולשטענדיק. צווישן זיי האָבן זיך געפונען די רעדאַקטאָרן פון „המאסף" (1784) יצחק אייכעל און מענדל ברעסלאַו. זיי האָבן אויך גע־גרינדעט די געזעלשאַפט „חברה דורשי לשון עבר" (1789).

נעענטער צום יידישן דרך זענען געווען שמואל הירש (1815 - 1889) און לודוויג שטיינהיים. שמואל הירש איז געווען אַ העגעליאַנער, אָבער ער האָט שטאַרק אונטערגעשטראָכן די אַקטיווקייט פון יידישן דת (בחירה, בריאת העולם א"א) קעגן דער געצנדינעריש־קריסטלעכער נאַטור־פּאַסי־וויטעט. אַפילו אין „משיחס צייטן" וועלן די יידן נאָך זיין גייטיק פאַר

דער וועלט. דעריבער וועט דאָס ייִדישע פאָלק זיך אומקערן קיין ארץ־ישׂראל.

גאָר אַנדערש האָבן געטענהט אַנדערע נאָכפאָלגער פון משה מענדעלסאָן. שלמה פאָרשטעטער האָט געפּרוּווט געפינען אַ באַריר־פּונקט מיטן פּראָטעסטאַנטיזם. ער האָט געהאַלטן, אַז דער אונטערגאַנג פון דער ייִדישער פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט איז געווען אַ פאָרשריט אין דער אוניווערסאַלער געשיכטע. מאיר היינריך לאַנדאַוער האָט ווידער געזוכט אַ פאַרבינדונג מיטן קאַטאָליציזם.

דער רוב אָבער האָט געזוכט וועגן צו רעפאָרמירן דאָס ייִדנטום.

אין וואָס זענען באַשטאַנען די הויפּט־אידעען פון רעפאָרם־ייִדנטום?

דער הויפּטגעדאַנק איז געווען, אַז אַלץ, וואָס איז ייִדיש־נאַציאָנאַל קען נישט זײַן פּראָגרעסיוו, און אַלץ, וואָס איז פּראָגרעסיוו, קען נישט זײַן נאַציאָנאַל. דעריבער דער דראַנג צו כּלל־מענטשלעכער קולטור, צו קאָסמאָפּאָליטיזם. דאָס גיין פון נאַציאָנאַלן צום אַלגעמיין־מענטשלעכן.

אַזוי ווי קיין סתּם כּלל־מענטשלעכע קולטור איז נישט בנמצא, דעריבער זענען זיי געוואָרן אַדעפּטן פון דער דײַטשישער קולטור, פון דער פראַנצויזישער אא״וו. זיי זענען פון אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן אייגנאַרט אַריבער צו אַ פרעמדן, אָפט פײַנדלעכן, נאַציאָנאַליזם.

אַסימילאַציע מיט וועמען? מיטן געבוירנלאַנד? ווי האָט אויסגעזען די שטעלונג פון די אַסימילאַטאָרן אין טשעכישן פּראָג? זענען זיי געווען טשעכן אָדער דײַטשן? דאָס זעלבע אין אונגאַרן, מזרח־גאַליציע, קרוין־פּוילן. זיי האָבן געהאַט אויסצוקלייבן צווישן דער הערשנדיקער נאַציע און דער אונטערדריקטער. שפּעטער האָט אַ ייִדישער דענקער עס אַזוי כאַראַקטעריזירט: „דאָס אַלטע אויסדערוויילטע פאָלק פון גאָט גייט אַרום בעטלען פאַר אַ נאַציאָנאַליטעט, דערקלערנדיק אומעטום: ׳מיר זענען איר׳.״

לויט די רעפאָרמער איז ייִדנטום נישט קיין היסטאָריש־נאַציאָנאַלער פּראָצעס, נאָר אַ רעליגיע מיט אייניקע מאָראַלישע פּרינציפּן און אַ סך אָבערגלויבן.

אין 1848 האָט געשריבן די וואָרמסער רעפאָרמירטע קהילה, אַז „מיר דאַרפן מער נישט בעטן וועגן צוריקקער קיין פּאַלעסטינע, ווײַל מיר זע־

נען מיטן גאַנצן האַרצן פאַרבונדן מיטן דײַטשן פאָטערלאַנד, וועמענס גורל איז אונדזער גורל. מיר דאַרפן נישט טרויערן אויפן חורבן־בית־המקדש, ווײַל מיר האָבן שוין לאַנג באַקומען אַ פאָטערלאַנד, וואָס איז בײַ אונדז טײַער... מיר דאַרפן נישט לערנען אונדזערע קינדער פאַקטן, וואָס דער לעבעדיקער ייִדישער גײַסט באַטראַכט אַלס אַ טויטן באַלאַסט, וועלכן מען דאַרף אַוועקוואַרפן... מען דאַרף נישט בעטן (דאַווענען) אין אַ טויטער שפּראַך, ווען דאָס וואָרט און קלאַנג פון אונדזער דײַטשער מוטער־צונג איז פאַרשטענדלעך..."

באַזונדערס שאַרף איז די קעגנערשאַפט צו וועלכער נישט איז אַנ־דײַטונג פון שיבת־ציון. אין 1885 שרײַבן די רעפאָרמער אין פּיל־נאַציאָ־נאַלן און פרײַען אַמעריקע אין זייער „פּיטסבורגער פּראָגראַם": „מיר באַטראַכטן זיך מער נישט אַלס נאַציע, נאָר ווי אַ רעליגיעזע געמיינדע און דעריבער דערוואַרט נישט קיינער דאָס צוריקקערן זיך קיין פּאַלעסטינע, ווי אויך נישט צו אַ גלויבן אונטער דער אויפזיכט פון די בני־אהרן, נישט די רעסטאַוראַציע פון קיין שום דין, וואָס שייך אַ ייִדישע מלוכה".

פון דעם שטאַמט אויך זייער קעגנערשאַפט צו העברעיִש און דעם תּלמוד. זיי האָבן געוואָלט דערפירן צו אַ האַרמאָניע צווישן די יסודות פון ייִדישקייט מיט דער אייראָפּעיִשער קולטור דורך דערגרייַכן בירגערלעכע גלײַכבאַרעכטיקונג, דורך עמאַנסיפּאַציע און זעלבסט־עמאַנסיפּאַציע. זיי האָבן געוואָלט מיט אַ רעפאָרמירטער ייִדישקייט אײַנהאַלטן דעם יונגן דור, דעם אומגלייביקן און טעמפּן דור פון פאַרגעניגן־זוכער, און גלײַכ־צײַטיק מיטציִען מיט זיך די פאַרשטיינערטע קאָנסערוואַטיווע זיי זאָלן מיטגיין מיט דער צײַט.

אין דער אַקטועלער פאָדערונג פון זייער קלאַס צו באַקומען גלײַכבאַ־רעכטיקונג איז דערטרונקען געוואָרן דער הומאַניסטישער פּרינציפּ פון קאָסמאָפּאָליטיזם. תּכלית האָט דיקטירט שמד דאָרט, וווּ די קריסטלעכע געזעצגעבונג האָט געמאַכט שוועריקייטן.

די קריסטן האָבן נישט געוואָלט אויפנעמען אין זייער געזעלשאַפט די געשמדטע, באַזונדערס די אומגלייביקע. זיי האָבן זיך געשראָקן פאַר דער ייִדישער אַרײַנדרינגונג מער ווי פאַר דער ייִדישער אָפּגעזונדערטקייט.

חוץ דעם האָט אין דײַטשלאַנד זיך געשטאַרקט נאָכן זיג איבער נאַ־

פּאָלעמען דער נאַציאָנאַליזם און קריסטנטום. אַלץ, וואָס איז גוט, איז קריסטלעך. אַפּילו העגעל האָט געהאַלטן, אַז ייִדנטום האָט דערגרייכט זײַן העכסטן אויסדרוק אין קריסטנטום און דאַרף מער נישט עקסיסטירן. ייִדנ־טום איז לויט אים „אַ גײַסט־רעליגיע, פון וועלכער דער גײַסט איז פאַר־שווונדן".

דאָס האָט באַגרענעצט דעם דראַנג צו מאַסן־שמד. דער קאָמפּראָמיס צווישן שמד און טראַדיציאָנעלן ייִדנטום איז געווען די שפּעטערדיקע לאָ־זונג פון „אַ מענטש אין גאַס און אַ ייִד אין שטוב".

די רעפאָרם־סינאַגאָגע האָט געענדערט דעם אינהאַלט פון די תּפילות, באַזײַטיקט אַלע אָנדײַטונגען וועגן שיבת־ציון און די קאָנקרעטע אָנזאָגן פון ביאת־המשיח פאַרבונדענע מיט תּחית־המתים. זיי האָבן איבערגעלאָזן נאָר אַ מטושטשע פאָרשטעלונג וועגן דער מיסיע פון ריינעם מאָנאָטעיִזם מיט קאָסמאָפּאָליטישע צילן. זיי האָבן אָפּגעשאַפט דעם צווייטן טאָג יום־טוב, די שווערע דינים פון אבילות, די מקווה א"א. זיי האָבן אויך געפּרוּווט אָפּזאָגן זיך פון שבת, כּשרן די געמישטע חתונות און אָפּשאַפן מילה. בנוגע דעם, באַזונדערס צום לעצטן, זענען געווען חילוקי־דעות. אָבער איינשטימיק האָט מען אַלץ פאַרדײַטשט, פאַרקלענערט ביז אַ מינימום די העברעיִשע תּפילות, אײַנגעפירט אַן אָרגל און אויסערלעכע פײַערלעכקייטן ענלעך צו די קריסטלעכע מנהגים.

מיט פרידלענדערן האָבן געאַרבעט און נאָכגעאַנגען ישראל יאַקאָבסאָן (1768 ־ 1828), פיליפּסאָן, מיכאַל און טעאָדאָר קרײַצענאַך, די שפּעטער פון אַ נײַעם שולחן־ערוך. דער וויכטיקסטער פון זיי איז געווען דער גע־לערנטער אברהם גייגער (1810 ־ 1874), אַ פײַערדיקער פרײדיקער פון אַסי־מילאַציע און דער מיסיע צו פאַרשפּרייטן ראַציאָנעלן גלויבן אין גאָט און זײַנע געבאָטן. ער איז געגאַנגען טיילווײַז אויף פּשרות מיט דער רעליגיע־זער טראַדיציע בנוגע שבת און מילה, אָבער נישט מיטן אַקצענטירן דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. ער האָט אַפּילו זיך אָפּגעזאָגט פון סאָלידאַריטעט־אויסדרוק בעתן דמשקער בלוט־בלבול (1840), וואָס האָט אויפגערודערט אַלע אָפּגעפרעמדטע קינדער פון פאָלק.

שמואל האָלדהיים (1806 ־ 1880) האָט אין ייִדנטום געזען צוויי טיילן: אַ פּאָליטיש־נאַציאָנאַלן און אַ רעליגיעזן. דעם ערשטן האָט ער אָפּגע־

וואָרפן, ווײַל ייִדן זענען שוין לאַנג נישט קיין נאַציע. דאָס ערגסטע בײַ אים איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געגעבן דאָס רעכט דער קריסטלעכער מלוכה צו באַשטימען וועלכע ייִדישע דינים דאַרפן בלײַבן. ער האָט זיך פאַררופן אויפן פסוק: דינא דמלכותא דינא. נאַציאָנאַלן אויטאָנאָמיזם האָט ער געהאַלטן פאַר איבעריק און שעדלעך. ער איז געווען עקסטרעם אַנטי־נאַציאָנאַל.

נישט אַלע רעפאָרמער זענען געגאַנגען אַזוי ווײַט. זכריה פראַנקעל האָט געגרינדעט די קאָנסערוואַטיווע רעפאָרם־באַוועגונג, וואָס האָט אָנער־קענט העברעיִש און די נאַציאָנאַל־משיחישע האָפענונגען. אויך שלמה יהודה ראַפּאָפּאָרט (שיר, 1790 ־ 1867) איז געווען קעגן אָפּזאָגן זיך פון שיבת־ציון. ער איז געווען באַווירקט פון די גרויסע ייִדישע פאָלקסמאַסן אין זײַן היימלאַנד גאַליציע.

דער שנעלער גאַלאָפּ צו די שמאָלע שפּאַלטן אין דער קריסטלעכער מויער האָט אַרויסגערופן אַ קעגן־רעאַקציע בײַ געוויסע פאָרשטייער פון די געבילדעטע ייִדן. אויך זיי זענען געווען פאַר אַסימילאַציע, דערקלערט זיך פאַר ריינע דײַטשן, אָבער זיי זענען געווען צוגעבונדן מער צו דער ייִדישער טראַדיציע. דאָס איז געווען די נײַ־אָרטאָדאָקסיע, וואָס עס האָט געגרינדעט שמשון רפאל הירש (1808 ־ 1888), אַ שול־חבר פון אברהם גייגער. הירש איז געגאַנגען אויף ווײַטגייענדיקע פשרות בנוגע אויסער־לעכע פאָרמען און דעם אַנטי־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, אָבער געבליבן בײַ דער הלכה. ער האָט געזוכט די סינטעזע צווישן תורה און וועלטלעך וויסן. ער איז אַפילו אײַנגעגאַנגען אויף אַ באַשרענקטן שיבת־ציון־געדאַנק, ווײַל ער האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף תורה און אירע געבאָטן. ער האָט אײַנ־געפירט אַ כאָר מיט אַ דיריגענט, קאָלעקטיוו זינגען, פּרעדיקטן אין דײַטש צוויי מאָל אין חודש. העברעיִש און טראַדיציאָנעלע אײַנפירונגען האָט ער פאַרטיידיקט, אָבער אַלץ געמאָסטן מיטן שכל. ער האָט למשל אַרויסגע־וואָרפן כל־נדרי פון די תפילות צוליבן אומפאַרשטענדלעכן טעקסט.

שמשון רפאל הירש האָט זיך שטאַרק געמיט נישט צוצולאָזן צו אַ שפּאַלטונג אין ייִדישן כלל, אָבער דאָס איז אים נישט געלונגען. אין 1871 האָט די אונגאַרישע רעגירונג אָפיציעל געטיילט די ייִדישע געמיינדע אויף נעאָלאָגן (רעפאָרמער) און אָרטאָדאָקסן.

הירשס ניי־אָרטאָדאָקסיע האָט באַווירקט די פּאָליטיק פון דער שפּע־טערדיקער „אגודת ישראל", באַזונדערס אין דער פראַגע פון שיבת־ציון, פון „ציוניזם אויף אַ טיילעפעלע".

דער הויפּטגעדאַנק פון הירשס איינשטעלונג איז געווען „מען דאַרף אויפהייבן די צײַט צו דער מדרגה פון דער תורה, נישט פאַרקערט — די תורה זאָל מען אַראָפּוואַרפן צו דער מדרגה פון דער צײַט. לויט גייגערן איז ייִדישקייט אַ היסטאָרישע עוואָלוציע, לויט הירשן — אייביק און תמיד די זעלבע. ביידע האָבן אָבער נישט געזען, אַז אַפּזאָגנדיק זיך פון נאַציאָנאַלן סימן ברענגען זיי אַ סכנה פאַרן קיום פון ייִדישן פאָלק.

די אויסערלעכע און אינערלעכע שטרײַטן האָבן געבראַכט מיט זיך די „וויסנשאַפט דעס יודענטומס". מען האָט גענומען פאָרשן, דערווײַזן די מקורות פון די דינים, מנהגים און דערבײַ האָבן זיי זיך פאַרטיפט אין פאָרשונגען פון ייִדישן געדאַנק און ייִדישער געשיכטע. דער באַוועגונג האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די גרויסע באַטײַטנדיקע ווערק פון לעאָפּאָלד צונץ (1794 - 1886), איזאַק מאַרקוס יאָסט (1793 - 1860), נחמן קראָכמאַל, מחבר פון „מורי נבוכים הזמן", שמואל דוד לוצאַטאָ (שד"ל, 1801 - 1866) און דעם גרויסן היסטאָריקער פּראָפעסאָר גרעץ (1817 - 1891). פאַר דער געשיכטע און אַנטוויקלונג פון ייִדישן געדאַנק האָבן די „אבות" פון „חכמת ישראל" אָדער „חכמת היהדות" זייער אַ וויכטיקע באַ־טײַטונג. צונץ האָט וויסנשאַפטלעך באַאַרבעט די געשיכטע פון דער העברעיִשער ליטעראַטור.

דאָס אויפוועקן דעם פילאָסאָפישן געדאַנק אַרום דעם פּראָבלעם ייִדנטום האָט געווירקט אַפילו שפּעטער אויפן דײַטשן ייִדנטום, וואָס האָט זיך געהאַט קעגנגעשטעלט דער השפּעה פון ציוניזם און באַזונדערס פון פּאָליטישן ציוניזם, וואָס זײַן שעפער האָט אגב געשטאַמט פון דעם זעלבן שיכט.

הערמאַן (יחזקאל) קאָהען (1842 - 1918) האָט געמאַכט אַ סינטעזע פון אַלע טענדענצן אין דײַטשן ייִדנטום. ער איז געווען פּראָפעסאָר אויפן מאַרבורגער אוניווערסיטעט. זײַן בוך אין דײַטש „די רעליגיאָן דער פער־נונפט אַוס דען קוועלען דעס יודענטומס" איז געווען אַ קאָרעלאַציע פון אַלע געדאַנקען און מיינונגען און האָט געוואָלט דערווײַזן די שכלדיקייט

פון ייִדישקייט, די פֿאַרבונדנקייט פון רעליגיע און עטיק, די וועלט־היס־טאָרישע ראָל פון די נביאים און פון זייער משיחיזם, די באַטײַטונג פון דער המשכדיקער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער גײַסטיקער טראַדיציע פון די עלטסטע צײַטן אָן ביז צו דער עפּאָכע פון עקזאַקטער וויסנשאַפט און פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַליזם. ער האָט באַהאַנדלט די ייִדישע מיסיע און דעם קאַמף קעגן פּאַנטעיִזם און נאַטוראַליזם, במילא קעגן קריסטנטום.

קאָהען איז געווען אַ קאַנטיאַנער און געהאַלטן פון „ריינער" דערקענט־ניש. ער האָט זײַן קאַנטיאַנישן טראַנסצעדענטאַלישן אידעאַליזם צונויפגע־גאָסן מיט די פּסוקים פון די כּתבֿי־קודש. ער איז אָנגעפאַלן אויף גרעצן, ווײַל ער געהערט צו דער „פּאַרטיי פּאַלעסטינצעס, וואָס האָבן נישט קיין שום וואָרצלען אין דער דײַטשער קולטור" (1880). פֿאַר אים איז מלוכה און נאַציע איינס. פֿאַרשטייט זיך, אַז ער מיינט דײַטשלאַנד. דער קולט פֿאַר דער דײַטשער מלוכה איז בײַ אים גרויס, און דערפון זײַן פֿײַנדשאַפט צום ציוניזם.

די אויפקלערונג איז געווען געבונדן מיט דער עמאַנסיפּאַציע. זי האָט געדאַרפט זײַן די זעלבסט־עמאַנסיפּאַציע זוכה צו זײַן די אַלגעמיינע ביר־גערלעכע עמאַנסיפּאַציע.

זייער שווער איז אָנגעקומען די בירגערלעכע עמאַנסיפּאַציע. אַם ערשטן האָבן עס די ייִדן באַקומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע בײַם פּראָקלאַמירן די „אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע" אין 1776. עס זענען געבליבן אין איין שטאַט געוויסע באַגרענעצונגען, אָבער אין 1825 האָט אויך דער שטאַט (מערילאַנד) אויסגעגליכן די ייִדן אין אַלע רעכט.

אין פֿראַנקרײַך האָט די נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג אין 1789 פּראָקלאַ־מירט, אַז „אַלע מענטשן זענען גלײַך און פֿרײַ געבוירן" אָבער לגבי ייִדן האָט מען עס נישט געמיינט. ייִדן זענען געווען פֿרעמדע. די ספֿרדישע ייִדן פון באָרדאָ און אַנדערע דרום־פֿראַנצויזישע שטעט, אַרײַנגעוואַקסן אין עקאָנאָמישן לעבן, האָבן זיך געמיט אַרויסצובאַקומען רעכט פֿאַר זיך און עס באַקומען. די אשכּנזים האָבן געהאַט דורכצומאַכן אַ שווערן קאַמף. נאַפּאָלעאָנס סנהדרין, דעם שענדלעכן דעקרעט און ערשט בײַ דער רעס־

טאָראַציע אין 1818 באַקומען גלײַכבאַרעכטיקונג. אין 1830 איז אויך די ייִדישע רעליגיע געוואָרן גלײַכבאַרעכטיקט מיט אַנדערע גלויבנס.

ייִדן זענען געווען אַקטיוו אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. זאַל־קינד הורוויץ, דער זשיראָנדיסט אברהם פורטאַדאָ, די יאַקאָבינער ברידער פריי א״א. בעת דער דיסקוסיע וועגן ייִדישער גלײַכבאַרעכטיקונג האָבן דרײַ און פופציק רעוואָלוציאָנערע סעקציעס (פון דער אַלגעמיינער צאָל זעכציק) זיך אַרויסגעזאָגט פאַר גלײַכבאַרעכטיקונג.

אין פראַנקרײַך האָבן ייִדן גענומען אַנטייל אין דעם פּאָליטישן לעבן נישט אַנקומענדיק צו שמד. אַ גרויסע ראָל אין דער פראַנצויזישער פּאָליטיק האָט געשפּילט אַדאָלף קרעמיע, וועלכער האָט אַקטיוו זיך באַטייליקט אין ייִדישן לעבן.

אין האָלאַנד האָבן ייִדן באַקומען רעכט אין 1795. אין דײַטשלאַנד האָבן זיי געהאַט צו פירן אַ שווערן קאַמף. דער קאַמף איז באַשווערט געוואָרן צוליב דעם וואָס די הערשער האָבן געגעבן פּריווילעגיעס די פינאַנס־מאַגנאַטן און שטאַרק באַלאַסטעט דעם מיטלקלאַס און די אָרעמע. ערשט די רעוואָלוציע פון 1848 האָט אַ שטויס געטאָן פאָרויס די ייִדנרעכט. פון צוויי הונדערט און דרײַסיק געפּאַלענע אין די בערלינער גאַסנקאַמפן זענען געווען פינף ייִדן. גבריאל ריסער, לודוויג באַמבערגער און לודוויג האַרטמאַן זענען געווען זייער אַקטיוו אין די „פּרילינגסטעג״. צום פראַנק־פורטער פּאַרלאַמענט זענען געוויילט געוואָרן צוו. אַנד. גבריאל ריסער, מאָריץ וויט (פון בערלין) מאָריץ האַרטמאַן און איגנאַץ קוראַנדאָ (פון עסטרײַך). אין עסטרײַכישן פּאַרלאַמענט זענען געווען די ייִדישע דעפּו־טאַטן אַדאָלף פישהאָף און יוסף גאָלדמאַרק (פון ווין), אברהם האַלפּערין (סטאַניסלאַוואָוו) יצחק נח מאַנהיימער (בראָד) און הרב מײַזעלס (קראָקע).

וואָס שייך פּליכטן האָט עסטרײַך נאָך אין 1789 גענומען אין פּראָג דאָס ערשטע מאָל ייִדן־רעקרוטן. דעם בײַשפּיל האָבן נאָכגעטאָן אַ סך. אַרויפגעלייגט פּליכטן נישט געבנדיק קיין רעכט.

גלײַכבאַרעכטיקונג האָבן די ייִדן באַקומען אין דײַטשלאַנד ערשט אין 1869, און אין עסטרייך אין 1867, אין אונגאַרן, 1867, אין איטאַליע אין 1870, כאָטש אַ גרויסע צאָל באַגרענעצונגען זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן אין 1848.

אין ענגלאַנד איז די גלײַכבאַרעכטיקונג געגאַנגען מיט שווערע טריט צוליב דעם קאָנסערוואַטיזם פון די פּוריטאַנער. אין 1858 ערשט זענען באַזײַטיקט געוואָרן די לעצטע באַריערן. אין שווייץ האָט דער בונדעסראַט אָפּגעשאַפט די וווין־באַגרענעצונגען אין 1860 און אין דער פעדעראַלער קאָנסטיטוציע (1874) געגעבן פולע אָפיציעלע גלײַכבאַרעכטיקונג. אין דענעמאַרק איז די עמאַנסיפּאַציע דערגרייכט געוואָרן אין 1849, אין שוועדן און נאָרוועגיע אין 1870. רומעניע, גריכנלאַנד, סערביע האָבן ערשט בײַם בערלינער קאָנגרעס אין 1878 געמוזט געבן יידן אָפיציעל רעכט, אָבער פּאַקטיש עס נישט אָפּגעהיט.

די גרויסע רוסישע אימפּעריע איז געווען די איינציקע אייראָפּעיִשע מלוכה, וווּ די יידישע רעכטלאָזיקייט האָט אָנגענומען שווידערלעכע פאָרמען.

דאָס בילד פון יידישן קאַמף פאַר עמאַנסיפּאַציע וואָלט נישט געווען גאַנץ אָן דער פּערזאָן פון גבריאל ריסער (1806 - 1860). ער איז געווען אַ יוריסט און נישט געקענט באַקומען קיין מלוכה־שטעלע, נישט געקענט פּראַקטיצירן אַלס אַדוואָקאַט. איז ער געוואָרן דער אַדוואָקאַט פון יידישן פאָלק. ער האָט פאַראַכטעט די, וועלכע „טוען אַ געלט־שידוך מיט דער קירך". ער איז געווען פאַר קולטורעלער צונויפשמעלצונג, אָבער קעגן דער עגאָיִסטישער תּכלית־אַסימילאַציע. אין אַלגעמיין אָבער איז ער גע־ווען פאַרבונדן מיט די אידעען פון דער רעפאָרם־באַוועגונג, אַז יידן זענען מער נישט קיין נאַציע, די קהילה־אויטאָנאָמיע איז „אַ פלעק אויפן יידישן לעבן" א״א. ער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן — ווי אַנדערע ליבע־ראַלן אין זײַן צײַט — אַז פאַרשידענע נאַציעס קענען עקסיסטירן אין איין מלוכה. בלויז דער יידישער אויבערראַט אין באַדען האָט אין 1832 מוטיק געענטפערט אויף דער פאָדערונג פון רעליגיעזע רעפאָרמען, אַז ער האַנדלט נישט מיט רעליגיע. פאַר גלײַכבאַרעכטיקונג דאַרף מען נישט מקריב זײַן די רעליגיעזע געפילן. עמאַנסיפּאַציע איז אַ פּאָליטישע, עקאָ־נאָמישע און בירגערלעכע זאַך.

ריסער איז געווען שטאַרק אַקטיוו אין אַלגעמיינעם דײַטשן פּאָליטישן לעבן, אָבער אין דער זעלבער צײַט געקעמפט מיט גרויס ליבע און איבער־געגעבנקייט פאַר דער גלײַכבאַרעכטיקונג פון יידן.

אַנדערש האָבן געהאַנדלט אייניקע יידן, וועלכע האָבן אויך אַקטיוו

זיך באַטייליקט אין דײַטשן פּאָליטישן לעבן. לודוויג בערנע (1786 ־ 1837) האָט פֿאַרבונדן די ייִדישע עמאַנסיפּאַציע מיט דער אַלגעמיינער רעוואָלוציע. פֿאַר אים איז נישט געווען קיין באַזונדער ייִדיש פּראָבלעם, כאָטש פֿערזענלעך האָט ער זיך געגנוג אָנגעליטן פֿאַר זײַן ייִדישקייט סײַ פֿאַרן און סײַ נאָכן שמד.

דער גרויסער פּאָעט היינריך היינע (1797 ־ 1856) האָט זײַן שמד אויסגעלאַכט, אָבער קאַמף פֿאַר ייִדישער גלײַכבאַרעכטיקונג איז פֿאַר אים געווען אַ ווײַטע זאַך. זײַן ראַדיקאַל־געזעלשאַפֿטלעכע אַנשויונג האָט אים אָפֿט געשטעלט אין דער לאַגע צו פֿאַרטיידיקן די שוצלאָזע ייִדן. אין זײַן ליטעראַרישער שאַפֿונג זענען פֿאַראַן אַ סך ייִדיש־עמאָציאָנעלע מאָ־טיוון, ווי למשל דער ראָמאַנטיש־איראָנישער „דער רב פֿון באַכאַראַך" (1821). זײַן דערקלערונג: „איך מאַך נישט קיין סוד פֿון מײַן ייִדישקייט, צו וועלכער איך האָב זיך נישט צוריקגעקערט, ווײַל איך האָב זי קיין מאָל נישט פֿאַרלאָזן" (1850) איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אים. נאָך אַ באַ־זוך אין פּוילן האָט ער דעם פּוילישן ייִד געשטעלט העכער פֿון דײַטשישן משׂכּיל. נאָכן בלוט־בלבול אין דמשק האָט ער גענומען שרײַבן מיט אַ ביסל נאָסטאַלגיע אויף ביבלישע טעמען, וועגן יהודה הלוי, פּרינצעסין שבת א"א.

נישט אַלע געבילדעטע ייִדן האָבן אָפּגעוואָרפֿן דעם שיבֿת־ציון־גע־דאַנק. דער דענקער און סאָציאָלאָג משה העס (1812 ־ 1875) האָט אָנגע־שריבן „רוים און ירושלים", וווּ ער פֿאָרמולירט אויף אַ נײַעם אופֿן דעם באַגריף ייִדישע נאַציע און אויטאָנאָמע אַנטוויקלונג. זײַן בוך האָט שטאַרק באַווירקט די ציוניסטישע באַוועגונג, באַזונדערס אין די אַרבעטער־רייען. ער איז אויך געווען דער ערשטער, וועלכער האָט גערעדט וועגן קאָלאָ־ניזירן פּאַלעסטינע.

אַ פּרוּוו פֿון ייִדישער קאָלאָניזאַציע איז געווען אין אַמעריקע. מרדכי עמנואל נח (1785 ־ 1851), אַ געוועזענער קאָנסול, אַ פּאָליטישער טוער און זשורנאַליסט, האָט אַרויסגעזאָגט ציוניסטישע געדאַנקען און אויך געמאַכט אַ פּרוּוו צו גרינדן נישט ווײַט פֿון ניו־יאָרק אַ ייִדישע קאָלאָניע „אררט", אַ מין הכשרה־פּונקט פֿאַר א"י.

ג. די רוסישע השכלה

דער געדאַנק וועגן שיבת־ציון, פון וועלכן עס האָבן זיך אָפּגעזאָגט די רעפאָרמער און די נײַ־אָרטאָדאָקסן, ד״ה די גאַנצע געבילדעטע אויפגעקלערטע יידישע געזעלשאַפט אין מערב־אייראָפּע — אַט דער געדאַנק איז געווען איינע פון די טרײַבקרעפטן פון בילדונג און אויפקלערונג אין מזרח־אייראָפּע. ביסלעכווײַז האָבן די רוסיש־פּוילישע אַדעפּטן פון דער השכלה באַפרײַט זיך פון די אַנטי־נאַציאָנאַלע טעזן פון דער בערלינער אויפקלערונג און געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע און אַ פאָלקס־באַוועגונג.

דאָס נעמט זיך פון די אַנדערע סאָציאַל־פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין דער רוסישער אימפּעריע, וואָס האָט אויך אַרײַנגענומען פּוילן און די באַלטישע לענדער.

די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם איז געקומען אין רוסלאַנד שפּעטער ווי אין גאַנץ אייראָפּע. דעריבער איז אויך שפּעטער געקומען די עמאַנסיפּאַציע און די אויפקלערונג, פּונקט ווי די פּויערן־באַפרײַונג.

דאָס רוסלענדישע יידנטום איז אייגנטלעך דאָס יידנטום פון אַמאָליקן פּוילן. נאָך די צעטיילונגען פון פּוילן איז דער רוב פּוילישע יידן געבליבן אין דער רוסישער אימפּעריע.

פּוילן אין די לעצטע יאָרן פון איר עקסיסטענץ איז נישט געווען פאַר די יידן קיין היים. די קאָזאַטשיזנע, די שוועדישע מלחמות, די וואַקסנדיקע ראָל פון די פאַרדײַטשטע שטעט, די שטייגנדיקע ווירקונג פון די יעזויטן — דאָס אַלץ האָט פאַרערגערט די יידישע לאַגע. עס זענען אָפּגעשאַפן געוואָרן די ועדים, דער שטיצפּונקט פון דער יידישער אויטאָנאָמיע, וואָס האָט געהאָלפן אָפּווענדן און אויסהאַלטן די צרות.

רוסלאַנד, וואָס האָט פריער נישט אַרײַנגעלאָזט קיין יידן, האָט פּלוצלינג באַקומען גרויסע יידן־קאָנצענטראַציעס אין די אַנעקסירטע געביטן. צו פאַרהיטן זיך פון דער „יידישער געפאַר״ האָבן די רוסישע מיעשטשאַנעס און באָיאַרן, וועלכע האָבן זייער עקאָנאָמיע געבויט אָן יידן, אויך ווײַטער פאַרבאָטן יידן זיך צו באַזעצן אין די „עכט רוסישע״ ראַיאָנען. אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דער תחום־המושב, די „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי״, די באַ־

גרענעצונג פון ייִדישן ווינרעכט. די צאַריצע יעקאַטערינע די 2טע, וועל־כע האָט באַקומען די ייִדישע באַפעלקערונג, האָט געוואָלט אײַנפירן ליבע־ראַלע געזעצן לגבי ייִדן אין גײַסט פון אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם, אָבער די קעגנערשאַפט פון אָפּגעשטאַנענעם אַדל, פון די פּינצטערע מיעשטשאַ־נעס, איז געווען אַזוי גרויס, אַז די צאַריצע האָט כּדי צו ווײַזן איר „רוסיש־קייט" גאַרנישט געקענט אויפטאָן.

אין די לעצטע טעג פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט האָט דער פיר־יאָרי־קער סיים געוואָלט רעגולירן די ייִדנפראַגע. די גרונטטעזע איז געווען אַסימילאַציע און אַפּוטרופּסות פון דער מאַכט. דער קאַנצלער אַנדזשעי זאַמאָיסקי האָט אַרײַנגעטראָגן אַ פּראָיעקט אין אײַנקלאַנג מיט די עקסיס־טירנדיקע אַנטיסעמיטישע פאַרבאָטן, נאָר מער רעגולירט. אַן אַנאָנימער שרײַבער האָט קריטיקירט זאַמאָיסקין און פאָרגעלייגט אײַנפירן דעם עסטרײַכישן מוסטער, וואָס איז אויך געווען אַסימילאַטאָריש. דער דעפּוטאַט מאַטעוש טאַפּאָר בוטרימאָוויטש איז געווען פאַר עמאַנסיפּאַציע און אַסי־מילאַציע, אָן שנאה און פאַרפאָלגונגען, אָבער מיט צוואַנגסמיטלען. דעם ראַדיקאַלסטן פּראָיעקט האָט אַרײַנגעטראָגן טאַדעוש טשאַצקי, וועלכער לויבט די ייִדן אַלס נוצלעכן עלעמענט, רעקאָמענדירט גלײַכהייט פאַרן גע־זעץ, רעליגיע־פרײַהייט, רעכט פון אייגענע שולן, אַ פּראָצענטועלע באַטיי־ליקונג אין דער מאַגיסטראַטור, אָבער אויך אַסימילאַציע.

סטאַניסלאַוו סטאַשיץ האָט אויך אַרײַנגעטראָגן זײַן פּראָיעקט צו פאַר־בעסערן די ייִדן, אָבער נישט די ייִדנלאַגע. כּמעט אַלע פּראָיעקטן האָבן פאַר־לאַנגט אָפּשאַפן די ייִדישע באַזונדערקייט, ד"ה די אויטאָנאָמיע, אָפּשערן באָרד און פּאות, פאַרברענען דעם תּלמוד, אָפּשאַפן ייִדישע קליידונג (כאָטש זי איז היסטאָריש אַן אַלט־שלאַכעצקע), נאָרמירן די חתונות, פאַרמאַכן ייִדי־שע דרוקן, איבערזעצן די ספרים אויף פּויליש אד"גל. די פּריווילעגיע, וואָס די ייִדן באַקומען דערפאַר האָט געזאָלט זײַן דאָס צולאָזן צו ערדאַרבעט און צו די פאַכן, וואָס די צעכן האָבן געהאַט אַ מאָנאָפּאָל.

די ייִדן זענען נישט געווען צופרידן פון די אַלע אַסימילאַטאָרישע פּראָיעקטן. זיי האָבן אַרײַנגעטראָגן אייגענע פאָרשלאָגן. מענדל סאַטאַ־נאָווער האָט געגעבן אַ פּראָיעקט אין גײַסט פון דער השׂכּלה, אַקצענטירנ־דיק די פרײַהייט פון גלויבן. דער כעלעמער רב הערש יוזעפאָוויטש האָט

קריטיקירט בוטרימאָוויטשעס פּראָיעקט. ער איז קעגן אַסימילאַציע, ווייל איינהאַלטן גראָד די ייִדישע אייגנאַרט. אַן אַסימילאַטאָרישן פּראָיעקט האָט געהאַט אברהם הירשאָוויטש, אָבער פאַר פולער עמאַנסיפּאַציע. דער ווילנער פּאַלקסטריבון שמעון וואָלפאָוויטש האָט שטאַרק קריטיקירט דעם קהל און פאָרגעשלאָגן ראַדיקאַלערע רעפאָרמען גלייכצובאַרעכטיקן די ייִדן.

צו קיין אָפּשטימונג איז נישט געקומען, ווייל די געשעענישן זענען געגאַנגען אין אַ שנעלן טעמפּאָ און עס האָבן זיך כּסדר געביטן די מאַכטן, ביז פּוילן איז פולשטענדיק צעטיילט געוואָרן.

די רוסישע מאַכט האָט זיך אויך גענומען צו „רעפאָרמען", געשאַפן קאָמיסיעס און פון דעם אַלעם זענען פאַר די ייִדן אַרויסגעקומען שווערע גזירות מען האָט פאַרבאָטן ייִדישע קליידונג, טראָגן פּאות, פּרויען טאָרן נישט גאָלן די קעפּ אד"גל.

באַזונדערס שווער איז געווען דאָס פּראָבלעם פון דינען אין מיליטער. אין מערב־אייראָפּע איז מיליטער־דינסט לרוב געקומען צוזאַמען מיט בירגעררעכט. אין רוסלאַנד איז דאָס נעמען רעקרוטן געווען נאָך איין אויסדרוק פון דער רעכטלאָזיקייט פון דער ייִדישער מאַסע. קודם־כּל איז געמאַכט געוואָרן אַ קלאַסן־פונאַנדערטיילונג. די ייִדישע פּלוטאָקראַטיע איז געווען פּריווילעגירט, אָבער ביי די אָרעמע האָט מען געכאַפּט קינדער, זיי אָפּגעגעבן פאַר סאָלדאַטן, ווייל דער ייִדישער קהל האָט געדאַרפט צושטעלן אַ געוויסן קאָנטיגענט, נישט ווי עס איז געווען פאַר נישט־ייִדן, אַז די רעקרוטאַציע איז פאָרגעקומען אויף אַן אינדיווידועלער באַזע. די גזירה פון די „כאַפּערס" האָט דעמאָראַליזירט דאָס ייִדישע לעבן. קהל האָט פאַרלוירן יעטוועדן אָנזען און די נאַציאָנאַלע באַטייטונג. דאָס דינען איז געווען פינף און צוואַנציק יאָר, אין אַ סביבה, וואָס איז אַפילו פאַרן רוסישן פּויער געווען אַ גיהנום, אַ פּשיטא שוין פאַר די ייִדישע קינדער, דערצויגן אין כּשרות און פרומקייט. איז דאָס נאָך געווען ווייניק האָט ניקאָלאַי דער 1טער געכאַפּט אַכט־צען־יעריקע ייִנגלעך, אַוועקגעגעבן זיי צו „דערציִען" אין קריסטלעכע היימען ביזן אַכצנטן לעבנסיאָר און דאַן זיי ערשט גענומען אויף פינף און צוואַנציק יאָר דינסט. דאָס זענען געווען די באַרימטע קאַנטאָניסטן (1827).

ייִדן וואָלטן זיך נישט אַרויסגעדרייט פון מיליטער־דינסט, ווען עס

איז נישט קיין גיהנום. אָט האָבן ייִדן אין 1651 אין די שווערע קאַמפן מיט דער קאָזאַטשיזנע געקעמפט אין אַ סך שטעט, פאַרטיידיקט לעמבערג. זיי האָבן אַפילו געהאַט אַ רעגולערע אָפּטיילונג אין פוילישן מיליטער, וואָס האָט געציילט טויזנט מאַן. אויך שפּעטער איז די אָפּטיילונג רײַטער פון בערעק יאָסעלעוויטש געווען אַן אויסגעצייכנטע.

דער משומד בראַפמאַן איז געקומען מיט אַ פּראָיעקט אויסצוראָטן די ייִדישע זעלבסטהילף, אָפּשאַפן בכלל די קהילות, די צדקה־חברות א״א. די רעגירונג האָט טאַקע אָפּגעשאַפט דעם „קהל״, נאָר איבערגעלאָזן די טאַקסע אויף פלייש און דעם ליכטשטײַער.

די „געבילדעטע״ האָבן אין פוילן אין 1820 געבעטן אָפּשאַפן די אויטאָנאָמיע. די אַנטיסעמיטן האָבן באַלד זיך אָנגעכאַפּט דעריין און פאַרשמערט די רעכט פון דער ייִדישער זעלבסטפאַרוואַלטונג. די נײַע געשאַפענע „גמינע״ האָט געהאַט שמאָלע ריין רעליגיעזע פונקציעס.

גאָר שווער זענען געווען די גירושים. מען האָט די ייִדן געטריבן פון די דערפער, צוגענומען בײַ זיי די פּרנסות. די עקאָנאָמישע רעפּרעסיעס האָבן זיך שוידערלעך אויסגעווירקט אויפן אַלגעמיינעם מצב.

די פיל־פעלקערדיקע רוסלאַנד האָט געפירט אַ שטאַרקע רוסיפיקאַטאָרישע פּאָליטיק. צו דעם צוועק האָט זי אויך פאַר ייִדן געשאַפן צוואַנגס־שולן. אַ געוויסן דערפאָלג בײַ קליינע קרײַזן האָט די דאָזיקע פאַראָרדענונג געהאַט, ווײַל זי האָט באַפרײַט פון דער רעקרוטן־גזירה, אָבער די ייִדישע מאַסן האָבן עס אויפגענומען ווי אַ גזר אויסצוראָטן דעם נאַציאָנאַלן אייגנאַרט און די רעליגיעזע טראַדיציע. דער פּרווו צו אַסימילירן איז דורכגעפאַלן, ווי אויך דער קליינער פּראָיעקט צו קאָלאָניזירן ייִדן. די ייִדנפראַגע האָט נישט געקענט געלייזט ווערן אָן אַ גרינטלעכן איבערבוי פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט מיט געבן גלײַכבאַרעכטיקונג די ייִדישע מאַסן אומאָפּהענגיק פון זייער גײַסטיקן און סאָציאַלן מעמד. דאָס געבן רעכט און פּריווילעגיעס דער פּלוטאָקראַטיע, די מלוכה־ליוועראַנטן, סוחרים פון ערשטער גילדיע, דיפּלאָמירטע וכדומה האָט בכלל נישט געווירקט אויף דער כסדרדיקער פּאַופּעריזאַציע פון די מאַסן.

מיטן אויפקומען פון אַ מיטעלן ייִדישן בורזשואַזן שיכט אַנטשטייט אויך די בויטווענדיקייט פון אַן אַלגעמיינער עמאַנסיפּאַציע. די אויפקלערונג אין

רוסלאַנד האָט צום אָנהייב געהאַט דעם זעלבן גאַנג, וואָס אין דײַטשלאַנד און האָט זיך געשטיצט אויף די אינטערעסן פון דער גרויס־בורזשוּאַזיע. ערשט שפּעטער ווערט די השכלה פאָלקסטימלעך, ווײַל זי האָט אַרומגעכאַפּט אַ נײַעם פאָלקסשיכט, די ישיבה־בחורים.

זיי זענען געווען קינדער פון די אָרעמע פאָלקסשיכטן, נאָר אינטעלי־גענטן מיט שאַרפע מוחות. וואָס שייך עקאָנאָמיש־סאָציאַלע פּראָבלעמען זענען זיי געווען אָן פּערספּעקטיוו. דער בונט קעגן זייער סיטואַציע, קעגן דעם אָפּוואַרטן צו קריגן אַ רײַכן שידוך, דאָס לעבן אויף „טעג״ און שלאָפן אין בית־המדרש, דאָס אַלץ האָט זיי געטריבן צו זוכן אַן אַנדער וועג אין לעבן. דאָס האָבן זיי געהאָפט צו געפינען אַדאַנק דער בילדונג. טרײַ דער אָנגענומענער מיינונג, אַז בילדונג עפנט די טויערן פון דער דרויסנדיקער געזעלשאַפט, עפנט אַ וועג צו ווערן אַ פּראָדוקטיווער, נוצלעכער און זעלבסט־שטענדיקער מענטש, האָבן זיי מיט זייער גאַנצער התמדה, ווי פריִער בײַ דער גמרא, זיך געוואָרפן צו באַקומען בילדונג.

אָבער די רעכטלאָזיקייט פון די ייִדן איז געווען אַזוי גרויס, אַז באַלד האָבן זיך די נעכטיקע ישיבה־בחורים און הײַנטיקע דיפּלאָמירטע אָנגע־טראָפן אויף דער רעליגיעזער באַריער. איינצלנע זענען אַריבערגעשפּרונ־גען. אָבער די רוסישע געזעלשאַפט האָט זיי נישט געוואָלט אויפנעמען אַפילו מיטן צלם אויפן האַלדז. ערשטנס האָבן די פאַנאַטישע פּראַוואָסלאַווע נישט געגלייבט אין דער אויפריכטיקייט פון זייער שמד. צווייטנס איז שוין די צײַט געווען צו פרײַזיניק, אַז שמד זאָל האָבן אַ באַטײַטונג.

געשמדט האָבן זיך — איינצלפאַלן, נישט קיין מאַסן־דערשײַנונג ווי אין דײַטשלאַנד — די גאָר גרויסע קאַפּיטאַליסטן און אייניקע אינטעלי־גענטן, וועלכע זענען אָפט מאָל געבליבן אַרבעטן בײַ דער ייִדישער געזעל־שאַפט און מען האָט זיי נישט געקענט אָפּטיילן פון ייִדן.

דער רוב אָבער פון די משׂכּילים איז געווען געטרײַ דעם ייִדנטום, נאַ־ציאָנאַל און קעמפעריש. אָנשטאָט אַליין אַריבערשפּרינגען די באַריער און דערבײַ גײַסטיק זיך צעברעכן האַלדז און נאַקן, האָבן זיי גענומען שטורמען אַוועקצונעמען די באַריער. דעריבער געפינען מיר ייִדן אין די פאָדערשטע רייען פון אַלע ליבעראַלע און סאָציאַליסטישע באַוועגונגען. די ראַדיקאַלע קרײַזן זענען געשטאַרקט געוואָרן מיטן אויפקומען פון אַ ייִדישער אַרבע־

טערשאַפט און מיטן אַנטשטיין פון אַ שיכט האַלב־אינטעליגענטן, געוועזענע ישיבה־בחורים, נישט דערגאַנגענע צו אַ דיפּלאָם.

די השכּלה־באַוועגונג אין רוסלאַנד האָט אָנגענומען אַ נאַציאָנאַל־פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער צוליב די סאָציאַלע באַגרענעצונגען און צוליב דער טיפער פאַרבונדנקייט מיט די פאָלקסשיכטן. זי האָט זיך געשטעלט נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע צילן אין גייַסט פון דער מאָדערנער צייַט.

מען דאַרף פונאַנדערטיילן דרייַ שיכטן. די ערשטע אין גייַסט פון דער בערלינער השכּלה. די צווייטע איז שטאַרק נאַציאָנאַל, געבונדן מיט דער אויפלעבונג פון העברעיִש און מיט דער שיבת־ציון־באַוועגונג. די דריטע איז די פאָלקסטימלעכע מיט סאָציאַלע צילן.

די צענטרען פון דער השכּלה זענען געווען די וויכטיקע האַנדלסשטעט בראָד און טאַרנאָפּאָל אין גאַליציע, און שקלאָוו — שפּעטער אָדעס — אין רוסלאַנד. בראָד איז אין 1797 געוואָרן אַ פרייַע שטאָט אָן צאָל און דערייבער צוגעצויגן אַ גרויסן שיכט רייַכע מענטשן, וועלכע האָבן צו די פאַרצווייַגטע געשעפטן געדאַרפט האָבן געבילדעטע מענטשן, בוכהאַלטערס, קענער פון שפּראַכן. וואַרשע באַווייַזט זיך ערשט שפּעטער. אין 1799 זענען אין וואַרשע אַנטשטאַנען דרייַצן יִדישע בענק אונטער בערלינער השפּעה. פאַר זיי האָט מען באַדאַרפן געבילדעטע אָנגעשטעלטע.

אויב געוויסע ערשטע אַסימילאַטאָרן־משׂכּילים האָבן נאָך געהאַט די אילוזיע, אַז די רוסישע רעגירונג וועט לייזן די יִדנפראַגע אין גייַסט פון אויפקלערונג, האָבן עס שוין די נאַציאָנאַל־געשטימטע נישט געהאַט. צו די, וועלכע האָבן נאַיִוו געגלייבט אין די רוסישע יִדן־קאָמיסיעס, אָבער שוין אַקצענטירט דאָס נאַציאָנאַלע, איז געווען דער „רוסישער מענדעלסאָן" ריב"ל — יצחק בער לעווינסאָן (1788 ־ 1860). ער איז געווען זייער פאָרזיכטיק לגבי דער מעכטיקער אָרטאָדאָקסיע און געזוכט ביַי די חז"ל ראיות פאַר זייַנע אידעען. דאָס האָט באַזונדערס אַפּעלירט צו די ישיבה־בחורים. ער איז געווען אַ שטאַרקער רוסישער פּאַטריאָט. פוילן איז ביַי אים געווען פאַרמיאוסט צוליב אַן איבערלעבונג פון זייַן פאָטער. פאַר אַרויסגעבן זייַן „תעודה בישראל" האָט ער פון צאַר באַקומען טויזנט רובל. דאָס אָפּדרוקן דעם צאַרס בריוו האָט פאַרהיט דאָס בוך, אַז די חסידים זאָלן עס נישט וואַגן צו פאַרניכטן. אין דעם בוך באַווייַזט ער די נייטיקייט פון בילדונג,

רופט צו פּראָדוקטיוויזאַציע, טרעט אַרויס קעגן די חסידים פאַרן פאַראָ־ליזירן דעם ווילן פון פאָלק דורך גלייבן אין ניסים און פאַרלאָזן זיך אויף די צדיקים. אַליין האָט ער זיך פאַרלאָזן אויפן חסד פון די „אויפגעקלערטע מאָנאַרכן".

בלויז אין זײַנע יידיש־געשריבענע ווערק „די הפקר־וועלט" (1830־31) און „וואָס סע טוט זיך אויף יענער וועלט" געפינט מען טענות צו דער אָליגאַרכיע פון קהל, סאָציאַלע קאָנפליקטן. אָבער אויך דאָ פאַרטיידיקט ער די פאַראָרדענונגען פון דער רעגירונג.

די השכלה־ליטעראַטור אין יידיש, וואָס איז אָנטשטאַנען צוליבן קולטור־קאָנפליקט צווישן אָפּגעשטאַנענקייט און בילדונג, איז אָבער צוליבן רעאַליזם און ריכטיקן באַשרײַבן דאָס לעבן באַלד אַריבער צו סאָציאַלע טענער, אַפילו בײַ אַזאַ נישט־רעוואָלוציאָנער דענקנדיקן משכיל ווי ריב"ל. דעם ריב"לס אָפּאָרטוניזם שטאַמט פון דעם, וואָס ער האָט אַרום זיך נישט געהאַט קיין געזעלשאַפטלעכע גרופּע. אין רוסלאַנד איז נאָך געווען אַ טראַ־דיציאָנעל־אָרטאָדאָקסישע סביבה, וואָס האָט געציטערט פאַר יעדן שינוי. זײַן ווירקונגסקרײַז איז געווען קלענער ווי מענדעלסאָנס, אָבער דערפאַר איז דער באָדן געווען בעסער. זײַנע געדאַנקען זענען געווען ווי שטיינער, וואָס ווען מען וואַרפט זיי אין אַ וואַסער מאַכן זיי וואָס אַ מאָל גרעסערע קרײַזן.

פאַר דער העברעיִשער ליטעראַטור האָט ריב"ל דעם גרויסן פאַרדינסט וואָס ער האָט געשריבן אָן דער אָנגענומענער רעטאָריק און מליצה. זײַן קעגנערשאַפט צו יידיש איז געווען גרויס. פאַרן אָננעמען די לאַנדשפּראַך האָט ער אַרגומענטירט — פאַלש — מיט די מיינונגען פון תלמוד בנוגע ארמית.

נחמן קראָכמאַל (1785 ־ 1840), אַן אויטאָדידאַקט, איז געווען פאַר־בונדן מיט מענדעלסאָן, פרידלענדער א"א. ער איז געווען אונטערן אײַנפלוס פון קאַנט, שעלינג און העגעל. ער האָט אָבער אויך געצויגן זײַן יניקה פון רמבם און אברהם אבן־עזרא.

קראָכמאַל איז געווען אַן אָנהענגער פון אַן אידעאַליסטישער פילאָסאָפיע („מורי נבוכי הזמן") און געווען שטאַרק פאַרוואָרצלט אין יידישער טראַ־דיציע. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס יידישע פאָלק באַניִיט זיך כסדר. ער

האָט זיך געשטיצט אויפן עוואָלוציאָנעלן מעטאָד. ער האָט געהאָלפן בויען די נאַציאָנאַל־ציוניסטישע פילאָסאָפיע פון דער יידישער געשיכטע.

די אויפקלערערישע באַוועגונג אין העברעיִש האָט געהאַט איר טאַלאַנט־פולן פאָרשטייער אין חיים זעליג סלאָנימסקי (1810 ־ 1904). אַליין אַן אויטאָדידאַקט האָט ער דערגרייכט דאָס וויסן פון אַ באַטייטנדיקן געלערנטן. ער האָט קאָרעספּאָנדירט מיט הומבאָלדטן, האָללעי א״א, דערפינדן אַ רעכנמאַשין (פאַר וועלכער ער האָט באַקומען אין 1844 די דעמידאָוו־פּרעמיע פון דער פּעטערבורגער אַקאַדעמיע). ער איז געווען דער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון דער וויכטיקער העברעיִשער נאַציאָנאַלער צייטונג „הצפירה״.

אַ באַטייטנדיקע ראָל האָט געשפּילט יוסף פּערל (1773 ־ 1839). ער האָט געשטאַמט פון אַ רייכער היים. אין אָנהייב האָט אים פאַרכאַפּט חסידות, אָבער באַלד געוואָרן אַן „אויפגעקלערטער״. ער האָט געגרינדעט אַ „נאָרמאַל־שולע״, וווּ מען האָט געלערנט חוץ פרעמדע שפּראַכן און העברעיִש, אויך יידיש. אין דער שול האָט ער איינגעפירט לימודים פון נישט־יידישע פאַכן: שלאָסעריי און מעכאַניק. צו דעמאַסקירן די חסידים האָט ער געשריבן זיין סאַטירע „מגלה טמירין״ אין יידיש און העברעיִש. די סאַטירע איז געשריבן אויפן מוסטער פון די באַרימטע „בריוו פון פינצטערע מענער״ פון דער רענעסאַנס־צייט.

דער סטיליסט יצחק ערטער, דער פּאָעט און איבערזעצער מאיר הלוי לעטעריס, דער ראָמאַניסט אברהם מאפו א״א האָבן פיל בייגעטראָגן צום אויפבלי פון דער העברעיִשער ליטעראַטור.

אַלע משכילים, אַפילו די וועלכע זענען שפּעטער געוואָרן די גרינדער פון דער יידישער ליטעראַטור, זענען געווען באַטייטנדיקע העברעיִשע סטיליסטן און געהאָלפן באַנייען די שפּראַך. מענדעלע מוכר־ספרים, וועלכער האָט זיך סקעפּטיש באַצויגן צו די אידעען פון זיינע נאָענטע פריינד אחד העם און חיים נחמן ביאַליק, האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַר העברעיִש.

דער גרעסטער רוב פון זיי זענען געווען נאַציאָנאַל געשטימט און די אויפקומענדיקע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, חובבי־ציון און דער הערצליאַנער ציוניזם, האָבן געפונען אין זיי פאָרגייער, און פון יינגערן דור טרייע מיטהעלפער.

דער דריטער שטראָם פון דער השכלה איז געווען דער דעמאָקראַטיש־פאָלקסטימלעכער.

אַ ריי משכּילים, אַפילו די „בערלינער", האָבן געוואָלט מיט זייערע אויפקלערערישע אידעען צוקומען צו די ברייטע מאַסן. זיי האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט דעם קרייַז ישיבה־בחורים, וואָס אַפילו צווישן זיי זענען נישט אַלע געווען גוטע קענער פון העברעיִש. זיי האָבן געוואָלט דערציִען דאָס פאָלק און דעריבער גענומען רעדן מיט אים אין זייַן שפּראַך.

אַזוי האָבן געטאָן די דערמאָנטע ריב"ל און יוסף פּערל. אַזוי האָט גע־טאָן דער גרינדער פון „חברה דורשי לשון עבר" און רעדאַקטאָר פון „המאסף" יצחק אייכעל אָנשרייַבנדיק „ר' הענאָך, אָדער וואָס טוט מען דער מיט". אהרן האַללע וואָלפסאָן, איינער פון די מיטאַרבעטער פון „המאסף", אויך אַ פייַנד פון ייִדיש, מוז אָנקומען צו שרייַבן אויף ייִדיש זייַן סאַטירע „לייכטזין און פראָממעליי". אָט די פאָרשטייער פון דער בורזשואַז־דענקנ־דיקער בערלינער השכלה האָבן אין זייערע ייִדישע ווערק, וואָס זענען אויסן געווען בילדונג־פּראָפּאַגאַנדע, צוליבן טרייַען שילדערן די סיטואַציע, געמוזט קומען צו אַנדערע אויספירן. זיי האָבן דערזען די סאָציאַלע קאָנ־פליקטן. אַנדערש ווי די העברעיִשע איז די ייִדישע ליטעראַטור באַלד פון אָנהייב אַ רעאַליסטישע, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן און די נויטן פון פאָלק.

אַ מער באַוווּסטזיניקע און נישט־פייַנדלעכע באַציונג צום לשון פון פאָלק האָבן געהאַט אַנדערע באַטייַטנדיקע משכּילים. מענדל לעפין — סאַטאַנאָווער (1749 ־ 1828) האָט גענוצט ייִדיש נישט צו שרייַבן „גע־מוישלטע סאַטירעס" נאָר איבערזעצן פון תנך. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ פּאָלעמיק אין וועלכער יעקב שמואל ביק האָט באַגרינדעט די חשיבות פון ייִדיש, פאַרגליכן די שפּראַך צו ענגליש און פראַנצויזיש, ווי אויך די נויי־טיקייט זי צו אַנטוויקלען. לעפינס ייִדיש איז געווען אַ פאָלקס־ייִדיש.

דער קעניגסבערגער דאָקטער משה מאַרקוזע, וועלכער האָט זיך באַ־זעצט אין וואָלין, האָט געשריבן זייַן „ספר רפואות", אַ מעדיציניש־פּראָפּי־לאַקטיש בוך מיט סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, אין אַ פאָלקסטימלעכן ייִדיש. דער נישט־קעמפערישער משכּיל ישראל אַקסענפעלד (1787 אין נעמיראָוו — 1866 אין פּאַריז), אַן אַדוואָקאַט, האָט געשריבן אין אַ רעאַ־

ליסטישער פאָרם דרײַסיק ווערק אין ייִדיש. זײַן שטרעבונג צו בילדונג איז געהאַלטן אין די ראַמען פון דער פאָלקסטימלעכער ייִדישקייט. זײַן הויפּטגעדאַנק איז געווען ברענגען נוצן דעם פאָלק. זײַנע באַרימטע ווערק זענען: „דאָס שטערנטיכל", „דער ערשטער ייִדישער רעקרוט" און „די גענאַרטע וועלט".

אַ מער באַוווסטזיניקע באַציונג צו ייִדיש האָט געהאַט דער דאָקטער פון זאַמאָשטש שלמה עטינגער. להיפּוך צו זײַנע פאָרגייער און מיטצײַט-לער האָט ער נישט קיין שנאה אָדער פאַראַכטונג צום ייִדישן שטייגער. ער לאַכט אויס גוטמוטיק די שלעכטע מידות אין זײַן דראַמע „סערקעלע". אין די משלים, לידער און עפּיגראַמען. ער איז געווען אַ רעאַליסט בײַם שיל-דערן דעם אַלטן שטייגער, און נאַיוו סענטימענטאַל — בײַם נײַעם.

טיפּישע פאָרשטייער פון די קליינבירגערלעכע משכּילים זענען געווען אברהם בער גאָטלאָבער (1811 - 1899), וועלכער האָט געשריבן צו ערשט אין ייִדיש זייער שאַרפע סאַטירעס („דער דעקטוך", „דאָס ליד פון קוגל" א"א) אָבער שפּעטער געוואָרן צוריק רעליגיעז און געשריבן בלויז העברעיִש, און — אייזיק מאיר דיק (1808 - 1893), אַ מחבר פון פיר הונדערט ביכלעך. ער איז נישט געווען קאָנסעקווענט, געוואַקלט זיך צווישן דער שטרעבונג פון אויפקלערונג און דעם שרײַבערישן ווילן צו באַשרײַבן פּינקטלעך דאָס לעבן.

דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר דער ייִדיש-שאַפונג פון די משכּילים איז דער רעאַליסטישער אופן פון שילדערן דאָס לעבן מיט דער פּינקטלעכ-קייט, וואָס עס האָט געבראַכט די יעניקע צײַט פון אויפשטייג פון טעכניק, נאַטור-וויסנשאַפט און מאַטעמאַטיק. דידעראָ האָט עס פּראָקלאַמירט ווי דעם פּרינציפּ פון פּריאָריטעט פון דער „ווירקלעכער נאַטור" לגבי דער „שיינער נאַטור".

די פּאָזיטיווע העלדן, ווי די משכּילים האָבן זיי געוואָלט זען, זענען אַרויסגעקומען סכעמאַטיש, אָן לעבן. אָבער דערפאַר זענען די פאָלקסטיפּן געשילדערט געטרײַ, לעבעדיק מיט אַ רײַכער שפּראַך. דאָס זענען געווען ווערק קעגן די נעגאַטיווע קולטורעל-סאָציאַלע פאַרהעלטענישן אין ייִדישן לעבן. אין זעלבן גײַסט זענען אויך די ווערק פון די דעמאָקראַטן-משכּילים,

וועלכע שליסן די דאָזיקע עפּאָכע, די צוויי גרויסע גרונטלייגער פון דער מאָדערנער יידישער קולטור.

מענדעלע מוכר־ספרים (1836 ־ 1917) שטייט אויפן ראַנד פון דער עפּאָכע און אין זיינע הויך־קינסטלערישע ווערק קומען נישט צום אויס־דרוק די גרויסע געשעענישן, וויכּוחים און אידעען־שטריַיט פון דער צייט, אין וועלכער ער האָט געלעבט, נאָר פון דער פאַרגאַנגענער אונטערגייענ־דיקער וועלט. ער האָט אויך פאָרמירט דעם סטיל פון העברעיִש און יידיש. אין זיינע ווערק זענען פאַראַן סאָציאַלע טענער. ממ״ס האָט באַקעמפט די יידישע אָפּגעשטאַנענקייט, די פאַרגליווערטקייט. זיַין אַנאַליז איז שאַרף אויפריַיסעריש.

אברהם גאָלדפאַדען (1840 ־ 1908), דער פאָטער פון יידישן טעאַטער, האָט אויך געהאַט משכּילישע טענדענצן („מומע סאָסיע״, „די ביידע קוני־לעמל״, „שמענדריק״, „די כּישופמאַכערין״) מיטן מיין צו וויַיזן פאַרן מענטש אויף דער סצענע בילדער פון זיַין אייגענעם לעבן, פון זיַין אומוויסנהייט און דערמיט וועט ער זיך פאַרבעסערן. שפּעטער אָבער גייט ער איבער צו דער נייַער צייַט. ער שריַיבט פּיעסן מיט טעאַטראַל־אַמוזירנדיקע צילן, וויַיל מענטשן ווילן און דאַרפן לעבן. מען פילט אין די סצענישע קווי־פּראָ־קוואָס אַ סך לעבנסלוסט, אָפּטימיזם.

פול מיט האָפענונג זענען אויך זיַינע היסטאָרישע פּיעסן מיט נאַציאָ־נאַלע צילן („שולמית״, „בר־כּוכבא״, „דאָקטאָר אַלמאַסאַדע״, „דאָס צענטע געבאָט״ א״א). זיי האָבן בייַם מחבר געהאַט דעם ציל צו וויַיזן דעם ייִד ווער ער איז אַליין. זיי זענען געווען דער אָנזאָג פון דער אויפגעוואַכטער חיבת־ציון־באַוועגונג ביַי די יידישע מאַסן. דער קאַמף פאַר אויפקלערונג טרעט אָפּ דעם אָרט דער באַוועגונג פאַר נאַציאָנאַלע ווערטן.

די משכּילים האָבן גענוצט יידיש אין קאַמף מיט די חסידים, אָבער אויך די חסידים האָבן אין יידיש געפירט זייער קאַמף מיט דער אויפקלע־רונג. נחמן בראַצלאַווערס מעשׂיות האָבן געהאַט פאַר אַ ציל צו באַוויַיזן די „אייטלקייט״, די נוצלאָזיקייט פון דער אויפקלערונג, פון פילאָסאָפירן. דאָס איז דער אינהאַלט פון דער בעסט דערציילטער מעשׂה וועגן חכם און תּם. אויך אין די אַנדערע מעשׂיות טרעט ער אַרויס קעגן דעם ראַציאָנאַליסטישן שטייגער.

ייִדיש איז בײַ די חסידישע רביים געווען אויף גאָר אַ חשוב אָרט. דער באַרדיטשעווער האָט געזאָגט תפילות אויף ייִדיש, אויסגעטענהעט זיך מיט גאָט אויף ייִדיש. דער ליובאַוויטשער האָט אָנגערופן ייִדיש „מוטערשפּראַך". אין 1815 זענען דערשינען אין דרײַ ערטער אין דער זעלבער צײַט די „שבחי בעל־שם־טוב" אין ייִדיש. שפּעטער זענען דערשינען אַ סך חסידישע מעשיות, פון שפּאָלער זיידן א"א.

די שנאה צו ייִדיש איז אין דער עפּאָכע פון „ריינעם פערנונפט" געווען אַ רעזולטאַט פון די אַסימילאַציע־שטרעמונגען פון דער בורזשואַזיע, פון איר אַנטלויפן פון די ייִדישע מאַסן.

נישט אַזוי לײַכט איז געווען דאָס לעבן און די טעטיקייט פון די משכּילים אין מזרח־אייראָפּע. אין דעם „פינצטערן קעניגרײַך" איז שווער געווען צו ברענגען „ליכט". דאָרט, ווו חסידות האָט פולשטענדיק באַהערשט דאָס לעבן — דאָרט איז פאַר די משכּילים געווען אַ גיהנום. אין 1848 איז אין לעמבערג פאַרסמט געוואָרן דער משכּיל דער ראַבינער אברהם כּהן, ווײַל ער האָט געוואָלט אַרויסגעבן אַ פּראָגרעסיוו וואָכנבלאַט. אין 1812 האָבן די חסידים פאַרלאַנגט אַפּיציעל מען זאָל נישט געבן קיין בירגעררעכט, אַבי אײַנצוהאַלטן דעם עקסיסטירנדיקן מצב.

אין מתנגדישן קרײַז איז געווען אַ ביסל לײַכטער. דאָרט האָט וועלטלעך וויסן, אין זייער באַגרענעצטע ראַמען, געהאַט אַ טראַדיציע. מען האָט זיך פאַררופן אויפן ווילנער גאון. די משכּילים, אַליין גרויסע לערנער, האָבן געפאָדערט גלײַכצובאַרעכטיקן וועלטלעך וויסן אַלס ערשטן טאַקטישן שריט. פּנחס אליהו הורוויץ האָט אַרויסגעגעבן (ברין 1797) אַ מין ענציקלאָפּעדיע „ספר הברית". אברהם טרעביטש האָט אָנגעשריבן אַ היסטאָרישע כראָניק „קורות העתים" (ברין 1801). מנשה איליער (1767 ־ 1831) האָט געפּרוווט — מיט ווייניק דערפאָלג — פרײַער מאַכן די טראַדיציאָנעלע קייטן. ער איז געווען אַ דערפינדער. אַליין אַ ראַציאָנאַליסט און אַן אָנהענגער פון פּשט האָט ער דאָך סימפּאַטיזירט מיט חסידות און דערפון איז געוואָרן אַ ברוגז מיטן ווילנער גאון. ער האָט קריטיקירט די פּוסקים און פאַרשאַפט זיך שונאים.

אָבער אויך אין די מתנגדישע קרײַזן איז געווען אַ גרויסע קעגנערשאַפט צו דער השכּלה און די מתנגדים האָבן געשלאָסן אַ „בורגפרידן" מיט די

חסידים, כּדי צוזאַמען צו קעמפן קעגן די „סכּנות פאַרן ייִדישן דת און שטייגער".

אין קעגנזאַץ צו דײַטשלאַנד, ווו אַ סך קריסטן האָבן אָנטייל גענומען אין עמאַנסיפּאַציע־קאַמף פאַר ייִדן, איז אין רוסלאַנד — ביזן אויפקומען פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — נישט געווען קיין קריסטן, וועלכע זאָלן פאַרשטיין די ייִדנפראַגע. אַזוי האָט פאַלש פאַרשטאַנען די ייִדן דער פירער פון די דעקאַבריסטן פעסטעל. ער האָט, ווי די אַנטיסעמיטן, מורא געהאַט פאַר דער ייִדישער „אחדות", און דעריבער פאַרגעלייגט זיי אַרויסצוטרײַבן און העלפן זיי געפינען אין קליינאַזיע אַן אייגן לאַנד.

מיטן לײַכטער מאַכן שפּעטער דעם זעלבסטהערשערישן רעזשים הייבן ייִדן אָן צו פאַרנעמען אַן אָרט אין פּאָליטישן לעבן פון רוסלאַנד. טייל פון זיי זענען אַנטי־נאַציאָנאַל, סײַ אין גײַסט פון די דײַטש־אויפגעקלערטע, סײַ אין גײַסט פון די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע אידעען, וואָס ווילן מיט דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, מיט איין מאָל, פאַרענטפערן אַלע פראַגן פון מענטשלעכן לעבן, דערין אויך די ייִדנפראַגע. טייל אָבער פאַרנעמען זיך ערנסט מיטן ייִדן־פּראָבלעם.

די השׂכּלה אין אַלגעמיין, די „תּקופה פון ריינעם שׂכל", איז אויפגעקומען אין אַ צײַט, ווען אין פאָדערגרונט האָט זיך אַרויסגערוקט די טעכניק און מאַטעמאַטיק, דאָס ראַציאָנאַליסטישע דענקען. מען האָט געגלויבט אין שׂכל, אַז ער וועט אַלץ אויפקלערן און אַלץ רעגולירן.

אָט דער גלויבן איז בײַ ייִדן נישט געווען קיין נײַעס. די ייִדישע טראַדיציע האָט געהאַט אַ ראַציאָנאַליסטישע וועלט־אויפפאַסונג, אַזעלכע ראַציאָנאַליסטן־דענקער ווי דער רמב״ם און אברהם אבן־עזרא. דעריבער האָט די רוסישע השׂכּלה נישט געדאַרפט אָנקומען צו די אייראָפּעיִשע ראַציאָנאַליסטן, צום אַנטיסעמיט וואָלטער, צו שפּינען דעם פאָדעם פון זייער פילאָסאָפישן געדאַנק.

די השׂכּלה איז געווען אַ קינד פון די עמאַנסיפּאַציע־שטרעמונגען און פון דער אויטאָ־עמאַנסיפּאַציע. די עמאַנסיפּאַציע ביז סוף 19טן י״ה איז געווען לטובת ייִדן־יחידים, פאַרבעסערט זייער סאָציאַלן מעמד, זייער עקאָנאָמישע לאַגע. ייִדן אין מערב־אייראָפּע האָבן אַ דאַנק די דערוואָר־

בענע רעכט זיך אויפגעהויבן אַ שטאַפּל העכער. אָבער נאָר ווי בירגער, ווי מענטשן.

די נייַע קאַפּיטאַליסטישע אידעאָלאָגיע אין די נאַציאָנאַלע לענדער האָט אָנגעוויזן, אַז עס איז נישט וויכטיק דער אָפּשטאַם, נישט דער גלויבן, אַפילו נישט די פּריוואַטע איבערצייַגונג, אַבי מען טוט נוצלעכע אַרבעט אין דער ראַם פון דער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיק.

די אויטאָ־עמאַנסיפּאַציע פון דער דייַטשער השכלה האָט געבראַכט מיט זיך פּאַר ייִדן־יחידים מעגלעכקייטן אייַנצוגלידערן זיך אין מאָדערנעם קאַפּיטאַליסטישן סדר, אָבער בשום אופן נישט געגעבן קיין ענטפער אויף די אָנגעוויטיקטע פראַגן פון ייִדן אַלס כלל, פּראָבלעמען פון דער נאַציע. נישט קענענדיק פאַרענטפערן די פראַגן האָט די דייַטשע השכלה בעסער זיך אָפּגעזאָגט פון געדאַנק, אַז מען דאַרף פאַרענטפערן די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. זי האָט עס געטאָן, ווייַל זי האָט פאַרטרעטן די אינטערעסן פון די יחידים און נישט פון כלל.

דער שיכט פאַראינטערעסירט אין דער אויפקלערונג איז געווען די ייִדישע בורזשואַזיע. זי האָט מער געזוכט דעם תכליתדיקן נוצן פון יונגן קאַפּיטאַליזם, ווי די ראַציאָנאַליסטישע טראַדיציע. דעריבער האָט זי געמאַכט אַנדערע אויספירן, וואָס צווישן זיי איז דאָס וויכטיקסטע געווען זיך אָפּצוזאָגן פון די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען און צוזאַמענגיסן זיך מיט די הערשנדיקע נאַציאָנאַליזמען. דאָס האָט דערפירט צו פולשטענדיקער אַסימילאַציע.

דאָרט, ווו עס זענען געווען רעליגיעזע באַריערן אַרייַנצוגיין אין דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט, איז שמד געווען דער אויסוועג. דאָרט, ווו עס האָט געהערשט פרייַהייט, ווי אין אַמעריקע, זענען די אויפגעקלערטע פאַרפרעמדט געוואָרן אָן שמד. דאָרט, ווי אין רוסלאַנד, ווו מען האָט זיי נישט אויפגענומען גערן, זענען זיי בלית ברירה געבליבן אין די ראַמען פון ייִדישן פאָלק.

די מער אידעיִשע האָבן פּרובירט אויסגעפינען אַ נייַע אייַנטייַטשונג צום ייִדישן „אתה בחרתנו". זיי האָבן געפּריידיקט אַ מיסיע פון ייִדישן פאָלק צו פאַרשפּרייטן ריינעם מאָנאָטעיִזם. און עס האָט זיך באַקומען אַ פּאַראַדאָקס: וואָס מער אַסימילירט, האָבן זיי געהאַלטן, זענען פאַראַן מער מעגלעכקייטן צו ווירקן מיסיאָנעריש אויפן אַרום, און וואָס מער פרעמד מען

איז געוואָרן צום אייגענעם פאָלק, צו דער אייגענער טראַדיציע — אַלץ מער מיסיאָנעריש זענען זיי געוואָרן.

אָט די „מיסיאָנערישקייט" האָט נישט ווילנדיק געבראַכט אַ פּאָזיטיוון נוצן — עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ רײַכע און ערנסטע ליטעראַטור, די „וויסענשאַפט דעס יודענטומס", וואָס האָט אונדז געגעבן יאָסטן, גייגערן און גרעצן.

די השכּלה האָט אָפּגעשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָל, וואָס די וועלטלעכע בילדונג איז געקומען צו ייִדן דורך ייִדישע קאַנאַלן, נישט דורך אויסער־לעכע, קריסטלעכע וועגן. נאָך אין 1542 באַקלאָגט זיך דער קאַטוילישער פּרימאַס אין דײַטשלאַנד, אַז ייִדישע קינדער באַזוכן קריסטלעכע שולן. אין 1640 איז פאַראַן אַן ענלעכע אָנקלאַגע וועגן פראַנקפורט אַם מײַן. ווי מיר זעען האָבן ייִדן — אין אַ קליינער מאָס — באַזוכט אויך געוויינלעכע שולן, נישט בלויז די אוניווערסיטעטן, ווו מען האָט באַגרענעצט זייער אָנ־טייל. דאָס שאַפן שולן פאַר ייִדישע קינדער דורך די משכּילים האָט דערי־בער געהאַט אַ נאַציאָנאַלע באַטײַטונג און געווען דער אָנהייב פון דער ייִדיש־וועלטלעכער דערציִונג.

אמת, די השכּלה אין דײַטשלאַנד האָט געמאַכט פעלערן, געבלאָנדזשעט, אָבער זי האָט באַווירקט די ייִדישע פאָלקס־אינטעליגענץ אין רוסלאַנד, וועלכע האָט אָפּגעוואָרפן די נישט־נאַציאָנאַלע טענדענצן און געשאַפן דאָס מאָדערנע ייִדנטום, נאַציאָנאַל געשטימט מיט נאַציאָנאַלע צילן.

די אַסימילאַטאָרישע דענאַציאָנאַליזאַציע־טענדענצן זענען אויפגעקומען ווי אַ רעאַקציע, ווי אַן אַנטיפּאָד צו דער גײַסטיקער אומטאָלעראַנץ, וואָס די ייִדן האָבן אַרויסגעוויזן צו אַנדערע גלויבנס און פעלקער. די ייִדישע אומטאָ־לעראַנץ איז געקומען צוליבן מאָנאָטעיִסטישן פּרינציפּ — שמע, ישראל, ה׳ אלוהינו, ה׳ אחד — וואָס דערלאָזט נישט קיין אַנדערע געטער, ד"ה קיין אַנדערע רעלאַטיווע אמתן חוץ דעם אייגענעם אַבסאָלוטן אמת.

אַזוי ווי דאָס קריסטנטום און דער איסלאַם האָבן נאָך שאַרפער אָנגע־נומען דעם זעלבן פּרינציפּ און מיט געוואַלט אים געוואָלט אָנוואַרפן (לייקע־נען אין קריסטוסן, אָדער אין איסלאַם איז געווען אַן אָפיציעל פאַרברעך) איז אַנטשטאַנען אַ ביטערער קאַמף און אַ פּאָליטישע אומטאָלעראַנץ, וואָס האָט די ייִדן אַלס שוואַכערע געשטעלט אין אַ שווערער לאַגע.

דאָס האָט נישט געשטערט פון דעסטוועגן די ייִדן (מיט קליינע אויס־נאַמען) צו באַציִען זיך צו די אַנדערע מאָנאָטעיִסטישע רעליגיעס מיטן זעלבן געפיל, מיט דער גײַסטיקער אומטאָלעראַנץ.

מיטן אויפקום פון קאַפּיטאַליזם ווערן די רעליגיעזע קייטן לויזער, פאַרלירן זייער באַטײַט, די וועלט ווערט צונויפגעדרענגט, דער האָריזאָנט ברייטער, עס ענדערן זיך די עקאָנאָמישע באַדינגונגען און סאָציאַלע באַציונגען, און די עמאַנסיפּאַציע רײַניקט אָפּ דעם וועג פאַר אַנטוויקלונג און עס קומט אַ דערנעענטערונג מיט דער נישט־ייִדישער וועלט. דאָס אַלץ האָט געווירקט אויף דער ייִדישער בורזשואַזיע צו ווערן אַסימילאַטאָריש. אַנשטאָט דעם אַמאָליקן „אתה בחרתנו״ אַנטשטייט אַ מינערווערטיקייט־קאָמפּלעקס לגבי דער אויסערלעכער קולטור און אַ פאַרעכטלעכע באַציונג צו די אייגענע ווערטן. אַסימילאַציע איז קאַפּיטולאַציע לגבי אַן אַנדערער קולטור. דאָס האָט געבראַכט צו שמד און צום אָפּזאָגן זיך פון נאַציאָנאַלן געדאַנק.

די השכלה־ליטעראַטור איז געווען פּרײַזיניק, קעמפעריש, באַזונדערס די אין ייִדיש געשריבן. אַפילו אַזאַ אָפּאָרטוניסט און פאַרגלויבטער אין די חסדים פון רוסישן צאַר ווי דער ריב״ל איז געווען קעמפעריש אין זײַן ייִדיש ווערק „די הפקר־וועלט״. דאָס וועלן רעאַל, אמתדיק שילדערן די צײַט האָט די משכילים געבראַכט צוריק צום פאָלק.

אויך דאָס פּראָבלעם פון רוסן, דײַטשן אָדער ענגלענדער פון משה רבינוס גלויבן האָט זיך ביסלעכווײַז געענדערט לטובת דער אידעע פון געמיינזאַמען גורל פון ייִדישן וועלטפאָלק. די פראַנצויזישע אַסימילירטע אינטעליגענץ און אַנפירערשאַפט האָט געגרינדעט דעם „אַליאַנס״, וואָס קעמפט פאַר ייִדישע רעכט אין דער גאַנצער וועלט און שטיצט די אָפּגעשטאַנענע ברידער מיט גרינדן שולן. זיי האָבן פאַרשטאַנען די באַטײַטונג פון נאַציאָנאַלער אחדות און פון דעם, אַז וועלטלעכע בילדונג דאַרפן ייִדן באַקומען נאָר דורך ייִדישע קאַנאַלן.

נאָך זיי האָבן דאָס געטאָן די ענגלישע ייִדן און שפּעטער האָבן דאָס איבערגענומען די אַמעריקאַנער ייִדן. דאָס הייסט, אַז די גערמאַניזאַציע, רוסיפיקאַציע א״א איז נאָר געווען אַ קאָניונקטור־זאַך פון דער ייִדישער בורזשואַזיע, אָבער נישט אָנגערירט דעם געזונטן טייל פון ייִדישן פאָלק.

אין רוסלאַנד, ווו עס האָט געלעבט און געליטן די גרויסע ייִדישע מאַסע, איז קיין מאַסן־שמד נישט געווען, כאָטש משומדים האָבן אין 1817 באַקומען גרויסע פּריווילעגיעס. גראַד פאַרקערט — ייִדנטום האָט זיך אָנ־גענומען צווישן עכטע רוסן, עס איז אַנטשטאַנען די סעקטע סובאָטניקעס.

אין רוסלאַנד איז אויך נישט געווען קיין מאַסן־אַסימילאַציע. די גרויסע פאָלקסמאַסן, צונויפגעדרענגט אין תּחום־המושב, האָבן זיך אויסגעלעבט אין די אייגענע דלד אמות. פאַר די דאָזיקע מאַסן האָבן די נײַע ווינטן פון דער השׂכּלה געקענט זיך אויסדריקן נאָר אין נאַציאָנאַלע טערמינען.

בלויז אַ קליינער טייל ייִדישע אינטעליגענטן איז אַוועק פון ייִדישן לעבן, געווען טעטיק בײַ די קאַדעטן, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אַ טייל פון זיי איז צוריקגעקומען אין דער ייִדישער געזעלשאַפט.

דער גרעסטער טייל פון די אַקטיווע כּוחות אין קאַמף פאַר באַקומען עמאַנסיפּאַציע, בירגערלעכע און סאָציאַלע רעכט, האָט זיך געזאַמלט אַרום די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, אַרום דער ציוניסטישער באַוועגונג און אַרום דעם „בונד", די „ציוניסטן, וועלכע האָבן מורא פאַר דער ים־קראַנקייט", ווי לעניך האָט ליב געהאַט צו רופן זײַנע בונדישע קעגנער, ציטירנדיק פּלעכאַנאָוון.

די ציוניסטן און די סאָציאַליסטן האָבן געגעבן נײַע קאָנצעפּציעס פון מאָדערנעם ייִדנטום.

ד. די דערוואַכונג פון נאַציאָנאַליזם

אין דער צײַט פון דער עמאַנסיפּאַציע האָט אויסגעזען, אַז די מאָדערנע צײַטן וועלן אינטעגרירן די ייִדן — פריִער אָדער שפּעטער, פרײַוויליק אָדער געצוווּנגען — און דער איבער צוויי טויזנט יאָריקער אָנשטרענג פון ייִדישן פאָלק אײַנצוהאַלטן זײַן נאַציאָנאַלע אייגנאַרט וועט פאַרשווינדן צוזאַמען מיט דער אָפּשוואַכונג פון רעליגיעזן גלויבן און מיטן אויפהערן אָפּצוהיטן די אַלט־אײַנגעשטעלטע דינים און חומרות.

סיבות צו אַזאַ טראַכטן זענען געווען גענוג. די פראַנצויזישע עמאַנ־

סיפּאַציע איז געווען לגמרי אַ וועלטלעכע און געטראָגן אַ שטאַרק אַסימי־לאַטאָרישן כאַראַקטער. די דײַטשע עמאַנסיפּאַציע איז געווען פולשטענדיק אַן אַסימילאַנטישע און ווײַל צוליב אַ ריי סיבּות איז נישט געקומען צו אַ פאָר־לער אינטעגראַציע איז אָבער בײַ זיי געבליבן אַן אַנטי־נאַציאָנאַלע אײַנשטע־לונג, וואָס האָט געפירט צום פאַרשווינדן ווי אַ פאָלק. די רעפאָרם־באַווע־גונג איז געווען אַ פּאַראַדאָקס. פרײַזיניקע האָבן זיך דערקלערט אַלס רע־ליגיעזע גרופּע. דאָס האָט אָבער געהאַט אין זיך אַ רעשטל נאַציאָנאַליזם, כאָטש די רעפאָרמער האָבן זיך געשוואָרן בײַ די אָפּגעשאָרענע באָרד און פּאות, אַז זיי זענען חס־וחלילה נישט קיין יידן, נאָר דײַטשן פון מאָזאַישן גלויבן.

אַ סך דענקער צווישן זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון דער הנחה, אַז נאָר די רעליגיע האָט אויפגעהאַלטן די נאַציע. אַזוי ווי בײַ די גאָר פרײַדענ־קערישע איז רעליגיע שוין נישט געווען קיין „גאַנגבאַרע סחורה" זענען זיי בכלל אַוועק פון יידישן פאָלק, ווײַל עס האָט זיי שוין גאָרנישט געבונדן. אַ קלענער טייל, וואָס האָט געפילט מער נאַציאָנאַל, האָט דעריבער זיך אומגעקערט צום טראַדיציאָנעלן יידנטום.

גאָר אַנדערש האָט געטראַכט די רוסישע עמאַנסיפּאַציע. דאָ איז פריִער אויפגעקומען דער באַוווסטזײַן פון דער אייגענער נאַציע, איידער מען האָט באַקומען רעכט. דאָ האָט געלעבט אַ יידישע פאָלקסמאַסע, וואָס האָט גאָר־נישט געהאַט צו געווינען פון אָפּזאָגן זיך פון דער אייגענער נאַציאָנאַליטעט. פאַרקערט.דענאַציאָנאַליזאַציע האָט זיי געמאַכט אינפעריאָר. דערפאַר האָבן זיי נישט געקויפט קיין גלײַכבאַרעכטיקונג, נאָר געקעמפט פאַר רעכט אַלס בירגער און אַלס יידן.

אין רוסלאַנד האָבן די יידן באַקומען רעכט ערשט אין 1917. דאַמאָלס איז אין יידישן לעבן שוין געווען אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג אין עטלעכע נוסחאות, וואָס האָט דאָמינירט און אַוועקגעשטעלט אין שאָטן די אַסימי־לאַציע. צום אומגליק האָט דאָס רוסישע יידנטום נישט באַוויזן צו אַנט־וויקלען זײַנע כּוחות. די רעוואָלוציע פון 1905 איז דורכגעפאַלן. די רע־וואָלוציע פון מערץ 1917 (פעוורואַל) האָט פונאַנדערגעבונדן אַ ים נאַציאָ־נאַלע ענערגיע, אָבער זי איז דערשטיקט געוואָרן דורך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש, וואָס איז געווען אין דער יידישער פראַגע אַנטי־נאַציאָנאַל.

אַלע עמאַנסיפּאַציעס האָבן אויסגעלייזט דעם יחיד, אָבער נישט געגעבן קיין ענטפער אויף די נאַציאָנאַלע נויטן.

דער קריזיס פון דער עמאַנסיפּאַציע און דאָס פאַרשווינדן פון דער אַסימילאַציע אַלס כוח אין יידישן לעבן איז געווען אָפּהענגיק פון אַ ריי אָביעקטיווע סיבות, סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע, וואָס זייער אויסדרוק איז געווען דער שטייגנדיקער מאָדערנער אַנטיסעמיטיזם. די אַסימילאַציע אַלס געזעלשאַפטלעכע גרופּע איז פון יידישן לעבן פאַרשוווּנדן, אָבער דאָס הייסט נישט, אַז דער אַסימילאַציע־פּראָצעס האָט זיך אָפּגעשטעלט. נאָר איצט זענען די אַסימילאַטאָרן אַוועק, אַנטלאָפן, באַהאַלטן זיך אין דער נישט־יידישער געזעלשאַפט, ביז היטלער האָט זיי צוריק אויסגעזוכט.

יידן זענען געווען אַ מינדערהייט, וואָס האָט סאָציאַל־עקאָנאָמיש נישט געלעבט מחוץ פון מערהייטספּאָלק, און דאָך זיך נישט אינטעגרירט, איינגעהאַלטן אַן אייגנאַרטיקע קולטור און שפּראַך, אַ באַזונדערע רעליגיע. דאָס האָט געמוזט פירן צו צוזאַמענשטויסן אויפן באָדן פון קאָנקורענץ אויף אַ ריי געביטן. די אינפעריאָריטעט־לאַגע פון די יידן איז געווען אין די אינטערעסן פון די הערשנדיקע שיכטן, סיי צוליבן באַקוועמערן אופן פון אויסנוצן, סיי אַלס בליץ־אָפּלייטער פון דער אומצופרידנקייט און בונט פון די אויסגענוצטע קלאַסן.

דער אַנטיסעמיטיזם איז נאָך אַנטשטאַנען אין אַלטערטום אַלס רעזולטאַט פון צוזאַמענשטויס פון אינטערעסן און וועלטבאַנעמען פון די יידן און גריכן. גענוג צו דערמאָנען סענעקאַ, יוווענאַל, קווינטיליאַן, ציצעראָ, אַפּאָלאָניוס, טאַציט און דעם גיפּטמישער אַפּיאָן. די עוואַנגעליע איז פול מיט האַס צו יידן. דער קאָראַן — דאָס זעלבע. אַפילו דער רעפאָרמאַטאָר מאַרטין לוטער האָט אויף זיין קאָנטע צוויי אַנטיסעמיטישע ביכער: „פון יידן און זייערע ליגנס" און „פון שם המפורש". די קריסטלעכע קירך, אין אַלע נוסחאות, איז געווען דער גרעסטער פאַקטאָר פון אַנטיסעמיטיזם אין אַלע צייטן. דער איינציגער אין די סאַלאָנען פון מענדעלסאָנס טאָכטער פרידריך שלייערמאַכער איז נישט אָפּגעשטאַנען אין אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע. דאָס זעלבע פיכטע און געטע, שוין נישט דערמאָנענדיק די פּראָפעסיאָנעלע אַנטיסעמיטן. די קנאה צו יידן איז געווען גרויס ביי דער אינ־

טעליגענץ און עס פּאַסט זיך דער זאָג פון לודוויג בערנע: „איר האָט פיַינט די ייִדן נישט וויַיל זיי פאַרדינען דאָס, נאָר — וויַיל זיי פאַרדינען".

אין דער מאָדערנער ציַיט, ווען רעליגיעזע מחיצות זענען שוואַכער געוואָרן, האָט אויך דער אַנטיסעמיטיזם זיך פאַרוועלטלעכט און ער באַנוצט זיך וויייניקער מיט רעליגיעזע ראיות, נאָר ער אַנטוויקלט אַ ראַסן־טעאָריע, באַזירט אויף ביאָלאָגישע „באַוויַיזן". פאַקטיש איז די סיבה עקאָנאָמישע קאָנקורענץ און פּאָליטישע צוועקמעסיקייט.

דער דריַיפוס־פּראָצעס (1894 ־ 1899 ־ 1906) האָט באַוויזן, אַז די עמאַנסיפּאַציע האָט גאָרנישט געלייזט דעם ייִדנהאַס. אויך די אַסימילאַציע האָט נישט געהאָלפן. עס איז וויייניק געווען דאָס צופּאַסן זיך. דער ייִד איז געבליבן ייִד — גאָר אָפט קעגן זיַין ווילן.

ד"ר טעאָדאָר הערצל שריַיבט וועגן די משומדים (געמיינט אויך סתם אַסימילירטע) אַזוי: „מען האָט זיי אויפגענומען ווי די, וואָס אַנטלויפן פון אַ מגפה. מען האָט זיי אייביק חושד געווען, אַז זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך די קראַנקייט. מען האָט זיי שטענדיק אויסגעמיטן און ווי אַ פאַרציַיטי־קער מצורע האָבן זיי געלעבט מחוץ למחנה. די געשמדטע ייִדן צו דער ציַיט פון גזירות־שפּאַניע האָבן די קריסטן אַ נאָמען געגעבן מאַראַנען. אויך די היַינטיקע געשמדטע האָבן, ווי די פאַרציַיטיקע מאַראַנען, געלעבט מחוץ למחנה, אויסגעשלאָסן פון דער קריסטלעכער וועלט". (טעאָדאָר הערצל, „אַלטניַילאַנד", איבערגעזעצט ד"ר איס(ידאָר) על(יאַשעוו), ניו־יאָרק, היברו פאַרלאַג, זיַיט 244).

אין פיל־נאַציאָנאַלן עסטריַיך זענען די ייִדן געווען אַן אָביעקט פון חשדים און האַס סיַי מצד דעם הערשנדיקן דיַיטשן נאַציאָנאַליזם, און סיַי פון די אויפגעוואַכטע „קליינע" נאַציאָנאַליזמען פון די אונגאַרן, טשעכן און פּאָ־ליאַקן. די ייִדן אין עסטריַיך זענען געשטאַנען פאַר אַ דילעמע: רעכט פאַר זיך אַלס נאַציע האָבן זיי נישט געפאָדערט. איז איבערגעבליבן נאָר צו באַ־שטימען צו וועלכער נאַציע זיך צוצוטוליען. זיי האָבן געהאַט אויסצוקלייבן צווישן גערמאַניזאַציע אָדער פּאָלאָניזאַציע און מאַדיאַריזאַציע.

פון דעם צוזאַמענשטויס פון די נאַציאָנאַליזמען האָבן ייִדן געליטן פון ביידע זיַיטן. דער ייִדישער אָנטייל אין ביסמאַרקס „קולטורקאַמף", ווי דאָס גייַן פון אַנדערע ייִדן צוזאַמען מיט די מאַדיאַרן, אָדער פּאָליאַקן, האָט

געשאַדנט דעם אימאַזש פון די ייִדן. וואָלטן די ייִדישע פּאַרשטייער אויפֿ־געטרעטן — ווי עס איז געשען שפּעטער — מיט אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן פּראָגראַם, וואָלט די לאַגע געווען אַ קלאָרערע און אפשר אַן אַנדערע. דער־ווײַל אָבער האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט פון אייגענעם פּנים און דאָס האָט געבראַכט גרויס שאָדן.

אין רעזולטאַט פון דעם אָפּזאָגן זיך פון דער אייגענער נאַציאָנאַליטעט, בעת אין די הערשנדיקע נאַציאָנאַליטעטן נעמט מען ייִדן נישט אַרײַן, איז געקומען צו דעם, אַז די עמאַנסיפּאַציע איז אויפֿן וועג פֿאַרלאָרן געוואָרן. דאָס האָט אויך געבראַכט צו פֿאַרגרעסערן דעם שטח און געביט פון דער קאָנקורענץ צווישן ייִדן און נישט־ייִדן. עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן בלוט־בלבולים, פּראָצעסן, אַ מוראדיקע העצע אין דער פּרעסע, פֿאַרבונדן מיט עקסצעסן.

דאָס אַלץ האָט אַ ביסל אָפּגעקילט די „דײַטשן", „פּאָליאַקן" און „מאַ־דיאַרן" לויטן אַליין־באַוווסטזײַן (ווי מאָריץ לאַזאַרוס האָט עס אַ נאָמען געגעבן) און אַנשטאָט „גלויבנסגענאָסן" האָט מען אָנגעהויבן באַנוצן „שטאַמ־גענאָסן", אין איינקלאַנג מיטן נײַעם אַנטיסעמיטישן וואָקאַבולאַר, אָבער די הכנעהדיקע האַלטונג איז נאָך אַלץ געבליבן.

גאָר אַנדערש איז די לאַגע אין רוסלאַנד. די צאַרישע גזירות און רדי־פות טראָגן דעם שטעמפּל פון די אָבערגלויבנס אין מיטל־עלטער פּלוס די „אַרגומענטן" פון מאָדערנעם „וויסנשאַפטלעכן" אַנטיסעמיטיזם פון דײַטש־לאַנד. די רעאַקציע האָט מורא פאַר דער ייִדישער אַרײַנדרינגונג אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט און קוקט מיט גרויס חשד אויפֿן שמד פון דער ייִדישער פּלוטאָקראַטיע און אינטעליגענץ. אַפילו אין די רעוואָלוציאָנערע קרײַזן איז געווען אַן אומווילן צו ייִדן. די נאַראָדניקעס טיכאָמיראָוו און ראָמאַניענקאָ האָבן אַרויסגעלאָזט אַן אַנטיסעמיטישן אויפֿרוף.

אָבער אין רוסלאַנד, ווו עס האָט געלעבט די גרויסע קאָמפּאַקטע ייִדי־שע מאַסע, האָבן די רדיפות און דער אַנטיסעמיטיזם אָנגעטראָפֿן אויף אַ גײַסטיקן ווידערשטאַנד, נישט ווי אין דײַטשלאַנד. אַ סך האָט דערצו מיט־געווירקט דאָס, וואָס אין סוף 19טן י"ה, שאַפֿן זיך שוין ייִדיש־ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, וואָס לערנען די ייִדישע מאַסן זיך קעגנ־שטעלן די פֿאַרפֿאָלגונגען. אין דער זעלבער צײַט אַנטוויקלען די נאַציאָ־

נאַלע שטרעמונגען אַן אַגיטאַציע מיט דער פאָדערונג נישט צו באַגנוגענען זיך מיט בירגערלעכע רעכט, נאָר אויך פאַרלאַנגען נאַציאָנאַלע רעכט.

די אַלע פאָדערונגען און די זעלבסטשוץ פון די ייִדן האָט מען צו פאַר־דאַנקען דעם פאַקט, וואָס די ייִדן אין רוסלאַנד זענען נישט אַריינגע־פּרעסט געוואָרן אין איין עקאָנאָמישן שיכט, און דערצו נאָך אַ ריין בור־זשואַזן און דעקלאַסירטן, נאָר די ייִדן זענען געווען אַ פּראָדוקטיווער שיכט פון בעלי־מלאכות, אָרעמע הענדלער־פאַרמיטלער צווישן דאָרף און שטאָט, מיט אַ קליינעם אויבערשיכט פון רייכע גבירים.

אין צוויי ריכטונגען איז געגאַנגען די אויפוואַכונג און דער אָנשטרענג פון די ייִדן אין דער רוסישער אימפּעריע: רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג און אויטאָ־עמאַנסיפּאַציע.

אַ גרויסער טייל ייִדן האָבן אָנטיילגענומען אין דער אַלגעמיינער פריי־הייט־באַוועגונג. העסיע העלפמאַן נעמט אָנטייל אין אַטענטאַט אויף אַלעק־סאַנדער דעם 2טן, שיקאָרסקי — אין אַטענטאַט אויף פּלעווען. שטילמאַן שיסט אין אָדעסער בירגערמייסטער. ייִדן זענען טעטיק אין „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", אין די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. ביי די באָלשעוויקעס: קאַמיע־ניעוו, זינאָוויעוו, ריקאָוו, סווערדלאָוו, טראָצקי, אוריצקי. ביי די מענשע־וויקעס: מאַרטאָוו, דאַן, אַבראַמאָוויטש, ליבער. ביי די קאַדעטן: ווינאַווער, גרוזענבערג. ביי די טרודאָוויקעס: ל. בראַמסאָן. ביי די ס.ר.: נאַטאַנסאָן, גערשוני, גאָץ, בונאַקאָוו, אַנסקי, מינאָר, ווישניאַק, יצחק נחמן שטיינבערג, פּנחס רוטענבערג.

אויך דער „בונד" איז געווען באַזונדערס אַקטיוו אין קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשאַפט. דער אַטענטאַט פון הירש לעקערט, דאָס אָרגאַניזירן די ייִדישע זעלבסטשוץ קעגן די פּאָגראָמען האָבן געגעבן אַ ניי פּנים דעם קאַמף פאַר די רעכט פון דער ייִדישער מאַסע.

לאָמיר ביי דער געלעגנהייט מאַכן אַ פאַרגלייך מיט די ייִדן־רעוואָלו־ציאָנערן פון דייטשלאַנד, עסטרייך און אונגאַרן. זיי זענען נישט געווען וויניק: פאַול זינגער, עדואַרד בערנשטיין, הוגאָ האַאַזע, אָטאָ לאַנדסבערג, קורט ראָזענפעלד, פאַול הירש, קורט אייזנער, גוסטאַוו לאַנדאַוער, עריך מיזאַם, ערנסט טאָלער, עוגען לעווין, פאַול לעווי, וויקטאָר און פרידריך אַדלער, אָטאָ באַוער, יוליוס דויטש, בעלאַ קון, טיבאָר שאַמועלי און אַ

סך אַנדערע. אָבער קיינער פון זיי האָט זיך נישט אינטערעסירט מיטן גורל פון זײַן פֿאָלק. מער נאָך — כּמעט אַלע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער יידישער נאַציע, הגם זיי האָבן נישט געלייקנט זייער אָפּשטאַם.

אַנדערש איז געווען די סיטואַציע אין רוסלאַנד, ווו ווינאַווער, גרוזענבערג, בראַמסאָן, אַבראַמאָוויטש, ליבער, אַנסקי, רוטענבערג, י. נ. שטיינבערג און די פירער פון „בונד" זענען גלײַכצײַטיק געווען טעטיק אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק אין רוסלאַנד און אויך אין יידישן לעבן.

די אויטאָ־עמאַנסיפּאַציע האָט אַרומגענומען אַלע שיכטן, חוץ דער אָרטאָדאָקסיע.

די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד צוזאַמען מיט די כּסדרדיקע לעגאַלע באַגרענעצונגען און פֿאַרפֿאָלגונגען, דאָס איניצירן פון אויבן די עקסצעסן, איגנאַטיעווס „צײַטווײַליקע תּקנות", וואָס האָבן געדאַרפט ליקווידירן די פינף מיליאָן יידן — דאָס אַלץ האָט געבראַכט מיט זיך אַ מאַסן־עמיגראַציע. די פּאָרטן פון מערב־אייראָפּע זענען פֿאַרפולט געווען מיט יידן, וועלכע שטראָמען קיין אַמעריקע. טייל באַזעצט זיך דערווײַל אין מערב־אייראָפּע און ברענגען מיט זיך אַ נאַציאָנאַל־געשטימטן עלעמענט אין דאָרטיקן יידישן לעבן. די יידישע עמיגראַנטן, צווישן זיי אַ סך רעוואָלוציאָנערן, האָבן מיט זיך געבראַכט אין די נײַע היימען זייער נאַציאָנאַל־שעפערישן כּוח. זיי האָבן באַלד אויפגעבויט הילף־אָרגאַניזאַציעס, לאַנדסמאַנשאַפטן, פּראָפעסיאָנעלע פֿאַראיינען, פּאַרטייען, אַ פּרעסע, טעאַטער א"א. זיי זענען געבליבן אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט די יידן אין מזרח־אייראָפּע און געגעבן זיי מאַטעריעלע הילף, אָרגאַניזירט געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע קאַמפּאַניעס צום שוץ פון די יידן אין מזרח־אייראָפּע. דער מינוס פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַמעריקע איז געווען דאָס פעלן פון אַן אָרגאַניזאַציע, אַ צענטראַלע, צו פֿאַרטרעטן און אָנצופירן מיטן יידישן כּלל.

אויך דער ציון־געדאַנק האָט זיך בײַ די רוסישע יידן אויסגעדריקט אין קאָנקרעטע מעשים. אַ טייל פון די עמיגראַנטן איז אַוועק אין וויסטן דאַמאָלס ארץ־ישראל און מיט גרויסע קרבנות געשאַפן די ערשטע קאָלאָניעס.

פּאַר אַ שווערער דילעמע זענען אויך געשטאַנען די גאַליצישע יידן, באַשאָנקענע מיט טיילווײַזע רעכט, און די פולשטענדיק רעכטלאָזע רומע־

נישע ייִדן. זיי האָבן דערגענצט די עמיגראַציע פון רוסלאַנד סײַ קיין אַמע־ריקע, סײַ קיין א״י, אַנטלויפנדיק פון אָרעמען גאַליציע און פון פּאָגראָם־רומעניע.

אין מזרח־אייראָפּע איז אין דער ייִדישער מאַסע און פֿאָלקס־אינטע־ליגענץ געװען זייער שטאַרק דאָס נאַציאָנאַלע געפיל, אָבער נאָך נישט אַלץ קלאָר די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם. עס האָט נאָך געדויערט דער פּראָצעס פון אויפקומען פון נײַע קאָנצעפּציעס װעגן נאַציע, נאַציאָנאַליטעט און די מיטלען אויפצוהאַלטן דעם קיום און המשך פון פֿאָלק אין אַ צײַט, װען די רעליגיעזע ראַם איז מער נישט געװען קיין שוץ קעגן די אַסימילאַטאָרישע װינטן.

די װערטער נאַציע און נאַציאָנאַליטעט זענען אַרײַן אין באַנוץ אין דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע, אָבער זיי האָבן שוין עקסיסטירט פון אַלטע צײַטן אָן. פון לאַטײַנישן װאָרט „נאַסצי״, NASCI געבוירן, איז געשאַפן געװאָרן דער נאָמען פאַר אַ געמיינשאַפט פון געמיינזאַמער אָפּ־שטאַמונג, שפּראַך און מנהגים. דעם באַװוסטזײַן פון אָט די סימנים, באַ־צייכנט אַנדערש אַלס קולטור, האָבן געהאַט די הערשנדיקע שיכטן. אַזוי איז געװען אין גאַנצן מיטל־עלטער. אין פויערים־אויפשטאַנד אין גאַליציע אין 1846 האָבן די פויערים געטענהט: „מיר זענען פויערן (כלאָפּי) און נישט קיין פּאָליאַקן (ליאַכי)״, אַן איבערבלײַבעניש אײַנגעװאָרצלט פון אַמאָל.

טייל האָבן פּרובירט פונאַנדערטיילן די באַגריפן פֿאָלק און נאַציע. בני־מין ד׳ איזראַעלי האָט געהאַלטן, אַז „אַ פֿאָלק איז אַ נאַטירלעכע אָרט. אַ ציװיליזירטע געמיינשאַפט הייסט נאַציע״. אין דעם זאָג ליגט די קאַפּיטאַ־ליסטיש־אימפּעריאַליסטישע אויפפאַסונג פון דאָזיקן באַגריף. די ענגלישע אימפּעריע באַשטייט פון אַ סך פעלקער, אָבער זי שטיצט זיך אויף דער ענגלישער נאַציע, אויף איר געבילדעטן, ציװיליזירטן טייל פון דער אימ־פּעריע.

אָבער דער עיקר סימן פון נאַציע איז געװען איר טעריטאָריע, בעסער געזאָגט איר מלוכהשאַפט. אַ נאַציע איז — לויט די דאַמאָלסדיקע באַגריפן — אַ פֿאָלק, װאָס װערט אַ זעלבשטענדיקע מלוכה.

אַן אַנדערער סאָציאָלאָג האָט עס פאָרמולירט אַזוי: „אַ נאַציע איז אַ געפילמעסיקע געמיינשאַפט, װעמענס אַדעקװאַטער אויסדרוק עס איז אַן

אייגענע מלוכה״. דערקעגן אַ פּאַרטיידיקער פון אַן אונטערדריקטער נאַציע האָט עס אַ ביסל אַנדערש באַצייכנט: „אַ נאַציע איז אַ גרופּע פון מענטשן, וועלכע שטרעבן צו אַן אייגענער סוווערעניטעטער מלוכה״. די מענטשן פון 19טן י״ה האָבן געשטעלט אַ גלײַכצייכן צווישן נאַציע און מלוכה, ריכטי־קער טעריטאָריע.

אַנדערע סאָציאָלאָגן האָבן געפּרוווט טיילן דעם באַגריף און געהאַלטן, אַז עס זענען פאַראַן דרײַ טיפּן נאַציעס: מלוכהשע, קולטור־נאַציעס און געפיל־נאַציעס.

לויט זיי איז אַ מלוכה־נאַציע — די נאַציע, וואָס איז דאָס מלוכה־פאָלק ד״ה אַלע מלוכה־בירגער אומאָפּהענגיק פון שפּראַך אָדער אָפּשטאַמונג, אינערהאַלב די גרענעצן פון דער געגעבענער מלוכה, אָדער אינערהאַלב די נויטווענדיק געפאָדערטע היסטאָרישע אָדער נאַטירלעכע גרענעצן.

אַ קולטור־נאַציע איז אַזאַ נאַציע, וואָס איז אַ געמיינשאַפט, וואָס מען קען זי באַשטימען לויט אָביעקטיווע צייכנס: שפּראַך, ראַסע, קולטור און כאַראַקטער, אומאָפּהענגיק פון מלוכה־גרענעצן. אַ קולטור־נאַציע האָט איר געמיינזאַמען גורל, געמיינזאַמע פאַרבינדונגען, וואָס די שפּראַך איז איר פאַרמיטלער. אַ קולטור־געמיינשאַפט איז די נאַטירלעכע אָפּשטאַמונג־גע־מיינשאַפט, געבונדן דורך געמיינזאַמער געשיכטע און האָט אויסגעאַרבעט אַ קולטור־איינהייט. אָטאָ באַוער האָט געהאַלטן, אַז „די נאַציע איז די „גע־זאַמטהייט״, דער כּלל, וואָס איז דורך געמיינזאַמען גורל געוואָרן אַ כאַראַק־טער־געמיינשאַפט פון פאַרבונדענע צווישן זיך מענטשן״. מאַקס נאָרדוי האָט פאַרן ווערן אַ ציוניסט געהאַלטן, אַז די שפּראַך באַשטימט די אָנגעהעריקייט צו דער נאַציע.

זיי אַלע האָבן געהערט צו דער א״ג אָביעקטיווער שול. די אָנהענ־גער פון דער סוביעקטיווער שול האָבן געשטעלט דעם ווילן אַלס ערשטן באַדינג. די געפיל־נאַציע שטיצט זיך אויף סוביעקטיווע צייכנס פון געמיינ־שאַפט־געפיל און שותּפותדיקער אַנגעהעריקייט.

דער איטאַליענישער רעוואָלוציאָנער מאַנציני האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף האָבן דעם באַוווסטזײַן פון דער נאַציאָנאַליטעט. דער געלערנטער ערנסט רענאַן האָט געהאַלטן, אַז נאַציע איז אַ גײַסטיקער פּרינציפּ, „אַ גרויסע מענטשנגרופּע מיט געזונטן גײַסט און וואַרעמען האַרץ שאַפט אַ

גײַסטיק באַוווסטזײַן, וואָס מען רופט נאַציע". דער דײַטש־ייִדישער עמאַנ־סיפּאַציע־קעמפער ג. יעלינעק האָט געמיינט, אַז נאַציע איז אַ סוביעקטי־ווער באַגריף, אַ באַשטימטער באַוווסטזײַן־אינהאַלט, וואָס ווערט געשאַפן דורך אַ רבים פון מענטשן, דורך אייגנטימלעכע קולטור־עלעמענטן און אַ בשותּפותדיקער געשיכטלעכער פאַרגאַנגענהייט, געאייניקט, און דערמיט אונטערשיידט זי זיך אויך פון אַנדערע. ה. אָפּענהיימער איז געגאַנגען אַזוי ווײַט צו דערקלערן דעם נאַציאָנאַל־באַוווסטזײַן אַלס דער עיקר־סימן פון אָנגעהעריקייט צו אַ נאַציע. אַפילו ווען מען רעדט די זעלבע שפּראַך, מען שטאַמט פון דער זעלבער ראַסע און מען לעבט אין דעם זעלבן לעבנסרוים — אויב מען האָט נישט דעם נאַציע־באַוווסטזײַן געהערט מען נישט צו דער נאַציע.

דער עסטרײַכישער סאָציאַליסט קאַרל רענער (סינאָפּטיקוס) האָט אין 1899 געפּרוווט שאַפן אַ סינטעזע פון דער אָביעקטיווער און סוביעקטיווער שול. לויט אים זענען נאַציעס „אָרגאַניזירטע, אָדער ווייניקסטן אָרגאַניזיר־באַרע, מענטשנמאַסן, וואָס פון דער „געזאַמטהייט", פון כלל, פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט אָפּזונדערן זיי זיך אין רוים און דורך באַזונ־דערער געשיכטע, שפּראַך און קולטור לעבן זיי זיך אויס... און טרעטן אויף אַלס טעטיקע איינהייטן".

דער סאָציאָלאָג הײַעס האַלט, אַז נאַציע איז „אַ גרופּע מענטשן, וועל־כע רעדן די זעלבע שפּראַך, אָדער שפּראַך־דיאַלעקטן, פּלעגן אַ געמיינ־זאַמע קולטור־געמיינשאַפט, אָדער וואָס ווילן זי שאַפן". דערקעגן האַלט ל. גומפּלאָוויטש, אַז נאַציע איז „אַ קולטור־ און אינטערעסן־געמיינשאַפט אויס־געדריקט אין אַ מלוכהש וועזן, וואָס מוז זיך נישט אויסדריקן דורך אַ גע־מיינזאַמער שפּראַך".

ווי זעט אויס די פּאָזיציע פון ייִדן? צי זענען זיי אַ נאַציע לויט די אַלע פאָרמולירונגען?

לאָמיר זאָגן באַלד פון אָנהייב: ייִדן זענען געווען און געבליבן אַ נאַציע, אומאָפּהענגיק פון די אַלע באַצייכענונגען. מער נאָך. ווי אַ באַזונ־דערע נאַציע זענען מיר די עלטסטע נאַציע אין מיטללענדישן ראַיאָן, ווײַל פון מעמד הר־סיני ביז הײַנט זענען ייִדן אַ נאַציע אין טיפסטן זין פון דאָזיקן באַגריף.

ביזן 18טן און 19טן י״ה האָט קיינער נישט געצווייפלט צי יידן זענען אַ נאַציע. ערשט די עמאַנסיפּאַציע האָט געבראַכט צו פּאַרלייקענען דעם לעבעדיקן פאַקט, אַז יידן זענען אַ נאַציע און דערצו אַ שעפערישע נאַציע. עס האָבן געטענהט די „אויפקלערער״, אַז מיטן חורבן בית־שני האָבן יידן אויפגעהערט צו זײַן אַ נאַציע. דער לעצטער פון די דײַטשע „אויפקלערער״ הערמאַן קאָהען האָט פּרובירט צו געפינען אַן אויסגלײַך צווישן דער אָפּלייקענונג און דער נאַציאָנאַלער אידעע מיטן דריידל, אַז יידן זענען אַ נאַציאָנאַליטעט (פּרינציפּיעל איז עס דאָס זעלבע) נאָר נישט קיין נאַציע, ווײַל אָן מלוכהשע אַטריבוטן.

משה העס איז געווען דער ערשטער צווישן די אויפגעקלערטע יידן, וועלכער האָט געזען יידן אַלס נאַציע. ער האָט דאָס דערזען נישט אין זײַנע יידישע מיטבירגער פון דײַטשלאַנד און פראַנקרײַך, נאָר אין די יידן פון מזרח־אייראָפּע. דער ציוניסטישער טרוימער לעאָן פּינסקער (1821 - 1891), וועלכער איז אין אָנהייב געווען אַן אַסימילאַטאָר, האָט געהאַלטן, אַז יידן מוזן ערשט ווערן אַ נאַציע, ד״ה ער גלייבט די אַסימילאַטאָרן און גיט זיי פּרינציפּיעל גערעכט. אַנאַליזירנדיק די פאַרהעלטענישן אין רוסלאַנד איז ער אין זײַן „אויטאָ־עמאַנסיפּאַציע״ (1882) געקומען צום געדאַנק פון אַן אָפּגעשלאָסענער טעריטאָריע, ווו זיי זאָלן קענען ווערן צוריק אַ נאַציע.

ערשט ד״ר טעאָדאָר הערצל האָט געזאָגט מיטן פולן מויל: „מיר זענען אַ פאָלק, איין פאָלק״ („דער אידענשטאַט״, בוענאָס אײַרעס, 1946 ז. 36). אחד העם, געקומען פון תּחום־המושב, האָט געזען, אַז פאָלק דאָס איז דער נאַציאָנאַלער גײַסט. קלאַצקין האָט געפּריידיקט, אַז „אָן דער קאָרעלאַציע אין דער צוקונפט פון אַ נאַציאָנאַל לאַנד און אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך איז דער נאַציאָנאַליזם אין גלות אָן אַ זין״.

נאַציאָנאַליזם איז דער באַוווסטזײַן פון דער בשותּפותדיקער אָנגעהעריקייט און דער געמיינזאַמער בײַשטײַערונג פון מענטשן פון זעלבן אָפּשטאַם.

דער דאָזיקער באַגריף און טײַטש פון נאַציאָנאַליזם איז זייער אַלט בײַ יידן און איז נישט געבונדן מיט מלוכה אָדער טעריטאָריע. יידן זענען געווען אַ פאָלק פאַרן דעראָבערן כּנען. טאַקע אַ דאַנק דעם נאַציאָנאַליזם האָבן די לויז־פאַרבונדענע שבטים געקענט קאָלאָניזירן און דעראָ־

בערן דאָס לאַנד. די נביאים האָבן נישט אָנערקענט קיין צוויי פעלקער אין יהודה און שומרון. זיי האָבן עס באַטראַכט ווי איין פאָלק.

אַפילו דער טרוימער פון אַן אייגענער מלוכה, ד״ר טעאָדאָר הערצל האָט געשריבן אין „אידענשטאַט": „נישט אַ שטח לאַנד בילדעט דעם שטאַאַט, נאָר די מענטשן, וועלכע זענען פאַראייניקט דורך זייער נאַציאָנאַלער סוווערעניטעט" (ז. 110).

ערשט שפּעטער האָט דער נאַציאָנאַליזם באַקומען אַ רעליגיעזע באַפאַרבונג. ווען די עמאַנסיפּאַציע האָט צעבראָכן די רעליגיעזע ראַם איז צוגלייך מיטן אָפּפאַלן פון נאַציאָנאַלן געדאַנק ביי איניקע — ביי אַנדערע אויפגעקומען נייע באַגריפן פון נאַציע און נאַציאָנאַליזם.

די באַציונג פון פאַרשידענע טיילן פון יידנטום צו די באַגריפן נאַציע און נאַציאָנאַליזם איז אָפּהענגיק פון דער באַציונג צו די פּראָבלעמען פון קיום און המשך אין דער מאָדערנער צייט.

דאָס ערשטע און וויכטיקסטע פּראָבלעם פאַר יידן אין דער גאָרער וועלט איז דאָס אָפּשאַפן דעם יידנהאַס. די בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג האָט געגעבן די יידן אַ מעגלעכקייט צו קאָנקורירן מיט נישט־יידן אויף אַלע געביטן. במילא האָבן מערערע געזעלשאַפטלעכע שיכטן זיך געפילט באַדראָט אין זייערע פּאָזיציעס און דער אַנטאַגאָניזם איז געוואַקסן.

די „תקופה פון ריינעם שכל" האָט געגלויבט אין כּוח פון דער אויפקלערונג, דערווייל איז געשען דאָס פאַרקערטע. דער איראַציאָנעלער אַנטיסעמיטיזם איז גרעסער געוואָרן. נישט אומעטום האָט ער אָנגענומען אַזאַ שאַרפן פּאָגראָם־כאַראַקטער און עקסטערמינאַציע־פאָרמען, אָבער ער עקסיסטירט אין אַלע לענדער, ווו יידן נעמען אַנטייל אין עפנטלעכן לעבן.

די יידישע סאָציאַליסטן האָבן געפונען אַן ענטפער: אָפּשאַפן די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט, וואָס רופט אַרויס די קעגנזאַצן און קאָנקורענץ און במילא וועט נישט זיין קיין נויטיקייט אין וועלכער נישט איז אונטערדריקונג, דערין אויך די יידישע. איבערמאַכן אַזוי די וועלט, אַז יידן זאָלן קענען געפינען אַן אָרט אין איר.

די ציוניסטן דערקעגן האָבן נישט געגלויבט, אַז מען קען אויסבעסערן די וועלט. דעריבער האָבן זיי בעסער געוואָלט זיך פאַרזיכערן אַן אייגן ווינקל, ווו מען זאָל קענען רויק לעבן און אַנטלויפן פון יידנהאַס. זיי

האָבן געזוכט אַן אָרט אויף דער וועלט, נישט זאָרגנדיק פֿאַר דער וועלט. זיי האָבן געהאַלטן, אַז מען פֿאַרשווענדט די נאַציאָנאַלע ענערגיע, נייטיק צום ווידעראויפֿבוי פֿון אייגענעם לאַנד, בעסערנדיק די וועלט. די סאָציאַ־ליסטן, באַזונדערס דער „בונד", האָבן ווידער געהאַלטן פֿאַר פֿאַרשווענדע־ריש די ענערגיע, וואָס מען גיט אַוועק פֿאַר בויען אַ „חלום". דער פֿאַרשי־דענער בליק אויף דער פֿראַגע פֿון אָפּשאַפֿן ייִדנהאַס, אַנטיסעמיטיזם, איז געווען אַ וויכטיקער שטרייַטפּונקט אין ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן.

אין די באַדינגונגען פֿון אָנהויב 20טן יאָרהונדערט (ביז 1939) האָט עס אויסגעזען, אַז דער „בונד" איז גערעכט. אַפֿילו די ציוניסטן האָבן אויס־געאַרבעט אַ „קעגנוואַרט־פּראָגראַם", געגרינדעט וואַלבלאָקן מיט אַנדערע מינדערהייטן אין פּוילן, אַ ציוניסט איז געווען פֿאָרזיצער פֿון אַלוועלט־לעכן ייִדישן קאָמיטעט צו שיצן די ייִדישע רעכט. דאָס אויפֿשטעלן אַ מדינה איז געבליבן אַ דערהויבענער ציל, אַ יום־טוב, צו וועלכן מען גאַרט און האָפֿט, אָבער מען דאַרף טאָן נישט בלויז צוקונפֿט־אַרבעט, נאָר אויך און אַ סך „קעגנוואַרט"־פּראָגראַם.

דער צווייטער ענין, געבונדן מיטן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, איז געווען דער קאַמף פֿאַר נאַציאָנאַלער אויפֿלעבונג. דאָ האָבן אַלע נאַציאָנאַל־אַקטיווע ייִדישע שטרעמונגען אויפֿגעטאָן אַ סך. אַ נעץ פֿון העברעיִשע און ייִדישע שולן, גימנאַזיעס, לערער־סעמינאַרן, אָוונטקורסן פֿאַר דערוואַקסענע, פֿאָלקס־אוניווערסיטעטן, לעקציעס, פֿאָרלעזונגען, רעפֿעראַטן, מיטינגען. די גאַנצע יוגנט — און אַפֿילו עלטערע — האָבן זיך געלערנט אויף די קרייַזן, גרופּן און פֿאַרזאַמלונגען. עס אַנטשטייען אין יעדן שטעטל צו עטלעכע ביבליאָטעקן. די פּאָליטישע פּאַרטייען, די פּראָפֿעסיאָנעלע אַרבעטער־פֿאַר־איינען, האַנטווערקער־ און סוחרים־אָרגאַניזאַציעס, בענק, קרעדיט־צענטראַ־לעס, ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס, קולטורקלובן — אַ ברייטער פֿעכער פֿון זעלב־שטענדיקער נאַציאָנאַלער טעטיקייט האָט אַרומגענומען די ייִדישע געזעל־שאַפֿט, געווען אַ מלוכה פֿאַר זיך.

אַפֿילו די אָפּגעשטאַנענע אָרטאָדאָקסיע האָט געעפֿנט מאָדערנע שולן פֿאַר ייִנגלעך און מיידלעך.

די נאַציאָנאַלע גלייַכבאַרעכטיקונג איז נישט געווען, האָט מען זי אין

דער פּראַקטיק מיט אייגענע כּוחות אויפגעבויט, כּדי אײַנצוהאַלטן דעם נאַציאָנאַלן גײַסט.

די דאָזיקע שטאַרק אַנטוויקלטע נאַציאָנאַל־קולטורעלע טעטיקייט האָט אָפּגעווישט די אַסימילאַציע ווי אַ כּוח אין ייִדישן לעבן, באַטש אַסימילאַטאָרן זענען געווען נישט ווייניק און די אַסימילאַציע גופא איז ווײַטער געגאַנגען. אַ לענגערע צײַט האָבן די חסידים און אַסימילאַטאָרן געשאַפן אַ בלאָק צו באַהערשן די וואַרשעווער גמינע. אָבער מיטן וווּקס פון ציוניזם פאַלט די געזעלשאַפטלעכע באַטײַטונג פון די אַסימילאַטאָרן, וועמענס ייִדישקייט איז געווען אַ בית־עלמין־ייִדישקייט, ד"ה עס האָט זיי מיט ייִדן געבונדן נאָר דאָס ווערן באַגראָבן אויפן ייִדישן בית־עלמין.

דער רענעסאַנס פון דער ייִדישער קולטור, דער שטויגנדיקער וווּקס פון דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור, דאָס באַטייליקן זיך אין אַלע קונסט־געביטן — דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען בײַ אַ כּסדרדיקער פאַר־פעריזירונג פון די ייִדישע מאַסן, בײַ רדיפות און באַגרענעצונגען, בײַ רעכטלאָזיקייט און פּאָגראָמען. אָט דער גרויסער אויפשטײַג האָט געוויזן דעם וויטאַלן כּוח פון דער ייִדישער פאָלקסמאַסע אין מזרח־אייראָפּע, וואָס האָט געגעבן מענטשן־מאַטעריאַל, גענעראַלן און זעלנער, אַלע ריכטונגען אין ייִדישן לעבן און נאָך באַוויזן צו „עקספּאָרטירן" קיין אַמעריקע און א"י. דאָס הייליקע לאַנד איז געוואָרן אַ דאַנק די חלוצים אַ לאַנד פון אויפ־בוי און אַרבעט, ווי אויך אַ לאַנד פון קולטור.

דאָס ייִדישע פאָלק האָט דערפילט זײַן כּוח און קעגן די פאַרפאָלגער אָרגאַניזירט זײַן זעלבסטשוץ, דעם גײַסטיקן און פיזישן. מזרח־אייראָפּע (צו ערשט רוסלאַנד, שפּעטער פּוילן) האָט נישט קאַפּיטולירט נישט פאַרן שונא, נישט פאַר די שווערקייטן, ווײַל להיפוך צו מערב־אייראָפּע האָט די פאַר־שפּעטיקטע עמאַנסיפּאַציע אָנגעטראָפן אויף אַ בורזשואַזן שיכט, וואָס האָט זיך נישט געקענט עקאָנאָמיש אינטעגרירן, און אויף אַן אַרבעטנדיקן קלאַס, וואָס האָט סאָציאַל אויפגעוואַכט.

בײַם גאַנצן גרויסן אויפשטײַג איז די עקאָנאָמישע לאַגע געווען גאָר אַ שלעכטע. דער איינציקער אויסוועג איז געווען עמיגראַציע. זי האָט זיך פאַרשטאַרקט נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, נאָך די משונהדיקע גזירות,

וואָס האָבן אָפּגענומען דאָס לעצטע שטיקל ברויט ביַי די הונגערנדיקע ייִדן אין ענגן תּחום־המושב.

די עמיגראַציע האָט געהאַט צוויי שטראָמען; אַ סטיכישן, וואָס איז געגאַנגען אין „קאָלומבוסעס לאַנד", און אַן אידעיִש־אָרגאַניזירטן קיין ארץ־ישׂראל, אָדער ווי מען האָט דאָס לאַנד דאַמאָלס גערופן פּאַלעסטינע.

טייל ייִדישע טוער זענען געוועזן „אַמעריקאַנצעס" (ש. דובנאָוו, י. ל. גאָרדאָן), אַנדערע — „פּאַלעסטינצעס" (ליליענבלום און די חיבת־ציון־באַוועגונג).

אַ וויכטיקער מאָמענט האָט אָפּגעשפּילט די באַציִונג צו די רעליגיעזע פּראָבלעמען. די שווערע בינדנדיקע חומרות פון דער הלכה האָבן אין די ניַיע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן געמוזט זיך ענדערן. מען האָט געמוזט לויזער מאַכן די קייטן.

אין יסוד פון דער ליבעראַלער, ראַדיקאַל־דעמאָקראַטישער און סאָציאַליסטישער באַוועגונגען איז געווען די פריַיהייט פון איבערצייגונג און געדאַנק, דערין אויך די רעליגיעזע. אָבער אין דער פּראַקטיק איז זיי אויסגעקומען צו פירן אַ קאַמף מיט דער אָרטאָדאָקסיע נישט בלויז צוליב העגעמאָניע אין ייִדישן לעבן, נאָר אויך דערפאַר, וואָס די אָרטאָדאָקסיע איז געווען אַ שטיצפּונקט פאַר דער אַלגעמיינער רעאַקציע אין לאַנד. די ייִדנפיַינדלעכע מאַכטהאָבער האָבן אַ דאַנק דער הכנעהדיקער אָרטאָדאָקסיע נישט צוגעלאָזן די קעמפערישע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען זיך פאַרשפּרייטן און ווירקן אויף די ייִדישע פאָלקסמאַסן. באַזונדערס אַקטיוו איז די אָרטאָדאָקסיע געוואָרן נאָכן אָרגאַניזירן זיך אין דער „אגודת ישׂראל" (1912).

די אָרטאָדאָקסן זענען אַרויסגעגאַנגען פון דער הנחה, אַז נאָר די רעליגיע האָט אונדז אויפגעהאַלטן ווי אַ נאַציע. ד"ר חיים זשיטלאָווסקי האָט אַקעגנגעשטעלט די טעזע, אַז רעליגיע איז נישט מער ווי אַן אויסדרוק פון ייִדישן נאַציאָנאַלן לעבן אין אַ באַשטימטער תּקופה.

נאָך גלות־בבל, ווען דער שיבת־ציון איז געווען אַ קלענער (צוויי און פערציק טויזנט נפשות) האָט מען זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז דאָס ייִדישע פאָלק קען נישט עקסיסטירן אויף אַ „נאָרמאַלן" וועג. די געפאַר פון אַסימילאַציע אין יהודה גופא איז נאָך גרעסער געווען ווי אין גלות־בבל, און

דעריבער זענען עזרא און נחמיה געקומען צום אויספיר פון עשה סייג לתו־רה, מאַכן אַ צוים, אַ שוצמויער קעגן אַסימילאַציע. די הלכה איז נישט גע־ווען קיין ציל פאַר זיך, נאָר אַ מיטל צום נאַציאָנאַלן ציל. דאָס איז נאָכן צווייטן חורבן געוואָרן נאָך קלאָרער. „זינט עס איז חרוב געוואָרן דאָס בית־המקדש פאַרמאָגט נישט הקדוש ברוך הוא מער ווי די ד' אמות פון הלכה״. דער תלמוד מיט די פוסקים, די פּרעציזירטע פאַרשריפטן אין שולחן־ערוך האָבן רעגולירט דאָס ייִדישע לעבן. ווי זאָגט אחד העם אין „על פרשת דרכים, לקוט קטן״: „און ווײַל די תורה איז געוואָרן אַלץ — איז אַלץ געוואָרן תורה״ און ער גייט צו מיט איראָניע: „און אַ מענטש פון פאָלק ישראל האָט נישט קיין קלאַפּ געגעבן מיט אַ פינגער, סײַדן ער זאָל געפינען דערויף אַ סמך אין שולחן־ערוך״.

דאָס קאָנצענטרירן זיך בלויז אויף דער קאָנאָניזירטער ייִדישקייט מיטן גרינגשעצן אַלע אַנדערע קולטור־שאַפונגען האָט געדראָט מיט ווערן אַ פּאַ־סיל, האָט זיך אויסגעווירקט נעגאַטיוו. ווײַטער עקסיסטירן ווי ביז איצט אין דער איינגעשרומפּענער רעליגיעזער קולטור איז געוואָרן אוממעגלעך.

אָבער דאָ איז אויפגעשווומען די פראַגע, וואָס האָט געהאַט אַזאַ טרויעריק פאַטאַלע פּראַקטיק. סתם עמאַנסיפּאַציע האָט געבראַכט מיט זיך אַסימילאַ־ציע אַפילו בײַם מזרח־איראָפּעיִשן ייִדנטום. דעריבער האָבן געמוזט אַנט־שטיין נײַע וועלטלעכע אינטערפּרעטאַציעס פון פּראָבלעם. אחד העם האָט אַלס פּאַליאַטיוו פאָרגעלייגט שאַפן אַ גײַסטיקן צענטער אין א״י. הערצל האָט אַלס אויסוועג געהאַלטן, אַז נאָר אַ ייִדישע מלוכה וועט פאַרטרעטן די אַמאָליקע ראָל פון דער רעליגיע. ער האָט געזאָגט אין „אידענשטאַאַט״: „צי וועלן מיר האָבן אַ טעאָקראַטיע? ניין! די אמונה האַלט אונדז צוזאַמען, אָבער די וויסנשאַפט מאַכט אונדז פרײַ. מיר וועלן דעריבער דעם טעאָקראַטישן איפּער פון אונדזערע כלי־קודש גאָר נישט לאָזן אויפקומען. זייער השפעה וועלן מיר באַשרענקען בלויז אויף די שולן און בתי־מדרשים. פּונקט אַזוי ווי מיר וועלן אונדזער אַרמיי האַלטן אין די קאַזאַרמעס. אַרמיי און קלער זאָלן באַקומען דעם כבוד, וועלכער קומט זיי לויט זייערע פונקציעס און פאַרדינסט, אָבער אין די ענינים פון עם שטאַט וועלן זיי זיך נישט טאָרן אַרײַנמישן, וואָרום זיי וואָלטן גורם געווען אויסערע און אינערע צרות״ (ז. 121 - 112).

שמעון דובנאָוו האָט געשטיצט זיך אויפֿן פֿאַקט, וואָס ייִדן זענען צוויי טויזנט יאָר שוין אַ קולטורפֿאָלק, אַ וועלטפֿאָלק און אײַנגעהאַלטן דעם נאַציאָנאַלן אײגנאַרט — לויט זײַן מיינונג — אַ דאַנק די אויטאָנאָמע קהילות אין דער לאַנגער רעליגיעזער תּקופֿה. ער לייגט דעריבער פֿאָר מאָדערניזירן די אַלט־אײַנגעפֿונדעוועטע אינסטיטוציע און שאַפֿן אַ מאָדערנע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע.

סײַ דער נאַציאָנאַליזם, סײַ דער סאָציאַליזם האָבן סעקולאַריזירט דאָס ייִדישע לעבן און דעם ייִדישן געדאַנק. די אָרטאָדאָקסיע איז, אמת, געבליבן אַ כּוח, אָבער זי איז נישט געווען שעפֿעריש. זי האָט מיט גרויס ענערגיע באַמיט זיך אָפּצוהאַלטן דעם גאַנג פֿון לעבן. די אָרטאָדאָקסיע האָט זיך לרוב אײַנגעשלאָסן אין די מיסטיש־חסידישע ראַמען. דאָס איז געשען, ווײַל די השׂכּלה און אירע נאָכפֿאָלגער האָבן נאָך פֿריִער צעשטערט דעם רעליגיעזן ראַציאָנאַליזם.

עס האָט זיך בײַ דער ייִדישער אינטעליגענץ באַוויזן אַ שטרעבונג אויפֿצולעבן טייל טראַדיציאָנעלע אײַנשטעלונגען. אין דער ליטעראַטור און קונסט איז אויפֿגעקומען דער עסטעטישער אינטערעס צום ייִדישן מאמין, אַזאַ מאמין, וואָס די דאָזיקע אינטעליגענץ האָט נישט געפֿונען אין אירע קרײַזן, באַהערשט דורך די זוכנדיקע און קריטישע פֿילאָסאָפֿיעס. אַ ריי דענקער האָבן פּרובירט ווערן די אויסטײַטשער פֿון חסידות פֿאַר דער אַפּיקורסישער וועלט, פֿאַרשטענדלעכער מאַכן חסידות פֿאַרן נישט־פֿרומען. מאַרטין בובער און הלל צייטלין האָבן דערבײַ זיך באַנוצט מיטן פּאַנפּסיכיזם פֿון פֿריִען חסידות. פֿישל שניאורסאָן האָט געהאַלטן פֿון רעליגיעזער פּסיכאָטעראַפּיע. דער בעל־תּשובֿה נתן בירנבוים, יעקב ראָזענהיים, יצחק ברויער א״א האָבן געפּריידיקט צו רעסטאַורירן ייִדישקייט אין טראַדיציאָנעלן גײַסט. אָסקאַר גאָלדבערג האָט געהייסן זיך אומקערן צו די אוראַלטע פֿאָרמען. די ליבעראַלע רעפֿאָרמער האָבן געוואָלט אַרויסנעמען דעם אוניווערסאַליזם און עטיק פֿון ייִדנטום.

משה הירשקאָפּ וויל פֿאַרבינדן גלויבן מיט מאָדערנער נאַטור־וויסנשאַפֿט. אויך צווישן די סאָציאַליסטן באַקומט דער רעליגיעזער געדאַנק אָנהענגער. ברוך סטאָלפּנער, דער „ייִדישער סאָקראַטעס”, וויל פֿאַרבינדן מאַרקסיזם מיט אמונה. אהרן דוד גאָרדאָן פּריידיקט אַ רעליגיע פֿון אַרבעט

און „חידוש האדם". אַבא גאָרדין — אַן אינדיווידואַליסטישן קאָלעקטיוויזם. אַפילו ד"ר חיים זשיטלאָווסקי האָלט, אַז מען דאַרף דער רעליגיעזקייט אָפּ־געבן אַ בכבודיקן פּלאַץ.

אָבער אַלע רעליגיעזע דענקער האָבן — אין די ראַמען פון זייערע פילאָסאָפיעס — נישט געפונען קיין ענטפער אויף די נאַציאָנאַלע נויטן. טייל פון זיי האָבן אין דער פּראַקטיק זיך פאַרבונדן מיט די נישט־רעליגיע־זע ביים לייזן די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. דעם טעאָרעטישן און פּראַקטישן ענטפער אויף די נאַציאָנאַלע נויטן און פּראָבלעמען האָט געגעבן דער וועלטלעכער סעקטאָר.

ה. נייע קאָנצעפּציעס פון נאַציאָנאַלן קיום

עס זענען געווען צוויי באַשיידן: אַ ציוניסטיש־טעריטאָריאַליסטישער און אַ נישט־טעריטאָריאַליסטישער.

דער ציוניסטישער געדאַנק, די בענקשאַפט צו שיבת־ציון, איז געווען אין משך פון דורות, זינט דעם חורבן, אַ וויכטיקער פאַקטאָר ביים איינ־האַלטן און פלעגן דאָס נאַציאָנאַלע געפיל. נאָר אָפט האָט עס נישט געהאַט צו טאָן מיט פּראַקטישע, אָדער אילוזאָרישע, אויסזיכטן צוריק צו באַזעצן א"י. עס איז מער געווען אַן אידעע, צו וועלכער מען האָט געשטרעבט און געהאָפט, אָבער ווייניק געטראַכט צו רעאַליזירן זי און נאָך ווייניקער עפּעס צו טאָן. ערשט די נייסטע צייט האָט אַקטועל געמאַכט די פראַגע. דער ביישפּיל פון די אויפקומענדיקע נאַציעס, די צעברעקלונג פון די גרויסע אימפּעריעס, דער וווקס פון נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם — האָבן געבראַכט מיט זיך אַ ריי נייע פּראָבלעמען. עס איז, אויפן ביישפּיל פון אַנדערע, אויפ־געקומען די פראַגע וועגן שאַפן אַ יידישע מלוכה און גלייכצייטיק איז אויפ־געקומען די פראַגע וועגן אַרט פון קליינע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן צווישן די מערהייט־נאַציאָנאַליטעטן.

פּראַקטיש האָט זיך די פראַגע געשטעלט אין די עמיגראַציע־יאָרן. אויב מען מוז שוין פאַרלאָזן די אַלט־איינגעזעסענע היים, טאָ פאַרן אפשר קיין ארץ־ישראל?

וואָלט א״י געווען אויפנאַם־פעיִק וואָלט דער אויסוואַל געווען אַ פשוט־טער. אָבער דאָס הייליקע לאַנד איז נאָך אַלץ געווען אַ לאַנד פון חלוקה־און צדקה־געלטער, אָפּגעשטאַנען, אַן נאַטירלעכע רײַכטימער. דעריבער האָט אויך דער לאַגער פון די, וועלכע האָבן געזען דעם אויסוועג פון דער לאַגע אין שאַפן אַן אייגענעם טעריטאָריעלן צענטער, געצווייפלט אין די פּראַק־טישע מעגלעכקייטן באַלד צו פאַרווירקלעכן דעם געדאַנק פון אַן אייגענער מלוכה אין א״י. צווישן די שעפער פון ציון־געדאַנק און פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג איז געווען פּאָפּולער דאָס אָננעמען אַרגענטינע, על־אַריש־געגנט, ציפערן, אוגאַנדע, אַנגאָלע א״א אַלס צײַטווײַליקן מקום־מנוחה צוצוגרייטן די קאָלאָניזאַציע פון א״י.

פון דעם קעגנזאַץ צווישן ווילן פון אַ מלוכה און דער אוממעגלעכקייט צו רעאַליזירן דעם ווילן זענען אַנטשטאַנען אַ ריי נוסחאות אין ציוניזם גופא.

די קאָנצעפּציע פון ציוניזם־טעריטאָריאַליזם איז געווען באַזירט אויף דער הנחה, אַז אַנטיסעמיטיזם קען נישט באַזײַטיקט ווערן אַזוי לאַנג, ווי יידן לעבן אויסגעמישט מיט אַנדערע פעלקער אין גלות. אַ צווייטע הנחה איז געווען, אַז די לאַגע אין גלות האָט געבראַכט דערצו, אַז ביי ייִדן זאָל זיך אַנטוויקלען אַן אומנאָרמאַלע סאָציאַלע גלידערונג, אַן איינזײַטיק סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור. דער הויפּט־פּאָסטולאַט איז געווען צו שאַפן אַ יידישע מלוכה, פירן אַליין אַ פּאָליטיק איבערן אייגענעם גורל און טע־ריטאָריע. דער גלות איז מיאוס, מען לעבט אין אומכּבֿוד און ער האָט סימנים פון צעפאַלונג. מען דאַרף שטרעבן צו זײַן ככל הגויים, ווי אַלע פעלקער.

דערפון זענען געדרונגען פיר הויפּטלייזונגען, וואָס מען קען דער־גרײַכן מיטן שאַפן אַ יידישע מדינה: 1. קיבוץ־גליות, ד״ה צוזאַמענ־נעמען די יידן פון גאַר דער וועלט אין א״י. 2. די יידישע סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור וועט נאָרמאַליזירט ווערן. די יידן וועלן זיך פאַר־נעמען מיט אַלע אַרבעטן, מיט פּראָדוקטיווער שאַפונג (אַן אָפּקלאַנג פון דער לערע פון די פיזיאָקראַטן, אַז ערדאַרבעט איז דער יסוד). 3. מיטן אויפקום פון אַ יידיש לאַנד וועט אין דער וועלט אָפּגעשוואַכט ווערן, אָדער עס וועט פאַרשווינדן לגמרי, דער יידנהאַס, דער אַנטיסעמיטיזם. עס וועלן אויפהערן יידן־גזירות, ווײַל עס וועט זײַן ווער עס זאָל שיצן די יידן אין

גלות. 4. עס וועט פאַרשווינדן דאָס געפיל פון אינפעריאָריטעט און דער־מיט וועט אַסימילאַציע בטל ווערן.

אין ציוניזם זענען תמיד געווען קענטיק צוויי שטרעמונגען, אַנדערע לויט זייער אָפּשטאַמונג און סאָציאַל־קולטורעלן הינטערגרונט. צו איינער האָבן געהערט די „בעלי־תשובה", די יעניקע אינטעליגענטן־אַסימילאַטאָרן, וועלכע האָבן זיך ביטער אַנטוישט און געוואָרפן דעם לאָזונג „אַ היים און אַהיים!". צו זיי האָבן געהערט דער דײַטשער סאָציאַליסט משה העס, דער טרוימער לעאָן פינסקער, וועלכער האָט אין זײַן „אויטאָ־עמאַנסיפּאַציע" געבראַכט צום אויסדרוק זײַן אַנטוישונג און זײַן נײַ דערוואָרבענע האָפע־נונג; דער באַגאַבטער שרײַבער מאַקס נאָרדוי, נתן בירנבוים א"א. אָבער די גרעסטע און קאָלירפולסטע געשטאַלט פון די בעלי־תשובה איז געווען ד"ר טעאָדאָר הערצל, וועלכער האָט נאָך זײַן אַנטוישונג אין דער עמאַנסי־פּאַציע און אַסימילאַציע בעתן דרײַפוס־פּראָצעס — זיך נישט אָוועקגעזעצט קלאָגן, נאָר געוואָרן זייער אַקטיוו אין נאַציאָנאַלן לעבן, געזוכט זוכן אַ לייזונג. אין „אידענשטאַאַט" ז. 36 לייענען מיר: „בחינם זענען מיר געטרײַע, אָפט אַפילו צו געטרײַע פּאַטריאָטן. אין אונדזערע פּאַטערלענדער, ווו מיר וווינען אַ סך יאָרהונדערטער, האַלט מען אונדז פאַר פרעמדע".

די צווייטע שטרעמונג איז געווען די נאַציאָנאַל־פאָלקסטימלעכע פאַר וועמען די בענקשאַפט צו ציון איז געווען מער אַ דרערציערישער און טרייסטנדיקער פאַקטאָר, ווי אַ פּאָליטיש־עקאָנאָמישע פאַרווירקלעכונג. צו דער ריכטונג האָבן געהערט כמעט אַלע רוסישע און פּוילישע ציוניסטן, אַרויסגעוואָקסן פון דער טיפקייט פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן.

פון זייערע רייען איז געבוירן געוואָרן די חובבי־ציון־באַוועגונג און דער „בילו". אין יאָר 1882 האָט אַ גרופּע ייִדישע אינטעליגענץ, דערשי־טערט פון די רוסישע פּאָגראָמען און גזירות, געגרינדעט אַ פאַרבאַנד „בילו" (בית יעקב לכו ונלכה). די „בילוצעס" זענען אַוועק קיין א"י און געשאַפן די ערשטע ייִדישע קאָלאָניעס ראשון־לציון א"א. דאָס איז געווען אַ שריט פון אַ גרויסער באַטײַטונג צו יענער צײַט. צו דער זעלבער צײַט האָבן רומענישע עמיגראַנטן געשאַפן זכרון־יעקב און ראש־פּנה. באַלד נאָך זיי אַנטשטייען פּתח־תקוה, יסוד־המעלה, עקרון, גדרה א"א.

אין אַדעס שאַפט זיך דער צענטער פון די „חובבי־ציון" און אין 1884

האָבן זיי אָפּגעהאַלטן אין קאַטאָוויץ אַ צוזאַמענפאָר (אפילו „לאָיאַלע" ציוי־ניסטן האָבן אין רוסלאַנד נישט געקענט פריַי אָפּהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג). זיי קומען זיך צונויף פון ציַיט צו ציַיט און אין 1890 ווערט געגרינדעט דער א"ג „אָדעסער קאָמיטעט", וואָס וויל שטיצן די קאָלאָניזאַציע, אָבער די רוסישע ייִדן זענען צו אָרעם. די שטיצע קומט פון באַראָן עדמאָנד ראָטשילד, וועלכער האָט אָנשטאָט ערדאַרבעט פאַרגעלייגט איַינפירן וויַינ־צוכט.

אין שפּיץ פון „אָדעסער קאָמיטעט" שטייען ל. פינסקער, מ. ל. ליליענ־בלום, אחד העם, שפּעטער מ. מ. אוסישקין. מיט זייער הילף ווערן געגרינ־דעט די וויַיטערדיקע קאָלאָניעס רחובות, חדרה, משמר הירדן, מתולה. אין 1900 זענען שוין געווען אַכציק ייִדישע קאָלאָניעס מיט פינף טויזנט מאַן, און אין די שטעט האָבן געוווינט פופציק — זעכציק טויזנט ייִדן. דעם קאָמיטעט האָבן פאַרמאַכט די באָלשעוויקעס אין 1917.

דער באַטיַיט פון דער קאָלאָניזאַציע איז געווען וואָס זי האָט געוויזן אַ מעגלעכקייט — ביַי אַן אָנשטרענגונג און הילף פון וועלט־ייִדנטום — אויפצובויען דאָס לאַנד. דער באַטיַיט פון די חובבי־ציון איז געווען, וואָס זיי האָבן די ציון־פילנדיקע אָרגאַניזירט צו קאָנקרעטער אַרבעט. אַ סך האָט זיי מיטגעהאָלפן די העברעיִשע פרעסע, ווי אויך די ייִדישע. אין העברעיִש איז דערשינען דער „המליץ" און די „הצפירה" וועמענס רעדאַקטאָר נאָך חיים זעליג סלאָנימסקי עס איז געוואָרן נחום סאָקאָלאָוו. עס איז געווען צו־געגרייט אַן אַרמיי. עס האָט זיך נאָר געדאַרפט באַוויַיזן דער גענעראַל, וועלכער וועט זיי פירן אין צוגעזאָגטן לאַנד. מען האָט געחלומט, געהאָפט, אָבער נישט געוווּסט ווי אַזוי צו רעאַליזירן די חלומות.

אַזאַ אַרמיי־פירער איז געווען דער ווינער טאַלאַנטפולער שריַיבער ד"ר טעאָדאָר הערצל, דער באַגרינדער און שעפער פון פאָליטישן ציוניזם.

טעאָדאָר הערצל (1860 - 1904) איז געקומען פון אַן אַסימילירטער היים אין בודאַפּעשט. אַ ריי נעגאַטיווע דערשיַינונגען (בלוט־בלבולים, נישט צולאָזן ייִדן צו אַמטן, דריַיפוס־פּראָצעס) האָבן אים געבראַכט צום נאַציאָ־נאַלן געדאַנק. ער האָט געטראַכט אין מאָדערנע פּאָליטישע טערמינען, גע־וואָלט דערגריַיכן אַן אייגענע מלוכה נישט דורך קליין־קאָלאָניזאַציע, נאָר דורך אַ גרויסצוגיקער דיפּלאָמאַטיע באַקומען די רעכט און מעגלעכקייטן

פאַר אַ טעריטאָריע בײַ די גרויסמאַכטן. ערשט דערנאָך וועט קענען קומען די מאַסן־קאָלאָניזאַציע.

הערצל האָט אין 1895 אָנגעשריבן זײַן „דער יודענשטאַאַט". ער איז געקומען צום ציוניסטישן געדאַנק אַליין, נישט קענענדיק די ווערק פון משה העס („רוים און ירושלים") און לעאָן פינסקער („אויטאָ־עמאַנסיפּאַ־ציע"). שוין דער טיטל פון הערצלס בוך ווײַזט אָן זײַן גאַנג. ער האָט צום טיטל צוגעגעבן אַן אונטערקעפּל: אַ מאָדערנע לייזונג פון דער ייִדנפראַגע.

אין בוך ווײַזט ער אָן אויף דער שווערער סיטואַציע פון די ייִדן, אויפן אַנטיסעמיטיזם און פאָרשלאָגנדיק די ייִדן צו באַזעצן אין א"י באַמערקט ער, אַז נאָר אַ מלוכה־אידעע איז בכּוח אַריבערצופירן אַ פאָלק פון איין וווינפּלאַץ אויפן אַנדערן. דערבײַ האַלט ער קודם־כּל פון פּאָליטישער טע־טיקייט, וואָס בײַ אים האָט עס זיך אויסגעדריקט אין דיפּלאָמאַטישער טע־טיקייט צו באַקומען אַ „טשאַרטער".

דאָס בוך איז אַ געמיש פון קאָנסערוואַטיווע און ליבעראַלע אײַנשטע־לונגען. הערצל איז אַן אָנהענגער פון אַ דעמאָקראַטישער מאָנאַרכיע, אָדער פון אַן אַריסטאָקראַטישער רעפּובליק, אָבער גלײַכצײַטיק שלאָגט ער פאָר דעם זיבנשעהדיקן אַרבעטסטאָג און אַנדערע סאָציאַלע רעפאָרמען. אין דער שפּראַכנפראַגע האַלט ער נאָך דאַמאָלס פון „שפּראַכן־פעדעראַליזם". בכלל איז ער אַן אָנהענגער פון דער טעאָריע פון דער „נויטווענדיקייט, וואָס שטיצט זיך אויפן שכל". אין בוך זענען אויסגערעכנט אַ ריי פּראַקטישע פאָרשלאָגן וועגן דער ייִדישער מלוכה און איר אָרדענונג.

הערצלס פּלאַן האָט אויסגעזען פאַר יענער צײַט אוטאָפּיש, אָבער ער האָט פאַרכאַפּט די מוחות און הערצער פון די חובבי־ציון מיט דער גראַנ־דיעזקייט, מיטן אַוועקשטעלן דאָס פּראָבלעם פון אויסלייזונג נאָך אין איי־גענעם דור.

הערצל אַליין האָט נישט באַטראַכט זײַן פּלאַן פאַר אוטאָפּיש. אין זײַן ראָמאַן „אַלטנײַלאַנד" (דערשינען אין 1902) שילדערט ער די ייִדישע מלוכה מיט גענויע פּראַקטישע איינצלהייטן, ווי דאָס פאַרפּלאַנצן אייקאַליפּ־טוס־ביימער, ווי דער פּראָיעקט פון קאַנאַל צווישן מיטללענדישן ים און דעם ים־המלח. ער רעכנט דערבײַ אויס גאַנץ פּינקטלעך — לויט דער טעכ־נישער וויסנשאַפט פון יענער צײַט — וויפל עלעקטרישע קראַפט מען קען

באַקומען. ער פֿאַרגלײַכט עס מיטן ניאַגאַראַ־וואַסערפֿאַל, וואָס זײַנע וואַ־סערן פֿאַלן פֿון אַ זיבן מאָל קלענערער הויך. ער פֿאַרגעסט נישט צוצוגעבן דעם סכום וואַסער, וואָס ניאַגאַראַ האָט און וואָס אַזאַ קאַנאַל קען געבן. די דאָזיקע פּרטים — ביי יעדער באַשרײַבונג — ווײַזט, אַז דער מאָטאָ וואָס ער האָט געגעבן צום דאָזיקן ראָמאַן איז נישט געווען קיין צופֿעליקער — „ווילט איר, וועט דאָס נישט זײַן קיין לעגענדע".

הערצל האָט געלערנט פֿון אייראָפּעיִשן נאַציאָנאַליזם. ער האָט גע־האַלטן, אַז פֿאַר יִדן דאַרפֿן גילטן די זעלבע נאָרמען וואָס פֿאַר אַנדערע פֿעלקער. די יִדנבנויט קען געלייזט ווערן נאָר אין אַן אייגענער מלוכה. ער האָט פֿעסטגעשטעלט: „די יִדנפֿראַגע איז פֿאַר מיר נישט קיין סאָציאַלע, נישט קיין רעליגיעזע, כאָטש זי פֿאַרמאָגט סײַ איינע, סײַ די אַנדערע באַ־פֿאַרבונג. דאָס איז אַ נאַציאָנאַלע פֿראַגע" („דער אידענשטאַאַט", ז. 36).

אים צו הילף איז געקומען מאַקס נאָרדוי (1849 - 1929). זיי האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם אין די קרײַזן פֿון די חובבי־ציון, און הגם די לעצטע האָבן זיך שטאַרק אונטערשיידט אין באַנעם, צוגאַנג און סטיל פֿון די פּאָליטישע ציוניסטן האָבן זיי זיך איינע די אַנדערע נישט אויסגעשלאָסן. עס זענען געווען צוויי שטראָמען, וואָס זענען געפֿלאָסן אין זעלביקן ים אַרײַן.

אַ נישט־באַטײַטנדיקער ריס, אָבער פֿאַר הערצלען פּערזענלעך זייער טראַגיש, איז געווען דאָס פּראָבלעם פֿון אַ יִדישער קאָלאָניזאַציע אין אוגאַנדע. די ענגלישע אימפּעריע האָט געשטיצט די יִדישע שטרעבונג צו אַ נאַציאָנאַלער היים אין א"י, ווײַל זי האָט געוואָלט זיך פֿאַרזיכערן דעם וועג קיין אינדיע. לאָורענס אָליפֿאַנט (1829 - 1888), אַן ענגלענדער, איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פֿון ציון און שטאַרק געוואָלט קאָלאָניזירן די געגנט אַרום ים־המלח. אין דעם איז געווען נישט בלויז דער שליסל צום וועג קיין אינדיע, נאָר אויך די רײַכקייטן פֿון דעם „טויטן" ים האָבן געלאָקט.

ווען טערקײַ האָט געמאַכט גרויסע שוועריקייטן האָט ענגלאַנד פֿאַר־געשלאָגן צו קאָלאָניזירן אוגאַנדע, צו שאַפֿן אַ ווײַסן שטיצפּונקט אין ים פֿון שוואַרצע פֿעלקער. דער אומגעדולדיקער הערצל האָט דעם פּראָיעקט פֿון „ציוניזם אָן ציון" אונטערגעשטיצט. פֿאַר די נאַציאָנאַל־פֿאָלקסטימלעכע

ציוניסטן פון אוסישקינס חדר איז ציוניזם, ווי אַ באַוועגער פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס געווען וויכטיקער ווי די פּראַקטישע רעאַליזאַציע פון באַזעצן אַ קליינעם טייל פון פאָלק אויף אַ פרעמדער טעריטאָריע.

הערצל האָט געהאַט צו קעמפן נישט בלויז מיט די רוסישע ציוניסטן. אויך די אַלטע אַסימילאַטאָרישע דענאַציאָנאַליזאַציע־כּוחות זענען קעגן אים אַרויסגעטרעטן. דער געלערנטער ראַבינער מ. גידעמאַן פון בודאַפּעשט, און דער הויפּט־ראַבינער פון ענגלישן יידנטום נ. אַדלער, זענען שאַרף קעגן אים אַרויסגעטרעטן. ווען הערצל רופט דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס קיין מינכען, שטערן אים די אָרטיקע ראַבינער און הערצל מוז איבערטראָגן דעם קאָנגרעס קיין באַזעל (1897).

אויפן קאָנגרעס איז הערצלען, דעם אומדערמידלעכן אָרגאַניזאַטאָר, געלונגען צו פאַראייניקן די פאַרשידענע ציוניסטישע גרופּן, וואָס יעדערע פון זיי האָט זיך געהאַט איר אייגענעם נוסח און גאַנג. דאָס פאַראייניקן אַלע ציון־שטרעבנדיקע אין איין אָרגאַניזאַציע, שאַפן דעם נאַציאָנאַל־פאָנד, די נאַציאָנאַל־באַנק אד״גל איז געווען דער צווייטער גרויסער אויפטו פון הערצלען נאָכן פאָרמולירן דעם פּאָליטישן ציוניזם. אַזאַ פאַראייניקטע אָרגאַניזאַציע האָט צוגעצויגן סתם־יידן, וועלכע האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט אהבת־ציון אין זייערע געדאַנקען. דער ענטוזיאַזם איז געווען גרויס.

איין גרויסער ציוניסט איז נישט געווען באַגייסטערט פון הערצלס פּאָליטישן ציוניזם. דאָס איז געווען אשר גינצבורג — אחד העם (1856 - 1927), אַ רוסישער ציוניסט פון די חובבי־ציון־קרייזן, וועלכער האָט געהאַט זיין אייגענעם וועג.

זיינע פאָרגייער זענען געווען משה העס און פּרץ סמאָלענסקין. סמאָלענסקין (1840 - 1885) האָט געהאַלטן, אַז יידן זענען אַן עם־הרוח (זיין בוך „עם עולם״, אייביק פאָלק) אין קעגנזאַץ צו אַנדערע פעלקער, וואָס זענען עמי־המעשה „פעלקער פון טאַט״. די גייסטיקייט האָט, לויט אים, אויפגעהאַלטן די יידן אַלס פאָלק אין די שווערע געשיכטלעכע אומוואַנדלונגען. צוליב דער אומשטערבלעכקייט פון גייסט זענען יידן געבליבן אַ נאַציע אַפילו אָן די אויסערלעכע תּנאים־סימנים, וואָס עס דאַרפן אַנדערע פעלקער.

אחד העם האָט אויך געשטעלט דעם טראָפּ אויף גייסטיקייט און ווי

העס געהאַלטן א״י פאַרן קומענדיקן גייסטיקן צענטער. חיבת־ציון איז אַ מיטל אויפצולעבן דעם רענעסאַנס, צו המשך פון פאָלק.

פאַר אחד העם איז ציוניזם אַ סך ברייטערער נאַציאָנאַלער פאַקטאָר ווי דער פּאָליטישער ציוניזם און זיין טעריטאָריאַליזם. דאָס באַזעצן א״י האָט נישט קיין פּראַקטיש־פּאָליטישן ציל נאָר אַ מאָראַלישן און גייסטיקן. אחד העם האָט באַאיינפלוסט די רוסישע ציוניסטישע באַוועגונג און אַפילו — אומדירעקט — הערצלען, וועלכער האָט זיך באַפרייט פון זיינע נעגאַטיווע גורמים פון נאַציאָנאַליזם און געשאַפן פאַרן ציוניזם אַ ברייטערן האָריזאָנט. הערצל האָט געזאָגט: „ציוניזם דאָס איז דער אומקער צום ייִדנטום, וואָס דאַרף קומען פאַרן אומקער אין דער ייִדישער מלוכה אַריין״.

אחד העם האָט אין 1889, ביים אָנהייב פון דער קאָלאָניזאַציע, אין זיין בוך „לא זו הדרך״ געזאָגט, אַז עס איז ווייניק קאָלאָניזאַציע, נאָר מען דאַרף נאַציאָנאַלן זעלבסט־באַוווסטזיין ביים גאַנצן פאָלק.

אַנדערש ווי הערצל האָט אחד העם געזען די ראָל פון ארץ־ישראל. הערצל האָט געזען א״י ווי „באַשאַפן אַ רעכטלעך געזיכערטע היים פאַר די, וועלכע ווילן נישט, אָדער קענען נישט, זיך אַסימילירן״. אחד העם זעט אין ציוניזם די באַנייונג פון גאַנצן פאָלק, נישט דווקא אין ציון, ווי דורך ציון.

ער שלאָגט פאָר צו שאַפן אין א״י אַ גייסטיקן צענטער. ער האָט געזען, אַז אַן אייגענע מלוכה וועט נישט צוזאַמענזאַמלען אַלע ייִדן. „אויב ייִדישע מלוכה און ׳אויס גלות׳ איז נישט איינס און דאָס זעלביקע, אויב די גאַנצע זאַך באַשטייט נאָר אין איינאָרדענען אַ קליינעם טייל פון פאָלק אין א״י — איז מיט וואָס פאַר אַן אופן וועט דאָס דער ציוניזם באַזייטיקן דעם מאַטעריעלן אומגליק פון ייִדנטום?״.

וואָס שייך דעם מאָראַלישן אומגליק — מיינט אחד העם — אַז אין מערב־אייראָפּע ליידן די אַסימילירטע ייִדן מחמת זייער ליבע ווערט צוריקגעשטויסן. דערקעגן אין מזרח־אייראָפּע איז פאַראַן אַ געפאַר, וואָס די אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור איז אונטערגעוואָרפן צענדליקער פרעמדע קולטורן, אָפּהענגיק פון דער צאָל גלות־לענדער, און דאָס פאָלק פאַרלירט זיין אייגענעם פרצוף און ווערט פיל־פּנימדיק. אין מערב איז דאָס אומגליק פון די ייִדן (צרת היהודים) און אין מזרח — אומגליק פון ייִדישקייט (צרת

היהדות). פון ערשטן קען מען זיך ראַטעווען דורך אַן אייגענער מלוכה. פון צווייטן — דורך שאַפן אַ גײַסטיקן קולטור־צענטער אין א״י.

אחד העמס צוגאַנג האָט אָפּגעשפּילט אַ גרויסע פּאָזיטיווע ראָל אין ציוניזם. ווען די גרויסע צאָל שארית־הפּליטה אין 1947 ־ 1948 איז געקו־מען אין דער נײַ־אַנטשטאַנענער מדינה האָט זי אָנגעטראָפן אויף אַן אויס־געפורעמט נאַציאָנאַל לעבן און שנעל זיך געקענט אַקלימאַטיזירן צוליבן הויכן קולטור־ניוואָ פון א״י. נאָך מער באַטײַטונג האָט אחד העמס צו־גאַנג געהאַט אויפן פּעריאָד ווען די אומגעלונגענע דיפּלאָמאַטישע און קאָ־לאָניזאַטאָרישע דורכפאַלן האָבן נישט דערפירט צו אַנטוישונג. אחד העם האָט פאַרטיפערט דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזײַן, אָנגעוויזן, אַז אויפלעבן אַ נאַציע איז נישט קיין צופעליקער אַקט, נאָר אַ לאַנגדויערנדיקער פּראָצעס.

סײַ דער גײַסטיקער, סײַ דער פּאָליטישער ציוניזם, האָבן געהאַט אַלס יסוד־געדאַנק, אַז גלות־ייִדנטום קען זיך ווײַטער נישט אַנטוויקלען ווי אַן אײנהייטלעכע נאַציע.

דער פּאָליטישער ציוניזם האָט פאַרמשפּט אַלע גלות־ייִדן אויף דענאַ־ציאָנאַליזאַציע, און דער גײַסטיקער ציוניזם האָט אָפּהענגיק געמאַכט די אַנטוויקלונג פון ייִדנטום פון דער אויסווירקונג פון דעם אויסגעקליבענעם טייל, פון די, וואָס שאַפן אין א״י.

פון דער צווייטער עליה אָן איז קיין א״י געקומען אַ סאָציאַליסטיש גע־שטימטער עלעמענט, וואָס האָט געגעבן אַ גאָר נײַעם כאַראַקטער סײַ דעם אויפבוי פון לאַנד (קאָמונעס, קיבוצים, קאָאָפּעראַציע א״א), סײַ דעם ציו־ניסטישן אײַנפלוס אויף דער אַרבעטערשאַפט.

אין רוסלאַנד זענען אַנטשטאַנען זעלבשטענדיקע ציוניסטיש־סאָציאַליס־טישע פּאַרטייען. אַ טייל איז געווען טעריטאָריאַליסטיש געשטימט, אַנדערע ציוניסטיש. די ס.ס. (ציוניסטן־סאָציאַליסטן) זענען געווען מער טעריטאָ־ריאַליסטן ווי ציוניסטן. די „וואָזראָזשדעניע״, וואָס איז געווען מער פאַר נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע איז אויך אַריבער אין טעריטאָריאַליסטישן לאַ־גער. די סיימיסטן מיט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָבן זיך געוואַקלט צווישן אויטאָנאָמיע און טעריטאָריאַליזם.

אַם בולטסטן ציוניסטיש זענען געווען די פּועלי־ציון, געגרינדעט אין עסטרײַך (1903), אַמעריקע (1904), רוסלאַנד (1906), ענגלאַנד און א״י

(1906). אין 1907 איז געגרינדעט געוואָרן דער וועלטפֿאַרבאַנד אויף דער קאָנפֿערענץ אין האַאַג. שוין דאַמאָלס האָבן זיך געצייכנט צוויי ריכטונגען: אַ מאַרקסיסטישער מיט באָראָכאָוון און אַ מער נאַציאָנאַל־ציוניסטישער. אין דער צײַט פֿון דער שפּאַלטונגס־טאַקטיק פֿון קאָמינטערן (1920) האָט אויך די פּועלי־ציון געליטן און זיך געטיילט אויף רעכטע און לינקע פּאַרטייען.

בער באָראָכאָוו, אַן אָרטאָדאָקסאַלער מאַרקסיסט, האָט פּרובירט מאַכן אַ סימביאָז פֿון ציוניזם מיטן מאַרקסיזם. ער האָט אויך פּרובירט אויף אַ מאַרקסיסטישן אופֿן באַגרינדן דעם ציוניזם און אַרײַנפּרעסן די נאַציאָנאַלע פֿראַגע אין קאָסמאָפּאָליטישן מאַרקסיזם.

אין דער בראָשור „קלאַסן־אינטערעסן און די נאַציאָנאַלע פֿראַגע" פֿאָרמולירט באָראָכאָוו אַזוי דעם ציוניזם־טעריטאָריאַליזם: „די טעריטאָריע איז די גרונטפֿאָרם פֿונעם נאַציאָנאַלן פֿאַרמעגן. זי איז דער נאָרמאַלער פּאָזיטיווער יסוד פֿאַר אַן אייגנאַרטיק נאַציאָנאַל לעבן" (ציטירט לויט דער מינכענער אויסגאַבע 1947, ז. 27).

באָראָכאָוו זעט פֿאַרשידענע נאַציאָנאַליזמען לויט די קלאַסן־אינטערעסן. וואָס שייך דעם אַרבעטער־קלאַס זעט ער אין זײַן נאַציאָנאַליזם דעם ווילן צו שיצן זײַן אַרבעטספּלאַץ און קאַמפּספּלאַץ. זײַן „רעאַלער נאַציאָנאַליזם" איז קעגן קאָנסערווירן די טראַדיציע, קעגן „נאַציאָנאַלער אחדות", וואָס פֿאַרטונקלט דעם קלאַסן־באַוווסטזײַן. ער קריטיקירט — און מיט רעכט — דעם „בונד" פֿאַרן אָוועקגיין פֿון מאַרקסיזם אין דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. ער איז געווען אונטערן אײַנפֿלוס פֿון די קאָסמאָפּאָליטישע האָפֿענונגען פֿון יענער צײַט און ער פֿאַרענדיקט זײַן בראָשור מיט די ווערטער: „פֿאַר אונדז איז די נאַציאָנאַלע פֿראַגע אַן אויפֿגאַבע פֿונעם הײַנטיקן טאָג; און וואָס וועט זײַן אין הונדערטער יאָרן אַרום, צי וועלן די נאַציעס בלײַבן עקסיסטירן, אָדער זיי וועלן זיך צונויפֿגיסן אײנע מיט די אַנדערע — דאָס קענען מיר פֿאָרויס נישט וויסן און מיר זענען צום דאָזיקן ענין לחלוטין גלײַכגילטיק" (ז. 71).

דער ציוניזם איז געווען זייער פֿאַרשידנאַרטיק. דער ציון־געדאַנק האָט אַרומגענומען אַלע שיכטן פֿון פֿאָלק און יעדע שיכט האָט זיך אויסגעאַרבעט איר נוסח און טײַטש פֿון שיבת־ציון־געדאַנק.

דער פֿאַרדינסט פֿון הערצלען איז געווען דאָס אַרויפֿשטעלן דעם פּלאַן

פֿון אַ ייִדישער מלוכה אויף דער טאָג־אָרדענונג און דאָס פּאַראַיינִיקן אַלע ציוניסטישע כּוחות אין איין אָרגאַניזאַציע. דער פֿאַרדינסט פֿון אחד העם איז געווען דאָס פֿאַרבינדן דעם ציוניזם מיטן רענעסאַנס נישט בלויז פּאָליטיש־עקאָנאָמישן, נאָר אויך קולטורעל־אידעיִשן. די סאָציאַליסטן־ציוניסטן האָבן צוגעגעבן אַ מער סאָציאַל־ראַדיקאַלן כאַראַקטער דער באַוועגונג, הגם דער רובֿ ציוניסטישע אָנהענגער האָבן געהערט צו די בירגערלעכע שיכטן.

הערצל און נאָרדוי האָבן געשטעלט אַן אַלטערנאַטיוו: אַסימילאַציע אָדער פֿאַרלאָזן דעם גלות. נאָרדוי האָט זיך אויסגעדריקט: דאָס ייִדנטום וועט זײַן ציוניסטיש אָדער עס וועט בכלל נישט זײַן. און מיט פּאַטאָס האָט ער אויסגעשריִען וועגן גלות: „עקל צו די פּחדנים, וועלכע קלאַמערן זיך אין לעבן, וואָס איז אָן כּבֿוד, אָן אידעאַל".

קעגן דער „שלילות הגלות" איז אַרויסגעטרעטן דער היסטאָריקער פּראָפֿעסאָר ש. דובנאָוו. ער האָט געהאַלטן, אַז נאָרדויס ווערטער זענען קעגן דער צוויי טויזנט יעריקער דערפֿאַרונג. לויט נאָרדוין — זאָגט דובנאָוו — דאַרפֿן די ייִדן זיך לערנען הלכות מאָראַל און גײַסטיקייט פֿון די פּאָליטישע נאַציעס, פֿון דעם צאַרישן רוסלאַנד, פֿון קייזערלעכן דײַטשלאַנד. דאָס איז קעגן דער ייִדישער געשיכטע, וואָס ברענגט גאָר אַנדערע פֿאַקטן. דובנאָוו האָט אַרויסגעפֿירט אַ נײַעם באַגריף „גלות־נאַציאָנאַליזם", וואָס שטיצט זיך אויף דער רעאַלער קעגנוואַרט. דאָס האָט ער פֿאַרבונדן מיט זײַן טעאָריע וועגן דער ראָל פֿון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. אויטאָנאָמיזם האָט במשך פֿון טויזנטער יאָרן רעגולירט דאָס לעבן פֿון די ייִדן.

דובנאָוו האַלט, אַז די ייִדישע נאַציאָנאַליטעט איז אַ קאָלעקטיווער אינדיווידואום, אומאָפּהענגיק פֿון טעריטאָריע און פֿון מלוכה. די ייִדישע נאַציאָנאַלע אידעע האָט געהאַט פֿיר סטאַדיעס: 1. פּרימיטיווע ראַסן־איינהייט. 2. מלוכה. 3. רעליגיעזע איינהייט. די פֿערטע דאַרף קומען — די מאָדערנע קולטור־איינהייט פֿון אַ פֿרײַער נאַציאָנאַלער געמיינשאַפֿט.

ייִדן זענען אַ קולטור־היסטאָרישע נאַציע. אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער נאַציאָנאַליטעט שטייט דער ראַסן־ און מלוכה־מאָמענט פֿיל נידעריקער פֿון די גײַסטיקע און קולטור־היסטאָרישע מאָמענטן. די ייִדישע קולטור־נאַציע דערגרייכט די העכסטע אַנטוויקלונג־מדרגה אָן טעריטאָ־

ריע, אָן מלוכה. דער אָרגאַן פון דער ייִדישער קולטור־היסטאָרישער נאַ־ציע איז געווען די קהילה, די אויטאָנאָמיע.

דובנאָוו באַגרינדעט זײַן געדאַנקענגאַנג מיט פאָלגנדיקע היסטאָרישע טעזן:

דער גלות איז געווען פריִער פאַרן פונאַנדערפאַל פון דער ייִדישער מלוכה. דעריבער איז ער אַ שטענדיקער פאַקטאָר, נישט קיין רעזולטאַט פון פאַרלירן די פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט.

אין ייִדישן לעבן זענען געווען גײַסטיק־העגעמאָנישע צענטרען, וואָס האָבן געשפּילט אַן אָנפירנדיקע און שעפערישע ראָל. דער חורבן פון איין ייִדישן צענטער האָט נישט צעשטערט און פאַרניכטעט דאָס פאָלק צוליב זײַן צעשפּרייטקייט. דער העגעמאָנישער צענטער האָט זיך איבערגעטראָגן אין אַ צווייטן געביט.

רעליגיע האָט דובנאָוו באַטראַכט נאָר ווי איינע פון די פונקציעס, וואָס האָבן געהאָלפן אויפהאַלטן די נאַציע.

דובנאָוו האָט אויך אַרויסגערוקט די אידעע פון וועלטפאָלק. אַלע פּאָ־ליטיש צעשטויבטע טיילן פון ייִדנטום זענען אַן איינהײַטלעכע קולטור־היסטאָרישע וועלט־נאַציע. די נאַציאָנאַלע רעכט דאַרפן זיך אויסדריקן אין אַ פולשטענדיקער אויטאָנאָמיע אין די פראַגן פון אינערלעכן לעבן, שול און שפּראַך. דער אָרגאַן פאַר דער קולטור־אויטאָנאָמיע איז די דע־מאָקראַטיש־געוויילטע קהילה.

לויט דובנאָוון האָט דאַמאָלס דער העגעמאָנישער צענטער גע־האַלטן אין איבערטראָגן זיך פון מזרח־אייראָפּע קיין אַמעריקע. ער האָט זיך פאַררופן אויף דער עמיגראַציע פון רוסלאַנד און די שווערע סיטואַ־ציע אין גאַנץ מזרח־אייראָפּע.

וואָס שייך א״י קען זי ווערן אַ קוואַל פון נאַציאָנאַלער ענערגיע, אויב דער גלות וועט זיך אָרגאַניזירן אויף יסודות פון נאַציאָנאַל־קולטו־רעלער אויטאָנאָמיע. ציוניזם איז נאָר אַ טייל פון נאַציאָנאַלן פּראָגרעס, אָבער נישט דער איינציקער.

דובנאָווס גלות־אויטאָנאָמיזם איז געווען באַאײַנפלוסט דורך די מערב־אייראָפּעיִשע פילאָסאָפיעס. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געגעבן רעכט דעם יחיד, דעם „מענטש און בירגער״. איצט איז געקומען די צײַט

פאַר אויסקעמפן די זעלבע רעכט פאַר די נאַציאָנאַליטעטן. אָנשטאָט נאַציאָנאַלע מלוכה דאַרף עקסיסטירן אַ נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה.

דובנאָווס אינטערפּרעטאַציע פון די נאַציאָנאַלע אויפגאַבן האָט באַווירקט די ציוניסטן דורך אָננעמען אויפן העלסינגפאָרסער צוזאַמענפאָר (1906) דעם „קעגנוואַרט־פּראָגראַם", דעם „סינטעטישן ציוניזם". ער האָט אויך באַווירקט די יידישע נאַראָדניקעס, די סאָציאַליסטן, די פּועלי־ציון, ס.ס. און סיימיסטן.

זיין אויטאָנאָמיזם איז — מיט געוויסע ענדערונגען — געוואָרן אַ יסוד פאַרן נאַציאָנאַלן פּראָגראַם פון „בונד", אויך אין דער פאָדערונג פון דעמאָקראַטישע וועלטלעכע קהילות.

דובנאָוו האָט געמאַכט איניקע פּרוּוון צו שאַפן אַן אייגענע פּאַרטיי. זיין אידעע האָט שאַרף אויסגעדריקט נתן בירנבוים — אין איינער פון זיינע אומוואַנדלונגען — אַזוי: „ישראל גייט פאַר ציון!" די דעמאָקראַטישע באַוועגונג האָט געהאַט אַ געוויסן דערפאָלג דורך די „דערגרייכלער" (ווינאַווער, סליאָזבערג, בראַמסאָן, ש. לעוויק, מ. ראַטנער און דובנאָוו), וועלכע האָבן אין די וואַלן צו דער דומע דערגרייכט איניקע דעפּוטאַטן. אין פּוילן האָבן די פאָלקיסטן (נח פּרילוצקי, ה. ד. נאָמבערג א"א) געהאַט אַ געוויסע צייט אַן אָנזען. אָבער דובנאָוו אַליין איז געווען אָפּגערוקט פון דער אַקטיווער פּאָליטישער טעטיקייט.

אין דובנאָווס פאָרמולירן דאָס נייע נאַציאָנאַלע יידנטום איז געווען אַ טעזע, אַז נאָר דער היסטאָרישער באַוווסטזיין איז דער יסוד פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אידעע. לויט אים — און אויך לויט אַנדערע דענקער, ציוניסטן און נישט־ציוניסטן — איז דער פאַרשאַרפטער אינערלעכער קלאַסנקאַמף אין סתירה צום נאַציאָנאַלן קאַמף אין מאָמענט פון אַ סכנה פאַרן פאָלק.

אַנדערש אָבער האָט געטראַכט די אַרבעטער־מאַסע גופא. גראָד זי האָט פאַרבונדן דעם פאַרשאַרפטן קלאַסנקאַמף מיטן נישט ווייניקער שאַרפן קאַמף פאַר די נאַציאָנאַלע רעכט.

די גרויסע איינפלוסרייכע בונדישע באַוועגונג האָט אין אָנהייב געשטעלט דעם טראָפּ אויף דעם קאַמף קעגן די נאַציאָנאַלע באַגרענעצונגען, קעגן דער רעכטלאָזיקייט, נישט פאָרמולירנדיק די נאַציאָנאַלע אויפגאַבן.

אַפילו דער טעאָרעטיקער פון די פועלי־ציון ב. באָראָכאָוו האָט ווייני־קער געזאָרגט וועגן די אויפגאַבן לגבי דער צוקונפט, וואָס זענען אים „גלייַכגילטיק" און מער וועגן דעם אַקטועלן קאַמף פאַר רעכט.

דער דאָזיקער „נייטראַליזם" איז נישט געווען קיין דערפינדונג פון „בונד", ווען מען האָט עס צוגעקלעפּט, נאָר אַן אַלגעמיין אָנגענומענע איינשטעלונג פון אַלע סאָציאַליסטן צוליבן נישט וועלן אייַנרייַסן מיט די קאָסמאָפּאָליטישע צילן פון סאָציאַליזם.

אַ קעגנער פון „בונד" האָט אַמאָל פאַרגעוואָרפן דעם „בונד", אַז זיי האָבן נישט קיין פריִער באַשטימטן פּראָגראַם. אין אַ געוויסער מאָס איז ער געווען גערעכט. דער „בונד" איז אַנטשטאַנען ווי אַן אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטער מיטן ווילן צו פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן. די אי־דעאָלאָגיע, די פּראָגראַמען פאַר דער טעטיקייט זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין שווערע אינערלעכע שטרייַטן און דיסקוסיעס. עס איז נישט געווען קיין פריִער אויסגעאַרבעטער פּראָגראַם, וואָס ווער עס איז מסכים דערצו אין אַלע פּונקטן (אין יענער צייַט האָט מען געמוזט מסכים זייַן אין אַלע פונקטן — דערפון אַזוי פיל שפּאַלטונגען ביי אַנדערע פּאַרטייען) דער באַקענט זיך צו איר און נעמט אָנטייל. ביים „בונד" איז געקומען פריִער די טעטיקייט און דאַן ערשט די פאָרמולירונג צו באַרעכטיקן די אַקטועלע טעטיקייטן. אַזוי איז געווען מיטן פּראָבלעם צי פּוילן דאַרף זייַן אַ טייל פון דער רוסישער פעדעראַציע, אָדער אַ זעלבשטענדיקע מלוכה. די שטעלונג האָט אַרויסגערופן אַ סך בייז בלוט ביי די פּוילישע סאָציאַליסטן.

אַזוי איז אויך געווען מיט די נאַציאָנאַלע פראַגן. פריִער איז פּאַקטיש געפירט געוואָרן דער קאַמף פאַר די רעכט פון די יידישע אַרבעטער צו רוען שבת, איידער מען האָט עס פאָרמולירט פאַר וואָס. יידיש איז פּאַקטיש געווען די שפּראַך, פאַר וועלכער דער „בונד" האָט זיך אייַנגע־שטעלט און געפירט דעם קאַמף פאַר אירע רעכט, איידער זייַנע פאַר־שטייער אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָבן עס פאָרמולירט אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך.

אין דער צייַט ווען אָפיציעל האָט ביים „בונד" געגאָלטן דער „נייטראַליזם" צו די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען האָט דער „בונד" געפירט

אַ ברייטע און טיפע אַרבעט צווישן די ייִדישע אַרבעטער אין נאַציאָנאַלן זין. אויף יענער צײַט פאַלט אויס די פאַרבינדונג פון די בונדישע טוער מיט דער ייִדיש־וועלטלעכער קולטור, מיט די ייִדיש־שעפער. וו. מעדעם האָט דעם דאָזיקן פּראָצעס שפּעטער אויסגעדריקט אַזוי: „די לאָגיק פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס איז שטאַרקער פון דער לאָגיק פון מענטשלעכן געדאַנק" („לעבנספראַגן", וואַרשע, 1916, אַרטיקל „טיפער אין לעבן"). אָט די לאָגיק האָט געבראַכט דעם „בונד" צו פירן אַ קאַמף פאַר נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע.

געטרײַ דעם דאָזיקן פּראָצעס האָט דער „בונד" פון קרײַזלעך, וואָס האָבן געלערנט רוסיש, זיך אַנטוויקלט צו אַ נאַציאָנאַלער פּאַרטיי פון ייִדישן פאָלק.

די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן" זענען געווען דער ערשטער טריט צו אַדאַפּטירן ייִדיש צו ערשט אַלס פּראָפּאַגאַנדע־מיטל, שפּעטער אַלס אינ־סטרומענט פון דער נאַציאָנאַלער קולטור־אַרבעט. דאָס שאַפן אַ באַזונ־דערע פּאַרטיי פון ייִדישע אַרבעטער האָט באַלד פעסטגעשטעלט באַזונ־דערע נאַציאָנאַלע צילן, כאָטש אָפיציעל האָט מען עס געלייקנט. אין 1902 שיסט הירש לעקערט אין גובערנאַטאָר פאָן־וואַל אין ווילנע פאַרן שמײַסן אַרעסטירטע דעמאָנסטראַנטן. דער אַקט האָט געהויבן דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ, הגם ער איז נישט געווען אין איינקלאַנג מיט דער מאַרקסיסטי־שער תורה. די פּאָגראָמען פון פינפטן יאָר און די בונדישע „באָיעוואָי אָטריאַדן" אײַנגעגלידערט אין די ייִדישע זעלבשוצן, דער אַקטיווער אָנ־טייל פון „בונד" אין דער רעוואָלוציע פון 1905, די פיל קרבנות אין טשוד־נאָוו, האָמעל, וואַרשע, ביאַליסטאָק, לאָדזש — דאָס אַלץ ברענגט אַלץ מערער דעם „בונד" צו די אָרעמע — נישט דוקא פּראָלעטאַרישע — שיכטן פון ייִדישן פאָלק. דעריבער איז אויך געקומען די צײַט צו פאַר־מולירן אָט די נאַציאָנאַלע טעטיקייט און אויפגאַבן.

צוליב די אומלעגאַלע באַדינגונגען קומען אויף נאָר אייניקע פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען, אָבער זיי אַנטשטייען לויטן נאַציאָנאַלן שליסל.

אין דער צײַט פון דער רעאַקציע ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ווידמעט זיך דער „בונד" דער קולטור־אַרבעט צווישן די ייִדישע אַרבעטער, שאַפט דאָס ייִדישע שולוועזן, אָרגאַניזירט דעם ערשטן

לערער־צוזאַמענפאַר, וואָס שליסט זײַנע דעבאַטן אין לוקישקער תפיסה.

אין דער צײַט פון דער דײַטשער אָקופּאַציע אין פּוילן הייבט זיך אָן דער גרויסער אויפשטייג פון דער קולטור־אַרבעט. אין צאַרישן רוסלאַנד קומט פאַר די רעוואָלוציע, וואָס בינדט פונאַנדער אַ סך פאָלקס־ענערגיע, אָבער די באָלשעוויקעס דערשטיקן זי. דאָס נאַציאָנאַלע לעבן באַקומט גאָר ענגע פּאַרטייאישע ראַמען. דער שווערפּונקט טראָגט זיך איבער קיין פּוילן. ראַטן־רוסלאַנד האָט אָפּגעריסן דאָס רוסישע ייִדנטום פון וועלט־ייִדנטום.

אין פּוילן, ווו די רעגירונגען האָנאָרירן נישט די גענומענע פאַר־פּליכטונגען וועגן רעכט פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, גאַראַנטירט אין שלום־טראַקטאַט, פירט דער „בונד" אַ גרויסע פּאָליטיש־אויפקלערערישע אַרבעט, ווי אויך אַ ברייטע פאַרצווײַגטע קולטור־טעטיקייט. דער „בונד" בויט פונאַנדער די פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַראיינען, אָר־גאַניזירט קלובן, ביבליאָטעקן, פאָרלעזונגען, שטיצט ייִדיש טעאַטער, בויט אַ וווּנדערבאַר שולוועזן, שאַפט ספּאָרטקלובן, יוגנטקרײַזן, יוגנט־און שול־קאָלאָניעס.

דער קאָנגרעס פאַר רעכט אויף אַרבעט, די פּראָטעסטשטרײַקן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג קעגן די אַנטיסעמיטישע גזירות — אָנגע־פירט דורכן „בונד" — די וואַל־קאַמפּאַניעס צו די סיימען, שטאָטראַטן און קהילות, די ערשטע מײַ־דעמאָנסטראַציעס — דאָס האָט דערצויגן די ייִדישע מאַסע צו פאָדערן און קעמפן.

אין גאַנג פון דער טעטיקייט און פון די געשעענישן ווערט דער „בונד" אַלץ מער נאַציאָנאַל טעטיק און דאָס קומט אויך צום אויסדרוק אין די רעזאָלוציעס און פּרעסע.

דעם יסוד פאַר לייזן די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען האָט דער ייִדישער סאָציאַליזם געזען אין איבערבוי פון דעם קאַפּיטאַליסטישן סדר אויף סאָציאַליסטיש־קאָלעקטיוויסטישע באַזיסן. דער איבערבוי וועט אָפּשאַפן און פאַרניכטן די סאָציאַלע באַזע פאַרן נאַציאָנאַלן קאָנקורענץ־קאַמף און וועט דערמיט, צוזאַמען מיט אַלע סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען, לייזן אויך די פראַגע פון אַנטיסעמיטיזם.

דער „בונד" איז געווען אַ פּראָדוקט פון די פאַרהעלטענישן אין

יידישן לעבן און נישט קיין „אימפּאָרט״ פון מערב. אין מערב־אייראָפּע זענען געווען אַ סך יידן אַקטיוו אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אָבער חוץ משה העס האָבן זיי אַלע געגלויבט אין דער הייליקייט פון דער קאָסמאָפּאָליטישער דאָגמע, באַטראַכט די נאַציאָנאַלע באַוועגונג אַלס אַ בורזשואַזע און דעריבער מורא געהאַט צו באַרירן די יידישע פראַגע.

די ערשטע איינצלנע יידן־סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד זענען געגאַנגען אין זייערע פוסטריט, אָבער באַלד ווי דער „בונד״ האָט זיך געגרינדעט האָט ער צוגעצויגן אַ סך אַרבעטער, פאָלקסמענטשן, און געוואָרן נאָענט צו די נאַציאָנאַלע נויטן פון פאָלק. קורץ פאַר דער אָרגאַניזירונג פון „בונד״ איז שוין פאָרגעקומען אין די קרייַזלעך אַ דיסקוסיע וועגן מאַסן־אַרבעט, אין וועלכער עס האָבן זיך באַלד געצייכנט צווי צוגאַנגען, אַ דאָג־מאַטישער און אַ פאָלקסטימלעכער, וואָס האָט נישט געלייגט קיין אַכט צי עס שטימט מיטן מאַרקסיסטישן שולחן־ערוך בנוגע נאַציאָנאַלע פראַגן.

דאָך האָט די מאַרקסיסטישע דאָקטרין, וואָס איז געוואָרן ממש אַן אמונה ביַי די אינטעליגענטן, די נעכטיקע בית־המדרש־זיצער, געשטערט באַלד צו אַקצענטירן די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע פאָדערונגען. דער קלאַסן־פּרינציפּ איז געווען העכער פון נאַציאָנאַלן. דאָס איז געווען די ווירקונג פון די אינטעליגענטן.

דאָס לעבן איז געווען שטאַרקער פון אַלע דאָקטרינען און דאָס דאָ־זיקע לעבן האָט געבראַכט צום אַנטשטיין פון „בונד״ אַלס אַ באַזונדערע יידישע זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע אין שטח פון דער גאַנצער רוסי־שער אימפּעריע, צו פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר יידיש און אין יידיש, קעמפן פאַר די באַזונדערע (מ׳האָט מורא געהאַט צו זאָגן נאַציאָנאַלע) פאָדערונגען ווי למשל אָפּשאַפן די רעכטלעכע אַנטי־יידישע באַגרענע־צונגען, שאַנעווען די מנהגים פון די יידישע אַרבעטער (רעכט נישט צו אַרבעטן שבת א״א).

ביַים שאַפן די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, וואָס דער „בונד״ איז געווען שטאַרק באַטייליקט אין גרינדן זי, האָט דער „בונד״ פאַרלאַנגט אויטאָנאָמיע. אין דער רוסישער ס.ד. זענען געווען אַקטיוו יידן־אַסימילאַטאָרן, פאַר וועמען די בונדישע פאָדערונגען זענען געווען טריפה, שטאַרק נאַציאָנאַליסטיש. נאָר דער שטאַרק אָרגאַניזירטער

כוח פון „בונד" און זיין איינפלוס האָט אים דערלויבט אויסצוהאַלטן די „קריטיק".

נישט אַזוי לייכט איז געווען דער איבערגאַנג צו פאַרנעמען אַ מער קלאָרערע נאַציאָנאַלע פּאָזיציע. נאָך אין 1899 האָט דער דריטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" אין קאָוונע אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג צו פאָדערן פולע נאַציאָנאַלע גלייכבארעכטיקונג פאַר יידן (נישט בלויז פּאָליטיש־בירגערלעכע, נאָר אויך נאַציאָנאַלע). דער מאָטיוו איז געווען, אַז עס וועט אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון „ריינעם" קלאַסנקאַמף. אין 1901, אויפן 4טן צוזאַמענפאָר אין ביאַליסטאָק נעמט מען שוין אָן, אַז „דער באַגריף נאַציאָנאַליטעט לאָזט זיך שוין אָנווענדן אויך צום יידישן פאָלק", אָבער מען האַלט נאָך פאַר פריצייטיק צו פאָדערן נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, נאָר מען דאַרף דערווייל קעמפן קעגן אונטערדריקן די יידישע נאַציאָנאַליטעט און פאַר אָפּשאַפן אַלע אַנטי־יידישע באַגרענעצונגען. דערביי אָבער באַוואָרנט מען זיך — „נישט פונאַנדערצובלאָזן דאָס נאַציאָנאַלע געפיל, וואָס קאָן נאָר פאַרטונקלען דעם קלאַסן־ זעלבסט־באַוווסטזיין פון פּראָלעטאַריאַט און ברענגען צו שאָוויניזם". דאָס איז געווען אַ פּשרה צווישן אינטעליגענטישן ריינעם מאַרקסיזם און דער פאָלקסטימלעכער אַרבעטער־שאַפט.

דער „סעפּאַראַטיזם" פון „בונד" האָט געהאַט קעגן זיך אַ געאייניקטן פראָנט פון לענין, פּלעכאַנאָוו און מאַרטאָוו, ווי אויך פון אַלע יידן־אַסימילאַטאָרן אין דער ס.ד.

אין 1903 קומט צו אַן אָפענעם קאָנפליקט. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וואַרפט אָפּ דעם געדאַנק פון אַ פעדעראַטיווער אָרגאַניזאַציע לויטן נאַציאָנאַליטעטן־שליסל און נעמט אָן דעם בוי פון אַ פעדעראַציע פון טעריטאָריעלע נאַציאָנאַליטעטן. די פאָדערונג פון „בונד" וועגן אַ ברייטערער אויטאָנאָמיע איז אויך אָפּגעוואָרפן געוואָרן. דאָס צווינגט דעם „בונד" אַרויסצוטרעטן פון דער רוסלענדישער פאַרטיי, וועמענס גרינדער ער איז געווען. אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע קומט פאָר אַ שטרייט. די מערהייט זענען „האַרטע" ד"ה זיי ווילן נישט נאָכגעבן די אַסימילאַטאָרישע פאַרלאַנגען פון דער ס.ד., אַן אַנדערער טייל, די „ווייכע", האַלטן, אַז די סיטואַציע דערלויבט נישט איינצוקשנען זיך ביי דער גערעכטער

פאָדערונג. אין 1906 נאָכן צוריק פאַראייניקן זיך פון די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס אין איין פּאַרטיי און צוליב די געשאַפענע באַדינגונגען — טרעט דער „בונד" צוריק אַריין איינגייענדיק אויף אַ פשרה. דערביי פאָרמולירט ער קלאָר דעם נאַציאָנאַלן מינימום־פּראָגראַם. נאָך אין 1905 האָט דער „בונד" אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג פון די רעכט פון ייִדיש אין די שולן און אין עפנטלעכע אינסטיטוציעס. איצט טרעט ער אַרויס פאַר אַ פולער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע.

אַ ווירקונג אויפן „בונד" האָט אויך געהאַט די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ סך נאַציאָנאַליטעטן. זי האָט געלייזט דאָס פּראָבלעם פון עקס־טעריטאָריאַלע מינדערהייטן דורך פאַרלאַנגען נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע (קאַרל רענער). דער „בונד" האָט דאָס אָפּגעוואָרפן. זייענדיק פאַרבונדן מיט דער פאָלקסמאַסע, וואָס האָט געוואָלט אַליין לייזן אירע פּראָבלעמען, האָט דער „בונד" אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע.

וו. מעדעם האָט אין אַ בראָשור אין 1906 „די נאַציאָנאַלע פראַגע און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע" אַזוי באַהאַנדלט די ענינים:

קודם־כל שטעלט ער פעסט די שולד פון דער גאַנצער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין איגנאָרירן די נאַציאָנאַלע פראַגע, באַזונדערס ביי ייִדן, וואָס ווערן אונטערגעוואָרפן אַן אַסימילאַציע־פּראָצעס. ער האַלט, אַז דאָס איז געשען צוליבן מאַנאָפּאָל פון דער בורזשואַזיע אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דאָס איז אַ טעות מצד דעם פּראָלעטאַרישן טייל פון דער באַפעלקערונג.

מעדעם שטעלט פעסט, אַז די עמאַנסיפּאַציע פון ייִדן — סיי פּראָגראַמאַטיש, סיי פּראַקטיש — איז נישט קיין פולשטענדיקע. עס איז ווייניק צו באַקומען פּאָליטיש־יורידישע רעכט. ער שטעלט מיט רעכט די פראַגע פאַר וואָס מוז אַ ייִד זיך אָפּזאָגן פון זיין נאַציאָנאַליטעט צו ווערן אַ וועלטבירגער, בעת דער פראַנצויז, דייטש און ענגלענדער מוז דאָס נישט טאָן. די אַסימילאַציע איז אַ מיטל נאָר פון רייכע ייִדן צו קענען אָנטיילנעמען אין אייראָפּעיִשן לעבן.

מעדעם האַלט, אַז קיין באַזונדערע נאַציאָנאַלע קולטור איז נישט פאַראַן. עס איז דאָ אַן אַלגעמיין מענטשלעכע קולטור אין אַ נאַציאָנאַלער

פאָרם, אָפּהענגיק פון די סאָציאַלע פאַרהעלטנישן. ער שלאָגט פאָר אַ מין נייטראַליטעט, וואָס באַשטייט אין נישט נעגירן די נאַטירלעכע אַסימילאַציע, וואָס קומט פאָר אויך ביַי מערהייַטס־פעלקער און אין א״ג „נאָרמאַלע״ באַדינגונגען. אייגנטלעך איז עס אַנטוויקלונג פון לעבנטשטייגער און קולטור אין נייַע פאָרמען. ער איז אָבער קאַטעגאָריש קעגן די שטרעבונגען צו אַסימילאַציע, קעגן דעם צופּאַסן זיך, און קעגן די צוואַנגס־פאָרמען, וואָס די הערשנדיקע קולטורן ווענדן אָן. ער איז אויך קעגן אַ נאַציאָנאַליסטישער שאָוויניסטישער פּאָליטיק, אָבער מען דאַרף קעמפן פאַר אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער קולטור.

אַלע היסטאָרישע פּראָצעסן דאַרפן זיַין פריַי פון יעדן צוואַנג, פון אונטערדריקונג. דער קאַמף אינערהאַלב דער יידישער געזעלשאַפט צווישן „אייגענע״ און „פרעמדע״ פאָרמען פון נאַציאָנאַלן לעבן דאַרף פאָרקומען אָן אויסערלעכן דרוק.

מעדעם האַלט אויך, אַז נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג איז געריכטעט קעגן דער גאַנצער נאַציע, אָבער די קלעפּ פילן נאָר די אונטערשטע שיכטן. די שפּראַך־באַגרענעצונג איז נישט נוגע די אויבערשטע שיכטן, וואָס קענען זיך אויסהעלפן מיט אַן אויסגעלערנטער שפּראַך, נאָר די אונטערדריקונג פילן די אַרבעטער, וועלכע ווערן אָפּגעשניטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן (ציַיטונג, געריכט, אַמטן אד״גל) און פון קולטורעלן געניסן. ער זעט, אַז אין די עקסיסטירנדיקע פאַרהעלטענישן וועט אַפילו אַ געזעצגעבונג נישט העלפן, אויב אין דער געזעלשאַפט זענען פאַראַן כוחות, וואָס קענען דורכפירן אַ באָיקאָט, וואָס קאָן יורידיש זיך אַריַינפּאַסן אין די ראַמען פון די באַדינגונגען. ביַים קאַפּיטאַליזם קען מען נאָר גרינגער מאַכן די נאַציאָנאַלע לאַגע. אָפּשאַפן די נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע, אויסוואָרצלען דאָס שלעכטס — דאָס נישט.

מעדעם האָט פאָרגעלייגט אַרויסשטעלן אַ מאַקסימום פאָדערונגען היַינט, וועלכע ער באַטראַכט אַלס דעם מינימום פון פולשטענדיק פאַרענטפערן די נאַציאָנאַלע נויטן. „די בורזשואַזיע וועט סיַי ווי וועלן אונדז באַשרענקען, דאַרפן מיר אַליין זיך נישט באַשרענקען״.

די בירגערלעכע גליַיכבאַרעכטיקונג קען נאָר — ביַי די בעסטע באַדינגונגען און ווילן — אָפּשאַפן די נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע, אָבער

נישט שאַפן קיין אינהאַלט פון נאַציאָנאַלן לעבן פון דער מינדערהייט. פּאָ־ליטישע עמאַנסיפּאַציע און גלײַכבאַרעכטיקונג זענען נאָר אַ נעגאַטיווע פונקציע. „די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג ווערט באַזײַטיקט נישט בלויז דורך אָפּשאַפן די אומגערעכטע מלוכה־פּאָרמען, נאָר אויך דורך באַשאַפן אויף זייער אָרט באַשטימטע גאַראַנטיעס אין דער פאָרם פון געזעצן און סאָציאַלע אײַנריכטונגען".

קעגן רענערס נאַציאָנאַל־פּערסאָנעלער אויטאָנאָמיע טענהעט מעדעם, אַז נישט אַלץ איז אינדיווידועלע פּרײַהייט. די מלוכה דאַרף אויך באַ־זאָרגן מיט מעגלעכקייטן צו קענען פון דער פרײַהייט און רעכט צו גע־ניסן. עס איז ווייניק די רעכט אויף באַקומען בילדונג — מען דאַרף אויך בויען שולן. פאַר די באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטן — באַזונדערע שולן אין זייער מוטערשפּראַך. עס איז ווייניק צו פאָדערן שולן אין דער מו־טערשפּראַך, איבערלאָזנדיק די אויספירונג דערפון אין פרעמדע הענט. נאָר געוויילטע אָרגאַנען פון דער געגעבענער נאַציאָנאַליטעט דאַרפן פאַר־וואַלטן מיט די שולן. פּראָקלאַמירטע רעכט מוזן האָבן יורידישע אָרגאַ־ניזאַציעס און עקזעקוטיוו־אָרגאַנען זיי דורכצופירן.

מעדעם ווײַזט אָן צום סוף, אַז אין אַ מאָדערנער מלוכה, ווו מענטשן מעגן וווינען ווו זיי ווילן, קען מען נישט טעריטאָריאַליזירן אַלע נאַציאָ־נאַליטעטן און דאָס ברענגט מיט זיך די פאָדערונג פון אויסער־טעריטאָ־ריעלער ד"ה נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. דאָס איז אַ טענה קעגן די אַלע, וואָס האָבן אָנערקענט נאָר די טעריטאָריעלע אויטאָנאָמיע, די קעגנער אין דער ס.ד. און אויסער איר.

דער 6טער צוזאַמענפאָר אין 1905 אין ציריך האָט געהאַט אָנגענומען די אויבנדערמאָנטע פּרינציפּן.

די באַטײַטונג פון דער קליינער בראָשור (פיר און זעכציק זײַטלעך) איז געווען אַ גרויסע. זי האָט באַווירקט מער צו פאַרבינדן זיך מיט די נאַציאָנאַלע נויטן. די בונדיסטן האָבן זיך מיט לײַב און לעבן אַרײַנגע־וואָרפן אין דער יידישער קולטור־אַרבעט, אָרגאַניזירט די לערער, גע־שאַפן שולן, קולטור־ליגעס, דורכגעפירט אין די אַרבעטער־קלובן און פּראָפ. פאַראיינען פאָרלעזונגען און קורסן וועגן יידישער קולטור.

באַזונדערס אַקטיוו איז געווען דער „בונד" אין דער נאַציאָנאַלער

אַרבעט צווישן ביידע וועלט־מלחמות, און הגם צאָלמעסיק איז די בונ־דישע ווייִלערשאַפט געווען קלענער ווי די ציוניסטן אָדער אגודה — האָט זי מיט איר אַקטיווקייט געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָל אין ייִדישן לעבן. ווען עס האָבן זיך אָנגערוקט די פינצטערע כמאַרעס פון היטלער־דייַטש־לאַנד, און פוילן איז געוואָרן אַ גיהנום פאַר ייִדן, האָבן די מאַסן זיך אָנגעטרויט דעם „בונד", וואָס האָט מאָביליזירט די ייִדישע מאַסן קעגן די רדיפות און פּאָגראָמען. דער פרייַדענקערישער „בונד" האָט אָנגע־פירט מיט דער קאַמפּאַניע נישט צו פאַרבאָטן די ייִדישע שחיטה. ביי די לעצטע וואַלן צו די ייִדישע קהילות פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דער „בונד" באַקומען אַ פולשטענדיק איבערוועגנדיקע מערהייט.

ו. חורבן און ווידעראויפלעבונג

ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה איז דאָס ייִדישע פּראָבלעם געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַל פּראָבלעם און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט קוקנדיק אויף דער גאַנצער עמאַנסיפּאַציע און גלייַכבאַרעכטיקונג זענען ייִדן נאָך אַלץ געבליבן הפקר. די עמאַנסיפּאַציע פאַר ייִדן האָט אין גאַנצן באַנקראָטירט. פוילן האָט געטריבן די ייִדן מיט עקאָנאָמישע מיטלען, מיט פּאָליטישן דרוק און מיט פּאָגראָמען. די אַרויסגעטריבענע ייִדן פון דייַטשלאַנד און עסטרייַך האָבן געוואָגלט און מען האָט זיי אין ערגעץ נישט אַרייַנגעלאָזן. די טויערן פון דער וועלט זענען געווען פאַר זיי פאַרשלאָסן. ענגלאַנד האָט זיך כמעט אין גאַנצן אָפּגעזאָגט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און פעסט געשלאָסן די גרענעצן פון א"י קיין ייִד זאָל נישט קענען אַרייַנקומען.

ביי דער איזאָלאַציע און ביי דעם פאַרראַט פון די דעמאָקראַטישע און ראַדיקאַלע כוחות אין דער וועלט האָט דער היטלעריזם פראַנק און פריי געשאָכטן דאָס ייִדישע פאָלק.

אַ קליינע האָפענונג איז געווען דער „פּיל"־פּלאַן (1937), וואָס האָט פאָרגעלייגט צו טיילן ארץ־ישראל אין דריי טיילן: אַ ייִדישן (לענג אויס

דעם ים־ברעג און גליל), אַן אַראַבישן (ירדן־פּאַס) און אַ מאַנדאַטאָרישן (ירושלים, בית־לחם און דער נגב). אָבער צו קיין קאָנקרעטע באַשלוסן איז מען נישט געקומען. מען האָט זיך נישט געאײַלט.

און קיין צײַט איז נישט געווען. די פֿינצטערע כמאַרע האָט זיך אַלץ מער פֿאַרצויגן. בחינם האָט סטעפֿאַן לוקס דעם 2טן יולי 1936 זיך דער־שאָסן אין זיצונגסזאַל פֿון דער פֿעלקער־ליגע אין זשענעוו. בחינם איז שפּעטער אין 1943 אַרטור זיגעלבוים באַגאַנגען זעלבסטמאָרד איבערלאָזנ־דיק אַ האַרצרײַסנדיקע ווענדונג צום געוויסן פֿון דער וועלט, דעם ווײ־געשרײַ פֿון די קעמפֿער אין וואַרשעווער געטאָ.

די אַליאַנטן האָבן זיך נישט געוואָלט פֿאַרנעמען מיט קיין ייִדיש פּראָבלעם. זיי האָבן געציטערט מען זאָל זיי נישט חושד זײַן, אַז זיי פֿאַר־טיידיקן ייִדן.

די ייִדישע הילף־אָרגאַניזאַציעס, באַזונדערס דער „דזשוינט" און דער „ייִדישער אַרבעטער־קאָמיטעט", האָבן געטראָגן הילף די ייִדן אין די אָקופּירטע געביטן. אַ דאַנק זיי זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן ייִדישע מענטשן. אָבער צוליב דעם וואָס דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום איז נישט געווען אָרגאַניזירט און נישט געהאַט קיין אויטאָנאָמע צענטראַלע אָנפֿי־רונג האָבן זיי נישט געקענט באַווענן צו די געהעריקע פּאָליטישע אַקציעס די מאַסגעבנדיקע קרײַזן, אַרויספֿירן זיי פֿון זייער גלײַכגילטיקייט צום גורל פֿון די ייִדן.

☆

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אַנטשטאַנען מדינת־ישׂראל. זי האָט נישט בלויז צוזאַמענגענומען די רעשטלעך לעבנגעבליבענע ייִדן, נאָר זי האָט אויך איבערגענומען די אַלע קאָרעלאַציעס פֿון דער וועלט צו ייִדן און ייִדן צו דער וועלט. זי האָט אויך באַוויגן די אַמעריקאַנער ייִדן צו אָרגאַניזירן און קאָאָרדינירן זייער טעטיקייט. די פּראָבלעמען פֿון ייִדישן פֿאָלק זענען געוואָרן די פּראָבלעמען פֿון מדינת־ישׂראל, וואָס בײַ איר גאַנצן ווונדערבאַרן אויפֿבוי און אויפֿבלי איז זי נאָך אַלץ נישט קוואַנטיטאַטיוו דער הויפּט־ישוב פֿון ייִדישן פֿאָלק.

דערפֿאַר אָבער איז זי קוואַליטאַטיוו געוואָרן דער הויפּטצענטער. די טיילווייַזע פֿאַרווירקלעכונג פֿון הערצלס חלום (קיבוץ־גליות) האָט גראָד געבראַכט מיט זיך די פֿולע פֿאַרווירקלעכונג פֿון אחד העמס טרוים.

צי הייסט דאָס, אַז דער ציוניזם האָט רעאַליזירט זייַנע הויפּט־פּאָס־טולאַטן, כאָטש דאָס הויפּטמיטל — די פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט — איז דערגרייכט געוואָרן. געווען זענען פֿיר הויפּט־פּאָסטולאַטן: קיבוץ־גליות, אָפּשאַפֿן אַנטיסעמיטיזם און ייִדנהאַס, פּראָדוקטיוויזאַציע און נאָר־מאַליזאַציע, און דער עיקר — ליקווידירן דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס.

מדינת־ישׂראל האָט אַ ייִדישע מערהייט, אָבער די ייִדן פֿון דער מדינה זענען נישט קיין מערהייט פֿון ייִדישן וועלטפֿאָלק און וועלן עס נאָך לאַנג נישט זייַן.

עס איז נישט קלענער געוואָרן דער אַנטיסעמיטיזם. פֿאַרקערט. אין קרייַז פֿון אונדזערע האַסער זענען אַרייַנגעצויגן געוואָרן נייַע קרייַזן און נייַע כּוחות צוליב פּאָליטיש־סטראַטעגישע סיבות. די איינזאַמקייט פֿון ישׂראל אין דער „אונא" איז דער בולטסטער באַווייַז.

די ייִדן אין מדינת־ישׂראל זענען פּראָדוקטיוויזירט געוואָרן. ישׂראל פֿאַרנעמט אַ חשובֿ אָרט אין דער מאָדערנער אַגראַר־ווירטשאַפֿט און איז אַ בייַשפּיל פֿאַר אַנדערע עלטערע מלוכות. אָבער די מלוכה ווי אַ גאַנצע האָט נישט קיין געזונטע עקאָנאָמיק. עס זענען נישטאָ קיין רויסטאָפֿן, נאַטירלעכע רייַכטימער, די אָרעמע ערד דאַרף ווערן באַרייַכערט מיט טייַערע קינסטלעכע מיטלען און דער עיקר די ריזיקע מיליטערישע אויסגאַבן — באַשווערן און באַלאַסטן די מי און פֿעיִקייטן פֿון דער ייִדי־שער באַפֿעלקערונג. דאָס אַלץ שאַפֿט נישט קיין נאָרמאַליזירטע ווירטשאַפֿט, אָבער לאָמיר זיך טרייסטן, אַז אין דעם פֿאַל זענען מיר נישט די איינציקע אין דער וועלט.

וואָס שייך דאָס אָפּשטעלן דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס זענען די רע־זולטאַטן נישט זייער געהויבן. אין ישׂראל גופֿא קומט נאָך פֿאָר דער קולטור־גערָאַנגל פֿאַרן כאַראַקטער פֿון דער מלוכה און פֿון דער קולטור. די נייַע העברעיִשע ליטעראַטור האָט פֿאַרוואָרפֿן ביאַליקן און מענדעלען, געוואָרן קאָסמאָפּאָליטיש. עפּעס אַ מאָדע אין לאָנדאָן איז אונדזער „עליטע" נעענטער ווי אַ נייַע שטאָט אין נגבֿ. דאָס יורדים־פּראָבלעם לאָזט זיך

נישט דערקלערן בלויז מיט פּערזענלעכער „גאָלדזוכערײַ". עס איז אויך אַ רעזולטאַט פון קנאַפּער נאַציאָנאַלער דיסציפּלין און שלעכטער דער־ציִונג. די ישׂראלדיקע יוגנט איז דורך דער דאָזיקער דערציִונג אָפּגעשניטן געוואָרן פון דער יידישער יוגנט אין דער וועלט, און מיר זענען אַ לאַנד פון אימיגראַציע, מיר נייטיקן זיך אין איר. דער „שלילית הגלות" האָט זיך שלעכט אויסגעווירקט אויף ישׂראל און אויף די תּפוצות, ווו דער אַסי־מילאַציע־פּראָצעס גייט מיט ריזנשריט. דער קאַמף פאַר העברעיִזירן דאָס יידישע שולוועזן אין די תּפוצות, וואָס איז געווען גלײַך צו דער ליקווי־דאַציע פון דאָזיקן שולוועזן, האָט צוגעאײַלט דעם פּראָצעס. די טויזנטער שליחים מיט זייער באַציִונג און מיט זייער אומוויסן פון די יידישע פּראָבלעמען האָבן פאַרגיכערט די אַסימילאַציע. מדינת־ישׂראל אַלס צו־ציִונגספּונקט קען נאָר ווירקן בײַ נאַציאָנאַל־געשטימטע און נאַציאָנאַל־דערצויגענע יידן, נישט בײַ די, וועלכע זענען שוין אָפּגעפרעמדט.

דער חורבן איז געווען אַ טראַגישער בײַשפּיל צו איבערצייגן אַלע די, וועלכע ציִען צו אַסימילאַציע, ווי פאַלש עס זענען זייערע אילוזיעס. היט־לער האָט אויסגעזוכט יעדע יידישע עלטער־באָבע, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסט ווי אַן אַקט פון עמאַנסיפּאַציע. די אייניקלעך פון אָט די „אַנטלאָפענע" האָבן געליטן נישט ווייניקער ווי זייערע עכט־יידישע ברידער. דער מאָדערנער אַנטיסעמיטיזם באַנוצט זיך מיט דער ראַסן־טעאָריע און אָפּזאָגן זיך פון אָפּשטאַמונג קען מען נישט, ווי מען האָט זיך אָפּגעזאָגט פון נאַציאָנאַלער צוגעהעריקייט.

פאַר דער נאַציאָנאַל־ קולטורעלער אויטאָנאָמיע פון די פאָלקיסטן און בונדיסטן איז אין דער הײַנטיקער פרײַער וועלט נישט קיין גוטע צײַט. דער ליבעראַלער פּרינציפּ פון דערלויבן יעדן זיך אויסצוקלויבן אַ וועג אין לעבן לויט דעם שטייגער און אופן ווי אים גלוסט זיך פּערזענלעך האָט מבטל געווען די אָביעקטיווע באַדינגונגען צו רעאַליזירן אַזאַ אידעע. די פּרײַוויליקייט פון אָרגאַניזאַציע האָט געבראַכט דערצו, אַז נאָר קליינע טיילן פון וועלט־יידנטום האָבן זיך אָרגאַניזירט צו נאַציאָנאַלע צילן. צו גרויס און צו פיל צוציִענדיק איז די דרויסנדיקע וועלט מיט אירע קאָ־לאָסאַלע מעגלעכקייטן, אַז גרויסע מאַסן זאָלן וועלן אָרגאַניזירן זיך אין יידיש־נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס.

אַסימילאַציע איז דאָס הויפּטפּראָבלעם אין די תּפוצות. ווער מען צו דעם נישט געפינען קיין לייזונג, וועט אַפילו אַן אויבערפלעכלעכע אַסימי־לאַציע אָפּשוואַכן די נאַציאָנאַלע רעזערוון.

דער סאָציאַליזם האָט געפּריידיקט די אידעע פון אַן אָרט אינערהאַלב די פעלקער. דאָס איז געווען קעגן היסטאָרישן פּראָצעס פון די לעצטע יאָר־הונדערטער, ווו מיר האָבן כּסדר געהאַט היסטאָרישע כוואַליעס פון נאַציאָ־נאַלן אויפבּרויז און פון שאַפן נאַציאָנאַלע, אָפט שטאַרק נאַציאָנאַליסטישע, מלוכות. אַזוי האָבן די אַבסאָלוטע מאָנאַרכיעס זיך געבויט אויפן נאַציאָנאַלן פּרינציפּ, אין 1848 האָט יונג־אייראָפּע זיך גענומען אָרגאַניזירן לויטן נאַ־ציאָנאַלן שליסל. דער פּראָצעס אין אייראָפּע איז פאַרענדיקט געוואָרן אין 1918 מיטן שאַפן אַ ריי קליינע נאַציאָנאַלע מלוכות. פון 1945 האָבן די קאָנטי־נענטן פון אַזיע און אַפריקע געשאַפן צענדליקער נאַציאָנאַלע מלוכות און דער פּראָצעס דויערט נאָך.

די נאַציאָנאַלע אַנטאַגאָניזמען האָבן זיך פאַרשאַרפט און עס קומט פאַר אַ פּערמאַנענטע מלחמה פאַר גרענעצן, פאַר פּאָליטישן און עקאָנאָמישן ווּקס.

די סאָציאַליסטישע אידעע פון אַן אָרט פאַר יעדן איינעם קלינגט זייער שיין, אָבער דערווייַל ווערט דאָס ערשט עקספּערימענטירט אין די הויך־אַנט־וויקלטע לענדער און קיינער קען נישט וויסן די רעזולטאַטן.

לעצטנס זענען ענגער געוואָרן די פאַרבינדונגען פון א״י מיטן ייִדישן וועלטפאָלק אין די תּפוצות. זינט דער זעקסטאָגיקער מלחמה איז די פאַר־בינדונג נאָך שטאַרקער געוואָרן. אין שווערן געראַנגל מיט אונדזערע שכנים שטייען מיר איינזאַם צווישן די פעלקער. נאָר די הערצער פון אַלע נאַציאָנאַ־לע ייִדן אין דער וועלט האָבן מיטגעלעבט די געפאַרן און עס איז פאַראַן אַן אינטימע פאַרבינדונג. אָט די געפילן שטיצן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזייַן פון געמיינזאַמען גורל, וואָס איז דער קענצייכן פון אונדזער עקסיסטענץ.

דאָס פּראָגרעסיווע דעמאָקראַטישע ישראל איז אַ טייל פון דער פרייַער וועלט. אמת, עס זענען נאָך געבליבן בייַ דער וועלט־דעמאָקראַטיע נישט ווייַ־ניק עגאָאיסטישע אינטערעסן, אָבער אַ דאַנק דעם ווּקס פון אַ פרייַער עפנט־לעכער מיינונג קען מדינת־ישראל אויסווירקן פאַר זיך אַ בעסערע און גינסטי־קערע פּאָזיציע. אין לעצטן סך־הכּל דאַרף די וועלט־דעמאָקראַטיע, אַפילו

ווען זי ציטערט און שרעקט זיך, אונדז פאַרטיידיקן. זי איז אַ שוואַכע באַשיצערין, אָבער קיין אַנדערע האָבן מיר נישט.

דער נאַציאָנאַלער לאַגער — אין אַלע זײַנע שאַטירונגען — האָט געשטרעבט איבערצובויען און דערציִען די יידישע געזעלשאַפט אין איינקלאַנג מיט דער נײַער צײַט. דאָס באַפרײַען די נאַציע פון רעליגיעזן לבוש האָט געבראַכט צו דער אויבערפלאַך אַ סך פּראָדוקטיווע כּוחות. דער רענעסאַנס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ פאַרשטאַרקטער קולטור־טעטיקייט, אין אַ פּאָליטישער דערציִונג, ווי אויך אין אויסברייטערן דעם באַגריף געמיינזאַמער גורל דורך שאַפן אַ ריי אַלוועלטלעכע הילף־אָרגאַניזאַציעס. די פּראָגרעסיווקייט פון רענעסאַנס האָט איבערגעבויט אַן אַלטע אינסטיטוציע בײַ יידן — די סאָציאַלע הילף, צדקה, פּדיון־שבויים — אין מאָדערנע הילף־אָרגאַניזאַציעס און אין קערפּערשאַפטן פון וועלט־יידנטום, וואָס פירן דורך גרויסע פּאָליטישע אַקציעס.

אַלע געביטן פון לעבן סײַ פון יחיד, סײַ פון כּלל האָבן זיך איבערגעשטאַלטיקט. דאָס זעט מען אַם בולטסטן אין מדינת־ישראל. יידן האָבן באַקומען אַזוי פיל דערגרײַכונגען אויף געביטן, וווּ זיי זענען נישט געווען טעטיק צוויי טויזנט יאָר (מיליטער, אַגראַר־ווירטשאַפט א״א), עס האָט זיך געשאַפן אַ נײַער טיפּ יידישקייט, וואָס אונטערשיידט זיך סײַ פון רעליגיעזן נוסח, סײַ פון דער עמאַנסיפּירטער געזעלשאַפט אין די תּפוצות.

צוויי וויכטיקע פראַגן, אָדער אויפגאַבן, שטייען פאַר אונדז: ערשטנס צי קען בלויז די עקסיסטענץ פון מדינת־ישראל פאַרזיכערן דעם נאַציאָנאַלן קיום פון גאַנצן יידישן וועלטפאָלק? צווייטנס — וואָס פאַר אַ כאַראַקטער דאַרף האָבן די יידישע מדינה צו קענען פאַרווירקלעכן די ערשטע אויפגאַבע?

קליינע קרײַזן ישראלים, כּנענים און אַזעלכע וואָס ווילן נישט דעם דאָזיקן נאָמען, זאָגן זיך אָפּ פון דער פאַרבינדונג מיטן יידישן וועלטפאָלק. עס אינטערעסירט זיי נישט זייער גורל און נאָך ווייניקער זייער געשיכטע. זיי זענען ענלעך צו די אַסימילאַטאָרן, וואָס האָבן בגוואַלט געוואָלט ווערן כּכל הגויים, ווען די גויים האָבן דאָס נישט געוואָלט. זייער גורל וועט זײַן דער זעלבער פון זייערע פאָרגייער.

אַלס כּלל אָבער איז פאַראַן אַ טיפע, אינטימע, אינערלעכע פאַרבינדונג צווישן דער יידישער מדינה און די תּפוצות. דער געמיינזאַמער גורל פון די

שווער געפּרוווטע צייַטן האָט צוזאַמענגעבונדן אַלע טיילן פון וועלטפאָלק. עס ווירקן דערבײַ אויך משפּחהדיקע און עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען.

אין ליכט פון דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן באַרירט, קען מען קומען צו אַן אויספיר, אַז די נאַציאָנאַלע אידעען פון אונדזערע דענקער האָבן זיך אויסגעווירקט. ווער מער, ווער ווייניקער.

די פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט פון מדינת־ישראל איז אַ פאַרווירקלעכונג פון הערצלס טרוים. מדינת־ישראל איז אויך אַ גײַסטיקער צענטער פאַרן ייִדנטום, ווי אחד העם האָט געשטרעבט. אָננעמענדיק דאָס לעצטע, ווערט א״י דער העגעמאָנישער צענטער לויט דובנאָווס שיטה. דאָס נאַציאָנאַל־שעפעריש פאָלק איז קליין, אָבער אייגנאַרטיק און אַקטיוו. דער קאַמף צווישן „אייגענע" און „פרעמדע" פאָרמען פון נאַציאָנאַלן לעבן קומען פאָר אַן אויסערלעכן דרוק, ווי מעדעם האָט זיך עס געוווּנטשן און פאַרלאַנגט.

„צי וועלן די נאַציעס בלײַבן עקסיסטירן, אָדער זיי וועלן זיך צונויפגיסן איינע מיט די אַנדערע — דאָס קענען מיר פאָרויס נישט וויסן און מיר זענען צום דאָזיקן ענין לחלוטין גלײַכגילטיק" — האָט געזאָגט ב. באָראָכאָוו.

וויסן פאָרויס קען מען טאַקע נישט, אָבער גראָד דאָס לעצטע — צי מיר וועלן בלײַבן עקסיסטירן — איז אונדז נישט אַזוי גלײַכגילטיק. דער אינהאַלט און ציל פון אַ נאַציאָנאַל לעבן פון אַ שעפעריש פאָלק איז צו בויען זײַן קיום, זײַן הײַנט מיטן בליק צו דער צוקונפט, צו זײַן אַ המשך פון פריִערדיקן און אַ יסוד פאַרן קומענדיקן.

דערין ליגט די אייביקייט פון אַ פאָלק.

דער וועג צום מענטש

„אַלע וועגן פירן צום מענטש, נאָר
יעדעס פאָלק האָט זײַן וועג".
(י. ל. פּרץ „קונסט און טראַדיציע")

דאָס יידישע וועלטפאָלק און די יידישע מדינה פילן צוזאַמען זייער גע־מיינזאַמען גורל. די איבערלעבונגען פון חורבן און די זאָרג פאַר דער יונגער מדינה האָבן געשטאַרקט די איזאָלאַציאָניסטיש־נאַציאָנאַלע שטימונגען. יידן אין גאָר דער וועלט פילן זיך מער געאייניקט ווי אין פעריאָד פון דער עמאַנ־סיפּאַציע. קיינער וועט שוין נישט אָפּלייקענען די עקסיסטענץ פון דער יידי־שער נאַציע, פון קאָלעקטיוון אָרגאַניזם. אַפילו די טענה וועגן „טאָפּלטער לאָיאַליטעט" פאַלט אָפּ אין די מער פרײַע לענדער.

און דאָך שטייען מיר פאַר אַ נײַעם אידעיִשן שטרײַט. אין דער צײַט, ווען מיר האָבן אויפגעבויט, קאָנסאָלידירט דעם נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם, גענו־מען זיך פילן ווי אַ געאייניקטער קאָלעקטיוו, האָט די אידעע פון קאָלעקטיוו פאַרלוירן אין דער פרײַער דעמאָקראַטישער וועלט איר גלאַנץ און צוציִונגס־קראַפט.

אַ ריי היסטאָרישע סיבות האָבן גורם געווען, אַז בײַ יידן זאָל מער ווי בײַ אַנדערע פעלקער זיך אַנטוויקלען דאָס געפיל פון קאָלעקטיוו. מיר האָבן תמיד געליטן אַלס גרופּע, אַלס אויסנאַם־כּלל. די אינערלעכע סאָציאַלע די־פערענצן האָבן פאַר דרויסן נישט עקסיסטירט. מיר האָבן אַלע מאָל געטראָגן די קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

זינט די אורמענטשן האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ געמיינשאַפט איז דאָס געפיל פון קאָלעקטיוו געווען דער דאָמינירנדיקער כּוח, וואָס האָט באַהערשט דאָס לעבן. אַ דאַנק זייער בשותּפותדיקער האַנדלונג האָבן זיי געקענט באַ־הערשן די נאַטור, פאַרטיידיקן זיך.

אין די שפּעטערע צײַטן האָבן די הערשנדיקע שיכטן און קלאַסן פּראָקלאַ־מירט זייערע אייגענע אינטערעסן אַלס די נויטן און פאָדערונגען פון גאַנצן קאָלעקטיוו: שטאַט, מלוכה, נאַציע אד"גל. סײַ די רעליגיעזע, סײַ די וועלט־

לעבע הערשער, האָבן פאַרלאַנגט פון די מענטשן זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייערע רעכט און זייערע פאַרלאַנגען, אַפילו פון זייער לעבן, לטובת דעם קאָלעקטיוו, דער נאַציע, דער מלוכה, דער רעליגיע, וואָס זיי, פאַרשטייט זיך, רעפּרעזענטירן.

אויך דער סאָציאַליזם, וואָס האַלט זיך פאַר דער נײַסטער פאָרמאַציע אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, פּריידיקט אויך נאָר קאָלעקטיוויזם אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכער טעטיקייט.

די פילאָסאָפיע און דערציִונג זענען אויך געגאַנגען אין דער ריכטונג. קידוש־השם פאַרן גלויבן, מסירת־נפש פאַר דער נאַציע, קרבנות פאַרן סאָציאַלן אידעאַל — זענען געווען די פּאָסטולאַטן פון אַלע פריִערדיקע דורות. מען האָט געלערנט דענקען אין קאַטעגאָריעס פון קאָלעקטיוויזם, געמיינשאַפט־לעכע פליכטן און אחריות. כדי דאָס צו דערגרײַכן דאַרף מען פלעגן בשות־פותדיקע איבערלעבונגען. מען האָט דאָס אַ נאָמען געגעבן נאַציאָנאַלע געפילן אָדער סאָציאַלע קלאַסן־אינטערעסן. וואָס מער געשפּאַנט די נאַציאָנאַלע קעגנ־באַציִונגען און דער קלאַסנשטרײַט זענען געווען — אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן דאָס קאָלעקטיוויסטישע געפיל. דאָס געפיל פון רבים, פון זײַן אַ טײַלעכל פון אַ כלל, האָט קאָנטראָלירט און געלענקט אונדזערע מעשים, אויסגעאַרבעט אַ ספּעציעלן שטייגער פון דענקען און אויפנעמען פּראָבלעמען.

גלײַכצײַטיק מיט אָט דער שטרעבונג צו קאָלעקטיווע האַנדלונגען און דענקען איז אין דער געשיכטע געגאַנגען אַ צווייטער שטראָם, וואָס האָט אַק־צענטירט דאָס יחידישע, דאָס פּערזענלעכע, געשטעלט דעם טראָפּ נישט אויף געזעלשאַפט, נאָר אויף מענטש. דאָס האָט זיך געשטיצט אויף דער הנחה, אַז די מענטשלעכע געזעלשאַפט איז געשאַפן געוואָרן צו דערמעג־לעכן, אַז יעדער איינער, אַפילו דער שוואַכער, זאָל קענען עקסיסטירן. די געזעלשאַפט, דער קאָלעקטיוו איז נאָר אַ שוץ פאַרן יחיד, פאַרן אינדיווידואום.

דעראָבערער, גרופּן אָדער יחידים, האָבן מיט דער הילף פון די קאָ־לעקטיוויסטישע אידעאַלן — אַלץ פאַרן גלויבן, אַלץ פאַר דער מלוכה, אַלץ פאַר דער נאַציע — פאַרפעסטיקט זייער מאַכט. טייל אונטערדריקטע האָבן אויך גענוצט די זעלבע סלאָגאַנען און מיטלען, כדי אַליין צו ווערן דעראָבערער, אונטערדריקער און מאַכטהאָבער.

בלויז אין צײַטן און ערטער, ווו עס זענען נישט געווען קיין נאַציאָנאַלע

סכּנות און נישט קיין פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע קאָנפליקטן, זענען אויפן ערשטן פּלאַן אַרויפגעשווומען די פּראָבלעמען פון יחיד, איז דער עיקר זאָרג געוואָרן די עקסיסטענץ פון יעדן אינדיווידואום, סײַ אין מאַטעריעלן זין, סײַ אין באַפרידיקן זײַנע גײַסטיקע נויטן.

אין דער ייִדישער געשיכטע איז אויפגעקומען דאָס אַקצענטירן דאָס יחידישע אין די צײַטן ווען דער קאַמף פאַר פּאָליטישער עקסיסטענץ איז געווען אויסזיכטלאָז. אַזאַ איז געווען דער פּעריאָד פון די לעצטע נביאים, אַזאַ צײַט איז געווען בײַם סוף פון צווייטן בית־המקדש, ווען עס זענען אַנט־שטאַנען די אסיישע און פרי־קריסטלעכע באַוועגונגען. די פּרושים, די פאָלקס־פאָרשטייער, האָבן געזען, אַז מען מוז אין די שווערע פּאָליטישע באַדינגונגען באַוואָפענען גײַסטיק יעדן יחיד אויפצוהאַלטן די נאַציע. זיי האָבן אָבער געלײַקנט די אינדיווידואַליסטישע שטרעבונגען פאַרן נאַציאָנאַלן ציל, פאַרן קאָלעקטיוו.

די שטרעבונג צו באַאײַנפלוסן דעם וועלטבאַנעם און וועלט־סדר דורך פּערזענלעכער אחריות איז געקומען פון פאַרלאַנג אויפצוהאַלטן די פּראָגרע־סיווע העברעע קולטור, וואָס האָט געהאַט אוניווערסאַליסטישע צילן. פאַר־לירנדיק די מלוכה, דעם אָרגאַן אײַנצופירן דעם געווינטשטן סאָציאַלן און קולטורעלן סדר, האָט דאָס ייִדנטום אַרויפגעלייגט די מאַסע אויף יעדן יחיד. עס איז געווען בלויז אַן אַרויפגלייגן פליכטן, פונאַנדערטיילן זיי אויף די פּלייצעס פון יעדן ייִד. אָבער דאָס איז געווען ווײַט פון די אינדיווידואַליסטיש־פּערזענלעכע, שטאַרק אוטיליטאַרע, עגאָצענטרישע פילאָסאָפיעס.

די ווײַטערדיקע רדיפות און דאָס שטעלן די ייִדן אויסערן געזעץ, אַלע באַגרענעצונגען, האָבן געצווונגען די ייִדן צו בלײַבן אין איזאָלאַציע, צו זײַן אַ קאָלעקטיוו, ווו איינער איז געבונדן מיטן צווייטן, ערוב איינער פאַרן אַנדערן.

בײַ דער גאַנצער עמאַנסיפּאַציע פון די לעצטע יאָרהונדערטער איז די דאָזיקע אײַנשטעלונג געבליבן אין די תּפוצות ביזן הײַנטיקן טאָג.

אין מדינת־ישׂראל זענען די מיינונגען וועגן דעם פּראָבלעם געטיילט. אַ טייל פון דער ישׂראלדיקער געזעלשאַפט איז אין דער מיינונג, אַז דאָס לאַנד לעבט „נאָרמאַל״. זיי זעען נישט, אַז די ספּעציעלע לאַגע פון אַ קליין פאָלק, אַ ייִנגער מדינה אָן אייגענע רעסורסן, אין כּסדרדיקן קאַמף פאַרן קיום,

ווירקט אויף דעם, אַז מיר קענען נישט פירן קיין נאָרמאַל לעבן ווי די גרויסע זעלבסט־אויסקומערישע פעלקער. מיר מוזן — ווילנדיק און נישט־ווילנדיק — האַנדלען און טראַכטן אין קאָלעקטיוויסטישע טערמינען און קאַטעגאָריעס. דעריבער זענען די יחידיש־אינדיווידואַליסטישע אָנשויונגען פון דער ייִנגער ישׂראלדיקער גײַסטיקער עליטע אין סתירה צו די רעאַלע פאַרהעלטענישן נאָך מער ווי צו די ייִדישע טראַדיציעס פון גלות. זיי מיינען, אַז מיטן קעגנשטעלן זיך בלויז די גלות־טראַדיציעס, מיטן אָפּוואַרפן די קולטור־ירושה און מיטן אָננעמען די מענטאַליטעט פון די הײַנטיקע גרויסע ציוויליזאַציעס און זייער אינדיווידואַליזם — גלײַכן זיי זיך אויס מיט דער אַרומיקער וועלט. זיי נעמען נישט אין אַכט די רעאַלע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן און זיי זעען בלויז די אויבנאויפיקע זײַט פון פּראָבלעם.

פאַר וואָס האָט די מערבדיקע סאָציאַלע פילאָסאָפיע געשטעלט דעם טראָפּ אויף דעם יחיד, דעם אינדיווידואום?

עס איז קודם־כל די אַנטוויקלונג אין די הערשנדיקע פריערדיקע קאָלעקטיוויסטיש־אָריענטירטע סאָציאַלע סיסטעמען, וואָס האָבן נישט געבראַכט צו קיין לייזונג וואָס שייך די באַזונדערע נויטן פון יעדן יחיד. מלחמה, אַפילו פאַר די זיגערישע פעלקער, איז פאַרבונדן מיט גרויסע קרבנות און ברענגט נישט קיין נוצן דעם יחיד. דערצו נאָך טראָגט יעדע פאַרענדיקטע מלחמה מיט זיך אַ קערן פון אַ נײַעם קאָנפליקט.

מלוכה איז געווען פון איר אַנטשטייונג אָן — אַ מיטל צו פאַרשקלאַפן די מענטשן, סײַ פיזיש, סײַ גײַסטיק. מלוכה הייסט צוואַנג. די אויטאָריטעטן טענהען, אַז דאָס איז נייטיקער צוואַנג, די קעגנער זאָגן, אַז דער צוואַנג איז אומנייטיק און שטערט דעם מענטשן.

די אַנטוויקלונג פון דער דעמאָקראַטיע, די אַלגעמיינע בילדונג, דאָס שטעלן דעם טראָפּ פון דער פּראָדוקציע אויף אינערלעכער קאָנסומציע, האָט דערהויבן די חשיבות און באַטײַטונג פון יחיד. ווײַל הײַנט דער יחיד, אַז די מלוכה זאָל נישט זײַן אַ ציל, אָן אידעע פאַר זיך, וועמען ער דאַרף דינען, נאָר די מלוכה זאָל זײַן אַן אינסטיטוציע, וואָס דאַרף אים דינען, דערמעגלעכן אים צו קענען לעבן ווי ער פאַרשטייט. ער וויל אויך נישט זײַן קיין טייל פון אַ סטאַדע, ער האָט פײַנט דעם סטאַנדאַרט און ער זוכט דאָס אָריגינעל־יחידישע, וואָס — ווי ער מיינט — נאָר ער פאַרמאָגט עס.

אמת, בײַ דעם קומען אַרויס אומגעלומפּערטע זאַכן, ווײַל צו דעם דאָזיקן פרײַ־אַנאַרכיסטישן אידעאַל זענען נאָך דער רוב מענטשן נישט דערוואַקסן. אָבער דער ווױלשטאַנד פון דער מערב־געזעלשאַפט האָט פאַרמינערט אַ רײ סאָציאַלע צרות ווי אַרבעטלאָזיקייט, מורא פאַר מאַטעריעלער פאַרזאָרגונג אויף שפּעטער, פאַרקלענערט די קאָנקורענץ אויפן אַרבעטסמאַרק און דערמיט געשאַפן אַ מער רויִקערע, סטאַביליזירטע אַטמאָספער אין אינערלעכן מלוכהשן לעבן און דערלויבט אַרויפשווימען אויף דער אויבערפלאַך די פאָדערונגען פון יחיד, זײַנע גאָר ענג־פערזענלעכע פאַרלאַנגען, וואָס אין צײַט פון נאַציאָנאַלער סכנה אָדער סאָציאַלער שפּאַנונג מוזן זיי אָפּגערוקט ווערן אויפן צווייטן פּלאַן.

אין דער לאַגע איז אָבער נישט מדינת־ישראל. די כסדרדיקע מלחמה־געפאַר, די וואַקלענדיקעווירטשאַפט, די גרויסע אויפגאַבן און אחריות פון היילן די ווונדן פון פאָלק — דאָס אַלץ שטעלט גאָר אַנדערע פאָדערונגען. דאָס נאָכמאַכן דעם מערב איז אַ נישט־דערלויבטער לוקסוס.

אין דער לאַגע זענען אויך נישט די תּפוצות. דער ווױלשטאַנד האָט פּעריאָדן פון פאַלן און שטײַגן. די רויִקייט און סטאַביליטעט איז פאַר זיי נישט פאַרזיכערט אויף תּמיד, ווײַל יעדע ירידה וועט זיך אָפּשלאָגן אויף זיי. אגב איז אין דעם „גן־עדן" פאַראַן אָרט פאַר יידן־יחידים, אָבער ווייניק פאַרן יידישן כּלל. אין דעם גאַנצן טומל וועגן פרײַהייט, קולטור־פּלוראַליזם, קאָסמאָפּאָליטיזם איז אויך פאַראַן אַן אָרט פאַר עקסטרעמע ריכטונגען, וואָס ביידע, די לינקע און די רעכטע, זענען אַנטיסעמיטיש געשטימט. ווי אַ כּלל, אַ נאַציע, דראָט דעם יידישן פאָלק פאַרלירן צו ווערן צווישן די גרויסע פעלקער פון די ציוויליזאַציעס. קען זײַן, אַז אַזאַ אינטעגראַציע איז פאַר געווויסע אינטעליגענטן און אַפילו שיכטן לחלוטין גלײַכגילטיק.

דאָס איז אָבער נישט אָננעמבאַר פאַר די אַלע, וועלכע ווילן פירן אַ גאַנץ און אָפן, נישט־צעשפּאָלטן לעבן. ווי גרויס אַ פּערזענלעכקייט זאָל נישט זײַן מוז זי זיך שטיצן אויף דעם אַלעם, וואָס איז געווען פריִער, און דער ציל איז איבערלאָזן עפּעס פאַר דער צוקונפט. המשכדיקייט איז דער יסוד פון דער געזעלשאַפטלעכער עוואָלוציע.

אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט זענען תּמיד פאַראַן גלײַכגילטיקע צום גורל, פאַר וועמען עס גילטן און עקסיסטירן נאָר די פאַראַנענע תּנאים

פון זײַן און זיי קלערן נישט וועגן פּראָבלעמען פון צוקונפט און המשך, פון נאַציע אָדער אידעע. עס זענען אָבער פאַראַן אַזעלכע, וועלכע קלערן תּמיד וועגן די א״ג „אייביקע״ פּראָבלעמען. זיי זענען נישט אינדיפערענט צום גורל פון זייער לעבן, פון זייער פאָלק. זיי באַמיִען זיך אָפּצושאַצן די פאַרגאַנגענ־הייט, כּדי אין דער קעגנוואַרט שאַפן פאַר דער צוקונפט.

די ערשטע לעבט זיך לײַכטער, רויקער. די אַנדערע זענען אומרויִק, תּמיד פאַרזאָרגט, און אַזוי ווי בײַם באַטראַכטן די וועלט — די פאַרגאַנגענע, ווי די הײַנטיקע — קומט מען נישט תּמיד צו זייער אָפּטימיסטישע אויספירן, זענען זיי פול מיט זאָרג און וויטיק, מיט אומרו פאַרן מאָרגן.

אָט דער אומרו איז די טרײַבקראַפט פון דער גאַנצער קולטור און גע־שיכטע. אָן די אומרויִקע וואָלט קיין היסטאָרישע עוואָלוציע נישט געווען. ווען מיר באַטראַכטן די געשיכטע זוכן מיר שטענדיק דעם אומרו, וואָס האָט געטריבן צו גיין פאָרויס.

די יִדן, וועלכע האָבן אַלע מאָל געזוכט מנוחה אין זייער וואָגלדיק לעבן, האָבן אָבער אין תּוך געטראָגן אין זיך אָט דעם שאַפערישן אומרו, פאַר וועלכן די אָפּגעשטאַנענע כּוחות האָבן געציטערט און די פּראָגרעסיווע האָבן געלויבט. דער דאָזיקער אומרו, מיט וועלכן דאָס יִדישע פאָלק האָט זיך געטראָגן איבער דער וועלט, האָט בײַ אונדזערע שונאים אַרויסגערופן אַ שטראָם פון שנאה, וואָס האָט אָפט אין טײַכן בלוט געוואָלט דערשטיקן אָט דעם אומרו, וואָס האָט געשטערט זייער רויִקע עקסיסטענץ.

אין דעם קאָנטעקסט האָבן מיר זיך באַמיט צו דערקלערן אייניקע וויכ־טיקע על פּרשת הדרכים־מאָמענטן פון אונדזער געשיכטע און פון דעם לער־נען די פּראָבלעמען פון „אייביקייט״ פון יִדישן פאָלק, וועגן געמיינזאַמען גורל פון אַלע יִדן, די ספּעציפיק פון יִדישן וועלטבאַנעם און זײַן גוטע אָדער שלעכטע אויסווירקונג אויפן גאַנג פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

מיר האָבן כּסדר אונטערגעשטראָכן אַלע סאָציאַל־פּראָגרעסיווע און מאָ־ראַל־עטישע עלעמענטן, וואָס האָבן, לויט אונדזער מיינונג, באַשטימט דעם יִדישן גורל צווישן די פעלקער און באַשאַנקן אונדז מיטן געפיל פון אייגע־נעם גערעכטזײַן, וואָס האָט געהאָלפן דורכהאַלטן אַלע שווערע צײַטן. ט. הערצל שרײַבט אַזוי: „... מיר האָבן באַזעסן אָט די קראַפט. פון וואַנען האָט זי זיך בײַ אונדז גענומען? פון דער גערעכטיקייט אין וועלכער מיר

זענען שטענדיק געווען און וועלכע האָט געדריקט אויף אונדז פון אַלע זייַטן, פון אונדזערע צרות, נויט און רדיפות". („אַלטנייַלאַנד", ז. 141).

מיר האָבן באַרירט דאָס פּראָבלעם פון פאַרשווינדן צווישן די פעלקער, פון פּרייַוויליקער און געצוווּנגענער אַסימילאַציע, פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַליזם, איזאָלאַציאָניזם און פון די קאָסמאָפּאָליטישע אידעען, און דערבייַ אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, וואָס אַ פאָלק, וואָס האָט געפּריידיקט אוניווערסאַליזם, געהאָלפן גרינדן אוניווערסאַליסטישע, קאָסמאָפּאָליטישע רעליגיעס און באַוועגונגען — איז דאָך געבליבן אַליין שטרענג נאַציאָנאַל.

צי האָט די דאָזיקע סתירה נישט אַ מאָל פאַרקריפּלט אונדזער געדאַנקענגאַנג, אונדזער פּראָגרעסיוון וועלטבאַנעם? צי האָט אויך די קאָלעקטיווע אחריות, וואָס האָט באַגלייט אונדזער געשיכטע, נישט פאַרניכטעט דאָס אינדיווידועל־פּערזענלעכע, וואָס איז הייַנט דאָס „אויבערשטע פון שטייסל"?

נישט ווייניקער אַנטילאָגיש איז אונדזער ספּעציפיק זיך אָם לייַכטסטן צו אַסימילירן און אָם שווערסטן צו אינטעגרירן. און דערצו ווייסט מען קיין מאָל נישט צי עס איז לטובת אָדער לרעה דעם פאָלק.

און וואָס הייסט אַסימילאַציע? ווי ווייַט מעג מען איבערנעמען בייַ אַנדערע? עס קומט דאָך פאָר אין דער וועלט אַ „גיב און נעם" בייַ קולטור־ענינים. דעריבער שווימט אויף די פראַגע וויפל דאַרף מען און וויפל קען מען איבערנעמען, נישט פאַרלירנדיק דערבייַ דאָס אייגענע פּנים?

פאַראַן אויך אַנדערע שווערע שאלות וואָס שייך דעם הייַנטיקן צושטאַנד און די פּערספּעקטיוון אויף מאָרגן. צי קען מדינת־ישראל אויפנעמען אַלע ייִדן, און צי וועלן אַלע ייִדן קומען אַפילו אין אַ גרויס ישראל? צי וועט די מדינה קענען בייַשטיין אַלע נסיונות, אויב דאָס וועלט־ייִדנטום וועט זייַן אַסימילירט? און ווי אַזוי קען דאָס ישראל ווירקן קעגן דער אַסימילאַציע ווען זי אַליין איז אונטערן איינפלוס פון די זעלבע כּוחות, וואָס פירן צו אינטעגראַציע אין די תּפוצות?

די אַלע פראַגן זענען נישט פאַרענטפערט געוואָרן צופרידנשטעלנדיק נישט אין דער געשיכטע, נישט אין דער קולטור און נישט אין לעבן. יעדע פעסטשטעלונג פון אַ קאָנקרעטן פאַקט ברענגט מיט זיך פונדאַמענטאַלע שאלות און ספקות. אין לעבן זענען פאַראַן אַזוי פיל קאָנסטאַטירונגען, פּאָסטולאַטן, קאָנקלוזיעס, קריטעריען און קאָנטראַדיקציעס, אַז מען קען אַזוי

מערן די שאלות, וואָס קיין אַבסאָלוטער ענטפער אויף זיי איז נישטאָ, אַפילו נישט קיין פּאַליאַטיוון. אָנגעמענדיק איין טעזע קומען מיר אין קאָנפליקט מיט אַנדערע, אַנטשטייען סתירות.

דערצו נאָך זענען זיי אַנטינאָמיעס, ד״ה סתירות צווישן צוויי געזעצן, וואָס יעדע פון זיי איז פאַר זיך געגומען דורכויס קלאָר און שטיצט זיך אויף אַן איבערצייגנדיקן באַווייז. אַזעלכע אַנטינאָמיעס ברענגען צו אַ סינטעזע — אַ דריט געזעץ, וואָס דאַרף אַרומנעמען ביידע סתירהדיקע געזעצן. (די אַנטי־נאָמיע איז די מוטער פון דער דיאַלעקטיק).

אין דער געשיכטע אָבער טרעפן זיך אַזעלכע אַנטינאָמיעס צווישן די באַקומענע סינטעזעס. נישט אומזיסט באַצייכנט ע. קאַנט די אַנטינאָמיע אַזוי: „סתירות אין וועלכע די פאַרנונפט וועט זיך פאַרוויקלען אַזוי באַלד ווי זי וויל תופס זײַן דאָס אַבסאָלוטע״ אָדער אַנדערש „אינעווייניקסטע סתירות״.

די אַלע פּראָבלעמען און פראַגן זענען נישט קיין וויסנשאַפט, באַזונדערס אין דער הײַנטיקער צײַט, ווען אַפילו די א״ג עקזאַקטע וויסנשאַפטן זענען נאָר היפּאָטעזן, בעת אַמאָל זענען זיי געווען אײַזערנע געזעצן. הײַנט איז אַלץ היפּאָטעטיש געשטיצט אויף אָנגענומענע אַקסיאָמען, וואָס איר קענט לײַכט זיי טוישן. יעדע מיינונג פאַר אָדער קעגן איז דעריבער סוביעקטיוו, ווי יעדער געדאַנק, וואָס אַ מענטש טראַכט און ער מיינט, אַז עס איז אָביעקטיוו.

די טאָלעראַנץ און פרײַהייט פון געדאַנק איז דער צוגאַנג, אַז יעדער אָביעקטיווער אָדער סוביעקטיווער שטאַנדפּונקט האָט אין זיך אַ קערנדל אמת און דאַרף זײַן אין אַ געוויסער מאָס פאַרשטענדלעך, צוגענגלעך און דערפאַר אָנגעמבאַר.

צי הייסט דאָס אָבער, אַז מיר דאַרפן רעזיגנירן צו מאַכן וועלכע נישט איז אויספירן? צי קענען מיר שטיין אין אַ זײַט און אַזוי רויִק פילאָסאָפיש מן הצד באַטראַכטן אַלץ, וואָס עס קומט פאָר?

ניין! מיר זענען נישט קיין גלײַכגילטיקע. די רעאַליטעט דערלויבט נישט צו בלײַבן מן הצד פון די געשעענישן און פאַסירונגען פון אונדזער וועלט. די וועלט שטייט הײַנט פאַר אַ דילעמע: אָדער אײַנאָרדענען זי אַזוי, אַז אַלע זאָלן קענען לעבן בשלום, אָדער זי וועט אונטערגיין בכלל. מיטלען זי אומ־צוברענגען זענען פאַראַן גענוג. די מיטלען און אויסוועגן צו בלײַבן לעבן אין שלום און קעגנזײַטיקער פאַרשטענדיקונג זענען אויך דאָ, נאָר זיי זענען

דערווײַל נישט אָנגענומען. זיי בלײַבן אָבער דער אייניציקער אויסוועג.

געוויס וועלן זיך געפינען פּעסימיסטן, וועלכע זעען, אַז די מענטשהייט וויל נישט גיין אויפן דרך־הישר. אָבער מען דאַרף האָפן, אַז ווען די סכּנה וועט זײַן גרויס, וועט מען דערזען, אַז קיין אַנדערע ברירה איז נישט פאַראַן.

בײַ אַ באַראָמעטער איז וויכטיקער וויכטיק דער צושטאַנד פון וועטער, וואָס איר זעט אין געגעבענעם מאָמענט, נאָר וויכטיק איז די טענדענץ, די ריכטונג וווהין דער ווײַזער גייט, — צי פון זון צו רעגן, אָדער פון רעגן צו זון.

ווען מיר פאָרשן די וועלט־געשיכטע זעען מיר אַ גרויסן שריט פאָרויס. עס איז פאַראַן אַ גרעסערע טאָלעראַנץ, מער געפיל פאַר קאָעקסיסטענץ פון פאַרשידענע גלויבנס, אײַנשטעלונגען און אידעאַלן. אויך די ייִדן האָבן געגאַסן פון דעם פּראָצעס, וועלכן זיי האָבן טאַקע געהאָלפן אַנטוויקלען זיך. די זון האָט נאָך נישט אויפגעשײַנט, אָבער דער ווײַזער רוקט זיך שוין אַ ביסל פון שטורעם צו גוט וועטער.

דערפאַר האָפן מיר, נישט קוקנדיק אויף די גרויסע סכּנות, וואָס לויערן אויף אונדז. מיר ווייסן פון אונדזער געשיכטע, אַז בעת גרויסע געפאַרן האָבן זיך בײַ אונדז דערוועקט אַזעלכע שטאַרקע פאָלקס־כּוחות, וואָס סטײַען נישט בלויז קעגנצושטעלן זיך די סכּנות, נאָר עס וועט אויך קלעקן פאַר אַ נײַעם אויפבלי פון שעפערישקייט.

דאָס זעלבע דאַרף מען האָפן, אַז עס קען פאָרקומען אין דער וועלט.

די „אייביקייט“ פון ייִדישן פאָלק — דאָס הויפּטפּראָבלעם פון אונדזערע באַטראַכטונגען, די הויפּטפראַגע, וועמען אַלע אונדזערע פּראָבלעמען זענען אונטערגעוואָרפן — אָט די „אייביקייט“ האָט געהאַט אירע היסטאָרישע סיבות. געווירקט האָבן דערצו די העכערקייט און פּראָגרעסיווקייט פון אונדזער וועלטבאַנעם צוגלײַך מיט דער אומזיניקער שנאה צו אונדזער גאַנג אין לעבן.

דאָס לעצטע האָט נישט אויפגעהערט צו עקסיסטירן. די וועלט איז אַמאָל קליין געווען און מיר האָבן קענגן זיך געהאַט אַ באַשטימטן קרײַז. הײַנט איז די וועלט גרויס, אָבער ענג, אַלע פעלקער זענען אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין שטרײַט. מיר האָבן טאַקע מער אויפגעקלערטע, דעמאָקראַטיש־ פּראָגרע־

סיווע מענטשן, אָבער אויך די צאָל שונאים האָט זיך פאַרגרעסערט און פאַר־שטאַרקט.

מיר ווילן קענען קאָנטינויִרן אונדזער נאַציאָנאַלן המשך אויב מיר ווילן גיין אין טראַדיציאָנעלן וועג: בלײַבן אַ פּראָגרעסיווע געזעלשאַפט מיט אַ העכערן וועלטבאַנעם. דאָס איז אָפּהענגיק נאָר און אויסשליסלעך פון אונדז אַליין. דאָס איז דער אינהאַלט פון דעם קולטור־געראַנגל אין ישׂראל און אין די תּפוצות. פון אָט דעם קולטור־געראַנגל איז אָפּהענגיק דער נאַציאָנאַלער קיום פון פאָלק, ווײַל דער צווייטער נעגאַטיווער גורם קאָן זיך אויס־ווירקן פאַטאַל, אויב ער האָט נישט קיין גײַסטיק באַוואָפנטן ווידערשטאַנד.

אונדזער אויפגעצוווּנגענע איזאָלאַציע, די שווערע צײַטן פון חורבן און בעת די געפאַרן פון די מלחמות טאָרן נישט פאַרשטעלן פאַר אונדז די אי־דעאַלן פון אוניווערסאַליזם, פון זײַן אַן אור־לגויים, וואָס נאָך די נביאים האָבן געפּריידיקט. מיר האָבן געזען אויף די בײַשפּילן פון דער געשיכטע, אַז מיר האָבן צוליב די רדיפות קיין מאָל זיך נישט אָפּגעזאָגט פון אונדזערע פּרינ־ציפּן. דאָס לערנט די טראַדיציע. דאָס לערנט אויך אַ געהעריקע אָפּשאַצונג פון דער אַקטועלער רעאַלער סיטואַציע פון אַ קליין פאָלק, אָנגעוויזן דערויף, אַז די וועלט דאַרף זײַן בעסער ווי זי איז, כּדי מיר זאָלן קענען אויף איר עקסיסטירן. אַ פאָרשריט פון דער וועלט איז אַ גאַראַנטיע פאַר אונדזער נאַ־ציאָנאַלן קיום.

מיר האָבן אויך געזען ווי אַ ריי געשיכטלעכע געשעענישן האָבן אונדז געצוווּנגען צו בלײַבן אַ קאָלעקטיוו, טראָגן אַ קאָלעקטיווע אחריות, אַפילו אין לענדער, וווּ די אַלגעמיינע עמאַנסיפּאַציע איז געגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז יעדער טראָגט אַליין די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זײַנע מעשׂים יורידיש.

יורידיש אָבער נישט געזעלשאַפטלעך.

און ווידער זענען מיר אַן אויסנאַם אין דער וועלט. די הײַנטיקע וועלט האָט אויפגעהערט דענקען מיט טערמינען פון קאָלעקטיוו. די הײַנטיקע מערבדיקע סאָציאַלע פילאָסאָפיע פּריידיקט, אַז דער פּערזענלעכער ווויל־שטאַנד פירט צום אַלגעמיינעם וווילזײַן; די מלוכה עקסיסטירט פאַרן בירגער און נישט דער בירגער פאַר דער מלוכה. וואָס עס איז נישט גוט פאַרן יחיד, טויג אויך נישט פאַרן כּלל.

אָבער מיר זענען געצוווּנגען — ווער ווייסט אויף ווי לאַנג — צו טראָגן דעם שווערן עול פון דער געמיינזאַמער אחריות. אַט די „יידישע פילבאַר־קייט", אַט דער בשותּפותדיקער גורל איז אומפאַרשטענדלעך פאַר דער וועלט.

יחידים קענען אפשר אַנטלויפן פון דאָזיקן געפיל און פון דאָזיקן גורל. איך זאָג אפשר, ווייל די וועלט איז נאָך ווייט נישט אַזוי פּערפעקט, אַז זי זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ וויכטיק מאַכטמיטל ווי עס איז יידנהאַס אָדער פעל־קערהאַס צו הערשן איבער די מוחות און איבער די מאַטעריעלע ווערטן.

אַ כּלל קען אָבער נישט אַנטלויפן. אַ יחיד ראַטעוועט זיך אַ מאָל אַנט־לויפנדיק, אַן אַרמיי קומט אום אַנטלויפנדיק.

✡

נישט ווילנדיק שטייען מיר ווידער פאַר אַ קאָנפליקט מיט דער וועלט און מיט איר נייער אינדיווידואַליסטישער פילאָסאָפיע. אונדזער קאָנפליקט איז אַ טראַגישער, ווייל „דער קולט פון יחיד" האָט געבראַכט צום „קולט פון דער פּערזענלעכקייט" און צום „קולט פון די שטאַרקע". סיי די דיקטאַ־טאָרן, סיי די „אויבערמענטשן" — אין ניטשע־היטלערס אָדער אין סטאַלינס אינטערפּרעטאַציע — האָבן אונדז קיין גליק נישט געבראַכט.

מיר האָבן נישט געהאַט קיין קולט פון אויבערמענטש אין אונדזער גע־שיכטע, נאָר אַ זאָרג פאַרן מענטש, די אויפמערקזאַמקייט פון כּלל פאַרן יחיד און דערמיט איז געקומען אויך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון יחיד פאַרן כּלל.

דעם וועג צום מענטש האָבן אונדז אָנגעוויזן די נביאים, ווען זיי האָבן דערזען די אָנקומענדיקע געפאַרן פאַרן יידישן פאָלק. נישט קענענדיק פאַרווירקלעכן און אינסטרוירן די פּראָגרעסיווע אידעען אין מלוכהשע פּאָלי־טישע פאָרמען, האָבן זיי די סאָציאַלע עטיק איינגעפלאַנצט ביי יעדן יחיד באַזונדער פריידיקנדיק, אַז יעדער מענטש מוז טראָגן די מאָראַלישע אחריות פאַר זיינע מעשים. דער ווייטערדיקער גאַנג האָט געפירט צו דעם, אַז דאָס פאַרטיפערן און פאַרגרעסערן די אחריות פון יחיד איז געוואָרן אַ גאַראַנטיע פאַר דער עקסיסטענץ פון כּלל.

די פאַרבינדונג צווישן דער גרויסער פּערזענלעכקייט מיט די צילן און

נויטן פון כלל האָט געבראַכט צום כאַראַקטער־שטריך פון אונדזערע גרויסע מענער — עניוות. דאָס איז געווען אַן אונטעראָרדנען זיך די נויטן פון דער געזעלשאַפט, האָט אָבער נישט פאַרמינערט דעם יחידישן, פערזענלעכן אויטאָריטעט. ביי יידן זענען נישט געווען קיין אויבערמענטשן, דעראָבערער — נאָר דער צויבער איז געווען די טאַט, דאָס וואָרט. משה רבנוס קבר איז אומבאַקאַנט. אויף דעם קבר פון רמבם שטייט נישט קיין אויפגעבויטעו׳ פאַנטעאָן, נאָר אַ באַשיידענע מצבה, ווייל דער עיקר זענען געווען זייערע מעשים, זייערע לערעס. אויב אין דער יידישער געשיכטע זענען געווען מענער גרויסע דעראָבערער, מלחמה־פירער און מלוכה־מענער, וועלכע האָבן פיל בייגעטראָגן צו געשטאַלטיקן די נאַציע — האָט זיי דאָס פאָלק צוגעגעבן גייסטיקע מעלות, ווייל נאָר זיי קענען מאַכן גרויס און אייביק אַ פערזענלעכקייט. ווער ווייסט דאָס ווו עס זענען די קברים פון די נביאים? דאָס פאַרהערלעכן אַ בשר ודם איז דאָך געווען געצנדינסט.

די אַנטינאָמיע פון דעם קאָלעקטיוון און אינדיווידועלן האָט ביי אונדז געשאַפן אַ וווּנדערבאַרע סינטעזע, וואָס האָט באַקומען איר אויסדרוק אין די גייסטע צייטן אין אונדזער רענעסאַנס, צו ערשט אין גייסטיקן און אַלס רעזולטאַט דערפון אויך אין דעם פּאָליטישן און מאַטעריעלן.

דער וועג צום מענטש פירט נישט אים אָפּצורייסן פון זיין אָרט און אַוועקפירן ערגעץ אויף אַ הויכן באַרגשפּיץ פון וואַנען ער זאָל אַראָפּקוקן מיט ביטול אויף דער וועלט, נאָר דער וועג צום מענטש פירט צו זיין האַרץ, צו זיין שכל־הישר און דער עיקר צו זיינע מאָראַליש־עטישע געפילן. נישט קיין פונצענטרישע באַוועגונג נאָך אַ צומצענטרישע דאַרף זיין דער וועג.

מיט פשוטע ווערטער: זאָרגן פאַרן מענטש, פאַרן יחיד, אין די ראַמען פון כלל, נאָך מער — אין האַרמאָניע מיטן קאָלעקטיוו — איז געווען און דאַרף בלייבן דער פּאָסטולאַט. און דאַמאָלס וועט דער קאָנפליקט צווישן כלל און יחיד, נאַציע און מענטש, קענען ווערן געלייזט.

ווייל ווי אינדיווידואַליסטיש דער יחיד זאָל נישט זיין, אַפילו דער העכסט אַנטוויקלטער טיפּ — קען ער נישט עקסיסטירן אָן כלל אין אַ וועלט, ווו די פּראָצעסן פון פּראָדוקציע, שעפערישקייט און אַפילו גייסטיקייט זענען שטאַרק דיפערענצירט און ספּעציאַליזירט.

דאָס וועט אויך באַזײַטיקן דעם נײַעם קאָנפליקט צווישן דער אינדי־ווידואַליסטישער וועלט־ציוויליזאַציע און דער נאַציאָנאַלער קולטור, וואָס אין איר תּוך ליגט קאָלעקטיוויזם. מיר וועלן קענען ווערן אַ גלײַכער און פול־באַרעכטיקטער גליד אין דער פעלקער־משפּחה, און זײַן אַ ייִד זאָל נישט זײַן אין קאָנטראַדיקציע מיט זײַן אַ מענטש, ווי עס איז צום באַדויערן געווען אין די צײַטן פון עמאַנסיפּאַציע.

☆

וואָס ווייניקער קאָנפליקטן אין דער וועלט פון קעגנזעצלעכע אינטערעסן און קאָנטראַדיקציעס, אַלץ ווייניקער שנאה, אַלץ מער אָרט פאַר שלום צווישן פעלקער און פאַרשטענדיקונג צווישן מענטשן.

מיר מוזן געדענקען, אַז שלום און פאַרשטענדיקונג צווישן מענטשן איז גלײַכצײַטיק די גאַראַנטיע פאַר אונדזער עקסיסטענץ. עס איז ווייניק דאָס אָרט אויף דער וועלט, נאָר די וועלט מוז זײַן אַנדערש נישט צו פאַרגיסן מיט שנאה און רציחה דאָס דאָזיקע אָרט.

אַ סך וועגן פירן צום מענטש, נאָר אונדזער וועג, דער דרך פון ייִדישן פאָלק, איז דער נאָענטסטער וועג וואָס פירט צום מענטש.

אינהאַלט

דער וועג פון אַ פאָלק 7

די פונדאַמענטן פון דער נאַציע

א. די אָפּשטאַמונג פון יודישן פאָלק 13

ב. די באַטײַטונג פון יציאת־מצרים און מתּן־תּורה . 20

ג. די אַנטשטייונג פון דער מלוכה 27

ד. די שפּאַלטונג צעברעכט נישט די נאַציע . . 36

די יסודות פון נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין

א. די באַטײַטונג פון די נביאים 40

ב. די רעדאַקציע פון תּנך 65

די באַגעגעניש פון צוויי קעגנזעצלעכע וועלטן

א. די צוזאַמענטרעף און די דיפערענצן צווישן די
וועלטבאַנעמען פון יודאַיזם און העלעניזם . . 78

ב. אין אַ פרעמדן גוף 100

דער אינערלעכער געראַנגל אין יהודה

א. די קלאַסנקאַמפן און זייער אידעיִשע אויסווירקונג 111

ב. צי איז קריסטנטום אַ יידישע רעליגיע? . . 126

דאָס פאַרפעסטיקן דעם בנין

א. די נייע געפאַרן 144

ב. דער איסלאַם, דער ראַציאָנאַליזם און זייער ווירקונג 163

ג. די גאָלדענע תּקופה 179

ד. אין די קייטן פון מיטל־עלטער 204

העלדן קעגן זייער ווילן 227

אין טיפן שלאָף

א. ווען די רעאַליטעט איז צו מוראדיק
איז די אילוזיע די אַנטרינונג 248

ב. די פאַלשע משיחים 268

ג. חסידות 289

דאָס מאָדערנע יידנטום

א. די „תּקופה פון רייַנעם שכל" און די
אַנטוויקלונג פון נאַציאָנאַלע מלוכות 308

ב. די השׂכּלה פון משה מענדעלסאָן און די עמאַנסיפּאַציע 314

ג. די רוסישע השׂכּלה 330

ד. די דערוואַכונג פון נאַציאָנאַליזם 348

ה. נייע קאָנצעפּציעס פון נאַציאָנאַלן קיום . . . 363

ו. חורבן און ווידעראויפלעבונג 384

דער וועג צום מענטש 391

פון זעלבן מחבר

„וועלט און ייד",
עסייען און אָפּשאַצונגען

פאַרלאַג י. ל. פּרץ 1976
(אויספאַרקויפט)